This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

היימלאנד

2

1974

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

פעברואַר

1974

אינהאַלט

זײַט

לעבעדיקע גרוסן. **כ א ַ ב ב ײ ד ע ר. לענינגראַדער מאָטיוון** 3

א ו ר ר אָ ם ק א ה א ן. שאָלעם־אַלייכעם (ראָמאַן. פּאָרזעצונג). צײכענונגען פון ה. אינגער 15

ה י ר ש ב ל אָ ש ט ײ ן. געלײַטערט (לידער) 88

י א נ ק ע ו ר י וו ע ס. א שטיין איז געפאַלן (אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג) 91

ב ע ר ה א ל פּ ע ר ן. דרײַ דערציילונגען. צײכענונגען פון ע. מאַסטבאַום 96

ר י וו ע ב א ל י א ס נ ע. איך טרינק פון הימל־טיף (לידער) 108

אף די שפּורן פון געשעענעם. **י ע פ י ם ק אָ ל ט ע נ י ו ק. מילכאָמע־העלדן; ע מ א נ ו ַ ל י ו ד אָ ל אָ וו י ט ש. אומשטערבלעכקײַט; י. מ ו ק י מ אָ וו. גוטסקײַט פאַרגעסט מען ניט; וו. ט ש י ק ו נ אָ וו. די קורצע געשיכטע פון א ספּאָרטסמען; ל. ש א מ י ס. זײַן באַרוף** 111

ש י ק ע ד ר י ז. פון דער ליטעראַרישער ירושע (לידער) 124

מ א ק ס פ אָ ל י א נ אָ וו ס ק י. באַגעגענישן מיט אינטערעסאַנטע מענטשן 128

זיכרוינעס. **א ו ר א ן ג ו ר א ל נ י ק. נעכטן, הײַנט, מאָרגן** (פאָרזעצונג) 137

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

ה ע ר ש ר ע מ ע נ י ק. פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור. די אַנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן. ראָמאַנטיזם 146

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן. י ע כ י ע ל ש ר ײַ ב מ א ן. **דעם מעכאַבערס א פּאָר ווערטער אַרום א פּאָלעמיק וועגן זײַן ווערק** 155

ליטעראַרישער טאָגבוך. **א ס י ע ל אָ מ ו נ אָ וו א. הונדערט יאָר „אַנאַ קאַרענינאַ"** 158

א. ש פּ י ל ב ע ר ג. שטריכן צו דער ביאָגראַפיע פון א קינסטלער 161

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע 164

אונדזערע מיטיילונגען. **א ר ן י ע ר ו ס א ל י מ ס ק י. די „מײַרעווקע" — אונדזער „קליינינקער אינטערנאַציאָנאַל"...; י ִ ס ר אָ ע ל ק אָ וו ע ל מ א ן. דער אַקאַדעמיקער פון מאָלערײַ־קונסט מוישע מײַמאָן** 168

אונדזער רעפּליק. **א ר ן וו ע ר ג ע ל י ס. באַמערקונגען צו „ראַנדבאַמערקונגען"** 177

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד". **י ע כ י ע ל ט ש י ט ש ע ל נ י צ ק י. אײַערע בריוו, לייענער, אײַער זאָרג וועגן דעם זשורנאַל...** 180

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען. **צו שפּעט געכאַפּט זיך** 183

כראָניק 110, 145, 163, 182

פאַרשיידנס 184

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו. **וויניק באַוווּסטע פאָטאָגראַפיעס פונעם דיכטער שיקע דריז** 186

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 188

ע ל י ע פ א ל ק אָ וו י ט ש. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 190

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (**שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר**), נאָטע לוריע, מ. לעוו, כ. מאַלטינסקי, ב. מילער, כ. מעלאַמוד, ה. פּאָליאַנקער, ס. פּרײַ.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. שוסטער

כאַים ביידער

לעׂנינגראַדער מאָטיוון

„פון הײַנט און אַף אייביק"

אַלע מאָל, ווען איך קום אין אָט דער שטאָט, אפילע ווען איך בין נאָך אין וועג, איידער איך שטעל אַ פוס אַף דער לעׂנינגראַדער ערד, נאָך מער — ווען לעׂנינגראַד קומט מיר בלויז אַפּן געדאַנק, — דערמאָן איך זיך אַ פּראָסטיקן יאַנוואַר־טאָג מיט צענדליקער יאָרן צוריק, אַ קליינינקן שול־צימער מיט פאַרקאָוועטע אײַזשויבן און די שטים פון מײַן לערער, וועלכער לייענט פאָר אַף אויסווייניק איציק פעפערס ליד:

מאָסקווע, קרעמל,
אַ ראַדיאָ צו אַלע...
אַ שוואַרצע ראַדיאָ אין ווינטערדיקן סטעפּ,
אין אומעטיקע שטעט, אין גרויע דערפער
פאַלן
שוואַרצע ווערטער, גרויזאַמע אַף הוילע
קעפּ...

מאָסקווע און קרעמל זײַנען שוין געווען דעמלט באַגריפן, וועלכע איך האָב געוווּסט. וואָס אַזוינס איז ראַדיאָ, האָט קיינער פון אונדז, שילער פון די ערשטע קלאַסן, זיך ניט פאָרגעשטעלט — קיין ראַדיאָ איז נאָך אין שטעטל ניט געווען. אין מײַן לערערס אַרט לייענען האָט זיך געפילט אַזאַ אומעט און וויי, אַז אַלע מיר זײַנען געבליבן פאַרציטערט. דער לערער האָט אַרויסגענומען פון זײַנע פּאַפּירן אַ פאָטאָ, געגאַנגען דורך די רייען פּאַרטעס, און יעדערער פון אונדז האָט געזען דאָס בילד: מענגעס מענטשן שטייען אַף אַ ׳גרויסשטאָטישן פּלאַץ, און אַף זייערע אַנטבלויזטע קעפּ שיט און שיט אַ שניי.

— „מאַרסאָווּאָ פּאָליע", — האָט דער לערער צוערשט געזאָגט אַף רוסיש, דערנאָך איבערגעזעצט אין ייִדיש: — דאָס מאַרסאָווע פעלד. אַ פּלאַץ אין דער שטאָט, וועלכע האָט ביז לעׂנינס טויט געהייסן פּעטראָגראַד. אין יאַנוואַר פון פיר־און־צוואַנציקסטן האָט די שטאָט פון דער רעוואָליוציע זיך געזעגנט אַף אָט דעם פּלאַץ מיט לעׂנינען...

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך בין צום ערשטן מאָל געקומען אַפן מאַרסאָווע פעלד, האָבן נאָכאַמאָל אויפגעלעבט אין מײַן זיקאָרן דעם לערערס ווערטער. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד פון יענע יאַנוואַר־טעג פון 1924. עס ברענען שײַטערס. דרײַ און פופציק שײַטערס. פּונקט אַזויפיל, וויפל יאָר עס האָט געלעבט לעׂנין. און דער פראָסט ברענט. איבערן פאַרשנייטן פּלאַץ שפּאַנען אין אומעטיקן שטילשווײַגן טויזנטער און טויזנטער מענטשן מיט רויטע פאָנען, באַזוימטע אין שוואַרצן קרעפּ.

פּונקט פיר אַזייגער באַטאָג, ווען אין מאָסקווע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין מאַוזאָליי דער אָרן מיטן קערפּער פון וו. אי. לעׂנין, האָבן זיך דאָ די קלאַנגען פונעם טרויער־מאַרש צונויפגעגאָסן מיט דעם האַרמאַטן־זאַלפּ פון דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, מיט די אַליאַרם־הודאָקן פון די פּעטראָגראַדער זאַוואָדן. זיבן הונדערט פופציק טויזנט מענטשן זײַנען דורכגעגאַנגען מיט אַנטבלויזטע קעפּ איבער דעם מאַרסאָווע פעלד. פון די ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָרס האָבן זיך געטראָגן די ווערטער, וועלכע זײַנען איצט אויסגעקריצט מיט גאָלדענע אויסיעס אַף איינער פון די ווענט אינעם גרויסן זאַל פונעם שטאָטישן אײַזנבאַן־וואָקזאַל, וועלכער רופט זיך מאָסקווער וואָקזאַל:

„...זאָל זשע פון הײַנט אָן אָט דער גרעסטער



דער לענין־דענקמאָל באַם פינלענדישן וואָקזאַל

צענטער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אַף אײביק זײַן פאַרבונדן מיטן נאָמען פונעם גרויסן פירער פונעם פּראָלעטאַריאַט...״

א האַלבער יאָרהונדערט איז פון דעמלט פאַריבער. און דאָס ערשטע, וואָס עס פילט יעדער, ווען ער קומט אין אָט דער שטאָט, איז דער אומגעהײַערער ייִראַס־האַקאָוועד צום מענטשן, וועמענס נאָמען זי טראָגט.

צוויי הונדערט דרײַסיק מעמאָריאַל־טאָוולען באַצײכענען אין לענינגראַד די ערטער, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט איליטשס לעבן און מיט זײַן טעטיקײַט. צוויי הונדערט דרײַסיק — אָפּיציעל. אינדערעמעסן אָבער קאָן מען אַזעלכע ערטער אָנציילן אין פיל מאָל מער, ווײַל דאָ איז ווירקלעך ניטאָ אַזאַ גאַס, אַזאַ פּלאַץ, אַזאַ ווינקל, וווּ לענין איז ניט געווען, און איבערעכענען אַלע ערטער איז פּאַשעט אוממעגלעך...

אין די לעצטע טעג פון אָקטיאַבער כוידעש, ווען די שטאָט הייבט זיך אָן גרייטן צום גרויסן יאָמטעוו, וועט איר, קומענדיק צו דוואָרצאָוואַיאַ פּלאָשטשאַד — דעם „פּלאַץ פונעם פּאַלאַץ״ — זען לעבן ערמיטאַזש אַ פאַנאָ, וואָס איז אײַנגעשטעלט באַ דער יאָמטעוודיקער טריבונע. ווען איר גייט אַדורך די טריומפאַל־אַרקע לעבן דער געבײַדע פונעם געוועזענעם גענעראַל־שטאַב און גיט אַ קוק אַף רעכטס, — וועט זיך אײַך דוכטן, אַז לענין אַליין קומט אײַך אַנטקעגן פון דער כאַלטורין־גאַס: אָט באַלד וועט ער אַראָפּגיין פון דעם פאַנאָ און זיך אָנשליסן אין די שפּאַנענדיקע קאָלאָנען פון די דעמאָנסטראַנטן...

איר קאָנט זיך אַרײַנזעצן אין אַוטאָבוס און צופאָרן צום לענין־פּלאַץ באַם פינלענדישן וואָקזאַל. דעם בראָנעוויק, אַף וועלכן וולאַדימיר איליטש לענין איז דעם 3 אַפּרעל 1917 אַרויסגעטראָטן, אומקערנדיק זיך פון דער עמיגראַציע, וועט איר דאָ שוין ניט טרעפן — ער שטייט אינעם פיליאַל פונעם לענין־מוזיי אַפן סוואָראָוו־פּלאַץ, לעבן דעם מאַרסאָווע פעלד. אָבער דעם לאָקאָמאָטיוו נום. 293, אַף וועלכן איליטש איז צוויי מאָל, ווי אַ קאָטשעגאַר, אַריבערגעפאָרן די רוסיש־פינלענדישע גרענעץ, קאָנט איר זען באַ דער פינפטער פּלאַטפאָרמע אַפן פעראָן. און אין צענטער פונעם פּלאַץ, אינעם סקווער צווישן דעם וואָקזאַל און דער ניעוואַ, שטייט דער לענין־דענקמאָל: קימאַט מיט פינף יאָרצענדליק צוריק האָבן אים אויסגעגאָסן פון בראָנזע די אַרבעטער פונעם זאַוואָד „רויטער וויבאָרזשעץ״. איך שטיי לעבן דעם דענקמאָל, און עס דערמאָנט זיך מיר, ווי אײנע פון די לענינגראַדער דיכטערנס, אָלגע בערגאָלץ, האָט געשריבן דעם 22 יוני 1941:

און ווידער אַף ליטײנע־גאַס, פונוואַנען
די האַנט האָט לענין אויסגעשטרעקט אין ווײַט,
אין שלאַכט מיט בראַכע זײַנער קריגסלײַט שפּאַנען,
פונקט ווי אין יענער גרויזאַם־הייסער צײַט...
אַזוי אין זיבעצנטן זיי געגאַנגען זײַנען
צו דעם וואָקזאַל, צו אָט דעם זעלבן אָרט,
און פונעם פיעדעסטאַל מיט ליבשאַפט שײַנען
די אָפּגלאַנץ־פונקען פון זײַן פלאַמיק וואָרט...

שורעס אַף גראַניט

דער איקער — איך זאָל ניט פאַרגעסן. גאָרניש ניט פאַרגעסן. אין קײנעם ניט פאַרגעסן. ניט וויכטיק, באַ וועמען איך בין געווען פריִער און וועמען איך האָב באַזוכט שפּעטער. אַ גאַנצע וואָך, אַפילע מער פון אַ וואָך צײַט, האָב איך זיך אַרומגעטראָגן פון אײן עק שטאָט צו דער אַנדערער, זיך געטראָפן מיט צענדליקער מענטשן. אָפט איז געווען אַ שאָד אָוועקצוגיין פון זיי — עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז עפּעס האָב איך פאַרט פאַרגעסן, ניט אַלץ אויסגעקלאָרט ביזן סאָף, מיט עמעצן ניט באַוויזן זיך דורכריידן...

דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַ מײַסע פון טויזנט און אײן נאַכט, וואָס קאָן זיך ציִען און קײנמאָל זיך ניט ענדיקן. ווײַל די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך דאָס מאָל

באַגעגנט אין לענינגראַד, זײַנען ביז גאָר אינ־טערעסאַנטע מענטשן, יעדערער אַן און פאר זיך און אלע צוזאמען, — דערפאר טאקע איז געווען א שאַד מיט זיי זיך צו שיידן.

יאָ, דער איקער איז — ניט פארגעסן. גאָר־נישט ניט פארגעסן. קיינעם ניט דורכלאָזן. נאָר ווען איך האָב איצט נאָכאמאָל איבערגעלייענט מײַנע נאָטיצן, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס איז בלויז א טראָפּן פון דעם, וועגן וואָס איך האָב זיך געקליבן אָנשרײַבן. וויל איך בעטן מײַנע לענינגראַדער פרײַנט, זיי זאָלן מיר מויכל זײַן. איך בין זיכער, אז זיי וועלן ניט האָבן אָף מיר קיין פאריבל. און אויב עמעצער וועט זיך דערפילן פּאָרט געקריוודעט, ווייס איך, אז מיט עכטער לענינגראַדער העפלעכקײַט וועט ער מאכן אַן אָנשטעל, אז אין לעצטן סאַכאַקל איז ער אויך באַפרידיקט און צופרידן...

...באַם טײַכל יעקאַטערינהאָפקע שטייט אַן אָבעליסק פון גראַניט: „דאָ, אין ראַיאָן פונעם זאַוואָד אָף נ. א. זשדאַנאָווס נאָמען (געוועזענע פּוטילאָווער שיף־ווערפן), האָבן די ארבעטער פון פּיטער דורכגעפירט די ערשטע אין רוס־לאַנד רעוואָליוציאָנערע מאַיאָווקע". אלע יאָר, ערעוו יאָמטעוו, קומען אהער מענטשן — יונג און אלט — אָפּצוגעבן קאָוועד די אָנטיילנעמער פון אָט דער היסטאָרישער געשעעניש.

אַנומלטן בין איך דאָ בײַגעווען, ווען אלטע לענינגראַדער טוישוים האָבן זיך געטיילט מיט זייערע דערינערונגען.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, טײַערע מײַ־נע, — האָט דערציילט א באַיאָרטער, קרעפטי־קער מאַנצבל מיט לעבעדיקע, דורכדרינגענדיקע אויגן, — אין יענעם אכט־און־דרײַסיקסטן, אין שפּאַניע, ווייסט איר, וועגן וואָס עס האָט זיך מער פון אַלץ געטראַכט? — וועגן אונדזערע יאָמטויוים. וויאַזוי מיר פלעגן אין די קילבלע־כע מײַ־פרימאָרגנס, ווי געוויינלעך באַ אונדז אין לענינגראַד, זיך פאַרזאַמלען לעבן ראַיקאָם. עס שפּילט אַן אָרקעסטער. און מיר זינגען. איין ליד נאָך דער אַנדערער. ס'איז פּאַשעט אומעג־לעך איבערצוגעבן, וואָס פאר א געפיל עס האָט יעדן פון אונדז דעמלט ארומגעכאַפּט... און דאָרטן, ווײַט פונעם היימלאַנד, אונטער דער סאַרפּענדיקער זון פון די פּירענייען, האָבן מיר געקעמפט, קעדיי אונדזערע שפּאַנישע כאַווײ־רים זאָלן אויך האָבן דאָס גליק זיך צו פרייען מיטן פּראָלעטאַרישן יאָמטעוו, אַזוי ווי מיר...

— ווער איז ער, אָט דער מענטש? — האָב איך געפרעגט באַ מײַנעם א באַקאַנטן, א זשור־נאַליסט, מיט וועלכן מיר זײַנען אהער צוזאמען געקומען.

— איך קען אים שוין פון לאַנג, — האָט ער געענטפערט, — דאָס איז אַנאַטאָלי מאַרקאָוויטש גורעוויטש, אַן אָנטיילנעמער פון די שלאַכטן אין שפּאַניע.

איצט, קומענדיק קיין לענינגראַד אין א קאָ־מאַנדירונג פון דער רעדאַקציע, האָב איך זייער געוואָלט זיך באַקענען מיט גורעוויטשן פּערזענלעך. איך האָב זיך דערוווּסט, אז ער ארבעט אָף איינעם א זאַוואָד אלס שעף פון דער ביוראָ פון וויסנשאַפטלעך־טעכנישער אינפאָרמאַציע, און האָב אהין אָנגעקלונגען.

— אַנאַטאָלי מאַרקאָוויטש איז אין אורלויב, — האָט מען מיר געענטפערט.

אויב א מענטש איז אין אורלויב, איז ניט שײַעך צו זוכן אים. דאָס מיידל פונעם זאַוואָד האָט מיסטאָמע דערפילט אין מײַן שטים, אז עס איז מיר א גרויסער שאָד זיך ניט צו באַגעג־נען מיט איר שעף. האָט זי מיר געעצעט:

— ווייסט איר וואָס, אײַך אינטערעסירט, אָפּאַנעם, גורעוויטשעס אָנטייל אין די שפּאַנישע געשעענישן, קאָנט איר זיך וועגן דעם דערוווּסן אפילע אָן אים. קריגט דאָס בוך „לע־נינגראַדער אין שפּאַניע", וועלכן עס האָט דאָ ניט לאַנג ארויסגעלאָזט דער פאַרלאַג „לעניז־דאַט" — וועט איר דאָרט געפינען דאָס, וואָס איר דאַרפט...

דעם בוך האָב איך געפונען. פון איינעם א זײַטל האָט אָף מיר געקוקט דער פּאָרטרעט פון א יונגן באָכער מיט א גוטמוטיקן קלוגן שמייכל אָפן פּאָנעם, מיט א פּיפּקע אין מויל — די פּאָ־טאָגראַפיע איז געמאַכט געוואָרן נאָך אין 1937. און נאָך א בילד האָב איך דאָרט דערזען: א גרופּע יאַמלײַט, אָנטיילנעמער פונעם שפּאַנישן קריג. נײַן באַיאָרטע מענטשן, באַ יעדן איז די ברוסט באַצירט מיט אָרדענס און מעדאַלן. זיי האָבן זיך באַגעגנט אין לענינגראַד אין דרײַ־סיק יאָר ארום. גורעוויטש שטייט פון רעכטס אין דער צווייטער ריי — פונקט אַזאַ האָב איך אים געזען אָפן פּלאַץ לעבן דעם אָבעליסק באַ דער יעקאַטערינהאָפקע, ווען ער איז ארויסגע־טראָטן מיט דערינערונגען.

איך האָב גענומען בלעטערן דאָס בוך און זיך דערפילט פונקט ווי כ'וואָלט אויך אָנטיילגענו־מען אין די הייסע שלאַכטן אָפן פּירענייער האַלב־אינדזל העכער דרײַ מיט א האַלבן צענד־ליק יאָר צוריק. איך זע דעם לענינגראַדער ייִדישן באָכער, דעם „טעניענטע דע נאַוויאָ" (לייטענאַנט פון פלאָט) אָף איינער פון די אונ־טערוואַסער־שיפן פונעם רעפּובליקאַנישן מילי־טערישן יאַם־פלאָט. ער פירט דורך דעם אומ־געהערט דרייסטן רעיד לענגויס דעם אַטלאַנ־טישן ברעגלאַנד פונעם פּירענייער האַלב־אינדזל, דורכן היבראַלטאַרישן אײַנגוס ביז קאַרטאַהען — א מאַרשרוט, וועלכן עס האָבן

קימאַט אַפֿן גאַנצן מעהאַלעך קאָנטראָלירט די פֿאַשיסטן...

אין דרײַ מיט א האַלבן צענדליק יאָר אַרום וועט איינער פֿון די „לענינגראַדער שפּאַניער", הײַנט א פּראָפֿעסאָר, דאָקטאָר פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן דאַוויד פּריצקער, זיך זעצן אַפֿן אַעראָדראָם שערעמעטיעוואָ אין אַן „איל־62" און ווידער קומען קיין שפּאַניע, אָבער שוין ווי



די מעמאָריאַל־וואַנט אַפֿן פּיסקאַריאָווער בעסוילעם

א טוריסט. מיט א פֿאַרקלעמט האַרץ און מיט א פֿאַרנייגטן קאָפּ וועט ער שטיין בײַ די קוואָרים פֿון זײַנע געוועזענע שלאַכט־כאַווײרים. דערנאָך וועט ער זיך אומקערן אַהיים, און דאָס ערשטע, וואָס ער וועט טאָן, איז באַזוכן דעם היגן פּיסקאַריאָווער בעסוילעם, ווו עס ליגן אין אייביקער רו אויך זײַנע שלאַכט־כאַווײרים, די געוועזענע לענינגראַדער סטודענטן ליודע טשערניק, וואָלאָדיע גריגאָריעוו, ליאַליע קרעווער, וועלכע זײַנען געווען מיט אים אין שפּאַניע, נאָר זײַנען געפֿאַלן, פֿאַרטיידיקנדיק זייער היימשטאָט פֿון די זעלבע פֿאַשיסטן, נאָר שוין אין די יאָרן פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע...

קוואָרים, קוואָרים, קוואָרים... דאָ איז שטענדיק שטיל. בלויז פֿײַערלעך־טרויעריקע מוזיקקלאַנגען, וועלכע טראָגן זיך אָן אויפֿהער פֿון די ראַדיאָ־רעפּראָדוקטאָרס איבער דעם פֿעלד, באַגלייטן די מענגעס מענטשן, וואָס קומען אַהער טאָג־אײַן, טאָג־אויס, יאָר נאָך יאָר, ווי זיי וואָלטן געווען אַן אומענדלעכע ערן־וואַך בײַ די הייליקע קוואָרים.

פּיסקאַריאָווער בעסוילעם. דאָס איז ניט בלויז א דענקמאָל די קעמפֿער און מאַרטירער פֿון לענינגראַד — דאָס איז א מעמאָריאַל פֿון גרויסער קינסטלערישער ווערט. איצט, ווען עס קומען אַהער פּילצאָליקע באַזוכער פֿון גאָר דער וועלט, דערציילט מען זיי, וויאַזוי עס איז געשאַפֿן געוואָרן אָט דער מערקווירדיקער דענקמאָל, וועלכער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אַנסאַמבל פֿון אַרכיטעקטור, סקולפּטור, פּאָעזיע.

דעם פּראָיעקט האָבן געשאַפֿן דער אַרכיטעקטאָר א. וו. וואַסיליעוו און דער פּראָפֿעסאָר יע. א. לעווינסאָן. די זעקסמעטערדיקע בראָנזענע פֿיגור פֿון דער מוטער־היימלאַנד איז געמאַכט געוואָרן פֿון וו. וו. איסײַעוואַ און ר. ק. טאַוריט. די אויטאָרן פֿון די לידער־טעקסטן זײַנען די לענינגראַדער דיכטער אָלגע בערגאָלץ און מיכאַיל דודין. די סוזשעטישע רעליעפֿן האָבן געשאַפֿן די סקולפּטאָרן מ. כאַראַמאָוו, מ. ווײַנמאַן, ב. קאַפּליאַנסקי און א. מאַלאַכין. יעדער מיטגליד פֿון אָט דעם שעפֿערישן קאָלעקטיוו האָט געוווּסט די לענינגראַדער בלאָקאַדע ניט לויט צײַטונגס־מיטיילונגען — זיי האָבן אַלע אַליין איבערגעלעבט די שווידערן פֿון הונגער און קעלט, פֿון באַשיסונגען און באָמבאַרדירונגען, איבערגעלעבט דעם פֿאַרלוסט פֿון אייגענע און קרויווים. אַלעקסאַנדער וואַסיליעוו האָט בײַס דער מילכאָמע געאַרבעט אַלס קינסטלער אין א פּאַרטיזאַנישן שטאַב, יעווגעני לעווינסאָן איז געשטאַנען בעראָש פֿון א גרופּע אַרכיטעקטאָרן און אינזשענירן, וועלכע דער לענינגראַדער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַאויפֿטראָגט אָנצופֿירן מיט דער בויונג פֿון שוץ־ליניעס אַרום דער שטאָט. וועגן לעווינסאָנען דערציילט מען נאָך אָט וואָס. אין 1942 איז אין לענינגראַד געמאָלדן געוואָרן אַן אַרכיטעקטור־קאָנקורס אויף צו רעקאָנסטרויִרן דעם סוואָראָוו־פּראָספּעקט. אַן אַרכיטעקטור־קאָנקורס אין סאַמע שווידערלעכן בלאָקאַדע־יאָר! לעווינסאָן האָט באַקומען פֿאַר זײַן פּראָיעקט א פּרעמיע, נאָר אויסנוצן זי פֿאַר זיך פּערזענלעך האָט ער געהאַלטן פֿאַר אוממעגלעך, און ער האָט אָפּגעגעבן די גאַנצע געלטסומע אין לאַנדשוץ־פֿאָנד.

אָלגע בערגאָלץ האָט איבער אירע עטלעכע געציילטע פּאָעטישע שורעס, וועלכע מע האָט געדאַרפֿט אויסקריצן אַפֿן מעמאָריאַל, געאַרבעט אין מעשעך פֿון א האַלב יאָר. די קורצע אויפֿשריפֿטן, וועלכע מע האָט אָנפֿאַרטרויט אָנצושרײַבן מיכאַיל דודינען, האָבן געדאַרפֿט אַמבוילעטסטן אויסדריקן דעם צאַר און דעם צאָרן, דעם ווייי און דעם שטאָלץ פֿון מיליאָנען לענינגראַדער פּאַטריאָטן.

איצט כאַזערט מען איבער די לאַקאָנישע שורעס, געשריבענע אין ווײַסע פֿערזן, אויף אַלע שפּראַכן פֿון דער וועלט:

אײַך, די טרײַע פֿאַרטיידיקער אונדזערע,
אײַער אָנדענק וועט אייביק פֿאַרהיטן דער
דאַנקבאַרער לענינגראַד,
פֿאַרן לעבן זייערן וועלן די יאָרשים אײַך
זײַן באַלע־כויוועס.
דער אומשטערבלעכער רום פֿון די העלדן
וועט זיך קײַפּלען אין רום פֿון די יאָרשים.

בלאָקאַדע־קאָרבאָנעס פון דער גרויסער
מילכאָמע,
אייביק איז אײַער העלדנטאַט אין די
הערצער פון קינפטיקע דורעס...
...קיינער איז ניט פארגעסן און גאָרניט איז
ניט פארגעסן.

איך בין ארומגעגאַנגען צווישן די רייען ברודער־קוואָרים, זיך אָפּגעשטעלט בא מאַצייוועס פון גרויען געשליפענעם גראַניט. זעקס הונדערט צוויי און זעכציק ברודער־קוואָרים האָט מען דאָ אויסגעגראָבן בלויז אינעם ערשטן מילכאָמע־יאָר. א מיליאָן לעבנס האָט פארשניטן די הונגער־בלאָקאַדע. פופציק טויזנט קריגסלײַט זײַנען געשטאָרבן פון די ווונדן אין לענינגראַדער שפּיטאָלן. „זייערע נעמען די נאָבעלע וועלן מיר דאָ איבערעכענען ניט קאָנען...” און דאָך קומען צו אָף די גראַניט־שטיינער אַלץ נײַע און נײַע נעמען — „טאַשער א. א. 1906—1941”, „גאָלובטשיק אי. א. 1917—1941”, „אקראַמאָוו א. וו. 1921—1941”, „באַבאַדזשאַנאָוו ג. 1921—1944”, „בעגאַשווילי אי. 1920—1941”, „בערענסאָן א. א. 1908—1941”, „ווינער וו. ק. 1921—1945”, „העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד שיין אי. נ. 1914—1941”... „מיטן גאַנצן לעבן זייערן האָבן זיי דיך פאַרטיידיקט, לענינגראַד”...

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען צוגאַסט צו איינעם פון די אווטאָרן פון די אופשריפטן אפן פיסקאַריאָוווער בעסוילעם, צו מיכאַיל דודינען (דאָס איז געווען אין 1971, איך בין דעמלט נאָרוואָס אריבערגעפאָרן קיין לענינגראַד), האָט ער מיר געזאָגט:

— אויב איר ווילט זיך גרינטלעך באַקענען מיט אונדזער שטאָט, פאָרט ניט מיטן טראָלייבוס, מיט דעם טראַמווײַ, מיטן אווטאָבוס. גייט צופוס. הייבט אָן פון אײַער הויז, פון אײַער קוואַרטאַל. שפּעטער, ווען איר וועט צוביסלעך אויסשפּאַנען צענדליקער קילאָמעטערס, מעגט איר שוין זיך זעצן אָף וועלכן טראַנספּאָרט איר ווילט. איך אליין האָב אזוי געטאָן, ווען איך האָב זיך אומגעקערט פונעם פראָנט...

מיכאַיל אלעקסאַנדראָוויטש איז א זעלטענער קענער פון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, דערונטער פון דער ייִדישער. ער איז צוגעגאַנגען צום ביכער־שראַנק און ארויסגענומען איינע פון זײַנע לידער־זאַמלונגען.

— „מײַן אנטאָלאָגיע”. זי איז דאָ ניט לאַנג דערשינען אין לענינגראַדער ביכער־פאַרלאַג, — האָט ער געזאָגט, — איך בעט אײַך, טוט א קוק, צי עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן די איבערזעצונג פון ריווע באַליאַסנעס לידער.

איך געדענק, ווי אינעם ערשטן נומער פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” האָט די ליבשאַפט צו לענינגראַד אויסגעדריקט דער ייִדישער דיכטער מאָטל גרוּומאַן, איינער פון די פאַרטיידיקער פון דער העלדישער שטאָט בייס דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע:

באזונדערס מײַן שטאָט מיר געפעלט,
ווײַל פונדאנען האָט לענין באַוויזן
דער גאַנצער פאַרפּײַניקטער וועלט
א וועג צו דעם גליק — קאָמוניזם.

און גאָלדע מיכעלסאָן, וועלכע וווינט אין דער שטאָט אָף דער ניעווא שוין לאַנגע יאָרן, ווידמעט אירע פּאָעטישע שורעס דעם נאָכמילכאָמעדיקן לענינגראַד:

ערשט נעכטן, דאַכט זיך מיר, נאָך דאָ
געלעגן איז
אין גראָז, אין שטעכלקעס, א פעלד א גרויס,
און הײַנט שוין פויקט א לוסטיק זומער־
רעגנדל
אָף דאַך אָף גלאַנציקן פון נײַעם הויז...

אָף רוסיש און אָף ייִדיש, אָף ליטוויש און אָף טשוקטשיש — אָף אלע שפּראַכן קלינגט דאָס געזאַנג לעקאָוועד דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז אײַנגעבאַקן אין הארצן בא יעדן סאָוועטישן מענטשן. דאָ ניט לאַנג האָב איך געהאַט די געלעגנהײַט זיך צו באַקאַנען מיט א פאָרשטייערן פונעם סאַמע ייִנגסטן דאָר לענינגראַדער פּאָעטן — אסיע וועקסלער. זי איז נאָך געווען א קינד, ווען די שטאָט אָף דער ניעווא האָט זיך מעסירעסנעפעשדיק געראַנגלט מיט דער פאַשיסטישער כײַע, אָבער אויסמײַדן די מאָטיוון, וועלכע האָבן זיך אָרגאַניש אײַנגעגלידערט אין דער שאַפונג פון אלע לענינגראַדער שרײַבער, האָט זי ניט געקאָנט. לויטן פאַך א קינסטלער־גראַפיקער (מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט זי פאַרענדיקט דעם רעפּין־אינסטיטוט), האָט אסיע וועקסלער אָנגערופן איר ערשטע לידער־זאַמלונג, וואָס איז פאַראיאָרן דערשינען אינעם לענינגראַדער ביכער־פאַרלאַג, — „ריינע פאַרבן”. מיט אָט די ריינע פאַרבן שילדערט זי די שטאָט, וואָס איז געוואָרן איר צווייטע היים נאָך דעם, ווי זי האָט אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע פאַרלאָזט איר געבורט־שטאָט מאָגיליאָוו. אין מאָגיליאָוו האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט איר זיידע און באָבע.

געפאַלן אין וועג ווי מע גייט און שטייט,
אין שניי און אין גראָז — און פאָטער...
באַגראָבן מע האָט זיי לעבעדיקערהייט —
די עלטערן פון מײַן פאָטער.
און אז דער זון צו בערלין וועט דערגיין
צוזאַמען מיט זײַן פעכאָטע,
זיי האָבן געוויס ניט געקאָנט פאַרשטיין
אָף דער ערעוומילכאָמיקער פאָטאָ...

די דאָזיקע שורעס פון דער יונגער דיכטערן האָבן זיך פארקריצט אין זיקאָרן מיט זייער פּאַשטעס און לאַקאָנישער לויטערקייַט, און איך האָב א טראַכט געטאָן, אז ווען אסיע וועקסלער וואָלט געבוירן געוואָרן א ביסל פריִער, וואָלט זי, פּונקט ווי אָלגע בערגאָלץ און ווערע אינבער, מיט דער זעלבער מעסירעסנעפעשדיקייַט פארטיידיקט די לענין־שטאָט. איך האָב זיך אפּילע פאָרגעשטעלט, וויִאזוי זי וואָלט אויסגעזען אין יענער צייַט: אָנגעטאָן אין א ווייַס פּעלצל, אין א ווינטערדיק היטל, פון אונטער וועלכן עס וואָלטן זיך ארויסגעשלאָגן די געדיכטע שוואַרצע האָר, פאַראָסטעטע פון פראָסט און שניי...

דער צווייטער באַרוף

קיין לענינגראד בין איך געקומען סאָף אָקטיאַבער, ווען דער אָסיען האָט שוין אָפּגעטרייסלט פון די ביימער דאָס לעצטע ביסל געבלעטער. גיין איבער דער שטאָט און זוכן דעם נייטיקן אדרעס, ווען אין פּאָנעם שמייַסט א ווינט און דער רעגן סטארעט זיך דורכצונעמען דיך ביז די ביינער, איז ניט פון די אָנגענעמסטע זאכן.

אָבער גיין דאַרף מען, און צו וועמען גיין איז דאָ, ווייַל אין לענינגראד האָב איך פיל באַקאַנטע און פרייַנט, און עס ווילט זיך מיר אַלעמען זען.

פריִער פאר אלץ האָב איך באשטימט ארייַנגיין גראָד צו איינעם א מענטשן, וועמען איך קען ניט פּערזענלעך — צו ארן ווינקאָוועצקין, — זייַן נאָמען האָב איך ניט איין מאָל געזען אָף די זייַטלעך פון „סאָוועטיש היימלאנד". איך בין נייַגעריק געווען צו דערוויסן זיך, ווער איז ער, ווינקאָוועצקי. לויט די נאָטיצן און ארטיקלען, וועלכע ער האָט געדרוקט אין זשורנאל, האָט מען געקאָנט אָנעמען, אז ער איז אָדער א קולטור־טוער, אָדער א פאָלקלאָר־פאָרשער, אָדער א מוזיקער, אָדער א קונסטקענער, צי עפּשער גאָר אונדזערער א „ברודער — זשורנאליסט".

ווען איך בין געקומען אָף דער בלאגאָדאטנעגאס, 19, אין דעם נייַעם ווין־קווארטאל פון דער שטאָט, און געעפנט די טיר אין ווינקאָוועצקיס דירע, האָב איך דערזען פאר זיך א מענטשן, וועמען לויטן אויסזען קאָן מען געבן עטלעכע און זעכציק יאָר, אָבער די אויגן זייַנע שטראַלן ארויס אזויפיל יונגקייַט, אז עס ווילט זיך גלייַך „ארָאפּווארפן פונעם כעזשבן" כאָטש א יאָר פינף...

איך באטראַכט דעם צימער, וווּהין דער באַלעבאָס האָט מיך ארייַנגעפירט. ביכער, ביכער, ביכער, — אין די שראנקן, אָף באזונדערע פּאָליצעס. בילדער און סקולפּטורן. אפן גראמען טיש — שרייַבגעצייַג און ווידעראמאָל סטאָסן ביכער, אקוראט פארשנורעוועטע פּאפּקעס. אפן אופגעדעקטן ראָיאל, העכער פון די קלאַווישן — א צעעפנטער נאָטן־העפט. „ווער זשע איז ער פאָרט, דער באַלעבאָס פון אָט דעם צימער?" דערווייַל האלט איך פאר ניט באקוועם דאָס צו פרעגן. עס וועט אופשווימען, — טראַכט איך, — פון זיך אליין.

מיר שמועסן וועגן די ווערק פון די ייִדישע סאָוועטישע שרייַבער, וועלכע זייַנען פארעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאנד" פאר דער לעצטער צייַט, וועגן די אוצרעס פון פאָלקסשאַפונג, וואָס, וויפל זאמלער עס האָבן זיך מיט זיי פארנומען, „ווארטן זיי נאָך אף א נייַעם בערעגאָווסקי" (וועגן מוישע בערעגאָווסקין רעדט ווינקאָוועצקי מיט א באזונדערער כשיוועס).

איך כאַפּ א קוק אפן ראָיאל מיט דעם צעעפנטן נאָטן־העפט, מיסטאמע ניט איין שאָ זיצט לעם אים אָט דער מענטש, און ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס איך קלער אין אָט דער רעגע, טוט ער פּלוצעם א זאָג:

— ניין, דער העפט, וואָס איר זעט, איז ניט מייַנער, דאָס איז מייַן טאָכטערס, זי איז א מוזיקער לויטן פאך. וואָס איז שייַעך מיר, האָב איך זיך אויסגעלערנט נאָטן־גראמאָטע ערשט נאָך דעם, ווי איך בין ארויס אף פּענסיע.

ווערן מיר געוווירע צוויי זאכן: ערשטנס, אז ווינקאָוועצקי איז שוין א פּענסיִאָנער, און, צווייטנס, אז מוזיק איז דאָ א מישפּאָכע־זאך. און אין דער זעלבער מינוט, ווען איך מאך די דאָזיקע אנטדעקונג, דערלאנגט מיר מייַן מיטשפּרעכער א מאנוסקריפּט פון א דיקן באנד, אף דער הילע פון וועלכן עס איז אָנגעשריבן: „אנטאָלאָגיע פון ייִדישע פאָלקס־לידער". אופעפענענדיק אים, זע איך א בריוו פונעם גרויסן רוסישן קאָמפּאָזיטאָר דמיטרי שאָסטאקאָוויטש צום צונויפשטעלער:

„פילגעאכטעטער אראָן יאקאָוולעוויטש!

אַנטשולדיקט, וואָס איך האָב אייַך אזוי לאנג ניט געענטפערט, כ'בין ניט געווען אין דער היים. מיט אייַער אנטאָלאָגיע פון ייִדישע לידער האָב איך זיך באקאנט און זעץ פאָר זיך צו באקאנען מיט איר קימאט טאָגטעגלעך. דאָס איז זייער אן אינטערעסאנטע ארבעט, און פאר אָט דער ארבעט בין איך אייַך הארציק דאנקבאר.

מיט די בעסטע ווונטשן.

ד. שאָסטאקאָוויטש".

ארן ווינקאָוועצקיס זאמלונג איז בעעמעס אן אוצער — צוויי הונדערט פינף און פערציק ייִדישע פאָלקס־לידער מיט נאָטן און מיט גענויע וויסנשאפטלעכע קאָמענטארן צו יעדער ליד. דערבייַ ווערן די טעקסטן געגעבן אויך אין דער

איבערזעצונג אַף רוסיש. עס איז פּאַשעט צו באַוווּנדערן, וואָס די דאָזיקע אַרבעט געהערט צו אַ מענטשן, וועלכער האָט ביזן אַרויסגיין אַף פּענסיע קיין דירעקטע שײַכעס צו מוזיקאַלער שאַפונג ניט געהאַט!

דאָ איז דאָס אָרט צו דערמאָנען, אַז טאַקע ער, ווינקאָוועצקי, האָט די סאַמע אומיטלבאַרע שײַכעס צו דעם, וואָס אַ טייל פון מוישע בערעגאָווסקיס פאָלקלאָר־ירושע איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אַף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ — דערווײַל בלויז אַ טייל פון די מאַטעריאַלן, וועלכע דער באַוווּסטער פאָרשער האָט אונדז איבערגעלאָזט. ווינקאָוועצקי האָט דעם בערעגאָווסקי־אַרכיוו אַראָפּגעבראַכט קיין לענינגראַד און זאָרגזאַם, מיט אַן עכטן וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג, פאַנאַנדערגעקליבן און סיסטעמאַטיזירט די קסאָווים.

אָבער דאָס איז בלויז איינער פון זײַנע אופטועכץ. אין לענינגראַדער מוזיי פון עטנאָגראַפיע וועט מען אײַך דערציילן, ווי אַזוי אין איינעם א שיינעם טאָג האָט ווינקאָוועצקי, צוזאַמען מיט כאַים רײַזע, אויך אַזאַ ענטוזיאַסט, ווי ער, געבראַכט עטלעכע פּעק מאַנוסקריפּטן, וועלכע האָבן געהערט דעם געוועזענעם מיטאַרבעטער פונעם מוזיי שײַע פּולנערן.

— נאָך אַ ביסל, און מיר וואָלטן פאַרשפּעטיקט, — האָבן זיי דערקלערט, — באַם פאַרשטאָרבענעם אין דער מישפּאָכע האָט קיינער ניט געוווּסט, וואָס פאַרא וויכטיקע מאַנוסקריפּטן דאָס זײַנען...

אָט ליגט פאַר אונדז איינס פון פּולנערס ווערק: „יידישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן וועגן שפּײַז״. בלעטערנדיק דעם קסאָוויאַד, איז מיר אופגעקומען אַפן זיקאָרן שאָלעם־אַלייכעמס „מײַן ערשטער ראָמאַן״, וועלכער, אויב איר געדענקט, הייבט זיך אָן אַזוי:

„ווער עס האָט פאַרזוכט דעם טאַם פון זיצן שפּעט באַנאַכט אַ הונגעריקער באַ אַ שמעלצנדיק ליכטל, אײַנגעהילט אין אַ צעריסן פּעלצל, און כאַזערן גראַמאַטיקע: אימעניטעלני — ביעלי סוויעזשי כליעב, ראָדיטעלני — ביעלאַהאָ סוויעזשאַהאָ כליעבאַ, דאַטעלני — ביעלאָמו סוויעזשעמו כליעבו, און בעשאַסמײַסע זאָל זיך גלוסטן כאָטש אַ שוואַרץ אַלטגעבאַקן שטיקל ברויט — און ס׳איז ניטאָ...״

דאָס אַלץ איז ניט צו פאַרגלײַכן מיט דעם, וואָס כ׳האָב זיך דערוווּסט וועגן שײַע פּולנערן. אַ שוידער כאַפּט אָן פון דעם, וואָס, אַרבעטנדיק איבער אַ בוך פאָלקסווערטער, אין וועלכן עס ווערן איבערגערעכנט הונדערטער געשמאַקע מײַכאָלים, איז זײַן מעכאַבער אויסגעגאַנגען פון הונגער, ניט האָבנדיק אַפילע קיין סקאָרינקע צו דערמונטערן די נעשאָמע. אין לענינגראַדער שווערן מילכאָמע־ווינטער פון 1942 האָט מען אים, ווי אַנדערע טויזנטער בלאָקאַדע־קאָרבאָנעס, אָפּגעפירט אַפן פּיסקאַריאָווער בעסוילעם...

— אָט זעט, וואָס דער דאָזיקער וווּנדערלעכער מענטש האָט געשאַפן בלויז פאַר עטלעכע יאָר ביז דער מילכאָמע, — באַווײַזט מיר ווינקאָוועצקי אַ רעשימע פון פּולנערס ווערק, געדרוקטע און ניט־פאַרעפנטלעכטע. און ער גיט צו: — פּולנער איז געווען נאָך גאָר אַ יונגער, און ווער ווייסט, וויפל וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען וואָלט ער נאָך געקאָנט געבן...

שפּעטער האָט מיר וועגן פּולנערן אויך דערציילט יעווסיי איסאַקאָוויטש פּייסאַך, וועלכער שטודירט די געשיכטע פון אַן אינטערעסאַנטן און אייגנאַרטיקן שייווועט — די קרימטשאַקעס.

— פּולנער, ווי איך געדענק, — האָט ער געזאָגט, — איז געווען דער פאַרוואַלטער פונעם יידישן אָפּטייל אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען און האָט אינעם עטנאָגראַפישן מוזיי אָנגעפירט מיט דער פאָרשונג פון יידישער קונסט און שטייגער.

דער מערקווירדיקער מענטש, וועלכן איך האָב קיינמאָל אין לעבן ניט געזען, איז אַנטשטאַנען פאַר מיר אין זײַן גרויסער הערלעכקײַט און מעסירעסנעפעשדיקײַט — אַ לעבעדיקער און טיכטיקער. דער צימער, ווו איך בין געזעסן, איז ווי פאַרשווונדן געוואָרן, און דער געדאַנק האָט מיך אַריבערגעטראָגן אינעם לענינגראַדער רוסישן מוזיי, ווו עס ווערט אָפּגעהיט אַ גאַנצע סעריע גראַווירן פון פּולנערס בען־איר און נאָענטן פרײַנט שלוימע יודאָווין — אַ סעריע, וועלכע הייסט „לענינגראַד אין די יאָרן פון דער



קינסטלער ש. יודאָווין: אין די בלאָקאַדע־יאָרן

גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע" און איבער וועלכער דער קינסטלער האָט געארבעט אין מעשעך פון פיר יאָר.

איך זע א בילד, וואָס איז אווטאָביִאָגראַפיש. אַן אַטעליע, אײַנגעהילט אין נעפּלדיקער טונקלקײַט. איבער דעם אײַזערנעם אייוועלע, וואָס טלִיעט קוים, האָט זיך פארבויגן א מענטש אין א ווינטערדיקן מאנטל, אין א היטל מיט אראָפּגעלאָזטע אויערן און אין פּוישטן — דאָס איז אליין דער קינסטלער, א פארטראָגענער אין בײַטערע מאכשאָוועס. דאָס הויכע פענצטער פון דער אטעליע איז פארשטעקט מיט א שטיקל דיקט, די פארבליבענע שויבן זײַנען איבערגעקרייצט מיט אָנגעקלעפּטע פּאַפּירענע פּאַסמעלעך. אפן מאָלבערט — א ניט פארענדיקט בילד: א ברענענדיק הויז, לויפנדיקע מענטשן... עפּשער אין אָט דער רעגע, ווען יודאָווין האָט געפּרוּווט דערווארעמען די פארגליווערטע פינגער באם אָפענעם אייוועלע, האָט ערגעץ ניט ווײַט פונעם פלאַקערנדיקן הויז, וואָס איז אָנגעמאָלט אפן ניט פארענדיקטן בילד, אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם זײַן פרײַנט, דער געלערנטער שײַע פולנער...

פון די מאכשאָוועס וועקט מיך אוף ווינקאָװעצקיס קאָל:

— טוט א קוק! איר האָט ווען־ניט־איז געזען אזא מערקווירדיקע, אָריגינעלע סקולפּטור?

אף איינער פון די פּאָליצעס פונעם ביכערשראנק שטייט א גיפּסענע פיגור. ניין, ניט איין פיגור. ווען מע קוקט זיך גוט אײַן, זעט מען, ווי צוויי מאנצבלשע פענעמער זײַנען אײַנגענוררעט איינער אין דעם אנדערן. ביידע — שמייכלענדיקע, מיט כיטרעוואטע אייגעלעך. ווײַזט אויס, דאָס פּאָרל האָט געמאכט די עמעסע קוישסע...

— איטקינד האָט די דאָזיקע סקולפּטור אָנגערופן „דער שוסטער און דער שנײַדער", — באמערקט ווינקאָוועצקי. — דאָס איז דער איינציקער ווייניק באוווסטער עקזעמפּליאר.

איטקינד? מיר האָבן ערשט גערעדט וועגן יִדישע פאָלקס־לידער, וועגן בערעגאָווסקין, — וואָס זשע פאר א שײַכעס האָט מײַן מיטשפּרעכער צו מאָנומענטאלער קונסט? יאָ, עס איז פּאָשעט ארויס פונעם קאָפּ, אז דאָ ניט לאנג האָט ער אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאנד" אן ארטיקל וועגן איטקינדן און דאָרט קומט ער ארויס מיט א פּאָרשלאָג: „מע דארף אָפּזוכן די אדרעסן פון זײַנע פארבליבענע סקולפּטורן (סײַ אין מעלוכישע אנשטאלטן, סײַ אין פּריוואטע קאָלעקציעס) און די פּאָטאָ־קאָפּיעס פון אלע אָן אויסנאם ווערק. איטקינדס שאפונג ווארט אף אירע פּאָרשער".

אָבער, אפּאָנעם, ס'איז ניט אין ווינקאָוועצקיס טעווע בלויז ארויסזאָגן א פארלאנג. ער פּרוּווט אליין א זוך טאָן. אָט קלאפּט ער שוין אָן אין דער טיר פון דער לענינגראדער לערערן בעלע סאָלאָמאָנאָװנע יאָפע, וועלכע האָט פארהיט איינע פונעם סקולפּטאָרס בעסטע ארבעטן — „די שלאָפנדיקע אולזא". אָט זיצט ער בא דעם לענינגראדער שרײַבער פּאַוועל קאָבזארעווסקי און בלעטערט בריוו, וועלכע איטקינד האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. און אָט לייגט ער אוועק פאר מיר אפן טיש א קאָלאָסאלע פּאַפּקע, אין וועלכער ס'געפינען זיך די קאטאלאָגן פון אלע עפנטלעכע אויסשטעלונגען פונעם קינסטלער — אזא גרויסע צאָל מאטעריאלן וועגן איטקינדן וועט איר אין ערגעץ ניט געפינען.

איז ווער זשע איז ער פאָרט, דער דאָזיקער מענטש? ווען עס קומט שוין, ענדלעך, צו רייד וועגן דעם, נעמט ער ארויס פונעם טיש־קעסטל א דאָקומענט און באווײַזט אים מיר. איך לייען:

„זייער געשעצטער אראָן יאקאָװלעוויטש!

העכער 30 יאָר פון אײַער לעבן האָט איר געווידמעט דער פּאָטערלענדישער שיפבויוּנג. נעמענדיק אן אקטיוון אָנטייל אין פּראָיעקטירן און בויען ציווילע שיפן און שיפן פארן מיליטערישן יאם־פלאָט, האָט איר מיטגעהאָלפן פעסטיקן די שוץ־מעכטיקײַט פון אונדזער היימלאנד.

אָנגעהויבן אין 1932 אײַער ארבעט אין דער שיפבוי־אינדוסטריע, האָט איר דורכגעמאכט א גרויסן וועג — פון אן אָנפירער פון א גרופּע ביז א שעף פון א גרויסן פּראָדוציר־אָפּטייל.

פארמאָגנדיק א גרויסע פּראָדוציר־ און לעבן־דערפארונג, האָט איר אָפּגעגעבן אלע אײַערע קויכעס און קענטעניש דער ארבעט און דער דערציִונג פון יונגע קאָנסטרוקטאָרן־שיפבויער. איר זײַנט שטענדיק געווען פאר אונדז א מוסטער פון מיזאמקײַט. פאר אײַער טרײַער ארבעט אין דער שיפבוי־אינדוסטריע זײַנט איר באערט מיט מעלוכע־באלוינונגען.

מיר, אײַערע פרײַנט און כאוויירים, באגלייטנדיק אײַך אף פארדינטן אָפּרו, ווינטשן אײַך פונעם גאנצן הארצן אריכאס־יאָמים און גליק".

אזויארום, דערוויסן מיר זיך, אז ארן ווינקאָוועצקי איז ניט קיין פאָלקלאָריסט, ניט קיין מוזיקאנט, ניט קיין קונסט־פאָרשער, נאָר א שיפבויער. און ערשט איצט טראכט איך, אז עפּשער האָב איך אָנגעהויבן די דערציילונג וועגן אָט דעם מענטשן ניט אזוי, ווי עס באַדארף צו זײַן. עפּשער האָט מען געדארפט גאָר אָנהייבן פון דעם, וויִאזוי א נײַנצניאָריקער באָכער פונעם שטעטעלע מוראפע, וואָס געפינט זיך אין וויניצער געגנט אף דער אוקראִינע, איז צום ערשטן מאָל געקומען אין דער גרויסער שטאָט אָדעס, גענומען זוכן א וועג אין לעבן, און עס איז אים געווען ניט זייער לײַכט; וויִאזוי ער האָט אָנגעהויבן ארבעטן אין א קינדערהויז,

ווי מע האָט בא אים דערצויגן ליבע צו דער ייִדישער קולטור. דערנאָך האָט אים א צי געטאָן צו טעכניק. ער האָט פאַרענדיקט דעם אָדעסער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און, אריבערפאָרנדיק קיין לענינגראַד, געוואָרן דאָרט א שיפּבויער.

איצט ווילט זיך מיר שוין בלויז וויסן, צי האָט ווינקאָוועצקי, אָפּגעבנדיק זיך אָף דער עלטער דער פאָרשונג פון ייִדישער קולטור און קונסט, פאַרוואָרפן די זאַך, וועלכער ער האָט געווידמעט עטלעכע צענדליק יאָר פון זײַן לעבן.

— פאַרוואָס עפּעס פאַרוואָרפן? — טוט זיך א כאַפּ מײַן מיטשפּרעכער, און ער נעמט אראָפּ פון דער שאַפע א בוך. אָף דער הילע לייען איך: „האַנטבוך ווי/אזוי צו אויסשטאַטן די שטייגער־ און מעדיצין־בלאָקן אָף יאַם־שיפן".

איך שטויסט זיך שוין אוודע אָן, אז דער אויטאָר פון דעם האַנטבוך איז אַרן ווינקאָ־וועצקי...

אָף דער וואַיקאָוו־גאַס

אין איינעם אָן אָוונט בין איך צוזאַמען מיטן ייִדישן שרײַבער זאַלמען קאַהאַן, וועלכער וווינט אין לענינגראַד, געקומען אין שרײַבער־הויז, אָף דער וואָיקאָוו־גאַס, קעדיי זיך באַקאַ־נען מיט דער אויסשטעלונג פון נאַטאַן אַלטמאַנס ווערק — דער ערשטער אויסשטעלונג נאָכן קינסטלערס טויט. דאָסראָוו זײַנען דאָרט עקס־פּאָנירט געוואָרן בילדער, וועלכע געפינען זיך אין פּריוואַטע קאָלעקציעס.

איך האָב געמיינט, אַז מיר וועלן אָף דער אויסשטעלונג זײַן אויב ניט די איינציקע, איז געוויס די ערשטע באַזוכער. ס׳איז געווען בלויז פיר אזייגער נאָך מיטיק, נאָר, ווי עס טרעפט אָפט אין לענינגראַד אין שפּעטן אָסיען און אין אָנהייב ווינטער, זײַנען שוין די גאַסן געווען אײַנגעהילט אין א בײַנהאַשמאַשעסדיקער טונקל־קײַט. דערצו האָט פון דער ניעווע געבלאָזן א ווינט און געפּאַטשט אין פּאָנעם מיט א געמיש פון נאַסן שניי און קאַלטן רעגן. ווער זשע, — האָב איך געקלערט, — וועט זײַן א באַלן צו פאַרלאָזן אין אזא וועטער די וואַרעמע שטוב און קומען אָף אָן אויסשטעלונג, וועלכע איז אויסגערעכנט, וואָרשײַנלעך, אָף ליבהאָבער און איז דערצו נאָך באַזונדערס ניט רעקלאַמירט געוואָרן?

מיר טרייסלען אָפּ די נאַסע מאַנטלען, לאָזן זיי איבער אין גאַרדעראָב און הייבן זיך אוף אָפן צווייטן שטאָק.

די זאַלן זײַנען פולגעפּאַקט מיט מענטשן. ס׳איז גלײַך צו זען, אז די אויסשטעלונג איז אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער. הונדערט גראַפּי־שע אַרבעטן און אייל־בילדער, צייכענונגען און סקולפּטורן, טעאַטער־דעקאָראַציעס און עסקיזן צו קינאָ־פילמען, וועלכע זײַנען דאָ עקספּאָ־נירט, גיבן איבער אין א גרויסער מאָס דעם קאָלאָסאַלן דיאַפּאַזאָן פון אַלטמאַנס פילפאַרבי־קער פאַליטרע.

אָט זיצט זײַן „דאַמע אָף דער וועראַנדע", וועלכע געהערט צו די סאַמע ערשטע שאַפונגען זײַנע — אזא האָט ער זי געזען נאָך אין די פריִע קינדער־יאָרן: א האַגאַריסטע ייִדענע, אָן איישעס־כאַיל, פאַר וועלכער די שטוביקע ציי־טערן, ווײַזט אויס. צו די ערשטע יאָרן פונעם הײַנטיקן יאָרהונדערט געהערט אויך דער פרי־לינג־פּייזאַזש, געמאָלט אין דעם קינסטלערס היימשטאָט וויניצע. די „ייִדישע לעווײַע" איז געשאַפן א ביסל שפּעטער. אָפן טיש ליגט א מעס, און אין דער בלאַסער טונקלקײַט, א קוים באַלויכטענער מיט דער שײַן פון צאַנקענדיקע ליכט, זעט מען די אראָפּגעלאָזטע אין טרויער קעפּ פון די, וועלכע באַוויינען אים. וואָס פאַר א מעהאַלעך איז פון אָט די ווערק ביז דעם הע־ראָישן לענין־ציקל! אין צענטער פונעם ערשטן זאַל איז אויסגעשטעלט אַלטמאַנס לענין־סקולפּ־טור, אין פערטן זאַל — זײַן באַרימטער לענין־אַלבאָם.

פאַרגאַפטע שטייען די באַזוכער בא די פּאָר־טרעטן פון אנא אכמאַטאָווא און איליא ערענ־בורג, בא די אילוסטראַציעס צו די ווערק פון שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ, באַבעל און שעק־ספּיר, הוגאָ און גאָגאָל... אָט איז אָן עסקיז צו דער באַפּוצונג פון די פּעטראָגראַדער גאַסן צום ערשטן יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, די הילע פונעם ערשטן ייִדישן מוזיקאַלישן זשורנאַל „קלינג־קלאַנג", געמעלן פאַרן קאָנקורס אָף די ערשטע סאָוועטישע פּאָסטשט־מאַרקעס, פאַרעפנטלעכטע אינעם זשור־נאַל „פלאַמיא" (1918), וועלכן עס האָט רעדאַק־טירט דער פאָלקסקאָמיסאַר פון בילדונג און קונסט אַנאַטאָלי וואַסיליעוויטש לונאַטשאַרסקי...

איך זע: אַלע באַזוכער פון דער אויסשטעלונג האַלטן צעעפנט די נאָטיץ־ביכלעך און פאַרנאָ־טירן אין זיי עפּעס פון צײַט צו צײַט. בלויז מײַן באַגלייטער פאַרשרײַבט גאָרניט. דעם לע־נינגראַדער ייִדישן שרײַבער זאַלמען קאַהאַנען איז דאָ אַלץ באַקאַנט. אוודע בין איך אים מעקאַנע, וואָס ער האָט געהאַט די זכיִע צו זען ניט איין מאָל דעם קינסטלער בא דער אַרבעט.

ס׳איז פּאַשעט צו באַוווּנדערן, ווי ברייט עס איז דער דיאַפּאַזאָן פון זאַלמען קאַהאַנס אינטע־רעסן. ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אין „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנע נאָטיצן און אַרטיקלען, האָב איך געמיינט, אז ער איז א זשורנאַליסט און דאָס איז זײַן פאַך. דערנאָך האָב איך געלייענט זײַן דערציילונג „ווײַסע

בעכט" און די דערינערונגען וועגן זײַן ברודער,
דעם מינסקער פּראָזאיִקער עליע קאַהאַן, און
כ'האָב אַנטדעקט, אַז ער דאַרף זײַן אויך אַ באַ־
גאַבטער בעלעטריסט. לייענענדיק זײַנע פּאָר־
שונגען „שאָלעם־אַליכעם און די צאַרישע צענ־
זור" און „די ייִדישע דראַמאַטורגיע און די צאַ־
רישע צענזור", האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קעדיי
זיך צו גריבלען אין אַזעלכע זאַכן, דאַרף מען

שעפּט פון אָט דעם קוואַל אין דער פולער מאָס...
אין דרויסן איז שוין גוט פינצטער, נאָר די
וואַיקאָוו־גאַס, ווי אַלץ אַרום איר, פינקלט מיט
די פײַערן פונעם אָוונטיקן לענינגראַד. כאָטש
ס'איז אַ שניי און אַ ווינט, ווילט זיך אַ שפּאַן
טאָן איבער אָט דער גאַס, וועלכע איז קימאַט
אין איין עלטער מיט דער שטאָט און וווּ אַף
טריט און שריט באַגעגנט מען זיך מיט דער



קינסטלער נאַטאַן אַלטמאַן: אַן עסקיז צו דער אויספירעמונג פונעם אוריצקי־פּלאַץ
אין ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע

האָבן אַ טאַלאַנט פון אַ ליטעראַטור־פאָרשער.
זײַנע עסייען וועגן נאַטאַן אַלטמאַנען, טאַנכום
קאַפּלאַנען, מיכאיִל קוני האָבן באַוויזן, אַז אויך
קונסט־קענטעניש איז אים ניט פרעמד. לאָזט
זיך גאָר אויס, אַז ער איז אויך אַ דראַמאַטורג,
אַ מיטגליד פון דער לענינגראַדער דראַמאַ־
טורגן־סעקציע באַם שרײַבער־פאַרבאַנד. דער
ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער האָט פּאַראַ־
יאָרן אופגעפירט זײַן פּיעסע „ניט פאַרגעסט",
און פאַרן מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנ־
סאַמבל האָט ער צוגעגרייט אַ פּיעסע אַף אַן
אַנטיפאַשיסטישער טעמע. זײַנע ווערק פון דער
„קליינער פאָרם" — סקעטשן, מאָנאָלאָגן און אַנ־
דערע עסטראַדע־שטיק — פירן אוף פאַרשיידענע
אַרטיסטן־גרופּעס אין לאַנד. קורץ גערעדט,
עליע קאַהאַנס אַ לײַבלעכער ברודער...
ווען מיר גייען אַרויס פונעם שרײַבער־הויז
און האַלטן שוין באַם געזעגענען זיך, טיילט זיך
זאַלמען קאַהאַן מיט זײַנע שעפערישע פּלענער.
ער קלײַבט זיך אָנשרײַבן אַ פאַרצייכענונג אַף
אַ לענינגראַדער טעמע און עטלעכע ביִאָגראַפי־
שע עסייען פונעם ציקל „מענטשן — זייער צײַט
און זייער גורל". לענינגראַד איז אַן אומויס־
שעפּלעכער קוואַל פאַר זײַן שאַפונג, און ער

געשיכטע אַליין, מיטן אָנדענק פון מענטשן,
וועלכע זײַנען נאָענט און טײַער ניט בלויז פאַר
די לענינגראַדצעס.
באַזונדערס לאַנג פאַרהאַלטן זיך די פאַרבײַ־
גייער לעם דעם הויז נומ. 25. דאָ, אין דעם
דאָזיקן הויז, איז מיט הונדערט יאָר צוריק גע־
ווען די טרויעריק באַרימטע „קאַמער פון פאָר־
לויפיקן אַרעסט". דאָ האָט מען געפּײַניקט די
העלדן־נאַראָדאָוואָלצעס. דאָ זײַנען געווען פאַר־
שפּאַרט וולאַדימיר איליטש לענין און די מיט־
גלידער פונעם „פאַרבאַנד פון קאַמף פאַר באַ־
פרײַען דעם אַרבעטער־קלאַס". דאָ האָט ווערא
זאַסוליטש געשאָסן אינעם הענקער־גענעראַל
טרעפּאָוו. פונדאַנען האָט מען געפירט אַפן עשאַ־
פאָט אַנדריי זשעליאַבאָוון, סאָפיע פּעראָווסקען,
ניקאָלײַ קיבאַלטשיטשן, טימאָפיי מיכײַלאָוון און
העסיע העלפמאַן, וועלכע האָבן אויסגעפילט
דעם אורטייל פון זייער אָרגאַניזאַציע איבער
אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.
און אָט איז דער היסטאָרישער טאַווריִשער
פּאַלאַץ, וווּ עס איז צום ערשטן מאָל נאָכן אומ־
קערן זיך פון דער עמיגראַציע אַרויסגעטראָטן
לענין. דעם 5 יאַנוואַר 1918 האָט סווערדלאָוו
פּראָקלאַמירט אין טאַווריִשן פּאַלאַץ די „דע־

קלאַראַציע פון די רעכט פון דעם אַרבעטנדיקן און עקספּלואַטירטן פאָלק". ניט איין מאָל האָבן דאָ געקלונגען די שטימען פון די רעוואָלוציע־טריבונען וואָלאָדאַרסקי און אוריצקי.

אַ קליינע גאַס. און אַזויפיל רעוואָלוציאָנערער רום, אַזויפיל געשיכטע...

די שײַן, וואָס ווערט ניט אויסגעלאָשן

ווען איך האָב מיט אַ יאָר דרײַ צוריק איבערגעליינט אַ נאָטיץ וועגן דעם, אַז דער לענינגראַדער לינגוויסט און סעמיטאָלאָג לייב ווילסקער האָט לויט ניט־פאַרעפנטלעכטע קסאַוויאָדן אָנגעשריבן און פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע אַף דער טעמע „די פאָרשונג פון דער שומרונישער שפּראַך" און אים איז צוגעייגנט געוואָרן דער טיטל קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן, האָב איך זיך — איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס — פאַרגעשטעלט, אַז ווילסקער איז אַ באַיאָרטער מאַן, וועלכער זיצט טאָג און נאַכט פאַרטאָן אין לייענען פאַרגעלטע פאַרמעטן, פאָליִאַנטן, געשריבענע מיט דריבנינקע אויסיִעלעך.

דערזען האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל אין אַרבעט־צימער — אַף דער פאָנטאַנקע, ווו עס געפינט זיך דער פיליאַל פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען און די אָפּטיילונג פון ליטעראַטור אַף די שפּראַכן פון די מיזרעך־פעלקער. ווילסקער איז נאָך פאַרהעלטנסמעסיק אַ יונגער מאַנצבל, אַ שטאַלטנער, פון העכער מיטעלן וווּקס, מיט טיפּישע אינטעליגענטע מאַנערן. שפּעטער האָב איך פאַרבראַכט אַן אָוונט מיט אים און מיט זײַן פרוי גיטע הלוסקינע. ביידע געלערנטע געהערן צו דעם ייִנגערן דאָר לענינגראַדער סעמיטאָלאָגן און מיזרעך־פאָרשער.

זאָגן, אַז לייב ווילסקער איז אַ זעלטענער ספּעציאַליסט אין זײַן פאַך, איז ווייניק. ער קאָן שאָענלאַנג ריידן וועגן אָפּשטאַם פון דעם אָדער יענעם היסטאָרישן צי ליטעראַרישן דאָקומענט אָדער אַפילע וועגן עפּעס אַן אויסדרוק, אַף וועלכן ער האָט זיך אָנגעשטויסן בײַסן דערלערנען אַן אַלטן קסאָוויאַד, ברענגען צו טראָגן גאַנצע סטאָסן האַנטביכער און אויסטײַטש־קוואַלן און מאָמענטאַל אָפּזוכן אין די פאָליִאַנטן דאָס נייטיקע וואָרט, — אַזוי, אַז דער, וואָס הערט אים, ווערט גלײַך אַרײַנגעצויגן אין דער פאָרשונגס־אַרבעט.

גיטע הלוסקינע איז אַ ספּעציאַליסט אין סעמיטישע שפּראַכן. אַפן מיזרעך־פאַקולטעט פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט אונטערריכטעט זי העברעיִש און סיריש, העברעיִשע ליטעראַטור. מיט אַ יאָר פינף צוריק האָט זי דערפאָלגרייך פאַרטיידיקט אַ דיסערטאַציע וועגן אומבאַוווסטע מאַנוסקריפּטן פון איינעם פון די באַדײַטנדיקסטע פאָרשטייער פון דער מיטלאַלטערלעכער העברעיִשער ליטעראַטור — אַלכאַריזי — און באַקומען דעם טיטל קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. קעדיי האָבן אַ מעגלעכקײַט צו לייענען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד",



קינסטלער ש. יודאָווין: באַם ברעג פון דער מאָיקע

האָט זי לעצטנס באַהערשט אויך די ייִדישע שפּראַך.

פאַר די עטלעכע שעה, וואָס איך האָב פאַרבראַכט בײַ דעם פּאָרפּאָלק, האָב איך זיך אויך דערוווּסט, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך איצט, אַוועלכע וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען זײַנען הײַנט בײַ זיי אַפן טאָג־סיידער. לייב ווילסקער איז פאַרטאָן אינעם באַוווסטן פירקאָוויטש־פאָנד פון דער ביבליאָטעק אַף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען. ער דערגראָבט זיך צו אַלץ נײַע און נײַע ווערטן. אײַנצײַטיק שטעלט ער צונויף אַ גענויע ביבליאָגראַפישע רעשימע פונעם אַרכיוו פון באַראָן גינצבורג.

— וואָס מער איך דערלערן דעם דאָזיקן אַרכיוו, — זאָגט ער, — אַלץ מער איבערצײַג איך זיך, אַז דאָס איז אַ גאַנצער אוצער פאַר דער געשיכטע פון די ייִדן אין רוסלאַנד אין דער צווייטער העלפט XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט.

ווילסקער האָט דערבײַ ניט פאַרלאָזט די טעמע, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פאַנאַנדעראַרבעטן אין זײַן דיסערטאַציע, — ער גרייט איצט אַן אַרבעט וועגן אייניקע אוניקאַלע שומרונישע ווערק, וועלכע געפינען זיך אין די ביבליאָטעקן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. גיטע הלוסקינע פאַרנעמט זיך מיט צונויפשטעלן האַנטביכער פאַר אירע סטודענטן, זי שרײַבט אַן אַרבעט אַף דער טעמע „לערמאָנטאָוו אַף העברעיִש".

ווילסקער און הלוסקינע דערציילן מיר, מיט וואָס עס זײַנען איצט באשעפטיקט אנדערע לענינגראדער סעמיטאָלאָגן און מיזרעך־פאָרשער. גרעטע מיכײַלאָוונע דעמידאָווא, לעמאָשל, וועלכע פירט אינעם אוניווערסיטעט די קורסן פון מײַרעוו־אראמעיִשער און העבּרעיִשער שפּראכן, דערלערנט דעם „טארגום אָנקעלעס״ — די איבערזעצונג פונעם כומעש אַף אראמעיִש. ליודמילע וואסיליעוונע מאליגינא פארענדיקט איר דיסערטאציע אַף דער טעמע „דער פּירקאָנסטאנטישער ווערב אין די סעמיטישע שפּראכן״. דער מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט פון מיזרעכקענטעניש בא דער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע פון פסר קלאַוודיע באָריסאָוונע סטארקאָווא האָט דאָ ניט לאנג פארעפנטלעכט א בוך „ליטערארישע דענקמעלער פון דער קומראנישער געמיינדע״. א דיסערטאציע אַף דער טעמע „מאור עין״ („דאָס ליכט פון אויג״) — וועגן איינעם פון די מערקווירדיקסטע פילאָסאָפישע ווערק פון מיטלאלטער — האָט פארטיידיקט מייער זיסלין.

— און אמוסין? — פרעג איך זיך אָן. — וואָס הערט זיך בא אָט דעם באוווּסטן מיזרעך־פאָרשער.

גיטע הלוסקינע לייגט אוועק אפן טיש א בוך נאָך א בוך, וועלכע דער געלערנטער האָט געשענקט דער מישפּאָכע ווילסקער. די מערהײַט ביכער זײַנען געווידמעט דער פּראָבלעם פון די קומראנישע קסאוויאדן. איצט זעצט פאָר יויסעף אמוסין זײַנע פאָרשונגען, און מע קאָן דערווארטן נײַע ארבעטן אַף דעם געביט.

צוזאמען מיט ווילסקערן גיי איך ארויס אַף דער באנאכטיקער גאס. אין אָט די שטילע שאָען הערט מען, ווי עס פּליוסקעט זיך אין די גראניט־ברעגן די אומרויִקע ניעווא. אומרויִק איז אויך מײַן באגלייטער. דאָס איז א זיסע אומרויִקײַט, וועלכע ברענגט צו נײַע אידייען, פאָרשונגען. איך ווייס, אז ביז שפּעט אין דער נאכט וועט הײַנט, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, ווי אין מעשעך פון פיל יאָרן, אין דער היים בא לייב ווילסקערן און גיטע הלוסקינע זיך ניט אויסלעשן די שײַן. א בלעטל נאָך א בלעטל וועלן צוקומען אפן טיש. דאָס איז בא זיי דאָס טײַערסטע אין לעבן. און עפשער איז עס אזוי וויכטיק ניט בלויז פאר זיי, ווײַל דאָס, וואָס זיי טוען, גייט ארײַן אינעם פאָנד פון דער קולטור, וועלכער געהערט צו אונדז אלעמען...

...דער איקער — איך זאָל ניט פארגעסן. גאָרנישט ניט פארגעסן. אין קיינעם ניט פארגעסן. נאָר ווי איז דאָס מעגלעך? אוואדע וואָלט געווען אינטערעסאנט צו דערציילן אויך וועגן א סאך אנדערע לענינגראדער טוישווים, מיט וועלכע איך האָב זיך באגעגנט אין מעשעך פון א וואָך צײַט. אָט, לעמאָשל, וועגן יעווסיי איסאָקאָוויטש פייסאכן, וועלכן מיר האָבן שוין געהאט דערמאָנט און מיט וועמען עס האָט מיך צונויפגעפירט ארן ווינקאָוועצקי. צי וועגן די לענינגראדער יִדישע קינסטלער — טאנכום קאפּלאן, שלוימע גערשאָוו, מארק קליִאָנסקי, יויסעף זיסמאן. וועגן זיי האָט מען שוין ניט ווייניק געשריבן, נאָר שרײַבן איז נאָך דאָ גענוג.

און עפשער גאָר ניט נאָר וועגן „ליריקער״, נאָר אויך וועגן „פיזיקער״ — לענינגראדער ארבעטער, אינזשעניערן, בויער, קאָנסטרוקטאָרן. איך האָב א סאך פון זיי געזען, מיט פיל פון זיי געשמועסט, זיך באקאנט מיט זייער מיאָפּענע מויכעס און גאָלדענע הענט. פּאטריִאָטן פונעם היימלאנד. כאָשעווע מענטשן אין זייערע קאָלעקטיוון.

נאָר לאָמיר דאָס דערווײַל אָפּלייגן אַף אן אנדערס מאָל...

אווראָם קאַהאַן

שלאָם-עליכעם

ראָמאַן

אָן וווינרעכט

וואַרטנדיק אַף אַ צוג, איז שאָלעם געזעסן פאַרוקט אין אַ ווינקל אַפן פּוסטן וואָקזאַלכל. דורכן פענצטער, וואָס איז געווען פאַרקלעפּט מיט בלויער קעלט, האָט ער קוים געזען דעם נידעריקן טונקעלן הימל, און געדאַכט האָט זיך, אַז ער הענגט לעבנלאָז איבער דער שווײַגנדיקער פּוסטקײַט. אין דעם אומהיימלעכן וואָקזאַלכל, וואָס איז ניט באַהייצט געווען, האָט די קעלט געבראָכן די ביינער.

מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און צעבראָכענעם געמיט האָט שאָלעם געוואָלט אַליין זיך דערגרונטעווען צום געדאַנק און פאַרשטיין, פאַרוואָס, אײַגנטלעך, האָט מען אים אַרויסגעטריבן פון סאָפּיעווקע? ווו ליגט די גרונט-סיבע? צי דען בלויז דערפאַר, וואָס ער מיט אָלגען האָבן ליב באַקומען איינס דאָס אַנדערע, ניט פרעגנדיק דערויף קיין דערלויבעניש בא דעם גײַוועדיק-פאַריסענעם ייִדישן פּאָרעץ עלימײלעך לאָיעוו? ניין, ניט דאָס איז די סיבע. גיכער פון אַלץ דערפאַר, וואָס שאָלעם ראַבינאָוויטש איז אַן אָרעם-באָכער און לאָיעוון שטייט ניט אָן דער ייִכעס...

פון אַגמעהנעפּעש האָט ער ניט געקאָנט אײַנזיצן אַף אַן אָרט. ער נעמט האַסטיק זיך אַרומדרייען איבער דעם קאַלטן וואָקזאַל-צימער פון איין ווינקל צום צווייטן.

אָ, אויב אים איז באַשערט צו זײַן אַ שרײַבער, וועט ער קאָנען באַשרײַבן די דאָזיקע שרעקלעכע אומגערעכטיקײַט! — טראַכט ער. דאָס לעבן זײַנס, כאָטש נאָך ווייניק האָט ער אָפּגעלעבט, האָט אַזוי שטאַרק אים געשמיסן, אַז ער קען עס שוין גאַנץ גוט.

פאַרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 1.

ס'איז צוגעפאלן דער אפדערנאכט — א לאנגווייליקער און אומעטיקער. אין פינצטערן וואקזאל־צימער שטייט נאך פאר לאנג צו ווארטן אפן צוג, און צי וועט גאר דער צוג קומען צו דער צייט...

אין אן אנטקעגנדיקן ווינקל זיינען געזעסן צוויי דרעמלענדיקע פאסאזשירן, איינגעהילט אין א מארעשכוירעדיקער שווייגעניש.

שאלעמען איז שווער אן מענטשן. ער צערעדט זיך מיטן פארפאלק, דערוויסט זיך, אז זיי וווינען ניט ווייט פון סאפיזשוקע און ער, דער פויער, פירט קיין קיִעוו זיין בלינדווערנדיק ווייבל. מיט א ציטערנדיקער שטים דערציילט ער, אז גוטע מענטשן האבן אים געגעבן געלט, ער זאל פארן צו א פראפעסאר.

כאטש די פרוי האט אים געצויגן באם ארבל — צוליב וואס אנטפלעקט ער די נעשאמע פאר א פרעמדן מענטשן, — האט דער פויער דאך פארגעזעצט דערציילן: זאל מען ווייסן, וואס פארא גוטע מענטשן עס זיינען פאראן בא זיי אין דארף.

מיטאמאל האט זיך צעעפנט די טיר, און א פארשוין איז ראשיק אריינגעקומען. ער האט גענומען זוכן מיט די אויגן און איז צוריק ארויס. ס'איז קאנטיק געווען, אז דער פארשוין איז דא אן אפטער גאסט.

אינגיכן דערהערן זיך שטימעס פון יענער זייט טיר, און טאקע גלייך שווימט אריין אן אנגעצונדענע ליכט אין עמעצנס האנט.

ווען מ'האט די ליכט איינגעמאסטעט אף א פענצטער־ברעטל און א געלבלעכע שיין האט באלויכטן דעם אומהיימלעכן וואקזאל־צימער, האט שאלעם דערזען דעם מעקלער סימכע טשאפקין. אין דעם גוטן פריצישן פעלץ און אין די טיפע ווארעמע יעגער־שטיול, מיטן פוטערל היטל, האט ער אויסגעזעען גאנץ סאליד.

שאלעם האט ניט געוואלט, יענער זאל אים דערזען, האט ער זיך אפגעקערעוועט און אוועק אין ווינקל נעענטער צום פענצטער. אבער טשאפקין איז אים נאכגעגאנגען. ער האט דערקענט שאלעמען און מיט זיין באשטענדיקן אזעס אויסגעשריגן:

— וועמען זע איך עס? דער לערער! זייער און זייער ווויל!

אפילע ווען שאלעם ענטפערט ניט, וואלט עס סיווי ניט אפגעשטעלט טשאפקינען.

— איר מיינט אוודע, איך ווייס ניט די גאנצע געשיכטע? — רעדט ער הויך. — שפייט זיך אויס דערויף. איך פאר איצט פון דארטן, טאקע פון סאפיזשוקע.

און דער מעקלער קלאפט ווייטער, ווי א סאראקע:

— ווהין קלייבט איר זיך פארן? מיסטאמע, קיין קיִעוו? פארט אהין, איך אליין וועל אייך דארט מיטהעלפן קומען צו א ברעג, בענעמאנעס. איך פאר אויך אהין, כ'האב געשעפטן מיט בראדסקין.

שאלעם איז געווען אומצופרידן פון דער אומאנגענעמער באגעגעניש, ער האט געוואלט זיך אפטשעפען פון דעם איינגעגעסענעם מעקלער. נאר דער זעלבסטצופרידענער טשאפקין האט ניט אופגעהערט צו פלאפלען:

— וואס שווייגט איר? קומט נאר אהער צו דער ליכט, לאמיך אף אייך א קוק טאן. אייער צושטאנד, יונגערמאן, איז מיר גאנץ גוט פארשטענדלעך. איך בין א מענטש, וואס ברענגט נאך נוצן. כ'ווייס, איר זענט איצט מיט א צעבראכן הארץ... אבער פארגעדענקט מיינע רייד, איר וועט מיך אמאל דערמאנען: לאיעווס יוירעש וועט איר זיין, און ניט קיין אנדערער! איי איצט האט לאיעוו אייך געגעבן דאס וועגעלע... אין לעבן קאן אלץ טרעפן! יעדנפאלס, נעמט זיך ניט צום הארצן, אלצדינג גייט פארביי, אזוי ווי א רעגן, אזוי ווי א שניי, אזוי ווי... הערט מיך אויס: זעצט זיך צו אף דער באנק, און לאמיר איבערכאפן. בא מיר איז שטענדיק, בארעכהאשעם, פאראן וואס צובייסן, מיט קיין ליידיקע הענט לאז איך זיך ניט אין וועג אריין. — ער מאכט אן ארט לעם זיך, אז שאלעם זאל זיך צוזעצן. — איר ווילט ניט, וועט אייך קלעמען דאס הארץ! וואס שווייגט איר? איר האט דאך מיסטאמע מיט זיך גארניט אף צו דערקוויקן די נעשאמע.

טשאפקין שלעפט ארויס דעם טייסטער פון בוזעם־קעשענע, נעמט ארויס געלט און שטופט שאלעמען אין דער האנט אריין.

— איר ווילט ניט נעמען, יונגערמאן? אייך מעג אנשטיין, ס'איז קאשער פארדינט געלט.

אוועקגעלייגט דאס געלט אין דער זייט, שפרייט טשאפקין אויס א פאפיר אפן טשעמאדאנדל, לייגט אוועק ווורשט, אן אפגעזאטענע הון, געבראטענעם לעבער און ברויט און הייבט אן קייען גאנץ געשמאק.

— הייסט עס, עסן מיט מיר ווילט איר אויך ניט? איר זענט גאר ניט הונגעריק? און די עטלעכע קארבן, וואס כ'וויל אייך אנטליין, זאגט איר זיך אויך אפ צו נעמען? מאדנע

יונגעלײַט הײַנטיקע יאָרן! איך זאָג אײַך בענעמאָנעס, אז ווֹוהין איך וועל זיך ניט קערן און ווענדן, זאָל איך האָבן צו טאָן ניט מיט קײן ערגערע יונגעלײַט, ווי איר.

שאָלעם האָט זיך אַ ציִ געטאָן פון דער באַנק, נאָר טשאַפּקין פאַרהאַלט אים טײַקעף.

— כ'האָב גאָר פאַרגעסן. בײַ מיר איז דאָך פאַראַן אַזאַ מאַשקע, וואָס אײַער באָבעס באָבע האָט אַזאַ מיסטאַמע אין די אויגן ניט געזען אָף די שענסטע און רײַכסטע סימכעס. פאָלגט מיך: פון אײן קאָפּעלע ווערט ליכטיק אין די אויגן. איז דאָס ווילט איר אויך ניט? דעמלט ווייס איך שוין ניט, מיט וואָס מע קאָן אײַך נעמען. איז אָט, יונגערמאַן, איך מוז אײַך זאָגן, אז הײַנט האָב איך געזען אײַער בסולע, בעפּייִרעש הײַנט...

ניט געקוקט אָף דער ביטל־באַציִונג צו אָט דעם פאַרשוין, האָט שאָלעם אופגעשטעלט מויל און אויערן, זיך צוגערוקט נעענטער, און ס'האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט:

— טאַקע, הײַנט געזען?

— יאָ, יאָ, בעפּייִרעש הײַנט.

— ווו?

נאָך אַ פּאַוזע ענטפערט טשאַפּקין געלאַסן, גאָר ניט לויט זײַן טעווע:

— זעט איר, אָט דאָס טאָר איך ניט זאָגן, געגעבן דאָס וואָרט לאָיעוון, אז מעגאָלע־סאָד זײַן טאָר איך ניט. איך בין דאָך אַן אָרנטלעכער מענטש. אײנס קאָן איך אײַך זאָגן: איך האָב זײ באַגעגנט אָפן שליאַך צו זאַקוטינצי. ווֹוהין זײ האָבן פאַרקערעוועט, איז מיר שווער צו זאָגן. אָבער האָט קײן יעסורים ניט, זײ וועלן ניט דערפאַרוירן ווערן, איר מעגט זײַן רויִק, יונגערמאַן.

שאָלעם האָט פאַרשטאַנען, אז פון טשאַפּקינען וועט ער מער זיך ניט דערוויסן, האָט ער באַשלאָסן מער גאָרנישט ניט פרעגן.

אין צוג פאָרנדיק, האָט טשאַפּקין באַנאַכט אין דער פינצטערניש, ליגנדיק אַנטקעגן שאָלעמען, עטלעכע מאָל געפּרוּווט אָנהייבן ריידן, נאָר שאָלעם האָט זיך געמאַכט, אז ער שלאָפט שטאַרק, איז יענער אויך סאָפקאָלסאָף אײַנגעשלאָפן.

אינדערפרי, שוין ניט ווײַט פון קיִעוו, האָט שאָלעם, וועלכער האָט קײן אויג ניט צוגע־מאַכט די גאַנצע נאַכט, געזען, ווי טשאַפּקין ליגט מיט אַן אָפן מויל אָף דער אַנטקעגנדיקער באַנק. פון אַ שטאַרקן טרייסל האָט טשאַפּקין מיטאַמאָל זיך אופגעזעצט און מיט צעלאָפּענע אויגן געפרעגט:

— שוין קיִעוו?

— נאָך ניט, — האָט שאָלעם געענטפערט אָן כיישעק.

אַרויסבאַקומען פון זײַן רענצעלע אַ האַנטעכל מיט אַ שטיקל זייף, איז דער מעקלער אוועק זיך וואַשן, אָבער אינגיכן זיך אומגעקערט מיט אַ טײַנע: „בײַ זײ איז דען אַן אָרדע־נונג״, און אומצופרידן אַרײַנגעוואָרפן דאָס האַנטעכל אין רענצל.

אין וואַגאָן זײַנען געווען געציילטע עטלעכע פּאַסאַזשירן. דער פּויער מיטן בלינדווערנ־דיקן ווײַבל האָבן אַרויסגענומען אַ טאָרבע, ווו ס'איז געלעגן ברויט מיט כאַזער־פלייש, זיך איבערגעציילעמט און גענומען עסן. דאָס האָט דערמאָנט טשאַפּקינען, אז ער דאַרף ביז קיִעוו נאָך איבערבײַסן, האָט ער ווידער צעלייגט זײַן שפּײַז אָפן טשעמאָדאַנדל. צווישן אײן ביס און צווייטן זאָגט ער:

— ראַבינאָוויטש, איר האָט דאָך פון נעכטן אינדערפרי אָן אין מויל גאָרנישט ניט געהאַט.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— איך ווייס. איך ווייס פון אַ סאַך סודעס, — ער רוקט צו עטלעכע שטיקלעך וווּרשט מיט ברויט צו שאָלעמען. — כאַפּט איבער און מאַכט זיך ניט גרויס. אין אַ פרעמדער שטאָט דאַרף מען קומען אַ זאַטער, פאָלגט מיך!

שאָלעמען האָט זיך געדאַכט, אז טשאַפּקין רעדט אים אין דער גאָל אַרײַן. ער וואָלט מיט גרויס האַנאָע אַ שמיץ געטאָן עפּעס אין טשאַפּקינס זעלבסטצופרידענעם פּאָנעם. באַם מעקלער זײַנען די באַקן אופגעבלאָזן, ער קײַט אַזוי כײַיש, ווי ער וואָלט געווען נאָך אַ לאַנגן טאָנעס.

אָפּגעגעסן, האָט ער פון אַ זשילעט־קעשענקע אַרויסגענומען אַ הילצערן בעדעלע און אָנגעהויבן אויסשטאָפּן און אויסרייניקן די ציין, דערבײַ צוגעפּײַפט און גערעדט:

— כ'וואָלט מיט פאַרגעניגן גענומען אײַך מיט זיך צו מײַן באַקאַנטן — איר האָט געוויס ניט, ווו סטאַנציע האַלטן אין קיִעוו, — האָב איך אָבער מוירע, אז זײַן טאָכטער איז געלעגן געוואָרן, זי איז אָף דער צײַט. אַניט, גלייבט מיר, וואָלט איך אײַך נישט אָפּגעלאָזט פון זיך, פאַרט עלימיילעך לאָיעוס אַ נאָענטער מענטש.

נעענטער צו קיִעוו האָט שאָלעם דורכן פענצטער געזען עלנטע פעלדער, באַדעקטע מיט שנײ־טוכן, דערנאָך פאַרשײדענע געבײַדעס — גרעסערע און קלענערע. זיי זײַנען געלאָפן אנטקעגן דעם צוג און פאַרבליבן אהינטן. דורך די ווינטערדיקע שווערע וואָלקנס האָט זיך דורכגעריסן די זון און באַלויכטן דעם אַרום.

שאָלעמס שאָכן האָט נאָכן עסן ווידער געדרעמלט.

ענדלעך האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט.

קיִעווער וואָקזאַל האָט איבעראַשט שאָלעמען. ער האָט נאָך קײנמאָל ניט געזען אַזאַ גרויסע געבײַדע. דער באָכער איז געשטאַנען צווישן דעם רוישנדיקן האַמוין און האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, ניט געוווּסט, וווּהין צו גײן, — דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט.

אױפן וואָקזאַל־פּלאַץ, וווּהין ס'האָבן אים אַרויסגעטראָגן די מאַכנעס מענטשן, האָט אים אָנגעיאָגט טשאַפּקינס שטים:

— וואַרט אויס, יונגערמאַן, פאָרט גלײַך אַראָפּ אױפן פּאָדאָל. דאָרט וועט איר טרעפן אָן אַ שיר ייִדן. פאָלגט מיך.

ער האָט נאָך עפּעס געשריגן, געמאַכט מיט די הענט, ווי ער האָט געהאַלטן זײַנע זאַכן, נאָר שאָלעם האָט אים מער ניט געהערט.

ווי יעדער מענטש, וואָס קומט דאָס ערשטע מאָל אין אַ פרעמדער שטאָט און נאָך אין אַזאַ גרויסער, ווי קיִעוו, האָט שאָלעם זיך אַ ביסל פאַרלוירן און געבליבן שטײן דערשלאָגן און אומבאַהאָלפן. קײן אײן באַקאַנט פּאָנעם... ער דערמאָנט זיך, אַז דאָ הי ווױנען עטלעכע העברעיִשע שריפטשטעלער־מאַסקילים, וועלכע האָבן אין פאַרשײדענע צײַטן געדרוקט אין די פּעריאָדישע אױסגאַבעס שירים און מײַמאָרים. דער אַנגעזעענסטער צווישן זיי איז, לויט שאָלעמס מיינונג, יעהאַלעל. שאָלעם וואָלט גלײַך פונעם וואָקזאַל זיך געלאָזט צו אָט די געהויבענע לײַט, איז ווער ווייסט, ווו געפינט מען זיי, און צי וועלן זיי אַפילו אַ קוק טאָן אױף דעם אומבאַקאַנטן פּערעיאַסלאַווער יונגערמאַן, וועלכער טרוימט צו ווערן אַ שרײַבער.

ער האָט באַשלאָסן זיך לאָזן אױף פּאָדאָל. קײן דערלויבעניש אױף צו וווינען אין קיִעוו פאַרמאָגט ער דאָך ניט, און אױפן פּאָדאָל וועט ער, מעגלעך, עמעצן געפינען, וואָס וועט אים מיטהעלפן.

ס'איז לײַכט צו זאָגן — זיך לאָזן אױף פּאָדאָל... וויאַזוי קומט מען אַהין? אַרומגעקוקט זיך, באַמערקט שאָלעם אַ באַלעגאָלע, וועלכער באַטראַכט אים.

— איר זוכט, מיסטאַמע, אַן אַכסאַניע? — פרעגט דער באַלעגאָלע.

— וואָס דען?

— אַ האַלבן קאַרב פאַרמאָגט איר, יונגערמאַן?

— כ'האָב.

— אין קריכט אין שליטן, וועל איך אײַך ברענגען אױף אַזאַ סטאַנציע, אַז דער אַשמעדײַ אַליין וועט אײַך קײנמאָל ניט געפינען.

— אַדראַבע, פּירט.

— אין וויל איך זען דעם האַלבן קאַרב, וואָס פאַר אַ כײן ער פאַרמאָגט, — זאָגט דער באַלעגאָלע מיט אומצוטרוי.

שאָלעם האָט באַצאָלט און אַרײַנגעקראָכן אין שליטן, וואָס האָט אײַלנדיק גענומען זיך גליטשן איבער די ווייניק פאַרשנייטע גאַסן.

שאָלעם האָט זיך געטוליעט אין זײַן דינעם מאַנטעלע און טיפער זיך אַראָפּגערוקט אין שליטן, מוירע האָבנדיק, אַז אָט־אָט וועט אַנלויפן אָן אָקאָלאָדעטשנע און אים הייסן באַווײַזן דעם פּאַס. און באַ אים אין פּאַס איז בעפײַרעש אָנגעשריבן, אַז ער, שאָלעם ראַבינאָוויטש, האָט רעכט צו וווינען בלויז אין די ערטער, ווו ס'איז לויטן געזעץ דערלויבט צו וווינען ייִדן. אין קיִעוו האָבן דאָך „פּראַוואָזשיטעלסטווע" בלויז אַזעלכע ייִדן, ווי סאָכרים פון ערשטער גילדיע, באַלמעלאָכעס — אייגנטימער פון וואַרשטאַטן, ניקאָלײַעווער סאָלדאַטן און אַזעלכע, וואָס זײערע קינדער לערנען זיך אין גימנאַזיע. און צו קײן אײנער פון אָט די קאַטעגאָריעס האָט שאָלעם קײן שײַכעס ניט.

דער שליטן לויפט אַראָפּ אַ באַרג צום פּאָדאָל, און די געדאַנקען לויפן אויך. און אָט שטעלט זיך אױף דער שליטן אין אַ שמאָל געסל באַ אַ נידעריקער שטוב. פון דאָרט קומט אַרויס אַ מענטש מיט אַ מעש־רויטער באָרד און מיט פײַערדיקע אויגן.

— ס'קאָצל קומט, — ווענדט ער זיך צום באַלעגאָלע, — וועמען האָסטו מיר געבראַכט?

— אַ גרינעם, רעב אַלטער. ס'זאָל זײַן זומער, וואָלט ער געטראָגן אַ יאַלדעוואַטע קאַפּעליושל, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן. — און צו שאָלעמען ווענדט זיך דער באַלעגאָלע: — היי, שיט זיך אַרויס פונעם שליטן!

פאמעלעכן ארויסגעשלעפּט די פּיס פונעם שליטן, האָט שאָלעם אויסגעשטרעקט די האַנט דעם באַלעבאָס פון דער אַכסאַניע. יענער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, באַטראַכט דעם פּריץ און געפרעגט:

— פאַר רעוויזיעס האָסטו ניט מוירע?

שאָלעם ענטפערט גאָרניט. דאָס האַרץ הייבט בא אים אָן ציטערן. ער ענטפערט ניט.

— א לאָווקע פאַרשווינדל האָסטו מיר צוגעשטעלט, קיווע. ווו האָסטו אים געפּאַקט?

— באַם וואָקזאַל.

אין שטוב, וווּהין שאָלעם איז אַרײַנגעקומען, זײַנען אַף קאַנאַפּקעס געזעסן עטלעכע מענטשן, אָנגעטאָנענע אין אייבערשטע מאַלבושים, גלײַך זיי וואָלטן געהאַלטן באַם אוועק־גיין. דערזען א פּריש אַרײַנגעקומענעם, האָבן אַלע זיך אופגעשטעלט און אָנגעשפּיצט מויל און אויערן. די פּנעמער זייערע — דערשראָקענע, אויסגעבלייכטע, ניט דערשלאָפענע. צווישן זיי — איינע א פרוי, א ווונדערלעך שיינע, מיט אזא אויסזען, וואָס אזעלכע מאָלט מען אַף בילדער מיט ביבל־סוזשעטן, — שלאַנק, קיינעוודיק, מיט קויל־שוואַרצע אויגן, א גלײַכע אויס־געטאָקטע נאָז און פּריש־רויטע ליפּן, וואָס מאַכן דאָס מויל פּריש און צוציִענדיק. א ציי־טערנדיקע, איז זי צוגעשטאַנען צו שאָלעמען, צי האָט ער ניט באַגעגנט קיין נאַדזיראַטעל.

די פרוי דערציילט טייקעף, אַז זי איז געקומען צו א דאָקטער און זיצט שוין אזוי פינף מעסלעס, ווײַל זי האָט מוירע זיך באַווײַזן אַף דער גאַס, מאַכמעס גראָד די ערשטע נאַכט איז פאַרגעקומען אַן „אַבלאַווע”. זי האָט קוים זיך אויסגעדרייט, ניט אַרײַנצופאַלן אין עטאַפּ. געקומען איז זי פון א שטעטל הינטער ווינניצע, ווו ס׳איז אַפילע קיין דאָקטער ניטאָ. מ׳האָט איר געזאָגט, אַז דאָ, אין קיִעוו, איז פאַראַן א פּראָפעסאָר קראַיעווסקי, וועלכער נעמט אַפילע קיין געלט ניט, ווײַל ער האָט זייער ליב זײַן פּראָפעסיע. בא איר איז אזא קרענק, וואָס דאָקטוירים זאָגן זיך אָפּ זי צו היילן: זי וויל האָבן א קינד, אַז ניט, וועט דער מאַן זי געטן. ס׳איז שוין צען יאָר נאָך דער כאַסענע...

אַלע אַרום שמייכלען, זיי זײַנען שוין גוט באַקאַנט מיט פיל פּראַטים פון אָט דער געשיכטע, ווײַל יעדן נײַ־אָנגעקומענעם דערציילט זי אַלץ פונדאָסנײַ. שאָלעם איז פאַרנומען מיט זײַנע אייגענע צאָרעס. די אָרכים קוקן אים נאָך און ווילן זיך דערוויסן, ווער איז ער און צוליב וואָס איז ער געקומען קיין קיִעוו. א דערשלאָגענער פון די שווערע געשעענישן אין סאָפּיעווקע, האָט שאָלעם קיין געדולד ניט געהאַט צו ענטפערן אַף די געשטעלטע פראַגעס.

ביסלעכווײַז זײַנען אייניקע זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען צוליב זייערע געשעפטן, און אַנדערע זײַנען געבליבן זיצן פאַרדײַגעטע, גלײַך אָקאָרשט האָט מען זיך אומגעקערט פון א לעווײַע. לײַכט איבערגעביסן, האָט שאָלעם ארויסגענומען זײַנע פּאַפּירן און אָנגעהויבן עפּעס פאַרצייכענען. ניט געקוקט דערויף, וואָס אַרום זײַנען געווען אומבאַקאַנטע מענטשן, האָט ער זיך שטאַרק פאַרטיפט אין זיי. מיט זײַן פּערלדיקן קסאַוו ווארפט ער אָן א שורע נאָך א שורע. געשריבן האָט ער אין העברעיִש. אָפּגעשריבן א צײַט, האָט ער, צום באַוווּנדערן פון די אַרומיקע, פּלוצעם אַף פּיץ־פּיצלעך צעריסן די פאַרשריבענע בייגעלעך פּאַפּיר און זיך גע־ווענדעט צו איינעם, וועלכער האָט מיט באַזונדער פאַרכאַפּטקײַט נאָכגעשפּירט נאָך שאָלעמען:

— רעב זײַט זשע מויכל, זאָגט מיר, איך בעט אײַך, אַז איר דאַוונט, פאַרשטייט איר דעם פּיירעש־האַמילעס?

דער מענטש איז פון דער פראַגע צעטומלט געוואָרן. ער נעמט זיך קראַצן די געמבע און קוקט פאַרלוירן אַף שאָלעמען און אַף אַלע, וואָס אַרום.

— איך פאַרשטיי ניט, יונגערמאַן, וואָס גייט עס אײַך אָן?

שאָלעם באַווײַזט נאָך ניט צו ענטפערן, ווי יענער גיט צו:

— איר האָט ווי געטראָפן. איך בין א פּאַשעטער מענטש און פאַרשטיי טאַקע ניט די שפּראַך, אַף וועלכער ס׳איז אָנגעשריבן די טפילע. מיט מיר דאַרף מען ריידן מאַמע־לאָשן. אָבער צו וואָס דאַרפט איר עס וויסן?

גיי דערצייל אָט די דערשראָקענע און פאַריאָגטע מענטשן וועגן זײַנע ראַיוינעס און געדאַנקען, וואָס מאַטערן אים מעסוקן: צי דאַרף ער שרײַבן אַף דער ביבל־שפּראַך, אָדער אַף דער שפּראַך, וואָס ער האָט אײַנגעזויגן מיט דער מאַמעס מילך.

— גלאַט אזוי, מײַן ליבער מענטש, איך דאַרף עס וויסן... — האָט געענטפערט שאָלעם. — איך דאַנק אײַך.

און ווידער האָט ער זיך פאַרטיפט אין זײַנע פּאַפּירן. ער וועט שרײַבן אַף „זשאַרגאָן” א מײַסע טאַקע וועגן זיך אַליין און וועגן אַלגען. דעם נאָמען האָט ער צוגעטראַכט א פּלעטנ־

דיקן — „צוויי שטיינער״, און א סאָף — א געפערלעכן און אכזאָריעסדיקן. בעסער זאָל ניט מעקויעם ווערן דאָס, וואָס שאָלעם האָט צוגעטראַכט וועגן זײַנע העלדן.

א גאַנצן טאָג האָבן די ארומיקע געזען, ווי דער מאָדנער יונגערמאַן דראַקעט אין זײַנע פּאַפּירלעך, ער הערט ניט און זעט ניט, וואָס ארום אים טוט זיך. ביז דער באַל־אַכסאַניע איז ניט צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— הער נאָר דו, יונגערמאַנטשיק, האָסט וווהין אוועקצוגיין, אויב ס׳וועט זיך אָנהייבן א רעוויזיע?

איבער דער שטוב צעטראָגט זיך גלײַך א ווײַבערישער קוויטש. דאָס האָט געלאָזט וויסן וועגן זיך די שיינע פרוי, וואָס איז געקומען צום דאָקטער.

— ווידער א רעוויזיע? — צעווייַנט זי זיך. — ווער זאָגט עס?

— שאַט, איר וועט נאָך שטערן דעם שרײַבערל, — כאַפּט זיך איינער מיט א האַרטער באָרד און מיט א רויטן פלעק אפן שטערן. — זאָל ער אָפּשטיין זײַן שעמענעסרע.

אלע האָבן זיך צעלאַכט. אויך שאָלעם אליין לאַכט אָף א קאָל. און דאָס האָט אים דערנעענטערט מיט די אָרכים. ער באַהאַלט די פּאַפּירלעך און נעמט דערציילן דעם אוילעם א געשיכטע, וואָס פאַרכאַפּט אלעמען און מאַכט צו פאַרגעסן די שרעק, מיט וועלכער איט־לעכער איז אָנגעשטעקט.

ס׳איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט. אין ביין־האַשמאָשעס האָט שאָלעם געוואָלט ארויסגיין אין דרויסן, איז צו אים צוגעגאַנגען א באָכערל, וועלכער איז די גאַנצע צײַט געזעסן אין א ווינקל און פון דאָרט נאָכגעשפּירט נאָך שאָלעמען.

— גייט ניט, — זאָגט ער, — איר וועט זיך נאָך ארײַנפּאַקן אין זייערע הענט.

— אין וועמענס?

— צו דער פּאָליציי אין די הענט. איך ווייס שוין. גייט ניט...

זיי האָבן זיך באַקאַנט. דאָס איז געווען א יונגערמאַן מיט שמאָלע אַקסלען, א צעפּלאַמטן פּאָנעם און מיט א באַגײַסטערטן בליק אין די אויגן. די באַקן זײַנען בא אים עטוואָס באַדעקט מיט טונקעלן פּוך. ער האָט דערציילט וועגן זיך, אז ער איז אַנטלאָפן פון שווער־און־שוויגער, פאַרלאָזט א יונג ווײַבל, מיט וועלכער ער האָט ערשט ניט לאַנג כאַסענע געהאַט. גע־ווען א יעשיוועבאָכער, א ווויל־לערנער, און געקומען איז ער קיין קיִעוו, עפּשער וועט ער דאָ קאָנען אָנקומען אין אוניווערסיטעט.

— כ׳האָב געזען, אז איר האָט מיט האַסמאָדע געשריבן דעם גאַנצן טאָג, פאַרשטיי איך, אז איר שטרעבט אויך זיך לערנען. איז העלפט מיר מיט, איך בעט אײַך.

אָף שאָלעמען האָט דער אַנטלאָפענער יעשיוועבאָכער געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק, ארויסגערופן אכטונג. מיט וואָס אָבער קאָן ער אים העלפן? ער איז אליין עלנט, צעבראָכן, עמעס, דעם מוט האָט ער ניט פאַרלוירן. זיסע געדאַנקען האָט דערוועקט אין שאָלעמען אָט דער יונגערמאַן: אין אזא פינצטערניש שטעלט זיך אײַן א יונגער מענטש, רײַסט זיך אָפּ פון דער אײַזערנער קייט, וואָס האָט געבונדן צום אלטן, צו דורעסדיקע טראַדיציעס, און זיך ארויסגעריסן זוכן ליכט.

— פונוואַנען זײַט איר געקומען? — פרעגט שאָלעם.

— פון בערדיטשעוו.

— פון בערדיטשעוו... — בא שאָלעמען זײַנען מיט אָט דער שטאָט פאַרבונדן שווערע איבערלעבונגען: זײַן שטיפמאַמע... און איצט די „מומע״ טויבע, וועלכע האָט גוירעם געווען, ער זאָל פאַרטריבן ווערן פון סאָפּיִעווקע.

ניט ווייסנדיק, מיט וואָס צו דערוואַרעמען דעם יונגן מענטשן, האָט שאָלעם אים אָפּגע־רופן אין א ווינקל און גענומען פאָרלייענען די ערשט אָנגעשריבענע מײַסע „צוויי שטיינער״, וואָס איז געווען נאָך גאָר רוי, ניט באַאַרבעט. דערפילט אין יונגנמאַן אן אופמערקזאַמען צוהערער, איז שאָלעם געווען העכסט צופרידן, וואָס אים איז אײַנגעפאַלן דער געדאַנק פאַר אים דעם ערשטן פאָרלייענען.

— פאַרוואָס האָט איר ניט אָנגעשריבן אײַער כיבער אין דער העברעיִשער שפּראַך? — האָט געפרעגט דער יונגער צוהערער.

— אָט דאָס טאַקע מוטשעט מיך — אָף וואָס פאַר א שפּראַך זאָל איך שרײַבן? איך וויל, אז פּאָשעטע מענטשן זאָלן מיך פאַרשטיין.

א פאַרקלעמטער איז דער יונגערמאַן געבליבן זיצן אין דעם ווינקל, ווו ס׳איז געלעגן זײַן קלומעקל.

פּלוצעם איז ארײַנגעלאָפן דער באַל־אַכסאַניע און געזאָגט, אז הײַנט באַנאַכט דערוואַרט מען אן אָבלאַווע, זאָלן אלע זיך פאַרנעמען מיט זייערע קלומקעס.

— וווהין, וווהין? — האָט מען דערשראָקן זיך נאָכגעפרעגט.
טוט ער א קראַץ די מעשענע באָרד און זאָגט שוין געלאַסענער:
— מײַן באהעלטעניש איז געוויינלעך אפן בוידעם, נאָר הײַנטיקס מאָל וועל איך אלעמען באהאלטן אין קעלער.
— מע קאָן דאָך דאָרטן פארפרוירן ווערן, — באַמערקט עמעצער.
— איז גייט מיטן עטאַפּ, וועט איר זיך דערוואַרעמען, — ענטפערט קאַלטבלוטיק דער באַל־אַכסאַניע.
מ'איז שטיל געבליבן און שווײַגנדיק געגומען צונויפּלייגן די פּעקלעך.
— ווי נאָר איך וועל א פּיפּס טאָן, איז ניט געײַלט און גלײַך אין קעלער.
קיינעם האָט זיך ניט געגלוסט פארלאָזן דאָס שוין אָנגעוואַרעמטע ווינקל. די פּרוי, וואָס איז געקומען זיך היילן, איז געבליבן שטיין לעבן שאָלעמען מיט דערשראָקענע אויגן און אומגליקלעך געקוקט אָף אים.
— איך האָב אזוי מוירע, — האָט זי, קימאַט ווייַנענדיק, געזאָגט. — און איר, יונגערמאַן?
שאָלעם קוקט ניט אין איר זײַט, ער לייגט שווײַגנדיק צונויף זײַן פּעקלעלע.
— איר ווייסט נאָך ניט דעם טאַם דערפון, דערפאר אַרט אײַך ניט, — גיט צו די פּרוי.
אין עטלעכע שאָ ארום איז שוין שאָלעמען אויסגעקומען פארזוכן דעם טאַם פון „פּראַוואָזשיטעלסטווע"...
אַרײַנפאַלן אין דעם פינצטערן, נאַסן קעלער איז אפילע פאר שאָלעמען, דעם מונטערן באָכער, געווען א שטיק ניסאָיען. דאָרט זײַנען די צעשרויפטע מענטשן געוואָרן נאָך אָנגעשפּיצטער און נערוועזער. אָף וואָס צו זעצן זיך איז ניט געווען, איז מען געשטאַנען האַרט צונויפגעפּרעסט איינער לעבן אנדערן און זיך געוואַרעמט מיטן אייגענעם אָטעם. בא יעדן שאָרך איז אַנטרונען דער מאַמעס מילך.
— וויפל איז דער זייגער? — דערהערט זיך א קאָל אין דער פינצטערניש.
— צינדט אָן א שוועבעלע, וועל איך אײַך זאָגן, — ענטפערט שאָלעם.
— ניין, ניין, מע דאַרף ניט אָנצינדן... — בייזערט זיך א ציטערנדיקע שטים.
שוין נאָענט צו פאַרטאָג האָט זיך אַרײַנגעריסן דער מעשאָרעס פון אכסאַניע און מיט א סוידעספול קאָל געוואָרנט:
— קריכט ארויס, מענטשן, וווהין ווער עס קאָן. דער באַלעבאָס האָט געהייסן זאָגן, אז זיי גייען אהער...
ווער ס'איז דער „זיי", איז דאָ, אין קעלער, פאר איטלעכן געווען קלאָר.
— איינציקווײַז, איינציקווײַז רוקט זיך ארויס, — הערט מען מיט הארצקלאַפּעניש דאָס קאָל פונעם מעשאָרעס.
ארויס אָף דער פרײַער לופט אין דער בלאָווער שניייִקער נאַכט, האָט שאָלעם ניט געוווּסט וווהין זיך צו לאָזן. אלע זײַנע שכיינים פונעם קעלער זײַנען זיך צעקראָכן, ווי מײַז.
שאָלעם טאַפּט ניט זיכער מיט די פיס די ערשט באַטראָטענע ערד און לאָזט זיך פּאַריס. א פאַרשײַט העפקער־געפיל האָט אים באהערשט. גראָד דאָס, וואָס ער האָט ניט געוווּסט, וווהין עס קאָן אים פּאַרוואָרפן מאַמעש אין געציילטע מינוטן ארום, האָט אים גערייצט און געטריבן. הייסע יוגנטלעכע האַפּערדיקײַט האָט אים געפּיקט אין מויעך: ווערסט ניט פארפאַלן ווערן.
אונטער דער ווירקונג פון דער ערשט אָנגעשריבענער דערציילונג האָט ער אין די מינוטן געגלייבט, אז איטלעכער האָט זײַן אייגענעם שטערן, וואָס וועט זיך ניט אויסלעשן, ווי לאַנג ער וועט לעבן. זײַן שטערן איז אָלגע. זי רופט אים פּאַריס. עמעס, דערווײַל האָט מען זי אָפּגעריסן פון אים, נאָר ער וועט זי געפינען...
אײַנגיכן איז צערונען געוואָרן די פינצטערניש און אין דער דורכזיכטיקער לופט איז געבוירן געוואָרן דער טאָג. דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט שאָלעם אָן א באַשטימטן ציל געבלאָנקעט איבערן פּאַדאָל. ס'האָט זיך גענומען פאַרגאַנווענען א געדאַנק, צי האָט ער ניט געמאַכט קיין טאָעס דערמיט, וואָס ער איז געקומען קיין קיִעוו.
— פאַנע וואָטשיטעליו... — דערהערט שאָלעם פּלוצעם א באַקאַנט קאָל.
ער קוקט זיך ארום און דערזעט: פאר די אויגן שטייט פּאַוולאָ גאַראַוואַי, אָנגעטאָן אין ארבעטס־קליידער, שטאָטיש, גאָר נישט ענלעך אָף יענעם פּאַרובאָק, וועלכן ער האָט דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אָף דער שיף.
ביידע האָבן שטאַרק זיך דערפרייט.
— וואָס טוט איר דאָ? — וויל גאַראַוואַי וויסן.

ער, גאַראַוואַי, זינט ער איז אַנטלאָפן פונעם דאָרף, וווינט בא זײַנעם א פרײַנטל, און אוליאַנע איז שוין אויך מיט אים. איצט גייט ער אַף דער אײַזנבאַן, ווו ער אַרבעט.

— און איר, פאַנע וואָטשיטעליו, ווו געפינט זיך?

שאָלעם ווייסט ניט, וואָס צו דערציילן וועגן זײַן לאַגע.

— קומט צו מיר, — גאַראַוואַי נעמט אָן שאָלעמען בא דער האַנט. — איך גיי איצט צו דער אַרבעט, אָבער אוליאַנע איז אין דערהיים. זי וועט זיך דערפרייען מיט אײַך. כאָטש איר זײַט נאָך ניט באַקאַנט. — און נאָך א פּאַוזע: — איז וואָס זשע שווײַגט איר? פאַרשרײַבט דעם אַדרעס, ס'איז ניט ווײַט פונדאַנען. איר וועט זיך בא מיר אויסרוען פון וועג. אַזא אומגעריכטער גאַסט... — און גאַראַוואַי האָט פרײַנטלעך אַרומגענומען שאָלעמען.

— גוט, כ'וועל קומען, פּאַוולאַ.

— כ'בין זייער צופרידן, פאַנע וואָטשיטעליו.

— וואָס בין איך אײַך פאַר א פּאַן, פּאַוולאַ!

— נו, דאָבּרע, דאָבּרע. איז קומט איר. און ווי איז אײַער אַדרעס? טאָמער קומט איר ניט, זאָל איך וויסן, ווו אײַך צו געפינען.

— איך האָב ניט קיין אַדרעס... — שאָלעם שעמט זיך פאַר זײַן לאַגע. — איך בין פאַרבײַגעפאָרן... — ער פילט זיך ניט גוט, וואָס ער זאָגט ניט דעם עמעס.

— איז קומט צו גיין, מיר וועלן וואַרטן אַף אײַך, — האָט ווידער געזאָגט גאַראַוואַי.

באַ פרײַנט

א טאָג אין בלאָנדזשעניש, א טאָג אין אַנגסטן. וואָס וועט ער, שאָלעם, טאָן דאָ, אין קיִעוו, דאָס שטעלט ער זיך גאָר ניט פאָר.

צו דער ברוסט דריקט ער פעסטער צו דאָס פּעקל מאַנוסקריפּטן, ווי דאָס זאָל זײַן דער רעטונגס־אַנקער.

ווי קימאַט יעדן שרײַבער־אָנפאַנגער, האָט אויך שאָלעמען זיך געדאַכט, אַז זײַנע שרײַבעכצן דאַרפן אויסנעמען בא די לייענער. דעריבער איז גרויס געווען דער כיישעק צו באַווײַזן עמעצן פון די קיִעווער ליטעראַטן דאָס, וואָס ער האָט פאַרפאַסט.

דעם גאַנצן טאָג האָט ער געזוכט יעהאַלעצן, וועלכער שרײַבט אַף העברעיִש, און ניט געקאָנט אים געפינען. אָן אַנטוישטער, א מידער, באַשליסט ער זיך לאָזן צו גאַראַוואַיען. דורכגעקאָנטראָלירט דעם אַדרעס, האָט ער זיך געלאָזט זוכן זײַן פרײַנט. דער ווינטערדיקער טאָג איז קורץ, דאַרף מען זיך צוײַלן, קומען אַהין, ביז עס וועט פינצטער ווערן.

די קרעשטשאַטיק־גאַס און די אײַלנדיקע, וואַרעם אָנגעטאָנענע מענטשן זײַנען שאָלעמען פרעמד. נאַטירלעך, קיינער קוקט זיך ניט אום אַף דעם יונגנמאַן אינעם האַלב־אָפּגעריבענעם פּאַלטאָכל מיטן שמויסענעם היטל, פון אונטער וועלכן עס קריכן אַרויס לאַנגע האָר, וואָס פאַרדעקן אים די אויערן. שאָלעמס אויגן לויפן אַף רעכטס און אַף לינקס, גלײַך ער וויל פאַרגעדענקען די שיינקײַט פון דער גאַס, וואָס איז באַגאָסן מיט שײַן פון דער פאַרגייענדיקער זון. די העלע און פאַרביקע שילדן אַף די קראָמען און געשעפטן רייצן אים. ער וואָלט גערן אַרײַנגעגאַנגען ערגעץ עפּעס איבערבײַסן, נאָר ער געדענקט גוט, אַז אין זײַן קאַלטער קעשענע פײַפט דער ווינט...

ער פאַרקערעוועט צו א גאַס, וואָס גליטשט זיך אַראָפּ צום ברעג פון דניעפּער און קומט אַרויס צו פאַרשנייטע און פאַראַסעמטע שילוֹים. עס פאָרט דורך א פורל, און דער באַלעגאָלע פאַרבעט שאָלעמען מיט א זשעסט זיך אופזעצן: ס'איז גליטשיק זיך אַראָפּלאָזן צופוס. שאָלעם ווינקט צום באַלעגאָלע מיט די אויגן: פאַר אים איז ניט גליטשיק, ער שטעלט פעסט זײַנע פיס און וועט זיך ווי־ניט־איז דערקלײַבן וווהין ער דאַרף.

און אָט איז ער שוין באַם ברעג פונעם טײַך, אַף יענער גאַס, ווּהין ער דאַרף. הינטער א נידעריקן הילצערנעם פּלויט, באַדעקט מיט א שנייִיקן דאַך, שטייט א שטיבל, וואָס קוקט מיט קליינינקע פענצטערלעך צום דניעפּער. גאַראַוואַי האָט אים דאָס שטיבל אויסגעמאָלט גענוי און פּינקטלעך.

שאָלעם עפנט אוף די פירטקע און לאָזט זיך מיט דער אײַנגעטאָפּטשעטער סטעזשקע צום שטיבל. ער קלאַפּט אָן, און די טיר עפנט א יונגע פרוי אין אן אויסגענייטער אוקראַיִנישער בלוזקע.

— איר זענט, געוויס, אוליאַנע? — פרעגט שאָלעם צוריקגעהאַלטן.

— יאָ,— ענטפערט די פרוי פריינטלעך.
— פאוולאָס פרוי?
— אוודע, — זאָגט פאַרוווּנדערט די פרוי און פאַרבעט שאָלעמען אין שטוב אַרײַן.
דער גאַסט קוקט זיך אַרום און דערזעט אַ קינד אין אַ געפלאָכטענעם קויש, וואָס הענגט צוגעבונדן צו אַ קרוק אויף דער סטעליע.
— וויפל איז אַלט אײַער ברעקעלע? — טוט שאָלעם אַ פרעג אומגעריכט פאַר זיך אַליין.
— שוין באַלד צוויי יאָר, — ענטפערט די פרוי. — איר זענט אַ דאָקטער?
— ניין. פאַרוואָס מיינט איר, אַז איך בין אַ דאָקטער?
— ווײַל פאוולאָ האָט צוגעזאָגט שיקן אַ דאָקטער, דאָס קינד הוסט. טוט זיך אויס און זעצט זיך צו, פאוולאָ דאַרף פון מינוט צו מינוט אַרײַנקומען, — זאָגט זי און קוקט דערבײַ אויפן קליינעם וואַנטזייגער.
און בעפֿײַרעס אין דער מינוט, בייס שאָלעם האָט געהאַלטן אין אויסטאָן זיך, איז גאַר ראַוואַי מיט נאָך איינעם אַן אײַזנבאַנער אַרײַנגעקומען אין שטוב.
— אוליאַנע, דו ווייסט, ווער דאָס איז? דער לערער פון לאַיעווס הויז, — זאָגט צופרידן פאוולאָ.
— דער לערער? — אוליאַנע האָט פאַר פרייד אַ פליעסקע געטאָן מיט די הענט.
זי האָט אונטערגערוקט שאָלעמען אַ טאַבורעטל און גענומען געטרײַ אים אויסווישן מיטן פאַרטעך.
— פאוולאָ, — האָט זי דערבײַ געדערעדט, — לויף און ברענג אַרײַן פונעם קעלער עפעס אויף דערקוויקן די נעשאָמע. אַזאַ גאַסט! אפאַנאַסי קוזמיטש, באַקענט זיך. דאָס איז אונדזער אַ זעמליאַק, אַ גוטער פרײַנט, אַ לערער.
אפאַנאַסי קוזמיטש האָט דערלאַנגט די האַנט שאָלעמען, דערנאָך זיך צוגעזעצט צום טיש, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פונעם יונגנמאַן, וועלכן אוליאַנע האַלט אין איין לויבן.
אינגיכן האָט פאוולאָ אַרײַנגעבראַכט אַ פולע שיסל מיט געזײַערטע אוגערקעס און קאַפּוועס, אוועקגעשטעלט אויפן טיש און איז צוגעגאַנגען צום קינדס וויגעלע.
— אוליאַנע, — זאָגט ער, — איך וואָלט אַ באַלן געוווּן אופוועקן דאָס קינד, זאָל סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש זי זען.
— מע דאַרף ניט, — שטעלט אָפּ אוליאַנע דעם מאַן, — זי וועט אינגיכן זיך אַליין אויפכאַפּן. זי הוסט איצט אַ ביסל. אַזוי איז זי אַ געזונט קינד, אַ פריילעכס. אָט האָט זי געעפנט די אויגן.
די מוטער גייט צו און נעמט אַרויס דאָס מיידעלע אויף די הענט. דערזען פרעמדע מענטשן, נעמט דאָס קינד זיך פּעסטען, מאַכן פּיסקעס.
— שטילער, טעכטערל, וויין ניט. אַן אַנגעלייגטער גאַסט איז צו אונדז געקומען, — רעדט אוליאַנע צום קינד.
— איך בין זייער צופרידן, וואָס איך זע אײַך געזונטע און מונטערע, — זאָגט שאָלעם.
— יאָ, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, וואָס, אייגנטלעך, האָט אײַך אַראָפּגעבראַכט קיין קיִעוו? מיך ציקאַוועט זייער, — איז נײַגעריק גאַראַוואַי.
— כ׳ווייס נאָך אַליין ניט, — בלײַבט שאָלעם אין פאַרלעגנהייט, אָבער גלײַך נעמט ער דערציילן, וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען אין סאָפּיעווקע.
— און ווו אָפּשטעלן זיך אין קיִעוו האָט איר? — פרעגט שטיל אוליאַנע.
— ניין! — ענטפערט שאָלעם מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.
— וועט איר וווינען בא אונדז, — כאַפּט אונטער אוליאַנע.
— איך טאָר ניט...
מאַן און ווײַב קוקן זיך איבער, זיי פאַרשטייען גאָרניט.
— פאַרוואָס?
שאָלעם שווײַגט. דעמלט האָט אפאַנאַסי קוזמיטש זייער דעליקאַט, קעדיי ניט אָנרירן שאָלעמס אייגנליבע, דערקלערט וועגן צאַרישן געזעץ, וואָס פאַרבאָט דער ייִדישער אָרעמקײַט צו וווינען אין קיִעוו, פּעטערבורג, מיט איין וואָרט — אין גרויסע שטעט.
— איוואַן זאַסיאַדקאָ, וועלכער אַרבעט מיט מיר — פאוולאָ קען אים, האָט דערציילט, ווי ער איז איינמאָל אַן איידעס געווען, אַליין געזען, ווי אויפן באַן האָבן די זשאַנדאַרמען פאַרהאַלטן אַ ייִדן און אָפּגעשיקט אים מיטן עטאַפּ צוריק אַהין, פונוואַנען ער איז געקומען קיין קיִעוו. דער אומגליקלעכער האָט זיך געבעטן, מע זאָל אים אָפּלאָזן, ער איז געקומען צו אַ דאָקטער זיך היילן, אָבער ס׳האָט גאָרנישט ניט געהאָלפן.
פאוולאָ האָט זיך האַסטיק אופגעשטעלט.

— דושעהובי! — האָט ער אויסגעשריגן. — און איך האָב וועגן דעם ניט געוווּסט.

אוליאַנע האָט הארציק געטײַנעט:

— ווינט בא אונדז, סאַלאָמאָן נאומאָוויטש, איך וועל פאַר אײַך גאָט בעטן... עפשער וועט מען אײַך ניט טשעפּען.

שאָלעם האָט אָפּגעדאַנקט פאַר אַלץ און געוואָלט אוועקגיין אין דער נעכטיקער אכסאַניע, נאָר די באַלעבאַטים האָבן אפילו ניט געוואָלט הערן, ס'איז ניט ענג בא זיי, און זאָל דער לערער אפילו ניט טראַכטן וועגן אוועקגיין.

אוליאַנע האָט אויסגעבעט א געלעגער, אָנגעצונדן א ליכט און אוועקגעשטעלט אפן ראַנד פון טיש, טאָמער וועט דער לערער וועלן לייענען פאַרן שלאָף.

אפאַנאַסי קוזמיטש האָט פאַרן אוועקגיין פאַרגעלייגט שאָלעמען איבערזײַן בא אים. ער ווינט גראָד אף אזא גאַס, וווּהין קיין לעבעדיקער פּאָליצייסקי וועט זײַן נאָז ניט באַווײַזן. כוץ דעם, הערט ער די זשאַנדאַרמען — די הינט — פאַר א דרײַער. אפילו א גאַנץ יאָר קאָן דער לערער בא אים איבערזײַן, דאָס וועט ניט אים, ניט זײַן ווײַב ניט שטערן, פאַרקערט, ס'וועט זײַן היימלעכער.

א גרויסן דאַנק די ליבע מענטשן פאַר זייערע וואַרעמע הערצער, נאָר ער וויל ניט ענג מאַכן זיי.

— סײַוויסײַ וועלן מיר אײַך ניט אָפּלאָזן, — האָט געשמייכלט אוליאַנע, — וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפן!

אינדערפרי איז שאָלעם צוזאַמען מיט גאַראָוואַיען אוועק אין שטאָט אַרײַן. די גוטהאַרציקע באַלעבאַטים האָבן בא אים גענומען דאָס וואָרט, אז אויב הײַנט וועט ער קומען צו זיי אף נאַכטלעגער. זאָל דער לערער וויסן, אז זייער שטוב איז אויך זײַן שטוב, אף וויפל צײַט ער וועט דאַרפן פאַרבלײַבן אין קיִעוו.

די דאָזיקע ווערטער האָבן שאָלעמען א גאַנצן טאָג געקלונגען אין די אויערן. און דערביי איז אים בעפּיירעש רויִקער, גרינגער און לינדער געווען אין דער פרעמדער שטאָט.

א באַגעגעניש מיט א לעבעדיקן שרײַבער

א פאַרדײַגעטער, האָט שאָלעם בעפּיירעש ניט געוווּסט, וואָס וועט ער טאָן אין קיִעוו; עפשער זאָל ער ביכלאַל גלײַך אריקער זײַן קיין פּערעיאַסלאַוו צום פאָטער, וועלכער וואָלט אים אופגענומען מיט צעשפּרייטע אָרעמס.

אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אז פונדאַנען איז ער נעענטער צו אָלגען, און ווײַל אזוי, זײַנען פאַר אים ניט שווער געווען די ניסיוינעס, וואָס ער דאַרף דאָ אויסשטיין. כוץ דעם, האָט ער געמיינט, אז דאָ, אין דער שיינער שטאָט, וועט געבוירן ווערן זײַן שריפשטעלערישער גוירל, וועגן וועלכן ער האָט ניט איין מאָל געקלערט צוזאַמען מיט אָלגען.

געצויגן האָט אים צו באַקענען זיך כאָטש מיט איין לעבעדיקן שרײַבער, אַנטפּלעקן פאַר אים זײַנע סוידעספּולע געדאַנקען און געפילן. און עפשער וועט יענער גאָר זיך אויסלאַכן פון דעם פּראָווינציעלן לערער — דעם טרוימער...

קלערנדיק אזוי, איז שאָלעם אוועק צו בראָדסקיס מיל. דאָרט, ווי ער האָט זיך דערוווּסט, דינט דער העברעיִשער פּאָעט יעהודע־לייב לעווין, וועלכער שרײַבט אונטערן פּסעוודאָנים יעהאַלעל.

אין א פרעמדער שטאָט, ווו יעדער שטיין איז פרעמד, קערעוועט זיך צו דיר אַלץ אויס מיטן רוקן. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, געפינט זיך די מיל ערגעץ אין אויסרײַסעניש, און ניט אזוי די מיל, ווי די קאָנטאָר אירע. ווילדע ברוגז האָבן אף שאָלעמס אָנפראַגעס וועגן יעהאַלעלן געענטפערט גאָר מיט א וויץ און לײַצאָנעס. און ווען שאָלעם האָט שוין סאָפּקאָל־סאָף געפונען דעם קאַסירער לעווין־יעהאַלעל, האָט יענער ניט געוואָלט דאָ אפן אָרט אפילו א וואָרט אויסריידן מיטן באַכער און געהייסן אים קומען צו זיך אהיים נאָך דער ארבעט, אויב ער דאַרף צו אים ניט וועגן מיל־איניאַנים. דאָ, ווו דער קאַסירער צאָלט אויס דעם 1־טן און 15־טן יעדן כוידעש די סכירעס, וויל ער ניט ריידן וועגן אזעלכע הייליקע אָנגעלעגנהייטן, ווי פּאָעזיע. דערבײַ האָט ער אַרײַנגעלייגט שאָלעמען אין דער האַנט א פּאַפּירל מיטן אדרעס, ווו ער ווינט.

בלײַבן אזוי אָפּגעשמיסן האָט שאָלעם זיך ניט געריכט. ער האָט אפילו רעכט ניט באַטראַכט דעם קאַסירער. פון דער קורצער באַגעגעניש האָט זיך שאָלעמען בלויז פאַרגעדענקט יענעמס וווּקס — א קלייניטשקער — און מער גאָרניט.

ער צעוויקלט דאָס פּאַפּירל און לייענט איבער דעם אַדרעס: מאַרינאַ־בלאַגאָוועשטשענסקע, הויז נומער... און די וווינונג וועט שוין שאָלעם ווי־ס'ניט־איז געפֿינען. ווי זאָגט דאָס פֿאָלקס־ווערטל: „יאַזיק דאָ קיִעווא דאָוועדע", ווער שמועסט, אַז ער איז אין קיִעוו גופֿא. איצט איז באַטאָג, וווּהין וועט ער זיך אַהינטאָן ביז פֿאַרנאַכט? גיין צוריק אויף פּאָדאָל צו גאַראַוואַיעוו — איז צו ווײַט.

„— וואָס האָט איר געוואָלט? — האַלט טעוויע אײַן דאָס פֿערדל..."

שאָלעם גייט פֿאַרבײַ אַ מאַרקל, קויפֿט דאָרט עטלעכע מערלעך, שאָבט זיי אָפּ מיט זײַן קעשענע־מעסערל און עסט אויף. ערשט פֿריִער מיט עטלעכע טעג איז ער געזעסן בײַ אַלעם גרייטן אין דער וואָרעם, אין דער טרוקן, מיט אַ בוך, מיט בײַגעלעך פּאַפּיר... מיט אַ האַרץ־פֿרײַנט; און דאָ מיטאַמאָל — עלנט, היימלאָז, הונגעריק, אין אַ פֿרעמדער שטאָט...

אַ פֿויער מיט אַ זאָט און צופֿרידן פּאָנעם אין אַ פֿאַרפּוצטן שליטן איז פֿון אַ זײַט אָנגעפֿאָרן און זיך צעשריגן:

— היי, יונגערמאַן, אַז דו וועסט זײַן אַזוי פֿאַרשלאָפֿן, וועט ניט נאָר אַ פֿערדל דיך צעקאַליעטשען, נאָר דאָס לעבן אויך!

שאָלעם גליטשט זיך אַפּגיך אַרויס פֿון אונטערן פֿערד און קוקט נאָך דעם שליטן. „אַ פֿויער — אַ כאַקרען, — צעשמייכלט זיך שאָלעם, — אַ שטיק עמעס שטעקט דאָך פֿאָרט אין זײַנע ווערטער!"

פֿון דעם, וואָס שאָלעם האָט לאַנג אַרומגעשפּאַנט איבער דער שטאָט, איז אים קאַלט געוואָרן. ס'איז נאָך גוט, וואָס אין די פֿיס איז וואָרעם. מיט אַ מאַלכעסדיקער פּאָר שיך האָט אים דער טאַטע באַוואָרנט, צוגעשיקט זיי קיין סאָפּיעווקע נאָך מיט וויפֿל צײַט צוריק.

אַזוי אומבאַמערקט איז שאָלעם פֿאַמעלעך פֿאַרגאַנגען צו אַ פּאָסט־אָפּטיילונג. ער האָט באַשלאָסן דאָ זיך אָנוואַרעמען און אָנשרײַבן אַ בריוו צו אָלגען. ער וועט אויסגיסן דאָס בײַטערע האַרץ זײַנס: איר דערציילן אַלע איבערלעבונגען פֿון דער מינוט אָן, זינט דעם גייִרעשסאָפּיעווקע ביז דער לעצטער מינוט, און אויסדריקן די האָפֿענונג אינגיכן באַקומען ענטפֿער... אָנגעוויזן האָט ער גאַראַוואַיס אַדרעס. לאַנג, זייער לאַנג האָט שאָלעם געשריבן זײַן ערשטן בריוו.

ס'האָט געוווּנען צופאַלן די נאַכט, און ער איז אוועק אַף מאַרינאַ־בלאַגאָוועשטשענסקע צום באַרימטן דיכטער. די טונקלקײַט לייגט זיך שווער אַפן האַרצן און שרעקט מיט טרויע־ריקע מאַכשאָווס. דער ווינטערדיקער אָוונט האָט אַנגעצונדן אין דער הייך די ערשטע שטערנדלעך.

און אָט הייבט זיך אָן די גאַס, וואָס ער זוכט. ער גייט און גייט, אָט איז שוין דאָס הויז, ווו עס וווינט דער דיכטער. ס'טוט אַזש אַ טיאַקקע אין האַרצן, ווען שאָלעם קלאַפּט אָן אין אַ טיר.

מע לאָזט אים אַרײַן צווערשט אין אַ קיך, דערנאָך שטייט ער שוין אין אַן ענג אַלקערל. דאָ האָט ער דערזען דאָס קליינוווּקסיקע מענטשל אין אַ לאַנגן סערדעט, וואָס מאַכט זײַן וווּקס העכער און דעם אויסזען סאָלידער. ערשט איצט באַמערקט שאָלעם דאָס לינקע קאָסאָ־קע אויג, אַ היפּשע נאָז אַפּן ריין־געגאָלטן פּאָנעם און די ליפּן — דינע, צוגעשלאָסענע. לויטן ערשטן אײַנדרוק — אַ שווײַגער, אָבער דאָס איז געווען ניט אַזוי — דער אוטאָר פון די עטלעכע פּאָעמעס איז ניט געווען קיין שווײַגער.

גלײַך נאָך דעם, ווי יעהאַלעל האָט זיך דערקונדיקט, צוליב וואָס שאָלעם איז געקומען צו אים, האָט ער אופמערקזאַם באַטראַכט דעם גאַסט, דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען פונעם אַל־קערל און אַינגיכן אַרײַנגעבראַכט איןביידע הענט צוויי גלעזער טיי מיט היימישע קיכעלעך.

ערשט איצט האָט דער דיכטער זיך צערעדט, געוווּנען זיך קלאָגן, אַז יונגעלײַט באַגייען אַ טאָעס דערמיט, וואָס זיי קומען צו אים, מיינענדיק, אַז ער קאָן מיט עפּעס מיטהעלפן זיי. ער אַליין נייטיקט זיך און מוז דינען אַלס אַ קאַסירער אין בראָדסקיס אַ מיל. דאָס אָפּגע־דרוקטע ביז איצט איז גאָרנישט אין פאַרגלײַך דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און נאָך ניט פאַרעפנטלעכט. און יעהאַלעל שלעפּט אַרויס פון אַ שופלאָד אין אַ קאָמאָד אַ באַרג מיט מאַנוסקריפּטן, טיילט אַפּ עטלעכע זײַטלעך און פרעגט דערבײַ:

— ווי רופט מען אײַך, יונגערמאַן?

— שאָלעם ראַבינאָוויטש.

— זייער וווּיל. שאָלעם ראַבינאָוויטש, טרינקט טיי, בײַסט צו און הערט אויס מיט קאָפּ, וואָס איך וועל אײַך לייענען. איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז ניט יעדערן פאַרגין איך זיך פאַרלייע־נען. אײַער פּאָנעם, אייגנטלעך, אײַערע אויגן געפעלן מיר. איר זײַט אָנגעברייט צו הערן, וואָס יעהאַלעל וועט אײַך לייענען?

און שאָלעם האָט אָנגעהויבן הערן. ער הערט צען מינוט, ער הערט צוואַנציק מינוט, דרײַ־סיק מינוט, ער הערט אַ גאַנצע שאָ. און דער באַרימטער דיכטער לייענט אַלץ. אַ שלאַל מיט ווערטער און געדאַנקען האָט, ווי אַ האָגל, זיך געשאָטן אַף שאָלעמס קאָפּ. ער האָט שוין ניט נאָכגעשפּירט דעם פאַרדרייטן אינהאַלט און נאָך די קלאַנגען פון דער אַלטער ביבל־שפּראַך, נאָר געקוקט, ווי דעם אווטאָרס דינע ליפּן שפּרינגען אונטער דער היפּשער נאָז. שאָלעמען איז שוין ניט אָנגעגאַנגען, וואָס דאָס קאָסאָקע אויג איז מעשונעדיק איבערגעצויגן מיט אַ פּײַערל און ס'איז שווער צו וויסן, וווּהין ס'קוקט דאָס אייגל — אין די פּאַפּירן צי אַפּן צוהערער...

שאָלעם קנייטשט זיך און ציט אַרײַן דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען. מאַלאָכים פליִען אַרויס פון יעהאַלעלס פערזן און שוועבן דאָ אין אַלקערל איבערן אַלטן קאָמאָד און איבערן טישל, ווו די אָפּגעקילטע טיי מינעט זיך אין דער געשליפענער גלאָז.

פאַרענדיקט איין פּאָעמע, נעמט דער דיכטער פאַרלייענען נאָך איינע, און שאָלעם מוז זיצן אָנגעשטרענגט. אויס העפלעכקײַט וואָגט ער ניט אַ פּיפּס טאָן. ער הערט און הערט, ביז יעהאַלעל אַליין האַקט פּלוצעם איבער:

— יאָ, ראַבינאָוויטש, ווו צו נעכטיקן האָט איר?

און אָנגעשטאָפּטער דערמיט, וואָס ער האָט אויסגעהערט, האָט שאָלעם לעכאַטכילע ניט אינגאַנצן באַנומען די פראַגע.

— אויב איר האָט ניט ווו צו נעכטיקן, וועט איר קאָנען באַ מיר איבערשלאָפן... — זעצט פאָר דער באַלעבאָס.

— האָט קיין יעסורים ניט, איך האָב אַ נאַכטלעגער, — ענטפערט שאָלעם.

— איז דאָך אוודע גוט, אַבי איר האָט קיין יעסורים ניט, — האָט זיך צעשײַנט יעהאַ־לעל. — ווײַבאַלד אַזוי, הערט ווײַטער.

שפּעט אין אָוונט, ווען דער דיכטער האָט שוין געהאַט זיך אויסגעלאָדן און איבערגע־לייענט אַלע זײַנע פאַר לאַנגע יאָרן פאַרשריבענע פּאַפּירן, אָטעמט ער לײַכטער אָפּ:

— איצט פאַרשטייט איר שוין, ראַבינאָוויטש, אַז איך בין גערעכט, ווען איך האָב אײַך געזאָגט, אַז כ'מוז דינען אַלס קאַסירער. ווער דאַרף האָבן מײַנע לידער? ווער וועט זיי

דרוקן? — האָט ער באַטריבט געזאָגט. — און לעבן דאַרף מען דאָך...
שאָלעם טוט אַ קוק אָפּן זייגער און ווערט אומרויק. און כאָטש ס'איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, האָט ער דאָך געוואָלט פאַרפירן אַ רייד וועגן זײַנע געבראַכטע קסאַווים, אָבער יעהאַ־לעל האָט אומגעריכט אים איבערגעשלאָגן:
— איר ווײַנט ווײַט, ראַבינאָוויטש?
דערוווּסט זיך, וווּ שאָלעם האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף נאַכטלעגער, האָט יעהאַלעל צוגעגעבן:
— אָ, דאָס איז זייער ווײַט, ס'איז דאָרט פינצטער, אַ גאַס אָן לאַמטערנס. אוואָדע וואָלט געווען אַ יױשער, איך זאָל הערן אײַערע שאַפונגען, יונגער אַוטאָר. קומט צו מיר מאָרגן אין קאַנטאָר פון צוועלף ביז איינס באַטאָג, וועלן מיר אַ שמועס טאָן...
באַם געזעגענען זיך האָט דאָס קאָסאָקע אײגל זיך פאַרזשמורעט.
אין דרויסן האָט שאָלעם זשעדנע אַרײַנגעצויגן אין זיך די פרישע לופט, און דאָס האָט אים לינדער געמאַכט דעם פאַרדראָס פון דער ניט־געלונגענער באַגעגעניש מיטן געגאַרטן דיכטער. שאָלעם האָט דאָך אַזוי געוואָלט הערן אַ מיינונג וועגן זײַנע ערשטע שאַפונגען! שפּאַנענדיק איבער די קימאַט פוסטע גאַסן, האָט ער ניט פאַרלוירן די האָפענונג צו דערהערן עפּעס פריידיקס בײַס דער מאָרגעדיקער באַגעגעניש מיטן דיכטער יעהאַלעל.

קאַזיאָנע ראַבינער אין לובען

אָפּגעזעגנט זיך וואַרעם מיט די קיִעווער פרײַנט פּאַוּלאַ און אָליאַנע, איז שאָלעם אַוועקגעפאָרן קיין פּערעיאַסלאַוו. דער פאָטער איז געווען צופרידן נאָך אַזאַ היפּשער צײַט ווידער צו באַגעגענען זיך מיטן באַליבטן זון. שאַפּעגווײַז האָט שאָלעם געשמועסט מיט אַר־נאָלדן פון די פּידוואַרקעס און מיט אַנדערע אַלטע באַקאַנטע, און זיי האָבן גאָר ניט געקאָנט זיך אָנריידן צו זאַט. אַ קליינינקײַט, אַזױפיל געזען און איבערגעלעבט פאַר דער צײַט!
נאָך דעם, ווי ס'איז דורכגעגאַנגען אַ וואָכן צוויי, האָט שאָלעמען אָנגעהויבן זיך דאַכטן, אַז ער איז גאָר קיינמאָל ניט אַוועקגעפאָרן פון אָט דעם שטעטל זײַנעם. בלויז די בענקעניש נאָך אָלגען האָט אים מיט באַזונדער שטאַרקײַט דערמאָנט אין סאָפּיִעווקע. ער האָט אַלץ גע־וואַרט אַף אַ בריוו, נאָר קיין בריוו איז ניט געווען. פאַרן אַוועקפאָרן פון קיִעוו האָט ער געגעבן גאַראַוואַיען איבערשיקן די בריוו פון סאָפּיִעווקע קיין פּערעיאַסלאַוו. און אַז קיין בריוו זײַנען ניט אָנגעקומען, איז דאָס לעבן געוואָרן פּיסנע, טרוקן און אומעטיק.
עס קאָן גאָר ניט מעגלעך זײַן, אַז אָלגע זאָל האָבן אין אים פאַרגעסן. אָבער פאַרוואָס שווײַגט זי? צי איז אַלץ באַ איר בעשאָלעם?
דער קלוגער און באַטראַכטער נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט באַמערקט, אַז זײַן שאָלעם גייט אײַן, נאָר בעשום־אױפן ניט געקאָנט זיך פאַרשטעלן דאָס, וואָס דער זון לעבט איבער.
נאָך דעם, ווי נאָכעם ראַבינאָוויטש האָט זיך מעיאַשעוו געווען מיט זײַן ברודער פּינכעס, איז מען געקומען צום אויספיר, אַז עס איז נייטיק אויסזוכן אַ וועג אַף צו ברענגען שאָלעמען צו אַ שטאַנד. און דאָ האָט פּינכעס זיך דערמאָנט, אַז ניט ווײַט פון פּערעיאַסלאַוו, אין לובען, וואָס געפינט זיך אין פּאָלטאַווער גובערניע, ווױנט זייערער אַ יעדיד, אַ כאַשעווער און אַ רײַכער סוחער, וועלכער קאָן און וועט געוויס מיטהעלפן אַזאַ גאָלדענעם קאָפּ, ווי שאָלעמען.
פּינכעס ווייסט, אַז אין לובען וויל מען בײַטן דעם קאַזיאָנע ראַבינער. איז מיט וואָס פּאַסט ניט שאָלעם פאַר דער דאָזיקער שטעלע? קענטעניישן האָט ער בעפּייִרעש מער, ווי גלאַט אַ ראַוו, און געוויס מער, ווי יענע, וועלכע פאַרענדיקן דעם קאַזיאָנע־ראַבינער־אינסטיטוט...
איז גערעדט און געטאָן. דער פעטער פּיניע האָט אָנגעשריבן אַ בריוו מיט אַזאַ נוסעך, וואָס האָט לויט דער מעליצע אין יענע יאָרן געקאָנט רירן אַ שטיין.
— דאָס לעבן גייט פאָרויס, און קאַלזמאַן די אויגן זײַנען אָפן, מוז מען לעבן. די אַרומיקע דאַרפן גאָר ניט וויסן, וואָס באַ דיר אין האַרצן טוט זיך, — אַזוי האָט צו שאָלעמען געטײַנעט דער פעטער פּיניע.
אין שאָלעמען אײַנגעפאַלן: אויב ער וועט זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל ברעג, וועט דאָך אים זײַן גרינגער צו דערלייזן די פראַגע וועגן זײַן זיווּעג. אַ ראַבינער איז פאָרט אַ שטאַנד אין לעבן...
נאָר ער וועט דאָך דאַרפן לעבן קעגן זײַן אייגענעם געוויסן — ווערן ראַבינער און נאָכטאַנצן די אָרטיקע פּנֵיי, ווערן זייער אונטערלעקער... אַז כוץ רעגיסטרירן כאַסענעס, גע־

בוירענע און געשטאָרבענע. קאָן דאָך א ראַבינער גאָרנישט ניט אופטאָן. מיט קיין אנדערע איניאָנים פאַרנעמט ער זיך ניט אין טאָך גענומען. איז זאָל זײַן, אז ער וועט אויך ווערן איינער פון אזעלכע טויגעניכצן און מאכן זיך א קאַריערע אפן הויקער פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט...

מיט די דאָזיקע ספּייקעס איז שאָלעם אוועקגעפאָרן קיין לובען און געבראַכט דעם רעקאָמענדאציע־בריוו צום אָנגעזעענעם טאקיף רעב יעכעזקל בורכיבערשמוי, אָדער, ווי מ׳האָט אים דאָ גערופן פאַרצויגן — רעב כאַציע.

דאָס איז געווען א הויכוויקסיקער, פעסטער זאָקן מיט אן אשקאָלירענער באָרד און מיט שווארצע, ווי קויל, אויגן. דער געקומענער יונגערמאַן האָט נויסעכיין געווען באַם כאָשעוון זאָקן. דערהויפּט האָט געווירקט דעם פּעטער פּיניעס בריוו. רעב כאַציע האָט געזאָגט, אז שאָלעם מעג זײַן זיכער דעריין, אז אלץ וועט זיך ענדיקן בעשאָלעם. אניט וואָלט ער, יעכעזקל בורכיבערשמוי, פאַר דער זאַך זיך ניט גענומען.

און דאָך איז שאָלעם ארויס פונעם לובענער פּאַטריאַרך מיט ניט קיין פריילעך האַרץ. ער האָט געוווסט, אז אים וועט זײַן שווער צו באַגעגענען זיך מיט די, וואָס האָבן די מייעס און זאָגן דייעס. זיי האַלטן, אז זיי זײַנען דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל. ער, שאָלעם, טרוימט גאָר וועגן אן אנדער וועלט און אן אנדער וועג.

ביינע־לעביינע האָבן רעב כאַצקלס מענטשן און כסידים צעטראָגן איבער דער גאַנצער שטאָט די נײַס, אז גאָט אליין האָט צוגעשיקט א פּאַסיקן קאַנדידאַט פאַר א נײַעם ראַבינער — א בען־טוירע, א מעזועג־טאָוו און א טאַטנס א קינד. איז דעריבער „גיט, ייִדן, אָפּ די גאַלקעס פאַר שאָלעם ראַבינאָוויטשן, וועט אין שטאָט זײַן גליק, פּאַרנאָסע און שאָלעם־ווּעשאַלווע".

אזא אַגיטאַציע האָט בעפּיירעש געהאָלפן — די גאַלקעס זײַנען געפלויגן אין קעסטל אַרײַן, און די לובענער קעהילע איז באַגליקט געוואָרן מיט א נײַעם קאַזיאָנע ראַבינער שאָלעם ראַבינאָוויטש! מאַזלטאָוו, און ווידעראַמאָל מאַזלטאָוו!

גלײַך נאָך דער דאָזיקער געשעעניש האָט שאָלעמען ארויסגערופן צו זיך דער פּאַטריאַרך פון שטאָט, קעדיי צו באַקענען אים מיט די כאָשעווסטע שטאָט־באַלעבאַטים.

פונעם ערשטן קוק האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אז דער אָקאָרשט אויסגעוויילטער ראַבינער איז א האַכנאָעדיק שעפעלע; דאָס שעפעלע טראָגט א פּאָר פּענסנע אָף דער נאָז, וואָס גיבן צו דעם פּאָנעם כשיוועס, אפילע א ביסל גאַדלעס. איבער די ליפּן און אָף די באַקן שווארצן זיך טונקעלע האָר, וועלכע דאָס שעפעלע וואַגט נאָך ניט אָפּצוגאָלן. ער איז דאָך איצט ניט אבי ווער, עפּעס א קליינינקײַט — קאַזיאָנע ראַבינער!

בורכיבערשמוי אליין איז ניט בײַגעווען בייס די וואַלן, אים האָט באַנק געטאָן, וואָס ער האָט ניט געהערט שאָלעם ראַבינאָוויטשעס רעדע.

— מע דערציילט, אז דער אוילעם איז געווען איבעראַשט!

— און איצט, — האָט ער געזאָגט, — באַקען זיך נעענטער מיט אונדזערע כאָשעווע קעהילע־מיטגלידער. דאָס איז רעב צאַלעל באַכמוטסקי, און אָט דער איז רעב יאַנקעוו קאָנעווסקי... דו האָסט זיי שוין, מיסטאַם, געזען דאָרטן, אין אופראַווע, בא די וויבאָרעס.

שאָלעם האָט ווירקלעך זיי באַמערקט בייס די וואַלן, איצטער האָט ער זיך צוגעקוקט צו זיי נעענטער: איינער איז געווען א נידעריטשקער, מיט א פעט פּאָנעם און א שיטער בערדל; דער אנדערער — פונקט דער הייפּעך: א לאַנגער, מיט אן אויסגעדאַרט פּאָנעם און מיט א געדיכטער באָרד. בלויז דער קאָליר פון זייערע בערד איז דער זעלבער — ווי מע זאָל זיי אָקאָרשט האָבן אײַנגעטונקען אין א געלעכל פון אן איי. שאָלעם האָט א שמייכל געטאָן, זיך דערמאָנט אין דער געשיכטע, וואָס מ׳האָט אים שוין דאָ, אין לובען, דערציילט, אז די צוויי סאָכרים זײַנען אמאָל געווען שוטפים פון איין געשעפט, נאָר זײַנען זיך צעגאַנגען איבער זייערע ווײַבער, וועלכע האָבן ניט געקאָנט הויזן צווישן זיך. איצט זײַנען אויך ביידע ווײַבער דאָ, דערויף איז באַשטאַנען רעב יעכעזקלס פרוי — באַסשעווע, — א ייִדענע מיט אן אומגעהייערן גוידער, וואָס קוקט גאַדלעסדיק אראָפּ צו די פּערל אָף דער הויכער ברוסט. זי האָט באַקענט דעם נײַעם ראַבינער צוערשט מיט באַכמוטסקיס ווײַב, דערנאָך — מיט קאָנעווסקיס, צוויי יעפייפיעס, אלטמאָדיש געקליידט. ביידע בלאָזן פון זיך, איינע אָף דער אנדערער קוקט ניט. דאָך זײַנען ביידע צופרידן, וואָס זיי זײַנען געקומען אהער, וואָס זיי קאָנען זיך באַרימען מיט זייער צירונג, וואָס שרײַט אראָפּ פון זייערע אויערן, פון די העלדזער און פון די הענט.

דער יונגער ראַבינער האָט שטאַרק אויסגענומען בא יעכעזקלס פרוי באַסשעווע. זי האָט צוגעפירט צו אים איר באַסיעכידקעלע. ס׳איז גלײַך געווען צו זען, אז דאָס טעכטערל, וואָס איז געווען שטײַף פאַרצויגן אין א קאָרסעט, איז שוין א ביסל אן איבערגעזעסן מיידל, מ׳האָט

דאָס דערקענט לויט די טאָרבעלעך אונטער די אויגן און לויט די לענגלעכע קנייטשן פון די אויגן צו די אויערן, כאָטש פאַרמאַסקירט איז דאָס געווען מיט פאַרפומען גאַנץ קונציק.
די מוטער שטעלט פאָר די טאָכטער:
— איר זענט נאָך ניט באַקאַנט מיט אונדזער באַרישניע...
די באַרישניע ציט אויס די האַנט און זאָגט שמייכלענדיק:
— קלאַרע!
דאָס מיידל האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער נײַער ראַבינער איז געקומען צו זײַן איצטיקן שטאַנד אַדאַנק איר פֿאָטער. זי האָט וועגן דעם געוואָלט אים דערמאָנען, נאָר ניט געוווּסט ווי אַזוי.
— איר האָט ליב מוזיק? — פרעגט זי אומגעריכט.
— יאָ, — ענטפערט שאָלעם.
— קומט צום ראַיאַל, וועל איך אײַך עפּעס שפּילן.
— אַשטייגער?
— שאָפּענען... — געזאָגט און מיט גאַדלעס געוואָרפן אַ בליק אַפן באָכער. — איר גלייבט ניט, אַז איך קאָן שפּילן שאָפּענען?
— פאַרוואָס זאָל איך ניט גלייבן?
אַ צופרידענע איז דאָס מיידל אַף אירע הויכע אָפּצאַסלעך צוגעגאַנגען צום ראַיאַל, און איבער דער שטוב האָבן זיך צעגאָסן מוזיק־קלאַנגען. ס׳איז שטיל געוואָרן. רעב יעכעזקל בורכיבערשמוי האָט מיט צוגעמאַכטע אויגן פאַמעלעך געגלעט די לאַנגע באָרד. די געסט זײַנען געבליבן זיצן אַף זייערע ערטער און אָנגעשפּיצט די אויערן, ווי זיי טוען עס אין שול, ווען עס קומט אַראָפּ אַ כאַזן אַף שאַבעס אָדער אַף יאָמטעוו. צי זיי פאַרשטייען יאָ, צי זיי פאַרשטייען ניט — נאָר מע מאַכט אַן אָנשטעל, אַז מעווינים איז מען.
געענדיקט שפּילן, איז דאָס מיידל צוגעגאַנגען צום ראַבינער און געוויזן די נאָטן, וואָס דער פאָטער האָט איר אויסגעשריבן פון פּעטערבורג.
— ווי געפעלן אײַך, פּאַני ראַבינאָוויטש, די קאָמפּאָזיציעס? — פרעגט די מוטער.
— זייער וויל, — ענטפערט שאָלעם מיט געמאַכטער באַגײַסטערונג.
— מײַן מאַן זאָגט אויך דאָס זעלביקע.
רעב יעכעזקל, וועלכער איז דעמלט געשטאַנען דערבײַ, האָט זעלבסטצופרידן געשמייכלט.
פּלוצעם טוט זיך ראַשיק אַ פּראַל אוף די טיר, און אַ פרוי אין אַ טיכל אַף די אַקסלען מיט אַ בלאַס פּאָנעם און פאַרוויינטע אויגן פאַלט אַרײַן אין דער נעגידיש־יאָמטעוודיקער פאַרפּוצטער שטוב מיט אַ ווייגעשריי און טוט אַ פאַל אַף דער ערד:
— רעב כאַציע, ווי גאָט איז אײַך ליב, ראַטעוועט! — האָט זי אויסגעשריגן. — מײַן איין־און־איינציק קינד שטאַרבט...
אַלע זײַנען געבליבן געפּלעפט. די באַלעבאָסטע באַסשעווע האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער פרוי און בייז געזאָגט:
— זלאָטע, ס׳איז דען דאָ אַ שול?! גיי צום אָרנקוידעש אָדער רײַס קווּאָרים אַפן הייליקן אָרט.
אַף עטלעכע רעגעס איז די פרוי שטיל געבליבן, מ׳האָט בלויז געהערט איר כליפּען.
דער ראַבינער האָט זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און פאַרזיכטיק געפּרוווט אופהייבן די צעבראָכענע פרוי פון דער פּאָדלאָגע. זי האָט אָנגעשטרענגט געקוקט דעם פרעמדן יונגנמאַן אין פּאָנעם, געזוכט טרייסט און באַרויִקונג. דערנאָך האָט זי מיטאַמאָל אָפּגעווענדט דאָס פּאָנעם פון אים און מיט אַ הייזעריקלעכער שטים אויסגערופן:
— רעב יעכעזקל האָט צו שענקען צוואַנציק טויזנט רובל אַף אַ בעסמעדרעש, און מײַן קינד גייט אויס, ווי אַ ליכט... גוואַלד, מענטשן, ייִדישע קינדער, האָט ראַכמאָנעס, שיקט מיר אַ רופֿע... קיין גראָשן באַ דער נעשאָמע איז נישטאָ. — און זי האָט זיך ווידער צעכליפּעט.
עס דערהערט זיך אַ שטים באַ דער טיר:
— אַזאַ אַזעס, אַ כילעל־האַשעם, גייט אַרויס פונדאַנען! — און שאָלעם דערזעט, ווי רעב יעכעזקלס מעשאָרעס נעמט אָן די פרוי מיט זײַנע לאַנגע הענט און שלעפּט זי צו דער טיר. — פאַרנעמט זיך פונדאַנען! איר הערט, וואָס איך זאָג אײַך? — שרײַט ער אַף איר.
יעכעזקל האָט מיט אַ ווונק צוגערופן צו זיך דעם מעשאָרעס.
— פיר זי אָפּ אַהיים און ברענג איר דעם פעלדשער, — האָט ער געזאָגט און אַרײַנגעלייגט דעם מעשאָרעס אין דער האַנט אַן אַסיגנאַציע. דער מעשאָרעס איז ווידער צוגעגאַנגען צו דער פרוי.

— א פאַטעפּאַלנעסט פון א ייִדענע — אינמיטקעדרינען זיך אַריַנריַסן צו יענעם אין שטוב אַריַן!

א פאַרכוישעכטע אין די פרוי געשטאַנען מיט פאַרגליווערטע אויגן, דערנאָך זיך אָנ־געשפּאַרט אפן מעשאַרעסעס אקסל, און ער האָט זי פאַמעלעך אַרויסגעפירט.

דערזען די געסט אָפּהענטיק און געפּלעפּט פון דער אומגעריכטער געשעעניש, האָט באַסשעווע זיך געיַלט פאַרבעטן צום טיש.

א מידער האָט שאָלעם זיך קוים דערוואַרט אפן סאָף פון דער וועטשערע. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער בליַבן אַליין. ער געדענקט אפילע ניט, ווי ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט אַלעמען, דעריקער מיטן נאַגיד יעכעזקל בורכיבערשמוי, און אוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימערל, וואָס מ׳האָט פאַר אים געדונגען אין צענטער פונעם שטעטל. דאָרט פאַרגעסט ער קימאַט אין אַלץ אף דער וועלט, ער געדענקט בלויז, אז קיין שום יעדיִע פון אַלגען האָט ער נאָך ניט באַקומען, און עס באַהערשט אים א פיַנלעכער געפיל פון בענקעניש.

דער ערשטער פּראָטעסט

שוין היפּשע עטלעכע כאַדאָשים פּילט אויס דער יונגער קאַזיאָנע ראַבינער זיַינע פליכטן אין לובען. דער גרינער קיַילעכיקער שטעמפּל זיַינער, וואָס ער שטעלט אף מעטריקעס פון ניַי־געבוירענע און כאַסענע געהאַטע, איז אים היפּש נימעס געוואָרן. ער האָט געזוכט צו זיַין ניט קאַזיאָנע־אָפּיציִעל, געשטרעבט גוטס טאָן, ברענגען נוצן, ניט געוואָלט אָפּקומען בלויז מיטן וואָכעדיקן און גרויען, ווי אַלע אַזעלכע טשינאָווניקעס ביז אים. ס׳איז ניט אין זיַין טעווע נאָכצוגיין דעם איַינגעשטעלטן גאַנג. שאָלעם האָט דאָ געזוכט ניַיע באַקאַנטשאַפט לויט זיַין נעשאָמע־פאַרלאַנג און ניט געפונען.

פון זינט ער איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון סאָפּיִווקע, האָט שאָלעם קיין איַינגעטונקטע פען ניט געהאַט פון אַלגען. קומט אויס, אז די אָנצאָליקע בריוו, וואָס ער האָט אַדרעסירט צו איר, האָט זי ניט דערהאַלטן; הייסט עס, מאַלינאָווסקי דער פּאָטשטמייסטער האָט אים אָפּ־גענאַרט!

און דאָך איז שאָלעם זיכער געווען, אז לאָיעוון וועט זיך ניט איַינגעבן צו פאַרשלייערן אַלגען לויט זיַין אייגענעם אויסוואַל, אז קיין שום דראָונגען וועלן זי ניט איבערשרעקן. און אָט די איבערצייַגונג אין אַלגעס טריַישאַפט האָט אים צוגעגעבן מוט און שטאַרקייַט.

לובענער טוישווים האָבן זיך געכידעשט, ווען מ׳האָט געזען דעם ראַבינער אַרומגיין לעם די היַיזער פון אָרעמע באַלמעלאָכעס. ער פלעגט אָפט זיך פאַרהאַלטן אין א שטוב פון א קירזשנער אָדער א שניַידער, מיט אינטערעס אויסהערן דאָס באַקלאָגן זיך אף דער שווערער דאָליע. ס׳האָט אויך אַמאָל געטראָפן, אז א טרויעריק לידל פון א מוטער בא איר קינדס וויג־געלע האָט פאַרהאַלטן דעם יונגן ראַבינער אין א באַלמעלאָכישער שטוב, דאָס קרעכצן פון א זאָקן האָט אף לענגער אים צוגעשמידט צום קראַנקנס בעט.

שאָלעמען האָט פאַרפאַלגט דאָס געשטאַלט פון דער פרוי, וועלכע האָט זיך דעמלט אַריַנ־געריסן צו יעכעזקל בורכיבערשמוי אין שטוב אַריַן. ער האָט דערנאָך עטלעכע מאָל זי באַ־געגנט אין גאַס, אויך דער מאַן אירער איז אָט דאָ ניט לאַנג געווען באַם ראַבינער, זיך נאָכ־געפרעגט אף א מעטריקע פון זיַינעם א געשטאָרבענעם ברודער, ווען מ׳האָט געפאָדערט צום פּריזיוו. ער איז א באָנדער, א שטילער מענטש. ווען דער ראַבינער האָט ניט געקאָנט אופזוכן די געהעריקע ספּראַווקע וועגן זיַין ברודערס טויט, האָט דער באָנדער מיט האַרץ־קלעמעניש געזאָגט:

— עס קאָן טרעפן, אז מיך זאָל מען שלעפּן צום פּריזיוו אַנשטאָט מיַין געשטאָרבענעם ברודער.

— וואָס רעדט איר? — דער ראַבינער ווערט באַטריבט.

— איר ווייסט ניט, איר זענט נאָך יונג. מיר זיַינען באַקאַנט אַזעלכע פאַלן.

אין א שטיקל צייַט אַרום נאָך אָט דעם פאַל האָט דער פּריסטאַוו אַרויסגערופן דעם ראַ־בינער צו זיך אין פּאָליצייסקע אוטשאַסטעק און בא אים געוואָלט זיך דערוויסן וועגן איינעם אַן אַנטלאָפענעם, וועלכער האָט זיך נישט געשטעלט צום פּריזיוו, נאָר ער רעכנט זיך אין די ביכער. איז דער ראַבינער מעוווּלוול געוואָרן, נישט געקאָנט געגוי אופקלערן דעם פּריסטאַוו דעם ביטערן טאַעס זיַינעם. נאָר דער פּריסטאַוו האָט א צעקאָסטער געפאָדערט אופזוכן דעם אַנטלאָפענעם. ווען דער יונגער ראַבינער האָט אָנגעהויבן טיַינען, אז אָט דער פּאַרזאָן איז

געשען ניט אין זײַן צײַט, דאָס איז יערושע פונעם פריִערדיקן ראַבינער, איז דער פּריסטאַוו געוואָרן מאַלע־רעציכע, זיך צעשריגן און געדראָט מיטיילן וועגן דעם פאַל דעם גובערנאַטאָר אַליין. ער וועט זיך אָנקלאָגן, אַז ייִדן זײַנען מאָשעניקעס, אַז אַף די אוטשאָטנע ייִדן און אַף די ראַבינערס טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן. ער, דער פּריסטאַוו, וועט זען זיך דערשלאָגן, אַז מע זאָל אָנשטאָט דעם אַנטלאָפענעם שטעלן צום פּריזיוו דעם ראַבינער אַליין. און ווען ס׳זאָל זײַן געווענדט אין אים, אין פּריסטאַוו אַליין, וואָלט ער אַלע ייִדן פאַרטריבן אַהין, פונוואַנען ס׳איז שווער זיך אומצוקערן...

ס׳איז אַ ביזאָיען זיך דערמאָנען, אַז דער פּריסטאַוו האָט פון גרימצאָרן אַרויסגעטריבן דעם קאַזיאָנע ראַבינער, זיך איזדיעקעוועט איבער אים, געפאָדערט, ער זאָל גיין צו די, וואָס האָבן אים אויסגעוויילט, און זיי זאָגן, אַז דער פּריסטאַוו איז ניט צופרידן מיט אים...

אָט די געשיכטע האָט דעם יונגן ראַבינער אַרײַנגעוואָרפן אין מעסוקענעם ייִעש. שאָלעם האָט קיין אָרט זיך ניט געקאָנט געפינען, ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן פון מענטשן, געמיינט, אַז אומעטום ווייסט מען וועגן זײַן ביזאָיען. ער האָט אַליין זיך געמונטערט: „וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן פאַרן פּריסטאַוו? ווי אַ האַכנאָעדיק שעפּעלע, האָסטו אַפילע קיין מעקע נישט געטאָן. ווו איז דײַן ווירדע? דערמאָן זיך, ווי דו האָסט אַמאָל זיך געהאַלטן מיט דעם פּאָרעץ קוצענקאָ... און וואָס האָסטו אַליין געלערנט פאַוועל גאַראַוואָיען? — ער האָט פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּאָנעם, זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. — און דו האָסט געמיינט, וועסט נישט זײַן, ווי אַלע אַנדערע ראַבינערס...”

אָט די אופטרייסלונג האָט אַרויסגערופן אַזאַ פּראָטעסט אין אים, אַז ער איז קראַנק געוואָרן. אָפּגעלעגן עטלעכע טעג, איז שאָלעם דערנאָך אופגעשטאַנען מיט אַ פעסטן באַשלוס — וואָס גיכער באַפרײַען זיך פון דער ראַבינערײַ און אַנטלויפן, קיינער זאָל נישט וויסן וווהין.

ער וואָלט אָנגעשריבן אַ מײַסע וועגן אַן אַנטלאָפענעם ראַבינער פון אַ שטעטל, ווי מע זוכט אים און מע קאָן אים נישט געפינען... שאָלעם האָט אָבער ניט געקאָנט צוטראַכטן דעם סאָף צו אַזאַ מײַסע. אַ ראַבינער, וואָס פאַרלאָזט זײַן פּאָסטן אין אַ שטאָט מיט ייִדן — גוויי־רים, קאַפּצאָנים, אַ שטאָט מיט אַ באָד, מיט כאַסענעס, מיט בריסן, מיט מעטריקעס פאַר גע־בוירענע און געשטאָרבענע...

עפּשער דערציילן, אַז יענער ראַבינער נעמט זיך דאָס לעבן? איז דאָס דאָך אַ סימען פון קליינמוטיקײַט. און וואָס קאָנסטו, שאָלעם ראַבינאָוויטש, עפּעס אַנדערש טאָן? האָסט אין זיך קויעך? באַוויַיז!.. און עפּשער גאָר אַנטלויפן פונדאַנען — וועסטו קומען אין אַן אַנדער שטעטל. פון זיך קאָן מען נישט אַנטלויפן.

און אויב פאַרלאָזן דעם פּאָסטן — פון וואָס וועסטו ציִען די יעניקע? ווידער זוכן ערגעץ אַ „קאָנדיציע”? איין מאָל אין לעבן טרעפט זיך אַזאַ עלימיילעך לאָיעוו. און אָלגע? וואָס וועט זײַן מיט אָלגען? ניין, מע מוז קומען צו אַ שטאַנד! מע דאַרף געווינען די געזעלשאַפטלעכע לאַגע, ווערן כאָשעוו בײַ נאַטשאַלסטווע, בײַ קאָהאָל, בײַ מענטשן, דעמלט וועט עלימיילעך לאָיעוו עפּשער אויך דערעכערעץ האָבן פאַר שאָלעם ראַבינאָוויטשן און אײַנגיין דערוף, ער זאָל ווערן זײַן איידעם.

בײַ כאַצקל בורכיבערשמוי אין שטוב האָט מען שאָלעמען באַגעגנט מיט צופרידנקײַט. מיט אַן אָפן האַרץ און לויכטנדיקע אויגן האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים קלאַרע. זי האָט זיך געדרייט אַרום דעם ראַבינער, געוואָלט זיך דערוויסן, פאַרוואָס איז ער אַזוי לאַנג צו זיי ניט אַרײַנגעקומען. צי איז עמעס, וואָס מע זאָגט, אַז דער ראַבינער האָט ערגעץ אַ קאַלע, נאָך וועלכער ער בענקט? און צי איז אויך עמעס, וואָס מע זאָגט, אַז דער ראַבינער שרײַבט אין די צײַטונגען?..

אויך באַסשעווע, די מוטער אירע, האָט געקוקט אַף אים, ווי אַף אַ מענטשן, וואָס קאָן אַרײַנברענגען ליכט און פרייד אין איר שטוב, אַבי ער זאָל נאָר וועלן.

אָבער הײַנט איז ער עפּעס טרוקן, דער יונגער ראַבינער, ער האָט עפּעס אָנגעווירן דעם גוסט צו אַ פריילעך וואָרט, צו אַ וויץ.

— וואָס איז מיט דיר, ראַבינאָוויטש? — פרעגט כאַציע. — פאַרוואָס זעט מען דיך ניט?

— איך בין פאַרטיפט אין געדאַנקען, רעב יעכעזקל, — האָט געענטפערט שאָלעם מיט אַ ביסל אָנגעצויגענער ערנסטקײַט.

— רעדסט דאָך ווי אַ יעשיוועבאָכער, וועלכער טראַכט וועגן וועלט־קיִעם, — איראָניזירט דער אַלטער. — איז עפּשער וועסטו מיר זאָגן, ווען מאָשיִעך וועט קומען? — שמייכלט ער.

— איך וועל זאָגן, אויב איר פרעגט.

— אַדעראַבע.

— מאָשיִעך וועט קומען דעמלט, ווען דער סייכל־האיאָשער פונעם מענטשן וועט האָבן די אויבערהאנט איבער זײַן קעשענע, — ענטפערט שאָלעם רויִק.

— מיר איז שווער צו באַנעמען דײַנע רייד. איך פארשטיי ניט אָט דעם פּאָסעק.

דער סויכער רוקט ארוף העכער די יארמלקע אפן קאָפּ, די מוסקולן אף זײַן פּאָנעם שטרענגען זיך אָן. ער פארשטייט, אז דער ראבינער איז צו אים געקומען ניט גלאַט אזוי.

— איך וועל אײַך געבן צו פארשטיין, רעב יעכעזקל, וואָס איך מיין.

שאָלעם מאכט א פּאוזע, ווארט, ביז יעכעזקלס ווײַב און די טאָכטער קומען צו נעענטער צום טיש.

— ס'איז באַווּסט, רעב יעכעזקל, אז גאָט האָט אײַך געשענקט פיל גוטס, און אז איר זײַט א גרויסער און בארעמהארציקער נאָגיד, א גערימטער סויכער מיט א נאָמען איבער דער גאנצער געגנט. איך ווייס, אז מע שטעלט זיך בויען א פּרעכטיקן בעסמעדרעש, וואָס וועט אײַך אָפּקאָסטן עטלעכע צענדליק טויזנט רובל...

— עמעס, וואָס זשע האָט עס צו דיר? — שלאָגט אים איבער רעב יעכעזקל, פארשטייענדיק, אז דער ראבינער האָט דערבײַ א באַזונדערן מיין.

— וויל איך אײַך זאָגן, אז עס וואָלט געווען קעדײַ צוליב דער איידע ייִדן, וועלכע ווינען הי, אויסבויען א ביקער־כוילים. און ס'וואָלט אויך געווען ניט שלעכט א שול פאר אָרעמע קינדער און פאר יעסוימים. דאָס וואָלט אײַער נאָמען גרויס און בארימט געמאכט.

— זאָג מיר נאָר, אָבער וואָס האָט עס צו דיר? — ברויגעזט אָן בורכיבערשמוי די ברעמען.

שאָלעם האָט ניט דערוואַרט אזא שארפן ווידערשטאנד, ענטפערט ער, א ביסל פארהייקענדיק זיך:

— צו מיר?.. וואָס האָט עס צו מיר?

— יאָ.

— איך לעב צווישן דער איידע ייִדן און זע זייערע נויטן.

— דו?

— יאָ, איך, רעב יעכעזקל.

— ניט צוליב דעם האָב איך דיך געלאָזט אויסוויילן, אז דו זאָלסט קומען אונדז זאָגן דייעס, — צעהיצט זיך בורכיבערשמוי.

— טאטע, טאטע! — דערהערט זיך דער טאָכטערס אויסגעשריי.

אויך דאָס ווײַב האָט אויסגעצויגן די הענט צום מאן, גלײַך זי האָט געוואָלט אים פארהיטן פון א געפערלעכן גאנג, וואָס ער איז גרייט צו מאכן.

— לאָזט מיך אָפּ! — טוט דער נאָגיד א מאך מיט דער האנט צו זײַן פרוי און טאָכטער. — קום נאָר אהער, ווי דו הייסט דאָרטן — ראבינאָוויטש צי אבראמאָוויטש. רוק זיך נאָר צו נעענטער צו מיר. צי איז דיר באקענט דאָס פאָלקס־ווערטל: „אז א הון הייבט אָן קרייען ווי א האָן, דארף מען זי קוילען"?!

שאָלעם איז בלאס געוואָרן. זײַן שטערן האָט באַשלאָגן א שוויס. מיט דער האנט פארשארט ער די האָר, וואָס זײַנען אראָפּגעפאלן אפן שטערן, ווײַל עפּעס אָפּענטפערן, נאָר ער דערהערט ווידער די אָנגעברויגעזטע שטים:

— איז אָט וואָס: אויב דו ווילסט בלײַבן קאַזיאָנע ראבינער אין לובען, זאָלסטו ניט ארײַנשטעקן די נאָז אהין, ווו ס'האָט צו דיר קיין שײַכעס ניט. און וואָס איז שײַעך סייכל־האיאָשער, האָט אים שטענדיק דער, וואָס פארמאָגט אין קעשענע. פארשטייסט, ראבינאָוויטש?

שאָלעם איז שוין געקומען צו־זיך. מיט ניט־באהאלטענער פאראכטונג האָט ער פעסט געזאָגט:

— איך בעט אײַך בלויז איינס פארגעדענקען, רעב יעכעזקל: אָפּט זײַנען סייכל מיט קעשענע פונקט אזעלכע מעכוטאָנים, ווי, אשטייגער, א כאַזערשער עק מיט א ראבאָנישן שטרײַמל... און האָט מיר א גוטע נאכט!

— ראבינאָוויטש, גאָספּאָדין ראבינאָוויטש! — האָט קלארע אים פארשטעלט דעם וועג. — קומט, כ'וועל אײַך ווײַזן די נײַע נאָטן און ביכער, וואָס מ'האָט מיר צוגעשיקט פון פעטערבורג.

שאָלעם האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער זײַט, ווו ס'איז געשטאנען דאָס מיידל, און איז ארויס פון בורכיבערשמויס שטוב.

לידער און פּראָזע

ענדלעך האָט שאָלעם באַקומען אַ בריוו פון קיִעוו. דאָס האָט גאַראַוואַי אים געגרופן צו זיך, ווײַל, ווען ער, שאָלעם, האָט זיך געזעגנט מיטן פרײַנט בײַ זײַן אוועקפאָרן פון קיִעוו, איז געווען אָפּגערעדט, אַז ווען אוליאַנע, וועלכע האָט זיך געקליבן אין דאָרף אַרײַן, וועט קומען אין די היימישע ערטער, וועט זי זען זיך טרעפן מיט אַלגען און פּערזענלעך איר איבערגעבן שאָלעמס אַ בריוול. הייסט עס, אַז אוליאַנע האָט שוין דורכגעמאַכט די נעסיִע און גאַראַוואַי רופט אים, קעדיי איבערצוגעבן אַ גרוס פון סאָפּיִעווקע.

שאָלעם האָט זיך שטאַרק דערפרייט. אָן אופגעלעבטער פונעם געדאַנק, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט ער זיך עפּעס דערוויסן, איז שאָלעם אין אַ רעגנדיקער האַרבסטיקער נאַכט אָפּגעפאָרן פון לובען און פאַרטאָג אָנגעקומען קיין קיִעוו. ער איז אוועק צופוס גלײַך אויפן פּאָדאָל צו גאַראַוואָיען. איצט האָט שוין די שטאָט ניט אויסגעזען פאַר אים אַזוי פרעמד. פּאַוולען וועט ער געוויס ניט טרעפן אין דער היים — ער איז אויף דער אַרבעט, אָבער דעם גרוס וועט דאָך אים, אייגנטלעך, איבערגעבן אוליאַנע.

האַרציק האָט אוליאַנע באַגעגנט שאָלעמען, געשטעלט צום טיש אַ פולן טעלער מיט עפּל, געבראַכטע פונעם דאָרף.

— יאַבלוקאַמי וואַס פּאַטשאַסטוייו[1] —זאָגט זי פרײַנטלעך.

מיט אומגעדולד האָט שאָלעם געגאַרט צו דערהערן, וואָס וועט אים דערציילן אוליאַנע, אָבער מע מוז וואַרטן.

— זענט איר צופרידן פון אײַער נעסיִע? — האָט ער געפרעגט.

— זייער צופרידן, — ענטפערט אוליאַנע און דערלאַנגט שאָלעמען אַ בריוול.

ער דערקענט גלײַך אַלגעס קסאַוו — די שיטערע היפּשע אויסיִעס. פון דעם בייגעלע פּאַפּיר האָט אַ ווייע געטאָן מיטן אײדעלן אַראָמאַט פון אַלגעס באַליבטע פּאַרפומען.

שוין פון די ערשטע שורעס איז פאַר שאָלעמען קלאָר געוואָרן: קיין איינע פון זײַנע בריוו האָט אַלגע נישט באַקומען. מאַלינאָווסקי האָט אָפּגענאַרט, ער טײַנעט, אַז קיין איין בריוו שאָלעמס איז ניט אָנגעקומען, אַניט וואָלט ער אָפּגעגעבן איר אַליין אין די הענט. אין דער היים, — שרײַבט אַלגע, — טאָר מען אַפילע שאָלעמס נאָמען ניט דערמאָנען: פאַרבאָטן, גלײַך ווי ס'איז גאָר קיינמאָל אין לאַיעווס פּאָסעסיע קיין לערער ראַבינאָוויטש ניט געווען. די מוטער האָט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אַז דער טאַטע ווייסט וועגן די בריוו, מיט וועלכע דער לערער פאַרשיט זי, אַלגען. דער פאָטער האָט געפּרוווט נאָכאַמאָל אַרויסרופן נאָך איינעם אַ באַרימטן שאַדכן... נאָר אויב יענער וועט קומען, וועט דאָס געשעפט ווײַטער פונעם פאָטערס קאַבינעט נישט אוועקגיין. דערין מעג שאָלעם זײַן זיכער...

שאָלעם האָט געוויס קיין טאָעס ניט געהאַט, גלייבנדיק אין אַלגעס טרײַקײַט. ער באַהאַלט אַלגעס בריוו, ער פילט זיך איצט, ווי אַן אַנדער הויט וואָלט אויף אים אַרופגעצויגן געוואָרן.

אוליאַנע דערציילט:

— איר הערט, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש. ווי נאָר איך בין געקומען צו זיך אין דאָרף, האָב איך אַרויסגערופן טאַראַסיקן — איר געדענקט מיסטאַמע דאָס ייִנגל. ער האָט גענומען אײַער בריוול, אַרײַנגערוקט עס אין דער פּאַזוכע און איז אוועק צו אַליעטשקען. איך בין געשטאַנען לעם גרויסן דעמב און געוואַרט. איך דערזע — טאַראַסיק לויפט פאַרסאָפּעט. „טיאָ־טיאַ אוליאַ, גייט ניט אוועק, — שרײַט ער נאָך פונדערווײַטנס, — באַלד קומט אַהער אַלגע מיכײַלאָוונע". און זי איז טאַקע געקומען צו גיין, ריכטיקער, געקומען צו לויפן מיט אַ פאַרפּאַליעט פּאָנעם. זי האָט מיך אַרומגענומען און געבעטן דערציילן וועגן אײַך אַלץ: ווי זעט איר אויס, ווי פילט איר זיך. ווען איר זאָלט וויסן, סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, ווי זי זאָרגט זיך! זי האָט מיך און טאַראַסיקן געקושט — פון פרייד. ווען איר זעט, ווי שיין זי איז! סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש, איר מעגט מיר גלייבן. עסט דערווײַל עפּל, באַלד וועט קומען פּאַוולאָ. איר קאָנט זיך צולייגן אָפּרוען פונעם וועג...

גאַראַוואַי האָט זיך זייער דערפרייט מיטן גאַסט און גלײַך גענומען דערציילן, אַז בײַ די אײַזנבאַן־אָנגעשטעלטע איז אומרויִק. אוליאַנע דערשרעקט זיך און דערמאָנט דעם מאַן, אַז מע דאַרף זײַן פאָרזיכטיק. בײַ זיי וואַקסט דאָך אַ קינד... וואָס וועט זאָגן דערויף זייער

---

[1] מיט עפּל וועל איך אײַך אופנעמען (אוקר.).

פּרײַנט, סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש? זי ווייסט גוט, וואָס פֿאַר א ווירקונג דער לערער האָט אף איר מאַן.

שאָלעמען איז שווער עפּעס אייצענען, ער קאָן זיך גענוי ניט פֿאַנאַנדערקלײַבן אין דעם, וואָס פּאָוולאָ דערציילט. איינס איז פֿאַר אים קלאָר: מע טאָר ניט פֿאַרגעסן, אז אָפּשטיין פֿון די, מיט וועלכע מע טיילט די ליידן און די פֿרייד, דאַרף מען ניט. מע טאָר זיך ניט אויס־קערעווען מיטן רוקן צו די, מיט וועלכע מע אַרבעט טאָגטעגלעך האַנט־בא־האַנט.

ראַבינאָוויטש האָט לאַנג ניט געקאָנט זיך פֿאַרהאַלטן בא זײַנע פּרײַנט. אָפּגעדאַנקט פֿאַר אַלץ, וואָס זיי האָבן פֿאַר אים געטאָן, איז ער אָפּגעפֿאָרן צוריק קיין לובען.

ער האָט ניט געוווסט, וואָס עס וואַרט אף אים נאָך יענעם שמועס בא בורכיבערשמויען. שאָלעם איז גרייט געווען צו אַלע שוועריקײַטן, וואָס דאָס לעבן קאָן אים אונטערטראָגן. אפּאָנעם, בורכיבערשמויס פֿרוי און די טאָכטער האָבן געווירקט אפֿן אַלטן, ער זאָל ניט מאַכן קיין ראַש און פֿאַרשווײַגן יענעם שמועס מיטן ראַבינער, און די מאַכלויקעס מיטן ראָש־האַקאָהאָל זײַנען שאָלעמען דערווײַל אָפּגעגאַנגען גלאַט.

אין די האַרבסטיק־רעגנדיקע אָוונטן האָט שאָלעם אין זײַן באָכערישן צימער א סאַך געלייענט און זיך פֿאַרטיפֿט אין נעקראַסאָווס לידער. אין זײַנע פּאָעטישע פּרוּוון איז דער צוקינפֿטיקער פֿאָלקס־שרײַבער געווען נאָענט צו די שטימונגען פֿונעם גרויסן רוסישן דיכטער.

שאָלעם האָט מיט גרויס האַסמאָדע נאָכאַמאָל דורכגעשטודירט אַלץ, וואָס עס האָט אָנגע־שריבן שאָלעם־יאַנקעוו אַבראַמאָוויטש, וועלכער האָט זיך געדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים מענדעלע מויכער־ספֿאָרים. א באַזונדער ווירקונג האָט אף שאָלעמען געהאַט „די טאַקסע, אָדער א באַנדע שטאָט־באַלטויוועס״. שאָלעם איז לאַנג געזעסן איבער אָט דער פּיעסע און געטרויערט איבערן גוירל פֿון די אומגליקלעכע אָרעמעלײַט.

די געשיכטע מיט דער אומגליקלעכער פֿרוי, וועלכע האָט זיך אַנומלטן ארײַנגעריסן צו יעכעזקל בורכיבערשמוי, דער שמועס מיטן נאָגיד און נאָך פֿיל אַנדערע פֿאַלן, פֿון וועלכע שאָלעם איז געווען אַן איידעס, האָבן אים אַרופֿגעשלאָגן אפֿן געדאַנק צו פֿאַרפֿאַסן א ליד „מע פֿרעגט מיך, וואָס איך וויין״. און אָט וואָס ער האָט אָנגעשריבן:

מע פֿרעגט מיך, וואָס איך וויין

צו מײַנע אייגענע ברידער
ווען איך קוק זיך צו,
הער איך די זעלבע לידער
און איך האָב קיין הילף דערצו.

איך פֿאַרשטעל מיר שטאַרק די אויגן,
איך זאָל ניט זען, וואָס טוט זיך דאָ,
ווי דער אָרעמאַן ווערט אויסגעצויגן,
ווי עס איז קיין עמעס ניטאָ.

ווי איינער יאָגט דעם צווייטן
און מאַכט פֿון אים א טעל,
אף איין האַנט טראָגט ער קייטן,
און אף דער אַנדערער — די פֿעל.

די קאָהאָלשע רעדלפֿירער,
די גאַבאָים, די נעמאָנים,
די שאַמאָסים, די פֿאַרזאָרגער —
ראַכמאָנים בניי־ראַכמאָנים,

די באַלטאַקסעס — די באַלטויוועס,
וואָס עסן פֿלייש און פֿאַרקויפֿן ביינער,
די נאַלאָגן מיט די כויוועס,
וואָס וואַקסן, ווי א באַרג מיט שטיינער.

די „גוטע יידן״, די צאַדיקים
מיט די פֿײַערדיקע כסידים,
די באַלע־מאָפּסים, די מאַזיקים,
די זאָגערס, די מאַגידים,

די מאַסקילים, די פּאַטריאָטן,
וואָס זײַנען אויך ניט בעסער,
די דאָקטוירים, די דעספּאָטן,
וואָס קוילען אָן א מעסער.

און נאָך, און נאָך, און נאָך...
נאָר וואָס האָבן מיר צו ריידן?
לעזער! ווײ איז אונדז און אָך —
אי מיר, אי דיר — אונדזביידן.

איר פֿרעגט מיך, וואָס איך וויין,
וואָס באַדײַטן מײַנע טרערן, —
איר זעט זיך שוין אליין —
איך בין דאָס זעלבסט ניט גערן.

צי וועט ער אמאָל קאָנען זײַן ליד דרוקן און ווו?

אין א רעגנדיקער נאכט האָט עמעצער אומגעריכט אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר.

— ווער איז דאָרט?

— שרעקט זיך ניט. עפנט אויף, זײַט מויכל.

אָפּגעשפאַרט די טיר, האָט שאָלעם אַרײַנגעלאָזט א מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אונטער א צעריסענעם פאַראַסאָל.

שאָלעם האָט פאַרזיכטיק אַרויסגענומען פון יענעמס הענט דעם פאַראַסאָל און אַרויסגע־טראָגן אים אין פירהויז.

— טוט זיך אויס, — אויך דעם נאַסן מאַנטל האָט ער אַהין אַרויסגעטראָגן.

ערשט איצט האָט שאָלעם דערקענט אינעם געקומענעם דעם לערער פון דער היגער טאַלמוד־טוירע עזרע ראַטשטיין.

— אוי, העלפט מיר, איך בעט אײַך, — האָט ראַטשטיין ציטערנדיק געשטאַמלט און אָנגעכאַפּט שאָלעמען פאַר דער האַנט.

— וואָס איז געשען?! באַרויקט אײַך און דערציילט.

ראַטשטיין ווישט אויס דאָס נאַסע פּאָנעם, די ברעמען און נעמט פּאַמעלעך דערציילן, אַז ער האָט געהאַט די האָזע זיך אויסדריקן פאַרן פּאַרוואַלטער פון דער טאַלמוד־טוירע ניט מיט יִראַס־האַקאָוועד אָפּן אַדרעס פון די היגע פּניי. יענער האָט אים געמאַסערט פאַר רעב כאַציע בורכיבערשמוי און צאַלעל באַכמוטסקי, און איצט האַלט שלעכט — מע וויל אים אַרויסטרײַבן פון דער שטעלע.

— וואָס האָט איר אַזוינס געזאָגט?

— כ׳האָב אָנגעשריבן עטלעכע גראַמען פול מיט כויזעק און לייצאָנעס.

ראַטשטיין שלעפּט אַרויס פון דער בוזעם־קעשענע א בייגעלע פּאַפּיר. פונעם רעגן האָבן די אויסיִעס אין אייניקע ערטער זיך צעגאָסן.

איבערגעלייענט, צעשמייכלט זיך שאָלעם. דער אָוטאָר האָט זיך צערעכנט מיט די היגע רעדלפירערס אין זעלביקן נוסעך, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין זײַנע שירים. נישט מער, ראַטשטיין האָט עס שוין געלאָזט אין גאַנג, און ער באַהאַלט עס אין טיש־קעסטל.

— גוט אַרײַנגעזאָגט, און בעפּיירעש אָף פּראָסט איוורע־טײַטש, — דערמוטיקט שאָלעם דעם לערער.

— א דאַנק אײַך פאַר א גוט וואָרט. אָבער, זעט איר דאָך — שוין אַרײַנגעכאַפּט א כיילעק דערפאַר, — ענטפערט ער דערשראָקן. און נאָך א פּאַוזע: — איר פאַרשטייט, פּאַני ראַבינאָוויטש, דאָס ווײַב מײַנס טײַנעט, אַז מע פאַרמאָגט קינדער, דאַרף מען האַלטן די צונג צווישן די ציין.

שאָלעם און זײַן אומגעריכטער גאַסט האָבן זיך איבערגעקוקט. דער אויסדרוק פון ראַט־שטיינס פּאָנעם איז געווען אַן ערעך אַזאַ: פון איין זײַט — טוט מיר האַנאָע, וואָס כ׳האָב געצילט און געטראָפן; און פון דער צווייטער — טוט מיר באַנק...

— איז וואָס, אייגנטלעך, ראַטשטיין, ווילט איר פון מיר? — פרעגט ראַבינאָוויטש.

— פון אײַך? איר זײַט דאָך פּאַרט ראַבינער, אַן אַרײַנגייער צו זיי, צו די שטאָט־באַלעבאַטים...

צעלאַכט זיך שאָלעם. ווי זאָל ער ראַטשטיינען איבערצײַגן, אַז ער האָט בא זיי קיין שום דייע ניט, אַז ער אַליין וואָלט א באַלן געוועזן שיקן זיי פונקט אַזעלכע שאַרפע פײַלן.

דער רעגן האָט נאָך געגאָסן. שאָלעם האָט פאַרגעלייגט ראַטשטיינען בלײַבן בא אים נעכטיקן. נאָר ראַטשטיין האָט ניט געקאָנט פויעלן בא זיך — מע וועט אין דער היים האָבן יעסורים. נאָר אַוועקגיין האָט ער דערוויַיל זיך ניט געקליבן.

שאָלעם האָט גענומען פון טיש דאָס בענדל נעקראַסאָווס שירים און אָנגעהויבן פאַר־לייענען אין דער הייך. דער לערער האָט אופמערקזאַם זיך אײַנגעהערט.

— איר הערט, ראַטשטיין, ווי נעקראַסאָוו זאָגט אַרויס אָפן זײַן האַס צו די דייזאָגערס. און מיר האָבן קיין מוט ניט צו ריידן. ווי נאָר מע טוט א פּיפּס, פאַרשליסט מען דאָס מויל און מע נעמט צו דאָס ברויט. יאָ, ראַטשטיין, ס׳איז בעפּיירעש שווער. אָבער נעקראַסאָוון איז אויך געווען ניט גרינג. ווייניק האָט ער זיך אָנגעליטן פון דער צענזור און פון זײַנע ליטעראַרישע סאָנים, ביז ער האָט דערטראָגן דאָס וואָרט צום אוילעם?..

דער רעגן איז שוואַכער געוואָרן. מיטפילנדיק קוקט שאָלעם אָפּן לערער.

ווי גוט איז, וואָס א צופאַל האָט געבראַכט צו אים ראַטשטיינען. אַזויאַרום האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ניט נאָר בא אים ברענט דער האַס. דאָ, אין לובען, איז געוויס פאַראַן ניט איין ראַטשטיין, מע דאַרף נאָר קאָנען זיי אויסגעפינען. עס ווײַזט אויס, אַז ער אַליין איז

שולדיק דעריין, וואָס ער האָט ניט געקאָנט צוציִען צו זיך קיין פּאַשעטע, אָרנטלעכע מענטשן און זיי איבערצײַגן, אַז דער קאַזיאָנע ראַבינער איז מיט זיי.

מיט אַן אָפן מויל און ברייט צעעפנטע אויגן האָט ראַטשטיין אויסגעהערט דעם ראַבינערס ליד און פאַרשטאַנען, אַז העלפן קאָן ער אים עפשער ניט, נאָר ס'איז גוט, וואָס ער איז געקומען גראָד צו ראַבינאָוויטשן אויסדערציילן זײַן ביטער האַרץ. דאָס איז דער עמעסער אַדרעסאַט, צו וועלכן ס'איז קעדײַ געווען זיך צו ווענדן.

געצוווּנגענער קאָנטאַקט מיטן מעקלער

בעשום-אויפן האָט דער לובענער ראַבינער ניט געקאָנט זיך ריכטן, אַז בא אים אין קאַנצעלאַריע וועט אין איינעם אַ ווינטערדיקן טאָג זיך באַווײַזן אַ מענטש, צו וועלכן ער האָט זיך באַציוגן ניט נאָר מיט ביטל, נאָר אַפּילע מיט האַס. און דער דאָזיקער מענטש האָט בעפּייִרעש מיטגעווירקט, אַז שאָלעמס שטימונג און געמיט זאָל זיך לאַכלוטן ענדערן.

סאָף טאָג טוט זיך אַן עפן אויף די טיר, און — בּאַרעך-האַבאַ, סקאָצל קומט! פאַרן פאַרקלערטן ראַבינער שטעלט זיך אַוועק סימכע טשאַפּקין אין אַ פריציש טולופּל, אין אַ וואַרעם היטל און מיט הויכע יעגער-שטיוול; דער זעלבער סימכע טשאַפּקין, מיט וועלכן שאָלעם האָט דאָס לעצטע מאָל צוריק מיט אַ יאָר צוויי זיך באַגעגנט אָפּן וואָקזאַל, ווען ער איז געפאָרן קיין קיִעוו.

— שאָלעם-אַלייכעם, פּאַני ראַבינאָוויטש, — שטרעקט אויס דער מעקלער די האַנט.

— שאָלעם-אַלייכעם, פּאַני טשאַפּקין, — האָט שאָלעם מיט קלוימערשטער צופרידנקײַט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

ניט וואַרטנדיק, ביז שאָלעם זאָל אים פאַרבעטן זיצן, וואַרפט טשאַפּקין אַראָפּ דעם טולופּ און זעצט זיך צו, כיטרע שמייכלענדיק.

— איר געדענקט, וואָס איך האָב אײַך שוין אַמאָל געזאָגט, — זאָגט ער, — אַז סימכע טשאַפּקין וועט אײַך נאָך צוניץ קומען אין לעבן?

שאָלעם וואַרט שווײַגנדיק און קלערט: „ציקאַווע, וואָס האָט אָט דעם געשעפטסמאַן געבראַכט אַהער?”

און דער געשעפטסמאַן האָט לאַנג אים ניט געלאָזט וואַרטן.

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, פּאַני ראַבינאָוויטש, — זעצט ער פאָר, — איך בין פון וועג און וואָלט אַ באַלן געווען זיך דערוואַרעמען. דעם קוטשער האָב איך אָפּגעלאָזט, ער וועט אַהער קומען ערשט מאָרגן אינדערפרי. דאָ, בא אײַך — אין דער קאַנצעלאַריע, — ער קוקט זיך ארום, — איז אַזוי אומהיימלעך, ווי זאָל איך אײַך זאָגן... ווי אין אַ פאַרלאָזטער קלויז, אַדער ווי אין אַ סקלאַד, וואָס שטייט שוין לאַנג ליידיק אָן סכוירע. און איך האָב ליב אַ ביסעלע וואַרעמקײַט, אַ ביסעלע מענטשלעכקײַט און אַ ביסעלע פּאַרנאָסע. און דאָ גלוסט זיך אַפּילע ניט עפענען דאָס מויל.

— איז וואָס זשע ווילט איר פון מיר? — פרעגט שאָלעם העפלעך און געלאַסן.

— דאָ קאָן איך ניט ריידן. בעקיצער, איר האָט ערגעץ אַ שענער מאָקעם-מענוכע?

— וואָס פאַרלאַנגט איר, פּאַני טשאַפּקין? — שאָלעמס שטים איז שוין ווייכער.

— אָט אַזוי טאַקע רעדט, — איז סימכע געוואָרן נאָך פריילעכער. — פירט מיך אַוועק אין אַ שטוב, ווו מע קאָן זיך אָפּרוען ביז מאָרגן אינדערפרי, ווו מע קאָן פירן אַ ליבן שמועס, אויסטרינקען אַ ביסל אָקרעפּ מיט עפּעס אַ צובײַסעכץ. איך האָב אײַך געבראַכט אַ בסורע-טויווע, אָף וועלכער איר האָט אַפּילע ניט געקאָנט זיך ריכטן... איר מיינט אַוודע, אַז סימכע טשאַפּקין קאָן נישט פאַרפאָרן אין דער בעסטער אַכסאַניע, וואָס כ'וואָלט געפונען דאָ, אין לובען? נאָר איך האָב ניט ליב קיין אַכסאַניעס מיט וואַנצן, מיט די אָנגעפּאַרענע פאַרשוויבען, מיט... מיט... בעקיצער, איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

אַ פאַרינטריגירטער הייבט זיך שאָלעם אויף שווײַגנדיק, נעמט צו די שליסל פונעם טיש און פירט אַוועק טשאַפּקינען צו זיך אַהיים, ווו ער האָט געהייסן דער באַלעבאָסטע שטעלן דעם סאַמאָוואַר און דעם צוגעגרייטן וואַרמעס אײַנטיילן אַפּצוויייען.

בא שאָלעמען אין צימער האָט טשאַפּקין זיך דערפילט היימיש. געבליבן אין אַ זשילעט מיט די אונטערשטע אַרבל, האָט טשאַפּקין געבעטן גיבן אים אַ פּאָר שטעקשיך. ער האָט אַרויסגענומען טוטין, פאַרדרייט אַ ציגאַר און אָן שום צערעמאָניעס צוגעלייגט זיך אָף דער קאַנאַפּע.

— איצט קאָן מען צוטערטן צום אינינען. איר מיינט, מיסטאמע, אז טשאפקין ציט אײַך אונטער דערמיט, וואָס כ׳האָב געזאָגט וועגן א גוטער בסורע! כאַלילע! איר ווייסט גאָר אפילע אליין ניט, וואָס איך טו פאר אײַך. זעצט זיך אוועק און הערט מיך אויס מיט קאָפּ: צוליב געשעפטן בין איך געוועזן בא עלימיילעך לאַיעוו...

דערהערט דעם נאָמען לאַיעוו, זעצט זיך שאָלעם אוועק און ווערט צוגעזאָגן מיט די אויגן צום גאסט.

— איך טו מיר אזוי א קוק, סע דרייט זיך ארום עלימיילעכס בסולע, ווי הייסט זי דאָרטן — האָדעלע, אָדער, ווי איר האָט זי גערופן, אָלגע. זי דרייט זיך ארום אן אומעטיקע, גלײַך ווי א שיף מיט זויערמילך איז בא איר אונטערגעגאנגען. נאָר, הערט זשע מיך אויס, פּאני ראבינאָוויטש, איז דאָס א שיינהײַט, אין איר פּאָנעם ניט ארײַנצוקוקן! טו איך מיר אזוי זיך א דריי דורך לעם איר, און, ווען דער אלטער לאַיעוו איז ארויסגעגאנגען פונעם כיידער, זאָג איך צו איר: „מאמזעל, איך ווייס, פארוואָס אײַך איז סומנע״. און פונקט ווי איר, קוקט זי אפילע ניט אין מײַן זײַט. ע, טראכט איך מיר, איך וועל דיך באלד נעמען, בא סימכע טשאפקין ווערט גאָרנישט ניט פארפאלן אין זיקאָרן. זאָג איך צו איר: „מאמזעל, איר וועט באלד מיט מיר ריידן... איך האָב געזען אײַער לערער אפן וואָקזאל און אין פּאַיעזד, מיר זײַנען געפאָרן אין איין וואגאָן און געגעסן וועטשערע אין פּאַיעזד״. בין איך שוין דעמלט גראָד זויכע געוועזן, זי זאָל אָף מיר א קוק טאָן. און שטעלט אײַך פאָר, זי האָט צו מיר א ווונק געטאָן, איך זאָל שווײַגן. נאָר פאר מײַן אוועקגיין האָט זי מיך אָפּגעוואַרט און געבעטן: „נאָט אײַך אָט דאָס בריוול און גיט עס אים איבער — איר וועט דאָך אים מיסטאמע זען״.

טשאפקין שלעפּט ווירקלעך ארויס פון דער קעשענע א קאָנווערט און גיט אים איבער שאָלעמען.

איבערגעלייענט דאָס בריוול, איז שאָלעם פריילעך געוואָרן און אינגאנצן געענדערט די באציִונג צום פלוטעוואטן, שעלמישן מעקלער. מ׳האָט געגעסן מיטיק, אויסגעטרונקען צו ביסלעך אויסגעשטאנענעם ווימאַראַזאָק.

נאָכן מיטיק האָט דער גאסט געכאפּט א געשמאקן דרעמל. שאָלעם האָט דאן זיך גע־לאָזט גוט פארטראכטן וועגן אָלגען... דער אלטער לאַיעוו וועט בעשום־אויפן ניט אײַנגיין אפן שידעך צווישן אָלגען מיט אים, וועט ער מוזן טאָן דאָס, וואָס בויערט אים אין מויעך שוין א היפשע צײַט... ס׳איז נאָר א פראגע, צי זאָל ער שוין איצט פארפירן אן אויבער־פלעכלעכן שמועס מיטן מעקלער, וואָס כראָפּעט דערווײַל גאנץ געשמאק אף דער קאנאפּע. שאָלעם קוקט זיך אײַן אין טשאפקינען, צי מעג ער זיך פארלאָזן אף אים...

דעם באשלוס זיך דורכריידן מיט טשאפקינען האָט שאָלעם דאָך אָנגענומען פעסט. ער האָט אפילע ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן, ביז יענער וועט זיך אופכאפּן, האָט ער דערווײַל אומרויִק ארומגעשפאנט איבערן צימער. איצט איז אים שוין קלאָר און ער איז פעסט דערין, אז אָלגע בענקט נאָך אים פונקט אזוי, ווי ער נאָך איר.

ענדלעך האָט דער גאסט זיך אופגעכאפּט. טשאפקין גענעצט זיך אויס, שטעלט אראָפּ די פיס אין די שטעקשיך.

— כ׳האָב, ווײַזט אויס, געכאפּט א פײַנעם דרעמל, הא, פּאני ראבינאָוויטש?

— יאָ, א היפשן.

— איך בין געוווינט שוין לאנגע יאָרן שלאָפן נישט אפן אייגענעם געלעגער. דאָס ווײַב מיט די קינדער זע איך זעלטן. שטענדיק פאריאָגט מיט פרעמדע פּאָססעיס, מיט פרעמדע מויערן, מיט פרעמדע וועקסלען און פרעמדע געשעפטן. איר ווייסט, פּאני ראבינאָוויטש, אמאָל האָב איך אָף זיך אליין ראכמאָנעס, — האָט ער געזאָגט מיט א טרויעריקער מינע. און נאָך א פּאוזע: — דורכשווענקען דעם האלדז מיט א גלעזל אָקרעפּ וועט מען בא אײַך קאָנען?

— יאָ, און בעפּיירעש מיט אײַנגעמאכטס.

— זעט איר, דאָס איז גאָר אן אנטיק, אדעראבע.

— איר קלײַבט זיך אינגיכן ווידער זײַן אין סאָפּיִעווקע? — פארטשעפּעט שאָלעם טשאפּ־קינען גאָר פּאָרזיכטיק.

— אוודע. דערווײַל האָב איך נאָך קיין איין געשעפט נישט געמאכט מיט רעב עלימיי־לעכן. ווי געפעלט עס אײַך? מיר גייט שוין פּאָשעט אין אמביציע.

— איך קאָן אים אויך ניט אײַנבײַסן, — וויצלט זיך שאָלעם.

טשאפקין רוקט צו זיך צו נאָך א גלעזל טיי און זאָגט פילבאדײַטנדיק:

— איר וועט דערמאָנען מײַנע רייד, וואָס איך האָב אמאָל שוין געזאָגט: איר וועט זײַן דער יורעש זײַנער.

— וואָס רעדט איר, וואָס? — טוט שאָלעם א מאך מיט דער האנט.

— יאָ, יאָ. דער אלטער לאַיעוו איז גרייט אײַנלייגן די וועלט, דער טאָכטער זײַנער זאָל זײַן גוט... נאָר אים וועט זיך בעשום־אויפן ניט אײַנגעבן צו פארשלייערן זי, ווי ער וויל.

— הערט אויס, רעב סימכע, — נעמט זיך אָן שאָלעם מיט הארץ. — ווײַל איר זענט שוין יאָ פארפאָרן צו מיר, וואָלט עפשער געווען א יוישער, איר זאָלט אָפּפירן מײַנעם אן ענטפער צו אָלגען?

— איך בין גרייט. מיט אלע קאָוועדן. שרײַבט אָן, און איך וועל איר ברענגען, אין די אייגענע הענט איבערגעבן.

„...יענער, וואָס שרײַבט אונטערן פסעוודאָנים מענדעלע מויכער־ספאָרים, טראָגט אין פאָלק די עמעסע ליכט פון צוטריטלעכן און שטארקן וואָרט...״

אָפּגעטראָטן דעם גאסט זײַן געלעגער, האָט שאָלעם פאר זיך אליין אויסגעבעט אף בענקלעך. שאָלעם איז אָפּגעזעסן ביז טיף אין דער נאכט באם טיש, געשריבן און געמעקט, צעריסן ניט איין פאפיר. ענדלעך האָט ער אָנגעשריבן אָלגען, אז אויב דער פאָטער אירער וועט זיך אף ווײַטער אקשענען און ניט געבן זײַן האסקאָמע אף כופּע־וועקעדושן, איז ווי קלערט זי, אָלגע, צי וואָלט זי געווען גרייט אנטרונען ווערן צו אים, צו שאָלעמען, קעגן איר פאָטערס ווילן? קיין אנדער אויסוועג איז נישטאָ.

אָנגעשריבן האָט ער דאָס בריוול אין רוסיש, פארשטעלט, מיט פיל פארופּעניש און אָנצוהערענישן אף העלדן פון דער ליטעראטור, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט, טאָמער וועט טשאפּקין דאָך אים אָפּנארן און דאָס בריוול וועט נישט ארײַנפאלן צו אָלגען אין די הענט. ווען טשאפּקין האָט אינדערפרי שוין גענומען פון שאָלעמס הענט דאָס בריוול, האָט ער א פרעג געטאָן, צי איז שאָלעם ניט באקאנט מיטן היגן ראָטשילד — מיט רעב כאציע בורכיבערשמוי.

— איך קען אים, — ענטפערט שאָלעם, — אָבער ניט אזוי נאָענט.

— מיר איז ביז גאָר נייטיק, — דערקלערט דער מעקלער, — כ׳האָב צו אים אן איניען און דארף צוטרעטן צו אים. האָב איך געמיינט, איר זענט דאָ הי ראבינער, וועל איך דורך אײַך האָבן א פּראָטעקציע.

ווארעם אָפּגעזעגנט זיך, האָט טשאַפּקין אָפּגעדאַנקט פאַר סטאַנציע און צוגעזאָגט אויס־פּילן שאַלעמס באַקאַשע. אין א שטיקל צײַט ארום וועט ער ווידער זײַן אין די קאַנטן.

— איז מאַיאַ וואָס פאַטשטעניע, און זײַט געזונט!

באַטאָג איז טשאַפּקין אַרײַנגעלאָפן נאָך אַף עטלעכע מינוט אין ראַבינערס קאַנצעליאַריע, זיך דורכגעדרייט איבערן צימער און ווידער זיך אָפּגעזעגנט מיט א טאָן, וואָס לאָזט זיך נאָכדענקען.

— וואָס אַרט אײַך, פאַני ראַבינאָוויטש, — האָט ער א זאָג געטאָן, — ס'וועט זײַן גימל... אַניט זאָל איך ניט הייסן סימכע טשאַפּקין.

ער האָט זיך פאַרוויקלט אין זײַן ברייטן טולופּ, אַנגערוקט דאָס פוטערנע היטל איבער די אויערן און אַרויס אין קאַלטן דרויסן.

אַרויסגעגאַנוועט די קאַלע

אינגיכן נאָך דער פאַרגעקומענער באַגעגעניש מיטן מעקלער סימכע טשאַפּקין האָט שאַלעם באַקומען א בריוו פון אַלגען דורך זײַן קיִעווער פרײַנט גאַראַוואַי. זי האָט מיטגעטיילט, אַז זי איז מאַסקים מיט זײַן פּלאַן און איז גרייט אַף זײַנע פאַרטראַכטע קאַוואַנעס. זי בעט בלויז, אַלץ זאָל געטאָן ווערן אַזוי, אַז די עלטערן אירע זאָל פאַרשאַפט ווערן וואָס ווייניקער ליידן.

מע דאַרף אַלץ גוט באַטראַכטן, איידער דו, שאַלעם, וועסט זיך באַשליסן מאַכן אַזא שריט. נאָר ווער איז שולדיק דערין, וואָס קיין אַנדער וועג אַף צונויפקומען זיך מיט אַלגען איז נישטאָ? אײַ, ס'איז קעגן דעם אײַנגעשטעלטן שטייגער פונעם אַרומיקן לעבן, קעגן די דווירעסדיקע טראַדיציעס פון די לאַיעווס און בורכיבערשמויס, קעגן דעם גאַנצן יאַמטעוו און אינדערוואַכן פון מישאָנים קאַדמוינים? איז דאָס אָבער צום געזונט, שאַלעם ראַבינאָוויטש! דאָס איז דער פּראָטעסט דײַנער קעגן דעם גאַנצן שימל, וואָס אַרום דיר.

ווי דאָס ערשטע מאָל, איז ווידער אין לובען באַם ראַבינער אין קאַנצעליאַריע אויסגעוואַקסן סימכע טשאַפּקין. דאָס מאָל איז דער מעקלער געקומען סײַ מיט א בריוו, סײַ מיט א מינדלעכן אָנזאָג פון אַלגען. דאָס פאַרגלייבטע מיידל האָט פאַרטרויט דעם מעקלער איר הײליקן סאָד און געבעטן איבערגעבן שאַלעמען, אַז בא איר איז שוין אַלץ צוגעגרייט אַף אָוועקצוגיין פון די עלטערנס שטוב, אַז זי וועט גיין, וווהין שאַלעם וועט זי פירן, אַפילע אין עק וועלט.

אויך דאָס מאָל האָט טשאַפּקין זיך אונטערגענומען איבערגעבן אַלגען פאַרזענלעך א בריוול פון שאַלעמען, ווו ס'איז שוין קלאָר געווען אָנגעוויזן, צו וועלכן טאָג זי דאַרף זײַן גרייט, ווו וועלן זיי זיך באַגעגענען. מיט איין וואָרט, אַזוי ווער עס דאַרפן פאָרקומען, ווי ס'ווערט אָפּט באַשריבן אין די ראָמאַנען.

אַלגע האָט געדאַרפט קומען פון סאָפּיִעווקע אין א באַשטימטן טאָג אַף דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע, דאָרט וועט אַף איר וואַרטן שאַלעם, און ביידע וועלן זיי אָוועקפאָרן קיין קיִעוו. דעריקער — ניט פאַרשפּעטיקן צום באַן און באַצײַטנס אָפּפאָרן!..

קעדיי ניט אַרויסרופן קיין שום כשאַד בא די עלטערן, איז אַלגע די לעצטע טעג געווען זייער נאָכגיביק. דער טאַטע האָט אַפילע געפּויעלט בא אַלגען, די קומענדיקע וואָך זאָל קומען זי אָנקוקן א כאָסן — א רײַכער יאַכסן, וועלכער שטאַמט פון די גוראַריעס.

אין דעם געגאַרטן זונטיק־טאָג האָט אַלגע מיט א קלאַפּנדיק האַרץ גענומען דאָס רענצעלע מיטן מיידלשן גרעט, אַרײַנגעשטופּט אַהין אויך אַנדערע קלייניקײַטן און איז אַרויס אין פּראָסטיקן דרויסן צום דעמב, ווו ס'האָט אַף איר געוואַרט טאַראַסיק, שוין א היפּש אונטערגעוואַקסן באַכערל.

אַלגע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין שליטן, און טאַראַסיק האָט מיט א ליב שמייכעלע פאַרנומען דאָס אָרט אַף די קאָזלעס און א זאָג געטאָן: „וו דאַברי טשאַס!". ווי א געניטער פורמאַן, האָט ער א שמײַס געטאָן דאָס פערדל, און דער שליטן איז אַוועק איבער דעם פאַרשנייִיקטן וועג.

דאָס מיידל האָט שטײַפער פאַרצויגן דאָס שאַלכל, ווײַל איר האָט זיך אַלץ אויסגעדאַכט, אַז זי הערט דעם טאַטנס ציטערדיקע שטים, וואָס בעט זי: „וואָס טוסטו, טאָכטער?" און דער מאַמעס געוויין האָט זיך וויטעקדיק אַרײַנגעשניטן אין דעם ווינט־געוואַי.

זי טוליעט די פּיס אין דער באַראַניצע, וואָס טאַראַסיק האָט פאַר איר געבראַכט, און מאַסטעט זיך בעסער אײַן אין שליטן. זי וויל זיך פאַרגעסן, נעמט זי שעפּטשען מיט די ליפּן

נעקראַסאָווס פּערז „פלאַקאַלאַ סאַשאַ, קאַק ליעס ווירובאַלי"[1], וואָס האָבן זיך איר פאַרשניטן אין זיקאָרן, זינט שאָלעם האָט זיי איר איינגעטייטשט. און דאָס ברענגט טרייסט און שטילט איר אופגעטרייסלטן געמיט.

טאַראַסיק האָט פאַרזויגן זיין באַליבטע ליד „דיוווליוס יאַ נאַ נעבאָ"[2]. דער הימל, אַ גרויפאַרוואָלקנטער, אַ ווינטערדיק-שווערער, ליגט איבערן טרויעריקן סטעפּ, שנייעלעך דרייען זיך, דאָס ווינטל פאַרלויפט דעם וועג דעם יאַגנדיקן פערדל. וואָס נעענטער צום וואָקזאַל, ווערט אַלגען אַלץ שווערער אַפן האַרצן. פאַרוואָס אַנטלויפט זי פון איר טאַטנס וואַרעמער היים? ווהין? — צו איר שאָלעמען, צו אַ ניי לעבן! און דאָס האַרץ צאַפּלט אין איר.

טאַראַסיק קערעוועט זיך אויס און פרעגט, צי איז אַלגען ניט קאַלט. ניין, ס'איז ניט קאַלט. זי וויל וויסן, צי איז נאָך ווייט צו פאָרן.

אומגעריכט איז אַנטקעגן אָנגעפאָרן אַ פּריצישער שליטן, און פון אים איז איילִיק אַראָפּגעשפּרונגען סימכע טשאַפּקין. אַלגע האָט אַ טאָרע געטאָן טאַראַסיקן, ער זאָל איינהאַלטן דאָס פערד, און נאָך איידער זי באַוויזט עפּעס צו פרעגן, טוט טשאַפּקין אַ מאַך מיט די הענט און שרייט אויס:

— בעסער קאָן נישט זיין! דיין שאָלעם איז שוין אַפן וואָקזאַל! פאָר, פאָר, וועסט אָנקומען באַצייטנס. כ'האָב אים געגעבן אַ גוטן אַדרעס אין קיִעוו, ווו איר קאָנט זיך אָפּשטעלן.

אַן ערעך אין אַ האַלבער שאָ נאָך דער באַגעגעניש מיט אַלגען אינמיטן סטעפּ איז צו לאַיעוון אין קאַבינעט מיט אימפּעט אַריינגעלאָפן דער שטענדיק ראַשיקער טשאַפּקין, שווער זיך אַריינגעזעצט אין ווייכן שטול און גלייך געבעטן טוטין צו פאַררייכערן.

— הײַנט, רעב עלימיילעך, מעגט איר מיך אופנעמען פונקט ווי דעם פּאָרעץ קוצענקאָ אָדער ווי אַפילע דעם גראַף בראַניצקי, ווען ער וואָלט אייך באַגליקט מיט אַ וויזיט.

לאַיעוו קוקט פון אונטער די ברעמען און וויל טויפעס זיין, וואָס איז ער הײַנט אַזוי אופגעלייגט, דער מעקלער.

— וואָס איז הײַנט אַף אייך אַזוי די געדולע? — שפּאַסט לאַיעוו. — וואַרט צו, ס'איז נאָך פּרי. וויפל איז איצט דער זייגער? אַרום איינס? אויב איר וועט אויסזיצן ביז אַפּדערנאַכט, וועל איך הייסן פאַר אייך צוגרייטן אַ גאַנצן מאָלצייט.

— ביז אַפּדערנאַכט וועט שוין זיין צו שפּעט, — זאָגט רויִק דער מעקלער.

— וואָס וועט זיין שפּעט? — פאַרשטייט ניט לאַיעוו.

— כ'מיין, רעב עלימיילעך, דעם וואַלד, וואָס כ'לייג אייך פאָר, וועט מען פאַרקויפן.

— מע וועט אים פאַרקויפן?

— נו, יאָ. און ס'וועט אייך באַנק טאָן, אויב עמעצער וועט אים קויפן פריִער פון אייך.

— וואָס דרייט איר דעם קאָפּ, טשאַפּקין?

דער מעקלער רייכערט אַ סאַך. לאַיעוון שטיקט דער רויך. ער רופט אַריין דעם מעשאָרעס און הייסט אים אויסלופטערן דעם קאַבינעט.

— איר האָט אַזוי אָנגעסמאַליעט, רעב טשאַפּקין, — קרימט ער זיך.

דער מעקלער כאַפּט אַ קוק אַפן קעשענע-זייגער, טוט אַ קלער, אַז דער צוג, מיט וועלכן דער לערער מיט לאַיעווס טאָכטער האָבן געזאָלט אוועקפאָרן, איז שוין אָפּגעגאַנגען פון דער סטאַנציע, און ער באַשליסט אַנדערש ריידן מיטן אַלטן.

— רעב עלימיילעך, וואָס מאַכט עפּעס אייער טאָכטער? — פרעגט ער.

— וואָס איז, איר האָט דען אַ גוטן שידעך פאַר מיר?

— פאַר אייך, צי פאַר איר? — פרעגט דער מעקלער מיט אַ כויזעק-טאָן.

לאַיעוו טראַגט זעלטן ברילן, ער באַניצט זיך מיט זיי בלויז אין צוויי פאַלן: ווען ער איז גאָר אין אַ יאָמטעוודיק-געהויבענער שטימונג, אָדער ווען ער בייזערט זיך שטאַרק. דעם מעקלערס ענטפער האָט אים אַ ברי געטאָן. שלעפּט ער אַפּגיך אַרויס זיינע ברילן, זאָטלט אָן די נאָז, פאַרהייבט דעם קאָפּ, נעמט אַריין די באָרד אין איין האַנט און זשמורעט די אויגן.

— הערט נאָר אויס, רעב זייט זשע מויכל, — זאָגט ער מיט ביטל, — ווי רופט מען אייך דאָרטן?

דער מעקלער מאַסטעט זיך איין טיפער אין ווייכן שטול און שווייגט בייז. ער וויל זיך נויקעם זיין אין אַלטן אַקשן, אָפּרעכענען זיך מיט אים. און דאָ דערהערט ער, ווי לאַיעוו כאַזערט ווידער איבער:

— רעב זייט זשע מויכל, וואָס האָט איר מיר עפּעס אַזוינס געוואָלט זאָגן?

---

[1] געוויינט האָט סאַשאַ, ווען מ'האָט דעם וואַלד אויסגעהאַקט (רוסיש).

[2] איך קוק אַפן הימל (אוקראַיִניש).

מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג שטעלט זיך אויף דער מעקלער, וואַרפט אוועק אין אַ זײַט דעם ציגאַר און זאָגט בײַסיק:

— זײַט ניט אַזוי גײַציק, רעב עלימיילעך. כאַפּט בעסער אַ קוק צו דער טאָכטער אין כיידערל.

קוקנדיק אָנגעשטרענגט מיט גרויס כשאַד אַפן מעקלער, הייבט אָן לאַיעוו פּאַמעלעך פּינטלען מיט די אויגן און טוט ניט מיט זײַן קאָל אַ געשריי:

— יאַנקל, יאַנקל! ווו ביסטו ערגעץ? דער רועך זאָל אײַך אַלעמען נעמען!

גלײַך באַווײַזט זיך אַף דער שוועל דער מעשאָרעס.

— טײַקעף־אומיִיאַד זאָלסטו מיר אַרײַנרופן האַדעלען! — באַפוילט לאַיעוו.

דער מעשאָרעס איז אוועק.

ווען ס׳האָט זיך אומגעקערט דער מעשאָרעס און מיט מעיאַעשדיק צענומענע הענט אַרויסגעשטאַמלט: „אַלגע איז אין ערגעץ נישטאָ״, איז דער אַלטער אַ צעווילדעוועטער צוגעלאָפן צום מעקלער, אים אָנגעכאַפּט פאַרביידע לאַצן פון זײַן סערדעט און מיט אַן אײַנגעבראָכענער שטים אויסגעשריגן:

— וווהין האָט איר אַהינגעטאָן מײַן קינד, מערדער!

— איך? וואָס רעדט איר, רעב מיילעך? גאָט איז מיט אײַך.

— זאָגט גיכער, וואָס דאַרף עס קאָסטן, מיִעסע בריִע. ראָכל, גיכער קום אַהער... מ׳האָט באַ אונדז צוגעראַבעוועט דאָס קינד, — און לאַיעוו האָט מאַכטלאָז זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ שטול.

אָן איבערגעשראָקענע איז אַרײַנגעלאָפן די מוטער. לאַיעוו האָט אָנגעוויזן אַפן מעקלער, וועלכער איז איצט געשטאַנען מיט אַן אויסזען פון אַ שולדיקן.

— רעב סימכע, — האָט די מוטער אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, — וואָס הייסט עס?

לאַיעוו האָט אַף אַ פּאָשעטן אויפן אָנגענומען דעם מעקלער פאַר אַ האַנט, צוגעפירט אים צו אַ שטול און מיט אַ שטויס אין דער ברוסט אים אוועקגעזעצט.

— הערט אויס, רעב סימכע! איר זענט דאָך אויך אַ פאָטער פון קינדער... — לאַיעוו וואַרגט זיך מיט די ווערטער, ער מוז אַלעמאָל זיך אָפּשטעלן. — אויב ס׳איז באַ אײַך פאַראַן כאָטש אַ טראָפּן יוישער, מענטשלעכקײַט, איידלקײַט, דאַרפט איר מיר מיטהעלפן... נעמט באַ מיר וויפל איר ווילט, — ער וואַרפט אַרויס דעם טײַסטער אַפן טיש, — נאָר דערציילט: וואָס ווייסט איר? ס׳איז דאָך אַזאַ ביזאָיען! פאַר דער גאַנצער וועלט אַ ביזאָיען!

— באַרויִקט זיך, רעב עלימיילעך, איך וועל אײַך העלפן. אַניט, צוליב וואָס בין איך צו אײַך געקומען? — האָט דער מעקלער גערעדט גאַנץ שטיל.

לאַיעוו זעצט זיך אוועק אַנטקעגן און קוקט דעם מעקלער גלײַך אין מויל אַרײַן.

— הײַנט אינדערפרי האָב איך זי באַגעגנט ניט ווײַט פון דער באַן־סטאַנציע, איז מיר גלײַך אײַנגעפאַלן...

דער אַלטער בלײַבט שטיל, ער ווייסט נאָך אַליין ניט, וואָס פאַר אַ באַשלוס אָנצונעמען. אייניקע קימערט אים: מע דאַרף אָן איבעריקן ראַש... ס׳זאָל נישט ווערן קיין רעשוס־האָראַבים, דעמלט וועט מען קאָנען זיי אומקערן, ברענגען צוריק אַהיים.

ער זאָגט „זי״, „זיי״ אָנשטאָט אָנצורופן די נעמען. נאָר סײַ דאָס ווײַב, סײַ טשאַפּקין ווייסן גוט, וועמען דער אַלטער מיינט.

— ווי קלערט איר, רעב סימכע, ווו קאָנען זיי איצטער זײַן? — פרעגט לאַיעוו שוין וויי׳כער.

— איך מיין, אין קיִעוו, — ענטפערט ניט געײַלט טשאַפּקין, וועלנדיק דערווײַזן זײַן באַהאַונטקײַט.

— פאַרוואָס עפּעס אין קיִעוו?

— פאַרשטייט איר מיך, אין אַ גרויסער שטאָט איז גרינגער צו באַהאַלטן זיך.

— וואָס באַהאַלטן... ס׳איז אָן אַל אין אַ זאַק? — בייזערט זיך לאַיעוו. — שאַט, רעב סימכע, צי איז זי ניט באַ אים, אין לובען?

טשאַפּקין דרייט מיטן קאָפּ:

— דערוף וועט ער ניט אײַנגיין. ערשטנס, פּאַסט ניט פאַר אַ ראַבינער — אַ פּאַסטעך פון די צוין־קאָדאָשים וועט אַראָפּברענגען צו זיך אַ בסולע? און, צווייטנס, וועט ער מוירע האָבן, אַז מע קאָן זיך גלײַך אָנשטויסן און קומען נאָך איר.

— טאַקע עמעס. דעריבער הערט מיך אויס, רעב סימכע. אָט האָט איר אָן אַדערוף, — ער נעמט אַרויס פּאָזיט, — אַ גאַנצע קאַטערינקע[1]. נאַט אײַך און פאָרט אַהין, וווהין איר

[1] אַ הונדערטער.

פארשטייט, נאָר ברענגט מיר מײַן קינד. איר וועט קיין כאַראַטע ניט האָבן. אָבער מיט איין טנאַי: אָן ראַש, מע זאָל זיך ניט דערוויסן פון לאַיעוס כאַרפּע. איר האָט מיך פאַרשטאַנען, רעב סימכע?

— פאַרשטאַנען, זייער גוט פאַרשטאַנען, — האָבן באַם מעקלער צופרידן געלויכטן די אויגן, דערזעענדיק דעם הונדערטער. ער האָט אָפּגיך אַרײַנגעלייגט דאָס געלט אין אַ זײַטיקער קעשענע.

לאַיעוו אליין דערלאַנגט דעם מעקלער זײַן שטעקל מיט דער מאָדנער סקיפּקע, באַגלייט אים צו דער טיר:

— איז וויניקער געקלערט און מערער געטאָן, און זאָל זײַן מיט מאַזל. יאָ, וואַרט נאָך צו אַ רעגעלע. ראַכל, לאָז ניט ארויס רעב סימכען אַ הונגעריקן.

— טייקעף, — ענטפערט זי, לויפנדיק צו דער טיר.

אינגיכן האָט דער לאַקיי אַרײַנגעבראַכט אַף אַ טאַץ צום איבערכאַפּן — עפּעס געזאַלצנס, אַ שטיק אָפּגעזאָטן פלייש, אַ פלעשל ווײַן מיט אַ גלעזל.

ווען טשאַפּקין האָט נאָכן עסן אָפּגעווישט די ליפּן און אָפּגעדאַנקט, האָט לאַיעוו געהייסן דעם לאַקיי אַרײַנבערענגען אין צימער טשאַפּקינס טולופּ מיטן היטל. באַם געזעגענען זיך האָט לאַיעוו, אַן אופגערעגטער, ווידער איבערגעכאַזערט זײַן באַקאַשע:

— זאָלט איר ניט פאַרגעסן: אַלץ דאַרף געמאַכט ווערן בישטיקע, טאָן אַלץ, קעדיי אומ־צוקערן אהיים מײַן קינד. און גייט אײַך געזונטערהייט. איר זאָלט מיר קלאַפּן אַ דעפּעש בעלאָשן סאַגענאָער. וויאַזוי — דאַרף איך אײַך ניט לערנען...

— ס'וועט זײַן רעכט, רעב עלימיילעך, פאַרלאָזט זיך אַף מיר.

ווען ס'האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון די גלעקלעך באַ טשאַפּקינס שליטן, האָט לאַיעוו צו זיך אליין געבורטשעט:

— אַז אָך און ווײ, אַז איך דאַרף זיך פאַרלאָזן אַף אָט דעם מעקלער, דעם פלוט. צו וואָס איך בין דערגאַנגען.

און טשאַפּקין, ליגנדיק צעלייגט אין שליטן, האָט צו זיך אליין געשמייכלט, טאַפּנדיק די בוזעם־קעשענע, ווו דער אַקאַרשט באַקומענער הונדערטער האָט אים געוואַרעמט מערער, איידער דאָס ביסל אויסגעטרונקענע ווײַן.

— דאָס איז מײַן ערשטער פאַרדינסט באַ עלימיילעכן, — האָט ער געשמייכלט צו זיך אליין, — דאָס איז פאַר דער גאַנצער צײַט. נישקאָשע, פאַרדאַרבענער פּאַסעסער, דאָס איז דערווײַל בלויז אַן אַדערופ. זייער שווער איז ער מיר אָנגעקומען...

אָלגע איז געווען איבעראַשט פון דעם, מיט וואָס פאַר אַן אויסערגעוויינלעכער אופמער־קזאַמקײַט אוליאַנע און פאַוועל האָבן זי אַרומגערינגלט. שוין עטלעכע טעג וווינט זי באַ זיי. שאָלעם איז געגאַנגען נעכטיקן, ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט, ניט בלויז דערפאַר, וואָס אין גאַראַוואָיס ענגן דירעלע איז ניט געווען קיין אָרט פאַר צוויי געסט, דעריקער האָט ער ניט געוואָלט פאַרבלײַבן אַף נאַכטלעגער איינצײַטיק מיט אָלגען, ביזוואַנען זיי וועלן ניט האָבן קיין געזעצלעכע רעכט דערויף. אָלגע האָט געהאָלפן אוליאַנען אין דער ווירטשאַפט, און פאַרנאַכט איז זי געגאַנגען באַגעגענען שאָלעמען, וועלכער פלעגט קומען יעדן טאָג אַף עטלעכע שאָ. דעריקער האָט זיי געקימערט די פראַגע, וויאַזוי זיך צונויפגיין לויט די דעמלט־טיקע אײַנגעשטעלטע מינהאָגים. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ שטילער כופּע. מע דאַרף צונויפנעמען אַ מיניען יידן און שטעלן אַ כופּע אָן די עלטערן. דאַן וועט שוין ניט זײַן שרעקלעך, אפילע אַז מע וועט זיך דערוויסן, ווו זיי געפינען זיך.

ווען באַ שאָלעמען האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע נאַכטלעגער־ערטער איבער „פּראַוואָזשי־טעלסטוואָ”, האָט ער זיך דערמאָנט אינעם אַדרעס, וואָס טשאַפּקין האָט אים געגעבן. איז ער אוועק אהין. דאָרט דערוויסט זיך שאָלעם, אַז טשאַפּקין „זוכט אים מיט ליכט”, ווי דער באַלעבאָס פון דער דירע האָט זיך אויסגעדריקט. דאָס איז געווען אַ סויכער — אַ יוירעד, אַמאָל געהאַנדלט מיט טוווּע און נאָך דעם, ווי ער האָט אײנמאָל אָנגעזעצט און ניט געקאָנט זיך שטעלן אַף די פיס, איז ער געוואָרן אַ שטיקל שוטעף מיט טשאַפּקינען אין זײַנע הוהאַ־געשעפטן. אַ דאַר, קליין יידל מיט אַ גרויסן קאָפּ און מיט אַ שיטער באַוואַקסן פּאָנעם, מיט גראָבע, פּלײַשיקע ליפּן און צונויפגעצויגענע שמייכלענדיקע אויגן, ער איז געווען געקליידט קליינשטעטלדיק און נאַכליעדיק.

זײַענדיק, ווײַזט אויס, געוואָרנט פון טשאַפּקינען, האָט ער וועגן גאַרנישט ניט אויסגע־פרעגט און איז גלײַך צוגעטראָטן צו אַ זאַכלעכן שמועס:

— סימכע האָט געבעטן, אויב איר וועט באַ מיר ניט וועלן זיך אָפּשטעלן, זאָלט איר מיר אויסזאָגן דעם סאָד פון אײַער מאָקעם־מענוכע. ער דאַרף וויסן, ווו אײַך צו געפינען.

— און אויב כ׳וועל באַשליסן זיך אופהאַלטן באַ אײַך, איז וויאַזוי וועט איר אים מעגאַלע־סאָד זײַן וועגן מײַן מאָקעם־מענוכע?

— דעמלט וועט זײַן כּבֿי־געלעבט פאַר אײַך און פאַר אים, אַזוי האָט ער געבעטן אײַך איבערגעבן.

— און אויב... רעבּ... ווי רופט מען אײַך?

— א נאַפּקעמינע.

— און אויב, רעב נאַפּקעמינע, איך וועל אײַך בעטן...

באַם באַלעבאָס צעלויפן זיך די שמייכלענדיקע אויגן. פון זײַנע גראָבע פליישיקע ליפּן צעשפּריצן זיך אַזעלכע רייפעלעך געלעכטער, אַז ווילנדיק־ניט־ווילנדיק צעשמייכלט זיך אויך שאָלעם.

— מיך רופט מען מייער־שנייער, — זאָגט דאָס דאַרע קליינוווקסיקע מענטשל און באַ־ווײַזט דערבײַ ברייטע לאָפּעטעס־ציין. — אַזוי רופט מען מיך אויף צו דער טוירע. לייצים רופן מיך פאַרקערט: שנייער־מייער. איז ווי איר ווילט, יונגערמאַן, שנייער־מייער, אָדער מייער־שנייער. נאָר פונדאַנען וועט איר שוין ניט אוועקגיין, ביסקל עס וועט ניט אַרײַנקומען רעב סימכע. ווײַל כ׳האָב אים געגעבן דאָס וואָרט, אַז כ׳וועל אײַך ניט אַפּלאָזן. איז טוט אויס אײַער מאַרינאַרקע, כ׳מיין דעם טולעפּ, זעצט זיך אוועק און רוט זיך אָפּ. רעב סימכע דאַרף קומען אַהער פון מינוט אף מינוט. אָ, מע זאָל געוועזן דערמאָנען מאַשיִכן, רעב סימכע איז שוין דאָ!

עס האָט זיך בעפּיירעש ראַשיק צעעפנט די טיר, און טשאַפּקין איז אַרײַן מיט א טײַנע צו שאָלעמען:

— וויאַזוי באַהאַלט זיך א מענטש, וועלכער דאַרף מיך האָבן מערער, איידער איך אים? נאָט אײַך אָפּ שאָלעם אין דער שטאָט קיִעוו.

טשאַפּקין האָט, נאַטירלעך, גלײַך געוואָלט זיך דערוויסן, ווו געפינט זיך איצט רעב עלימיילעכס באַסיעכידקעלע, אָבער שאָלעם האָט, אויס פאַרזיכטיקײַט, בעסער פאַרשוויגן, ניט אויסגעזאָגט דאָס אָרט. א ביסל אומצופרידן, נעמט אָן טשאַפּקין ראַבינאָוויטשן פאַר דער האַנט און רעדט אים אײַן:

— איר זאָלט זיך צוהערן, וואָס איך זאָג אײַך, וועט זײַן גוט. אַניט...

— איז וואָס, אַז ניט?

— אַז ניט, טויג ניט, מע דאַרף אַלץ טאָן מיט קאָפּ.

— געוויס. איז וואָס לייגט איר פאָר? — שאָלעם איז, פאַרשטייט זיך, אופגערעגט.

— הערט מיך אויס: צי ווייסט איר, אַז דער אַלטער וועט ניט שאַנעווען קיינעם, ער וועט זיך לאָזן קאָסטן א פאַרמעגן, אַבי אומקערן די טאָכטער, און... — דער כיטרער מעקלער מאַכט אומיסטן א פּאַוזע, קוקט זיך אײַן, ווי ס׳וועט ווירקן אף ראַבינאָוויטשן דאָס ווײַטער־דיקע, — און... איר קענט דאָך זײַן אַקשאָנעס... קענט איר נאָך בלײַבן מיטן בײַטשל.

— אייגנטלעך, זאָגט מיר, פּאַני טשאַפּקין, וואָס ווילט איר און וועמעס צאַד האַלט איר? — שאָלעם האָט שוין אָנגעהויבן זיך בייזערן.

טשאַפּקין האָט זיך ניט גערעכנט אף אַזאַ גאַנג מיצאַד שאָלעמען, דעריבער ניט געוווּסט אָפּן אָרט וואָס צו ענטפערן.

— איך... איך... וואָס גייט מיך אָן? — שטאַמלט ער.

— אָט אַזוי וועט טאַקע זײַן בעסער. אַז איר וועט זיך ניט מישן, וועלן מיר שוין ווי־ס׳ניט־איז אַליין, אָן אײַך, פּרוּוון זיך צונויפרײדן. א טאַטע מיט א קינד ריידן זיך שטענדיק צונויף.

— אַזוי גאָר?! — האָט א דערשראָקענער געזאָגט דער מעקלער. — און דאָס, וואָס איך בין געווען אָן איידעס פון דער גאַנצער געשיכטע, איז גאָרנישט? און ווער האָט אײַך מיט־געהאָלפן? ווו איז אײַער יוישער?

— אײַך, טשאַפּקין, פּאַסט ווייניקער פון וועמען־ס׳ניט־איז צו ריידן וועגן עמעצנס יוישער. טוט בעסער א טראַכט וועגן אײַער יוישער.

ווו עס האָט זיך צו שאָלעמען געגומען האַרבקײַט און שטאַרקײַט אַזוי צו ריידן מיט טשאַפּקינען, איז פאַר אים אַליין געווען ניט קלאָר, ניט אַנדערש — פון ייִעש. נאָר באַמערקט האָט שאָלעם, אַז דער באַלעבאָס פון שטוב האָט בייזווויליק זיך איבערגעוווּנקען מיט טשאַפּ־קינען, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, און דעריבער באַשלאָסן בײַטן דעם טאָן.

— פּע, אַזוי טוט מען נישט, — דערהערט ער מייער־שנייערס שטראָפֿנדיקע רייד. — איר, יונגערמאַן, טרינקט זיך, און איר, רעב סימכע, דאַרפֿט אָט דעם מענטשן העלפֿן. רעדט איר גאָרביידע קודרעש, נישט צו דער זאַך.

— ניין, הערט אויס, — היצט זיך טשאַפּקין. — ערשט ניט לאַנג איז באַם פּירשט גאָר לעמבאַ זיך פֿאַרלאָפֿן אַ געשיכטע מיט זײַן אייניקל, אַן ערעך אַזאַ, ווי באַם ייִדישן פּאַרעץ לאַיעוו, נישט מער — דאָרטן מיט אַן אָפּיצער, וועלכער האָט באַנאַכט אָוועקגעפֿירט דאָס ציר טעריקע אייניקל אַף אַ פֿערד רײַטנדיק. האָט דער פּירשט אַרויסגערופֿן מיך, טשאַפּקינען, פּאַרטרויט מיר דעם סאָד און געבעטן מיטהעלפֿן. באַ זיי, באַ יענע פּריצים, טרעפֿט זיך אָפּט אַזוינס, ס׳איז אַ דערעך־האַטעווע. אָבער באַ ייִדן? זאָל ראַבינאָוויטש מיר מויכל זײַן... נאָר איך וויל דאָך העלפֿן, און ער גאָנערט זיך נאָך... איך מוז דאָך וויסן, ווו געפֿינט זיך אָלגע?

— אין קיִעוו געפֿינט זי זיך, — ווערט שאָלעם ווידער אופֿגערעגט.

— כ׳ווייס, אַז אין קיִעוו, אָבער...

— הערט מיך אויס, רעב סימכע: איר פֿאָרט אוועק צו לאַיעוון און זאָגט אים, אַז אָלגע וועט זיך אומקערן קיין סאָפּיוועקע ניט נאָר אַלס שאָלעם ראַבינאָוויטשעס ווײַב. דעריבער זאָל ער זיך ניט בריקעווען און ניט מאַכן קיין לײַטיש געלעכטער...

— וויל, ראַבינאָוויטש, גאַנץ וויל. נאָר לאָמיך דאָס הערן פֿון איר מויל.

— ס׳איז גלײַך ווי פֿון איר מויל. אַזוי טאַקע זאָגט פֿון איר נאָמען. איר, טשאַפּקין, האָט שוין גאַנץ גוט פֿאַרדינט באַ אָט דעם געשעפֿט, איז טוט, ווי מע הייסט אײַך.

דער מעקלער פֿאַרשטייט, אַז עפּשער איז טאַקע ניט קעדײַ זיך אַקשנענען מיט אָט דעם יונגנמאַן, וועלכער ווײַזט אַרויס אַזאַ שטאַרקײַט און אײַנגעשפּאַרטקײַט, רעדט ער שוין ווײַטער מיט כניפּע:

— איך געדענק גאַנץ גוט, ראַבינאָוויטש, אַז איר וועט זײַן לאַיעווס יורעש. שאָלעמען איז העכסט פּריקרע צו הערן די דאָזיקע ווערטער, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אין אַזאַ לאַגע אײַנרײַסן מיטן מעקלער, זאָגט ער צו אים רויק:

— איך בעט אײַך מאַסרע זײַן רעב עלימיילעכן, אַז אַפֿילע אין קיִעוו קאָן מען אויך געפֿינען אַ מיניען ייִדן... און לאַנג וואַרטן וועלן מיר ניט.

— ווי געפֿעלט ער אײַך? — ווענדט זיך טשאַפּקין צו שנייער־מייערן. — מיך שיקט ער מיט אַזאַ וואָרענונג צום גרויסן פּאַרעץ, איז ער נאָך בייז אַף מיר.

— ער איז ניט בייז, רעב סימכע, וואָס ווילט איר פֿון אים? דער יונגערמאַן טרינקט זיך, — איז קלוימערשט אים געטרײַ שנייער־מייער. — איז אַף ווען ווילט איר אַ מיניען? — פֿרעגט ער באַ שאָלעמען.

— כ׳וועל אײַך שיקן זאָגן. — און צו טשאַפּקינען: — איז ווען קאָנען מיר וואַרטן אַף אַ טשוווע? הײַנט האָבן מיר... אין צוויי טעג אַרום וועט איר זיך אויסדרייען הין און צוריק?

טשאַפּקין קנייטשט מיט די אַקסלען.

— אוי, ראַבינאָוויטש, זענט איר אַ הארט ניסל. נאָר וואַרט, מיר וועלן נאָך מיט אײַך, אימירצעשעם, מאַכן נישט איין געשעפֿט.

— איר מעגט זײַן זיכער, — שמייכלט שאָלעם, — אַז מער וועל איך קיין מיידל שוין נישט אַרויסגאַנווענען פֿון איר פֿאָטערס שטוב. איין מאָל אין לעבן בין איך אַף אַזוינס אײַנגעגאַנגען.

— זאָל זײַן אין אַ גוטער און מאַזלדיקער שאָ! — האָט צוגעווינטשעוועט טשאַפּקין.

ווען דער מעקלער האָט געהאַלטן באַם אוועקגיין, האָט שאָלעם, ווי ווײַט מעגלעך איידל, געזאָגט:

— טאָמער וועט עלימיילעך נישט אײַנגיין דערויף, וואָס מיר ווילן פֿון אים, און וועט פֿאַרלאַנגען פֿון אײַך, איר זאָלט אים ברענגען צו איר קיין קיִעוו, איז ווייסט איר ניט, ווו איך געפֿין זיך. פֿאַרגעדענקט עס, איך בעט אײַך. גוט? און איך מיט שנייער־מייערן וועלן דאָ צוגרייטן אַ מיניען.

— גוט, גוט. מירן אינגיכן זיך זען בעשאָלעם! — טשאַפּקין האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אוועק.

אינגיכן — אין אַ ליכטיקן פֿרילינג־טאָג אינמיטן מײַ — האָט שאָלעם ראַבינאָוויטש כאַסענע געהאַט מיט אָלגען, עלימיילעך לאַיעווס טאָכטער. די כופּע האָט מען געשטעלט באַם קיִעווער ראַבינער אין דער היים. געסט זײַנען געווען קנאַפּ, אָבער פֿריילעך איז געווען. מערער פֿון אַלעמען האָבן זיך געפֿרייט כאָסן־קאַלע — דער לובענער ראַבינער שאָלעם ראַבינאָוויטש און זײַן געליבטע האָדעלע לאַיעוו.

צווייטער טייל

ווי ס׳איז געבוירן געוואָרן דער פּסעוודאָנים

עלימיילעך לאַיעוו איז מוחל געווען שאָלעמען די גאַנצע געשיכטע מיטן אַרויסגאַנווענען אַלגען און די שטילע כופּה, נאָר אין דער נעשאָמע האָט דער אַלטער בעפּיירעש געטראָגן פאַרדראָס אויף זײַן איידעם. ס׳איז אַפילע נישט אויסגעשלאָסן, אַז, ריידנדיק אין דער היים צווישן זיך מיטן ווײַב, פלעגט ער שאָלעמען אָנרופן „מײַן גנבֿ־איידעמל" אָדער „מײַן קאַזיאָנע ראַבינערל", נאָר דאָך פאַרמאָגט גענוג טאַקט אויף ניט אַרויסצווײַזן פאַר לײַטן זײַן אַמאָליקע פאַרביטערונג.

ווען דער אַלטער האָט זיך שוין געפילט ניט מיט אַלעמען און פלעגט אָפט אײַנפאַלן, האָט ער געוואָלט דערנעענטערן צו זיך די טאָכטער מיט איר מאַן.

צו יענער צײַט האָט זײַן איידעמס נאָמען אָפט זיך באַוויזן אין דער דעמאָלטיקער ייִדיש־העברעיִשער פּרעסע.

וועגן דעם, אַז שאָלעם ראַבינאָוויטש שרײַבט אין די ייִדישע צײַטונגען, האָט לאַיעוו געוווּסט און זיך געשעמט דערמיט, ווײַל וואָס קאָן געבן פאַרן לעבן דאָס צעלייגן זיך אין אַ צײַטונג מיט עפּעס אַ כקירע? און ביכלאַל, אַפּלעצעווען פון דער וועלט איז ניט קיין טאַכלעס, דאָס קאָן צו קיין גוטס ניט ברענגען.

ווי נאָר דאָס יונגע פּאָרפּאָלק האָט זיך באַזעצט אין סאָפּיִעווקע, האָט דער פאָטער אַרויסגעזאָגט דעם איידעם צוויי באַקאָשעס: ערשטנס, זיך אָפּזאָגן פון דעם קאַזיאָנע ראַבינערײַ; און, צווייטנס, אויפהערן צו שרײַבן אין די בלעטער. אויספּילן דאָס ערשטע האָט ער באַם איידעם גלײַך געפּועלט, אָבער באַפרידיקן דעם צווייטן פאַרלאַנג פון לאַיעוון — אויף דעם איז שאָלעם ניט אײַנגעגאַנגען.

קענענדיק דעם פאָטערס האַנאָר און ווייסנדיק וועגן זײַן שווערן געזונט־צושטאַנד, האָט אַלגע ניט געוואָלט אים דערצאָרענען. דער פאָטער איז אָבער באַשטאַנען אויף זײַניקן און געגעבן דער טאָכטער אָנצוהערעניש, אַז ווען זי זאָל שטאַרק וועלן, וואָלט זי געקאָנט פּועלן באַם מאַן: „נישטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס אַ ווײַב זאָל ניט קאָנען פּועלן באַ איר מאַן".

ביז איינמאָל האָט דער אַלטער זיך אָנגענומען מיט האַרץ, אַרײַנגערופן צו זיך אין צימער אַלגען און איר אַזוי געזאָגט:

— הער מיך אויס, מײַן טאָכטער. איך בין שוין אַלט און קראַנק. ווי דו ווייסט, ביסטו ניט די איינציקע באַ מיר, אָבער דאָס אויג אין קאָפּ באַ מיר ביסטו, מײַן באַסיעכידע. אויב דו ווילסט, איך זאָל מײַן פאַרמעגן איבערלאָזן דיר מיט דײַן הויזגעזינד, איז ביטנײַ, אַז דײַן מאַן זאָל אויפהערן צו שמירן אויף די קרויט־בלעטלעך, פאַר מיר איז דאָס אַ קליינער קאָוועד. איך מיין, אַז באַ מײַן טאָכטער האָב איך זיך פאַרדינט, זי זאָל מיר צוליב טאָן. וואָס זאָגסטו דערויף, האָדעלע? פאַרוואָס שווײַגסטו?

זי האָט בעפּיירעש געשוויגן, נישט געקאָנט דערויף גאָרנישט ניט ענטפערן, ווײַל זי האָט געוווּסט, אַז שרײַבן איז באַ איר שאָלעמען אַ באַרוף און אַ נויטווענדיקײַט. האָט זי דערײַבער זיך אַרויסגעדרייט מיט אַזאַ ענטפער: זי בעט צײַט אויף צו באַטראַכטן זיך, און דערנאָך וועט מען שוין זען.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן באַ אַלגען אַ קאַמף מיט שאָלעמען, ער זאָל זיך צוקלערן אַ פּסעוודאָנים. שאָלעם האָט צוערשט אײַנגאַנצן נישט געוואָלט הערן, אים איז דאָס געווען ניט צום האַרצן: פאַרוואָס דאַרף ער זיך באַהאַלטן אונטער אַ פרעמדן נאָמען?

ווען אַלגע האָט אָבער אים אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז אַבראַמאָוויטש, וועמען שאָלעם האָט פאַרגעטערט, כאָטש ער איז געוואָרן באַקאַנט אונטער „מענדעלע מויכער־ספאָרים", איז ער געוואָרן נאָכגיביקער. געוווּסט האָט שאָלעם, אַז דער שווער זײַנער איז נישט פון די גרינגע מענטשן, וואָס טרעטן אָפּ פון זייערס אַ וואָרט, פון פאַרדראָס און אויפגעבלאָזענער גײַציקײַט קאָן דער אַלטער אײַנגאַנצן זיך אָפּקערעווען פון זײַן טאָכטער... און שרײַבן ווילט זיך, און דאַפקע פּעליעטאָנען! אין דער „ייִדישער פאָלקסבלאַט" זײַנען שוין געלעגן אייניקע פון זיי און געוואַרט. אויב די שיינע „רעדאַקטוירים" וועלן זיי נישט פאַלמעסן, וועלן זיי, ווי עס דאַכט זיך דעם יונגן אויטאָר שאָלעם ראַבינאָוויטש, מאַריש־אוילעם זײַן. און וואָס פאַר אַ יונגער אויטאָר טרוימט ניט, אַז די וועלט זאָל איבעראַשט ווערן פון זײַנע ווערק!

אָלגע האָט אליין גענומען צוטראכטן פסעוודאָנימען פאר איר מאן.

איינמאָל איז זי אזוי צוגעגאנגען צו שאָלעמען, אים אָנגענומען מיט איין האנט פאר א לאָץ און די צווייטע ארופגעלייגט אַפן אקסל.

— אזוי שרײַבסטו דײַנע פעליעטאָנען און אזוי גוטברודעריש רעדסטו צו דײַנע לייע־נער — צום פּאַשעטן האלב־פארוואָגלטן מענטשן, דו שטרעקסט אויס די האנט צו אים, אָדער טוסט א שאָקל מיטן קאָפּ צו אים: „שאָלעם־אַלייכעם אײַך, ליבע מענטשן. וואָס מאכט איר גוטס, ווי לעבט זיך אײַך, ווי גייט אײַך אין פּארנאָסע?..״

פון אומגעריכטקײַט איז שאָלעם אופגע־שפּרונגען פון אָרט.

— ווי זאָגסטו? „שאָלעם־אַלייכעם אײַך...״ גאָר ניט שלעכט. כאָזער נאָר איבער נאָכא־מאָל, איך וויל זיך אײַנהערן, ווי קלינגט עס פארן אויער...

— איך קאָן איבערכאזערן, — זאָגט אָל־גע, — שאָלעם־אַלייכעם אײַך, טײַערע לייע־נער, ליבע מענטשן, א גוטע וואָך... שאָלעם־אַלייכעם אײַך, אַלייכעם־שאָלעם...״

דער יונגער מעכאבער ראבינאָוויטש הערט זיך אײַן און זאָגט נאָך:

— שאָלעם־אַלייכעם אײַך, שאָלעם־אַלייכעם... אַלייכעם־שאָלעם.

ביידע בלײַבן שטיל, קוקן איינער דעם אנדערן אין די אויגן.

— הייסט עס, שאָלעם־אַלייכעם, — זאָגט אָלגע.

שאָלעם קווענקלט זיך די ערשטע רעגעס. דערנאָך:

— דו מיינסט אזוי?

— איך דו מיינסט דאָך אזוי, — שאָקלט אָלגע צופרידן מיטן קאָפּ.

די אויגן בא שאָלעמען לויכטן, ווי אין יענע מינוטן, ווען ער לייענט איר עפּעס און איר געפעלט עס.

— בלײַבט עס אזוי! — זאָגט אָלגע אנטשלאָסן.

— וואָרט... — צווייפלט נאָך שאָלעם.

זי כאַזערט איבער שוין פעסטער:

— בלײַבט עס אזוי: שאָלעם־אַלייכעם.

און ס'איז אוועק א בריוו אין רעדאקציע בעזע־האָלאָשן:

„אַלע פעליעטאָנען און לידער, וואָס ליגן בא אײַך און וואַרטן אַף צו דערזען די ליכטיקע שײַן, און אַלע מײַנע ווײַטערדיקע שאַפונגען, וואָס כ'וועל צושיקן, זאָלט איר כאַסמענען מיטן פסעוודאָנים „שאָלעם־אַלייכעם".

פון דעמלט אָן האָט אַף דער וועלט אופגעלויכטן דער דאַזיקער שטאָלצער און פּראָסטער נאָמען, וואָס איז באַוווּסט געוואָרן מיליאָנען לייענער.

...אין א צײַט ארום, ווען שאָלעם ראבינאָוויטש מיט זײַן געזינדל האָט שוין געוווינט אין קיִעוו, האָט אָלגע באַזוכט אין סאַפּ־יִעווקע איר קראַנקן פאָטער. עלימיילעך האָט געהאַלטן א בלאַט אין די הענט, עפּעס אויסגעלייענט פון דאָרט און געזאָגט:

— הער נאָר, האָדעלע, — האָט ער געשמייכלט, — פון זינט דײַן מאַן האָט אופגע־הערט צו שרײַבן אין די בלעטער, האָט זיך דאָרט באַוויזן עפּעס אַן אנדער לעץ — שאָלעם־אַלייכעם. ער שרײַבט אויך קאָמישע געשיכטעס... אָט נעם לייען אומיסטן איבער. אַן אנטיק!

אָלגע האָט גענומען באַם פאָטער די בלאַט, אײַנגעגראָבן די אויגן אין צײַטונג מיטן גוט באַקאַנטן טעקסט.

— עס טרעפן אַמאָל זאַכן אַף דער וועלט. בעפּייִרעש כידושים!.. — האָט זי געשמייכלט.

אין האַלבאָשע פֿון אַ לאַקיי

שאָלעם־אַלייכעם האָט ערנסט באַשלאָסן זיך פֿאַרנעמען מיט ליטעראַרישער טעטיקייט, דעריבער טאָר ער ניט פֿאַרבלײַבן באַם שווער. אים האָט געצויגן קיין קיִעוו, ווו ס׳האָט געשלאָגן אַ קוואַל פֿון קולטור־לעבן.

וויאַזוי קריגט מען אָבער ווױנרעכט? קיין רײַכער סױכער איז ער נישט, קיין באַלמעלאָכישן צענז פֿאַרמאָגט ער אויך ניט; אויך קיין קינדער אין גימנאַזיע האָט ער ניט — איז וואָס זשע איז ער פֿאַר אַ מעכוטן מיט קיִעוו?

האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך באַזעצט דערווײַל אין בעלאַצערקאָוו.

איינמאָל האָט ער אין צוג זיך באַגעגנט מיט זײַן אַלטן באַקאַנטן — מיטן מעקלער סימכע טשאַפּקין. באַ דער גאַנצער אַנטיפּאַטיע צו אים האָט שאָלעם־אַלייכעם דאָך נישט פֿאַרגעסן, אַז דער מעקלער איז אים באַהילפֿיק געווען באַם צונויפֿגיין זיך מיט אָלגען. ווי געוויינלעך באַ אַ באַגעגעניש, צערעדט מען זיך. און מע איז אַרוף אַף דער דעמלט ברענענדיקער טעמע וועגן ווױנרעכט פֿאַר יידן. שאָלעם האָט געפֿרעגט אַן אייצע באַם מעקלער — ווי קאָן מען בײַקומען די דאָזיקע צאָרע.

טשאַפּקין האָט זיך פֿאַרטראַכט.

שוין קימאַט באַם אַרויסגיין אַפֿן קיִעווער וואָקזאַל האָט טשאַפּקין זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן און מיט אופֿגעפּלאַמטע אויגן אָנגענומען ראַבינאָוויטשן באַ דער האַנט.

— שוין איין מאָל אַן אײַנפֿאַל! — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — זאָגט מיר, ראַבינאָוויטש, ווו וועט איר הײַנט זײַן?

דאָרטן און דאָרטן, ענטפֿערט שאָלעם.

— בעט איך אײַך זיצן און וואַרטן אַף מיר ביז זעקס אַזייגער אין אָוונט. — ער ציט אַרויס דעם זייגער פֿון זשיליעט־קעשענע, טוט אַ קוק אַף אים: — איצט איז איינס באַטאָג, איז ביז זעקס וועל איך קומען צו אײַך, און ס׳וועט זײַן רעכט. אַז איך זאָג...

ראַבינאָוויטש קוקט אַזוי אַפֿן מעקלער און קלערט זיך: „אַז דו ביסט אַ פֿאַלשע בריה, ווייס איך. נאָר אַז דו ביסט אַן ענערגישער מענטש מיט אײַנפֿאַל און איניציאַטיוו — ווייס איך אויך...״

— כ׳וועל קומען, ראַבינאָוויטש. איר זאָלט וואַרטן אַף מיר, ווי גאָט איז אײַך ליב און ווי אײַער לעבן איז אײַך טײַער. איין מאָל אין אַ יויוול פֿאַלט אײַן אַזאַ געדאַנק, — טײַנעט דער מעקלער. — ווען איר זאָלט זײַן אַ נאָגיד, וואָלט איך באַ אײַך גענומען אַ מאַטמען מיט געלט. אָבער איך גלייב, איר וועט נאָך זײַן אַ נאָגיד. איך זאָג אײַך צו! — טשאַפּקין טוט אַ דריי דאָס אויסטערלישע שטעקעלע און מיט די ווערטער „לעמאַנהאַשעם, וואַרט אַף מיר״ — בלײַבט ער נישט.

פּונקט זעקס איז טשאַפּקין אַרײַנגעפֿאַלן, ווי אַ ווילדער, און אין איין אָטעם גענומען שלעפּן שאָלעמען באַם אַרבל:

— גיכער טוט זיך אָן און קומט.

— וווּהין?

— פֿרעגט נישט. איר ווערט אַ קיִעווער, דערבײַ אַ קאָשערער! איז וואָס שטייט איר, ווי אַ נעבעכטיקער? קומט, איר זײַט שוין אַ קיִעווער, זאָג איך אײַך...

— אַף וואָס פֿאַר אַן אויפֿן? — איז שאָלעם פֿאַרינטריגירט.

— אַף אַ גאָלדענעם און אַף אַ קלוגן.

— פֿאַרט?

— ווייניקער שמועס און גיכער געגאַנגען זאָל ווערן.

אַ דראָזשקע איז דעמלט געווען — אַן אווײַרע אַ הונט אַרויסצולאָזן. אַ רעגן האָט געגאָסן, ווי מיט ציבערס. וווּהין דער מעקלער האָט אים געפֿירט, האָט שאָלעם ניט געוווּסט. און אָט זײַנען זיי געקומען צו אַן אויסגעצייכנטן אָסאָבניאַק אַף איינער פֿון די שטילע און רײַכע קיִעווער גאַסן — אַף די ליפּקעס, ווו ס׳האָבן געוווינט געהייבענע לײַט: באַנקירער, אויסגעדינטע הויכע טשינאָווניקעס אין דעמיסיע, ערשטגילדיקע סאָכרים און די אָנגעזעענסטע פּראָפֿעסאָר פֿון קיִעווער אוניווערסיטעט.

— יונגערמאַן, אָט דאָ, אין דעם פּאַלאַץ, ווערט אײַער מאָקעם־מענוכע, — דערהערט שאָלעם.

— וואָס הייסט?.. — וווּנדערט זיך שאָלעם.

— פֿרעגט נישט. גייט נאָך מיר און שווײַגט.

— ביזוואַנען שווײַגן? — איז שוין בייז געוואָרן שאָלעם.

— ביז מע וועט אײַך הייסןריידן. פארשטאנען, יונגערמאַן?
— ניין, גאָרנישט פארשטיי איך ניט.
— איר דארפט ניט פארשטיין. איינס דארפט איר זאָגן: איר ווילט ווינען אין קיִעוו.
— איך וויל, נאָר איך טאָר ניט.
— וועט מען מאַכן, איר זאָלט מעגן.

באַ די לעצטע ווערטער זײַנען שוין ביידע — דער פיפיקער מעקלער סימכע טשאַפּקין און דער צוקינפטיקער פאָלקס־שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם — געשטאַנען אין פּאָדער־צימער באַם מיליטערישן פאַדריאַטשיק איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש יאָשפּע, אַ גאַנץ באַקאַנטער פּאַר־שוין אין די קיִעווער בירזשע־קרײַזן.

אַ שווייצאַר נעמט אַראָפּ באַ די אַרײַנגעקומענע געסט די פּאַלטעס און בעט העפלעך אויסווישן די פיס אין דער ספּעציִעל צוגעקלאַפּטער צום דיל באַרשט. אַ לאַקיי איז אַרויסגע־גאַנגען און געפרעגט, ווי־אַזוי זאָל ער מיטיילן דעם באַרין.

— גיי זאָג, אַז איך, סעמיאָן ראַפאַיִלאָוויטש... — און ער נעמט קלוימערשט זוכן אין קעש־שענע זײַן וויזיט־קאַרטל, — נישטאָ, פאַרגעסן. זאָג אַזוי, דער באַרין ווייסט, אַז איך דאַרף קומען און נישט אַליין. וואָס זשע שטייסטו מיט אויסגעגלאָצטע אויגן?

דער לאַקיי קנייטשט מיט די אַקסלען און רירט זיך ניט פון אָרט.

— אָט אַ גלאָמפּ! — בייזערט זיך טשאַפּקין. — זאָג דעם באַרין... איבעריקנס... — און טשאַפּקין נעמט אָן מיט איין האַנט ראַבינאָוויטשן פאַר אַן אַרבל, און מיט דער צווייטער טוט ער אַ רוק אָפּ אין אַ זײַט דעם אַקשן — דעם לאַקיי. אין אַ מינוט אַרום שטייען זיי שוין ביידע אין אַ גרויסן ליכטיקן צימער.

— ווו זשע איז דער באַלעבאָס? — טוט ווי צו זיך אַ זאָג טשאַפּקין און רופט: — רעב עליע! רעב עליע!

עס קומט אַרײַן אַ מענטש מיט אַ קורץ בלאָנד בערדל און האַרטע בלאָנדע וואָנצעס — לויטן אויסזען אַ גרויסשטאָטישער אַדוואָקאַט. דאָס איז געווען דער פאַדריאַטשיק רעב עליע יאָשפּע, אָדער, ווי מע רופט אים אין די היגע הענדלעריש־סאָכרישע קרײַזן, איליאַ קאָנסטאַנ־טינאָוויטש.

— אָט האָט איר אים, דעם באַל־דאַווער אַליין. רעדט אַליין זיך דורך מיט אים, — זאָגט טשאַפּקין צום באַלעבאָס פונעם הויז, אָנווײַזנדיק אויף שאָלעמען.

— איר האָט שוין געזאָגט, מיט וואָס עס סמעקט? — פרעגט יאָשפּע מיט דעם כאַראַק־טעריסטישן אויסשפּראַך פונעם ליטווישן קאַנט.

— ניין, רעב עליע, איר וועט אַליין, — ענטפערט טשאַפּקין. — ס'איז בעסער, איר זאָלט אַליין ריידן מיט אים.

— מעכעטייסע, איך בין גרייט. זיצט, יונגערמאַן, און איר, רעב סימכע, זעצט זיך אויך צו. צוערסט וועלן מיר הייסן אַרײַנברענגען עפּעס פאַרבײַסן, ווי באַ אונדז פירט זיך. און דער־נאָך וועלן מיר אַ סמועס טאָן.

ער טוט אַ קלונג מיטן גלעקל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש, און ס'קומט אַרײַן דער זעלביקער לאַקיי, וועמען טשאַפּקין האָט נאָך אין פּאָדער־צימער געקרוינט מיטן נאָמען „גלאָמפּ". דער באַלעבאָס ווײַזט אים אויף שטומלאָשן, ער זאָל אַרײַנטראָגן צום טרינקען און פאַרבײַסן. ווײַל ס'האָט לאַנג געדויערט, ביז דער לאַקיי האָט אויסגעפילט דעם באַפעל, איז שאָלעם ראַבינאָוויטש דערווײַל באַקאַנט געוואָרן דערמיט, צוליב וואָס דער מעקלער האָט אים געבראַכט אַהער.

— איר ווילט, הייסט עס, זײַן אַ קאָסערער מענטש אין קיִעוו, פאַני יונגערמאַן? — יאָשפּע בײַכלט זיך אויס און טוט מיט כשיוועס אַ גלעט דאָס קורצע בערדל.

— יאָ, כ'וואָלט אַ באַלן געוועזן, — ענטפערט שאָלעם מיט ווירדע.

— אַ סאַך ווילן עס, מײַן ליבער יונגערמאַן.

— וואָס מיינט איר, ס'איז טאַקע אַ נאַטירלעכער און גערעכטער פאַרלאַנג, — ענטפערט שאָלעם.

— יאָ, ס'איז אָבער אַ גזיירע, און איך קאָן זי נאָך דערווײַלע ניט מעוואַטל מאַכן. און דאָך קאָן איך אײַך מיטהעלפן.

— אַשטייגער? — ווערט שאָלעם נאָך מער פאַרינטערעסירט.

— אַסטייגער? איר מיט אײַער ווײַב און אויב איר האָט קינדער, איז מיט אײַערע קינדער, וועט זיך דינען ערגעץ אויף פּאָדאָל, צי אויף דעמיִעווקע, אַ סטיבל און טאַקע דאָרטן ווינען. צוגעסריבן וועט איר זײַן באַ מיר אַלס לאַקיי... סרעקט זיך ניט, יונגערמאַן, סרעקט זיך ניט.

— איך בין נישט קיין שרעקעוודיקער, איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש.

— איז הערט ווײַטער. איר באַקומט אַלע פּראַוועס פֿון אַ לעגאַלן קיִעווער אײַנוווינער. איר וועט אָבער טאַקע אַמאָל דאַרפֿן מיר צודינען אַלס לאַקיי. כ׳ווייס, אונטער אַ יאַמטעוו, בייס אַ סימכע. ביכלאַל זײַט איר פֿאַר מיר נייטיק צוליב אַן אַנדער ציל... — דאָ קוקט יאַשפּע צו טשאַפּקינען. — רעב סימכע־לעבן האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ גוטער לערער. און איך האָב אַ זון — אַ גימנאַזיסט, וואָס איז סטומפּיק אויף דער אַיוורע. וועט איר אים אַ ביסל אונטערציִען.

שאָלעם־אַלייכעם האָט געשוויגן. ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט קומען צו־זיך פֿון דעם דאָזיקן אומגעריכטן פֿאָרשלאָג.

— וואָס שווײַגט איר, יונגערמאַן? ווי רופֿט מען אײַך?

טשאַפּקין כאַפּט אונטער:

— כ׳האָב דאָך אײַך געזאָגט — שאָלעם, סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש. ער איז עלימיילעך לאַיעווס אַן איידעם.

— לאַיעוו? אַ, ניט איין געשעפֿט האָב איך געמאַכט מיט אײַער סווער. ער קען מיך גוט. טשאַפּקין בייגט זיך אָן צו יאַשפּען, רוימט אים אײַן עפּעס אויפֿן אויער.

שאָלעם דערפֿילט זיך ניט גוט. „מע באַגייט זיך מיט מיר, ווי מיט אַ קונדעס“, — האָט אים פֿאַרדראָסן.

— נו, נו, זייער ווויל. דאָס איז גאָר אַ ווױלע זאַך, — דערהערט שאָלעם יאַשפּעס ענטפֿער.

— פּאַני ראַבינאָוויטש, — רעדט צו אים דער מעקלער, — איך זאָג רעב עליען, אַז איר וועט מיט דער צײַט ווערן אַ גוויר. איר זענט דאָך לאַיעווס יורש.

אומצופֿרידן דרייט זיך שאָלעם אָפּ פֿון טשאַפּקינען.

— יאָ, יאָ, אַוואַדע, — זעצט פֿאָר דער מעקלער. — איר מיינט, וויאַזוי איז רעב עליע געוואָרן אַזאַ כאַשעוו?

— נו, פּאָלאַזשים, — טוט יאַשפּע באַרויגעז אַ קוק אויפֿן מעקלער, — איך בין מיט מײַן אייגענעם סייכל געקומען צו אָט דעם גוטס, — זאָגט ער און צעשפּרייט די הענט, ווי ער זאָל וועלן באַווײַזן אויף זײַן רײַכקייט. — איז וואָס וועט איר מיר ענטפֿערן אויף מײַן פֿאָר־שלאָג? — האָט געפֿרעגט יאַשפּע.

— כ׳וועל זיך באַטראַכטן, — ענטפֿערט שאָלעם שטיל.

— טראַכטן־שמאַכטן... צוליב וואָס זשע האָב איך געדאַרפֿט לויפֿן אין אַזאַ גוסרעגן? — צעהיצט זיך טשאַפּקין.

— איר זאָלט בעסער מיינען, אַז מײַן זון האָט אַ פֿאַרסטאָפּטן קאָפּ. ער וועט באַ מיר זײַן אַן אַדוואָקאַט, און איר וועט פֿאַר אַ לאַקיי זיך נאָר רעכענען באַ מיר... — פּרוּווט יאַשפּע אײַנרײדן דעם יונגנמאַן.

— כ׳וועל מאָרגן אײַך געבן ענטפֿער, — זאָגט ראַבינאָוויטש שטיל.

— אָט אַזוי רעדט, — דערפֿרייט זיך טשאַפּקין. — איז לאָמיר גיין, און איר וועט דער־פֿרייען אײַער יונג ווײַבל. זאָל זײַן מיט מאַזל און מיט גליק. מאַזלטאָוו, רעב עליע, מאַזלטאָוו! איר באַקומט אַזאַ לערער!..

— וואָס פֿאַר אַ מאַזלטאָוו? אָט אַ ברײַע... וואָס איז אַזוינס דאָס גליק אויף אײַך, וואָס אַ מאַסקיל, ווי איר זאָגט, אַזאַ יונגערמאַן, ווי ראַבינאָוויטש, דאַרף ווערן אַ לאַקיי, ביכדיי צו האָבן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ אין קיִעוו?.. — וווּנדערט זיך דער באַלעבאָס.

יאַשפּעס לעצטע ווערטער האָבן אין אַ געוויסער מאָס גורעם געווען, שאָלעם זאָל אײַנ־גיין אויף אַזאַ עקלהאַפֿטיקן פֿאָרשלאָג. דאָס, וואָס יאַשפּע פֿאַרשטייט די טראַגישע לאַגע פֿון אַזעלכע, ווי ער, ראַבינאָוויטש, האָט אים אונטערגעקויפֿט.

— נו, גוט, מירן מאָרגן זיך צונויפֿרײדן, — האָט שאָלעם געזאָגט, מיט אַ פֿאַרצווייפֿלטן געפֿיל זיך אָפּגעזעגנט און איז אַרויס מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

ווען זיי זײַנען שוין אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָט ראַבינאָוויטש זיך אויסגעקרעוועט צום „אָסאָבניאַק“, וואָס האָט אין רעגנדיקן פֿאַרצאַרנטן אָוונט געלויכטן מיט צוויי פּריילעכע לאַמטערנס אויפֿן טויער און גערופֿן צו זיך מיט דער וואַרעמקייט און היימלעכקײַט.

— וואָרט נאָר צו, קאַשערער קיִעווער אײַנוווינער, וואָס זענט איר באַ זיך אַזוי גרויס געוואָרן? טו נאָר אַ קוק: ער האָט זיך צעיאָגט, ווי אַ קוריערסקע פּאָיעזד! — האָט אָנגעיאָגט שאָלעמען דעם מעקלערס שטים.

דאָס אַלטע פֿאָלקס־ווערטל „וואָס טוט נישט אַ ייִד צוליב פּאַרנאָסע“ האָט שאָלעם־אַלייכעם פֿאַר זיך איבערפֿראַזירט אויף אַזאַ אויפֿן: „וואָס טוט נישט אַ ייִד צוליב וווינרעכט“.

ער האָט איראָניזירט איבער זיך, אַליין זיך געטאַדלט און געשטראָפט, פאַרוואָס ער איז אײַנגעגאַנגען אַף יאָשפּעס פאָרשלאָג. „קיין אַנדער ברירה איז אָבער נישטאָ. זאָלן זיך געשמען יענע, וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ לאַגע פאַר גאַנצע פעלקער", — האָט זיך אַליין געטרייסט שאָלעם.

אָבער גענוג צו פילאָזאָפירן, שאָלעם ראַבינאָוויטש, שאָלעם־אַלייכעם. גיי פּיל אויס דײַנע פליכטן, פאַר וועלכע דו האָסט זיך געקויפט וווינרעכט אין קיִעוו.

ראַבינאָוויטש ווייסט, אַז ער מוז דרײַ־פיר מאָל אין וואָך אָפּזיצן מיטן לעקישעוואַטן גימנאַזיסט מענדל־מאָנטשיק יאָשפּע און אַקערן מיט אים דאָס רײַכע פעלד פון דער רוסישער ליטעראַטור. אַ צווייענדיקע אופגאַבע האָט שאָלעם ראַבינאָוויטש: ער דאַרף פאַר מאָנטשיקן צוגרייטן די „סאָטשינעניע" גופא און דערנאָך אַכטונג געבן, אַז בייס מאָנטשיק וועט איבערשרײַבן מיט זײַן האַנט, זאָלן זיך נישט אַרײַנכאַפּן קיין פּאָשעטע גראַמאַטישע גרײַזן.

און אָט דער בופלאַקס מאָנטשיק רייכערט בייס די לימודים די טײַערסטע פּאַפּיראָסן, הערט זיך ווייניק צו צום רעפּעטיטאָר. ווען דער לערער אייצעט זײַן שילער גוט זיך באַטראַכטן, איידער ער דאַרף ענטפערן, ענטפערט מאָנטשיק מיט אַ פרעך שמייכעלע:

— פאַר אײַך איז בעסער, איר זאָלט שרײַבן פאַר מיר די סאָטשינעניע, איידער שטיין אונטער דער טיר אַלס לאַקיי און וואַרטן, ביז דער פּאַפּאַ אָדער די מאַמאַ וועלן אײַך אַ רוף טאָן.

שאָלעם־אַלייכעם קוקט מיט ווייטעק און פאַראַכטונג אַפן טאַכשיט, אַף אָט דעם נעגידישן צאַפּ און קלערט וועגן דער אומגליקלעכער לאַגע פון טויזנטער אַזעלכע, ווי ער אַליין.

— ווי פּאָניאַלי, גאָספּאָדין ראַבינאָוויטש? טאַק וואָט — פּישיטיע...

ווען דער זעלביקער טאַנע־גאָדל האָט געבראַכט פאַר זײַן ערשטער סאָטשינעניע איין מאָל אַ פינף און דאָס צווייטע מאָל אַ פינף, איז „דער לאַקיי" שאָלעם ראַבינאָוויטש געוואָרן זייער כאָשעווו באַם פּאָדריאַטשיק. ער אַליין, דער פּאָדריאַטשיק, הייסט עס, איז אַרײַנגעקומען צו ראַבינאָוויטשן אין זײַן לאַקיי־צימערל, אים דערלאַנגט צוויי פינגער.

— איר וואַקסט אַ לײַט, ראַבינאָוויטש.

— איך, צי אײַער זון, פּאַניע יאָשפּע? — טוט אים אַ שטאָך שאָלעם־אַלייכעם.

— איר, איר. פון אים וועט סײַווי קיין לײַט ניט זײַן. ער וועט ליגן אַף מײַן האַלדז־און־נאַקן וויפל ער וועט לעבן...

ווי גראָב און פאַרדאָרבן יאָשפּע זאָל נישט געווען זײַן, האָט ער דאָך גאָר זעלטן געפאָדערט פון ראַבינאָוויטשן, ער זאָל אויספילן זײַנע עמעסע פליכטן אַלס לאַקיי. דעריקער איז ער נייטיק געווען אַלס רעפּעטיטאָר פאַר זײַן נישט געראָטענעם יוירעש. נאָר צוליב דעם, אַז עמעצער זאָל ניט פאַרמאַסערן דער פּאָליציי, איז דעם צוקינפטיקן פאָלקס־שרײַבער אויסגעקומען זיך שוואַרצן דאָס פּאָנעם און דינען אַלס לאַקיי באַזונדערס דעמלט, ווען באַם גרויסן פּאָדריאַטשיק האָבן זיך פאַרזאַמלט געסט פון יענע קרײַזן, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט אינטענדאַנטסטווע־געשעפטן.

— מאָרגן, רעב ראַבינאָוויץ, וועט איר דאַרפן צוהאָרעווען... — זאָגט איינמאָל יאָשפּע.

— מיט מאָנטשיקן?

— וואָס מאַכט איר זיך געפּייגערט? מאָרגן וועלן בא מיר זײַן געסט, און ס'וועט אויך קומען דער גענעראַל טשערעפּאַנאָוו.

— וואָס זשע ווילט איר פון מיר? — פרעגט שאָלעם־אַלייכעם.

— איר זאָלט זיך אויספּוצן אין אײַערע לאַקייִשע בגאָדים, איר זאָלט זיך גוט אויסשלאָפן, ווײַל מע וועט דאַרפן אוף זײַן די גאַנצע נאַכט. איר ווייסט דאָך, ווי בא מיר פירט זיך — מיט דער ברייטער האַנט.

יאָשפּע באַווײַזט שאָלעמען צוויי נײַע אויסטערלישע פּיפּקעס, וואָס ער האָט ערגעץ געקריגן.

— און אָט דאָ ליגט ספּעציִעלער טוטין, מיט וועלכן איר וועט אָנשטאָפּן איין ליולקע פאַרן גענעראַל און די צווייטע — פאַר מיר. יענער האָט ליב סמעקעוודיקן טוטין. ער גיט אַרויס פון זיך אַזאַ רייעך, אַז ס'איז אַף כאַריפּעס.

— ווער? דער גענעראַל, צי דער טוטין? — מאַכט זיך טאַמעוואַטע שאָלעם־אַלייכעם.

— וויִאַזוי רעדט איר וועגן גענעראַל? — איז יאָשפּע אָנגעשטרענגט.

— ווער גיט אַרויס אַ רייעך? — כאַזערט איבער שאָלעם קאַלטבלוטיק זײַן פראַגע.

— וואָס מאַכט איר זיך נאַריש? אַוואַדע דער טוטין... — ענטפערט דער פּאָדריאַטשיק און קוקט בייז אַפן לאַקיי.

— איך מיין אויך אַזוי, פּאַני יאָשפּע, — קומט אַ רויִקער ענטפער.

— אַט דאָ־אָ ליגט נאָך אַ סאָרט טערקיסער טוטין. דאָס זאָלט איר אים דערלאַנגען ספּעטער, ווען ער וועט סוין האָבן גוט אויסגעטרונקען.

דער באַלעבאָס האָט אָפּגעגעבן נאָך אַנדערע פּאַראָרדענונגען וועגן פאַרשיידענע מינים ווײַנען: ווען און אין וועלכער אָרדענונג דערלאַנגען זיי צום טיש.

— דער גענעראַל איז אַ גרויסער טרינקער. איר פאַרשטייט, ראַבינאָוויץ, פאַר מיר איז וויכטיק, ער זאָל טרינקען וואָס מער.

שאָלעם־אַלייכעם איז אַוועק אַהיים זיך אויסשלאָפן.

— ביבציע, — האָט ער געזאָגט צום ווײַב, — מאָרגן האָב איך אַ סימכע... — און ער האָט מיט אייגנטימלעכן פאַר אים הומאָר דערציילט וועגן דעם פאַרשטייענדיקן אונטערהאַלט בײַ זײַן „באַל־טויווע".

אַלגע מיכײַלאָוונע האַלט אין זויגן דאָס קינד און קוקט שווײַגנדיק מיט מיטגעפיל אויפן מאַן. ביכלאַל איז זי נישט צופרידן פון דער גאַנצער געשיכטע, נאָר וואָס קאָן מען טאָן? שאָלעם בייטיקט זיך אין קיִעוו. ס'איז פאַרט אַ שטאָט, ווו ער וועט קאָנען זיך אַנטוויקלען, וואַקסן, לעבן. פון דער קאָמבינאַציע מיט יאַשפען האַלט זי ניט. אַ ראַכמאָנעס־געפיל קלעמט איר צונויף דאָס האַרץ, נאָר זי טאָר זיך ניט ערגערן, די מילך זאָל נישט קאַליע ווערן אין דער ברוסט, עס קאָן פאַרשאַטן דעם קינד. אַז דאָס קינד הייבט אָן וויינען, מיינט זי, אַז שויך, ס'איז דערפאַר, וואָס זי האָט זיך איבערגעערגערט.

אַלגע זאָגט, ווי איר שטייגער איז, מיט אַ שטילן, באַרויִקנדיקן טאָן:

— מיר וועלן אויך דאָס איבערלעבן, סאַלאָמאָן. זע נאָר, ווי דאָס קינד שמייכלט, — אַ סימען צום גוטן.

שאָלעם־אַלייכעם פירט איבער דעם בליק פון דער פרוי אויפן קינד און צוריק אויף דער פרוי. ער מונטערט זיך און לאַכט זיך אַליין אויס: ווי וועט ער עס מאָרגן אין אָוונט אויסזען אין דער האַלבאָשע פון אַ לאַקיי.

— וואָרט נאָר, סאַלאָמאָן, עפּשער זאָלסטו גאָר אינגאַנצן מער נישט גיין אַהין?.. — גיט אויף דאָס ווײַב.

— וועל איך גלײַך מוזן אויקער זײַן פון קיִעוו, — זאָגט שאָלעם־אַלייכעם, — און דעמלט, ווי דו ווייסט, וועלן גיין צו גרונט אַלע מײַנע פּלענער.

ביידע בלײַבן שטיל, זיי קוקן אויפן אײַנגעשלאָפענעם קינד.

שאָלעם איז אַוועק זיך צולייגן.

זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך דערמאָנט אין אַ סוזשעט, וואָס איז בײַ אים פאַרטיק אין קאָפּ. ער דאַרף בלויז אים אויסלייגן אויף פּאַפּיר און דערנאָך זיך נעמען פײַלן און שלײַפן. שאָלעם בײַסט די נעגל, שלײַפט יעדע פראַזע און דערפירט זי צו אַזאַ שליימעס, אַז באַם לייענען קלינגט זי קלאָר און לויטער, ווי אַ ריכטיק אָנגעצויגענע סטרונע אויף אַ פידל.

— ביבציע, אַ גלאָז טיי, זײַ מויכל, — בעט ער.

אַלגע האָט שוין געוווּסט: אויב שאָלעם בעט אַ גלאָז טיי, וועט ער אַרבעטן די גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג. ער וועט ניט אַוועק פונעם טיש, ביז ער וועט נישט פאַרענדיקן די דערציילונג, ניט איבערשרײַבן זי און ניט דורכלייענען זי פאַר איר, פאַר אַלגען.

זי דערלאַנגט אים טיי, און שאָלעם טוט זיך אַרײַן מיט לײַב און לעבן אין די בייגעלעך פּאַפּיר. אַזוי איז ער אָפּגעזעסן, ביז ער האָט געדאַרפט אַוועקגיין צו יאַשפען.

— ביסט מיד, סאַלאָמאָן? — פרוווט דאָס ווײַב מילדער מאַכן דעם מאַנס פאַרביטערט האַרץ.

— ניין, ערן־וואָרט, ניין. פאַרקערט, ס'איז מיר איצט אַזוי לויטער אין קאָפּ, איך האָב זיך אויסגעלאָדן. האָסט באַמערקט אַמאָל, ווי די בלעטלעך אויף די ביימער זײַנען נאָך אַ רעגן דריין, ציכטיק און רויִק... אַזוי איז מיר איצט לויטער אין קאָפּ און אויפן האַרצן.

אָנגעטאָן די פּאַלטאָ און דאָס היטל, גענומען דעם שטעקן אין דער האַנט, איז שאָלעם אַרויס אויף די קיִעווער גאַסן. ער שפּאַנט מיט גלײַכמעסיקע טריט צו די ליפּקעס, הייבט זיך אויף צו זיי מיטן קרעשטשאַטיק.

אָט איז ער שוין, שאָלעם, בײַ יאַשפּעס אָסאָבניאַק. אין פאָדער־צימער באַגעגנט אים נאַדיע, אַ טמימעסדיק דינסט־מיידל, און זאָגט אים אָן, אַז דער באַלעבאָס האָט שוין געפרעגט אויף אים און זיך געבייזערט.

עס לויפט פאַרבײַ מאַנטשיק מיט אַ פול מויל צעקײַעטע ניס. דערזען דעם רעפּעטיטאָר, טוט ער זיך אַ לאָז צו אים:

— הײַנט, הער ראַבינאָוויטש, וועלן מיר ניט שרײַבן קיין סאָטשינעניע. אוי, האָב איך ליב ניס! דער גענעראַל האָט זיי אויך ליב. סטראַסט, קאַק ליובליו! און דו, נאַדיע, האָסט ליב ניס?

— גיי, גיי, געלערנטער, פילאָסאָף.

שאָלעם-אַלייכעם צעלאַכט זיך, ווען ער דערהערט, וויאַזוי דאָס אוקראַיִנישע מיידל רופט אָן זײַן טאַלמיד.

— פאַרוואָס רופט איר אים אַזוי, נאַדיע?

— דאָס רופט אים אַזוי די מאַדאַם. זי וויל, איר אייניקל זאָל זײַן אַ פילאָסאָף. אַ געלערנטער, מאַנטשיק — אַ געלערנטער! אַ ווין טאַקי לאַבוס, צעי מאַנטשיק[1].

אָנגעטאָן זיך אין די לאַקיי־מאַלבושים, האָט שאָלעם-אַלייכעם געפרעגט באַם מיידל, צי פאַסטן זיי אים.

אַף דער שוועל באַווײַזט זיך די מאַדאַם יאַשפע — אַ דיקע פרוי, פאַרפּוצט אין אַן עקסטראַ־מאָדערנעם קלייד מיט קורצע אַרבל.

— רירט זיך אַ ביסל, ראַבינאָוויטש, די געסט קומען זיך שוין צונויף.

— איך בין פּאַרטיק, מאַדאַם.

ערגעץ אין אַ ווײַטן צימער האָט מאַנטשיק געשפּילט אַף דער פּיאַנע. דאָרטן זײַנען שוין געווען צוויי פּאַרשוין. ער דערהערט, ווי איינער פון זיי פרעגט באַ מאַנטשיקן, בעשאַס דער לאַקיי נעמט גרייטן צום טיש:

— אָט דאָס איז אײַער נײַער...

יאַשפע, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ זײַט און דערהערט די פראַגע, האָט אַ ווונק געטאָן צום פּאַרשוין, ער זאָל שווײַגן. שפּעטער אַ ביסל, ווען שאָלעם איז ווידער אַרײַנגעקומען אין זאַל, האָט ער דערזען יענעם, וואָס האָט פריִער געשטעלט די פראַגע. דאָס איז געווען אַ געשטופּלטער מענטש, אָנגעטאָן אין אַ ברייטן סערדעט און אין שמאָלע הויזן. דער צווייטער — אַ מענטש אין אַ יאַרמעלקע, מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע, דאָס פּאָנעם שטאַרק פאַרוואַקסן, האָט אָפט געהוסט — זעט אויס, אַ יאַדעשליוווער.

עס דערהערט זיך עפּעס אַ פאָרעניש אין פאָדער-צימער, שאָלעם לויפט גלײַך אַרויס אַהין. דער שווייצאַר האָט שוין געהאַט אַראָפּגענומען פונעם גאַסט די גענעראַלישע שינעל.

ווי נאָר ראַבינאָוויטש האָט געעפנט די טיר פון זאַל, האָט ער פאַרשפּאָרט עפּעס זאָגן, ווײַל דער באַלעבאָס אַליין און זײַן פרוי זײַנען אַרויס אַנטקעגן.

— אילאַריאָן ניקאָלײַעוויטש! אילאַריאָן ניקאָלײַעוויטש איז געקומען! — האָבן ביידע אויסגערופן.

און אילאַריאָן ניקאָלײַעוויטש האָט צעשפּרייט זײַנע הענט, גלײַך ער קלײַבט זיך דעם באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע אַרומנעמען ביידע מיטאַמאָל. מע האָט אים אוועקגעפירט אין גאַסט-צימער און דאָרט אַרײַנגעזעצט אין אַ ווייכן שטול.

שאָלעם האָט, ווי ס'איז אים געווען אָנגעזאָגט נאָך פון נעכטן, גלײַך גענומען איינע פון די אויסטערלישע פּיפּקעס, אָנגעשטאָפּט זי מיט טוטין און דערלאַנגט דעם גענעראַל. די צווייטע פּיפּקע האָט ער דערלאַנגט יאַשפען.

איבער דער שטוב האָט גענומען שמעקן מיט רויכנדיקע בסאָמים.

— עמעסע קטוירעס... ווו האָט איר עס געקריגן אַזאַ פײַנעם איידעלן טוטין? — פרעגט יעדער פון די צוויי געסט באַזונדער.

— פּאַר אילאַריאָן ניקאָלײַעוויטשן איז ניט שײַעך... וועלן מיר אַלץ קריגן, — זאָגט שטאָלץ דער באַלעבאָס.

און דער גענעראַל איז געזעסן צעלייגט אין דעם שטול און געצויגן אין זיך דעם רויך, ווי דאָס זאָל ווירקלעך זײַן עפּעס אַן עליקסיר, וואָס קאָן יונג און מונטער מאַכן זײַנע אַלטע איִוורים.

ביז גאָר איז ער אופגעלעבט געוואָרן, ווען מ'האָט אים אָנגעהויבן דערלאַנגען פאַרשייטענע ווײַנען און ליקאָרן מיט צובײַסעכצן.

און אָט וואַקסט אויס אין ראַבינאָוויטשעס הענט אַ פלעשל, וועגן וועלכן יאַשפע דערציילט:

— גאָספּאָדאַ, אָט דאָס פלעשל האָט מיר געשענקט פון זײַן ווײַן-קעלער... איר וועט ניט טרעפן ווער. ער אַליין, לעוו איזראַילעוויטש בראָדסקי, טשעסטנאַיאַ סלאָוואָ!

דער לאַקיי גיסט אָן אַלעמען צו קליינע גלעזלעך, בלויז דעם גענעראַל גיסט ער אָן אַ טיי-גלאָז, און דער גענעראַל קערט זי גלײַך איבער אין מויל אַרײַן.

פּלוצעם טוט דער גענעראַל אַ פּאַטש אין די הענט.

— זע נאָר, אַ לאַקיי אין ברילן! טשודנאָ! — לאַכט דער גענעראַל. — פּאַפּיראָסן וויל איך! ס'האָבן מיר דערעסן אײַערע ליולקעס, ערגער פון ביטערן רעטעך... — צעפּעסטעט זיך דער גענעראַל.

[1] און ער איז אַזאַ לײַדאַק, דער דאָזיקער מאַנטשיק (אוקראַיִניש).

אז דער גענעראַל וויל — איז ניט שייַעך. כאַפּט שאָלעם אַרוף אַף זיך זייַן פּאַלטאָ און לויפט אַרויס אין גאַס נאָך פּאַפּיראָסן. ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק, האָט ער אין פּאָדער־צימער דערזען, ווי דער גענעראַל שטייט אַנטקעגן נאַדיען — דעם דינסט־מיידל. מיט די שיקערע זיך טרייסלענדיקע הענט פּאַרצוימט ער איר דעם וועג. דאָס מיידל וויל זיך אויסדרייען פון אים, נאָר דער שיקערער גענעראַל גרייַפּט אַלץ אָן.

ביכדיי אָפּוועדן דעם גענעראַל פונעם מיידל, האָט ראַבינאָוויטש אים דערלאַנגט דאָס פּעקל פּאַפּיראָסן.

— אוביראַיסיאַ ק טשאָרטו, טי, אַטשקאַסטי![1] — שרייַט אויס מיט גרימצאָרן דער גענעראַל און פּרוּווט זיך אַרומנעמען דאָס מיידל.

— טשעפּעט זיך אַפּ פון מיר... גאָט מייַנער! — האָט נאַדיע געבעטן.

שאָלעם־אַלייכעם איז צוגעלאָפן און אָנגעכאַפּט דעם גענעראַל באַם קאָלנער פונעם אָפּ־געשפּיליעטן מונדיר און אים אָוועקגעשלעפּט פון נאַדיען.

דאָ האָט די טיר זיך צעפּראַלט, און יאַשפּע איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער אַף טויט. מיט אַלע קויכעס האָט ער אָפּגעשטויסן דעם לאַקיי פונעם גענעראַל.

— וואָס טוט איר, גאַזלען! איר מאַכט מיך אומגליקלעך.

שאָלעם־אַלייכעם איז אַוועק פון דער קיך, אַפּגיך אַראָפּגעריסן פון זיך די לאַקיי־מאַל־בושים, איבערגעטאָן זיך און אַרויס אין דרויסן.

אין אַ ווינקל האָט דאָס דינסט־מיידל שטיל און ביטער געוויינט.

אַ רעוויזאָר באַ בראָדסקין

זומער־צייַט האָט שאָלעם־אַלייכעם מיט זייַן פרוי און קינד זיך באַזעצט אַף דאַטשע הינטער קיִעוו, אין באָיאַרקע. אָפּט פלעגט ער זיצן באַם וואַלד־ראַנד און קוקן אַפּן שליאַך, וואָס האָט געפירט צו דער אייַזנבאַן. ער האָט געוואָלט זען מענטשן.

איינמאָל האָט שאָלעם־אַלייכעם אָנגעוויזן דעם ווייַב אַף איינעם אַ מענטשל מיט אַ פּערד־און־וועגעלע, וואָס איז געווען פול אָנגעשטעלט מיט קענדלעך און טעפּלעך. דאַכט זיך, אַ געוויינלעכער באַסרוועדאַם — אַזאַ שטיל פּאָנעם, אַרומגעבערעמט מיט ניט קיין גרויסער באָרד, און אויגן טיפע, פאַרקלערטע און קלוגע. די באַוועגונגען זייַנען פּאַמעלעכע, מעיר־שעוודיקע. אַט קריכט ער אַראָפּ פונעם וועגעלע, פּאַרעט זיך באַ דער אַקס, זעצט זיך צוריק אַרוף אַפּן וועגעלע, טוט אַ פּאַכע מיט דער בייַטש און הייַדאַ ווייַטער.

שאָלעם־אַלייכעם זעט אים אָפּט. ס'איז אַ מענטש, וואָס ברענגט צו פירן קיין באָיאַרקע פּאַר די קיִעווער דאַטשניקעס פרישע מילך, קעז, פּוטער און סמעטענע. דער מילכיקער מאַכט אַן איינדרוק פון אַ שווייַגער. שוין אַ פּאָר מאָל האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך באַגעגנט מיט אים פּאָנעם־לעפּאָנעם, זיך געגריסט אַפילע: „אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־יאָר". יעדן פאַרטאָג האָט דער מילכיקער אַ פאַרזאָרגטער געשלעפּט די קענדלעך און מאַקיטרעס אין פאַרשיידענע הייזער.

יעדעס מאָל, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך באַגעגנט מיטן דאָזיקן שטילן מענטשן, האָט אים געצויגן צו אים — שווער אַפילע אויפצוקלערן פאַרוואָס.

געהערט האָט ער, אַז אַט דעם ייִדן רופט מען רעב טעוויע דער מילכיקער, אַז ער איז אַ פרומער מענטש, וואָס פאַרמאָגט זיך זייַן באַזונדער לאָשן. און פאַר אַ ווערטל מיט אַ קאַטאָוועסל איז דאָך שאָלעם ראַבינאָוויטש קאַפּאַבל הונדערט ווערסט גייען צופוס.

אַט וועט ער אומיסטן בעטן רעב טעוויען, ער זאָל אים אויך פירן מילכיקס...

אָבער גראָד איצט איז דאָס שאָלעם־אַלייכעמען ניט געלונגען: ער דערזעט פונדערווייַטנס סימכע טשאַפּקינען, אַף וועמען ער וואַרט הייַנט, און מוז זיך אָפּזאָגן פון שליסן קענטשאַפט מיט דעם מילכיקער. נאָר, דאַכט זיך, ער וועט באַוויזן דעריאָגן דאָס פערד־און־וועגעלע און זיך צוניפריידן מיט אים.

— וואָס האָט איר געוואָלט? — האַלט טעוויע אייַן דאָס פערדל.

עפּעס האָט שאָלעם־אַלייכעם אַ ביסל זיך פאַרלוירן פאַר אַט דעם דורכבויערנדיקן קוק פונעם שטילן, אָבער ניט האַכנאָעדיקן פרעגן.

— איך?.. איך וואָלט געוואָלט אייַך בעטן, איר זאָלט מיר מיט מייַן מישפּאָכע אויך פירן מילכיקס.

---

[1] פאַרנעם זיך צו אַלדי רוכעס, דו ברילנדיקער! (רוסיש).

— מעכעטייסע. ווו, אשטייגער, וווינט איר?

— אַט דאָ ניט ווײַט. באַם ראַנד פון וואַלד. אַט זעט זיך אָן צווישן די ביימער מײַן שטוב.

— אהא, איך זע. וואָיל. האָט גאָט אונדז צוגעשיקט, הייסט עס, נאָך א קוינע... — פון א פריילעכן פּאַכע מיט דער בײַטש האָט דאָס פערדל זיך א לאָז געטאָן פאָרויס און אופגע־הויבן א קנויל שטויב.

שאָלעם־אַליכעם איז געבליבן שטיין, נאָכגעקוקט דעם פערד־און־וועגעלע. דערווײַל איז אונטערגעקומען סימכע טשאַפּקין און אַף זײַן שטייגער אָנגעהויבן אַזוי:

— אײַך, פּאַני ראַבינאָוויטש, קומט בעפיירעש מאַזלטאָוו!

— וויפל מאַזלטאָווס זײַנען בא אײַך פאַרגרייט פאַר מיר אין מעשעך פונעם יאָר?

— איז דאָך אײַך געקומען מאַזלטאָוו, ווען איר זענט געוואָרן א פּאָטער. און געקומען איז אײַך אויך מאַזלטאָוו, ווען איר זײַנט געוואָרן א קיִעווער טוישעוו. הײַנט ווערן א מענטש בא בראָדסקין — דאָס קאָן נישט איטלעכער. איז דאָס עפשער ניט קיין סיבע פאַר א יאָמ־טעוודיקן מאַזלטאָוו, פרעג איך אײַך אליין?

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? רעדט קלאָרע דיבורים! — בעט זיך שאָלעם־אַליכעם.

— וואָרט צו. א ביסל מאַשקע וועט זײַן? וואָס קוקט איר אַזוי אַף מיר? איך האָב ליב אַלץ „באַנעצן”. קיין שיקער בין איך קיינמאָל נישט געווען, נאָר א קעלישעקל ווימאָראַזיק, גוטן סאַרדאַקער, אָדער גלאַט א ביסל שטאַרקן בראָנפן — אַף דעם בין איך שטענדיק א באַלן. קיין איין געשעפט קאָן איך אָן דעם ניט מאַכן.

געקומען צו זיך אין שטוב אַרײַן, האָט שאָלעם־אַליכעם אוועקגעזעצט זײַן אַלטן באַ־קאַנטן אַף דער וועראַנדע פון דער געדונגענער דאַטשע, אַרויסגעטראָגן א פלעשל ווײַן מיט עפּעס צו פאַרבײַסן.

— איצטער דערציילט, וואָס האָט איר מיר געבראַכט גוטס.

— ע, פּאַני ראַבינאָוויטש, מיטן עסן אײַל איך זיך ניט. זעט איר, געשעפט מאַכן האָב איך ליב איינס, צוויי — און פאַרטיק. נאָר עסן, זעט איר, קאָן פאַרשאַטן, ווען מע מאַכט עס אָפּגיך. אָט אַזוי, מײַן ליבער מענטש, מע דאַרף קײַען אַף ביידע זײַטן מיט יישעוו־האַדאַס, דערנאָך אָנגיסן צוערשט איין ביסעלע, און גלײַך נאָך א קאַפּעלע. אָבער גענוג צו לעצע־ווען, — האָט געזאָגט דער מעקלער שוין ערנסט. — איז הערט מיך אויס: הײַנט וועל איך אײַך צונויפירן מיט איינעם הערצל בלומבערג — דאָס איז מײַנער אַן אַלטער יעדיד. ער איז איינער פון בראָדסקיס נאָענטע מענטשן, א שטיקל אופּראַוולייאַיושטשי איבער זײַנע קאָלאָ־ניעס אין קאַטערינאָסלאַווער גובערניע. איז מיט אים וועט איר זיך צונויפשמועסן, און ער וועט אײַך שוין באַקענען מיט בראָדסקין אליין, און ווײַטער — בעט גאָט, איר זאָלט נויסע־כיין זײַן אין בראָדסקיס אויגן! לאָמיר נעמען נאָך א קאַפּעלע, און זאָל זײַן מיט מאַזל!

ס'איז געווען א זוניקער באַטאָג. שאָלעם־אַליכעמען האָט זיך בעפיירעש ניט געוואָלט איבערלאָזן אַלגען אליין מיטן קינד און פאָרן אין שטאָט אַרײַן. כאָטש דער שרײַבער האָט אָפּט געזוכט צו טרעפן זיך מיט מענטשן, איז ער דאָך געווען א פאַרברענטער יוישעוו־אויהעל און האָט שטענדיק אָן כיישעק פאַרלאָזט די שטוב.

געפונען אַלגען, וואָס איז געווען פאַרנומען מיטן קינד, האָט ער איר געמאָלדן, אַז ער פאָרט אין שטאָט אַרײַן און, מעגלעך, צוליב א שטעלע. וועגן דעם, אַז די געשעפטן זײַנען נישט פויגלדיק, דאַרף ער איר ניט זאָגן, איז עפשער וועט זיך מאַכן א גוטע שטעלע. גענוג צו לעבן אַף איר פּאַטערס גנאָד.

זי פרעגט בלויז:

— ווידער אָט דער טשאַפּקין?.. צוגעטשעפּעט זיך...

— יאָ, — שמייכלט שאָלעם־אַליכעם, — ער גיט מיר שוין ווידער אָפּ מאַזלטאָוו. ער זאָגט צו בערג און טאָלן מיט ניסים־וועניפלאָעס. ער איז א פלי־קאָפּ, און איך פלי אים נאָך... — און ווי צו זיך אַליין: — אייגנטלעך, וואָס האָב איך אָנצווווערן.

אין יענע יאָרן איז דער צוג פון באָיאַרקע קיין קיִעוו געגאַנגען קימאַט צוויי שאָ. שאָ־לעם־אַליכעם מיט טשאַפּקינען האָבן גוט זיך אָנגעטרייסלט אינעם ענגן וואַגאָן מיט אָן א שיר פּויערים און פּויערטעס פון די אַרומיקע דערפער מיט קוישלעך אייבסן און פּרוכטן, וואָס זיי האָבן געפירט צו פאַרקויפן אַפן שטאָט־מאַרק, אויך גלאַט פּאַסאַזשירן־ליידיקגייער, וועלכע האָבן ליב געהאַט דורכצופאָרן זיך אין שטאָט אַרײַן א ביסל פאַרברענגען אין די פריילעכע רעסטאָראַנען און שענקלעך.

שאָלעם־אַליכעם האָט גאַנץ גוט זיך געפילט צווישן דעם דאָזיקן אוילעם: מע קאָן אונ־טערכאַפּן א וואָרט, א פּראַזע, וואָס וועט שטענדיק צוניץ קומען. ערגעץ זעצט זיך עס אַף

אין מויעך, און אין דער נייטיקער מינוט קאָן מען עס צום רעמל ערגעץ ארײַנשטעלן, עס זאָל א שפּיל טאָן און א פינקל טאָן מיט אלע קאָלירן.
דער מעקלער האָט אוועקגעפירט שאָלעם־אליכעמען צו הערצל בלומבערג אין אן אײַנ־שטאָקיק מוירעל אין סאמע עק פון קרעשטשאטיק, ווו מע פארקערעוועט אף וואסילקאָווער גאס.
בראָדסקיס דיקער אופראוולאיאושטשי האָט זיך געהאלטן מיט ווירדע, גלײַך ער איז דאָס אייבערשטע פונעם שטייסל באם באַרימטן צוקער־פאבריקאנט. אין שאָלעם־אליכעמס אויגן האָט בלומבערג אויסגעזען ווי אן אָנגעבלאָזענער פּאַרעץ.
— איך וועל אײַך, יונגערמאן, ארײַנפירן צו לעוו איזראַילעוויטשן, און אויב איר וועט אים געפעלן ווערן, וועט ער דאן פערזענלעך ערשט האָבן מיט אײַך א געשעפטלעכן שמועס.
„הייסט עס, דאָס איז ערשט א טרעפל צום באלעבאָס”, — טוט א קלער שאָלעם־אליכעם. און וואָס אזא מאגנאט, ווי בראָדסקי, באטײַט, ווייסט ער גוט. אָבער מע דארף דאָך לעבן, האָט ער קיין אנדער ברירע נישט.
— איר הערט, וואָס איך רעד צו אײַך, יונגערמאן, צי איר כאפּט פייגעלעך פונעם הימל. קומט מאָרגן ארום עלף־צוועלף אזייגער אין קאָנטאָר אף קרעשטשאטיק. דעמלט וועט דאָרטן זײַן לעוו איזראַילעוויטש.
ווידער איז שאָלעם־אליכעם ארויס בלויז מיט א האָפענונג. געזעגנט זיך מיט טשאפּ־קינען, האָט ער געזאָגט, אז יענער מעג זיך נישט מאטריַיען זײַן — ער וועט מאָרגן אליין גיין. אָבער טשאפּקין האָט אפילו הערן נישט געוואָלט: ווײַבאלד ער האָט אָנגעהויבן דאָס געשעפט, דארף מען עס שוין צופירן צו א ברעג.
אף מאָרגן אינדערפרי, ווי נאָר שאָלעם־אליכעם האָט אָקאָרשט געהאט זיך אָפּגעוואשן, איז שוין געקומען טשאפּקין און אָנגעהויבן אים אונטערטרײַבן און צוײַלן:
— מע דארף גיין וואָס פריַער. איר קענט נישט די מיליאָנערן! זיי האָבן ליב אומגעריכט זיך ארײַנכאפּן און טייקעף נעלעם ווערן.
האָט שאָלעם־אליכעם זיך געלאָזט אײַנריידן. און קאָטש זיי זײַנען געקומען אין קאָנטאָר מיט צוויי שאָ פריַער, וועדליק הערצל בלומבערג האָט געהייסן, איז בראָדסקי שוין בעפּיי־רעש געווען דאָרט. דער דיקער אופראוולאיאושטשי האָט צו זיי א ווונק געטאָן און אליין ערגעץ פארשוווּנדן אין איינער פון די אָנצאָליקע טירן.
טשאפּקין רופט אָפּ ראבינאָוויטשן אין א זײַט און רוימט אים אײַן אפן אויער:
— כ'האָב פארגעסן אײַך זאָגן: אויב בראָדסקי וועט פרעגן, מיט וואָס איר פארנעמט זיך, זאָלט איר נישט זאָגן, אז איר צעלייגט זיך אמאָל אין א גאזעט, „זיי” האָבן עס פײַנט...
שאָלעם־אליכעמען טוט עס א שטאָך אין הארצן, נאָר איצט איז ניט קיין צײַט אף צו שפּארן זיך און דערווידערן.
— וואָס האָט איר זיך פארקלערט, ראבינאָוויטש? איר האָט מיך פארשטאנען?
אין דער רעגע עפנט זיך איינע פון די טירן, און הערצל בלומבערג באווײַזט זיך און טוט א ווונק צו שאָלעם־אליכעמען. טשאפּקין וויל אויך נאָכגיין, נאָר סאמע בא דער טיר האָט בלומבערג אים אָפּגעהאלטן מיט דער האנט און פארמאכט זי הינטער זײַן נאָז.
געזעסן איז בראָדסקי אין אן אומגעהײַער גרויסער, ברייטער שטול פון יענער זײַט מאסיוון שרײַבטיש אין דער טיף פונעם ראכוועסדיקן קאבינעט. נישט אופשטייענדיק פונעם אָרט, האָט ער מיט דער האנט אײַנגעלאָדן: „זיצט”.
ווען שאָלעם־אליכעם האָט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגן בראָדסקין, האָט יענער פּאמעלעך אופגעהויבן די אויגן צו זײַן אופראוולאיאושטשי. דאָס האָט געהייסן: דערציילט, צוליב וואָס האָט מען אים באמרויקט.
— דער הער ראבינאָוויטש זוכט א שטעלע און באָט זיך אָן אלס רעוויזאָר אין די קאָלאָניעס.
בראָדסקי שאָקלט צו מיטן קאָפּ, נעמט בייסמײַסע ארויס א ציגאַר פון איינעם א שופלאָד און שטעקט אים ארײַן אין מויל. אין איין אויגנבליק שטערקט אויס בלומבערג אן אָנגעצונדן שוועבעלע. פארייכערנדיק, איז בראָדסקי קימאט ווי א מומיע אומבאוועגלעך געבליבן זיצן.
מיט א פוילער באוועגונג פון דער האנט טרײַבט בראָדסקי אָפּ פון זיך דעם רויך און פרעגט אף רוסיש:
— מיט וואָס ביכלאל פארנעמט זיך דער הער ראבינאָוויטש? צי האָט ער פּראוואָזשי־טעלסטוואָ אין קיִעוו?
ווײַל שאָלעם־אליכעם האָט געקלערט וואָס צו ענטפערן, האָט דער אופראוולאיאושטשי

דערווײַל אָנגערופן עפּעס אַ באַשעפּטיקונג, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט דערפון דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן דערהערט. באַמערקט, אַז שאָלעם־אַלייכעם וויל דערווידערן, האָט בראָדסקי שטרענג אויפגעהויבן די האַנט מיטן ציגאַר צווישן די פינגער:

— יונגערמאַן, אויב איר ווילט דינען אין מײַן פירמע, דאַרפט איר פון דער ערשטער מינוט אָן זיך אויסלערנען ניט דערווידערן קיין עלטערע פון זיך. פאָניאַלי, מאָלאָדאָי טשעלאָוועק? — און צו בלומבערגן מאַכט ער: — פאַרעכנט אים אין שטאַט, גיט אים אַרויס אַן אַוואַנס, און זאָל ער אין דער נאָענטסטער צײַט אַרויספאָרן אין די קאָלאָניעס[1] און מיר ברענגען אַ באַריכט, וויאַזוי לעבן עס דאָרטן מײַנע ייִדעלעך. מאָלאָדאָי טשעלאָוועק, — ווענדט ער זיך ווידער צו שאָלעם־אַלייכעמען, — מיר געפעלן אײַערע קלוגע אויגן. פאַרגעדענקט: אין מײַן פירמע דאַרף מען אָן דערווידערונגען אויספילן אַלץ, וואָס מע באַפוילט.

און נאָך איידער שאָלעם־אַלייכעם האָט באַוויזן צו זאָגן „אַ דאַנק‟, האָט ער דערפילט, ווי הערצל בלומבערג פירט אים שוין פאַר דער האַנט.

אין אופנאַם־צימער האָט טשאַפּקין טייקעף אַרײַנגעשטופּט שאָלעם־אַלייכעמען די האַנט:

— מאַזלטאָוו!

— ווידער „מאַזלטאָוו‟? — צעשמייכלט זיך דער שרײַבער.

— איר הערט, טשאַפּקין, — זאָגט דער אופּראַווליאַיושטשי, — אײַער קונד מעג גאָט דאַנקען. ער איז געפעלן געוואָרן לעוו איזראַיִלעוויטשן. מאַמעש אַ כּידעש, אױף מײַן וואָרט. הער ראַבינאָוויטש, גייט אַרײַן אַט אין יענעם כיידערל. דאָרט וועט איר באַקומען די נייטיקע פּאַפּירן און מעזומאָנים — ציידאָ־לאַדערעך און אין אַ גוטער שאָ!

גרייטנדיק זיך אין וועג אַרײַן, האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך באַזאָרגט מיט אַ רעגנמאַנטל און מיט אַ מערקווירדיקן פּאַראַסאָל, וואָס אין קלייט האָט מען אים אָנגעגעבן פאַר אַ נײַס פון ווין. ער האָט אויך געקויפט אַ גוטן טשעמאָדאַן. אָנגעפּאַקעוועט אים מיט נייטיקע זאַכן און עסנווארג, וואָס דאָס ווײַב האָט אָנגעבאַקן און אָנגעקויפט, איז ער, ווי אַן עמעסער וואָיאַזשאָר, אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג אַרײַן אין אַ וואַגאָן פון דריטן קלאַס, וואָס האָט געזאָלט אים ברענגען קיין קאַטערינאָסלאַוו. פון דאָרטן וועט ער זיך שוין שלעפּן מיט דער אַקס.

אָנגעקומען איז ער ניט ווײַט פון קאַטערינאָסלאַוו אין אַ ייִדיש דאָרף, און דער באַלעגאָלע האָט אים פאַרפירט צו זײַנעם אַ באַקאַנטן ייִשוּווניק.

— דער ייִדישער קאָלאָניסט, וואָס לעבט אין די קאָלאָניעס פונעם קיִעווער מיליאָנער בראָדסקי, — האָט געטײַנעט דער באַלעבאָס, — ווערט אויסגעריסן און פאַרשוואַרצט. און ס'הייסט נאָך, אַז דער צדאָקע־טוער בראָדסקי טוט דעם דערשלאָגענעם קאָלאָניסט אַ גרויסע טויווע דערמיט, וואָס ער האָט געלאָזט אים זיך באַזעצן אױף זײַן ערד.

— פאַרוואָס האָט דער באַלעגאָלע אײַך ניט אוועקגעפירט צו זעליק קאָקעטקע? יענער איז בײַ אונדז אַ שטיק באַלעגוף, דאָרט איז ניט ווי בײַ אונדז...

„בעסער, בעסער אַזוי, — קלערט דער רעוויזאָר, — וועל איך מיט מײַנע אייגענע אויגן זען, וויאַזוי עס לעבן און מיט וואָס אָטעמען ייִדישע ערד־אַרבעטער בײַ בראָדסקין‟.

אויסגעמאַטערט פון ניט שלאָפן די גאַנצע נאַכט איבערן געשטאַנק פון דער צעפּאַרעטער שטרוי, איז שאָלעם־אַלייכעם אופגעשטאַנען אַ גרויסן פאַרטאָג און מיטן ווינער פּאַראַסאָל, וואָס אַז מע וויל, איז דאָס אַ שטעקל, און אַז מע דאַרף, ווערט עס אַ פּאַראַסאָל, האָט ער זיך געלאָזט גיין איבער די פעלדער. דאָ האָט ער ניט באַמערקט אַזאַ אָרדענונג, ווי בײַם ייִדישן פּאָסעסאָר לאָיעוו.

כאָטש שאָלעם־אַלייכעם איז ניט געווען קיין איבעריקער באָקי אין ערדאַרבעט, האָט ער דאָך דערפילט דעם גרויסן כילעק. אין אַזאַ פאַרטאָג פלעגט מען בײַ עלימיילעך לאָיעוון שוין בערג איבערקערן. דאָדיע דער עקאָנאָם וואָלט שוין ביז איצט צונויפגעטריבן די פּויערים, און איטלעכער אױף זײַן פּאַס — ניט קיין אייגענעם, פאַרשטייט זיך, וואָלט זיך געטאָן זײַנס לויט די קויכעס און לויט דאָדיעס אָנווײַזונג. אָבער דער איקער איז דאָך ניט דאָס פעלד און ניט די ערד. דער איקער זײַנען די מענטשן, וואָס ער האָט נאָך נישט באַוויזן צו זען. נעכטן אָפּדערנאַכט האָט ער אין דער טונקלקייט גאָרנישט ניט געקאָנט באַמערקן. איצט, בײַ דער זוניקער שײַן, שפּאַרט אַרויס די אָרעמקייט און שאָפלדיקייט פון אַלע ווינקלען.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק, האָט ער אין הויף שוין געטראָפן דעם באַלעבאָס' קינדער. אַ דאַר שוואַרצכיינעוודיק ייִנגעלע גייט צו צום אומבאַקאַנטן פעטער און באַטראַכט אים מיט אַזאַ נײַגער, גלײַך ער זאָל דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ לעבעדיקן מענטשן.

---

[1] קאָלאָניעס — אַזוי האָט מען אָנגערופן די ייִדישע ייִשוּווים אױף דער ערד, וואָס האָט געהערט צום צוקער־מאַגנאַט בראָדסקי.

— ווי רופט מען דיך, יינגעלע? — פרעגט שאָלעם־אַלייכעם.

דאָס יינגעלע אַנטלויפט אין שטוב אַריין און קערט זיך באַלד אום אין דער באַגלייטונג פון זיין טאַטן, וועלכער זעט אויס איצט בא דער טאָג־שיין גאָר אַנדערש. שאָלעם־אַלייכעם דערזעט פאַר זיך אַן אויסגעדאַרטן, מיטלוואוקסיקן פויער מיט איינגעפאַלענע באַקן.

אויף אַלע פראַגעס האָט דער פויער געענטפערט מיט מוירע, צוריקגעהאַלטן. נאָר ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער וועט אים קיין שלעכטס ניט טאָן, זאָל ער ניט מוירע האָבן פאַר אים, איז דער פויער געוואָרן דרייסטער און דערציילט:

— אַנומלטן איז אַהער אַראָפּגעקומען אַ רעוויזאָר פון קיִעוו. איך געזאָגט, ווי איר, אַז ער וועט אַלץ אויסהערן און דערציילן בראָדסקין אַליין, נישט די פּריקאַזשטשיקעס און נישט די אופּראַוולִיאַיושטשעס. וואָס זשע, מיינט איר, האָט זיך אויסגעלאָזט? צוויי פון יענע, וואָס האָבן זיך געקלאָגט, זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דער קאָלאָניע און אַדהעיִעם ווייסן מיר ניט, וווּהין זיי זיינען אַהינגעקומען. אַ סוואָרע, אַז זיי קומען אום אין דאַקעס און אין בויט ערגעץ אין אַ שטעטל.

— וואָס איז פאַר זיי דער כילעק, — שטעלט אַריין שאָלעם־אַלייכעם זיין וואָרט, — דאָ, צי דאָרטן?

— זאָגט עס ניט, פּאַני. אַז מע זיצט שוין אויף אַן אָרט, פעלט טאַקע אויך אויס אַן איבער־ריקער ביסן, אָבער ס'איז פאָרט בעסער, איידער ווערן נאָוונאַד.

נאָך אַ פּויזע רעדט וויטער דער פויער:

— אָט האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיינעם אַ קאָרעוו פון כערסאָנער גובערניע, פון באָבראָווי קוט. אויך אַ קאָלאָניסט. נאָר דאָרטן איז ניט, ווי בא אונדז. איך ווייס ניט, צי גייט עס בראָדסקין אין קעשענע אַריין, נאָר דאָ נעמט מען פון אויבן און פון אונטן, מע האָרעוועט, אַזוי ווי אויף פּאַנשטשינע. ס'איז נאָר, וואָס מ'איז צווישן יידן — שאַבעס און יאָמ־טעוו אַרבעט מען נישט. אָבער די איבעריקע צייט ווער קוקט זיך אום אויף אונדז? איר האָט געזען מיין יינגעלע, ער האָט ניט קיין צייט צו גיין אין כיידער, פון צען יאָר איז ער געשפּאַנט אין אַקער, ווי אַ גרויסער. יאַנקעלע, קום נאָר אַהער!

דאָס יינגעלע, וואָס האָט פריִער געקוקט פרעמד אויפן געקומענעם גאַסט, איז צוגעגאַנגען נעענטער. שאָלעם־אַלייכעם האָט דערזען אַזאַ טרויער אין די קינדערשע אויגן, אַז אַן אומעט איז אים באַפאַלן.

— פונדעסטוועגן, ווען איר זאָלט אַריינגיין צו זעליק קאַקעטקע אין שטוב, וואָלט איר געזען, אַז דאָרטן איז גאָר אַנדערש. איר זאָלט ניט מיינען, פּאַני... ווי רופט מען אייך?

— שאָלעם ראַבינאָוויטש הייס איך.

— פּאַני ראַבינאָוויטש, מיינט ניט, אַז איך בין איינער אַזאַ אומגליקלעכער. דאָס ראָוו זיינען אַזעלכע. ווייסט איר גאָר וואָס — קומט מיט מיר אַריין צום שאָכן, וועט איר הערן עפּעס שיינס.

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך נישט געלאָזט בעטן. זיי זיינען מיטן גאָרטן אַריינגעגאַנגען צום שאָכן און אויך דאָרטן געטראָפן די זעלביקע לאַגע. אויב בא שימען ראַמאַנאָווקער איז געווען אַ פולע שטוב מיט קליינע קינדער, איז באַם שאָכן געווען אַ דערוואַקסן מיידל, וועלכע האָט זיך געריסן אַרויסצופאָרן קיין קאַטערינאָסלאַוו צו אירער אַ מומע.

— וואָס וועט דאָ פון מיר ווערן? איך האָרעווע שווער, און ס'וועט פון מיר זיין אַ טאַכלעס, ווי פון מיין מאַמען. אָט ליגט זי און קרעכצט, ס'ברעכט איר דער רוקן פון דער אַרבעט.

— איר פאַרשטייט, וואָס זי וויל? זי מיינט דאָרטן אין שטאָט געפינען אַ כאָסן און נישט פאַרזיצן ביזן גרויען צאָפּ, — האָט געראַבט זיך אַ וויצל געטאָן שימען ראַמאַנאָווקער.

דאָס מיידל איז געוואָרן רויט, ווי אַ צוויק.

— פאַרוואָס דאַרפסטו עס פאַר אַ פרעמדן מענטשן אין די אויגן מעוואַיעש זיין באַ־סיען? — האָט זיך אָנגערופן דער פאָטער.

— זאָגט, פּאַני ראַבינאָוויטש, — ציינדט זיך אָן שימען ראַמאַנאָווקער, — איז דען אַ ביי־זאַיען, אַז אַ מיידל וויל כאַסענע האָבן?

— אַז דאָ איז ניטאָ מיט וועמען, איז וואָס זשע ווילסטו? — דערקלערט דער פאָטער.

— זאָג איך דאָך טאַקע, — באַרויִקט זיך ניט שימען ראַמאַנאָווקער, — אַז פון אונדזער מאָקעם אַנטלויפן אַלע באָכערים.

— וווּהין? — אינטערעסירט זיך שאָלעם־אַלייכעם.

— וווּהין סע לאָזט זיך. מע פאָרט אויף „זאַראַבאָטקעס”, אַן אַנדער ברייִרע האָט מען. מע וויל עסן...

אין שטוב האָט געשמעקט מיט אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפליעס, וואָס באַסיע האָט דערלאַנגט צום טיש און פאַרבעטן אויך דעם גאַסט.

— האָט קיין פאַריבל ניט, קיין פּוטער האָבן מיר ניט.

פונדאַנען איז שאָלעם-אַליכעם אַוועקגעגאַנגען צו יענעם גליקלעכן, וועמען שימען ראַ־מאַנאָווקער האָט אָנגערופן זעליק קאָקעטקע. דאָ איז ווירקלעך געהאַנגען אַף איינער אַ וואַנט אַ נײַער שפּיגל, וואָס האָט געוואָרפן אַ באַזונדער שײַן אַף דער גאַנצער שטוב. די פּאָדלאָגע איז דאָ געווען אָנגעשמירט מיט געדיכטער געלער ליים. עפּעס אַ שטילע מענוכע האָט דאָ גערוט. שאָלעם-אַליכעם האָט זיך דערוואַרט, ביז ס'איז געקומען דער באַלעבאָס. אַ ציכטיקער, באַרוטער ייִד מיט אַ האַדראַס-פּאָנעם און ריינע אופריכטיקע אויגן. און אַרבעטן? פאַר אים אַרבעטן געדונגענע מענטשן, און ער איז באַזאָרגט אַף אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר מיט אַלץ. ער וואָלט אַוודע אַ באַלן געווען קויפן צוויי נײַע טאַצן־בעטן מיט ניקלענע גאַלקעס פאַר זיך און פאַר דער אישע צנוע זײַנער. אָבער צוליב דעם מוז מען פאָרן אין שטאָט אַרײַן, איז דאָס ניט פאַר זײַנע קויכעס. ווען ס'וואָלט זיך מאַכן, וואָלט ער אויך געקויפט פאַר זיך אַ טולעפ אַף פּוזעם.

שאָלעם-אַליכעם באַמערקט זײַנע ווייכע גלאַטע הענט, וואָס זײַנען, ווי עס שײַנט, ניט צוגעוווינט צו קיין אַרבעט.

אַף איינער אַ וואַנט דערזעט שאָלעם-אַליכעם דאָס בילד פונעם קייסער און אַנטקעגן — דאָס בילד פונעם ווילנער גאָען. אין אַ האַלב־בופעטל שטייט אויסגעשטעלט פּייסעכדיק געפעס. אַפּדערנאַכט איז שאָלעם-אַליכעם פאַר דער נעסיִע באַלויכט געוואָרן מיט אַ ביסל פרייד און נאַכעס: אין איינער אַ שטוב פון אַ קאָלאָניסט, וווהין ער איז אַרײַנגעקומען, האָט זיך צונויפגעקליבן יונגוואַרג, פּאָשעטע פּויערישע ייִנגלעך און מיידלעך. זיי האָבן פאַרמאָגט געזונטע פּלייצעס מיט הענט און פיס פאַר דער אַרבעט און אַן אומיטלבאַרן כוש פאַר אַ פּאָלקס־וואָרט. הערנדיק זייערע לידער, האָט שאָלעם-אַליכעם אויפגעלעבט. באַנאַנד מיט אַ טרויעריקן ניגן וועגן דער ייִדישער דאָליע האָט דאָ אויך געקלונגען אַ מאָטיוו פון אַן אומ־גליקלעכער ליבע צווישן אַן אוקראַיִנישן פּאַרל וואַסיל און אָקסאַנע און אַ רוסישע סטראַ־דאַניע. דאָס אַלץ איז דערנאָך פאַרביטן געוואָרן מיט בראַוווּר־קלאַנגען פון אַ מאָדערנעם ראָמאַנס. און אָט קלינגט די ליד פונעם אָפּגעגעבענעם סאָלדאַט און זײַן טאַטנס קלאָג־ליד. אַ דין קוויטשיק קעלעכל האָט מיט שטילער לײַדנשאַפט געצויגן די ליד. מיט האַרץ־ציטערניש האָט שאָלעם-אַליכעם זיך אײַנגעהערט און געוואָלט פאַרגעדענקען:

אין טויזנט אַכט הונדערט פיר און זיבעציקסטן יאָר
איז אַרויס אַ נײַער זאַקאָן,
אַז יעדער ייִד דאַרף פירן זײַן קינד,
אַזוי ווי צום שויכעט דעם האָן...

אַלע כאַפּן אונטער די ליד, און פון די קוילעס ציטערן אַזש די קאַנעצלעך, וואָס טשאַדען, און זייערע שאָטנס טאַנצן אַף די ווענט.

אוי־ווײ, ברידער, מיר זײַנען סאָלדאַטן,
מיר זײַנען באַם קייסער אין די הענט.
אוי־ווײ, ברידער, מיר זײַנען פאַרפאַלן,
מיר זײַנען באַם קייסער אין די הענט.

מיט אַ פלינקער האַנט פאַרשרײַבט שאָלעם-אַליכעם אַלץ, וואָס ער הערט. און דאָ ווערט ער אויס רעוויזאָר, אויס אָנגעשטעלטער באַם קיִווער מיליאָנער בראָדסקי. איצט איז ער דער שרײַבער מיטן הייסן האַרץ, מיטן אָפענעם אויג און ניכטערן מויעך, וואָס זאַפּט אין זיך אײַן די פאָלקס־רייד און פאָלקס־ליידן.

אָט דערהערט זיך אַ מיידלשע שטים, וואָס וויל אַלעמען איבערשטרײַגן:

...צוויי־דרײַ יאָר וועל איך אַף דיר וואַרטן,
און גאַנצע פיר איז דאָך אויך קעדײַ.
געלט אין פּאַלק אַרײַן וועל איך דיר שיקן,
און מוטשען וועל איך זיך באַ שנײַדערײַ.

שאָלעם-אַלייכעמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס פײַער פון דער ליד צינדט אָן די הערצער. ער וועט אַוועקפירן דאָס דאָזיקע געזאַנג, וואָס וועט נאָך לאַנג אים וואַרעמען און פריילעך מאַכן זײַן געמיט.

דער רעוויזאָר איז אָפּגעוועזן נאָך עטלעכע טעג אין אָט דער קאָלאָניע, דערנאָך אוועק־געפאָרן אין א צווייטער — און אויך דאָרט דאָס זעלביקע בילד. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אפילו די מענטשן זײַנען דאָ ענלעך איינער אפן אנדערן. די האלבאָשע, די מאנירן, די טנועס, דער אויפן פון פרעגן און איבערפרעגן זײַנען בא די אײַנוווינער פון פארשיידענע קאָלאָניעס געווען איינע און די זעלבע. די קאָלאָניסטן האָבן גערעדט אָפּ און אויסלייזונג פון בראָדסקיס מאַזשגיכים און פון זײַן גוטסקײַט און, פּונקט ווי אלע אנדערע ייִדן פון די שטעטלעך, פון דעם קאסרילעווקער טכום־האמוישעוו, געגאַרט נאָך אַן איבעריקן ביסן.

מיט דער אקס צום באַן האָט שאָלעם־אַלייכעמען געפירט אַן ערעך אזא באלעגאָלע, ווי אהינצוועגס, נאָר א ביסל א מער באריידעוודיקער. דער איז גערן געווען צו דערפרעגן זיך באם רעוויזאָר, צוליב וואָס איז ער אראָפּגעקומען אין די קאנטן. בראָדסקי וועט פארבלײַבן בראָדסקי, אפילו ווען ער וועט אָפּטרעטן די קאָלאָניעס אַן אנדער נאָגיד... און די קאָלאָניסטן וועט קיינמאָל בעסער ניט ווערן, ווײַל מע באַגייט זיך מיט זיי, ווי מיט סקאָט.

— וואָס זשע קאָנט איר אופטאָן, ווען איר זאָלט אפילו וועלן, — שטעלט אָן דער באַלע־גאָלע זײַנע קאַלטע אויגן, אויסדרייענדיק זיך צו שאָלעם־אַלייכעמען.

— נו, און שרײַבן מעג מען? — פרעגט פאַרזיכטיק שאָלעם־אַלייכעם.

— זעט איר, דאָס קאָנט איר, אי דאָס האָב איך מוירע, אַז מע קאָן מיט עפּעס פארשטעקן דאָס מויל. נישקאָשע, ער האָט אליין גוטע שרײַבערס.

— ווער?

— ווער? בראָדסקי און זײַנע מעשאָרסים...

— נו, און שרײַבן? — פרעגט שטילער שאָלעם־אַלייכעם.

— וואָס שרײַבן? פראָשעניעס און זשאלאָבעס אין סענאַט אריין? — לאַכן דעם באַלע־גאָלעס קאַלטע אויגן. — שרײַבט, שרײַבט, זעט נאָר, אַז מע זאָל אײַך ניט אָנשרײַבן אזא גוט יאָר, אַז ס׳זאָל, מײַנע סאָנים, אײַך ניט פינצטער ווערן אין די אויגן...

דער שיינער זומער־טאָג ציט זיך איבערן סטעפּ. דאָס פערדל שפּאַנט דרעמלענדיק און פּלאָנטערט דעריבער שווער מיט די פיס. דער באַלעגאָלע דרייט זיך ווידער אויס און פרעגט מיט באַהאַלטענעם כויזעק:

— האָט אָפּ מיר קיין פאריבל ניט, יונגערמאַן. איך זע, איר טראָגט לאַנגע האָר, ברילן און א פײַן שטעקל. און אָנגעטאָן זענט איר מײַסע דײַטש. צי זענט איר ניט טשאַסאָם טאַקע דעם אָדנס א נאָענטער מענטש?

— יאָ, איך דין בא בראָדסקין.

— דאָס פארשטיי איך, אַז איר דינט און נעמט סכירעס — איר דאַרפט דאָך לעבן, ווי יעדער באַסערוועדאָם... — ער טוט א פרײַנטלעכן סמאָטשקע צום פערדל: — צאָבע, כאָכעם מײַנער. איר פארשטייט מיך נישט, יונגערמאַן. איך מיין דערמיט צו זאָגן — צי פארטרעט איר נישט זײַן צאַד, דעם מיליאָנשטשיקס, און צי זענט איר נישט געקומען אויסטאַפּן, וואָס ער דאַרף זיך דערוויסן, און דערנאָך וועט זײַן, ווי מיט יענעם רעוויזאָר, וואָס איז געווען פאַראַיאָרן: געקוקט, געשמעקט און געלעקט און שפּעטער געמאַכט א שיינעם טאַכלעס פון פיל קאָלאָניסטן — אין א שיינעם טאָג האָט מען צונויפגעלייגט די בעבעכעס זייערע אָף א וואָגן און א גוטן טאָג אײַך מיט דער קאַפּאָטע אין אלע פיר עקן פון דער וועלט.

אין צוג זיצנדיק, האָט שאָלעם־אַלייכעם פיל איבערגעטראַכט וועגן דעם געזעענעם און געהערטן. אים האָט געקימערט ניט דער באַריכט פאַר בראָדסקין, נאָר וויאַזוי זאָל ער דאָס געזעענע אונטערטראָגן דעם לייענער. איינס איז פאַר אים קלאָר געווען: ער דאַרף זיך באַפרײַען פון דער רעוויזאָרן־לאַסט, וואָס האָט אים געמאַטערט. אָבער עפּשער וועט ער קאָנען מיט עפּעס פאַרגרינגערן די לאַגע פון די קאָלאָניסטן, אופווירקן אָף בראָדסקין?

דער רעוויזאָר איז געקומען אין בראָדסקיס קאָנטאָר מיט א דרייסטן פּראָיעקט און גע־וואָלט זיך זען און ריידן בלויז מיט בראָדסקין אליין. הערצל בלומבערג האָט ניט געקאָנט פועלן באם נײַעם רעוויזאָר, ער זאָל אים געבנוי דערציילן, וואָס ער האָט דאָרט אזוינס געזען? ווי ארבעט מען? וואָס פאַר א נײַעם רעוועך, פראָפיטן וועט האָבן דער באַלעבאָס, און צי קאָן מען ביכלאַל פאַרגרעסערן די גיטער?

און דער רעוויזאָר האָט לאַכלוטן ניט געוואָלט זיך טיילן מיטן אופּראַווליאַיושטשי, ער האָט געהאַלטן, אַז שטענדיק איז בעסער זיך ווענדן צום קאָפּ גופע.

אין עטלעכע טעג ארום איז ער, אויסמײַדנדיק בלומבערגן, ארײַן אָף אַן אופנאָם צום מאַגנאַט.

ווידער דער זעלביקער קאַבינעט. דער קייסער קוקט פון דער וואַנט שטערנג און מאַיעס־טעטיש. אין דער טיף פונעם קאַבינעט זיצט אין זײַן ווייכן שטול דער צוקער־פאַבריקאַנט לעוו איזראַילעוויטש בראָדסקי און וואַרט, וואָס וועט אים אונדזער דערציילן דער נײַער רע־ווויזאָר סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש ראַבינאָוויטש.

— יאָ, ראַבינאָוויטש, וואָס האָט איר אונדז אַזוינס צו זאָגן גוטס? — פרעגט דער באַלע־באָס. ער פאַררייכערט אַ ציגאַר, לאָזט אַרויס געדיכטע קנוילן רויך. — האָט אין זינען, אַז הערן וויל איך בלויז גוטס.

— זײַט מיר מויכל, קיין גוטס האָב איך ניט געזען, לעוו איזראַילעוויטש.

בראָדסקי שטעלט זיך אויף, די מאַסיווע קייט פונעם זייגער טוט אַ קלונג אַפּן זשילעט.

— וואָס, קיין גוטס איז באַ מיר נישטאָ? — איז ער אופגעקאָכט געוואָרן און צוריק זיך אוועקגעזעצט, דערבײַ אַ שמיץ געטאָן דעם ציגאַר אין גרויסן אַש־בעכער אַפּן טיש. — איז לאָמיך הערן, וואָס איר האָט צו זאָגן.

קעדיי צו פאַרגלעטן דעם ערשטן אײַנדרוק פון זײַנע פּרינציפּיעלע ווערטער, האָט שאָלעם־אַלייכעם בעפּיירעש אָנגעהויבן מיט אַ שטיקל רעוועראַנס, אַז די מענטשן שעצן זיך גליקלעך און וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן די גנעדיקײַט, וואָס מע טוט זיי. זיי ווייסן, ווער ס'פאַר־געסט ניט אין זיי, און זיי דערמאָנען בראָדסקין צום גוטן.

לעוו איזראַילעוויטש בייגט אָן דעם אויער, פאַרמאַכט די אויגן און הערט זיך אײַן. אים דאַכט זיך, אַז האָניק־ווערטער שיטן זיך פון דעם נײַעם רעוויזאָרס ליפּן. „זיך באַטראַכט, הייסט עס, דער אָריגינעלער רעוויזאָר", — קומט ער צום אויספּיר.

נאָר דער רעוויזאָר האָט שוין גערעדט גאָר ווייגן עפּעס אַנדערש:

— באַ ייִדן איז שטענדיק שטאַרק געווען אַנטוויקלט די טראַדיציע פון באַראָן ראָטשילד, באַראָן הירש און באַראָן גינזבורגס גנאָד, ווי אויך גוראַריעס, פּאָליאַקאָווס און בראָדסקיס טעטיקײַט, וועלכע זעצן פאָר די דאָזיקע גאָלדענע טראַדיציע. און דאָס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן ווערן. אָבער זאָל מיר דערלויבט זײַן צו זאָגן דאָס, וואָס די אויגן האָבן געזען, וואָס דאָס האַרץ פּאָדערט צו דערציילן. אין אײַערע קאָלאָניעס לעבן די מערהײַט ייִדן אין שרעק־לעכער נויט און אָרעמקײַט. מעגלעך, איר ווייסט אפילו נישט דערפון, אײַערע מאַשגיכים באַהאַלטן עס אויס פון אײַך...

בראָדסקי קוקט שטערנג אַפּן אַרײַנגעקומענעם הערצל בלומבערג. ער נעמט אַרויס נאָך אַ דיקן ציגאַר, און ווען בלומבערג דערלאַנגט אים אָן אָנגעצונדן שוועבעלע, פאַרלעשט ער עס, רײַסט באַ אים אַרויס פון דער האַנט דאָס גאַנצע פּעקעלע שוועבעלעך. באַ דער שײַן פונעם אָנגעצונדענעם שוועבעלע באַמערקט שאָלעם־אַלייכעם אין בראָדסקיס אויגן ביטערן קאַס.

—איז וואָס זאָגט איר, פון מיר באַהאַלט מען עפּעס אויס? ווײַטער, דערציילט ווײַטער! — האָט דער מיליאָנער געײַלט דעם רעוויזאָר.

„פּונקט ווי לאָיעוו", — טוט אַ קלער שאָלעם־אַלייכעם און זעצט פאָר:

— ס'וואָלט געווען אַ יוישער, מע זאָל לאָזן יעדן קאָלאָניסט אַליין באַאַרבעטן זײַן שטיקל ערד, און מיט דער פּרוכט פון זײַן האָרעוואַניע זאָל ער אַליין זיך באַנוצן. דאַן וואָלטן מענטשן געוווּסט, אַז גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ באַל־צדאָקע מיט אַ גוט און איידלמוטיק האַרץ.

— און וואָס וועט מײַן פירמע דערפון האָבן, פּאַני רעוויזאָר?

— אײַער פירמע, לעוו איזראַילעוויטש... — דער רעוויזאָר האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. — אײַער פירמע...

— יאָ, מײַנע, נישט אײַערע.

— אײַער פירמע... אַ גרויסן נאָמען אַף דער וועלט.

— פאַר דער פירמע איז דער נאָמען בעפּיירעש וויכטיק, אָבער בלויז פון דעם נאָמען קאָן מען ניט לעבן, — קוקט קאַלטבלוטיק בראָדסקי. — און איר וואָלט געלעבט בלויז פונעם נאָמען? מ'האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ פּיסאַטעל, און דאָך נייטיקט איר זיך אין מײַן פירמע. טאַק, גאָספּאָדין פּיסאַטעל?

— יאָ, איך שרײַב צוביסלעך.

— ווו, אין „קיִעווליאַנין"?

— ניין, אין פּעטערבורגער...

— אין פּעטערבורג? אין וועלכער בלאַט?

— אין „פּאָלקס־בלאַט", — האָט רויִק געענטפערט שאָלעם־אַלייכעם.

— ווו, זאָגט איר? — באַ בראָדסקין זשמורען זיך די אויגן. — וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרגאַן?

— אַף ייִדיש, אַף זשאַרגאָן, — ענטפערט שטיל שאָלעם־אַלייכעם.

— אזוי, אַף זשאַרגאָן... זאָלט איר אין ערגעץ קיין פּיפּס ניט טאָן וועגן דעם, וואָס איר האָט מיר געזאָגט, אויב איר ווילט האַנדלען מיט מײַן פּירמע... — ער הייבט זיך אוף פון זײַן שטול, וואַרפט אוועק דעם ציגאַר אין אַש־בעכער, גייט אַרויס פון יענער זײַט טיש, דערנענטערט זיך צו שאָלעם־אַליינעמען און זאָגט סאַרקאַסטיש: — יונגערמאַן, ס'וועט אײַך זײַן שווער צו לעבן! דאָס זאָגט אײַך אַ געניטער געשעפטסמאַן. — און קערעוועט זיך אויס צום אופּראַוולִיאַיושטשי: — דו, הערצל, פאַרבלײַב דאָ, און ער, — ביטלדיק טוט ער אַ ווײַז אָפּן רעוויזאָר, — קאָן גיין פונדאַנען.

ווי נאָר ס'האָט זיך פאַרמאַכט די טיר נאָך שאָלעם־אַליינעמען, האָט בראָדסקי זיך צעטור־פעט אָפּן אופּראַוולִיאַיושטשי:

— ווו האָסטו אויסגעזוכט אָט דעם גאַזעטן־פּאַטשקון? אַ גאַנצער באַלדאַרשן. זײַן פּוס זאָל דאָ מער נישט זײַן!

די באָרד פונעם סטראַכיר־אַגענט

פון דער רײַזע איבער די קאָלאָניעס האָט שאָלעם־אַליינעם זיך אומגעקערט אַ צעבראָ־כענער. די קאָלאָניסטן פלעגן צו אים אָפילע קומען אין כאָלעם. ער האָט געוואָלט אָנשרײַבן אַ ריי אַרטיקלען וועגן געזעענעם און געהערטן, ער איז גרייט געווען פאַרקאַטשען די אַרבל און אָנשרײַבן אַזוינס, וואָס זאָל דערשיטערן דעם לייענער. גאַנצע אָוונטן האָט ער אין זיך געשמועסט מיט די פאַרשוינען, וואָס ער האָט באַגעגנט דאָרט, אין די קאָלאָניעס, געזוכט דאָקומענטן און פאַפּירן, וואָס זאָלן האָבן אַ שײַכעס צו דער רעכטלעכער און עקאָנאָמישער לאַגע פון יידן־קאָלאָניסטן. צוליב דעם באַזוכט די ביבליאָטעק פון קיִעווער אוניווערסיטעט, געניִשטערט אין די אַלטע רוסישע און רוסיש־ייִדישע זשורנאַלן „רוסקי יעווריי” און „וואָס־כאָד”, געשריבן אין די רעדאַקציעס פון אָט די צוויי זשורנאַלן, נאָר קיין ענטפער ניט באַ־קומען.

...מיט אַ באַזונדער ווייטעק און ביזאָיען האָט שאָלעם־אַליינעם אָפּט זיך דערמאָנט וועגן דעם שמועס מיט בראָדסקין. „האָסט זיך דערנידעריקט ניט צוליב זיך, צוליב זיי האָסטו גע־טײַנעט מיט בראָדסקין וועגן יוישער. יוישער? צי פאַרמאָגט גאָר בראָדסקי יוישער און געוויסן?”

וואָס טוט מען צוליב דעם, מע זאָל קאָנען אַ געשריי טאָן אין דער הייך? און דעריקער, מע זאָל דעם געשריי דערהערן?

און בעעמעס טאַקע, ווו זײַנען עס די קויכעס, וואָס האָבן געקאָנט זיך אײַנשטעלן פאַר די אומגליקלעכע און געפּאַלענע? צו וועמען וואָלט שאָלעם־אַליינעם, דער יונגער זשאַרגאָן־שרײַבער, וואָס האָט ערשט געמאַכט די ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, געקאָנט קומען און אַ קלאַפּ טאָן אין טיש: „גוואַלד, וואָס שווײַגט איר”? ווער וועט זיך עס צוהערן צו זײַן יונג, שוואַך קאָל? ווער?

און דאָס לעבן, דאָס געזינדל האָט געפאָדערט אַ טייקעפדיקן ענטפער אַף דער פראַגע, וואָס טוט מען ווײַטער, ווי לעבט מען, ווו נעמט מען צום לעבן?

אָלגע, שאָלעם־אַליינעמס לעבנס־באַגלייטערן, ווי קלוג און באַטראַכט זי איז נישט געווען, איז פאָרט יונג און וויניק דערפאַרן. מיט איר גוטמוטיקייט און צוגעלאָזטקײַט באַרויִקט זי אָפּט איר טעמפּעראַמענטפולן מאַן, וועלכער האָט געבויט לופט־שלעסער. און ווי לײַכט זיי זײַנען אופגעקומען, אַזוי גיך זײַנען זיי אומגעוואַלגערט געוואָרן.

— ווי מיינסטו, אָלגע, ביבציע, האָדעלע? — פרעגט באַ איר שאָלעם־אַליינעם, און אין דער נעשאָמע איז ער מעקאַנע איר, דער פרוי זײַנער, וואָס איז פרײַ פון באַזאָרגן די פאַ־מיליע.

און דער רײַכער פאָטער אין סאָפּיִעווקע, דער האַרטנעקיקער פאָסעסאָר עלימיילעך לאָיעוו, מיינט, ווי אַלע אַזעלכע, ווי ער, אַז ער וועט איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר מיטנעמען מיט זיך אין קייווער דאָס גאַנצע רײַכטום. ער טראָגט נאָך פאַריבל אַף דער אײנציקער טאָכ־טער פאַר דעם, וואָס האָט קעגן זײַן ווילן איר לעבן אײַנגעאָרדנט. עמעס, פאַר דער לעצטער צײַט איז זײַן האַרץ שוין ווייכער געוואָרן, אָבער דאָך...

די טאָכטער פרוווט אַמאָל זאָגן צום מאַן:

— סאָלאָמאָן, עפשער זאָלן מיר פאָרט זיך אָראָפּכאַפּן צום טאַטן?

איצט, ווען סאָלאָמאָן ראַבינאָוויטש איז שוין געוואָרן שאָלעם־אַלייכעם, ווערט ער באַ־זונדערס בארויגעז אף דער פרוי און ענטפערט דאָס זעלבע, ווי שטענדיק:

— ניין, ניין!

— נו, גוט. דו — נישט, אָבער איך מעג צופאָרן זיך זען מיט די עלטערן? — ווענדעט זי ניט אָפּ די אויגן פונעם מאַן.

— בעשום־אויפן ניט, דו ביסט דאָס זעלביקע, וואָס איך, — פּראָטעסטירט דער מאַן.

— אָבער איך בין דאָך ניט שאָלעם־אַלייכעם, איך בין ניט מער, ווי עלימיילעך לאָיעווס טאָכטער, — ענטפערט זי שטיל און מילד מיט איר געוויינלעכער צוריקגעהאַלטנקייט. — דאַרף מען ניט, איז ניט געפאָרן צום טאַטן און ניט געשריבן אים קיין יעדידי־בריוועלע, אַז אָט זײַ וויסן, אַ שיף מיט זויערמילך איז אונטערגעגאַנגען... דאַרף מען ניט, אויב דו ווילסט ניט. איז עפּשער איצט געקומען די צײַט אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, וואָס די סטראַכיר־קאָנטאָר האָט דיר אנומלטן פאַרגעלייגט.

— איך, שאָלעם־אַלייכעם, — אַ סטראַכיר־אַגענט! שווער, ביבציע, ס'איז לעכערלעך. מיר וואָלט גרינגער געווען, ווען מע זאָל מיר פאַרלייגן צו ווערן אַ מאַטראָס, — שאָלעם־אַלייכעם מאַכט אַ פּויזע. — דאָס איז אַ שווערער ניסאָיען! אָ, דולציניייע מײַנע — ביבציע, האָדעלע...

אָלגע האָט שוויַיגנדיק אויסגעהערט דעם מאַנס מאָנאָלאָג, דערנאָך רויִק געזאָגט:

— נו, גענוג צו פּלאָנטערן, מײַן דאָן־קיכאָט. קום דערווײַל עסן וועטשערע, וואָס איך האָב צוגעגרייט, און פאַר מאָרגן זאָל גאָט זאָרגן.

און שאָלעם־אַלייכעם האָט געמוזט ווערן אַ סטראַכיר־אַגענט, און אָט די פּראָפעסיע האָט אָף אַ שטיק צײַט אויסגעלאָשן דעם שפּעפערישן ברויז באַם לעבעדיקן שרײַבער, כאָטש ער האָט ניט געוואָרפן די פען, געשריבן, ווי דעמלט פלעגט מען זיך אויסדריקן, פעליעטאָנען, און אַקוראַט זיי געשיקט אין דער „יודישעס פאָלקס־בלאַט” קיין פעטערבורג. די גראָשנדיקע האָ־נאָראַרן האָבן קוים געסטײַעט אָף זאַלץ מיט וואַסער, און דערבײַ האָט דער רעדאַקטאָר ייִס־ראַעל לעווי אים מעקאַצער געווען די יאָרן, פאַרקריפּלענדיק די טעקסטן אָדער מיט אַ פאַ־רעדע, אָדער מיט אַ נאָכרעדע, אָפּגעסאַמט דאָס כּיעס און דעם טאַמציס פונעם פעליעטאָן.

און ער, שאָלעם־אַלייכעם אַליין, איז גאָר אַן אַגענט פון דער סטראַכיר־געזעלשאַפט „פּראָמעטיי”, ווו די געשעפטן זײַנען געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ — אַז מענטשן ווילן זיך ניט סטראַכירן און סטראַכירן אויך ניט זייער האָב און גוטס.

— איר וועט פאַרברענט ווערן, מענטשן!

— סרייפעס, סרייפעס וועלן אײַך אופרעסן מיט די פּידקאָוועס!

— ווער סרייפעס, ווער וועט ברענען, וואָס פּידקאָוועס!

בעקיצער, מע סטראַכירט זיך נישט. ווען שאָלעם־אַלייכעם וואָלט געווען אַ קאַריקאַטו־ריסט, וואָלט ער זיך אַליין אָנגעמאָלט מיט אַן אויסגעשטרעקטער סטראַכיר־ליסטע, אַ שפּאַ־צירנדיקן איבערן קיִעווער קרעשטשאַטיק. ארום אים פּוסט און ליידיק, נאָר ערגעץ פונדער־ווײַטנס אנטלויפט אַ קליין פאַרשווינדל און שרײַט: „ראַטעוועט מיך פון דעם שלימאַזלדיקן אַגענט שאָלעם ראַבינאָוויטש”.

אַ שלימאַזלדיקער אַגענט! ער וועט נאָך דערווײַזן, ווער ס'איז שלימאַזלדיק. איר אַליין זענט שלימאַזלניקעס, איר ווייסט ניט, ווער שאָלעם ראַבינאָוויטש איז, ער וועט ווערן שאָלעם־אַלייכעמדיק אין זײַן פאַרשאָלטענער סטראַכיר־אַרבעט... ווער זאָגט עס, אַז ער איז אַ שלי־מאַזל? נאַראָנים זײַט איר. סייכל און אײַנפאַל — אָט דאָס איז דער איקער אין לעבן! שאָלעם־אַלייכעם איז אײַנפאַלפול און דערפינדעריש אין זײַן מאָלעריש־שרײַבערישער אַרבעט, וועט ער אַלס וואָכעדיקער סטראַכיר־אַגענט געפינען צו אײַך אַ יאַמטעוודיקן שליסל. וויִאַזוי? איר וועט שוין זען... איר — סאָכרים, מעקלערס, קאָנטאָרשטשיקעס, אָנגעשטעלטע, מעשאָרסים, הענדלער, שאַמאָסים, כאַזאָנים, דאַיאָנים, שאָכטים, קאַצאָווים און פישער, קאַפּצאָנים, דאַל־פאָנים, עוויוינים — אַלע, אַלע וועט איר זיך סטראַכירן פונעם טויט. איר וועט אַליין זוכן דעם אַגענט שאָלעם ראַבינאָוויטש, ווײַלכער סטראַכירט מענטשן פונעם טויט. איר וועט שוין אַ סימען האָבן!

אין קיִעוו האָט דעמלט געווײַלט אַ היפּשע צײַט דער טאַלנער רעבע רעב מאָטעלע. מ'האָט שוין לאַנג גערעדט צווישן זיך, אַז אָט דער רעבע איז אַ געשעפטמאַן, ער האָט אין זינען ניט נאָר אוילעמהאַבע, נאָר אויך אוילעמהאַזע, ניט נאָר דעם ריבוינעשעלוילעם, נאָר אויך אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן אָף דער זינדיקער ערד.

דער טאַלנער רעבע האָט פאַרמאָגט אַ ווײַבל — די רעבעצן. איז דאָס געווען אַן עמעסע שיינהײַט. כסידים האָבן דערציילט, אַז קוקן אין איר פּאָנעם איז שווער געווען, אַזוי לויטער און שיין איז עס געווען — אַן עמעסע יעפעס־טויאַר. געהייסן האָט זי עסטער, האָט עמעצער פון דעם טאַלנערס כסידים זי אָנגערופן עסטער האַמאַלקע.

דער דאָזיקער צאַדיק האָט געהאַט מאַזל אויך צו כסידים — אַ וועלט מיט כסידים האָט ער פאַרמאָגט, דערבײַ פאַרמעגלעכע, ניט קיין עוויוינים, נאָר באַלעבאַטים מיט טײַסטערס, געריכטע שניטקרעמערס, ערשטקלאַסיקע צעלניקערס, דערפאַרענע ליוועראַנטן, אייגנטימערס פון באַנקיר־קאָנטאָרן, צווישן זיי דער יוירעש פונעם באַרימטן באַנקירער רעב ייִסראָעל האַלפערין מיבערדיטשעוו. אַזאַ געבענטשט מאַזל האָט געהאַט דער טאַלנער!

רעבייִים האָבן צווישן זיך געטײַנעט וועגן דעם טאַלנער: ער איז מערער סויכער, ווי צאַדיק. אָבער דאָס האָבן פאַרשפרייט בייזע צינגער, ווײַל די שטוביקע, די היימישע פונעם טאַלנערס הויף האָבן געוווּסט וועגן רעב מאָטעלעס אויסשליסלעכער גאָטספאָרכטיקייַט. דער טאַלנער רעבע איז געווען דער אוטאָר פון איינעם אַ סייפער, וואָס די כאָכמע זײַנע און דער קאָמענטאַר איז געווען כוץ לעדערעך האַטעווע. וואָס זשע האָט געאַרט דעם כאָשעוון צאַדיק, אויב עמעצער האָט אויס קינע געבעבעט און גערעדט לאָשנהאָרע. מאַלע וואָס לײַדיקגייערס און פאַלשע מענטשן ניטפאַרגינערס טײַנען און שאַרפן די צינגער!

אַף מעוואַטל מאַכן אַלע בייזוויליקע און לעפישע ריידערײַען און שאַקראָנעס וועגן דעם טאַלנער איז געווען אַ גרויסער בעריע דעם רעבנס גאַבע — עלקאָנע. מיט זײַנע גרויסע ברייט צעעפנטע אויגן און אומגעהייערער באָרד האָט ער מיט אַזאַ ווייכקײַט און מילדקײַט געווירקט אַף די מענטשן, אַז מ׳האָט אָנגעקוואָלן פונעם פאַרגעניגן אײַנצוהערן זיך אין זײַן ליבער סאַמעטענער שטימע, וואָס האָט געגלעט און געצערטלט. מענטשן זײַנען גלײַך געוואָרן עלקאָנעס כסידים, נאָך ביז מ׳האָט געזען דאָס ליכטיקע פּאָנעם פון רעב מאָטעלען דעם טאַלנער און געוואָרן זײַנע כסידים.

צו אָט דעם מענטשן מיט דער אומגעהייער גרויסער באָרד האָט זיך געווענדט שאָלעם־אַלייכעם. יענער האָט צוערשט נישט פאַרשטאַנען, וואָס וויל פון אים אָט דער וועלטלעכער יונגערמאַן מיט די לאַנגע האָר אַפן קאָפּ און ריין־אויסגעגאָלטע באַקן. עלקאָנעס גרויסע ברייט־צעעפנטע אויגן האָבן באַטראַכט שאָלעם־אַלייכעמען. דעם טאַלנערס גאַבע האָט צוערשט געמיינט, אַז צו אים איז געקומען אַ געוויינלעכער מעקלער. אָבער וואָס מער ער האָט זיך אײַנגעהערט אין די רייד פון דעם מאָדערן געקליידטן יונגערמאַן, אַלץ מער איז צו אים דערגאַנגען, אַז אָט דער יונגערמאַן איז, ערשטנס, גאָר ניט קיין געוויינלעכער יונגערמאַן, ער רעדט, ווי אַ לאַמדן און דענקט, ווי אַן עמעסער געשעפטס־מאַן. ער איז אַ ביז גאָר וועלטלעכער און פאַרשטייט זייער גוט אין די קליינע אויסיִעלעך. און, צווייטנס, קאָן מען באַ דעם געשעפט, וואָס ער לייגט פאָר, אָפּלעקן אַ פײַן ביינדל — סײַ דער טאַלנער רעב מאָרדכעלע, אָדער רעב מאָטעלע, ווי די כסידים האָבן אים גערופן, און סײַ ער, עלקאָנע, אַליין. וואָס איז, ער, עלקאָנע, פאַרמאָגט דאָך זײַן אייגנס צוויי טעכטער אַף כאַסענע מאַכן. און קעדיי זיי זאָלן כאָלילע־וועכאַס ניט פאַרזיצן, וועט נישט שאַטן קיין איבעריקע מאַטבייע. און כוץ דעם, איז דאָס גאָר, ווערדליק עס לייגט פאָר דער יונגערמאַן, אַ הייליקע מיצווע.

הערט נאָר אַ מײַסע, וואָס וויל דען דער יונגערמאַן? דעם טאַלנערס פּילצאָליקע כסידים זאָלן פאַרסטראַכירן זייערע פאַרמעגנס און אויך זיך פונעם טויט. דער יונגערמאַן האָט אוועקגעלייגט פאַר עלקאָנען אַ דראָשע, אויסגעמאָלט אים דעם גאַניידן אַליין. איז ווער זאָגט זיך אָפּ פונעם גאַניידן? ביפראַט נאָך, ווען דער יונגערמאַן האָט באַוויזן עלקאָנען אַ שפּיץ פון אַ הונדערטער, זײַנען באַם גאַבע נאָך ברייטער צעעפנט געוואָרן די אויגן, און די מעסוקן גרויסע באָרד איז נאָך שײַנענדיקער און בלענדנדיקער געוואָרן.

— אָבער... — דער גאַבע האָט שטוינענדיק פאַרהויבן די אויגן.

— וואָס — אָבער? — פרעגט שאָלעם־אַלייכעם.

— ווי אַזוי קאָנט איר, הער ראַבינאָוויטש, זיך באַווײַזן מיט אײַערע געגאָלטע באַקן פאַר אונדזער רעב מאָרדכעלען?

— גאַנץ פּאָשעט, — ענטפערט שאָלעם־אַלייכעם, — איך וועל זיך פאַרלאָזן אַ באָרד. און אַז די באָרד וועט ייִמירצעהאַשעם באַקומען באַ מיר אַ כאָשעוון אויסזען, וועל איך דעמלט...

— אַהאַ, פאַרשטאַנען, — עלקאָנעס גרויסע אויגן האָבן זיך נאָך ברייטער צעעפנט. ער איז צופרידן. — גוט, גוט, מע וועט אויסוואַרטן. ס׳קאָן אויסקומען ערעוו די יאָמים־נוראָיִם?

— אָפּגעמאַכט.

שאָלעם־אַלייכעם און דעם טאַלנערס גאַבע עלקאָנע דריקן איינער דעם אַנדערן די הענט. ביידע זײַנען גוואַלדיק צופרידן געבליבן.

און שאָלעם־אַלייכעם איז פאַר דער גאַנצער וועלט קראַנק געוואָרן. ווען עמעצער האָט געפרעגט אַף אים, האָבן די שטוביקע געענטפערט: „ניט געזונט, פילט זיך ניט מיט אַלעמען און מוז איבערליגן".

וואָס זשע האָט שאָלעם־אַלייכעם געטאָן אין שטוב? ער האָט געשריבן זײַנע הומאָריסטי־שע דערציילונגען, געשריבן, אַליין זיי געלייענט און געלאַכט, פאַרגעלייענט אַלגען און צו־זאַמען געלאַכט. זיי האָבן געלאַכט נישט אַזוי פון די מײַסעס זײַנע, ווי פון דעם אײַנפאַל צו פאַרלאָזן זיך אַ באָרד. וואַקסט זיך די באָרד, און צוזאַמען מיט איר די האָפענונג אַף גאָר גוטע געשעפטן באַם סטראַכירן מענטשן פונעם טויט.

קוקט אַף זיך אָפּט דער הומאָריסט אין שפּיגל און דערקענט זיך אַליין נישט. און אַז אַלגע קומט אַרײַן און קוקט זיך אויך אײַן אין שאָלעמען, וואָס זעט שוין אויס ווי אַן אָוול מיט טונקל־קאַשטאַנענע האָר, לאַכן זיי ביידע. דאָס ווײַב זאָגט אים ווענגן דער אומגעלומפּערטער צעוואַקסנקײַט פון זײַן באָרד, און ער טײַנעט, אַז ס'איז גוט אַזוי, מע וועט אים ווייניקער דער־קענען, און וואָס מער ס'וועט זיך צעוואַקסן די באָרד, איז גרעסער וועט זײַן דער רעוועך.

— און דו, ביבציע, אַז כ'וועל דאַרפן, מיט גאָטס הילף, זיך צעשיידן מיט אָט דעם מאַס־קאַראַד, וועסטו מיר קאָנען זינגען יענץ באַרימט לידעלע:

אוי, מײַן מאַן, די באָרד זאָל מיר זײַן,
די באָרד זאָל מיר זײַן —
איך האַלט עס ניט אויס,
די באָרד זאָל מיר זײַן...

און אָט איז געקומען דער טאָג, ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט געדאַרפט זיך באַגעגענען מיטן טאַלנער. ער האָט אָנגעטאָן אַ נײַע זײַדענע קאַפּאָטע, אַ פּריש העמד מיט אַ ווייכן קאָל־נער. צום זשילעט האָט ער צוגעטשעפּעט אַ מאַסיוו גאָלדן קייטל, וואָס ער האָט אַרײַנגעלאָזט אין קעשענקעלע. די שיך, איבער וועלכע ס'זײַנען געוועזן אַריבערגעלאָזט פײַנע קאָרטענע הויזן, — ביז אַ גלאַנץ אויסגעפּוצט. אַפן קאָפּ אַרופגעזעצט אַ פּליסן היטעלע, וואָס אַזעלכע האָבן מערסטנטייל געטראָגן די טאַלנער כסידים. דעריקער האָט ער אַכטונג געגעבן אַף דער באָרד, זי זאָל האָבן אַ כאָשעוון, מאַיעסטעטישן אויסזען.

איידער דער יונגערמאַן מיטן כסידיש־סאָכרישן אויסזען איז צוגעלאָזט געוואָרן מיט אַ פּידיען צום טאַלנער רעבע, האָט ער געניט זיך דורכגעשמועסט מיטן רעבנס גאַבע עלקאָנע, און איינער האָט דעם צווייטן גוט פאַרשטאַנען.

באַם אָפענעם פענצטער אין רעבנס כיידער — ס'איז געווען סאָף זומער — איז געשטאַ־נען אַ קליין טישל, אַף וועלכן ס'איז געלעגן אַ פאַרמאַכטער סייפער און עטלעכע בייגעלעך ריין פּאַפּיר מיט טינט־און־פּעדער.

שאָלעם־אַלייכעם האָט פאַרגעדענקט דעם רעבנס גרויסן שטערן אָן קנייטשן און די זייער לאַנגע באָרד, וואָס האָט אײַנגאַנצן פאַרדעקט דעם טאַלנערס ברוסט ביז העט־העט אַראָפּ, די דאַרע האַנט, וואָס דער רעבע האָט אויסגעצויגן צום אַרײַנגעקומענעם יונגערמאַן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי ציטערט, ווי אַ לולעוו באַם עסרעג־בענטשן.

ווען שאָלעם־אַלייכעם האָט אַ דריק געטאָן דעם אַלטיטשקנס האַנט, האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז אָט צעשיט זי זיך אַף באַזונדערע ביינדעלעך. אָבער ווי פאַרכידעשט איז געוואָרן דער יונגערמאַן, ווען ער האָט דערהערט אַ פעסטע, העפטיקע שטימע, וואָס איז אַרויסגע־בראַכט געוואָרן פון אָט דעם אויסגעמאַגערטן מענטשן.

— שאָלעם־אַלייכעם, אַ ייִד, — האָט געזאָגט דער טאַלנער.

— אַלייכעם־שאָלעם, רעבע.

— וואָס מאַכט איר אין געזונט?

— אַ דאַנק, רעבע.

— און ווי גייט עס מיט פּאַרנאָסע?

שאָלעם־אַלייכעם שווײַגט.

אין דער צײַט שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ דורך דער טיר דער גאַבע עלקאָנע. דער רעבע טוט צו אים אַ שאָקל מיטן קאָפּ, און די טיר האָט זיך פאַרמאַכט, דער גאַבע האָט ניט גע־סטײַעט.

— איך פרעג, ווי איז בא אײַך מיט פּאַרנאָסע. און ווי הייסט איר? — דער רעבע כאַפּט אַ קוק אַפן קוויטל, וואָס דער גאַבע האָט אים אַרײַנגעטראָגן, נאָך איידער שאָלעם־אַלייכעם איז אַהער אַרײַנגעקומען, און זאָגט אַליין: — רעב שאָלעם בען נאָכעם, איאָ אַזוי?

— אַזוי, אַזוי, רעבע. און פּאַרנאָסע... געשלאָגן, — ענטפערט שטיל שאָלעם.

— יאָ, יאָ, מ'האָט מיר דערציילט. איך ווייס. וועגנט האָבן אויערן. מיט... מיט די דאָזיקע קוויטלעך האָסטו צו טאָן?

— ניט מיט קוויטלעך, נאָר מיט סטראַכיר־פּאָליסן, — פּאַריכט אים שאָלעם־אַליכעם.
— איך מיין טאַקע מיט די... און מע סטראַכירט זיך ניט?
— שוואַך.
— פאַרוואָס זשע, מײַן קינד?
— פאַרוואָס? ווײַל מע גלייבט ניט אין דעם.
א פּויזע. דער רעבע קערעוועט זיך אויס מיטן פּאָנעם צום פענצטער, שטעלט זיך אומ־געריכט אוף און פאַרמאַכט דאָס פענצטער.
— ס׳בלאָזט מיר פון דאָרטן, — זאָגט ער און זעצט זיך צוריק אוועק אף זײַן אָרט. — זאָגסטו, אז מע האָט ניט קיין עמונע אין דעם, — רעדט ער ווײַטער.
— יאָ, רעבע, דעריקער איז עמונע.
— איך ווייס, מײַן קינד, איך ווייס עס גוט. דעריקער איז עמונע אין דער זאַך, וואָס דו טוסט.
— יאָ, רעבע, דעריקער איז עמונע אין דער זאַך, וואָס דו טוסט, — כאַזערט איבער דער פידיען־געבער, און ער אַליין דערקענט ניט זײַן שטימע.
— וואָס זשע דאַרף מען דערצו טאָן? — פרעגט דער רעבע.
— וואָס? מע דאַרף טאָן אַלץ, אז מענטשן זאָלן אָנהייבן גלייבן אין דעם, אז זיי וועלן דערמיט אופגעריכט ווערן.
— טאַקע זייער א גוטע אייצע, זייער א גוטע, — טרייסלט דער רעבע מיט דער באָרד. — וואָס זשע דאַרף מען טאָן, מע זאָל מיט גאָט ווײַנער הילף דיר מיטהעלפן?
— זאָג איך דאָך אײַך, רעבע, — דער פידיען־געבער האָט דערבײַ ארויסגענומען א סטראַ־כיר־קוויטאַנציע מיט א פּאָליס, — אָט דאָס זײַנען די פּאַפּירן, פון וועלכע מע קאָן רײַך ווערן.
— באַווײַז נאָך, ווײַז, — ציט אויס דער רעבע די האַנט.
שאָלעם־אַליכעם גיט אים איבער א פּעקל קוויטאַנציעס.
— נאָט אײַך, וועט איר זיי צעטיילן צווישן אײַערע כסידים.
— אומזיסט? — פרעגט דער רעבע מיט א שמייכל.
— פאַרשטייט זיך, אז ניט אומזיסט, — זאָגט שטיל דער סטראַכיר־אַגענט, — וועט זײַן פאַר אײַך און פאַר מיר.
— איך פאַרשטיי, מײַן קינד. איז וואָס זשע דאַרף איך מיט זיי טאָן?
— זאָג איך דאָך, רעבע, צווישן אײַערע כסידים צעטיילן...
— אָ, ביסט געגעכט, מײַן קינד. מײַנע כסידים זײַנען אדירים. ס׳איז דאָך א גליק פאַר מענטשן. נו, לאָז איבער וויפל מע דאַרף. וואַרט א ביסל. עלקאָנע! — רופט דער רעבע.
דער גאַבע האָט לאַנג זיך ניט געלאָזט בעטן און אין א רעגע ארום זיך באַוויזן אף דער טיר.
— עלקאָנע, — זאָגט דער רעבע מיט אן אָפּגעשוואַכט קאָל, — זאָלסט גוט אויסהערן, וואָס רעב שאָלעם פאַרלאַנגט, און דערנאָך מיר דערציילן, ווי עס גייט אים אין דער פּאַר־נאָסע.
מיט א צוגעמאַכט אייגל האָט דער גאַבע א ווונק געטאָן צום סטראַכיר־אַגענט, אז ער מעג שוין אוועקגיין.
— הערסט, עלקאָנע, הײַנט האָב איך מער קיין קויעך ניט, — האָט דער רעבע געזאָגט צו זײַן גאַבע, וועלכער האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס רעב מאָטעלע וויל: מער קיינעם צו אים ניט ארײַנלאָזן.
און שאָלעם־אַליכעם? ער איז אין א געהויבענער שטימונג צוגעפאָרן אהיים אף א פּאָע־טאָן, ארײַן אין שטוב און פריילעך אויסגעשריגן:
— אָלגע, וואָס טוסטו דאָרט? דערלאַנג מיר, זײַ אזוי גוט, די גרויסע שער.
אף זײַן אויפן האָט ער דערציילט דעם ווײַב וועגן וויזיט באַם רעבן און אַליין מיט גע־לעכטער זיך איבערגעשלאָגן ווינקענדיק, ווי ס׳האָט עס געמאַכט מיטן צוגעשמורעטן אייגל דער גאַבע עלקאָנע.
— א כאָכעם איז ער, דער טאַלנער, ווי דו זעסט מיך א סטראַכיר־אַגענט. א כאָכעם! שטעל אונטער דײַן פאַרטעך, ביבציע, די באָרד שיט זיך...
— איך ווייס ניט, צי געלט וועט זיך שיטן, די באָרד, זע איך, שיט זיך שוין, — זאָגט אָלגע.
— אז דער רעבע האָט פאַרזיכערט, ווייסט ער, וואָס ער האָט צו טאָן. געלט וועט זיך אויך שיטן.

„געלט וועט זיך א שאָט טאָן, ווי א רעגן אף דער ערד..." — האָט שאָלעם־אַלייכעם אין א שפּאס געזאָגט צו זײַן ווײַב, ווען ער האָט געהאלטן אין אָפּשערן די פּאַרלאָזטע באָרד. ער האָט נאָך דאן ניט געקאָנט וויסן, אז אינגיכן וועט ער ווערן רײַך, אָבער ניט אלס סטראַכיר־אַגענט, ניין!

אַלגעס פאָטער איז געשטאָרבן און איר איבערגעלאָזט א היפּשע יערושע. אלס יערושע האָט אַלגע מיכײַלאָוונע באַקומען די נאַכלע, א סאַך ערד און ניט ווייניק מעזומען געלט. זי האָט געוווּסט, אז דעם מאַן גייט עס ווייניק אָן, ווײַל ער טרוימט וועגן עפּעס אנדערש — וועגן ערנסט פאַרנעמען זיך מיט ליטעראַטור.

באַקומען היפּשע מיטלען, האָט שאָלעם־אַלייכעם פאַרטראַכט זיך אוועקלאָזן קיין וואַרשע אָדער קיין פּעטערבורג — דערשלאָגן זיך, ער זאָל ארויסגעבן אן אייגענע צײַטונג, קעדיי קאָנען ריידן מיט די לייענער אף דער מוטער־שפּראַך. נאָר שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דער קאַוואָנע און באַשלאָסן זיך פאַרפּעסטיקן אין קיִעוו.

צום רײַך געוואָרענעם שאָלעם־אַלייכעמען האָבן גענומען זיך קלעפּן אייניקע געשעפסט־לײַט און פאָרגעלייגט פאַרשיידענע מאַכינאַציעס. ענערגישער פון אלע איז געווען דער באַקאַנטער מעקלער טשאַפּקין. דער שרײַבער האָט אָבער געציטערט, ער זאָל ניט ארײַנפאַלן און פאַרמישט ווערן אין קיין קונציקע מאַכינאַציעס, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרשיידענע פאָרשלאָגן, וואָס האָבן צוגעזאָגט פּראָצענטן, לויִנבאַרע געשעפטן און גרויסע פאַרדינסטן. ער איז געבליבן טרײַ זײַן באַרוף און געקלערט גאָר אף א נײַעם אויפן בויען זײַן לעבן.

איינמאָל האָט אַלגע געטראָפן דעם מאַן שטיין פאַרן שפּיגל. ער האָט געפירט א לייצאָנישן שמועס מיט זיך אליין. ארײַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס, האָט שאָלעם־אַלייכעם מיט פאַרגעניגן באַטראַכט זיך אליין און געטײַנעט:

— איצט, מײַן ליבער און הויכגעשעצטער הער, קאָנט איר ווערן א קופּעץ פּערוואָי גילדיִי. מאַכט א וואָרע דעם מעשטשאַנין פון פּערעיאַסלאַוו סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש ראַבינאָוויטשן! — און אין א שפּאַס צוגעגעבן: — צוגעקומען נאָך א כאַזער אין שטאָט!

— ווער איז עס דער כאַזער, סאָלאָמאָן? — האָט אין דער הייך געפרעגט, ארײַנקומענדיק, אַלגע מיכײַלאָוונע. — מיט וועמען שמועסטו עס אַזוי געטרײַ?

— מיט זיך אליין, — האָט געענטפערט שאָלעם־אַלייכעם א ביסל פאַרלוירן.

— און ווער איז עס בא דיר דער כאַזער?

— כאַזיירים זײַנען די פעסט־אײַנגעפונדעוועטע נעגידים, מיט וועלכע ס'קאָן זיך ניט פאַרגלײַכן דער נײַ־אופגעקומענער נאָגיד, ווײַל ער ווייסט אפילע ניט, וואָס זאָל ער טאָן מיטן קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט געקריגן בעיערושע...

אַלגע מיכײַלאָוונע — א פרוי א באַרדאַס, א פאַרשטאַנדיקע — האָט זייער גוט באַנומען, וואָס פאַרא געדאַנקען עס באַהערשן דעם מאַן אירן, זי האָט זיי ווי אויסגעלייענט, זײַנע מאַכשאָוועס.

— דיר דאַכט זיך, — זאָגט זי פאַמעלעך צום מאַן, — אז דו באַהאַלטסט אויס פון מיר, וואָס בא דיר איז אפן האַרצן, אז איך שטויס זיך אפילע ניט אָן? מיינסט, איך קלער נישט וועגן דעם, וואָס דיך באַאומרויִקט? איך אייצע דיר אַזוי, סאָלאָמאָן: לאָז איבער דאָס סאַמע נייטיקסטע אף אונדזער אויסקומעניש, און פאַרנוץ דעם גרעסטן טייל פון דער יערושע, ווי דו פאַרשטייסט.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אופגעלעבט און מיט צאַרטקײַט געקוקט אף זײַן פרוי, צוגעצויגן זי צו זיך.

— כאַכיימע מײַנע! ווי ריכטיק דו פאַרשטייסט מיך! זאָלסט נאָר וויסן, וואָס פאַרא ביכער כ'וועל ארויסגעבן פאַר די מיטלען! מע וועט זיי לייענען מער גערן, איידער די סידורים — אָט וועסטו א סימען האָבן!

און שאָלעם־אַלייכעם איז געוואָרן שטאַרק אין דעם געדאַנק, אז מע דאַרף צונויפנעמען אלע בעסטע ליטעראַרישע קויכעס, צוציִען די פייִקסטע שרײַבער, וועלכע שאַפן אף ייִדיש, און ארויסלאָזן א זאַמלונג פון זייערע ווערק.

מיט זײַנעם א שיר „לעמי אני אמעל" (פאַר וועמען האָרעווע איך) האָט איינער פון די דעמלטיקע העברעיִשע דיכטער — יעהודע־לייב גאָרדאָן — געוואָלט זאָגן, אז ער האָט נישט פאַר וועמען צו שרײַבן און צו שאַפן, ער זעט נישט דעם לייענער. דער אלטער באַוווּסטער מעשוירער, וואָס האָט אָפּגעשטענדיקט א גרויסן טייל פון זײַן ליטעראַריש לעבן אין פּע־

טערבורג, אָפּגעריסן פון די לייענער זײַנע, האָט בעפּײַרעש ניט געוווסט, פאַר וועמען ער דאַרף שרײַבן.

און ער, שאָלעם־אַלייכעם, האָט געפֿונען דעם ריכטיקן ענטפֿער. יענער קוואַל, — האָט געקלערט שאָלעם־אַלייכעם, — וועלכן עס האָט געפֿונען און געעפֿנט מענדעלע מויכער־ספאָרים, דאַרף נאָך לויטערער און שטאַרקער נעמען שלאָגן. דאָס מאַמע־לאָשן, וואָס אַזעלכע, ווי יעהודע־לייב גאָרדאָן, קערעווען זיך פֿון אים אָפּ, — יידיש — דאָס איז דאָך דאָס לאָשן פון אונדזערע טאַטע־מאַמעס, אַף דעם איז דאָך געבויט דאָס גאַנצע שטײַגער־לעבן אונדזערס: מע עסט און מע טרינקט מיט דעם לאָשן, מע אַרבעט מיט דער שפּראַך, מ׳האָט כאַסענע, מע קריגט זיך אַף דער שפּראַך, מע ווערט געבוירן און מע ווערט פאַרלוירן... נאָר טפֿילע טוט מען ניט אַף איר, מע בעט ניט גאָט אַף דער שפּראַך, דערפֿאַר בענטשט מען אַף איר, און מע פאַרשעלט.

„איצט, — האָט געקלערט שאָלעם־אַלייכעם, — ווען אין מײַנע הענט איז אַרײַנגעפֿאַלן א קאַפּיטאַל, דאַרף מען אַלץ טאָן, קעדיי דערהייבן און פאַרפּײַנערן דעם קלײַזײַען פון מאַמע־לאָשן, גוט צולייגן דעם אויער צום פֿאָלק און זיך אײַנהערן אין זײַן שפּראַך, אַרײַנגיסן זי אין אַזעלכע פאַרמען, אַז אַף דער שפּראַך זאָל קלינגען שיין און שטאַרק סײַ פּושקין, סײַ גאָגאָל, אויך בײַראָן און דיקענס...״

פון יענער צײַט אָן האָט שאָלעם־אַלייכעם ערנסט זיך גענומען פאַר דער זאַך. ביז אים האָבן יידישע שרײַבער און שרײַבערלעך נישט געוווסט דעם טאַם פון באַקומען לוין פאַר זייער מי. ערגעץ אין ווילנע — אין יערושאָלאַים דעליטע — האָט די רײַכע אייגנטימערן פון א דרוקערײַ, די אַלמאָנע ראָם געצאָלט גראָשנס אײַזיק־מייער דיקן פאַר זײַנע מײַסעס. דער באַליבטער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור האָט ניט געהאַט קיין מיטלען צום לעבן און געמוזט זײַן פּאַרוואַלטער פון א טאַלמעד־טוירע. דער עכטער און ערשטער יידישער פאָלקס־שרײַבער מענדעלע, וועלכער האָט פאַרמאָגט א שאַרפֿן אויער און אָן אָפּן אויג אַף צו זען דאָס פאָלקס־לעבן אין רוסלאַנד, אין טכום־האַמוישעוו, האָט קיין סכאַר ניט געהאַט פאַר זײַנע זאַפּטיקע בילדער.

וויל ער, שאָלעם־אַלייכעם, צונויפֿזאַמלען דאָס בעסטע פונעם בעסטן און אוועקשטעלן אַף אַזא הייך די יידישע ליטעראַטור, אַז מע זאָל זי דערזען און זיך רעכענען מיט איר. ער וועט זײַנע דערוואָרבענע יערושע־מיטלען פאַרטאָן אַף אַזא אויפֿן, אַז דאָס אייגענע פעלד פון פאָלקס־קולטור זאָל זיך צעבליִען! ער וועט צאָלן גוטע האָנאָראַרן פאַר יעדן ווערק.

קיינער, ביז שאָלעם־אַלייכעמען, האָט אַזוי נישט געצאָלט, ניט באַלוינט און נישט גע־שעצט די שעפֿער פונעם פאָלקס־וואָרט. און ער איז געוואָרן דער זאַמלער, אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער ערשטער זאַמלונג „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״. ער האָט אליין גע־שריבן און גערופֿן אַנדערע קומען מיטן שענסטן און בעסטן אין דעם הייכל פון ליטעראַטור. שאָלעם־אַלייכעם האָט אומדערמידלעך קאָרעספּאָנדירט, געפאָדערט און געוועקט, געמונטערט אַלע די, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופֿן און נישט אָפּגערופֿן אַף זײַנע אָנצאָליקע אײַנלאַדונגען. א סאַך האָבן נישט געגלייבט דער צוגעזאָגטער וואַטראָנעס פון דעם אומבאַקאַנטן רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער, געדונגען זיך מיט אים, אויסגעדונגען בא אים וואָס מער האָנאָראַר.

כוץ בעלעטריסטיק — פּאָעזיע און פּראָזע, — האָט שאָלעם־אַלייכעם באַשטעלט אַרטיקלען וועגן געשיכטע פון פאָלק, אַרבעטן וועגן נאַטורוויסנשאַפט. ער האָט געוואָלט צונויפֿזאַמלען אָן אויצער פון קינסטלערישן וואָרט, און ווי ווײַט מעגלעך דערציילן דעם פאָלק אין א פּאָפּו־לערער פאָרם וועגן וויסנשאַפט.

„קומט אַלע אין הייכל פון זויבערן וואָרט — אין שאָלעם־אַלייכעמס „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״!״ — איז אוועק א רוף צווישן דער יידישער וועלט אין רוסלאַנד. און אומעטום האָט געטראָפן דאָס וואָרט — אין ליטע, אין וואָלין. פון פּוילן האָט זיך אָפּגערופֿן איינער פון די שפעטערדיקע זײַלן פון דעם יידישן קונסט־וואָרט יִיצכאָק־לייבוש פּערעץ, אויך דער אויס־געיידלטער אײַראָפּעיער דאָוויד פרישמאַן. זיי האָבן צוגעשיקט זייערע ווערק אין קיִעוו.

איינע א געשעעניש האָט הײַנט פאַרומערט שאָלעם־אַלייכעמס געמיט. ס׳איז אָנגעקומען א פרישער נומער פון דער וועכנטלעכער פעטערבורגער צײַטונג „יודישעס פאָלקס־בלאַט״, ווו ער האָט שוין עטלעכע יאָר געדרוקט זײַנע זאַכן, און בעשום־אויפֿן נישט געקאָנט פאַר־שטיין, פאַרוואָס דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער יִיסראָעל לעווי ברענט אַזוי אַף די יידיש־שרײַבנדיקע מעכאַברים און באַזונדערס אַף אים, אַף שאָלעם־אַלייכעמען.

געמאָלט האָט זיך שאָלעם־אַלייכעם דעם דאָזיקן מעטורעף — דעם רעדאַקטאָר אַזוי: פון ערגעץ א ליטווישן שטעטל איז קיין פעטערבורג אַראָפּגעקומען א קרענקלעכער פאַרשוין,

איסגעשטאַדלט פּאַר זיך ווין־רעכט, געעפנט א דרוקעריַי און געוואָרן רעדאַקטאָר־אַרויס־געבער פון דעם „יודישעס פאָלקס־בלאַט״. אַנשטאָט האַנדלען ערגעץ מיט הערינג און גריפּן אין א געוועלב, האָט ער זיך פאַרנומען מיט קולטור־איניאַנים צווישן יידישן פאָלק. און אַמהאָרעץ מיט א ביין הארץ, מיט פאַרקריפּלטע געפילן און געדאַנקען, האָט ער זיך דער־לויבט אָנשרײַבן אין זײַן אָרגאַן:

„...מיסטאָמע האָט עמעצער געזאָגט שאָלעם־אַלייכעמען, אַז דער אוילעם האָט האַנאָע פון זײַנע פּוסטינקע גלײַכוואָרטלעך, האָט ער אָנגעהויבן זיך אײַנרעדן, אַז ער איז בעעמעס א גרויסער מעכאַבער. אויב בא „זיי״ איז געוועזן עפּעס א גאַגאַל, א שטשעדרין און דאָס־גלײַכן, וועלכע האָבן מיט זייער סאַטירע פיל געווירקט אף אויסצולעבן די שלעכטע מידעס, האָט ער אויך אָנגעהויבן זיך פאַרעכענען צווישן די גרויסע סאַטיריקער. ער, דער שויטע, האָט פאַרגעסן, אַז ער שרײַבט אף אַזא לאָשן, וואָס האָט קיין שום ווערט ניט״.

אין אָט דעם נוסעך איז לעווי אַלעמאָל אָנגעפאַלן אף שאָלעם־אַלייכעמען און אף אַלע יידיש־שרײַבנדיקע פון מענדעלעס שיטע. ס׳איז קלאָר געוואָרן פאַר שאָלעם־אַלייכעמען, אַז אָט די אַמעראַצישע לעוויס האָבן מוירע פאַר אויסלאַכן זייער אַלטפּרענקישן, אײַנגעפונדע־וועטן קליינשטעטלדיקן ראַבאָניש־צוויאַקישן שטייגער, וועלכן ער, שאָלעם־אַלייכעם, האָט געשטורעמט. קעגן אַזעלכע — קלערט דער שרײַבער — איז פאַראַן א פּאָשעט מיטל: זאַמלען די קויכעס פון די פאָלקס־דענקענדיקע מעכאַברים, אופזאַמלען אין איין אויסגאַבע אַלע די, וואָס שעמען זיך ניט מיט דער וואָכעדיק־פּיסנער שפּראַך יידיש, און געבן אין זייערע אַלע ווערק א ברייט בילד פונעם יידישן פאָלקס־לעבן.

אף די בריוו און ווענדונגען, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט צעשיקט צו די דעמלטיקע זשאַרגאָן־שרײַבער, איז שוין פון אייניקע אָנגעקומען ענטפער: פונעם אוטאָר פון „דאָס פּוילישע יינגל״ יִיצכאָק־יויעל לינעצקי, פונעם דיכטער פאַלטיעל זאַמאָשטשין, פון מענדעלע מויכער־ספאָרים און פון אַנדערע.

יִיצכאָק־יויעל לינעצקין האָט שאָלעם־אַלייכעם אַרויסגעשיקט פינף און צוואַנציק רובל אף הויצאָעס, ווי יענער האָט געבעטן, אף צו קומען קיין קיִעוו „שליסן א בונד לטובת שני הצדדים און לטבת אונדזער בידנע פאָלק״ (א בונד לעטויווסביידע צדאָדים און צום נוצן דעם בידנעם פאָלק).

דעם יונגן שרײַבער און אַרויסגעבער האָט אינטריגירט לינעצקי, איינער פון די דעמל־טיקע אָנגעזעענסטע זשאַרגאָן־שרײַבער. אפילע דער אומגעווינלעכער טאָן, אין וועלכן לי־נעצקיס בריוו איז געווען געשריבן, האָט שטאַרק פאַרינטערעסירט שאָלעם־אַלייכעמען.

באַקומען אף הויצאָעס פון שאָלעם־אַלייכעמען, האָט לינעצקי אינגיכן אין איינעם אָן אָונט זיך צוגעשטעלט קיין קיִעוו אין שאָלעם־אַלייכעמס וווינונג.

שאָלעם־אַלייכעם האָט דערזען א מענטשן קאַרעוו צו פּופּציק אין אַן אויסגעפּרעסטן ליכטיקן גאַרניטער ניט לויטן סעזאָן, מיט א ציכטיקן קאָלנער און א רויטן שניפּס מיט א שפּילקע אין דער פאָרם פון א בין פאַרשטעקט אין אים. פון אונטער די אַרבל האָבן פּריילעך אַרויסגעשטעקט קרעם־קאָלירענע גומילאַסטיקענע מאַנזשעטן מיט בלווילעכע זאַפּאָנקעס. דאָס פּאָנעם ריין געגאָלט, ווי בא אַן אַקטיאָר.

— אָט דאָס זײַט איר שאָלעם־אַלייכעם? — זײַנען געווען לינעצקיס ערשטע ווערטער. — דער „קיִעווער ראַטשילד״? — האָט ער צוגעגעבן.

נאָך איידער דער באַוווסטער מעכאַבער האָט ווי געהעריק א קוק געטאָן אף דעם, צו וועמען ער איז געקומען צו פאָרן, האָט ער גלײַך גענומען וואַרפן אויגן אף די זאַכן אין קאַבינעט. ס׳איז אים געפעלן א רעפּראָדוקציע פון רעפּינס א מאָדערנע בילד און, דעריקער, דער גרויסער זייגער, וואָס איז געווען אַרײַנגעפּראַוועט אין א קונציק־געשניצטן שטייענדיקן פּוטליאַר, וואָס האָט אויסגעזען, ווי א שאַפּקעלע. דערנאָך איז לינעצקי צוגעגאַנגען צום שרײַבטיש און אָן צערעמאָניעס גענומען אים באַטראַכטן פון אַלע זײַטן. אייגנטלעך, איז דאָס געווען א מין ביוראָ מיט א סאַך קעסטלעך, פון וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעקוקט פּאַפּירן און פאַרשיידנקאָלירנדיקע בלײַערס.

— אַהאַ, ווי עס פאַרגינט זיך עס דער יידישער מעכאַבער שאָלעם־אַלייכעם!

שאָלעם־אַלייכעם שפּירט נאָך דעם גאַסט, ווי ער וווּנדערט זיך אף אַלץ, וואָס דאָ גע־פינט זיך.

— און אף מיר ווילט איר גאָר ניט א קוק טאָן?

ערשט דעמלט האָט לינעצקי אופגעהויבן די אויגן, ווי ער זאָל אָקאָרשט דערזען שאָלעם־אַלייכעמען, און זיך צעלאַכט:

— דער מענטש איז בעפּירעש וויכטיקער פון אַלץ, אָבער איך אַליין בין דאָך אויך ניט מער, ווי אַ מענטש...

דער גאַסט איז גלײַך אַריבער אין געשפּרעך מיט שאָלעם־אַלייכעמען אַף „דו", אַרויס־געזאָגט זײַן אומצופרידנקײַט דערמיט, וואָס שאָלעם־אַליכעם רופט אָן מענדעלען אין זײַנע אַרויסטרעטונגען אין דער פּרעסע „זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור".

„גאָר שווער האָט זיך אָנגעהויבן דער דאָזיקער וויזיט", — טוט אַ קלער שאָלעם־אַליכעם.

— ווייסט איר, וואָס איכל אײַך זאָגן, ברודער לינעצקי, איר ווערט נאָך האָבן נאָכעס פון אײַער שאַפונג, דער אוילעם וועט נאָך געניסן פון אײַערע מײַסעס. וואָס האָט איר גע־בראַכט פאַר מײַן זאַמלבוך, פאַר דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק"?

— אָט איצט זע איך, אַז דו גייסט צו געשעפטלעך צום איניען, — ווערט לינעצקי אופ־געלעבט און פרעגט: — מע מעג באַ דיר אַראָפּנעמען דעם פּידזשאַק? עפּעס איז מיר הייס געוואָרן אין דײַן דירע.

— נעמט אַראָפּ דעם פּידזשאַק און פּילט זיך היימיש, — ענטפערט העפלעך דער באַ־לעבאָס. — זאָגט מיר, איך בעט אײַך, וואָס הייסט צוגיין געשעפטלעך?

— געשעפטלעך... וואָס הייסט געשעפטלעך, ווילסטו וויסן, — זאָגט דער גאַסט מיט אַ טראַדיציאָנעלן געמאָרע־ניגן. — דאָס הייסט, אַז איך, ייִצכאָק־יויעל לינעצקי, דער מעכאַבער פונעם „פּוילישן ייִנגל", וויל דיר געבן אַן אַנטיקל שעבעאַנטיקל פאַר דײַן זאַמלבוך, און דו וועסט מיר באַצאָלן מעזומאָנים. אַזוינס איז דאָך אַ נײַס אין אונדזער וועלט.

— כ'האָב דאָך די סכוירע נאָך ניט געזען, — ענטפערט מיטן זעלביקן נוסעך שאָלעם־אַלייכעם. — באַלד וועלן מיר אויסטרינקען צו גלעזלעך טיי.

— פאַרוואָס עפּעס טיי? מעגסט לעקאָוועד אַזאַ גאַסט, ווי איך, שטעלן דעם בעסטן קאַרמל־ווײַן מיט פאַרבײַסעכץ, אָדער טאַקע שאַמפּאַניער. וואָס איז, — זאָגט קלוימערשט אין אַ שפּאַס דער גאַסט, — פאַרמאַגסט, כאַלילע, נישט?

— איר ווילט קאַרמל־ווײַן, צי שאַמפּאַניער — וועט מעקוייעם ווערן באַלד, אין איינע צוויי רעגעלעך. האָדעלע! — האָט ער אַ רוף געטאָן דאָס ווײַב.

ס'איז אַרײַנגעקומען אָלגע מיכײַלאָוונע.

— וואָס ווילסטו?

— וואָס הייסט, וואָס איך וויל, ביבציע? פאַרוואָס זאָלסטו ניט פאַרשטיין, אַז ווי נאָר ס'האָט זיך באַ אונדז אין שטוב באַוויזן דער באַוווסטער מעכאַבער פון דעם באַרימטן סײַ־פער „דאָס פּוילישע ייִנגל" — ייִצכאָק־יויעל לינעצקי, מוז מען גלײַך דערלאַנגען אַזאַ גאַסט דעם שענסטן און בעסטן ווײַן און צובײַסעכץ, — זאָגט שאָלעם־אַלייכעם פּונקט אין דעם זעלביקן נוסעך, ווי לינעצקי.

— באַלד, טייקעף וועל איך אַרײַנשיקן. — אָלגע מיכײַלאָוונע קוקט פאַרכידעשט אַפן מאַן און אַפן גאַסט, וואָס האָט אויסגעטאָן דעם פּידזשאַק.

דער גאַסט האָט זיך געמאַכט, אַז ער פאַרשטייט נישט שאָלעם־אַלייכעמס איראָניע.

אײַנגיכן איז אַפן טיש שוין געשטאַנען גוטער ווײַן און פײַנע פאַרבײַסנס. אַז דער דינער האָט אַרײַנגעבראַכט און אַוועקגעשטעלט אַפן טיש די סאַרדינען, דעם וווּרשט, דעם שאַמפּאַ־ניער, האָט דער גאַסט, פאַרזוכנדיק פון אַלץ און קוויקנדיק זיך, אַ זאָג געטאָן:

— און אַ הויז־דינער איז אויך באַ דיר דאָ, הער נאָר אַ מײַסע!

— יאָ, ברודער לינעצקי, און אַ לאַקיי, און אַ שווייצאַר, און אַ ספּעציעלע פּאָקאָיאָווקע, — כאַפּט אונטער דער באַלעבאָס.

— אַזוי?! — דער גאַסט קוקט אומגלייביק אַף שאָלעם־אַליכעמען און שלעפּט אַרויס פאַר־פירן פונעם פּידזשאַק. — אָט דאָ האָב איך אַ סיפּור „דער וואָרעם אין כריין" — איז דאָס איינס אין דער וועלט. נעם און לייען שוין דורך.

— טאַקע דאָ אַפן אָרט? — פרעגט שאָלעם־אַלייכעם, מישנדיק די בלעטלעך פונעם מאַ־נוסקריפּט.

— וואָס זשע מיינסטו, איך בין צו דיר געקומען אַף לאַנג?

— אַלנפאַלס, לאָזט עס מיר איבער און לייגט זיך דערווײַל צו. אָט האָט מען אײַך אויסגעבעט אַ מאַלכעסדיק געלעגער. און איך וועל ביז אײַנדערפרי דורכמישן די בלעטלעך.

— האָסט נישט וואָס צו בלעטערן. אַז לינעצקי גיט אַ ייִנגערן ברודער פון זיך, דאַרף ער נעמען מיט פאַרמאַכטע אויגן.

לינעצקיס זעלבסטצופרידנקײַט און פאַריסנקײַט האָט אַ ביסל געערט שאָלעם־אַלייכעמען, דאָך פרווט ער געלאַסן זאָגן:

— קיין קאַץ אין אַ זאַק קויפט מען דאָך ניט.

— דאַרף מען ניט, — לינעצקי שלעפּט צוריק אַרויס פון שאָלעם־אַלייכעמס הענט דעם מאַנוסקריפּט און לייגט אים אַרײַן אין קעשענע פונעם פּידזשאַק, וואָס איז געהאַנגען אויפן ווענטל פונעם בענקל.

שאָלעם־אַלייכעם איז געבליבן אַפּהעטיק: אַזוי קאָן מען דאָך פאַרלירן אַ גוטן אויטאָר פאַרן זאַמלבוך! האָט ער רויִק און העפלעך געבעטן דעם גאַסט געבן אים צוריק דעם מאַנוסקריפּט.

— לייגט זיך צו, רוט אָפּ און שלאָפט זיך אויס. מאָרגן וועלן מיר פאַרזעצן אונדזער שמועס. האָט מיר אַ גוטע נאַכט, מײַן ליבער גאַסט!

אינדערפרי איז באַם איבערבײַסן פאַרגעזעצט געוואָרן דער שמועס. שאָלעם־אַליכעם האָט שוין געהאַט זיך באַקענט מיטן מאַנוסקריפּט.

— יאָ, כ'האָב דיר פאַרגעסן זאָגן, ברודער־רעדאַקטאָר, אַז ענדערן אַפילו אַ שורע וועל איך ניט לאָזן, — האָט זיך דערמאָנט לינעצקי.

דערויף האָט דער רעדאַקטאָר ניט געענטפערט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם מאַנוסקריפּט אויפן טיש און, שמועסנדיק מיטן גאַסט, געגעבן אָנצוהערעניש, אַז „דער וואָרעם אין כריין" איז אָנגעשריבן גאַנץ פֿײַן אין לינעצקיס באַשטענדיקן נוסח, דאָך בעט ער אַ דערלויבעניש צו פאַרקירצן צוויי קאַפּיטלען.

— אָט אַ־דאָ, — ווײַזט אָן שאָלעם־אַליכעם, — ווו ס'זײַנען פאַראַן אייניקע צײַנישע אויס־דרוקן. מיר גייען דאָך בויען אַ נײַע ליטעראַטור, אויף וועלכער דאָס פאָלק זאָל זיך לערנען...

צווערשט האָט דער גאַסט זיך אָנגעצונדן, אָבער אין אַ מינוט־צוויי אַרום איז ער שוין אײַנגעגאַנגען אויף קליינע קירצונגען. דאָך האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און צוגעגעבן אַ ביסל אופּגערעגט:

— זאָג מיר, איך וויל וויסן: מיט מענדעלען רעדסטו אויך אַזוי?

— דער זיידע וועט מיר געבן „דאָס ווינטשפינגערל", — זאָגט שאָלעם־אַליכעם, — און איך בין זיכער, אַז מיט אים וועלן מיר ניט האָבן קיין שום כלוקעדייעס.

— נו, אַוודאי, ער איז דאָך דער באַליבטער זיידעניו, — כויזעקט מיט גאַל לינעצקי.

באַ די ווערטער האָט ער שוין אינגאַנצן אָנגעווירן דעם כיין אין שאָלעם־אַלייכעמס אויגן. דער רעדאַקטאָר האָט שוין געוואָלט פאַרגעסן, אַז פאַר אים זיצט אָן אַלטער פאַרדינסט־פולער מעכאַבער. ער וואָלט שוין, מעגלעך, אומגעקערט אים דעם מאַנוסקריפּט, אָבער דער טאַקט פון אַ רעדאַקטאָר, וואָס נעמט זאַמלען ווערק און וויל אופשטעלן אַ ביניען, האָט ניט דערלאָזט, ער זאָל איבערײַסן מיט לינעצקין. אַ רעדאַקטאָר מוז זײַן אויסגעהאַלטן און גע־דולדיק צו יעדן מעכאַבער, ווער שמועסט צו אַזאַ ווי לינעצקי. האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן און געווען ווי ווײַט מעגלעך רויִק.

שאָלעם־אַלייכעם איז ניט געפֿעלט צוגעגאַנגען צום שרײַבטיש, אַרויסגענומען פון אַ קעסטל געלט און דערלאַנגט לינעצקין.

— באַקומט אײַער האָנאָראַר, און איך בעט אײַך זייער, דערמאָנט ניט מער מענדעלעס נאָמען... מיט אַזאַ טאָן...

דער אַלטער פּאָעט

שוין קימאַט דרײַ יאָר האָט זיך געפונען אין מוישעוו־זקיינים אויף פּאָדאָל דער אַלטער דיכטער מיכל גאָרדאָן, דער אויטאָר פון פיל פּאָפּולערע לידער, אין וועלכן מ'האָט אינגאַנצן פאַרגעסן. אַ שווער, ביטער לעבן האָט ער דורכגעמאַכט. דער איינזאַמער צעבראָכענער זאָקן איז געווען צופרידן, וואָס אויף דער עלטער האָט ער געפונען אַ מאָקעם־מענוכע אין דעם מוישעוו־זקיינים, ווו ער האָט געהאַט אַ גלעזער, אַ טעלער קוליש און אַ באַשטענדיק שטיקל ברויט.

אין די הייסע זומער־טעג האָבן די אײַנוווינער פונעם מוישעוו־זקיינים זיך געפּײַניקט פון היץ. די קראַנקע, אָפּגעשוואַכטע זקיינים פלעגן אָמאָל אַראָפּלאָזן די פיס פון זייערע געלעגערס און, קוים שלעפּנדיק זיך, אַרויסגיין אין דרויסן — אין אַ פאַרמאַכטן הויף הינטער דינע נידעריקע שטאַכעטן.

אין איינעם פון אַזעלכע טעג, ווען אין צימער איז קימאַט קיינער נישט געבליבן, האָט יודקע קלאָץ — אַ געפּאַקט מענטשל מיט רויטע טרערנדיקע אויגן — זיך דערלויבט צוגייין צו אַ פרעמדן געלעגער, וואָס דאָרט שלאָפט געוויינלעך דעם ווילנער גאָענס אַ קאָרעוו, און אַרונטערוקן די האַנט אונטער דער קישן. ער האָט געוווּסט, אַז יענער האַלט דאָ געוויינלעך געלט.

— וואָס באַדקעסטו דאָרטן, יודקע? — דערהערט ער פונעם אנטקעגנדיקן ווינקל גאַר־דאַנס שוואכע שטימע.

יודקע קלאַץ קלאַץ האָט אַ ציטער געטאָן און פאַריסן דעם פּאַרוואַקסענעם קאָפּ צום אנטקעגנדיקן ווינקל.

— וואָס אַרט עס דיך?

— שוין זאָלסטו אוועקגיין פון דאָרטן, יודקע.

נאָר יודקע שטייט באַם פּרעמדן בעטל און וואַקלט זיך: ער האָט נאָך ניט באַוויזן רעכט אָנטאַפּן אונטער דער קישן, פאַרמעסט ער זיך ווידער אַרונטערוקן די האַנט.

— האַסט פאַרגעסן, אומגליק מײַנער, אין די אַסערעס־האַדיבּרעס: לוי סיגנוויו! (זאָלסט נישט גאַנווענען!) — פאַרשעמט אים מיכל.

— לוי סיגנויו, לוי סיגנויו! — קרימט אים איבער יודקע און פּינטלט אָפּטער מיט די צוויי געליאַמעוועטע קאַליע אויגן.

— מע טאָר נישט גאַנווענען, ווער שמועסט באַ אַ שאָכן! — פאַלט ווידער מיכלס קאָל אַף יודקעס קאָפּ.

יודקע קלאַץ רוקט זיך אָפּ אַ פאַרשעמטער פונעם פּרעמדן בעטל און זעצט זיך אוועק, ווי אַ שולדיקער, לעם מיכלען.

אַלעמען דערקוטשעט דאָ אָט דער אײַנגעגעסענער מענטש, נאָר קיינער וויל מיט אים ניט האָבן צו טאָן, אַפילו דער מאַשגיעך פונעם מוישעוו־זקיינים — אַ געזונטער לײַביקער מענטש מיט אַ קויל־שוואַרצער באָרד און אַ לייבן־שטימע, פאַר וועמען אַלע האָבן מוירע.

בלויז פאַר מיכלען האָט יודקע דרעכערעץ. ער באַציט זיך צו מיכלען, ווי צו גאָר אַ כאַשעוון מענטשן, אים וואָגט ער ניט דערווידערן. פּונקט ווי אַלע אַנדערע פון דעם מוישעוו־זקיינים, האָט ער געשעצט און געאַכטעט דעם אַלטן פּאַעט.

און ווײַל אַלע טוישווים און אַלע אַרומיקע האָבן געאַכטעט דעם אימפּאַזאַנטן זאָקן, האָט דער מאַשגיעך רעב וואָלף — אַ פאַרביסענער אַקשן — זיך באַצויגן צו גאַרדאַנען מיט ביטל און מיט באַהאַלטענער קינע.

די סינע צו מיכלען איז פאַרטיפט געוואָרן, פון זינט צום כאַשעוון זאָקן האָט אָנגעהויבן קומען אַ יונגערמאַן מיט לאַנגע האָר און גאָלדענע ברילן. דער גרויסשטאָטיק געקליידטער מענטש פלעגט שטענדיק ברענגען גאַנץ היפּשע פּעקלעך פאַרשיידענע שפּײַז און פּרוכטן, וואָס אַזוינס האָבן אַנדערע זקיינים אין די אויגן ניט געזען. און אַלע מאָל האָט גאַרדאַנס באַזוכער איבערגעלאָזט אַ באַזונדערן קײַלעך דעם מאַשגיעך, ער זאָל גוט אַכטונג געבן אַף דעם אַלטיטשקן צעבראָכענעם מענטשן, וואָס ליגט אין ווינקל און פּרוווט נאָך מיט זײַנע שוואַכע אויגן אַרײַנקוקן אין אַ סייפער.

דער יונגערמאַן האָט שוין ניט איין מאָל געזאָגט דעם האַרטנעקיקן מאַשגיעך:

— איר ווייסט כאַטש, ווער ער איז?

— ניין, — קוקט טעמפּ דער מאַשגיעך.

— זאָלט איר וויסן: אַ לאַמדן, אַ פּאַלקס־כאָכעם, אַ מעשוירער באַ יידן. איר ווייסט, וואָס עס הייסט אַ מעשוירער, רעב וואָלף?

— וואָס דען, איך וויים נישט, — ענטפערט יענער און טיף אין האַרצן באַדויערט ער, וואָס ער, וואָלף דער אונטערשאַמעס, אַן אַרויסגעטריבענער פון אַ כסידישן קלײַזל, דאַרף זיך דאָ פאַרנעמען מיט די שלעפּערס און בעטלערס.

— אויב איר ווייסט יאָ, זאָלט איר אַף אים גוט אַכטונג געבן, — האָט דער יונגערמאַן געטײַנעט צו וואָלפן און פלעגט פון צײַט צו צײַט איבערלאָזן אים עטלעכע מאַטבייעס.

אָבער אויך דאָס האָט ווייניק געהאָלפן, דער מאַשגיעך איז געבליבן שטרענג און האַרב צו מיכל גאַרדאַן.

— מע זאָגט, אַז אַ ריַיכער סויכער שפּרייט געלט אין די גאַסן, אַז ער האָט געיאַרשנט אַ גרויסע יערושע. נישקאָשע, וויפל ער ברענגט ניט אהער פאַר אײַך, מעג ער נאָך מערער ברענגען אויך פאַר אַנדערע, — האָט דער מאַשגיעך געטײַנעט צו גאַרדאַנען.

— הער נאָר, לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האָסטו פאַרפאַסט די לידעלעך וועגן דער באָרד און וועגן דער מאַשקע, — האָט רעב וואָלף איינמאָל געזאָגט גאַרדאַנען. — איך האָב זיי געהערט שוין לאַנג, נאָר גיי ווייס, אַז דאָס ביסטו דער פאַרפאַסער פון אָט די שיינע לידלעך. פרומע יידן האָבן דיך פײַנט דערפאַר, פײַנט, ווי כאַזער.

איינמאָל אין אַ סאָף־זומערדיקן פאַרנאַכט האָט דער מאַשגיעך זיך אַרײַנגעשטעלט אין מוישעוו־זקיינים מיט אַ רויט פּאָנעם און שיקערע אויגן און גענומען צושטיין צו מיכלען:

— מע זאָגט, אַז דו, כאַשעווער מענטש, ביסט אַ ווידייע־נאָגן.

דער קראנקער דיכטער האָט פּיַינט געהאַט צו ריידן מיט זיַין סוינע. דערפילט אין די דאָזיקע ווערטער עפּעס ניט קיין גוטן מיין, האָט ער גליַיך געענטפערט:

— קיינמאָל ניט געווען קיין כאַזן, וואָס רעדט איר, רעב וואָלף.

— איך מיין די לידלעך, די לידלעך מיין איך, — קלאַפּט ער מיטן שטעקן איבערן דיל, און די פעך־שווארצע באָרד זיַינע טרייסלט זיך.

— לידלעך, דאָס יאָ.

— מע זאָגט... — זיַין לייבן־שטימע באַקומט כניפעדיקע טענער — אַ סימען, אַז ער וויל עפּעס בעטן, — מע זאָגט, אַז דו האָסט אָנגעשריבן אַ לידעלע וועגן מאַשקע, איז דאָס אַן אַנטיקל. הײַנט האָב איך עס געהערט...

און האַלב־שיקערלעך נעמט ער בליצן מיט די גרויזאַמע אויגן:

וועָן דו ביסט געהויבן אָדער אַרונטער,
טרינק נאָר די מאַשקע — און זיַי גאָר מונטער.
וועָן דיר איז אַמאָל די צײַט נישט גוט —
דו טרינק נאָר די מאַשקע, פאַרליר ניט דעם מוט.
דורך מאַשקע ווערט יעדער שטאָלץ און פריילעך,
פון אַן אונטערשאַמעס ווערט אַ מיילעך.

— דאָס האָסטו געמיינט מיך, וואָלף דעם אונטערשאַמעס? מיינסט, איך ווייס נישט? — און ער צעלאַכט זיך בייז, באַוויַיזנדיק זיַינע וואָלפישע ציין.

— וואָס רעדט איר, רעב וואָלף, כ'האָב עס אָנגעשריבן שוין זייער לאַנג, נאָך ווען איך בין נישט געווען בא איַיך אין העקדעש.

— העקדעש גאָר? בא מיר איז דאָ אַ גאַניידן. דו האָסט נישט וואָס צו באַקלאָגן זיך, ביסט אַ גרויסער באַר־מאַזל, — דונערט דעם מאַשגיַעכס לייבן־שטימע.

מיַינענדיק, אַז דער בעגילופנדיקער וואָלף קאָן שלעכטס טאָן מיכלען, האָבן יודקע קלאָץ און אַנדערע צוגערוקט זיך נעענטער צו גאָרדאָנס בעטל, לעם וועלכן ס'איז געשטאַנען דער מאַשגיַעך, קעדיי צו באַשיצן דעם איידעלן און שוויַיגנדיקן זאָקן. דערפילט אַן אָנשפּאַר, האָט מיכל זיך אונטערגעהויבן אַף זיַין בעטל, אָנגעשפּאַרט זיך אַף די עלנבויגנס און געוואָלט אַראָפּשטעלן די פיס. אָבער ס'איז אים שווער געווען, האָט ער זיך צוריק אַוועקגעלייגט אַפן בעטל.

— וואָס ווילט איר פון רעב מיכלען? — האָט זיך צעשריַען דער מאַשגיַעך. — וואָס איז דאָ פאַר אַן אָנלויפעניש? אַנו, פאַרנעמט זיך אַף איַיערע ערטער, איך האָב מיט מיכלען אַ פריַינטלעכן, פרידלעכן שמועס.

ער שמייכלט און זעצט זיך צו בא גאָרדאָנען אַפן בעטל און רוימט אים איַין אַפן אויער:

— איך האָב צוגעזאָגט אין איינער אַ שטוב, ווו מע מאַכט כאַסענע אַ באַסיעכידע, בא רעב זאָרעך קאַשפּעראָווקער — אַ געהויבן אָרט, אַז איכל זיי ברענגען אַ זינגער, וואָס וועט זינגען אייגענע לידלעך. זיי האָבן דאָרט דאַפקע אַ באַדכן, נאָר וואָס איז דער באַדכן? אַז דו מיט דיַין שטאַלט וועסט זיך באַוויַיזן אַף דער כאַסענע און זאָגן דיַינע גראַמען, דיַינע וויצן, דיַינע לידעלעך, וועלן אַלע זיך מעכיַיע זיַין. קום, וועסט קיין כאַראָטע נישט האָבן. וועסט נעמען אַ ביסל בראַנפן מיט לעקעך און מעכיַיעדיקן פלאָדן, עסן אַ שטיק געפילטע פיש. קום, מיכל, וועסט דאָרטן מעסאַמייעך זיַין דעם אוילעם, און איך וועל דערביַי אָפּלעקן אַ ביינדל. איך האָב צוגעזאָגט זאָרעך קאַשפּעראָווקער, איך זאָל אַזוי דערלעבן זען מאָשיַעכן. דו וועסט אופגעריכט ווערן. וואָס איז, וועסט זיך אַ ביסל דורכלופטערן.

— רעב וואָלף איז בעפּיירעש גערעכט. לאָמיר טאַקע אַלע גיין אַף דער כאַסענע. דו, מיכל, וועסט אויסזינגען דיַינע לידלעך, און מיר וועלן דיר אונטערבאָמקען.

דורך די אָפענע פענצטער האָט אַריַינגעקוקט אַ סאָפּזומערדיקער פאַרנאַכטיקער הימל און מיט זיַין כיַעסדיקער וואַרעמקיַיט און שיינער בלאָווקיַיט געצויגן דעם צעהיצטן אוילעם צו זיך. די זקיינים, וועלכע האָבן שוין לאַנג קיין יאָמטעוו נישט געזען, ניט בײַגעווען אַף קיין סימכעס, זיַינען צוגעשטאַנען צום דיכטער:

— קום, מיכל, לאָמיר גיין זיך מעסאַמייעך זיַין! — האָבן זיי געבעטן.

און מיכל גאָרדאָן, דער צעבראָכענער פאָלקס־דיכטער, האָט דערזען פאַר זיך די וווּנדער־באַרע בלאָווקיַיט פונעם צוגעפאַלענעם פאַרנאַכט. ער האָט דערפילט אַ צופלוס פון קויכעס אין די אַלטע ביינער און איז שוין גרייט געווען מיטצוגיין. ער האָט אַפילע געמאַכט די ערשטע צעפלאָנטערטע טריט. נאָר דאָ האָט פלוצעם זיך באַוויזן אין מוישעוו־זקיינים שאָלעם־אַלייכעם.

— ווּהין איז? — שאָלעם־אַליכעם האָט מיט זײַנע הענט אָפּגעגרענעצט די מענטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט גאָרדאָנען. — אַזאַ קראַנקער און אַזאַ שוואַכער מענטש... מ'האָט שאָלעם־אַלײכעמען שיִר ניט פאַרטיליקט און מער פון אַלע דער מאַשגיחַ.

— ווּהין איז, רעב מיכל? — שרײַט ווידער אויס שאָלעם־אַלײכעם אַ דערשראָקענער.

— אָף אַ כאַסענע, לידלעך זינגען, — דערהערט שאָלעם־אַלײכעם עמעצנס קאָל.

— מיט אַזאַ געזונט און מיט אַזאַ אוילעם? גאָט איז מיט אײַך, באַזיניקט אײַך, רעב מיכל! שאָלעם־אַלײכעם דערזעט, ווי באַם אַלטן דיכטער הײבט אָן דער קאָפּ זיך נייגן צו דער ברוסט. ער האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און מיט אַלע קויכעס צוגעשלעפּט צום בעטל און אַוועקגעלײגט. דערנאָך האָט שאָלעם־אַלײכעם גענומען קלאַפּן מיט זײַן שטעקל איבערן דיל:

— ווער טראַכט עס אויס אַזעלכע מײַסים, ווער? מע וועט דאָך אים מעקאַצער זײַן די יאָרן!

אַלע זקײנים האָבן זיך אָפּגערוקט צו זײערע בעטלעך און שווײַגנדיק אײַנגעמאָסטעט זיך אָף די געלעגערס.

איצט איז אַנטקעגן אַרויס דער מאַשגיחַ, שוין אַן אויסגענײכטערטער, און געפּרווּט זיך פאַרענטפערן פאַרן יונגערמאַן מיט די לאַנגע האָר, אַז רעב מיכלען אַליין איז אויפגעקומען אַזאַ מעשונעדיקער געדאַנק, ווי גײן אָף אַ פרעמדער כאַסענע. ס'איז גאָר אין ערגעץ קײן כאַסענע נישטאָ...

שאָלעם־אַלײכעם איז ניט אָפּגעטראָטן פון מיכלס בעט.

— איך דאַנק אײַך. איר זענט געקומען באַצײַטנס, — האָט קוים אַרויסגעבראַכט גאָרדאָן. צי ווייסט איר, צוליב וואָס כ'בין הײַנט געקומען צו אײַך, רעב מיכל?

— מיסטאָמע, ווי שטענדיק. מעוואַקער־כוילע זײַן מיך.

— ניין, איר האָט ניט געטראָפן. דאָס מאָל בין איך געקומען באַשטעלן באַ אײַך נײַע לידער פאַר אײנעם אַ גרויסן זאַמלבוך, וואָס איך גרייט צום דרוק. איך וויל, איר זאָלט מיט אײַערע לידער באַשײנען אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור.

אַ גליקלעכער האָט מיכל גאָרדאָן געקוקט אָף שאָלעם־אַלײכעמען.

— און דאָס איז נאָך ניט אַלץ, רעב מיכל. פון הײַנט אָן וועט איר מער ניט פאַרבלײַבן אין מױשעװ־זקײנים.

דער אַלטער דיכטער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס שאָלעם־אַלײכעם מײנט דערמיט צו זאָגן.

— יאָ־יאָ, — דערקלערט אים דער שרײַבער, — פאַר אײַך איז פאַרגרייט אָן אָרט באַ מײַנע גוטעפרײַנט. דאָרט וועט איר ווױנען אין דער וואַרעם, אין רײנקײַט און אין זעט, וויפל אײַך איז נאָך באַשערט צו לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. איר וועט נאָך שרײַבן דאָרטן גוטע לידער. מיר וועלן זיך אָפּט זען מיט אײַך...

באַם זײדן פון דער ײדישער ליטעראַטור

מער פון אַלע דעמלטיקע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן געשריבן אָף ײדיש, האָט שאָלעם־אַלײכעמען באַצויבערט מענדעלע מויכער־ספאָרים. נאָך ווען ער, שאָלעם ראַבינאָוויטש, האָט געווױנט באַ לאָיעוון אין סאָפּיוּווקע, פלעגט ער דאָרט אין ביבליאָטעק געפינען אײַזיק־מײַער דיקס, אוורעם־בער גאָטלאָבערס בראַשורן און זײ מאַמעש אײַנשלינגען. אָבער מערער פון אַלעמען איז אים געווען צום האַרצן מענדעלעס שריפטן. דער יונגער ליטעראַט האָט פאַרשטאַנען און געפילט, אַז אָט יענער, וואָס שרײַבט אונטערן פּסעוודאָנים מענדעלע מויכער־ספאָרים, איז דער, וואָס טראָגט אין פאָלק די עמעסע ליכט פון צוטריטלעכן און שטאַרקן וואָרט. נאָך אין סאָפּיוּווקע האָט שאָלעם אײנמאָל געזאָגט זײַן דעמלטיקער שילערן אַלגע לאָיעוו:

— אָט דער מאַכט אַן אָנהײב פון אַ גרויסן אופּטו.

— ווער?

— דער, וואָס באַהאַלט זיך אונטערן פּסעוודאָנים מענדעלע מויכער־ספאָרים.

— וואָס האָסטו אין אים אַזוינס דערזען, סאָלאָמאָן?

— שטעל דיר פאָר, אַז דו קומסט אַרײַן אין אַ וואַלד און ווילסט טרינקען. אומגעריכט געפינסטו דאָרטן עטלעכע קוואַלעכלעך. זוכסטו דעם רײנסטן און זויבערסטן. שטײסטו אַ דאָרשטיקער פאַרבײַגײער און באַטראַכסט די קוואַלעכלעך. אַלע שטראָמען, אַלע פּליסן, און

אלע גייען פון אונטער דער ערד. נאָר איינער פון זיי איז פּאַרט אַזוי זויבער און לויטער, אַז צו אים פּאַלט צו מיט די ליפּן דער דאָרשטיקער און טרינקט זיך אָן. אָט דער קוואַל איז פאַר מיר — מענדעלע מוכער־ספֿרים.

ווי נאָר ס'איז פון דער פּרעסע באַוווּסט געוואָרן, אַז איגיכן וועט אָפּגעמערקט ווערן דער 25־יאָריקער יובילײ פון מענדעלעס ליטעראַרישער טעטיקייט, האָט שאָלעם־אַליכעם אומבאַקאַנטערהייט, נאָך וווינענדיק אין בעלאַצערקאָוו פון קיִעווער גובערניע, געשיקט אַ בריוו דעם יובילאַר. געשריבן איז דער בריוו געווען אין רוסיש צוליב דער מאָדע, באַ וועלכער די מאַסקילים האָבן זיך דעמלט געהאַלטן.

דאַטירט איז דער בריוו דעם 23־טן דעקאַבער 1884 יאָר.

„דעם הער ס. מ. אַבראַמאָוויטש!

פּיל געערטער יובילאַר, גנעדיקער הער, סאָלאָמאָן מויסייעוויטש!

איך פּיל, אַז איך האָב פאַרשפּעטיקט מיט מײַן שרײַבן: נאָר ניט מײַן שולד איז אין דעם. עס קאָן זײַן, אַז אין דער גרויסער צאָל בריוו און באַגריסונגען וועט אײַער אויפמערקזאַמקייט זיך אָפּשטעלן אויף די דאָזיקע שורעס, וועלכע עס שיקט אײַך פון דער ווײַטער פּראָווינץ, פון טיפן אינגעווייד פון אונדזער רוסישער געטאָ, אַ יונגער, נאָר אַ פּײַערדיקער פאַרערער פון אײַער טאַלאַנט, אַ פאַרערער, וואָס אַרבעט אויפן באָדן, וועלכער איז פון אײַך צעאַקערט געוואָרן, נאָכפאָלגנדיק אײַנגעשפּאַרט און פלײַסיק די שפּורן פון אײַערע טריט, וואָס איר האָט אַזוי שאַרף איבערגעלאָזט אויף די פעלדער פון אונדזער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור. אויב איך האָב ביז איצט, אין פאַרלויף פון מײַן צווייאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט אינעם „ייִדישן פאָלקס־בלאַט" און פון אַ קורצער צײַט אויך אין דעם זשורנאַל „יעווריײסקאַיאַ אָבאָזרעניע" (זעט אינעם זיבעטן יול־ביכל פון „יעוור. אָבאָזרעניע" די דערציילונג „טרוימער" — אַ בלאַסער אָפּגלאַנץ פון אײַער פּראַכטפולן „מסעות בנימין השלישי"), אויב איך האָב, זאָג איך, מיט מײַנע אומבאַדײַטנדיקע אַרבעטן נאָך גאָרנישט ניט געגעבן — דערפאַר אָבער וואָס פאַר אַ צוקונפט עס שטייט פאַר פאַר מיר, ווי פאַר אַן אָנפאַנגער, וואָס פאַר אַ ברייט פעלד פאַר יעדן איינעם, וואָס ווינטשט צו ווידמענען זײַן צײַט דער עבודה אויפן מזבח (דער אוווידע אויפן מיזבייער) פון אונדזער פאָלקס־מוזע!

נאָר איך האָב אָנגעהויבן מיט אַ האַרציקער באַגריסונג צום יובילײ און אויסגעלאָזט האָט זיך דערמיט, וואָס איך האָב אָנגערעדט זיך אַליין אַ באַרג מיט שוואַכים — אַ שוואַכקייט פון יעדן אָנפאַנגער! אָבער איך האָב געמוזט ציִען אײַער אויפמערקזאַמקייט אויפן שרײַבער פון די דאָזיקע שורעס — כאָטש אויף אַזאַ וועג, וואָס איז ניט אַזוי לויבנסווערט. און געמוזט האָב איך עס טאָן ניט אין פּערזענלעכע אינטערעסן, וואָס זײַנען בויגיִיע אי דער דאָזיקער „מאַסע", וועלכע פּײַערט איצטער אײַער יובילײ, אי אונדזער אָרעמען, פּאַריאַגטן און דורכויס עקספּלואַטירטן זשאַרגאָן, אי מיך אַליין, אי אפילו אײַך. ניט וועלנדיק ריזיקירן, עפּשער, מיט איבעריקע רייד, לאָז איך איבער דעם איניען ביז אײַער ענטפער. און דערווײַל, אויסדריקנדיק אײַך מײַן טיפסטע איבערגעגעבנקייט און ווינטשנדיק אײַך פונעם ריינעם האַרצן צו באַצייכענען אויך דעם קומענדיקן 25־יאָריקן יובילײ מיט ניט ווייניקער הערלעכע דערפאָלגן אויף דעם דאָזיקן געהייבענעם געביט פון טעטיקייט, פאַרבלײַב איך, מיט טיפסטער אַכטונג, אײַער אונטערטעניקער דינער

ס. ראַבינאָוויטש".

אויף דעם דאָזיקן בריוו האָט מענדעלע מוכער־ספֿרים ניט געענטפערט. און שאָלעם־אַליכעם האָט געהאַט שטאַרקע יסורים דערפון. אויך שפּעטער האָט ער ניט איין מאָל געשריבן צו מענדעלע מוכער־ספֿרים, קרוינענדיק אים מיטן נאָמען „זיידע" און אונטער־כאַסמענענדיק זיך „אײַער אייניקל".

אין פאַריאָר פון גרייטן צום דרוק דעם ערשטן זאַמלבוך „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט זיך פאַרגלוסט שאָלעם־אַליכעמען פּערזענלעך צו באַקענען זיך מיטן זיידן. אַלגע האָט נישט ליב געהאַט דעם מאַנס נעסיִעס, זײַן אוועקפאָרן פון דער היים. פאַר איר איז רויִק און פריידיק געווען, אַז אין צימער איז בא דער היכער ביורא געשטאַנען איר סאָלאָמאָן שאַנ־לאַנג פאַרטיפט אין זײַנע פּאַפּירן. און ווען עפּעס געראָט אים באַזונדערס, לויפט ער אַרויס אַ צעבראַסטעטער, אַ דערהויבענער, מיט צעפלאַמטע אויגן, מיט אַ שמייכל, און אָן שום וואָרענונג לייענט ער גלײַך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. דאָס ווײַב איז געווען זײַן ערשטער לייענער, זײַן ערשטער קריטיקער. ער האָט זיך צוגעהערט צו איר מיינונג, צו איר אָפּשאַ־צונג, און זי האָט זיך געגרויסט דערמיט.

איצט האָט זיך איר געוואָלט אַ שטאָך טאָן דעם מאַן: צוליב וואָס פאָרן, אַז דו ווייסט נאָך באַוויזן זען דעם „זיידן" דײַנעם, וואָס האָט דיר אפילו נישט געענטפערט אויף דײַנע

אַנצאַליקע יעדידע־ברױולעד... אָבער זי װעט עס נישט זאָגן, װײַל זי פֿאַרשטײט, אַז דערמיט װעט זי אים פֿאַרשאַפֿן אַגמאַסנפּעש. און כּוץ דעם, — מע דאַרף שטײן העכער פֿון קלײנלעכע באַלײדיקונגען, װען מע נעמט זיך פֿאַר אַזאַ װיכטיקן אינין...

שאָלעם־עליכעם דערקענט לױט אַלגעס מינע, אַז זי איז אומצופֿרידן פֿון זײַן קאַװאַנע אַפּצופֿאָרן קײן אָדעס.

— ביבציע, — זאָגט ער דער פֿרױ, — איך מוז פֿאָרן צו מײַן קװאַל, ס'װעט מיר לינדער װערן. דו דאַרפֿסט מיך פֿאַרשטײן.

און אָט איז שאָלעם־עליכעם אין אָדעס. אָפּגעשטעלט זיך אין האָטעל „סעװערנאַיאַ גאָסטיניצאַ", האָט ער באַשלאָסן צוערשט זיך אַראָפּכאַפּן צו אײנעם אַן אױטאָר פֿון דער „יידישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק" — צום ליטעראַט בען־אַמי, װאָס זײַן עמעסע פֿאַמיליע איז די זעלבע, װי שאָלעם־עליכעמס — ראַבינאָװיטש. דער קיִעװער גאַסט האָט ניט געװאָגט גלײַך, אָן אַ װאָרענונג, זיך אַרײַנשטעלן צום זײדן אַלײן.

אַרײַנגעקומען צו בען־אַמין, האָט שאָלעם־אַלײכעם אױסגעטאָן זײַן טולופּ און פֿונװײַטנס אַרײַנגעשריגן אין שטוב אַרײַן:

— װאָס מאַכט עפּעס אַ ייִד, װאָס הײסט בען־אַמי?[1]

— װער דאַרשנט עס דאָרטן? — האָט פֿון אַ װײַטערן צימער זיך דערהערט בען־אַמיס קאָל.

— דער באַלדאַרשן שאָלעם־אַלײכעם, — האָט יענער שמײכלענדיק געענטפֿערט. דערהערט „שאָלעם־אַלײכעם", טוט בען־אַמי זיך אַ לאָז צו אים.

— איך װיל װיסן, װער איז צו מיר געקומען: שאָלעם־אַלײכעם דער מעכאַבער, צי שאָלעם־אַלײכעם דער רעדאַקטאָר?

שאָלעם־אַלײכעם האָט זיך נישט פֿאַרלױרן און גלײַך געענטפֿערט:

— װאָס זשע, שאָלעם־אַלײכעם איז אַ שלעכטער מעכאַבער און אַ ביטערער רעדאַקטאָר?

— װער זאָגט עס דען? אָבער איך דאַרף דאָך עס װיסן.

בען־אַמי באַװײַזט זיך פֿאַרן גאַסט אין אַ שטוביקן כאַלאַט מיט אַ יאַרמלקע און מיט אַ שטאַרקן ציגאַר־טוטין אין מױל. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן בױגנס פּאַפּיר. דער באַ־לעבאָס האָט פֿאַרבעטן דעם גאַסט אין שטוב אַרײַן און ערשט דאָ אים אָפּגעגעבן שאָלעם.

— טאַקע גלײַך פֿון קיִעװ? — פֿרעגט ער.

— פֿון קיִעװ.

— און װוּ זיך אָפּגעשטעלט?

— אין אַ האָטעל.

— פֿע, דאָס איז דאָך נישט לײַטיש.

— פֿאַרװאָס? זײער לײַטיש. איך האָב נישט ליב דערקוטשען קרובֿים, באַקענטע און פֿרײַנט. און כּוץ דעם, האָב איך אַלײן נישט ליב, אַז מע שטערט מיר, כאָטש איך פֿינטל מיט דער פֿען בײַ אַלע געלעגנהײַטן.

באַ בען־אַמין שמײכלען די װאַסערדיקע אױגן.

— איך האָב געפֿילט לױט אײַערע מײַסעס, אַז איר זײַט אַ שטיקל פּיקײַעד, נאָר כ'האָב זיך נישט פֿאָרגעשטעלט, אַז איר באַזיצט פֿאָלעמישן פּילפּל.

איר שטעלט זיך נאָך נישט פֿאָר אַ סאַך זאַכן װעגן מיר, — שפּאַסט שאָלעם־אַלײכעם.

— אַשטײגער?

— אַז איך בין געקומען ספּעציעל זיך באַקענען מיט מײַן זײדן.

— װער איז אײַער זײדע?

— ער איז אױך אײַער זײדע: מענדעלע מױכער־ספֿאָרים.

— אַזױ? כ'האָב גאָרנישט געװוּסט... אָך, יאָ, װאַרט אַ רעגעלע, — צעשמײכלען זיך װידער באַ בען־אַמין די אױגן, די נאָז און דאָס קורצע בערדל. — אײנמאָל האָט מענדעלע מיר גע־זאָגט, אַז אין קיִעװ האָט ער אַן אײניקל, אַ פֿאַרשײט אײניקל. אַזױ, אַזױ. האָט ער אײַך פֿאַר־בעטן קומען צו אים?

— נײן, פֿרײַנט בען־אַמי. ער האָט מיר אַפֿילע ניט געענטפֿערט אַף מײַנע בריװ. אָבער איך האָב זיך אײַנגעשטעלט און אַלײן געקומען. איך גלײב, ער װעט זײַן צופֿרידן פֿון מײַן אומגעריכטן װיזיט.

— מעגלעך, מעגלעך. מירן שױן זען, ער זאָל זײַן צופֿרידן. אַזאַ אײניקל פֿאַרמאָגן איז, כלעבן, קעדײַ...

שאָלעם־אַלײכעם באַמערקט די בױגנס פּאַפּיר אין בען־אַמיס הענט.

---

[1] בען־אַמי — זון פֿונעם פֿאָלק.

— וואָס לייענט איר?

— ס'איז א קסאָוויאַד, וועלכן ס'האָט צוגעשיקט איינער א מאָסקיל פונעם שטעטל בערד־שאַד. כאָטש דאָרט וווינט איצט איינער פון אונדזערע סאָפרים — סימכע־יויסעף בערדיטשעווסקי און דער מעכאַבער וואָלט צו אים געקאָנט ברענגען דעם מאַנוסקריפּט, אָבער יענער יונגערמאַן האָט אים מיר צוגעשיקט.

— וועגן וואָס שרייבט ער? עפּשער איז דאָס סכוירע פאַר מיר? — האָט זיך פאַרינטערעסירט שאָלעם־אַליינכעם.

— פאַר אייך? איך ווייס ניט. דאָס איז א מין פּיירעש אפן פּיירעק.

— א באַטלען, — הייבט זיך שאָלעם־אַלייכעם אוף פונעם בענקל.

— א באַטלען, זאָגט איר... און מיר דאַכט, ס'איז גוט אָנגעשריבן, — האָט מיט פעסטקייט באַמערקט בען־אַמי.

— איך רעד ניט וועגן דעם, ווי־אַזוי ס'איז אָנגעשריבן, נאָר וועגן וואָס. ווער דאַרף עס האָבן?

— ווער? מיר, איך מיט אייך, — שטעלט זיך בען־אַמי אויך אוף פונעם אָרט.

— איך דאַרף עס נישט האָבן, איך דאַרף מייסעס וועגן פאָלקס־לעבן, אַרטיקלען וועגן נאַטורוויסנשאַפט, וועגן דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. און פּיירושים אפן פּיירעק דאַרפן האָבן באַטלאָנים.

בען־אַמיס אויגן האָבן זיך ווי איבערגעצויגן מיט א רויגעז־וואָלקנדל.

— הערט אויס, יונגערמאַן, איך דאַרף עס אויך נישט. אָבער ס'איז קולטור, וואָס מיר קאָנען נישט אוועקמאַכן מיט דער האַנט.

שאָלעם־אַלייכעם איז לײַכט, אומבאַצוווּנגען צוגעגאַנגען צו בען־אַמין, און מיט א ווייכער, אפילו א ביסל א שולדיקער שטימע געזאָגט:

— לאָזט עס אָפּ. איך בין ניט געקומען צו אײַך זיך קריגן. איך וואָלט פון אײַך בלויז פאַרלאַנגט, איר זאָלט מיך אוועקפירן צום זיידן. און אויב איר ווילט כקירען, וועלן מיר פרעגן בא אים. ער וועט אונדז איבערבעטן. און ביכלאַל וויל איך זײַן מיט אײַך שאָלעם — איך הייס דאָך שאָלעם, — האָט ער פאַרוואַנדלט דעם געשפּרעך אין א שפּאַס.

— ווויל, ווויל, — איז רויִקער געוואָרן בען־אַמי. — וועט איר זיך מאַטריִען זײַן צוּוואַרטן, ביסקל איכל זיך אָנטאָן, וועלן מיר אוועקשפּאַנען איבער די ליכטיקע אָדעסער גאַסן. אך, סאַראַ שיינער טאָג ס'איז הײַנט! — און נאָך א פּויזע: — איר האָט שוין אַמאָל געזען דעם יאַם אין א שיינעם ווינטערדיקן טאָג?

— מאַכט זיך נישט גרויס מיט אײַער יאַם. מיר פאַרמאָגן אין קיִעוו אַזאַ טײַך, וואָס הייסט דניעפּער, — האָט מיט שטאָלץ געענטפערט שאָלעם־אַלייכעם.

— איך ווייס און בין באַקענט מיט געאָגראַפיע. אָט בין איך שוין פאַרטיק, און מיר גייען.

זיי זײַנען אַרויס אין דרויסן.

— ווילט איר ניט, הייסט עס, צום יאַם? — האָט געפרעגט בען־אַמי.

— ניין, איך וויל צוערשט צום יאַם פון ליטעראַטור.

אונטער די פיס האָבן געפלאַצט דינע הײַטעלעך אײַז, שטיקלעך זײַנען אָפּגעשפּרונגען אין די זײַטן, און גלײַך האָבן די קאַנטן געגומען צערונען ווערן אונטער די זון־שטראַלן.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בא א הויז, אַף וועלכן בען־אַמי האָט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז די טאַלמעד־טוירע, ווו פאַרוואַלטער איז מענדעלע, און דאָרט, אין הויף־פליגעל, וווינט טאַקע דער פאַרוואַלטער.

אפן צווייטן שטאָק האָט בען־אַמי אָנגעקלאַפּט. א הויז־דינער האָט אופגעעפנט די טיר.

— וואָס פאַרלאַנגען די הערן? — האָט ער געפרעגט די געקומענע.

שאָלעם־אַלייכעם דערלאַנגט זײַן וויזיט־קאַרטל. דער דינער באַטראַכט צוערשט די געסט, דערנאָך דאָס וויזיט־קאַרטל און זאָגט קאַלטבלוטיק:

— דער הער אַבראַמאָוויטש פילט זיך נישט גוט.

בען־אַמי און שאָלעם־אַלייכעם קוקן זיך איבער.

— זײַ אַזוי גוט און גיב איבער מײַן קאַרטל דעם הער אַבראַמאָוויטש, — בעט שאָלעם־אַלייכעם.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער דינער זיך אומגעקערט און געבעטן די געסט נאָכגיין נאָך אים.

ער האָט זיי אַרײַנגעפירט אין א צימער, ווו אַרום א גרויסן טיש זײַנען געשטאַנען פיל בענקלעך. אַף די ווענט — בילדער, אָנגעמאָלטע עפּיזאָדן פון שעקספּירס האַמלעט־שפּיל. א

גרויסער אַלטמאָדישער דיוואַן מיט צוויי נאַכט־שאַפּקעלעך באַ די זײַטן האָט פאַרנומען אַ היפּשן ווינקל אין צימער.

אומגעריכט האָט שאָלעם־אַלייכעם אינערלעך אַ פּלאַטער געטאָן: אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ גראָוו וואָרנדיקער מענטש, אָנגעטאָן אין אַ סערדעט שטרענג פאַרשפּיליעט אַף אַלע קנעפּ. ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכער האָט אויך זיך ניט גע־רירט פון אָרט.

בען־אַמי האָט נאָכגעשפּירט נאָך ביידע. ער האָט באַמערקט, ווי מענדעלעס הויט אַפן שטערן האָט גענומען גיין אַרוף און אַראָפּ און געמאַכט באַוועגן די קורץ־געשוירענע האָר אַפן קאָפּ. די גראָוולעכע ברעמען האָבן זיך אונטערגעהויבן. מענדעלעס שטענדיק שאַרפע, בײַ־סיקע און טיפע אויגן זײַנען איצט ווייך געוואָרן, באַקומען אַ העל־ברוינלעכע מאַרע און האָבן אומגעהייער געגלאַנצט.

מענדעלע האָט מיט די אויגן ווי אַ ווונק געטאָן צו שאָלעם־אַלייכעמען, וועלכער איז סטיכייִש אַרײַנגעפאַלן צו אים אין די צענומענע אָרעמס.

— זיידעניו, טײַערער! — האָט זיך באַ אים אַרויסגעריסן.

דערויף איז געקומען אַן ענטפער:

— דאָס זײַט איר, הייסט עס, מײַן פאַרשײַט אייניקל?

ווען מע איז שוין געזעסן באַם טיש, האָט שאָלעם־אַלייכעם נאָך אַלץ קיין האַלב וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט. ער איז ווי פאַרקישעפט געוואָרן. אַליין ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס, האָט ער געהאַלטן דעם קעשענע־זייגער אין דער האַנט און אַלע ווײַלע אים געדרייט. דערויף האָט בען־אַמי אים אויפמערקזאַם געמאַכט:

— איר וועט אים איבערדרייען, — בען־אַמי האָט זיך צוגערירט צו שאָלעם־אַלייכעמס האַנט.

— יאָ, איר זענט גערעכט... — שאָלעם־אַלייכעם האָט אַרײַנגעלייגט דעם זייגער אין זשילעט־קעשענע.

— וואָס זשע טוען מיר אין אָדעס? — האָט געפרעגט מענדעלע.

— געקומען זיך באַקענען מיטן „זיידן".

— מיט מיר, הייסט עס?

— יאָ, מיט אײַך.

— מיט וואָס האָב איך פאַרדינט אַזאַ קאַוועד?

— לאָמיר וועגן דעם נישט ריידן, זיידעניו. איר ווייסט אַליין.

דער דינער האָט אַוועקגעשטעלט אַפן טיש מאַראַנצן אַף אַ טאַץ.

— מאַראַנצן אינמיטן ווינטער פאַרמאָגט אײַער קיִעוו? — פרעגט שמייכלענדיק מענ־דעלע. — עסט, איך בעט אײַך, און דערציילט, וואָס שרײַבט איר איצט, מײַן ליב אייניקל?

— דעם „מישפּעט אַף שאָמערן" האָט איר געלייענט? — ווערט שאָלעם־אַלייכעם לעבע־דיקער.

— געלייענט, אַוואַדע. איך דאַנק אײַך פאַרן קאַוועד, וואָס איר האָט מיר דאָרט אײַנגע־טיילט. ערן־וואָרט, ס'איז ניט קעדײַ געווען זיך פאַרנעמען מיט אַזאַ מיסט, ווי שאָמער. ווי יעטווידער מיסט, וועט עס פאַרפוילט ווערן און אומקומען.

— איר האָט אַ טאָעס, זיידע. שאָמער איז ווי קראָפּעווע אַף אַ פעלד. דער לייענער בריט זיך אָפּ און האָט שוין מוירע צורירן זיך צו אַ גוטער, געשמאַקער פּרוכט. האַגאַם כ'האָב זיך אויסגעדריקט אַ ביסל מעליצעדיק, אָבער דערפאַר איז דאָס דער וואָרער עמעס.

מענדעלע שמייכלט.

— און וואָס הערט זיך מיט אײַער „ביבליאָטעק"?

— דאָס בין איך געקומען בעטן באַ אײַך מאַטעריאַלן פאַרן צווייטן זאַמלבוך.

— נאָך איין „ווינטשפינגערל" האָב איך נישט, — האָט דער „זיידע" אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ.

— רעבּ מענדעלע, — מישט זיך אַרײַן בען־אַמי, — מיר האָבן זיך געאַמפּערט מיט שאָ־לעם־אַלייכעמען און ווילן זיך פאַרלאָזן אַף אײַך.

— וואָס איז דאָס געווען פאַר אַן אַמפּערנײש?

בען־אַמי האָט אײַנקורצן איבערגעגעבן דעם טאָך פונעם וויקועך.

מענדעלע האָט אויסגעהערט, געקוקט אַף ביידע צדאָדים מיט אַ מאָדנער מינע, פאַרביסן אַ ליפּ, זיך געשלאָגן מיט דער דרייע און לעסאָף געזאָגט:

— עפשער וואָלט אײַך אַן אַנדערער געפּאַסקנט אַט די שײַלע?

— יאָ, יאָ, ס'איז טאַקע ניט ניײַטיק פּאַטערן צײַט דערויף. באַ אַן אַנדער געלעגנהײַט, — טײַנעט שאָלעם־אַלײכעם.

— ניין, ס'איז פּרינציפּיעל וויכטיק, אַז איר, רעב מענדעלע, זאָלט זאָגן אײַער וואָרט, זאָלן נײַע ליטעראַטן וויסן...

— „פּרינציפּיעל וויכטיק", זאָגט איר, בען־אַמי? — שלאָגט אים איבער מיט איראָניע שאָלעם־אַלײכעם.

מענדעלע האָט אָפּגעשוויגן, דערנאָך געוומען אַ מאַראַנץ, אויסגעלײגט אים אויף דער האַנט און געזאָגט:

— איר זעט אָט די אײדעלע פּײרעס? מע זאָגט, אַז מע נעמט אַראָפּ אַ גרויסע גערעטעניש. אין אונדזערע קאַנטן באַ אונדזער קלימאַט וואַקסט זי נישט, איז נאַטירלעך, אַז מע נעמט פון איר קיין גערעטעניש ניט אַראָפּ. די האַסקאָלע אונדזערע האָט אַראָפּגענומען אַ סאַך גערע־טענישן אין איר צײַט. איצט קומען אויף אין אונדזערע קאַנטן נײַע פּײרעס... — מענדעלע קוקט אויפמערקזאַם אויף שאָלעם־אַלײכעמען, — וואָס פּריער זײַנען זיי נישט געפּלאַנצט גע־וואָרן. צי דער קלימאַט איז לינדער געוואָרן, צי די פּײרעס אַלײן האָבן געענדערט זײער נאַ־טור. די פּריערדיקע פּײרעס דאַרף מען איצט ניט, די ביימער, אויף וועלכע זיי זײַנען געוואַקסן, ווערן פּאַרוועלקט. איך יענע פּײרעס, אַשטייגער, ווי פּײרושים אָפּן פּײרעק, זיי וועלן סײַווי־סײַ פּאַרוועלקט ווערן. נײַע צײַטן, נײַע ווינטן, נײַע פּײרעס...

אַלע דרײַ האָבן געשוויגן: ס'איז געווען אויף וואָס צו פּאַרטראַכטן זיך...

שאָלעם־אַלײכעם האָט ערשטער איבערגעריסן די שטילקײַט:

— אַ דאַנק אײַך, זיידע, פאַר די דאָזיקע ווערטער. איך וואָלט בלויז געוואָלט צוגעבן, אַז דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלע פּײרושים, ווי קלוג און טיפזיניק זיי זאָלן נישט זײַן.

געפּאַטערט די יערושע

דער קיִעווער פּאָדריאַטשיק עליע יאַשפּע וואָלט, מעגלעך, קײנמאָל זיך נישט דערמאָנט אין שאָלעם ראַבינאָוויטשן. נאָר ווען אין די קיִעווער געשעפט־קרײַזן האָט זיך פּאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אײנער אַ ראַבינאָוויטש האָט באַקומען אַ גרויסע יערושע, האָט איליאַ קאָנסטאַנ־טינאָוויטש יאַשפּע זיך דערמאָנט אין זײַן אַמאָליקן לאַקיי און אונטערגעשיקט טשאַפּקינען אַ טאָפּ טאָן אין וואָגן, צי זײַנען די קלאַנגען ריכטיקע אָדער צעבלאָזענע. יאַשפּע איז אפילע איבערראַשט געוואָרן, ווען טשאַפּקין האָט באַשטעטיקט:

— יאָ, איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש, ס'איז דער זעלביקער, וואָס איז באַ אײַך געווען אַ לאַקיי. איצט איז ער אַ מיליאָנער, קימאַט דער צווייטער בראָדסקי.

יאַשפּע האָט נישט געוואָלט גלייבן. ער האָט גוט געוווּסט, אַז טשאַפּקין קאָן אופשטעלן אַ בוידעם, נאָר דאָך איז עס אים אַרײַן אין דער נאָז. אינגיכן איז מען געקומען פּאַרלייגן דעם פּאָדריאַטשיק קויפן ווערט־פּאַפּירן און בעסאָד אים אײַנגערוימט, אַז די פּאַפּירן זײַנען אין שטאָט קימאַט ניט בענימצע — מ'האָט זיי קוים מיט צאָרעס אָפּגעקויפט אויף עטלעכע צענדליק טויזנט רובל באַ ראַבינאָוויטשן, וועלכער פּאַרפּאַסט פּאַרשײדענע געשיכטעס און שרײַבט אונטער דעם פּסעוודאָנים שאָלעם־אַלײכעם.

— ווי זאָגט איר — שאָלעם־אַלײכעם? — האָט יאַשפּע איבערגעפרעגט און זיך צעלאַכט. — פּאַראַן לייצים באַ יידן! אָבער לאָמיך וויסן, וויפל פּאַרמאָגט ער עס געלט, אָט דער דאָזיקער ראַבינאָוויטש, און פּאַרוואָס האָב איך זיך מיט אים קײנמאָל נישט באַגעגנט, זינט יענער גע־שיכטע מיטן גענעראַל?

מעגלעך, דער גערימטער פּאָדריאַטשיק וואָלט טאַקע אַזוי גיך ניט געווען זיך באַגעגנט מיט זײַן געוועזענעם לאַקיי, נאָר די געשעפטן זײַנען באַ יאַשפּען אוועק מיט דער פּוטער אַראָפּ. ער האָט געבראַכן דעם קאָפּ אויף אײנער אַ קאָמבינאַציע מיטן צושטעלן שטיוול פּאַרן קיִעווער גאַרניזאָן, איז ער דעריבער געצוווּנגען געווען צו זוכן אַ שותּף מיט געלט. דאַן האָט ער זיך דערמאָנט אין ראַבינאָוויטשן און באַשלאָסן זיך ווענדן צו אים מיט אַ זאַכלעכן פּאָרשלאַג.

סאָלאָמאָן נאַומאָוויטש ראַבינאָוויטש האָט אין יענער צײַט פּאַרמאָגט אײנעם פון די גאָר ווייניקע טעלעפאָנען אין קיִעוו.

ווען שאָלעם־אַלייכעם איז געזעסן פאַרטיפט באַם שרײַבטיש, האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפאָן.

— ווער רעדט עס? — פרעגט דער שרײַבער.

— איר דערקענט ניט מײַן קאָל, סאָלאָמאָן נאומאָוויץ?

— ניין.

— הערט זיך אײַן בעסער. איר פאַרגעסט אין אַלטע פרײַנט.

— ניין, איך דערקען עפּעס נישט.

— באַ מיר אין שטוב האָט איר באַליידיקט אַ גענעראַל...

— אהא, דערקענט, איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש!

— איך וויל זיך מיט אײַך זען, הער ראַבינאָוויץ.

— וואָס איז געשען?

— דערוויַיל איז דאָס אַ סאָד, פּאַני ראַבינאָוויץ.

— וואָס זשע, איר האָט צוגעגרייט אַ נײַעם גענעראַל?

— נאָך בעסער, פּאַני ראַבינאָוויץ.

— אָבער דאָך, פּאַני יאַשפּע?

— איך וואַרט, איר זאָלט מיך אײַנלאַדן צו זיך...

— אַ, מיט אַלע פּאַזשאַלוויסטעס. קומט צו גיין.

— איז אָפּגערעדט. איך הייס ספּאַנען די פערד. גייט זשע ניט אַוועק, סאָלאָמאָן נאומאָוויץ.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום אַן ערעך האָט צום הויז צוגעקנאַקט אַ פאַעטאָן. ניט גע־ײַלט איז פונעם פאַעטאָן אַראָפּ איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש יאַשפּע. די דינסט האָט צעפּראַלט די טיר, צוגענומען באַ אים דעם לײַכטן מאַנטל מיט דער שליאַפּע, און וועלכער יאַשפּע האָט נאָכלעסיק אַרײַנגעוואָרפן די לײַקענע הענטשקעס, און אַרײַן צו שאָלעם־אַלייכעמען אין קאַבינעט.

נאָך דעם, ווי איינער האָט באַם צווייטן אויסגעפרעגט וועגן געזונט, ווי עס קומט לויט דעם עטיקעט, איז יאַשפּע גלײַך אַריבערגעגאַנגען צום איניען.

— סמעיו וואָס זאַוועריט[1], — האָט ער געזאָגט מיט זײַן כאַראַקטעריסטישער אויסשפּראַך און איבערגעגאַנגען אױף מאַמע־לאָשן, — אַז ניט ספּעטער, ווי ביז כאַנעקע, וועלן מיר ביידע ווערן גרויסע נעגידים...

דער פּאַדריאַטשיק האָט פאַרגעשלאָגן אַ געשעפט און צוליב דעם צוועק געבעטן עטלעכע צענדליק טױזנטער. דערבײַ געבעטן זײַ אַלס האַלוואָע, פאַר וואָס ער וועט צאָלן אַזאַ גרויסן פּראָצענט, ווי קיין שום באַנקיר־קאָנטאָר צאָלט ניט. כוץ דעם, וועט אַרויסגעגעבן ווערן וועקסלען לויט די געהעריקע פאָרמאַליטעטן.

אַז יאַשפּע האָט דערפילט שאָלעם־אַלייכעמס וואַקלונגען, האָט ער זייער פּאַרזיכטיק און טאַקטיש געפּרוווט געבן אָנצוהערעניש, אַז ווען ניט ער, יאַשפּע, וואָלט דער הער ראַבינאָוויטש, עפּשער, נישט געקאָנט ווינען אין קיִעוו, און אַז מע דאַרף קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס גוטע, וואָס ווערט געטאָן פאַר מענטשן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט אַ שמייכל געטאָן.

— גוט, — זאָגט שאָלעם־אַלייכעם, — מירן זיך באַטראַכטן און מאָרגן געבן אַן ענטפער.

אַזוי איז פאַרגעקומען דער אָנהייב פון דער טראַגישער שפּיל מיט שאָלעם־אַלייכעמס קאַפּיטאַל.

דאָס אײַנצאָלן דעם כוויו צום ערשטן טערמין איז שוין צוגעגאַנגען מיט שוועריקײַטן. דער צווייטער טערמין איז אויסגעפאַלן אָף סאָף הארבסט. נאָכן קלונג דורכן טעלעפאָן אין יאַשפּעס קאָנטאָר וועגן אַרײַנטראָגן די געהעריקע סומע, האָט אַן אומבאַקאַנטע שטימע גע־בעטן שאָלעם־אַלייכעמען, ער זאָל אומבאַדינגט הײַנט אין אָוונט קומען צו איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטשן אַהיים. מע וועט צושיקן צו הער ראַבינאָוויטשעס שטוב דעם שפּאַן.

קיין איבעריקן כיישעק צו פאָרן צום פּאַדריאַטשיק האָט שאָלעם־אַלייכעם נישט געהאַט. אַ שווערע געפיל האָט אים באַהערשט. באַרויִקט האָט אים בלויז דאָס, וואָס יאַשפּע איז ברייט געוועזן באַקאַנט אין די באַנק־קרײַזן, ער האָט געוווּסט וועגן ברייטן פאַרנעם פון יאַשפּעס האַנדלס־אָפּעראַציעס, וועגן דעם גרויסן קרעדיט, מיט וועלכן יענער האָט זיך באַנוצט.

---

[1] איך וואַג אײַך צו פאַרזיכערן (רוסיש).

זייער ווארעם האָט אים באַגעגנט די מאַדאַם יאַשפּע. הינטער איר איז געשטאַנען מאַנ־טשיק, אַן אויסגעוואַקסענער, אַן אויסגעצויגענער יונגערמאַן מיט וואָנצעלעך, אָנגעטאָן אין אַ שווארצער וויזיטקע.

— סאַלאָמאָן נאַומאָוויטש, היינט קאָן איך אייך שוין עקזאַמענירן אַף ליטעראַטור, איך בין שוין אַ סטודענט פון פילאָלאָגישן פאַקולטעט.

— האָט איר זיך געקאָנט פאַרשטעלן! — גרויסט זיך די מוטער.

דער שרייבער ענטפערט ניט דערויף.

— איר ווייסט, פאַני ראַבינאָוויטש, איך שרייב לידער. אויב איר ווילט, וועל איך אייך באַווייזן, ווי לייכט איך סאָטשיניאַיע זיי.

באַם אַריינגיין אין זאַל האָבן די מוטער מיטן זון גענומען שאָלעם־אַליכעמען אונטער די הענט און פייערלעך אים אַריינגעפירט צו די געסט. אַרום אַ קיילעכיק טישל זיינען געזעסן פיר פאַרשוין און געשפּילט אין קאָרטן. יאַשפּע איז געווען זייער פּאַרטנער — ער האָט גראָד געהאַלטן דעם באַנק און דעריבער ניט באַמערקט דעם אַריינגעקומענעם.

— איר זעט, — זאָגט די באַלעבאָסטע, — איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש איז איצטער גוט אין דער אַרבעט. ער האָט היינט געוווּנען אַ סאַך... — דערקלערט די מאַדאַם יאַשפּע, אַנבייגנדיק זיך צו שאָלעם־אַליכעמס אויער.

דער שרייבער זעצט זיך צו אין אַ זייט. די מאַדאַם יאַשפּע גייט צו אים צו און זאָגט, ווייזנדיק אַף די שפּילער:

— אַף זיי זאָלט איר נישט לייגן קיין אַכט, זיי זיינען פּאַרטאָן, ווי שיקורים, — זי נעמט שאָלעם־אַליכעמען אונטערן אָרעם. — קומט אין יענעם צימער. דאָרט איז פאַראַן די מאַדאַם דעווידזאָן, אַט דעם אַדוואָקאַטס פרוי, — ווייזט זי אָן אַף איינעם פון די פּאַרטניאָרן באַם טיש.

אָן כיישעק גייט ער נאָך דער באַלעבאָסטע אין עס־צימער, וווּ עס זיינען געזעסן עטלעכע דאַמעס. די באַלעבאָסטע שטעלט פאָר דעם גאַסט.

דערווייל האָט זיך געענדיקט די שפּיל און אַלע פיר מענער זיינען אַריינגעקומען אין עס־צימער.

— אַ, פאַני ראַבינאָוויטש, — שרייט אויס יאַשפּע, קלוימערשט אופגעלייגט. — איך קאָן אייך, מיינע ליבע געסט, דערציילן אַ שיינע געשיכטע, ווי דער הער ראַבינאָוויץ האָט באַ מיר אין שטוב... — ער צעלאַכט זיך. נאָר באַמערקט שאָלעם־אַליכעמס בייזן קוק, איז ער אַנ־שוויגן געוואָרן.

נאָך דער וועטשערע האָבן אַלע ווידער זיך געלאָזט אין יענעם צימער, ווו מ'האָט גע־וואָלט פאַרזעצן די שפּיל אין קאָרטן.

— איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש, זייט אַזוי־פיל גוט, — טוט אים אַ רוף שאָלעם־אַליכעם.

— מאַנטשיק, — זאָגט יאַשפּע, — סמועס זיך דורך מיטן הער ראַבינאָוויץ וועגן נאָ־ענטסטן פּלאַטעזש.

דער יונגערמאַן טוט זייער מאָדנע אַ דריי דעם האַלדז אינעם ענגן קאָלנער און וויל אָנעמען שאָלעם־אַליכעמען אונטערן אָרעם. אָבער דער שרייבער האָט זיך ניט געלאָזט און אים אָפּגעשטויסן פון זיך.

— איך דאַרף ריידן מיט דיין פאָטער, נישט מיט דיר.

— דער פּאַפּאַ איז פאַרנומען, איר זעט דאָך... ער וועט מיט אייך איצטער נישט ריידן, — האָט פרעך געענטפערט מאַנטשיק.

— נישקאָשע, דיין פּאַפּאַ וועט מאָרגן צו מיר אליין קומען. זאָג אים, אַז איך וועל לאָזן פּראָטעסטירן דעם צווייטן וועקסל.

— איר וועט דאָס נישט טאָן, פאַני ראַבינאָוויטש.

— איר וועט שוין אַ סימען האָבן... — און שאָלעם־אַליכעם האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

אין פאָדערצימער האָט די מאַדאַם יאַשפּע מיט איר ברייטן קערפּער פאַרשטעלט דעם וועג שאָלעם־אַליכעמען.

— גאָטעניו מיינער, איר זעט דאָך, אַז איליאַ איז פאַרנומען, וואָזשע איז עס אַ מענטש אַזוי גייציק. האָט קיין פאַריבל נישט... — גיט זי צו שוין ווייכער.

אין דרויסן האָט אַ קילקייט אַרומגענומען שאָלעם־אַליכעמען. אַריבערגעטראָטן די שוועל פון זיין שטוב, האָט ער זיך געלאָזט אין שלאָף־צימער.

— ביבציע, דו שלאָפסט? — האָט ער אַרויסגעטאָטעמט. — איך בין מיעס דורכגעפאַלן. יאַשפּע האָט אָנגעזעצט, אופגעהערט צו צאָלן לויט זיינע וועקסלען. און אַלץ איז פאַרפאַלן...

די בירזשע און די צענזור

מאמעש א שטורעם האָט אויסגעבראָכן אין די קיִעווער בירזשע־קרײַזן. און מער פון אלע האָט געפּילדערט מייער שפּאַן. ער איז גלײַך אוועקגעלאָפן אַף די ליפקעס צו זײַן קאָמ־פּאַניאָן — צו איליא קאָנסטאַנטינאָוויטש יאַשפּע.

גלײַך פון דער שוועל איז שפּאַן ארויס מיט לאַשן:

— איר רײַכערט זיך רויק אײַער ליולקע. א גליקלעכער מענטש, בענעמאָנעס. נאַט, לייענט! — ער שלעפּט ארויס פון בוזעם־קעשענע א גאַנץ דיקע בראָשור און לייגט זי אַרײַן יאַשפּען אין די הענט אַרײַן.

— וואָס גיט איר מיר און וואָס איז עס? — יאַשפּע שטויסט אָפּ פון זיך דאָס ביכל, גלײַך ס׳זאָל זײַן עפּעס א געפערלעכע זאַך, וואָס אָט־אָט קאָן זי זיך אופרײַסן.

— נישקאָשע, נעמט און פאַרגינט זיך עס איבערלייענען.

— וואָס איז דאָס אזוינס, לאָמיך הערן.

— אין כיידער, איליא קאָנסטאַנטינאָוויטש, האָט מען אײַך נישט געלערנט דאַווענען?

— געלערנט, נאָר כ׳האָב שוין פאַרגעסן. פאַר מיר איז עס טאַרגעם־לאָשן.

— וואָס פאַר א טאַרגעם־לאָשן? „יאַקנעהאָז״ — אָט וואָס דאָס איז.

— וואָס פאַר א האָז מיט א נאָז?

— יאַקנעהאָז (יקנ״הז) — דאָס באַטײַט ייִן, קדוש, נר, הבדלה, זמן, — טײַטשט אויס שפּאַן דעם נאָמען פונעם ביכל און טרייסלט דערמיט יאַשפּען אין פּאָנעם אַרײַן. — דער נאָמען איז גאָרניט, סע באַטײַט שמיי־דריי קאָמבינאַציעס.

יאַשפּע ווענדט אָפּ דאָס פּאָנעם.

— דרייט מיר נישט קיין קעפּקע און לאָזט מיך צורו מיט אײַער טערקיש.

שפּאַן צעלאַכט זיך, דערנאָך זאָגט ער ערנסט:

— זעצט זיך צו, איליא קאָנסטאַנטינאָוויטש, און הערט אויס. אָט דאָס ביכעלע האָט אָנגעשריבן דער זעלביקער ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט אמאָל אליין זיך אויך געדרייט אַף דער בירזשע און דערנאָך איז אים נימעס געוואָרן אָט דאָס געשעפט. און אזויווי ער איז נאָך דערצו דער שרײַבער שאָלעם־אַלייכעם, האָט ער באַשפּיגן און באַכראַקעט אונדזערע געשעפטן און אונדז אליין — מיך און אײַך בעסויכעם... יאָ, יאָ, איליא קאָנסטאַנטינאָוויטש, וואָס סטאַרטשעט איר אַף מיר די אויגן, געערטער בירזשעוויק, הער גרײַגער.

— וואָס בין איך אײַך פאַר א גרײַגער? — שרײַט אויס יאַשפּע.

— אויב ניט גרײַגער, זענט איר פּײַפער.

— וואָס דאַבערט איר?

— נישט פּײַפער, זענט איר קנאַקניסל...

— וואָס בעבעט איר! — שרײַט נאָך שטאַרקער יאַשפּע.

— נישט קנאַקניסל, זענט איר פלוידערזאַק. אָט דאָ, — ער טײַטלט אָפּן ביכל, — זענט איר ארויסגעפּירט מיט אלע פּישטשעווקעס, און אויך אײַער מאַדאַם, וואָס האָט ליב זשור־פיקסלעך.

שפּאַן נעמט לייענען פון דער בראָשור.

— איך זאָג אײַך בענעמאָנעס, ס׳איז אײַער פלוינעסטע מיט די ביינער, הער יאַשפּע.

יאַשפּע ווערט נאָך מער דערצאָרנט:

— וואָס זענט איר געקומען מיר רעדן אין דער גאַל אַרײַן און וואָס ווילט איר פון מיר?

— אָ, דערפון האָט איר געדאַרפט אָנהייבן, איליא קאָנסטאַנטינאָוויטש. מייער שפּאַן איז, ווי איר ווייסט, נישט קיין ליידיקגייער. איך, אַז איך קום, הייסט עס, ס׳איז דאָ אַן איניען, און נאָך וואָס פאַר אַן איניען.

ביידע רוקן צו בענקלעך איינער צום צווייטן.

— איר זעט אָט דאָס ביכעלע? — זאָגט שפּאַן. — איז כאָטש ס׳איז שוין אָפּגעדרוקט, דאַרף עס נישט דערזען די ליכטיקע שײַן. איך זאָג אײַך, אַז מע טאָר נישט דערלאָזן, אַז די דאָזיקע פּאַסקודסטווע זאָל דערשײַנען. ס׳איז קראַמאָלע, איך קאָן עס דערווײַזן און באַגראָבן אים איינעם מיט זײַן בראָשור. הערט נאָר א פּאָטעפּאַלנעסט פון א פּאַטשקון — אזוי אויס־שמירן אונדז, הערט זיך נאָר אײַן!

— דאָס ביכעלע, זאָגט איר, דאַרף נישט דערלעבן זען די שײַן? נישקאָשע, איך האָב אַן אייצע. ווער איז צענזאָר בא אונדז אין קיִעוו?

— צענזאָר? — פאַרקלערט זיך שפּאַן. זײַנע אויגן בליצן אויף, ער גלעט די געגאָלטע באַקן. — איך פאַרשטיי, וואָס איר מיינט.

— אָט אַזוי זענט איר אַף אַ דרעך. איצט הערט מיך אויס. בײַ אונדז אין קיִעוו איז פאַראַן אַן אינספּעקטאָר איבער דרוקערײַען און ביכער־קראָמען. ער איז מײַנער אַ באַקאַנטער. וועט איר צו אים גיין פון מײַן נאָמען, פון אונדזער אַלעמענס נאָמען...

— ער איז דאָך נישט דער צענזאָר, — באַמערקט שפּאַן.

— כאַפּט נישט, אַז דער דאָזיקער אינספּעקטאָר וועט זיך וועגדן מיט אַ יעדידע־בריוועלע מיקויעך ראַבינאָוויטשעס בראָשור צום ייִדישן צענזאָר... מיין איך, אַז דער צענזאָר וועט שוין געפינען, וואָס עס איז נייטיק פאַר אַזעלכע ייִדן, ווי מיר... אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ, — דער פּאָדריאַטשיק שמייכלט פון אַ געדאַנק, וואָס איז אים אָקאָרשט אײַנגעפאַלן. — הערט זיך אײַן, שפּאַן, — און יאַשפּע קוקט זיך אַרום, דערנאָך רוימט ער אײַן שפּאַנען אַ סאָד אַפן אויער. זײַנע אויגן פלאַמען דערבײַ, און די נאָזלעכער צעבלאָזן זיך אַזוי ווי בײַ אַ ווילדער כײַע.

בײַ שפּאַנען ציט זיך אַזש אויס דאָס פּאָנעם פון פאַרגעניגן, און ער צעלאַכט זיך.

— אױ, זענט איר אַ מאַמזער, איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש! איך האַנדל מיט אײַך אַזויפיל יאָרן און האָב נישט געוווּסט, אַז איר פאַרשטייט אַ געשעפט...

— וואָס זשע מיינט איר? דאָס בעסטע מיטל איז געבן יענעם צו דערפילן ביז דער זיבעטער ריפּ... נאָר ווו נעמט מען גאַלאַנטאָנעס? מע דאַרף האָבן גוטע יאַדאַיִם, אַז פון איין קוועטש זאָל אײַער שאָלעם־אַלייכעמען פאַרקלעמען אונטערן האַרצן, ער זאָל פאַרזאָגן אַ צענטן.

יאַשפּע מאַכט אַ פּויזע און טוט אַ קוק אַף זײַן קאָמפּאַניאָן מיט יענעם קוקעלע, וואָס זאָגט: איר פאַרשטייט מיך, צי איר זענט אַ מעלופן־קינד?

— איך פאַרשטיי, איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש, כ׳פאַרשטיי...

— ניט פּלעטן, כאָלילע, דעם קאָפּ, — כאַפּט אונטער יאַשפּע, — ניין, דאָס דאַרף מען נישט, אָבער געבן אים איבער די הענט... און דאָס... וועט איר נעמען אַף זיך, שפּאַן. געפינט גאַלאַנטאָנעס, לאָזט זיך קאָסטן...

אַן אופגעלייגטער איז מייער שפּאַן אַרויס פון יאַשפּען.

דער קיִעווער אינספּעקטאָר פאַר דרוקערײַען און ביכער־קראָמען האָט זיך גאָר נישט געריכט אַף אַזאַ קאַוועד — אַז צו אים זאָל קומען מיט אַ וויזיט מייער שפּאַן. צוערשט האָט ער איבערגעגעבן אַ גרוס פון איליאַ קאָנסטאַנטינאָוויטש יאַשפּען און דערנאָך גלײַך צוגעטראָטן צום איניען. שפּאַן האָט אים אויסגעלייגט די מײַסע אַף אַזאַ אויפן, אַז, קלוימערשט, אים, דעם אינספּעקטאָר, דראָעט אַ געפאַר.

— וואָס פאַר אַ געפאַר? — פאַרשטייט ניט דער אינספּעקטאָר.

— עס ווערט פאַרשוועכט די רעליגיע, עמעס, די ייִדישע, אָבער דאָס ברענגט דערצו, אַז מענטשן פאַרגעסן אין גאָט. און אַז זיי פאַרגעסן אין גאָט, ווערן בײַ זיי געבוירן געדאַנקען קעגן דעם מוישל אַף דער ערד — קעגן דעם קייסער אַליין...

דאָס איז דערוויַיל געווען דער ערשטער טראָט, וואָס די קיִעווער בירזשעוויקעס האָבן פּירגענומען.

איצט איז געבליבן נאָך איבעריידן מיטן צענזאָר. דער ייִדישער צענזאָר אין קיִעוו איז דעמלט געווען איינער אַן עלטערער מענטש, וואָס פלעגט אָן שום מעניִע דורכלאָזן ייִדישע רעליגיִעזע ספאָרים, צו זשאַרגאָן־ביכער האָט ער זיך באַצויגן מיט געוויסער צוריקגעהאַלטנקײַט. שאָלעם־אַלייכעמען האָט ער געקענט און בעפּיירעש געהאַלטן פון דעם שרײַבער־הומאָריסט.

אַף דער צענזור־שטעלע אין קיִעוו האָט אים געהאָלפן זיך אײַנאָרדענען דער אָדעסער צענזאָר יויסעף־יעהודע לערנער, דער זעלבער, וואָס איז פיל מאָל אַרויסגעטראָטן אין פּעטערבורגער „יודישעס פאָלקס־בלאַט״ אונטערן פּסעוודאָנים יויסעף־יויעל הערדנער קעגן שאָלעם־אַלייכעמען און זײַנע ליטעראַרישע אופטוען. דער קיִעווער צענזאָר האָט זיך איבערגעשריבן מיט לערנערן און אָפּטמאָל זיך געייעצט מיט אים וועגן פאַרשיידענע פּראַגן.

איצט, ווען לערנער האָט באַקומען אַ בריוול פון זײַן קיִעווער קאָלעגע וועגן דער בראָשור „יאַקנעהאָז״, האָט ער זיך דערפרייט, ער האָט גלײַך צונויפגעשטעלט אַ פּאַפּיר און איבערגעשיקט זײַן קאָלעגע קיין קיִעוו, אַז יענער זאָל איבערגעבן דעם אָרטיקן אינספּעקטאָר פאַר דרוקערײַען און ביכער־קראָמען. דער פּאַפּיר איז געווען צונויפגעשטעלט אין ערעך אין אַזאַ נוסעך:

„איך האָב די ערע מיטצוטיילן, אז די צוגעשיקטע בראָשור אף דעם יידישן זשאַרגאָן אונטערן נאָמען „יאַקנעהאָז" שטעלט מיט זיך פאָר א פּאַמפלעט וועגן אָרנטלעכע געשעפט־קרייזן, וועגן מענטשן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרשפּרייטן אונדזער פּאַטרלענדישן האנדל און ווירקן מיט דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. די ווערט־פּאַפּירן, די אקציעס, מיט וועלכע די דאָזיקע געשעפט־לײַט האנדלען, גייען אומיטלבאַר אף צו אנטוויקלען די אונטער־נעמונגען פונעם רוסישן מאַרק.

דער אווטאָר פון דער בראָשור האָט אף אן אומפאַרשעמטן, ניט דערלאָזבארן אויפן באַ־שמוצט און געטריבן רעכילעס אף אָרנטלעכע מענטשן, אף זייער שטייגער און זיטן. דער אווטאָר האָט ארײַנגעלייגט אין מויל פון איינעם פון די פּערסאָנאַזשן, שמועל פּאַסטערנאַק, פאַרקריפּלטע אמעראַצישע פּסוקים, וואָס זײַנען א כילעל־האַקוידעש קעגן טאַנאַך. דאָס רופט צום ווידערשפּעניקן אין גאָט און רײַסט ארונטער די יעסוידעס פון רעליגיע און זיטלעכקײַט פונעם יידישן פאָלק. איבער זייער פּאַסקווילישן טאָן און אנטימאָראַלישן אינהאַלט טאָרן אזעלכע בראָשורן ניט פאַרשפּרייט ווערן".

באקומען פון זײַן אַדעסער קאָלעגע דעם פּראָיעקט פאַר א בריוו צום אינספּעקטאָר, האָט דער קיִעווער צענזאָר לאַנג ניט געטראַכט, אים איבערגעשריבן מיט זײַן ציטערדיקן קסאַוו און אוועקגעשיקט צום אינספּעקטאָר. יענער, פון זײַן זײַט, האָט איבערגעשיקט דעם בריוו אין קאַנצעליאַריע פונעם קיִעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר.

ביז די מעסירע איז דערגאַנגען צום אדרעסאַט, איז דערווײַל מיט שאָלעם־אַלייכעמען געשען אָט וואָס:

לויט זײַן טעווע, פלעגט ער פאָרן שלאָף ארויסכאַפּן זיך אף א שפּאַציר פון ביביקאָוו־בולוואַר. דאָרט פלעגט ער באַקלערן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַרן טאָג און וואָס ער האָט צו טאָן אף מאָרגן. אין דעם אָוונט איז ער געווען באַזונדערס אופגעלייגט. א וווּנדער־לעכער סוזשעט באַמבלט זיך אים אין קאָפּ, א סוזשעט, וואָס איז פאַרבונדן מיט זײַן אַלטן פרײַנט טעוויע דער מילכיקער, ער מיינט אָנשרײַבן וועגן אים א גאַנצן בוך. דער דאָזיקער מילכיקער פאַרקערפּערט אין זיך דאָס בעסטע פון זײַן פאָלק, און אלס אזעלכן וועט דער שרײַבער אים שילדערן אין זײַן קינפטיק ווערק...

דער שרײַבער שפּאַצירט זיך אזוי איבערן בולוואַר. ס'איז שוין שפּעט — האַלבע נאַכט. ער קוקט זיך ארום — ארום איז פּוסט, קיין איין לעבעדיקער מענטש, בלויז ביימער, וואָס הייבן שוין אָן צו וועלקן אין דעם האַרבסטיקן אָוונט.

פּלוצעם דערזעט ער צוויי פאַרשוינען, וואָס גייען אים אנטקעגן. בא דער בלאַסער שײַן פון א ווײַטן לאַמטערן באַמערקט דער שרײַבער, ווי זיי וואַקלען זיך. „שיקורים" — טוט ער א קלער. נאָר דאָס זײַנען ווײַט ניט געווען קיין שיקורים. ווען זיי האָבן זיך אויסגעגלײַכט מיט שאָלעם־אַלייכעמען, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.

— דו, היי, מיטן קאַפּעליוש! — דערהערט ער א געשריי.

דער שרײַבער וויל אָפּגיין פון זיי, אָבער זיי פאַרשטעלן אים דעם וועג.

— ראַבינאָוויטש? — פרעגט איינער.

— וואָס ווילט איר?

אָנשטאָט אן ענטפער באַקומט שאָלעם־אַלייכעם עטלעכע סטוסאַקעס. די ערשטע רעגעס האָט ער זיך פאַרלוירן, אָבער גלײַך פאַרהויבן דאָס שטעקל און שווער אראָפּגעלאָזט עס איבער איינעמס קאָפּ. דאַן האָבן ביידע פאַרשוינען אָנגעכאַפּט דעם שרײַבער פאַר די הענט און מיט אַלע קויכעס געדרייט זיי, ביז דאָס שטעקל איז ארויסגעפאַלן אף דער ערד. בייס די פאַר־שוינען האָבן אים געשלאָגן, האָבן זיי עפּעס געשטאַמלט, דער שרײַבער האָט בלויז דערהערט: „אָט האָסטו דיר פאַר דײַן „יאַקנעהאָז"...

שאָלעם־אַלייכעם האָט געוואָלט אופהייבן דאָס שטעקל, נאָר די הענט האָבן אים ניט געפאָלגט. ווי־ס'ניט־איז האָט ער זיך דערקליבן אהיים. זיך ארײַנגעוואַלגערט אין בעט. אָלגע מיכײַלאָוונע האָט געוואָלט ארויסרופן א דאָקטער, נאָר שאָלעם־אַלייכעם האָט ניט געלאָזט.

די איבערגעשראָקענע אָלגע מיכײַלאָוונע האָט עטוואָס זיך באַרויִקט, ווען דער מאַן האָט מיט דער אינטאָנאַציע, וואָס איז נאָר פאַר אים אייגנטימלעך, אָנגעהויבן ריידן:

— אהאַ, א מיצווע אף דיר: ווערסטו האָבן צו טאָן מיט ספּעקוליאַנטן, מיט בלוטזויגערס — ווערסטו כאַפּן איבער די הענט. לינעצקין האָבן די פרומאַקעס געוואָלט ארײַנוואַרפן אין טײַך בוג פאַר זײַן בוך „דאָס פּוילישע יינגל", און מיט מיר האָט מען אף אן אנדער אויפן זיך צערעכנט פאַר „יאַקנעהאָז". ריכטיק, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, שטופּט נישט אײַער נאָז צווישן די בירזשע־גאַנאָווים.

— לאָמיך בעסער א קוק טאָן אױף דײַנע הענט, אָראטאָר מײַנער, — אָלגע בײַט איבער די נאסע האנטעכער אױף די הענט, קוקט מיט ליבע דעם מאן אין די אויגן.

— נארישקײַטן, ס'איז גאָרניט. מײַנסט, איך האָב נישט געגעבן קײן רעשט? מעגסט זיך פארלאָזן אױף מיר.

— אָ, דו ביסט בא מיר א העלד. וואָס זשע, איך קען דיך ניט.

— הערסט, אָלגע, דאכט זיך, אז דו ביסט גאָר דער הומאָריסט, ניט איך.

— ווען ס'זאָל זײַן אזוי, פארוואָס האָבן זײ געגעבן איבער די הענט דיר, ניט מיר?

אינגיכן נאָך דער דאָזיקער געשעעניש איז צו שאָלעם־עליכעמען דערגאנגען, אז זײַן „יאקנעהאָז" האָט די צענזור פארבאָטן.

דער שרײַבער איז טײקעף אוועק צום צענזאָר, צו דער געבײַדע, וואָס געפינט זיך אנט־קעגן דעם מאָנומענט פון באָגדאן כמעלניצקין. די לאנגע דרײַשטאָקיקע געבײַדע האָט מיט איר אויסזען אנגעווייעט אױף די קיִעווער אײַנוווינער אומעט. דאָ איז אין איינעם פון די פיל־צאָליקע צימערן אפן צווייטן שטאָק געזעסן אן אלטער גראָוער מאן, ארומגערינגלט מיט פיל ספאָרים. דער מענטש איז געווען אזוי פארטאָן אין די פאפירן, אז ער האָט אפילו ניט בא־מערקט, ווי דער שרײַבער איז ארײַנגעקומען.

דערזען שאָלעם־אליכעמען, האָט דער צענזאָר אוועקגעלייגט דאָס הענטלפען און אראָפּ־געלאָזט די אויגן.

— הער צענזאָר, זאָגט מיר אָפן, פארוואָס איז פארבאָטן מײַן „יאקנעהאָז"? — שאָלעם־אליכעם זעט, ווי יענער מינעט זיך. דערנאָך זאָגט דער צענזאָר אָן כיישעק:

— איך קאָן אײַך נישט זאָגן פארוואָס, נאָר די בראָשור איז פארבאָטן צום ארויסלאָזן זי פארן לייענער.

— איר זענט מעכוייעוו מיר צו זאָגן די סיבע, — באשטייט שאָלעם־אליכעם אױף זײַניקן.

— איר קענט דאָך מיך, הער ראבינאָוויטש, — זאָגט ער שטיל, — איך האָב אײַך קײנמאָל נישט געשטערט קומען צו דער עפנטלעכקײַט. דערמאָנט זיך — אין אײַער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק", אין „שאָמערס מישפּעט" און... — ער איז שטיל געבליבן.

— און איצט פארוואָס שטערט איר?

— איצט... ניט איך...

— איז ווער? איך דארף דאָס וויסן. איך פאָדער פון אײַך א פאפיר, וווּ ס'זאָל שווארץ אױף ווײַס זײַן אָנגעשריבן די סיבע, פארוואָס איר האָט פארבאָטן מײַן פיעסע.

— הערט אויס, שאָלעם־אליכעם, — פרווט דער צענזאָר רעדן ווייכער, — דאָס גייט ניט ארײַן אין מײַנע פונקציעס. איר קאָנט זיך ווענדן וווהין איר ווילט.

פון אופרעגונג האָט באם צענזאָר זיך אָנגעבלאָזן א בלאָווער אָדער אפן שטערן, די הענט האָבן בא אים געציטערט. ער מאכט אוף דאָס טיש־קעסטל, שלעפּט ארויס א פאפיר און בא־ווײַזט דעם שרײַבער די באשטימונג אין דעם זעלביקן נוסעך, וואָס לערנער האָט צוגעשיקט פון אָדעס.

א שנײַדער פון פאָדאָל

בא קיינעם פון די יידישע שרײַבער אין רוסלאנד איז דאָס לעבן ניט געווען אזוי טעטיק און אָנגעזעטיקט, ווי בא שאָלעם־אליכעמען. און געוויס האָט קיין איינער פון זיי ניט איבערגעלעבט אזעלכע ביטערע טעג, ווי ער. אליִעס און יערידעס, פרייד און אופטרייסלונ־גען — אלץ איז געווען אױף זײַן לעבנס־וועג. אויך מיט דער צענזור האָט קיינער אזוי ניט געהאט צו טאָן, ווי שאָלעם־אליכעם. דאָס אלץ האָט געווירקט אױף אים און אונטערגעריסן זײַנע קויכעס. פלעגט ער טאָקע איבער דעם קרענקען.

אויך נאָך דער געשיכטע מיט „יאקנעהאָז" איז ער פארשלאָפט געוואָרן.

די געשיכטע מיטן פארבאָטן די פיעסע איז באוווּסט געוואָרן פאר זייער א סאך מענטשן אין שטאָט. מע האָט אויך געוווּסט, פארוואָס מ'האָט שאָלעם־אליכעמען אָנגעבראכן די ביינער. ס'האָבן זיך געפונען אזעלכע, וואָס האָבן זיך געקילט דאָס הארץ: א מיצווע אױף אים, זאָל ער ניט פאטשקען קיין כאשעווע מענטשן. נאָר די עמעסע פארערער פון שאָלעם־אליכעמס טאַ־לאנט זײַנען געווען אופגעבראכט און מיטגעפילט דעם באליבטן שרײַבער.

אין איינעם פון די טעג, ווען שאָלעם־אליכעם איז געווען צוגעשמידט צום בעט, האָט עמעצער אָנגעקלאפּט אין טיר פון זײַן וווינונג. אין פאָדערצימער איז ארײַנגעקומען א מענטש אין פאשעטע קליידער. „געוויס, ווען עפּעס א טויווע" — האָט באשלאָסן אָלגע מיכײַלאָוונע.

צו שאָלעם-אַלייכעמען פלעגן אָפּט זיך ווענדן נאָך הילף באַלמעלאָכעס, אַרעמעלײַט, וועלכע האָבן אין אים געזען זייער באַשיצער.

מיט אַ באַזונדער מין וואַרעמקײַט האָט דער באַזוכער זיך נאָכגעפרעגט וועגן שרײַבערס געזונט און אויך געפרעגט, צי קאָן מען אים זען.

אַלגע מיכײַלאָווגע האָט אַרײַנגעפירט דעם אומבאַקאַנטן צום מאַן.

— איך הייס שלוימעס. אַ שנײַדער פון פּאָדאָל, — האָט ער האַלב-שעמעוודיק געזאָגט. — דעריקער בין איך אַ וואָיענע שנײַדער, נאָר איך ניי אויך פּרויען-קליידער. וועט איר פרעגן, צוליב וואָס דערצייל איך אײַך וועגן מײַן מעלאָכע? מע דאַרף דאָך זיך פאַרשטעלן פאַר אײַך... כ'בין געקומען אויסדריקן מײַן צאָרן איבער דעם שפּיצל פון די כוליגאַנעס. אײַער געזונט באַאומרויִקט דעם אוילעם.

— האָט קיין יעסורים ניט, — האָט שאָלעם-אַלייכעם געענטפערט אופגעלייגט, — ווי איר זעט, בין איך געזונט, — אַ ווייכער שמייכל האָט באַלויכטן זײַן אָפּגעצערט פּאָנעם. — עטוואָס לוי-אַלייכעמדיק, אָבער דאָס איז דעריקער פון פאַרדראָס. קלײניקײַטן, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך ליג און לייען. ווי איר זעט, שרײַב איך אויך צו ביסלעך. און אײַך דאַנק איך זייער.

— פאַר וואָס? — האָט אופגעפלאַמט דער שנײַדער.

געררירט פון דער אופמערקזאַמקײַט, האָט שאָלעם-אַלייכעם זיך אופגעהויבן פון בעט, אָנגעטאָן די שטעקשיך און צוגעגאַנגען צו דער ביכער-שאַפע. אַרויסבאַקומען פון דאָרט איינס פון זײַנע ביכלעך, האָט ער מיט זײַן שיינעם דריבנעם קסאַוו געמאַכט אַן אופשריפט.

— וועלן מיר זײַן מיט אײַך באַקאַנט, — דער שרײַבער האָט דערלאַנגט דעם געקומענעם דאָס ביכל.

— הינטער די אויגן בין איך שוין לאַנג מיט אײַך באַקאַנט, פּאַני שאָלעם-אַלייכעם.

— דאָס איז דאָך הינטער די אויגן... און איצט איז פאַרגעקומען די פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט.

דער שרײַבער זעצט זיך אוועק אַנטקעגן דעם שנײַדער.

— שוין לאַנג וווינט איר אין קיִעוו? — האָט ער געפרעגט. — וויאַזוי האָט איר באַקומען וווינרעכט?

— מיט מײַן פּראַוואָזשיטעלסטווע איז אַ גאַנצע געשיכטע, — צעשמייכלט ער זיך. — כ'האָב געוווינט אין אַ קליין שטעטל. איינמאָל האָב איך געניייט איינעם אַ קיִעווער פּאָלקאָווניק אַ שינעל, און זי איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. „מיט וואָס זאָל איך אײַך אָפּדאַנקען, הער שליאָמע?״ — האָט מיך געפרעגט דער פּאָלקאָווניק. מיט וואָס? — פרעג איך איבער. — איך פאַרמאָג מײַן אייגנס אַ זון, — זאָג איך, — וויל ער זייער זיך לערנען. איז ווען ער זאָל קאָנען אַרײַן אין גימנאַזיע... — דער פּאָלקאָווניק האָט זיך פאַרכידעשט: — „צוליב וואָס דאַרפסטו לערנען דײַן זון, שליאָמע? ביסט אַזוי אָרעם״. — „דאָס איז גאָרניט, וואָס איך בין אָרעם, — ענטפער איך אים, — איך האָב שטאַרקע הענט, איר זעט אַליין, ווי איך קאָן נייען. אַ פינצטערער בין איך — דאָס יאָ. וויל איך דעם זון עפענען די אויגן אויף דער וועלט, זאָל ער וויסן און פאַרשטיין מער פון מיר...״ ווייסט איר, וואָס מיר האָט געענטפערט דער פּאָלקאָווניק? — „דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע איז מײַנער אַ גוטערפרײַנט, וועל איך בא אים אַלץ קאָנען פועלן״. דערבײַ האָט ער מיטן פינגער אַ רוף געטאָן מײַן ייִנגל און צו אים געזאָגט: „אויב דו וועסט זיך לערנען אויף אַלע פינפן, וועל איך דיך אויסטראָיען אין אַ קיִעווער גימנאַזיע״. מײַן ייִנגל האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעזאָגט. און אָט לערנט ער זיך אין גימנאַזיע און בעפּיירעש אויף אַלע פינפן. און קאַלזמאַן מײַן זון איז אַ גימנאַזיסט, האָב איך שוין פּראַוואָזשיטעלסטווע.

דער שנײַדער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווײַטער דערציילט:

— דער דאָזיקער פּאָלקאָווניק האָט געגומען מיר נאַרײַען אַרבעט בא אַנדערע אָפיצערן פון זײַן פּאָלק, און אַזוי בין איך געוואָרן אַ וואָיענע שנײַדער אין קיִעוו. כוץ דעם, באַניי איך נאָך זייערע ווײַבער. איך האָב געמוזט גוט זיך אויסלערנען די דאָזיקע מעלאָכע, און קונציק אויסלערנען, די ווײַבער זאָלן בלײַבן צופרידן. דערפאַר לערנט זיך מײַן זינדל אין גימנאַזיע.

דער שרײַבער האָט מיט גרויסן אינטערעס אויסגעהערט די געשיכטע, וואָס זײַן גאַסט האָט אים דערציילט, דערנאָך זיך נאָכגעפרעגט וועגן שנײַדערס געזינדל.

— וועגן מײַן געזינדל ווילט איר וויסן, פּאַני שאָלעם-אַלייכעם... איך פאַרמאָג נאָך אַ זון, אַן עלטערן פון דעם, וואָס אין גימנאַזיע. און יענער איז מײַן אומגליק און מײַן צאַר. ס'הייסט, איך ווייס נישט, צי איז דאָס אַן אומגליק... ער זאָגט, אַז איך און די מאַמע, דאָס

ווײַב מײַנס, פֿאַרשטייען אים נישט. איך פֿאַרשטיי אים און וויל אים פֿאַרשטיין, נאָר דאָס לעבן פֿאַרשטייט אים ניט... ער האַלט זיך אין איין אײַנשטעלן פֿאַר יענעם, פֿאַר דער גאַנצער וועלט, גלײַך ווי ער זאָל האָבן געבוירן געוואָרן נישט באַ שלוימע דעם שנײַדער אין שטעטל בעלילאָווקע, נאָר באַ ראָטשילדן אין פּאַריז.

— וואָס עפּעס ראָטשילד?

— ווײַל ער טײַנעט, אַז ער וויל מענטשן גוטס טאָן, שאַפֿן פֿאַר זיי אַ גוט לעבן. מאַכ־טײַסע. ווי זאָגט עס אונדזער שאָלעם־אַלייכעם, אַז דו ווילסט יענעם אַ פֿײַג שטעלן, מוזסטו האָבן פֿינגער...

— וואָס ווילט איר דערמיט אויסברײַען? — צעשמייכלט זיך דער שרײַבער.

— איך וויל זאָגן, אַז גוטס איז גרינג צו טאָן, ווען מ׳האָט אַ פֿולן בײַטל מיט געלט אָדער כאָטש אַ רײַכע קאָנטע אין באַנק. ניט אַז מ׳איז נאַקעט און הויל.

דער שרײַבער שמייכלט אַלץ.

— לויט אײַער מיינונג, רעב שליאָמע, קומט אויס, אַז גוטס קאָן מען טאָן נאָר דאַן, ווען מע פֿאַרמאָגט געלט.

— אַנו, פּרוּווט נאָר עפּעס טאָן אָן געלט — וועט גאָרנישט ניט זײַן. דאָס הייסט, ס׳וועט זײַן, נאָר ווי באַ מײַן זון: אַרעסטן, זשאַנדאַרמען און טורמעס. — שלוימע קוקט פּאַרזיכטיק צו דער טיר. — קיינער הערט אונדז ניט? כ׳בין אַזוי אָנגעשראָקן, איר קאָנט זיך גאָר ניט פֿאָרשטעלן מײַן אומגליק. דער קלענערער זון, דער גימנאַזיסט, וואַרפֿט מיר אויס, אַז איך העלף ניט מיט דעם עלטערן זון. ווי־אַזוי זאָל איך אים העלפֿן, אַז איך זע אים גאָר קיינמאָל ניט אין די אויגן? אָט אַזוי באַווײַזט ער זיך פּלוצעם־דרײַנען. „פֿונוואַנען ביסטו געקומען, דאַ־ניעל?״ וועט ער אײַך נישט ענטפֿערן, ווי אַ מענטש. „פֿון דאָרטן״, וועט ער אין בעסטן פֿאַל זאָגן, און גיי זײַ אַ כאָכעם און טרעף, פֿונוואַנען איז עס דער „פֿון דאָרטן״. און וווהין — וועט ער אויך קיינמאָל ניט דערציילן. דאָס הייסט באַ זיי קאָנספּיראַציע. ווען איר זאָלט וויסן, פּאַני שאָלעם־אַלייכעם, וואָס פֿאַראַ גאָלדענע הענט ער פֿאַרמאָגט! ער איז אַ בעסערער באַלמע־לאָכע פֿון מיר.

— וווּ זשע איז ער איצט, אײַער דאַניעל?

— איך פֿרעג אײַך: ווו איז ער? ווען איך זאָל עס וויסן, וואָלט איך כאָטש געקאָנט טרייסטן מײַן ווײַב. די אויגן טריקענען זיך באַ איר ניט אויס. מײַן דאַניעל איז שוין, קיין אײַנהאָרע, אַלט פֿינף און צוואַנציק יאָר. באַ לײַטן האָט מען שוין אין זײַנע יאָרן אַ ווײַב, קינ־דערלעך, אַ גאַנץ געזינדל, ווי עס פּירט זיך אין אונדזער שטאַנד. און ער פֿליט אין די הימלען.

אַ רעגע איז שליאָמע שטיל געבליבן, דערנאָך צוגעגעבן:

— אָט האָט איר אײַך דאָס גליק פֿון אַן אַלטן שנײַדער. ווי געפֿעלט עס אײַך? — און ער האָט גענומען מישן די בלעטלעך פֿונעם ביכל, וואָס דער שרײַבער האָט אים געשענקט. אָפּגעדאַנקט פֿאַר דער מאַטאָנע, האָט שליאָמע זיך דערמאָנט, אַז ס׳וואַרטן שוין געוויס אויף אים זײַנע קונדן, און צוגעײַלט זיך אַהיים גיין.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער ווידער באַזוכט דעם שרײַבער, דאָס מאָל געקומען מיט אַ באַקאָשע.

— מיר, שנײַדער, — האָט ער דערציילט, — האָבן געגרינדעט אַ געזעלשאַפֿט פֿאַר הילף קאַלעס־יעסוימעס. ס׳איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך, וויפֿל ס׳האָט אָפּגעקאָסט געזונט, ביז מ׳האָט זיך דערשלאָגן אַ דערלויבעניש. הײַנט וויפֿל מי פֿאַרלוירן, ביז מ׳האָט צונויפֿגעזאַמלט די נייטיקע מיטלען. איר שפּילט זיך, וויפֿל ס׳איז פֿאַראַן נויטבאַדערפֿטיקע! אָבער עמעצער מוז דאָך זאָרגן וועגן אָרעמע יעסוימעס, העלפֿן זיי כאַסענע האָבן און ברענגען צו אַ שטאַנד. איז ווי קאָן מען כאַסענע האָבן אָן נאַדן? הײַנט ווו קריגט מען קאַפּיטאַל אויף פּראַוועון די כאַ־סענע? ווענדע איך זיך אַנומלטן צו איינעם אַ נאָגיד, ענטפֿערט ער מיר: „איר ווילט זײַן אַ פֿילאַנטראָפּ אויף יענעמס כעזשבן״. אַז איך ווייס אַפֿילע ניט, וואָס באַטײַט אַזאַ וואָרט. „איר ווילט, — זאָגט ער, — מיטהעלפֿן אָרעמע מיידלעך, איז גיט זיי פֿון אײַער קעשענע. און ווער דאַרף עס גאָר האָבן, זיי זאָלן כאַסענע האָבן, אײַערע יעסוימעס, און אָנפֿלאָדיען נײַע שלע־פּערס אויף אונדזערע קעפּ. גייט אײַך געזונטערהייט״. בין איך אַוועק פֿון דעם נאָגיד מיט אַ צעבראָכן האַרץ. און איצט וויל מען גאָר אײַנגאַנצן פֿאַרמאַכן אונדזער געזעלשאַפֿט. אָט אַן אומגליק!

— מיט וואָס זאָל איך אײַך העלפֿן? — פֿרעגט שאָלעם־אַלייכעם, קלאָרנדיק. — ערשטנס, וועלן מיר אָנהייבן דערפֿון, וואָס איך אַליין וועל אַרײַנטראָגן אַ פֿײַנע מאַטבייע אין אײַער קאַסע. — ער האָט אַרויסגענומען געלט פֿון אַ שופֿלאַד און דערלאַנגט דעם שנײַדער. —

צווייטנס, וועל איך אײַך געבן א צעטעלע צו מײַנעם א באקאנטן. ער וועט אײַך העלפן. און כוץ דעם, וועל איך אײַך אָנווײַזן מענטשן, וועלכע פארמאָגן ניט אזעלכע אכזאָריעסדיקע הערצער, ווי יענער נאָגיד... זאָגט מיר נאָר, איר גייט פאר אים עפּעס? — אינעם שרײַבערס אויגן האָבן אופגעפלאַמט צולאָכעסדיקע פײַערלעך.

— פאר אים אליין — ניט. איך ניי ניט קיין ציווילע קליידער, — ענטפערט שליאָמע. — נאָר זײַן ווײַב און די טאָכטער זײַנען מײַנע קונדן.

— זייער גוט. אז זיי וועלן בא אײַך עפּעס באשטעלן, זאָלט איר פון זיי אָפּרײַסן די הויט און זיי דערקלערן, פארוואָס איר טוט עס. וועלן זיי קאָנען אופווירקן אף זייער רײַכן און זשעדנעם מאן און פאָטער, — האָט שאָלעם-אליי‍כעם געלאכט.

— ריכטיק, — צעשמייכלט זיך דער שנײַדער, — איר האָט אין מיר ארײַנגעהויכט א נײַע נעשאָמע. א דאנק פאר אלץ און פאר אן אייצע טויווע.

— נאָר ניט ארויפפאלן בא זיך. קליינמוטיקײַט, טרויער — איז דאָס ערגסטע, — טרייסט אים דער שרײַבער און באגלייט זײַן נײַעם באקאנטן ביז דער טיר. — זאָגט מיר נאָר, איך בעט אײַך, וואָס איז מיט אײַער עלטערן זון?

— דאניִעל? קיין שום יעדיִעס, איין גאָט ווייסט. — און נאָך א קליינער פויזע: — און עפּשער ווייסט גאָט אליין אויך נישט...

(סאָף קומט)

הירש בלאַשטיין

געלײַטערט

ליטע — מײַן וויגלאַנד

ליטע — מײַן וויגלאַנד, מײַן קינדהייט, מײַן יוגנט,
ווו ס'האָט זיך מײַן כאָלעם מײַן ערשטער געלײַטערט
אין טיגל פון דאָרשט-בראַנד נאָך יוישער און עמעס.
עס לויפן די יאָרן — די האַסטיקע צוגן!
איך האָב שוין פון לאַנג דיך פאַרלאָזט, זיך דערווײַטערט
פון ברעגן ווילײַעס, פון ברעגן דעם ניעמאַנס.
נאָר ס'טרעפט אַזוי אָפט: דורכן מענטשן-געווימל
טוט ליב מיר אַ שמייכל, מײַן וויגלאַנד — דײַן הימל.
און ס'דוכט זיך מיר אָפט, אַז דו האַלטסט מיך באַם אָרעם
און טוסט מיך באַגלייטן דורך טרוימען און לידער.
דו היטסט דאָך ביז הײַנט מײַנע קינדערשע יאָרן,
און נאָענט פון זיי — מײַנע לײַבלעכע קוואָרים.
און דײַנער אַ דעמב מיט פאַרמאַכיקטע גלידער
באַם שטעטל, וואָס לאַנג שוין אַ גרויסשטאָט געוואָרן,
כ'געדענק נאָך, ווי ס'איז מיר אַמאָל אין זײַן שאָטן
מײַן ערשטלינג-געדיכט צו פאַרגראַמען געראָטן.

כ'האָב טרײַ דורכגעטראָגן דורך וועגן פון וואַנדער
מײַן ליטווישע היים, האָב איר לידער געשריבן.
געבענטשט זײַ, מײַן וויגלאַנד! אין שײַן פונעם שטערן,
דעם העלסטן — דעם רויטן, דו בליסט זיך פאַנאַנדער.
זאָל קיינמאָל דײַן אויג מער קיין טרויער באַטריבן,
זאָל קיינמאָל דײַן פרייד דיר געמינערט ניט ווערן!

* * *

זאָגן איך דעם עמעס, ברידער, —
כ'האָב ניט זייער ליב די לידער,
וואָס זיי נעמען באַ דעם שטייגער
בלויז די שאָ, וואָס ווײַזט דער
זייגער;

און זיי קענען ניט אַ פלי טאָן
מיט די קורצע פליגל העכער
פון די נידעריקע דעכער;
און זיי קענען ניט אַ טריט טאָן

ווײַטער פון די שטילע שטיבער;
און זיי קענען ניט אַריבער
איבער שמאָלער טאָג-האַצלאָכע —
זיך אַ הייב טאָן, און דערגרייכן
צו די הייכן,
צו דעם קאָסמאָס
פון עפּאָכע,
וועלכער זעט זיך דאָך אַפילע
אין אַ קליינער שאָ אַ שטילער...

* * *

דעם דיכטערס וועלט
איז א רעשוס־האָראַבים,
זײַן יעדע ליד —
א טיר, צעעפנט ברייט.
מיט שטילן שמייכל רוף איך:
— אדעראבע,
קומט און טיילט מיט מיר
מײַן בענקשאפט און מײַן פרייד!

נישטאָ אין מיר קיין איין פארהוילן
ווינקל, —
דער מוזע אײַנהאלטן א סאָד איז
שווער, —
ביז ס'וועט אין אויג אירס
טאָן א לעצטן פינקל
איר לעצטע אָוונט־ליכט,
איר לעצטע טרער.

גרויסע אויגן

פליט דער פויגל —
וויל איך פליִען,
זינגט דער פויגל —
כ'פּרוּוו מײַן שטימע...
אוי, די טיפע הימלען ציִען,
און ס'איז גאָר דער וואלד — איין הימען!

נאָר אומזיסט! —
כ'האָב ניט קיין פליגל,
נישט קיין שטים,
מײַן ליבער פויגל.
אָבער נאָך, ווײַזט אויס, אין וויגל
כ'האָב געהאט שוין גרויסע אויגן...

ווינטער

...דו פרעגסט, ווי כ'לעב, ווי פיל איך מיך,
וואָס הערט זיך,
צי בין איך ניט צעקריגט מיט שניי און פראָסט?
איז הער:
די פענצטער מײַנע זײַנען
גוט באגלאָזט,
און מײַנע צימערן עס האָבן הייסע הערצער.
די אויוונס מײַנע הייצט דאשאווער גאז
און לאָזט די שויבן ניט
פארפרוירן ווערן.
איך קען באנאכט זיך זען מיט ווײַטע שטערן,
און אלעמאָל איך האָב קאָנטאקט
מיט וועלט און גאס —
און כ'פיל בא זיך אין אלע צעלן און געוועבן
די הויך־טעמפּעראטור פון אונדזער לעבן.

דו ווייסט דאָך:
איך אליין קען קיינמאָל בלײַבן קיל,
און גלײַכגילט האָב איך פײַנט
מיט הייסן צאָרן,
און שניי כ'האָב ליב, ווי אין די קינדער־
יאָרן,
ווי שניי אליין האָט ליב
צו זײַן אין קינדער־שפּיל.
און אָפט איך גיי ארויס,
און מיטן ראשן ריטם
פון גאס — איך לאָז מיך גיין,
און ס'ווערט דער פראָסט ניט קאלט...
צי איז דעם אלטן בוים דען קאלט אינמיטן
וואלד,
ווען ווינט מיט זילבער־קאָנפעטי באשיט אים?

גענארט האָט ניט די מאמע

מיט ערשטן עפן פונעם אויג,
מיט ערשטן קלאנג אין אויער —
די גרויסע וועלט, די שיינע וועלט
צעפּראלט פאר אונדז איר טויער,
און ס'זאָגט די מאמע אונדז אזוי:
די ערד איז גרין, דער הימל — בלוי

און זיבנפארביק שטראלט,
און טויזנטקלאנגיק איז דער וואלד,
און בלומענרײַך די לאָנקע, —
איז גיי, מײַן קינד, אין וועלט ארײַן,
און זאָלסט געזונט און שטארק מיר זײַן,
זאָל זײַן געבענטשט דײַן אָנקום!

און לאַנג נאָך איז אונדז גוט און ווויל:
מיר גלייבן, אז דער מאַמעס מויל
געוועלטיקט איבער גאָר דער וועלט!
און פּלוצעם... אפן פרײַען פעלד
עס טרעפט דיך א געוויטער,
צי ס'האָט א שלעכטער „פעטער" זיך
מיט דיר גערייצט, און ער האָט דיך
דערפירט ביז טרערן ביטער...
און מאַלע וואָס עס האָט דערנאָך
מיט דיר געקאָנט זיך טרעפן! —

און דו האָסט דײַנע אויגן ברייט
און ווייטעקפול צעעפנט,
ווען ס'לעבן האָט זיך ניט געלאָזט,
ווי דו געוואָלט האָסט, גראַמען...
און ס'איז געווען דיר קאַלט און הייס...
אוי, זײַ ניט אָף דער מאַמען בייז:
גענאַרט האָט ניט די מאַמע.
זי האָט דיך אויסגעלערנט גיין? —
באַשולדיק איצט דײַן פוס אליין...

מאַדע

א מיידל א שלאַנקס איז
דורך ברייטער אלייע געגאַנגען,
און הונדערטער אויגן זי האָבן
פאַרווונדערט באַגלייט:
שוין לאַנג ניט געזען דאָ
צוויי צעפּ אָט אַזעלכענע לאַנגע,
וואָס גלעטן מיט זייערע סטענגעס
דעם זוים פון באַשיידענעם קלייד.
עס האָבן זי אַלטע אָן ווערטער
געלויבט — מיט א שמייכל,
און באָכערים יונגע
געלויבט אפן קאָל האָבן פרײַ,
און זי האָט פאַרגיכערט איר טראָט
מיטן וווּנדער פון וייכן
שוואַרץ־בלוילעכן זײַדנס,
און שטיל זיך גערויטלט דערבײַ...

און איינער א מאַן, וואָס געפירט
האָט זײַן פרוי אונטער אָרעם,
האָט פּלוצעם פאַרכידעשט
אין גאַנג זיך געטאָן א שטעל אָפּ
און געזאָגט צו דער פרוי:
— זע, דאָס גייט דאָך אָן עמעסער דאַרע![1]
און איך האָב אים מויכל געווען
דעם ניט־ריכטיקן טראָפּ...
און איך האָב, צופרידן, דאָ ווידער
דעם אייביקן עמעס באַנומען:
אז שיין איז די מאָדע, וואָס גייט ניט
קיינמאָל פון דער מאָדע ארויס...
און איך האָב געזען, ווי עס שמייכלען
לענגויס דער אלייע די בלומען,
און איך האָב געזען, ווי די זון האָט
געקושט א באַשיידענע רויז.

באַם געזעגענען זיך

ווי לאַנג דו זאָלסט ניט זײַן אין געסט —
אז ס'קומט די שאָ פון זיך געזעגענען,
דו שמייכלסט שטיל, נאָר עפּעס פרעסט
אין הארצן, ווי ס'וואָלט הארבסטיק רעגענען,
כאָטש ס'איז דער מײַ אין פולן בלי,
און פריש די בלום אין האַנט בא די,
וואָס פאָרן אָפּ און וואָס באַגעגענען.
און דו ביסט יונג, און מאָרגן פרי
שוין ווען ראַש זיך טאָן א צי
צו דיר צוויי בלאָנדע פרויען, שטראַלנדיק —

דײַן קליינינק טעכטערל, דײַן פרוי,
מיט קושן הייסע דיך באַפאַלנדיק...
וואָס נאָגט זשע דיך אצינד אזוי?
...און כ'הער, די זון מיר ענטפערט אָפּ:
— דו האָסט פאַרגעסן, טײַערער,
אז ווען איך גיי אין נאַכט אראָפּ
און לעש אויס מײַנע פײַערן,
דו ווייסט דאָך: מאָרגן כ'קום צוריק,
דאָך זע איך — סומנע ווערט דײַן בליק...
דו ווילסט דאָך אייביק ליכט און גליק!

[1] גוסטאַוו דאָרע (מיטן טראָפּ אפן ע) — באַרימטער מאָלער. אוטאָר פון א גאַלעריי ביבלישע פרויען.

א שטיין איז געפּאַלן

(אוטאָביאָגראפיש)

1

אין מײַנע דאָקומענטן איז אָנגעוויזן, אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין טויזנט אכט הונדערט אכציק זעקסטן יאָר. אָבער שפּע־טער האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אין פּאס פון מײַן עלטערער שוועסטער איז פארשריבן, אז אויך זי איז געבוירן אינעם זעלבן יאָר. אזוי־ארום באקומט זיך, אז ניט נאָר דער טאָג, די וואָך, נאָר גופא דאָס יאָר פון מײַן געבאָרן איז מיר ניט באוווּסט.

מײַן טאטע איז געווען א מענטש מיט א „ברייטן" פּארנעס. האגאם געשטאָרבן איז ער אין די מיטעלע יאָרן, האָט ער באוויזן צו האָבן דרײַ פרויען און מיט זיי זיבן זין און דרײַ טעכטער.

אויך פּראָפעסיעס האָט דער טאטע געהאט צוויי: א פלעקסער און א פישער. דאָך איז ער געווען א גרויסער אָרעמאן. דאָס גרעסטע פּאר־מעגן זײַנס, דער מעשענער סאמאָוואר, א גע־מיינזאמער געשאנק פון עטלעכע קרויווים צו זײַן כאסענע, איז העכער דרײַ פערטל יאָר פאר־זעצט געווען בא יענעם פלאקס־סויכער, בא וועלכן ער האָט יאָרנלאנג געארבעט אלס לוין־ארבעטער.

געלעבט האָבן מיר אינעם ווײַסרוסישן שטעטלע אָסווע, וואָס געפינט זיך בא א דרײַ־סיק קילאָמעטער פון א באן־סטאנציע.

2

איך בין נאָך געווען א קינד, ווען פּאָליע, מײַן עלטערער ברודער, וואָס האָט געארבעט אין דיסנע אלס שוסטער, איז געוואָרן א כאָסן פאר זײַן באלעבאָס' טאָכטער מירע, וואָס האָט זיך גערעכנט פאר דער בעסטער נייטערן אין שטאָט. אָבער פּאָליע האָט איינגיכן געמוזט אוועקגיין דינען.

פאר פיר יאָר דינסט איז ער געקומען אין זײַן שטעטל נאָר איין מאָל און בלויז אף צוויי טעג, קעדיי לאָזן א הייסע טרער אף זײַן טאטנס פרישן קייווער. דאָס ביסל איבעריקע צײַט פון זײַן קורצן אורלויב איז פּאָליע געווען לעבן זײַן געליבטער מירען. פארענדיקט דינען, איז ער, דער שטענדיק קרעפטיקער, אזוי קראנק געוואָרן, אז שוין אין עטלעכע טעג ארום איז פאר אלעמען געווען קלאָר, אז פּאָליעס יונג לעבן איז אין א גרויסער סאקאָנע.

די מאמע האָט אלעמען געזאָגט, אז מירע איז געקומען אהער, קעדיי זיך באקענען מיט אונדזערע מישפּאָכע־מענטשן. דאָך האָבן אלע פארשטאנען, אז זי איז געקומען, קעדיי אף אייביק זיך געזעגענען מיט איר אָט־אָט שטארבנדיקן געליבטן.

נאָך איצט אפילע זע איך פאר די אויגן מירעס טונקל קלייד, איר פײַן פּאָנעם. ווען פּאָליע האָט באמערקט, אז מירע קלײַבט זיך פארלאָזן אונדזער שטוב, האָט ער ארופגע־צויגן די דעקע איבערן קאָפּ און געבליבן ליגן אָן א מינדסטער באוועגונג.

אזוי איז ער געלעגן, ביז פונעם דרויסן האָבן זיך דערטראָגן איינציקע געזעגענונגס־ווּנטשן און א שטיל געוויין. ערשט דאן האָט פּאָליע אָפּגעדעקט דאָס מאָגערע, שטארק פאר־שוויצטע פּאָנעם און מיטן לײַלעך גענומען ווישן די אויגן. די מאמע איז לאנג פארפּאָלגט געוואָרן פון א פּײַנלעך־טרויעריקער מאכשאָ־ווע: „פּאָליע, נעבעך, איז געשטאָרבן מיט א ניט אויסגעוויינטער טרער אין זײַנע שיינע קארע אויגן!"

3

די מאמע מײַנע האָט זיך אויסגעטיילט פון אלע סלאָבאָדקער ווײַבער מיט איר איידל פּאַ־נעם און מיט איר גוטער באַהאוונטקײַט אין די „שווארצע פינטעלעך".

מײַן זיידע, וואָס איז זײַן גאנץ לעבן גע־ווען א דאָרפישער שנײַדער, האָט פארמאָגט אכט טעכטער און איין־איינציקן זון. דער דאָ־זיקער זון זײַנער האָט מיט לײַב און לעבן זיך ארײַנגעטאָן אין פארשיידענע ביכער און שפּע־טער א ביסל זיך וועקגעלאָזט אין דער „ווײַ־טער וועלט", און ווי אין וואסער ארײַנגעפאלן. קיין איינציק וואָרט וועגן אים איז צום זיידן שוין קיינמאָל ניט דערגאנגען.

איך געדענק ניט, דער זיידע זאָל מיט ווע־מען ריידן וועגן דעם. אָבער אפילו פון זײַן שטומער אײַנגעשפּארטקײַט, מיט וועלכער ער האָט אָפּגעהיט איעדעס בלעטעלע פונעם זונס פארבליבענע ביכער, איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אז אומעטום איז אים אנטקעגן געגאנגען זײַן פײַנלעך־שווערער פארלוסט. דאָן האָט דער שווײַגנדיקער, ווי שטום געוואָרענער זיידע צונויפגענומען אלע קויכעס אָף צו דער־ציִען זײַנע אכט טעכטער ווי ייִנגלעך: געלערנט זיי ביז גאָר ערנסט ארײַנקוקן אין ספרים און פולקאָם אָף אויסווייניק קענען זאָגן נאָך אים קאַדעש.

דער מאמעס קענטענישן האָבן אָבער ניט געקענט זאָט מאכן די קינדער. האָט זי געמוזט זיך לאָזן צו מאָטע צענציפּער, בא וועלכן דער טאטע האָט אמאָל געארבעט.

מאָטע צענציפּער, פארשטייענדיק, נאָך וואָס מע איז צו אים געקומען, האָט זיך פארהאלטן אין זײַן גרויסן הויף. מיר, איך און די מאמע, האָבן דײַטלעך געהערט זײַן אופגעלעבט קאָל לעבן די פויערשע וועגענער, וואָס זײַנען גע־שטאנען אין הויף. ער איז, קענטיק, זיכער גע־ווען, אז מיר וועלן סאָפּקאָלסאָף אוועקגיין. גע־ווען איז אָבער אנדערש. שטיל, געדולדיק האָט די מאמע גערעדט מיט דער שווײַגנדיקער ראַ־סיען, מאָטעס פרוי, וועגן איר פּלאַן. מיט דער הילף פון אירע קליינע קינדער האָט די מאמע באקלערט אָנהייבן באקן קיכלעך און נאָך „ווא־רעמינקערהייט" צעטראָגן זיי אין די פארמעג־לעכע הײַזער.

— צו וואָס דען קען זיך אזא ווי איך אָנ־כאַפּן, — האָט די מאמע פארענדיקט, — אויב דער טאטע פון די קינדער און דער כאָסן־באַ־כער זײַנען שוין ביידע, נעבעך, אָף יענער־וועלט.

— אוודע, — האָט די פולבלעכע, אָפּטלעך קרענקלעכע ראסיע, זייער אײַנגעהאלטן אײַנ־געשטימט.

ראסיע איז אַף א מינוט ארויס פון שטוב און דערנאָך זיך ווידער באוויזן, נאָך איר — מאָטע צענציפּער.

— נו, גוט! — האָט מאָטע שטארק ניט קיין צופרידענער געשריגן. — איז וואָס ווילט איר פון מיר?!

די מאמע גיט אים א ווײַז אפן ניט גרויסן, אָבער אויסגעשײַערטן סאמאָוואר, וואָס איז גע־שטאנען אפן דיל הארט לעבן איר.

— איך דארף אים ניט! — גיט ער אן ענער־גישן שטויס דעם סאמאָוואר מיטן רעכטן פוס. — איידער האלטן אזא מעציִע, איז שוין בעסער גאָרניט!

— זי וועט דײַנס, כאָלילע, ניט צונעמען, — באַרויִקט אים ראסיע, — לײַ איר א קערבל.

דער מאמעס טעג און נעכט זײַנען געוואָרן נאָך מער אומרויִק. זי האָט זיך אלץ געשראָקן, זי זאָל, כאָלילע, ניט פארשפּעטיקן אײַנהייצן דעם אויוון, אז דאָס ביסל פארקנאָטענע טייג זאָל ניט „איבערשטיין", ניט זויער ווערן.

ווען אין אלע ארומיקע פענצטער איז נאָך געווען שטארק פינצטער, האָט אינעם קאלטן טונקעלן דרויסן געשפּארט שוין א רויך פון אונדזער קוימען, און מיר, די קינדער, לײַכט קלאפּנדיק אין די פראָסטיק־קאלטע טירן, האָבן פאַרגעלייגט אונדזער אײַנגעדעקטע, נאָך וואַ־רעמע סכוירע.

4

געווען איז א זוניק־ליכטיקער און זייער הייסער פרימאָרגן. די טירן פון די סלאָבאָדקע־הײַזלעך זײַנען געווען ברייט אָפן, און די גרוי־סע אָזערע האָט מיט פרישקײַט געעטעמט. אין אזא שאָ פלעגט די מאמע, נאָך א שווערער נאכט ארבעט, עפּעס אויסשפּרייטן אָף דער קילבלעך־אָנדיליקער ערד און מיט די קליינע קינדער ארום זיך כאַפּן א דרעמל.

פאר מיר אָבער איז שוין דאָס ניט מעגלעך געוואָרן.

אין די לאנגע זומערדיקע טעג פלעגט די ארבעט אין ווארשטאט בא מייער־בערן, ווו איך האָב געארבעט, זיך אָנהייבן פינף אזייגער אינדערפרי און זיך פארענדיקן, ווען אָן פײַער איז שוין ניט מעגלעך געוואָרן ארײַנציִען א פאָדעם אין נאָדל.

באזונדערס שווער איז געוואָרן אין שפּעט־הארבסטיקע און ווינטער־כאָדאָשים, ווען מיר פלעגן ארבעטן אין די לאנגע נעכט און בא פארמאכטע, פארקלעפּטע פענצטער. אפילו אזא קרעפטיקע און געוווינטע צו שווערע מי, ווי דאָס איז געווען די בלאָנדע ארבעטערן געסקע, פלעגט אויך סאָפּקאָלסאָף אראָפּלאָזן אין אָנ־

מאכט דעם קאָפּ און מיט דער נאָדל אין האנט כאָטש אָף איין רעגעלע אנדרעמלט ווערן.

— דו קענסט דאָך אַזוי די נאָז זיך פאַרשטעכן, — פלעגט דער הויכער מייער־בער, קלוימערשט פריַינטלעך שמייכלענדיק, טייקעף זי אופמינטערן.

געסקע פלעגט מיט קיין איינציק וואָרט ניט רעאגירן אָף דער „כאָכמע" פון איר באַלעבאָס, וואָס פלעגט יעדן טאָג נאָך ווארמעס כאפּן א געשמאקן שלאָף. זי פלעגט זיך נאָר אומקערן צו אים מיטן רוקן און נעמען גיך־גיך שטעפּן.

5

ס'איז פאָריבער א זומער, א הארבסט, און ווידער האָט גענומען געוועלטיקן א קאלטפראָסטיקער ווינטער. ס'האָט געדאכט, אז די אָזערע, א דערוואָרגענע אינעם דיקן איַיז, וועט שוין קיינמאָל ניט ווערן ווי זי איז געווען. נאָר ניין! ווידער האָט גענומען ווערן ליכטיקער, ווארעמער און פריילעכער. אין די רויִקע נעכט פלעגט זיך הערן דאָס שווערע קרעכצן פונעם דאָ און דאָרט זיך שפּאלטנדיקן אָזערע־איַיז. אומדערוואַרט האָט אָף דער דיסנער גאס זיך באוויזן א שטארק פארשטויבטער עטאָפּ פוסגייער אין דער באגלייטונג פון פּאָליציי. צווישן די באוואכטע עטאפּ־מענטשן איז אויך געווען ארקע, כאָנע דעם פורמאנס זון. געווען איז ער אלץ ניט קיין הויכער, נאָר א ברייטפּלייציקער, ווי זיַין טאטע כאָנע. בליציק־שנעל איז די דאָזיקע איבערראשנדיקע ידיִעה זיך צעגאנגען איבער אלע עקן פונעם שטעטל. קליין און גרויס, אלע זיַינען געלאָפן, קעדיי מיט די אייגענע אויגן אָנקוקן דעם דאָזיקן וווּנדער.

— זאָל ווער א יאָג טאָן צו כאָנען, זאָגן אים, אז זיַין ארקע איז דאָ, — האָט עמעצער אויסגערופן.

נאָר כאָנע דער פורמאן האָט זיך ניט געיַילט. אויך ארקע, ווויסנדיק, אז אים און אלע איבעריקע געבראכטע עטאפּ־מענטשן פירט מען צו דער פעסט־געמויערטער שטוב, ווו עס געפינט זיך די „זעמסקע אופּראווע", האָט זיך ניט געכאפּט. א פארשטויבטער פון וועג און א צערייצטער האָט ער שטרענג א זאָג געטאָן צום אוילעם:

— גייט ניט נאָך מיר, ווי נאָך א לעוויַע. עס איז א פּוסטיאַק... מיַין פּאס, זאָגן זיי, איז א ביסל ניט איספּראַווּנע!..

— דיַין פּאס, — איז שטארק אופגעבראכט געוואָרן דער שטענדיק גוטהארציקער כאָנע, — דו זע נאָר, צי בא יענע, וואָס שיקן פרעמדע קינדער מיטן עטאפּ, זיַינען די מויכעס איספּראַווּנע?!

6

צו שווּעס איז פארבליבן ניט מער ווי דריַי וואָכן, אָבער בא מייער־בערן אָף דער ברייטער קאנאפּע איז אלץ נאָך געלעגן א סאך פארשיידנפארביקער אויבערשטאָף, וואָס האָט געווארט פארוואנדלט צו ווערן אין פארטיקע זומער־קליידער. אָבער מער נאָך פון אלץ איז מייער־בערן אָנגעגאנגען די גרויסע באשטעלונג פונעם יונגן פּאָרעץ, צו וועלכן עס האָט געהערט דאָס שטעטל.

גליַיך ווי מ'האָט ארקען געבראכט מיטן עטאפּ, האָט מייער־בער פארשטאנען, אז ארקע דעם פורמאנס, וואָס איז געווען א גאָלדענער שניַידער, וועט איצט ווערן זיַינער א געהאָרכזאמער ארבעטער. ער האָט געכאפּט א סוידעסדיק־צופרידענעם שמועס מיט זיַין קלוגיטשקער פרוי ראָכע־לייע און באלד טאקע אוועק מיטן שטעקל, אָדער ווי געסקע פלעגט זאָגן: מיטן „טעקעלע", צו ארקען, וועלכער איז איניגיכן געוואָרן זיַין בעסטער ארבעטער.

ווי נאָר ארקע פלעגט צוליב עפּעס ארויסשטעלן א פוס פון ווארשטאט, פלעגט מייער־בער נעמען באקוקן און פון גרויס האנאָע אפּילע פּאָשעט באשמעקן „ארעלעס" ארבעט.

— ער קען, — פלעגט מייער־בער ריידן אָף א קאָל און ציילן אין אלעמען, — בא אים מעג מען זיך לערנען!

— יע, — פלעגט געסקע איַינשטימען, — אין די שטעט איז דאָ בא וועמען צו כאפּן דעם ריכטיקן גאנג אין לעבן!

ניט בלויז מיט זיַין מיַיסטערשאפט האָט ארקע אלעמען צוגעצויגן צו זיך. ניט געוויינלעך האָט אָף זיַין ניט הויכער פיגור אויסגעזען דאָס שווארצע סאטינענע אויבערהעמד, וואָס איז געווען פארגארטלט מיט א העל־גרויען קורטאס. אויך זיַינע פארלאָזטע לענגלעכע האָר האָבן בא א סאך אויסגענומען. ווי א ייִנגל פלעגט ארקע זיך ארופדראפּען אָפן געזימס פון א הויכן פענצטער, ווו עס האָבן געארבעט זיַינע כאווירים, און וועגן עפּעס זיך סוידען מיט זיי. אויב איך פלעג זיך אמאָל אָנשטויסן, אז ארקע פירט דאָרט וויכטיקע שמועסן, איז דאָס געווען צוליב געסקעס וואָרענונגען:

— דו, יאטל, זאָלסט נאָר האלטן דעם צונג צווישן די ציינער!

צו די לאנגע זומער־טעג האָט מייער־בער גענומען צוגעבן נאָך א פּאָר שאָ פון די אזוי אויך קורץ־געוואָרענע נעכט. שטארק אופגעבראכט פונעם דאָזיקן אופטו, האָט דאָך קיינער ניט געוואגט דערווידערן. א רויִק צופרידענער, איז דער הויכער מייער־בער געשטאנען בא זיַין לאנגן צושניַיד־טיש, ווו עס איז ברייטלעך געלעגן אויסגעשפּרייט א גרויסע, ביז צו דער ערד, שטיק שטאָף. ער איז געשטאנען אין דער

יאַרמלקע מיט דער מאָס ארום האלדז און געצייכנט מיטן גראָבן שטיקל קריַיד, געצייכנט, ווי שפּאַרעוודיקער צושניַידן דעם באַשטעלטן בעגעד. אין אַזעלכע מינוטן האָט אים קיינער ניט געטאָרט שטערן.

ס'איז געווען שוין שפּעטלעך פאַרנאַכט. פאַרבײַ די פענצטער איז שוין דורכגעגאַנגען די שטעטלשע סטאַדע, איבערלאָזנדיק הינטער זיך א געדיכטן טרוקענעם שטויב, נאָר מייער־בערס בעהיימע האָט זיך אלץ נאָך ניט געהאַט באַוויזן פריִער. וואָלט מיסטאָמע קיינער קיין אַכט דערויף ניט געלייגט. אָבער דאָס מאָל האָט ראָכע־לייע אופמערקזאַם געמאַכט דערויף דעם מאַן.

— דו קענסט נאָך ניט אונדזער בעהיימע, — האָט מייער־בער זיך געוויצלט, — זי מעג זײַן ווי זאַט, ס'איז אָבער גענוג, זי זאָל דערשמעקן א ביסל פרישע גראָז, וועט זי פון דאָרט שוין ניט אָפּטרעטן!

מייער־בערן האָט געקימערט אַן אנדער זאַך — ביז יאָמטעוו איז פאַרבליבן ווייניק צײַט, און אלץ נאָך א סאַך ארבעט. דעריבער כאַפּט ער זיך באַצײַטנס צוגרייטן און עפּשער טאַקע גלײַך אָנצינדן דעם גרויסן הענגלאָמפּ. ארקע אָבער האָט טייקעף באַקומען לאָשן:

— אומזיסט אײַער טירכע, — האָט ער זייער געלאַסן באַמערקט, — מער ווי ביז אַכט וועלן מיר גאָרנישט ניט טאָן.

— ווי?! — איז מייער־בער דערשטוינט געוואָרן. — פון אַזא נײַס הער איך דאָס ערשטע מאָל!

— עמעס, — האָט געסקע פאַרזיכטיק געזאָגט, — טאַקע א נײַס, אָבער גאָר א גוטע נײַס.

— אַזוי גאָר?!

אין דער צײַט, ווען די ארבעטער האָבן זיך דורכגעשמועסט מיט זייער באַלעבאָס, איז דער עטוואָס קורצזיכטיקער מאָניש, וואָס פלעגט שטענדיק, טראָגנדיק זײַן ברייט־ראַנדיק היטל אָפּגערוקט איבער די אויגן, אומבאַמערקט, ווי אויסגערונען פון ווארשטאַט, באַדראָענדיק מיט דעם די אייניקײַט פון די שטרײַקער. דאָך האָט דאָס קיינעם ניט אָפּגעהאַלטן. אַלע האָבן געגנומען צונויפלייגן די אָנגעהויבענע ארבעט, געבנדיק דערמיט אָנצוהערן, אַז ווי לאַנג דער שטרײַק זאָל ניט דויערן, וועט דאָס בלײַבן ליגן אָן א מינדסטער באַוועגונג.

7

כאָנעס שטיבל איז באַשטאַנען פון צוויי באַזונדערע טיילן. אין דער גרעסערער העלפט איז הארט אָנגעשפּאַרט צו דער וואַנט געשטאַנען א זויבערער און א טרוקענער דער שליטן. באַ דער צווייטער זײַט — דער וואָגן און דאָס פערד. וויסנדיק, אַז דאָס פערדל איז דער איינציקער „ברויטגעבער", האָט כאָנע עס אָפּגעהיט, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אָף גרויסע צוועקעס זײַנען געהאַנגען ניט נאָר דער כאָמעט און שלייעס, נאָר אויך די דוהע און די בײַטש, מיט וועלכער ער פלעגט זיך זעלטן באַנוצן. שטאַרק אופגעלעבט איז אין יענער צײַט געוואָרן כאָנעס צווייטע האלבע שטוב, אַהין פלעגן זיך צונויפקלײַבן די שטרײַקנדיקע ארבעטער.

אָף קיין הילף פון ארקען האָט דער שטענדיק פאַרהאָרעוועטער כאָנע ניט געוואַרט. ער האָט אפילע ניט געוואָלט, דער זון זאָל אים העלפן. דאָס קורצלעכע, צעריסענע און ערטערווײַז צעפליקטע פעלצל, וואָס ער, כאָנע, האָט באַנוצט סײַ ווינטער סײַ זומער, איז אים גענוג געווען, אַבי זײַן ארקע זאָל קענען זײַן מיט אַלע מענטשן צוגלײַך. אויב כאָנע פלעגט ווען־ניט־ווען צעוואָרעמט ווערן פון א פאַריבל, איז דאָס געווען צוליב געסקען, וואָס פלעגט צו אָפּט קומען אהער און פאַרהאַלטן זיך פיל שפּעטער פון אַנדערע. אָבער אויך אָף דעם פלעגט כאָנע געפינען א גערעכטן זכוס. דאָס דאָזיקע פולבלעכע מיידל האָט וואָס ווײַטער אלץ מער אויסגענומען אין זײַנע אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די געסקע איז אַן אָרנטלעך קינד, וואָס האָרעוועט, נעבעך, טאָג ווי נאַכט, קעדיי זיך פאַרדינען אָף ברויט און עפּעס ארופּציִען אָפן לײַב. דערפאַר טאַקע האָט ער מער קיין איינציק אומפּרײַנטלעך וואָרט ניט ארויסגערעדט, אָבער אויך אָן ווערטער האָט ארקע פאַרשטאַנען דעם טאַטן, אָבער אנדערש טאָן האָט ארקע ניט געקענט און ניט געטאָרט, אפּילע זײַן איבערגעגעבענעם טאַטן האָט ער ניט געוואָגט פאַרטרויען, אַז די עמעסע סיבע פון זײַן קומען אהער מיטן עטאַפּ שטעקט ניט נאָר אין „פּאַספּאָרט", אַז צו דעם איז געווען צוגעקלעפּט א צווייטע און נאָך פיל מער וויכטיקע געשעעניש.

דערציילן, אַז מע האָט אים ארויסגעשיקט אהער אַלס אַקטיוויסט פון דער ארבעטער־באַוועגונג, האָט ארקע געהאַלטן פאַר מעגלעך נאָר געסקען, וועלכע האָט, לויט זײַן מיינונג, פאַרמאָגט פאַרשטענדעניש פאַר אַזעלכע איניאָנים.

8

א האלבע נאַכט בין איך ניט אָפּגעטראָטן פון כאָנעס שטוב, וואָס איז באַנאַנד מיט פיל פישער־הײַזלעך געשטאַנען הארט באַם ברעג פון דער אָזערע. אַלע ווײַלע פלעגט זיך דאָ ווײַזן ווער פון די שטרײַקנדיקע. ניט געווען איז בלויז מאָניש, וואָס האָט זיך אַלעמען פאַרגעדענקט מיט זײַן שטענדיק נידעריק אראָפּגעלאָזטן שווארצן היטל. ביידע, ארקע און געסקע,

האָבן געהאַט אַ כשאַד, אַז אין די נעכט, אויס־באַהאַלטן פון אַ זײַטיק אויג, אַרבעט מאַניש באַ מייער־בערן. דעריבער איז טייקעף באַשלאָסן געוואָרן גוט אכטונג געבן אויף פּאַרלאַזטן וואַרשטאַט.

די דאָזיקע אויפגאַבע האָב איך, לויט געס־קעס באַהויפּטונג, געקענט אָפּטאָן בעסער פון אַן אַנדערן. די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, אַ טרוקענע, נאָר איך האָב אָבער דערפילט אַ קעלט אין אַלע מײַנע אייוורים. מיר האָט זיך געגומען דאַכטן, אַז ס'איז נאָך אַזוי פינצטער קיינמאָל ניט געווען, אַז דאָס איז אַזוי צוליב דעם, איך זאָל ניט קענען אויספירן מײַן אויפ־גאַבע. אין גאַס איז געווען שטיל. קיין איין מענטש האָט זיך ניט געזען. אין „קליינעם מי־ניען", וואָס האָט זיך געפונען נאָענט צו כּאַנעס שטוב, האָבן געברענט צוויי ביילעוונע ליכט. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך זיך דער־נעענטערט צו מייער־בערס פענצטער און דער־זען, וואָס איך האָב געזוכט. אײַנגיכן בין איך צוריקגעקומען אין כּאַנעס דירע.

— מע טוט! — האָב איך אַ מידער פון לויפן אויסגעשריגן. — מע אַרבעט, מאַניש און נאָך עמעצער!

אַ רעגע האָבן אַלע געשוויגן. געסקע איז מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט געשטאַנען אָן אַ מינדסטער באַוועגונג. אַרקע האָט מיך דורכגע־נומען מיט אַ שאַרף פּאַרשנדיקן קוק. טכילעס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז ער באַטראַכט מײַן גרוי רעקל, וואָס איז ווירקלעך געווען צו לאַנג אויף מיר, אַז אים געפעלן ניט מײַנע לאַנג ניט געשוירענע האָר. ער האָט געמאַכט אַ שפּאַן צו מיר, מיר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן:

— אויב אַזוי, — האָט אַרקע קאַטעגאָריש געזאָגט, — טאָ נעם, ברודערקע, און טראַסקע אַרײַן אַ שטיין אין מייער־בערס פּאַרהאַנגענע פענצטער, וועט ער דעמלט עפּשער פאַרשטיין, אַז אויב ער שלאָפט ניט די נעכט, שלאָפן מיר אויך ניט!

די שפּורן פון דער נאַכט זײַנען נאָך ניט געווען פאַרשוווּנדן, די טירן פון די הײַזער — פאַריגלט. געווען איז פּוסט און שטיל. בלויז אַ קליין ווינטל, וואָס האָט זיך געצויגן פון דער אָזערע, האָט זיך גענומען שפּילן מיטן שיטערן רויך, וואָס האָט געשפּאַרט פון אונדזער היי־מישן קוימען. די מאַמע, אַ ניט אויסגעשלאָפענע און מידע, איז שוין געשטאַנען באַם פּלאַקערנ־דיקן אויוון. מיר איז שווער געווען איר קוקן גלײַך אין די אויגן. ווען זי איז צוליב עפּעס אַרויס אין דרויסן, האָב איך זיך אַרופגעכאַפּט אויפן אויוון, כאָטש אין שטוב איז געווען שוין וואַרעם און מיר — הייס.

— דו באַרעכן נאָר, אַ גאַנצע נאַכט, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אין אויוון אַרײַן, — ווו האָסטו עס זיך אַרומגעשלעפּט? מיט וועמען?

— קיינער האָט מיך ניט געשלעפּט, — האָב איך ברוגזדיק געענטפערט, — אַליין בין איך אַוועק צו אַרקע כּאַנעס. אַלע זײַנען אַהין געגאַנגען. אַלע. אַפילו פּראַשקע האָט אַהין אַרײַנגעשטעקט זײַן נעזל...

דער מאַמעס פּאָנעם, אַ דערוואַרעמטס סײַ פון די געשעענישן און סײַ פון דעם ברענענדיקן אויוון, האָט זיך שטאַרק פאַרריטלט.

— דאָס האַרץ זאָגט מיר, — רעדט זי שוין רויִקער, — אַז דאָ איז פאַרקאָכט געוואָרן אַ פײַנע קאַשע. דו גיב נאָר אַכטונג, מײַן קינד!

9

נאָך צוויי שווערע וואָכן שטרײַקן איז שטאַרק אָנגענומען געווען צו זען, ווי די אַרבע־טער לייגן אַוועק די אַרבעט, ווען די ווײַזערס פונעם אַלטן וואַנטזייגער באַווײַזן פינקטלעך אַכט. אָבער מײַנע אויסזיכטן אויף קענען וועג־ניט־איז גענומען פון מייער־בערס צוגעזאָגטע „קעסט" זײַנען געוואָרן נאָך קלענער ווי געוועזן — איך האָב אַליץ געאַרבעט אָן שום סכי־רעס. אַרקע, וואָס האָט גוט געוווּסט וועגן מײַנע דערוואַרבענע קענטעניש אין שנײַדערײַ, האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מי אויף אַרויספּראַוועז מיך אין יענער שטאָט, ווו ער האָט געהאַט גע־לעבט און געלערנט די מעלאָכע.

עס זײַנען געשטאַנען האַרבסטיקע טעג. מײַן אָנטאָן האָט מיך ניט געקענט שיצן פון די עסעריקע קעלטן. פּראַשקע, וואָס האָט גע־פירט צענציפּערס פלאַקס צום באַן, האָט אָן אַ גראַשן געלט מיך אַרופגענומען אויף פול אָנגע־לייגטן וואָגן מיט פלאַקס און מיר אײַנגעדעקט די פיס מיט אַ רעדנע. אַזוי האָב איך דאָס ער־שטע מאָל זיך געזעגנט מיטן שטעטל. איך בין דאַן אַלט געווען צוועלף מיט אַ האַלב יאָר.

דרײַ דערציילונגען

אלץ בלײַבט איבער דעם מענטשן

די נײַע געבײַדע פון דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט איז געווען אופגעבויט אויסער דער שטאָט, אפן ראנד פון א געדיכטן סאָסנע־וואלד, אין וועלכן נאָר דער נײַ:נקער אספאלט־וועג האָט אָנגעוויזן, אז די אורצײַט פונעם דאָזיקן וואלד איז פארבײַ.

פעקארסקי איז געגאנגען מיט דעם דאָזיקן אספאלט און האָט שוין אָנגעהויבן צו צווייפלען, צי גייט ער מיטן ריכטיקן וועג, נאָר דאָ האָבן זיך די ביימער אומגעריכט פאנאנדערגערוקט און ער איז געבליבן שטיין א געפלעפטער: פאר אים איז אויסגעוואקסן א ריזיקע געבײַדע, ווי א צויבער־שלאָס פון עפּעס א וואלד־מעכאשעף. נאָך עטלעכע טריט, און דער צויבער־שלאָס איז מעגולגל געוואָרן אין א געבײַדע מיט אלע מאָדערנע אטריבוטן. וואָס מער פעקארסקי האָט זיך דערנעענטערט, אלץ מער האָט ער זיך איבערצײַגט, אז כאָטש די געבײַדע איז מאָדערן, איז זי דאָך ניט ענלעך אף די שוין דערעסענע קאסטנס מיט ווענט פון הוילן גלאָז. די קאָנפיגוראציע פון דער דאָזיקער געבײַדע מיט איר נידעריקן פּאָרויסטארטשענדיקן ארײַנגאנג איבער די ברייטע גראניט־טרעפּ, מיט אירע פארצווײַגטע פארשיידנגאָרנדיקע פליגלען, וואָס האָבן זיך, ווי קינדער צו א מאמען, געטוליעט צום ברייטן מאסיוון צענטער, האָבן געפרייט דאָס אויג. עס האָט געווייט פון דער געבײַדע מיט ראצי:אָנעלקײַט און טרוקענעם פּראגמאטיזם („אָט דאָס איז מײַן פונקציע, דאָס איז מײַן אוודע, און קיין פּליטערלעך דארף איך ניט") אי מיט שטאָלץ פון א נײַער טעכניק, וואָס האָט זיך באפרײַט פון רוים־ענגקײַט און שפּרײַזט אומבאגרענעצט פּאָרויס, באצווינגענדיק און באהערשנדיק רוימען און פלאכן, וויפל זי דארף האָבן פאר א ראכוועסדיק ברייט לעבן.

פעקארסקי איז א ווײַלע שטיין געבליבן — א שאָד, וואָס ער איז געקומען אהער בא אזא טרויעריקער געלעגנהײַט. אזא געבײַדע וואָלט מען געדארפט גענוי באקוקן און באטראכטן סײַ פון אויסן, סײַ פון אינווייניק, קעדיי כאָטש א ביסל זיך אדורכזאפּן מיטן גײַסט פון דער נײַער טעכניק און פון דער נײַער עסטעטיק („יאָ, יאָ, — האָט פעקארסקי זיך אינערלעך אופגעברויזט, — וואָס די סנאָבן זאָלן ניט זאָגן, רופט נײַע טעכניק ארויס נײַע עסטעטיק"), פון וועלכער ער, פעקארסקי, אליין א בוי־אינזשעניער, איז היפּשלעך אָפּגעשטאנען שוין פאר די עטלעכע יאָר, וואָס ער איז אף פּענסיע.

ער האָט זיך אופגעהויבן אף די ברייטע גראניט־טרעפּ און איז דורך דער טיר פון הוילן גלאָז ארײַן אין וועסטיביול. דער וועסטיביול איז געווען אזוי ראכוועסדיק, אז דער ערשטער געדאנק, וואָס פעקארסקין איז געקומען אין קאָפּ, איז געווען: דאָ וואָלט מען געקאָנט ארײַנבויען שיינע עטלעכע דירעס. אין דער טיף פונעם וועסטיביול, אף א טאָוול, האָט ער דערזען דאָס ווילבאקאנטע לענגלעכע בלאסע געזיכט, אײַנגעפאסט אין א שווארצער ראם. אונטערן בילד איז געווען א טעקסט, אופגעשריבן מיט א שיינעם טעכנישן שריפט אף צייכן־פּאפּיר. פעקארסקי האָט זיך אײַנגעבויגן: א לאנג לעבן, פול מיט טעכנישע און וויסנשאפטלעכע דערגרייכונגען, ארײַנגעפרעסט אין א פּאָר צענדליק שורעס אף א האלבן וואטמאן. פעקארסקי האָט דערפילט, ווי עפּעס א פארדראָס האָט זיך, ווי א ווערעמל, א באוועג געטאָן אין זײַן אונטערבאוווסטזײַן: איז עס דען ניט קיין לעסטערונג, דער עצעם פּרוּוו אליין, ארײַנצופרעסן אזא רײַך, פילפארביק לעבן אין א פּאָר צענדליק שורעס?

ער האָט זיך ארומגעקוקט: דער וועסטיביול איז פול געווען מיט יונגוואַרג, סטודענטן און סטודענטקעס. נאָך איידער ער האָט געעפנט דאָס מויל צו פרעגן, וווּהין דארף ער גיין, האָט זיך צו אים געווענדט א סטודענט און פּאָרגעלייגט אים צו באגלייטן: „אניט וועט איר זיך דאָ פארבלאָנדזשען", — האָט ער צוגעגעבן מיט א שמייכל. פעקארסקי איז געגאנגען נאָך אים איבער ליכטיקע קאָרידאָרן, וואָס זײַנען געווען ברייטער, ווי אייניקע געסלעך אין אלט־

שטאָט, זיך אופגעהויבן איבער אָפּענע טרעפּ, וואָס זײַנען ניט געווען אַרײַנגעשפּאַרט צווישן פֿינצטערע ווענט, נאָר מיט זייער אָפּנקײַט און דורכגעלויכטקײַט אַזוי ווי געבעטן זיך: הייב זיך אויף אַף מיר, קום פון איינע ליכטיקע רוימען אין אַנדערע, נאָך ליכטיקערע און געראַמערע. פּעקאַרסקי איז געגאַנגען הינטער זײַן גיד, און עפּעס א באַוווּנדערונג, דורכגעזאַפּט מיט א ביסל קינע, האָט אים אַרומגענומען. די אַנשטאַלטן, ווו ער האָט זיך אַמאָל געלערנט, זײַנען געווען גאָר אַנדערע: שמאָלע פֿינצטערע קאָרידאָרן, די אַאודיטאָריעס קאַרג באַלויכטן דורך שמאָלע הויכע פענצטער. דער גאַנצער אָנבליק פון יענע געבײַדעס האָט שטרענג געוואָרנט: ווילסט זיך לערנען — זײַ אַן אַסקעט, זאָג זיך אָפּ פון לעבנס־פרייד. די איצטיקע געבײַדע רעדט: לערנען איז א פרייד און לעבן איז א פרייד, געניס פון אָט דער פרייד! צי פאַרשטייט עס דער יונגערמאַן, וואָס גייט לעבן אים? צי באַנעמען עס די סטודענטן, וואָס גייען דאָ זאָרגלאָז אַרום, מיט וואָס פאַר א בלוט און שווייס דאָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן פאַר זיי? ניין, אַוודע ניט. געוויס פאַרקלערן זיי זיך ניט וועגן דעם. זיי נעמען אָן אָט די בליִענדיקע ווירקלעכקײַט, ווי א זעלבסטפאַרשטענדלעכקײַט: עס קומט זיי, ווײַל זיי זײַנען יונג און ווײַל זיי זײַנען גענוג קלוג געווען צו געבאָרן ווערן אין א צײַט, ווען די גרויסע סאָציאַלע געוויטערס האָבן אָפּגעשטורעמט. „אָן אַלטע מײַסע, — האָט פּעקאַרסקי געטראַכט מיט פאַרביטערונג, — דאָס יונגוואַרג באַציט זיך סקעפּטיש צו אַלץ, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר איר און אָן איר".

מיטן דאָזיקן געדאַנק, וואָס האָט צוגעגעבן זײַן פּאָנעם דעם געהעריקן טרויעריק־פײַערלעכן אויסדרוק, איז ער אַריבערגעטראָטן די שוועל פונעם צימער, צו וועלכן זײַן יונגער באַגלייטער האָט אים געבראַכט. „זיצונגס־זאַל", — האָט ער באַוויזן איבערצולייענען אַף דער טיר. איצט איז דער זיצונגס־זאַל געווען טרויעריק דעקאָרירט. אויבנאָן אַף א פּאָסטאַמענט איז געשטאַנען דער אָרן, אײַנגעטונקט אין א יאַם פון בלומען: קרענץ מיט טרויער־באַנטן, טעפּ מיט בלומען און אָן א שיר בוקעטן, אַנדערע נאָך אײַנגעוויקלטע אין צעלאָפאַן.

אַף דער וואַנט הינטערן אָרן — דער זעלבער פּאָרטרעט, וואָס אונטן, נאָר א פאַרגרעסערטער. אונטער אים — ווידער א טעקסט, געשריבן מיטן זעלבן טעכנישן שריפט, א קלאָרער און פּאַכמעניש־אויסדריקלעכער.

פּעקאַרסקי האָט זיך צוגעזעצט אַף איינעם פון די שטולן, וואָס זײַנען געווען פאַנאַנדערגעשטעלט אין לאַנגע רייען. באַלד האָט ער זיך ווידער אופגעהויבן: אין דער זײַטיקער רײ, האַרט לעבן אָרן, האָט ער דערזען די מישפּאָכע פונעם פאַרשטאָרבענעם. ער איז צוגעגאַנגען און, טיף פאַרנייגנדיק זיך, א קוש געטאָן די האַנט פון דער שוואַרץ־געקליידעטער אַלמאָנע. אירע רויטע פאַרוויינטע אויגן האָבן זיך אופגעהויבן צו אים מיט א שטילן דאַנק. פּעקאַרסקי האָט זיך נאָך מער פאַרנייגט, און, ניט געפּינענדיק קיין פּאַסיקע ווערטער, האָט ער זיך אויסגעדרייט און אַוועק צוריק אַף זײַן אָרט.

אַרום דעם אָרן איז געשטאַנען אַן ערן־וואַך: פיר עלטערע מענטשן מיט שוואַרץ־רויטע באַנטן אַף די הענט — קענטיק פּראָפעסאָרן, קאָלעגן פונעם פאַרשטאָרבענעם. די וואַך האָט זיך רעגולער, יעדע עטלעכע מינוט, געביטן. פון ערגעץ האָט זיך געטראָגן א שטילע אומופהערלעכע טרויער־מוזיק, און די דאָזיקע מוזיק האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די שטילע פײַערלעכקײַט אין זאַל.

פּעקאַרסקי איז פאַרזונקען געוואָרן אין מאַכשאָוועס.

ווען האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט מיט אָט דעם מענטשן, וועלכער ווערט איצטער אַף אַזא בעקאָוועדיקן אופן אַרויסבאַגלייט אין זײַן לעצטן וועג?

דאָס איז געווען מיט איבער פופציק יאָר צוריק, אין לעצטן אָדער פאָרלעצטן קלאַס גימנאַזיע. בײַס די שילער האָבן זיך אין ערשטן טאָג נאָך די זומער־קאַניקולן צוזאַמענגעקליבן אין זייער קלאַס, האָבן זיי דערזען צווישן זיך אַן אויסגעצויגן באָכערל מיט א לענגלעכן בלאַס פּאָנעם און גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אַי טרוימעריש, אַי א ביסל צעשראָקן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א שלעכטן אַנצוג, פון וועלכן ער איז שוין שטאַרק אַרויסגעוואַקסן. מע האָט אין אים טייקעף דערקענט דאָס ייִנגל, וואָס איז פאַראיאָרן געגאַנגען אין א קלאַס נידעריקער פון זיי. עמעצער האָט דערבײַ זיך דערמאָנט: דער דאָזיקער יונג איז מיט א פּאָר יאָר צוריק שוין אויך אַריבערגעשפּרונגען א קלאַס.

מע האָט אים באַטראַכט, ווי א פרעמד מאָדנע כײַעלע.

— וואָס איז די אײַלעניש בא דיר? — האָט מען זיך געכידעשט, באַקוקנדיק דעם יונג אין זײַן אָרעמען הוילעך, וועלכער איז זיכער מיט א פּאָר יאָר ייִנגער פון זיי אַלעמען.

דער יונג האָט זיך שעמעוודיק געקאָרטשעט און גאָרניט ניט געענטפערט.

שפּעטער האָט זיך פּעקאַרסקי מיט אים דערנעענטערט. זיי האָבן געלעבט אין איין געגנט, און צוריק פון גימנאַזיע פלעגן זיי אָפּט זיך אומקערן צוזאַמען. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער ניי־אָנגעקומענער — סיאָמע נאָרקין האָט

ער געהייסן — שטאַמט פון זייער אַן אָרעמער באַלמעלאָכישער מישפּאָכע, ער איז דער עלטסטער, הינטער אים גייען נאָך קינדער, און ער האָט פּאַשעט קיין צײַט ניט, ער מוז וואָס גיכער זיך אַרויסשלאָגן אין לעבן.

געלערנט האָט זיך סיאָמע אויסערגעוויינלעך לײַכט. דאָס לערנען איז געווען פאַר אים אַזאַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקײַט, ווי אָטעמען. איבערהויפּט האָט זיך אים לײַכט אײַנגעגעבן מאַטעמאַטיק. שפּילעוודיק האָט ער באַנומען די שווערסטע פאָרמולעס, און די לערער האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון זײַן באַגאַבטקײַט.

קיין כאַוויירים האָט ער ניט געהאַט. און דאָס איז געווען מאַכמעס ניט נאָר דעם, וואָס ער איז געווען ייִנגער פון זײַנע מיטשילער. מע איז אים מעקאַנע געווען, מע האָט אים ניט ליב געהאַט. די מיטשילער האָבן גיך אָנגעטאַפּט זײַן שוואַכקײַט, זײַן פיזישע אומבאַשיצטקײַט. פלעגט מען אין זײַן אָנוועזנהײַט אָנהייבן אַזעלכע גראָבע שפּילן, צו וועלכע ער האָט זיך לאַכלוטן ניט אויסגעטייגט, ווײַל, כוץ אַלץ, איז ער נאָך געווען ייִנגער פון זיי. נאָך ערגער איז געווען, ווען מע פלעגט אין זײַן אָנוועזנהײַט אומישנע פאַרפירן „מאַנצבלשע" געשפּרעכן, אין וועלכע יעדער באָכערעץ האָט זיך געפּלײַסט אַרויסווײַזן וואָס מער „דערפאַרונג" און דאָס פלעגט אַרײַנוואַרפן סיאָמען אין אַלע פאַרבן.

דאָס לעבן פון סיאָמען אין קאָלעקטיוו וואָלט געווען אומדערטרעגלעך, ווען ניט זײַן גרייטקײַט, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגעהאָלפן אַלעמען באַם לערנען. ער האָט מיט פרייד דערקלערט אַ מאַטעמאַטישע אויפגאַבע, און אָפּטמאָל זײַנען זײַנע דערקלערונגען געווען פאַרשטענדלעכער און צוגעגנגלעכער ווי די דערקלערונגען פונעם לערער. ער האָט שוין דעמלט אַ ביסל פאַרדינט דערמיט, וואָס ער פלעגט געבן לעקציעס אָפּגעשטאַנענע שילער.

אין לעצטן קלאַס האָט מען זיך שוין פאַרטראַכט וועגן צוקונפט. איינמאָל, גייענדיק פון דער שול אַהיים, האָט מען זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגן דעם. פּעקאַרסקי האָט געזאָגט, אַז ער טראַכט וועגן אינזשעניערײַ, נאָר ער קווענקלט זיך נאָך, ווײַל ער איז דאָך ניט אַזאַ גלענצנדיקער מאַטעמאַטיקער, ווי סיאָמע. אָט פאַר אים, סיאָמען, דאַרף דאָך אַלץ זײַן קלאָר. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געווען, ווען סיאָמע האָט אָפּגעענטפערט, אַז ער קלערט גאָרניט וועגן אינזשעניערײַ — ער האָט אַן אַנדער לײַדנשאַפט: מוזיק. מוזיק — יאָ, מוזיק. און דאָ האָט סיאָמע מיט היץ אים אָנגעהויבן צו דערקלערן. אַז מוזיק — דאָס איז די העכסטע שטופע פון האַרמאָניע. מאַטעמאַטיק איז אויך האַרמאָניע, אָבער האַרמאָניע אַף אַ נידעריקערער שטופע, אַ האַרמאָניע פון שׂיכל, וואָס פאַרנעמט זיך מיט פּאָשעטע עלעמענטאַרע זאַכן און פאַרפאָלגט נידעריקע אוטיליטאַרע צילן. וויסנשאַפט איז סאָפּקאָלסאָף גאָרניט מיט גאָרניט, אַ העוועל האַוואָלים, אַ דינסט פון דער מעלאָכע, וואָס דאַרף אַרויסהעלפן דעם מענטשן אין זײַנע ערדישע באַשעפטיקונגען. דאַקעגן מוזיק איז די האַרמאָניע פון גײַסט. זי הייבט אויף דעם מענטשן אין די העכסטע ספערן, גיט אים די

דערהויבנסטע גענוסן, ווײַל זיי זײַנען די סאַמע אַבסטראַקטע און די סאַמע אומייגננוציקע. ער, סיאָמע, מאָלט זיך ניט אויס זײַן ווײַטערדיק לעבן אַנדערש, ווי אין די דאָזיקע ספערן.

יענעם אָוונט זײַנען זיי אַוועק ניט גלײַך אַהיים. זיי האָבן לאַנג שפּאַצירט אין די גאַסן, פאַרקערעוועט אין פּאַרק. ס'איז געווען אַ פּראָסטיקער אָוונט מיט אַ דורכזיכטיק בלויער לופט, מיט סקריפּענדיקן שניי אונטער די פיס און מיט גרויסע שטערן, וואָס האָבן געפינטלט צווישן די שוואַרצע ביימער. דער דאָזיקער אומגעוויינלעכער געשפּרעך האָט זיך פּעקאַרסקין פאַרגעדענקט טאַקע אין דער ראַם פון ווײַסן סקריפּענדיקן שניי מיט די שטוינענדיקע שטערן איבער די טונקעלע קופּעס פון די ביימער, פאַרגעדענקט זיך אַזוי טיף, אַז ער וואָלט אויך איצטער, נאָך פופציק יאָר, געקאָנט איבערזאָגן וואָרט אין וואָרט, וואָס דער שפּעטער באַרימט געוואָרענער פּראָפעסאָר האָט מיט אַזאַ יוגנטלעכן אייפער און אופריכטיקײַט אַרויסגעזאָגט יענעם אָוונט. וואָס וואָלט געווען, ווען איצט, אין דעם דאָזיקן הייכל פון וויסנשאַפט, וואַרפט ער, פּעקאַרסקי, אַרויס די אַפּיקאָרסישע געדאַנקען פונעם יונגן נאָרקינען?

דער זאַל איז איצטער פול געוואָרן מיט מענטשן. קימאַט אַלע שטולן זײַנען באַזעצט. עס הערן זיך שאַרנדיקע טריט פון אַלץ נײַע און נײַע אָנקומענדיקע. די מוזיק גיסט זיך אומופהערלעך פון אומזיכטבאַרע הערערס און וועבט אײַן דעם זאַל אין א דינער טרויער־נעץ.

די ערן־וואַך באַם אָרן באַשטייט איצטער פון זעקס מענטשן. דערבײַ באַמערקט פעקאַרסקי א טשיקאַווע דעטאַל: די דאָזיקע זעקס מענטשן זײַנען אָדער אַלטע, אָדער יונגע, קיינמאָל מישן זיך די בײדע עלטערס ניט אויס.

די עלטערע — פענעמער פון אינטעלעקטואַלן מיט שווערע גאָמבעס. אַזאַ איינעם אַז דו טרעפסט אין גאַס, זעסטו גלײַך: ס׳איז א געלערנטער אָדער א מענטש פון גײַסטיקער מי. באַ די ייִנגערע איז עס לעגאַמרע ניט קלאָר: קרעפטיקע, אַטלעטיש־געבויטע יונגען, אַזאַ איינער קאָן זײַן אי א פוטבאָליסט, אי א שלאָסער פון הויכער קוואַליטעט, אי א קאַנדידאַט פון וויסנשאַפטן — טרעפן איז אוממעגלעך. דאָס איז, טראַכט פעקאַרסקי, אַוודאי איינער פון די סימאָנים פון אויסגלײַך צווישן פיזישער און גײַסטיקער מי, א סימען, וואָס איז ניט קענטיק באַם עלטערן דאָר, נאָר וואָס טרעט בוילעט אַרויס באַם ייִנגערן.

נאָך דער גימנאַזיע איז מען זיך פאַנאַנדערגעפלויגן. פעקאַרסקי איז אָנגעקומען אין טעכנישן אינסטיטוט צו לערנען אַף א בוי־אינזשעניער. אין לעצטן מאָמענט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז סיאָמע איז אויך אָנגעקומען אַהין. „פאַרשטייסטו מיך, — האָט ער געפונען פאַר בײַטיק אַזוי ווי פאַרענטפערן זיך פאַר פעקאַרסקין, — מע דאַרף קודעמקאָל האָבן א פאַרנאָסע אין דער האַנט. מײַן ציל אין לעבן בלײַבט דער זעלבער — מוזיק. די אינזשעניערײַ וועט זײַן באַ מיר מער ניט ווי א מעלאָכע. איך האָב ייִנגערע ברידער און שוועסטער, מ׳וועט זיי דאַרפן שלעפן און שלעפן — דער פאָטער איז שוין א קנאַפער פאַרדינער”.

געלערנט זיך אין אינסטיטוט האָט ער אויך מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער לײַכטקײַט, אַז אים האָט געקלעקט צײַט אי אַף צו געבן לעקציעס, אי אַף צו לערנען זיך פיאַנאָ, אי אַף צו באַזוכן קאָנצערטן. פאַר די פראָפעסאָרן, וועלכע האָבן געמאַכט א פרווו אַרײַנצוציִען דעם אויסערגעוויינלעך באַגאַבטן סטודענט אין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, איז אײַנגיכן קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז אַן אומזיסטע טירכע: נאָרקין איז א מענטש ניט פון וויסנשאַפט, נאָר פון קונסט. זיי האָבן סאָפקאָלסאָף א מאַך געטאָן אַף אים מיט דער האַנט.

וואָס איז פאָרט געווען די סיבע, וואָס האָט אָפגעקערט סיאָמען פון דעם וועג פון קונסט און אַוועקגעפירט אַפן וועג פון א טרוקענעם „באַלמעלאָכע”, א באַשעפער פון מאַטעריעלע ווערטן? וואָס מער פעקאַרסקי טראַכט זיך איצטער אַרײַן אין דעם, אַלץ מער ווערט אים קלאָר, אַז דאָס איז ער, פעקאַרסקי, דער „שולדיקער” אין דעם. יאָ, ווען ניט ער, פעקאַרסקי, וואָלט דאָ די גאַנצע טרויער־פײַערלעכקײַט אינעם דאָזיקן הייכל פון וויסנשאַפט ניט געווען, ס׳וואָלט געווען א פריוואַטע טרויער־צערעמאָניע, אָדער העכסטנס וואָלט זיך באַטייליקט אין איר עפעס א קרײַז פון מוזיק־ליבהאָבער.

ס׳איז געווען אין איינעם א שיינעם אָוונט אין שטוב פון פעקאַרסקין אין עטלעכע יאָר אַרום, ווי מ׳האָט שוין פאַרענדיקט דעם אינסטיטוט. פעקאַרסקי איז שוין געווען פאַרהייראַט. צוליב עפעס א פאַמיליען־יאָמטעוו האָט ער אײַנגעלאַדן צו זיך נאָענטע מענטשן, פרײַנט און כאַווײרים. צווישן די געסט איז אויך געווען נאָרקין, דעמלט א יונגער אינזשעניער, א צעשטרייטער, מיט א בלאַס פאָנעם און גרויסע בענקענדיקע אויגן. ס׳איז געווען פריילעך, לעבעדיק, אַלע האָבן זיך געפילט גוט, און דער אָוונט וואָלט זיכער פאַרלאָפן אויסגעצייכנט, ווען ניט זינע.

ניט דעמלט, ניט שפּעטער, ווען ער האָט זיך מיט ערגערניש געגריבלט אין דעם, האָט ער ניט געקאָנט דערגיין, ווער האָט זינען גערופן אַפן דאָזיקן אָוונט. ער האָט זי ניט גערופן, די פרוי — אַוודאי ניט, קיינער פון די אָנוועזנדיקע האָט זיך שפּעטער אויך ניט געוואָלט מודע זײַן, אַז זיי האָבן זי מיטגענומען מיט זיך. זי איז אָבער פאָרט געווען, און פון איר טאַקע האָט זיך אַלץ אָנגעהויבן.

זינע איז געווען א מיידל פון א פאַרפירערישער שיינקײַט. א פרעכע, מיט אַן עקסטראַוואַגאַנטן הוילעך, וואָס איז געווען אויסגערעכנט אַף צו שאָקירן, צו „עפּאַטירן דעם קליינבירגער” (דעמלט א מאָדערן ווערטל, וואָס ייִדן האָבן פאַרטײַטשט: סטראַשענען די גענדז). אין די קרײַזן פון דער „גאָלדענער יוגנט” איז זי מער באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען „פיפי”, און בײס מענער האָבן אַרויסגעזאָגט אָט דאָס וואָרט, האָט א טײַוולישער שמייכל געקנייטשט זייערע ליפּן. זי אַליין האָט זיך גערופן „עמאַנסיפּירטע”, און דאָס האָט געגעבן די יונגעלײַט, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום איר, די געלעגנהײַט זי צו רופן „די עמאַנטשיפּיטשירטע”, אַרײַנלייגנדיק אינעם וואָרט עפעס וואָס גראָבלעכס.

אַפן דאָזיקן אָוונט האָט זינע אַרײַנגעטראָגן א סאַך פריילעכקײַט, אָבער דאָס איז געווען א

פריילעכקײַט, וואָס האָט אין א גאָר קענטלעכער מאָס אריבערגעטראָטן די גרענעץ פון דער באלעבאטישער סוויווע, ווו קימאט אלע זײַנען געווען פארהייראטע מענטשן. סיאָמע נאָרקין אָבער, וועלכער איז ווייניקער פון אלעמען געווען צוגעוווינט צו אזא באנעמונג, האָט עס ניט באמערקט. ער האָט מיט אן אָפן מויל געשלונגען די ווערטער פון אָט דער „פּיפּי", ניט אראָפּגעלאָזט די אויגן פון איר און געזוכט איר נאָענטקײַט. מע האָט בעפּויעל־מאמעש געזען, ווי ער ווערט מיט יעדער מינוט אלץ מער פארשלונגען, פארכאפּט, פארזונקען.

סײַ יענעם אָוונט, סײַ שפּעטער האָט זיך פּעקארסקי געכידעשט: סיאָמע נאָרקין, וועלכער לייענט טעקסטן מיט אינטעגראל־צייכנס, ווי מע לייענט א בעלעטריסטישן בוך, האָט ניט געקאָנט דורכלייענען דעם דאָזיקן פּראָסטן עלעמענטארן טעקסט. און עפּשער איז עס געווען די שטים פון זײַן רײַף־געוואָרענעם עלטער, וואָס האָט ארויסגעשריִען פון אים, דעם שטילן, דעם פארבענקטן, דעם ארײַנגעטאָנענעם אין אנדערע אוילאָמעס, ארויסגעשריִען מיט אזא אורקראפט, וואָס האָט פארשטאָפּט אלע שפּארונקעס פון פארנונפט? ווער ווייסט...

קורץ, ער איז פארכליאָבעט געוואָרן. אײַנגיכן זײַנען צו פּעקארסקין דערגאנגען קלאנגען, אז סיאָמע קלײַבט זיך כאסענע צו האָבן.

ווי געזאָגט, האָט נאָרקין ניט געהאט קימאט קיין כאווירים. דער איינציקער נאָענטער מענטש איז געווען פּעקארסקי. כוץ דעם, איז דאָך די אומגליקלעכע באגעגעניש פאָרגעקומען בא אים אין שטוב. פּעקארסקי האָט געהאלטן פאר נייטיק זיך ארײַנצומישן. אין איינעם אן אָוונט איז ער געזעסן בא א טישל אין קאפע „קאָנראד" אנטקעגן נאָרקינען און בא א גלעזל ווײַן געפּרוּווט ארײַנטײַנען.

נאָר גלײַך בא די ערשטע ווערטער וועגן „פּיפּי" איז נאָרקינס פּאָנעם נאָך בלאסער געוואָרן. זײַנע ליפּן האָבן זיך צוזאמענגעפּרעסט, אָט־אָט רײַסט ער אוף. פּעקארסקי האָט זיך פארהאקט, פארקערעוועט דעם שמועס אף אנדערע דראָכים: געבן אייצעס איז שוין ניט געווען וועמען. נאָר צום סאָף פונעם געשפּרעך, אז נאָרקין, שוין א בארויִקטער, האָט אים געבעטן צו זײַן אונטערפירער, האָט זיך פּעקארסקי קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

נאָך דער כאסענע האָבן זיך אָנגעהויבן דורכזײַען קלאנגען, אז באם יונגן פּאָרל איז עס ניט פויגלדיק. מע האָט זיי אין ערגעץ ניט געזען, אפילע אף די קאָנצערטן האָט נאָרקין זיך אופגעהערט צו באווײַזן.

פּעקארסקי איז איינמאָל אוועק צו זיי. די באלעבאָסטע האָט געעפנט די טיר, און אף פּעקארסקיס פראגע האָט זי מיט ביטל געוויזן אף דער טיר פונעם קאבינעט. דער באלעבאָס איז געזעסן פארשפּארט אין זײַן צימער און זיך פארנומען מיט וויסנשאפטלעכער ליטעראטור. זיי האָבן געשמועסט וועגן פּראָפעסיאָנעלע איניאָנים, די פּערזענלעכע טעמע האָט נאָרקין אויסגעמיטן. אין שטוב האָט געהערשט א דריקנדיקע אטמאָספער.

פּונקט צו יענער צײַט האָט די ליטווישע רעגירונג — דעמלט נאָך די בורזשואזע — געמאָלדן א קאָנקורס אף אופצובויען א נײַע בריק איבערן ניעמאן. דאָס האָט געזאָלט זײַן א מאָדערנע בריק, די גרעסטע אײַזנבעטאָן־בריק אין אייראָפּע. אין קאָנקורס האָבן זיך באטייליקט די גרעסטע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע פירמעס מיט די בארימטסטע אינזשעניערן. צו אלעמענס פארוווּנדערונג האָט נאָרקין זיך אויך גענומען צו דער ארבעט.

וואָס איז דאָס געווען: אן אופבליץ פון א געניִאלן געדאנק, אָדער א פארצווייפלטער פּרוּוו אוועקצוגיין פון דעם ניט־געראָטענעם פאמיליען־לעבן? גיכער,ביידע זאכן מיטאמאָל. די באקאנטע, און אויך פּעקארסקי בעסויכעם, האָבן מיט באדויערן געשאָקלט מיט די קעפּ, זעענדיק, ווי נאָרקין עקט זיך דאָס לעבן אין פיבערדיקער ארבעט איבער דעם פּראָיעקט. אָן דער שטיצע פון יעטווידער פירמע, קימאט איינער אליין, האָט ער צוגעגרייט דעם פּראָיעקט און צוגעשטעלט צום קאָנקורס. און דאָ איז געשען דאָס אומגלייבלעכע. ניט קוקנדיק אף די מאכינאציעס פון די פירמעס און די פּאָליטישע אינטריגעס, וואָס האָבן זיך געשפּונען ארום דעם איניען, איז נאָרקינס פּראָיעקט אנערקענט געוואָרן אלס דער בעסטער. פיבערהאפט, מיט לײַב־און־לעבן האָט ער זיך ארײַנגעוואָרפן אין דער ארבעט אף צו פארווירקלעכן זײַן פּראָיעקט אין לעבן. געוויס איז עס געווען די סגולע צו פארגעסן זײַן ניט־געראָטן פאמיליען־לעבן, אָבער גלײַכצײַטיק האָט עס געוועקט און געשליפן זײַן וויסנשאפטלעכן און פּראָפעסיאָנעלן אינטערעס. כאדאָשים־לאנג איז ער פארפאלן געוואָרן אף דער ארבעט, ניט אויסנוצנדיק די מעגלעכקײַטן, אפילע ווען זיי האָבן זיך געמאכט, אף א טאָג־צוויי צו קומען אהיים.

און דאָ איז פאָרגעקומען דער איבערבראָך — אין איינעם א שיינעם טאָג האָט ער זיך דערוווּסט, אז דאָס ווײַב איז אוועק פון אים. מיטגענומען דאָס קינד און אנטלאָפן מיט א גע־מיינעם יונג, א שאָפער. און אנטלאָפן דאפקע קיין אויסלאנד.

קיינער פון די ארומיקע האָט אין יענע טעג גאָרניט געקאָנט מערקן אף נאָרקינען. ער האָט זיך נאָך מער ארײַנגעוואָרפן אין דער ארבעט,

און זײַן געדאַנק האָט געשפּריצט מיט נײַע אײַנפאַלן און דערפינדונגען.

אַז די שלאַנקע אײַזנבעטאָנענע אַרקע, וואָס איז איין איין שפרונג אריבער פון איין ברעג צום אַנדערן, האָט זיך שוין געשפּיגלט אין די גרויע וואַסערן פון ניעמאַן, איז דער ווײַטער־דיקער לעבנס־וועג פון נאַרקינען שוין געווען פעסט אַנגעצייכנט: אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער אינזשעניער און צוגלײַך טעאָרעטיקער און געלערנטער.

אין די באַדינגונגען, וואָס זײַנען געווען בא דער ליטווישער נאַציאָנאַליסטיש־בורזשואַזער רעגירונג, האָט נאַרקין ניט געקאָנט פיל דערגרייכן: ער האָט געאַרבעט אַף פּריוואַטע פּראָיעקטן. אינגיכן זײַנען אָבער אָנגעקומען נײַע צײַטן. אין 1940 איז ווידער אופגעשטעלט געוואָרן די ראַטנמאַכט אין ליטע, און צוזאַמען מיט איר איז געקומען דער ווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער אופבלי פון דעם קליינעם אָפּגעשטאַנענעם אַגראַר־לאַנד. פאַר נאַרקינען האָט זיך געעפנט א ברייט אַרבעטס־פעלד.

בייס דער דײַטשישער אָקופּאַציע אַנטלויפט ער פון געטאָ און ווערט אויסבאַהאַלטן בא קאָ־לעגן־ליטווינער.

נאָך דער מילכאָמע דערגרייכט נאַרקינס טאַלאַנט אלס געלערנטער, טעאָרעטיקער און פּע־דאַגאָג זײַן העכסטע אַנטוויקלונג.

פּופצן מינוט פאַר דרײַ. באַם אָרן אונטער די קלאַנגען פון דער זעלבער טרויער־מוזיק שטעלט זיך די לעצטע וואַך. דאָס זײַנען זעקס עלטסטע פּראָפעסאָרן מיטן רעקטאָר בעראָש. צען מינוט פאַר דרײַ מעלדעט דער רעקטאָר, אז אַלע, כוץ די אייגענע, דאַרפן פאַרלאָזן דעם זאַל.

פעקאַרסקי רײַסט זיך אָפּ פון זײַנע מאַכשאָ־וועס, ער הייבט זיך אוף און גייט מיט אַלעמען צום אַרויסגאַנג. דער געדיכטער אוילעם ווערט אָפּגעוואַרט אין דרויסן פון סטודענטן מיט אָרדנער־צייכנס אַפן אָרעם און ווערט פאַנאַנ־דערגעפירט לענגויס דעם וועג. אינגיכן ווערט געשאַפן א ברייטער דורכגאַנג מיט מענטשן פון ביידע זײַטן און מיט צוויי רייען בלומען און קרענץ, וואָס פאַרפילן דעם גאַנצן שעטעך פון א פאַר הונדערט מעטער צווישן דער געבײַדע און דעם קאַטאַפאַלק. אַלץ קומט פאַר שטיל און אין שטרענגער אָרדענונג.

פּונקט דרײַ באַווײַזט זיך אין די אָפענע טירן דער אָרן. די ערפאַרכטיקע שטילקײַט ווערט אופגעריסן דורך די קלאַנגען פונעם סטודענ־טישן בלאַז־אָרקעסטער. דער אָרן שוועבט איבער פלייצעס אין דעם דורכגאַנג פון בלומען און קרענץ.

אין עטלעכע מינוט אַרום ציט זיך די פּראָצע־סיע מיטן קאַטאַפאַלק בעראָש, מיט א צענדליק אויטאָבוסן און מיט פיל פּריוואַט־מאַשינעס דורך די ווילנער גאַסן.

אַפן בעסוילעם איז שוין אַלץ צוגעגרייט. בא דער אָפענער גרוב שטייט א שטאַטיוו מיט א מיקראָפאָן. פון אים ציִען זיך קאָליריקע דראָטן צו אַן אויטאָבוס, ווו ס׳זײַנען אײַנגעאָרדנט די הויכרעדער.

דעם הויפּט־העספּעד האַלט דער רעקטאָר. ס׳איז א לאַנגע רעדע, אין וועלכער ס׳ווערן אַרויסגעהויבן די פּעדאַגאָגישע, וויסנשאַפטלעכע און מענטשלעכע מײַלעס פונעם פאַרשטאָרבע־נעם, זײַנע פאַרדינסטן אלס דערציִער פון דורעס אינזשעניערן, אלס געלערנטער און טעאָרעטיקער. עס ווערן אויסגערעכנט די לערנ־ביכער, וואָס ער האָט געשאַפן, די וויסנשאַפט־לעכע אַרבעטן און די דערפינדונגען, וואָס ער האָט געמאַכט.

די הויכרעדערס אַרבעטן אויסגעצייכנט. דער גרויסער אוילעם איז צעשפּרייט אַף א היפּשן שעטעך, און אומעטום, הינטער די געדיכטע ביי־מער, הערט זיך קלאָר איעטווידעס וואָרט. די אַלמאָנע שטייט לעבן אָרן א פאַרגליווערטע, ווי א שווארצע סטאַטוע.

פעקאַרסקי שטייט אין געדיכטן אוילעם אין טיפער פאַרטראַכטונג. ער מערקט אַליין ניט, ווי ער שאָקלט פון צײַט צו צײַט מיטן קאָפּ, בייס ער הערט די רעדעס. סאָפעקאָלסאָף איז דאָך אַלץ ריכטיק. די מוסטערהאַפטע אָרדענונג און דיסציפּלין, מיט וועלכער אָט דער לעצטער וועג איז אָרגאַניזירט, אַנטשפּרעכט דאָך סאָפּ־קאָלסאָף דער מוסטערהאַפטער אַרבעטסזאַמקײַט און מויעך־דיסציפּלין, מיט וועלכער דער פאַר־שטאָרבענער האָט זיך אויסגעצייכנט. מאַלע פון וואָס א זיבעצניאָריק באָכערל האָט געקאָנט טרוימען אין א ווינטערדיקן אָוונט אונטער דער שײַן פון די שטערנס איבערן שטאָט־גאָרטן...

די לעצטע מינוט דערנעענטערט זיך. דער אָרקעסטער ברעכט ווידער אויס אין א טרויער־מאַרש. פיר געזונטע יונגען נעמען זיך צום אָרן און לאָזן אים אַראָפּ אין גרוב. דער רעקטאָר וואַרפט א זשמעניע ערד אין גרוב. זײַן ווונק רײַסט אַרויס די אַלמאָנע פון איר פאַרגליווערט־קײַט, און זי טוט דאָס אייגענע.

איידער די באַגראַבער נעמען אָרודוועגן מיט זייערע לאָפּעטעס, שטופּט זיך פעקאַרסקי דורך און וואַרפט אויך זײַן הויפן ערד.

שענקט בלומען אײַערע געליבטע!

אינעם קוואַרטאַל, ווו עס וווינט זאַלמען, האָט זיך ניט לאַנג געעפנט א בלומען־מאַגאַזין. א קליין געבײַדעלע, אָבער מאָדערן אויסגעשטאַט. איז עס אָנגענעם פאַרן בליק. אַז זאַלמען גייט אַרײַן אַהין, פילט ער א דאָפּלטן עסטעטישן גענוס: הען פונעם אינהאַלט, הען פון דער אויסערלעכקייט. „מיסטאָמע, — טראַכט ער, — האָט עס פּראָיעקטירט א פרוי, אַן אַרכיטעקטאָרן — אַזוי אינטים, היימיש ווירקן די זויבער־ראַציאָנעלע ליניעס פונעם אינטעריער".

אין דעם מאַגאַזין — כאָטש ער איז גאָר א נײַער — שטופּן זיך שטענדיק מענטשן, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע. עפּעס א כויסעם פון יאָמטעוודיקייט ליגט אָף זייערע פּנימער, אָף זייער אָנטועכץ. זאָרגעוודיק־ערנסט קלײַבן זיי אויס די בלומען, און עפּעס פײַערלעכס איז דאָ אין זייערע מינעס, בייס זיי נעמען צו פון די פאַרקויפערנס די צאַרטע סכוירע, אײַנגעוויקלט אין צעלאָפאַן.

און אָט גייט זאַלמען ווידער הײַנט אַרײַן אַהין און קויפט א בוקעט טונקל־רויטע רויזן, ווײַל הײַנט איז א לעווײַע פון א נאָענטן כאַווער.

מיטן בוקעט, אײַנגעוויקלט אין צעלאָפאַן־פּאַפיר, גייט ער ארויס פונעם מאַגאַזין, און דאָ קומט אים אוף א פּאַשעטער געדאַנק: אין די יונגע יאָרן איז ער דאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען אין אַזעלכע מאַגאַזינען און קיינמאָל ניט געקויפט קיין בלומען.

דער דאָזיקער פּאַשעטער געדאַנק דערשיטערט אים אַזוי, אַז ער בלײַבט א ווײַלע שטיין אָפּן טראָטואַר, ווי א פאַרגליווערטער. איז עס מעגלעך?! יאָ, עס איז טאַקע אַזוי געווען, כאָטש איצט דערשײַנט עס אומגלייבלעך.

און טייקעף בליצט אוף אין זײַנע געדאַנקען א בילדל פון די אַמאָליקע יאָרן. צוויי קאָמיוגיסטן פון א קעמערל, וואָס ער האָט נאַרוואָס אָרגאַניזירט, קומען צו אים צו לויפן צעפּאַלאָשעטע מיט א שרעקלעכער בסורע: זיי האָבן אַקאָרשט געזען זייערן א כאַווער פון קעמערל מיט א פרײַלן אונטערן אָרעם, און אָף זײַן האַלדז האָט זיך געבאָמבלט... א שניפּס! דאָס, וואָס ער איז געגאַנגען אונטערן אָרעם מיט א מיידל, האָבן זיי נאָך אים געקאָנט מויכל זײַן, אָבער א שניפּס! ווי קאָן א קאָמיוגיסט, וועמענס גאַנצע מאַכשאָוועס דאַרפן זײַן אַרײַנגעטאָן אין רעוואָליוציע, אַזוי נידעריק פאַלן און אָנטאָן, ווי א ליאַדער קלייבנבירגער, א שניפּס! זאַלמענען איז דאַן קוים געלונגען צו איבערצײַגן די יונגען, אַז דאָס פאַרברעכן איז ניט אַזוי גרויס — עפּשער טוט ער עס צוליב קאָנספּיראַציע... פונדעסטוועגן איז דער „פאַרברעכער" אָף דער אָרדנטלעכער זיצונג פון קעמערל „דורכגעאַרבעט" געוואָרן און, כאָטש מע האָט אים ניט אויסגעשלאָסן, איז דער כשאַד, אַז ער איז א קליינבירגער, געבליבן הענגען איבער אים.

אין יענע האַרבע קאָנספּיראַטיווע צײַטן האָט מען אין די קאָמיוגישע קעמערלעך ערנסט באַהאַנדלט די פראַגע, צי מעג א קאָמיוגיסט, וואָס געפינט זיך אין אומלעגאַלע באַדינגונגען, טאַנצן, ווער רעדט נאָך גיין אָף א טאַנץ־אָוונט... שענקען בלומען א מיידל... אַזוינס האָט גאָר ניט געקאָנט קומען אין קאָפּ.

זשעניעס גרויסע שוואַרצע אויגן שווימען אוף אין זײַן זיקאָרן. זי האָט געהאַט א בלאַס איידל פּאָנעם, וואָס האָט אויסגעזען נאָך בלאַסער צוליב דער ראַם געדיכטע שוואַרצע האָר אַרום דעם. וואָס פאַר א שטאַרקער אינערלעכער געפיל האָט זיי פאַרבונדן, און ווי קאַרג, ווי זעלטן זײַנען געווען די אויסערלעכע סימאָנים פון אָט

דער ליבע. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער איבעריק וואָרט, יעדער איבערפלוס פון געפיל איז פּאַשעט א גנייווע — ווײַל אַלע ווערטער, אַלע געפילן געהערן דאָך צו דעם איינציקן, וואָס איז דער איקער אין זייער לעבן.

זשעניע איז יונג געשטאָרבן. געשטאָרבן פון א נישטיקער קראַנקייט, ווײַל זי איז געווען אין טיפער קאָנספּיראַציע און מע האָט זי ניט געקאָנט ברענגען אין קראַנקן־הויז. איר בלאַס צאַנקענדיק פּאָנעם שטייט אוף פאַר זאַלמענען

אַזוי בוילעט, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן גע־ווען, און די גרויסע שוואַרצע אויגן, אָנגעגאָסענע מיט לייד, מאַנען, מאָנען.

זאַלמען קוקט אַף דעם פּאַקעט אין צעלאָפאַן און שטעלט זיך אָפּ א צעמישטער: ווי קומען אַט די רויזן אין זײַן האַנט און וואָס דאַרף זיי יענער מענטש, וואָס ליגט איצט א פאַרשטאַרטער אין דעם פּאַראַדנעם זאַל פון יענעם פּאַראַדנעם הויז?

עס נעמט אים אַדורך א מאָדנע געפיל: ווען ער קאָן כאָטש איין רויז פון די, וואָס ער האַלט איצט אונטערן אָרעם, ברענגען אין יענעם בוידעם־שטיבל און עס אַרײַנלייגן אין די הענט פון יענער, דער צאַנקענדיקער... עפשער וואָלט די לייד אין די גרויסע שוואַרצע אויגן געמיינערט געוואָרן, און עפשער, עפשער... צערטלעכקייט איז א מיטל, וואָס איז אַמאָל ווירקזאַמער פון פיל אַנדערע רעפועס... און ער האָט דאָך פאַרמאָגט גענוג צערטלעכקייט, און ניט אין קיין קלענערער מאָס, ווי די יונגעלײַט, וואָס שטופּן זיך באַם טאַמבאַנק פון בלומען־געשעפט, — עס זײַנען אָבער געווען באַדינגלעכקײַטן, וואָס האָבן געשטערט זי אַרויסצוברענגען.

פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט ער ניט געבראַכט אַזאַ בוקעט צונטער־רויטע בלומען אין דעם בוידעם־קעמערל? עפשער וואָלטן די רויזן אָפּגעגעבן א ביסל פון זייער רויטקייט יענע בלאַסע באַקן אונטער די געדיכטע שוואַרצע האָר? עפשער וואָלט געשען א וווּנדער — ווונדער זײַנען דאָך אויך א געזעצמעסיקייט, מע דאַרף זיי נאָר גוט צוגרייטן, — און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס וואָלט געווען אַנדערש און ניט אַזוי איינזאַם.

זאַלמען דערנעענטערט זיך איצט צו זײַן ציל, צו יענעם פּאַראַדנעם זאַל, ווו עס ליגט דער פאַרשטאַרטער קערפּער. דאָ איז דער צענטער פון שטאָט. די טראָטואַרן זײַנען דאָ ברייטע, און אין דער איצטיקער מיטיק־צײַט באַוועגן זיך דאָ א סאַך מענטשן.

צווישן אַט די אײַליקע באַשעפטיקטע מענטשן גייט פּאַוואָליע א סטולער אַלטיטשקער מיט א בוקעט אומנוציקע בלומען אין דער האַנט, און אין זײַן קאָפּ פּלאָנטערן זיך געדאַנקען, פאַרשפּעטיקטע אַף קימאַט פופציק יאָר.

אין פּאַרק

זיי האָבן זיך מעסוקן פײַנט, שײַע קאַנגיסער און כאַצקל מיגדאַל. אַז מע טרעפט זיך, האַלט מען זיך אין איין שטעכן און „אַרײַנזאָגן“, נאָר טאָמער פּאַסירט, אַז מ׳זעט זיך ניט א לענגערע צײַט, כאַלעשט מען, עס ציט זיי איינס צום אַנדערן.

שײַע קאַנגיסער, א הויכער שמאָלער ייִד אין די אַכציקער, שפּרײַזט איבער א זײַטיקער אַליי פונעם פּאַרק. ס׳איז א פרימאָרגן פון אָנהייב האַרבסט, די זון וואַרעמט מעכײַעדיק מילד. אין אַזאַ טאָג זיצן זיכער אַלע באַקאַנטע ייִדן־פּענסיאָנערן אַף זייער שטענדיקן אָרט — אַף דער הויפּט־אַליי, און כאַצקל, אַט דער אויוועראָבאָטל, האַלט אין איין דערשענען. ער, שײַע, וואָלט, פאַרשטייט זיך, אויך געדאַרפט זײַן דאָרטן. ווער־ווער, נאָר ער האָט וואָס צו זאָגן און דערציילן. ניט אַזוינע פּוסטע מײַסעס, ווי יענער, נאָר טאַקע וואָרע געשיכטעס פון זײַן רײַך קאָמיוואָיאַזשאָריש לעבן. נאָר ער האָט זיך הײַנט א ביסל פאַרשפּעטיקט — דאָס ווײַב פילט זיך שוואַך, מ׳האָט איר געדאַרפט א ביסל העלפן אין ווירטשאַפטס־זאַכן, און ער איז שפּעטלעך אַרויס פון שטוב. איצט איז די באַנק אוואָדע פאַרנומען, אין צענטער זיצט געוויס דער פּאַנפּאַטש כאַצקל און בראַקט זײַנע ניט געשטויגענע, ניט געפלויגענע בײַקעס. ניין, ער טאָר הײַנט ניט גיין אַהין... אַט וועט ער זיך אַדורכשפּאַצירן איבערן פּאַרק, כאַפּן א ביסל פרישע לופט און אומקערן זיך אַהיים... דאָס ווײַב האָט דאָך אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך הײַנט ניט זאַמען, ווײַל זי פילט זיך ניט מיט אַלעמען.

אַזוי באַשליסט שײַע קאַנגיסער, ער באַשליסט פעסט, נאָר מאַשמאָעס, ער האָט ניט באַוויזן איבערצוגעבן דעם באַשלוס צו די פיס זײַנע, ווײַלן די פיס ניט וויסן, וואָס דער באַלעבאָס האָט דאָרט אויבן באַשלאָסן, און פאַרקערעווען פון זיך אַליין אַף דער הויפּט־אַליי.

צוגעקומען צו דער הויפּט־אַליי, שטעלט זיך שײַע אַף א ווײַלע אָפּ. ער ציט אויס זײַן לאַנגן האַלדז, זײַנע אויגן ווערן קײַלעכיק און קוקן גיריק אין דער ווײַט. אין דעם מאָמענט איז

ער מיט זײַן קלײן פּאָנעם און מיט דער לאַנגער שויפער־נאָז מער ווי שטענדיק ענלעך אַף אַ פויגל, וואָס דערזעט פונדערווײַטן עפּעס וואָס צו פּיקן און איז זיך פיבערדיק מעיאשעוו, צי מע מעג זיך אַ לאָז טאָן אַהין, אָדער עס לויערט דאָרט אַ געפאַר. גלײַך פון ערשטן בליק איבערצײַגט ער זיך טאַקע: יאָ, דער „קוואָרום״ איז הײַנט אַ פולער, די גאַנצע באַנק איז פאַרנומען, אַ פּאָר מענטשן שטייען אפילע, און אין דער מיט, פאַרשטייט זיך, ער, כאַצקל. לויט די פּאָזעס פון די, וואָס זיצן און שטייען, איז קלאָר, אַז דער פּאָנפּאַטש דאַבערט און אַלע הערן זיך צו צו זײַן מאַטן־טוירע.

שײַע קווענקלט זיך אַ ווײַלע, נאָר ס׳איז שוין צו שפּעט — מ׳האָט אים שוין דערזען, און ער לאָזט זיך מיט לאַנגזאַמע טריט צו דער באַנק.

— גוטמאָרגן!

טעלעכע שטימען מיטאַמאָל ענטפערן אים, מע מאַכט די באַוועגונג אים פרײַ צו מאַכן אַן אָרט אַף דער באַנק, נאָר שײַע שאָקלט ענערגיש מיטן קאָפּ: מ׳דאַרף ניט. ער האָט פײַנט, אַז מע באַטראַכט אים ווי אַ זאָקן. וואָס איז ער, אַן אינוואַליד, אַ כוילע, ראַכמאָנע־ליצלאָן? ער איז בעסאַכאַקל אַכציק יאָר אַלט, נו, איז דאָס אַ סאַך? (עמעס, ער איז שוין עפּעס גאָר לאַנג אַלט „אַכציק יאָר״, ער האָט ניט האַלט, אַז מע פרעגט אים אַף די יאָרן, און טאָמער פרעגט מען אים, ענטפערט ער קורץ אָפּ: „אַכציק״ — אַזוי שוין היפּשע עטלעכע יאָר).

כאַצקל זיצט אינמיטן דער באַנק אַן אָנגעשפּאַרטער מיט זײַן צעפּלאָסענעם קערפּער אַפן גראָבן סוקעוואַטן שטעקן זײַנעם, וועלכן ער האַלט צווישן די קני. זײַנע קלײנע, ביסטרע אייגעלעך באַטאַפּן ניט גאָר פרײַנטלעך דעם נײַ־אָנגעקומענעם. ער גיט אַ שמאָרע מיט דער נאָז, ווי זײַן שטייגער איז, און זעצט פאָר דערציילן:

— איז באַ וואָס האַלטן מיר? באַ מאָטע דעם לאַנגן. געווען באַ אונדז אין שטעטל אַזאַ ייִד, מאָטע דער לאַנגער האָט מען אים גערופן. כאָטש קיין שטאַרק לאַנגער איז ער ניט געווען. גיכער געווען אַזאַ צונעמעניש באַ אים, ווײַל אַלע אין זײַן מישפּאָכע זײַנען געווען קלײנינקע, מער ניט ער איז אויסגעוואַקסן אַ בײַסעלע העכער. טרעפט אַמאָל, אַז ס׳קומט אַ יעשיוועבאָכער אין שטעטל, און דער שאַמעס שיקט אים עסן צו מאָטל דעם לאַנגן. גייט דער יעשיוועבאָכער צו צו מאָטל דעם לאַנגנס שטוב, ער זעט, עס שטייט אַ מענטש אַפן גאַנעק. „זאָגט מיר, ווו וווינט דאָ מאָטל דער לאַנגער?״ קוקט אים יענער אָן און פרעגט: „זאָג מיר, ווי לאַנג דאַרף ער זײַן? אַזוי ווי איך וועט דיר קלעקן?״ ביכלאַל איז מאָטע דער לאַנגער געווען אַ לעץ, אַן ארײַנזאָגער. פאַר זײַן צונג האָט מען געציטערט, ווי פאַר פײַער. געהאַלטן האָט ער אַ קראָם, געווען איז דאָרט פון קאָלטווו, געהאַט אַ גאָר־גאָר פײַנע אויסקומעניש, די קינדער האָבן שטודירט. נאָר אַז מ׳האָט געערדעט מיט אים וועגן זײַן קרעמערײַ, האָט ער עס ניט האַלט געהאַט. „וואָס פאַרגינט איר מיר ניט מײַן קרעמערײַ? יעדער ייִד־אָרעמאַן האָט אַ קראָם: ער האָט ניסלעך אין קאָפּ, מאַנדלען אין האַלדז, זאַלץ אין די גלידער, צוקער אין בלוט, אַ פײַג אין קעשענע און קנעפּלעך אין הינטן...״

דער אוילעם לאַכט זיך הילכיק פאַנאַנדער. כאַצקלס פּאָנעם בלײַבט ערנסט. ער שלעפּט אַרויס פון קעשענע אַ פּעקל ציגאַרעטן. דאָס זײַנען ביליקע ציגאַרעטלעך, טשוועקלעך רופט מען זיי. עטלעכע הענט שטרעקן זיך טייקעף אויס צו אים מיט גוטע פילטער־ציגאַרעטן, נאָר כאַצקל זאָגט זיך אָפּ, ער רייכערט נאָר זײַנע „טשוועקלעך״. צו זײַן צעפּלאָסן ברייט פּאָנעם, אַ פּאָנעם פון אַ ייִדענע, וואָלט בעסער געפּאַסט, ווען ער לייגט ארײַן אַ שמעק טאַבאַק אין די נאָזלעכער. נאָר קיין שמעק טאַבאַק איז איצטער ניטאָ, און אויב ס׳וואָלט געווען, וואָלט ער עס גאָרניט געפילט, מאַכמעס די נאָז איז באַ אים פאַרלייגט פון אַ כראָנישן קאַטער. ער פאַררייכערט, גיט אַ שמאָרע מיט דער נאָז און רעדט ווײַטער:

— נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. וואָס האָט איר זיך דאָ פאַנאַנדערגעלאַכט? ווערטלעך זײַנען באַ אונדז געווען אַ סאַך. באַ אונדז אין שטעטל האָט מען זיך ליב געהאַט צו ווערטלען. כ׳וועל אײַך בעסער דערציילן אַן אַנדער מײַסע... אָט טומלט זיך איצטער מיט דער אַרטיסטקע ל. זי האָט געקראָגן אַ הויכע אויסצייכענונג, זי איז אַזוינס ווי אַזעלעכס. ווייס איך וואָס... עפּשער איז זי טאַקע אַ גוטע אַרטיסטקע, נאָר ווי קומט זי צו כײַקע מאָטלס פון אונדזער שטעטל? טאַקע מאָטל דעם לאַנגנס ייִנגסטע טאָכטער. געווען אַ בראַנד אַ מיידל, אַ לאַכערקע, אַ שטיפערקע. אַז ס׳איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע, האָבן די עלטערע צוויי ברידער אירע טייקעף געצויגן קאָמאַשן, אַוועק אין עוואַקואַציע טיף אין ראַסיי. כײַקע האָט זיך דעמלט געלערנט אַפן פילאָלאָגישן פאַקולטעט אין קאָוונע. זי איז פּונקט געווען צוגאַסט באַ אירער אַ כאַווערטע אין אַ דאָרף, האָט זי ניט באַוויזן צו מאַכן די פּלייטע. איז זי ארײַנגעפאַלן אין געטאָ, זיך געמוטשעט נעבעך, ווי אַלע. דערנאָך האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז ניט קיין אייסעק, האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט פון געטאָ, אַראָפּגעריסן דעם מאָגנדאָוויד, זיך אָנגעטאָן ווי אַ ליטוויש דאָרפס־מיידל און אַוועק טאַקע צו איינעם פון די פּײַרער פון די ליטווישע פאַשיסטן, וואָס איז געווען אַ גאַנצער שמעלקע באַ די דײַטשן. דאָרט האָט

זי גערעדט מיט אזא דאָרפישן ליטוויש, אָן שום סימען פון ליטעראַרישקייט, מיט אלע פישטשעווקעס פון א זשעמײַטער פויערטע. איז זי געפעלן געוואָרן דעם פאשיסט, און ער האָט זי אָנגענומען פאר א דינסט. אָנדערהאַלבן יאָר האָט זי געארבעט אלס דינסט אין יענער שטוב, געטאָן אלע שטוב־ארבעטן, געגאנגען אין קאָס־

טיאָל מיט די באלעבאטים, אפילע געלערנט די קינדער זיך מאָליענען פארן שלאָפן גיין. אָנדערהאַלבן יאָר, טאָג־איַין, טאָג־אויס, באטאָג און באנאכט שפילן אזא ראָליע! דערפאר, דעם לעצטן טאָג פון איר ארבעט, אז די באלעבאטים האָבן זיך שוין געקליבן אנטלויפן צוזאמען מיט די דײַטשן, האָט זי דערלאנגט דעם באלעבאָס אזא גאָב אין אזא פּרעכטיקן ליטעראַרישן ליטוויש, אז יענער האָט שיר ניט געכאפּט די פּאָפּלעקציע! איר זײַט עפּעס מעווינים אף אזא שפּיל, הא?

כאַצקל שפּארט אָן זײַן גאָמבע אפן שטעקן, און זײַנע אייגעלעך לויפן דורך איבער די צוהערער, ווי ער וואָלט וועלן דערטאפּן, צי צווייפלט ניט עמעצער אין דער שווערקייט פון אזא ראָליע, דאן פארענדיקט ער:

— איצט ארבעט כײַקע מאָטל דעם לאנגנס אין אוניווערסיטעט, טאקע אף דעם זעלבן פּיילאָלאָגישן פאקולטעט. פאראיאָרן האָט זי, עמעס, געקראָגן אן אויסצייכענונג פאר איר פּעדאגאָ־גישער טעטיקייט, אָבער ווו איז איר מעדאל פאר אירע ארטיסטישע פייִקייטן, הא?

— איר מעדאל — דאָס איז איר לעבן, וואָס זי האָט אָפּגעראטעוועט, — באמערקט עמעצער פון די צוהערער.

— איך קען זי, — רופט זיך אָפּ א צווייטער, — א ביז גאָר פייִקע פרוי, נאָר אז זי איז נאָך דערצו אזא ארטיסטקע, האָב איך ניט געוווסט.

נאָר שײַע שטופּט זיך שוין פאָרויס. אים שפּארט, ער האָט אויך וואָס צו זאָגן.

— וועל איך אײַך דערציילן א בעסערע מײַסע.

— ער האָט שטענדיק א בעסערע מײַסע, — רופט זיך אָפּ מיט כויזעק כאַצקל.

— אוואדע א בעסערע. מײַן מײַסע איז מיט א מוסער־האסקל. אײַערע איז וועגן א יאָכיד, מײַנע איז וועגן א קלאל, א גאנץ פאָלק. — שײַע הייבט אוף א פינגער, וואָס דארף באשטעטיקן זײַן מוסער־האסקל.

ער רוקט זיך צו נעענטער, שטרעקט אויס דעם לאנגן האלדז, דאָס פויגלשע פּאָנעם זײַנס צינדט זיך אָן מיט באגײַסטערונג און לײַכט אוף, ווי בא אים אינווייניק וואָלט זיך אָנגעצונדן א לעמפּל.

— מענדל זיבוץ קענט איר? ער שטאמט פון אונדזער שטעטל. הײַנט איז ער א זאָקן. אמאָל איז ער געווען א קרעפּטיקער יונג, א האָרעפּאשניק, מיט די עמעסע יאָדאִים פון אן ארבעטער. זײַן טאטע איז געווען א שמיד, געהאלטן בא אונדז א קוזניע, און אלע זײַנע ברידער — זעקס באָנים זײַנען זיי געווען — שטארקע געזונטע יונגען, אויך שמידן. מענדל איז געווען דער ייִנגסטער. אים האָט מען שוין געשיקט קיין קאָוונע אין אן „אָרט"־שול, און פון דאָרט איז ער ארויס א באלמעלאָכע פון באלמעלאָכעלאנד: א שלאָסער, א טאָקער, א מעכאניקער מיט גאָלדענע הענט. אז דער בראָך איז געקומען, איז ער אויך ארײַנגעפאלן אין געטאָ. די פּאָמיליע זײַנע — געהאט א פרוי און קינדער — איז גלײַך אומגעקומען בײַ דער ערשטער אקציע, אים האָט מען נאָך דערווײַל אויסגענוצט, ער האָט געארבעט אין א שלאָסערײַ. נאָר בײַ דער ערשטער מעגלעכקײַט האָט ער געמאכט א וואַזוראך און אוועק אין א דאָרף. אן ארבעטער איז ער געווען א גאָלדענער, נאָר אן אויסזען האָט ער געהאט, ווי פאר יענע צײַטן, ניט קיין וואזשנעם: מע האָט גלײַך אף אים געזען, אז ס'איז א ייִד. און מיט זײַן ליטוויש לאָשן איז געווען נאָך ערגער. דאָס הייסט, ליטוויש האָט ער געקענט, נאָר ווי נאָר ער האָט געעפנט דאָס מויל, האָט מען גלײַך פארשטאנען, פון וועמען ער שטאמט. און אָט אזא מענטש האָט העכער צוויי יאָר ארומגעוואלגערט זיך איבער

ליטווישע דערפער. ווי ער פלעגט קומען אין א דאָרף, האָט מען זיך מיט אים דערפרייט: דער שלעפּט אים צו פאַריכטן א נײַ־מאַשין, דער דאַרף, מע זאָל אים צורעכטמאַכן א מאָטאָר פון א דרעשמאַשין, יענער וויל, מע זאָל אים אָפּרעמאָנטירן די ציין־רעדער פון זײַן מיל. ניט געווען קיין דאָרף, ווו עס זאָל ניט זײַן פאר אים קיין שטיקל ארבעט. ער איז אויסגע־ווען אין צענדליקער, עפּשער הונדערטער, דערפער, געהאַט צו טאָן מיט הונדערטער — וואָס רעד איך — מיט טויזנטער ליטווינער, און פאר די העכער צוויי יאָר האָט אים קיינער ניט ארויסגעגעבן! ניט די, וואָס האָבן אים געגעבן ארבעט, ניט די איבעריקע פּויערים פונעם דאָרף, וואָס האָבן דאָך נישט געקאָנט ניט וויסן, אז ס'דרייט זיך דאָ ארום א פרעמדער און נאָך א ייִד. פארגעסט ניט, וואָס פאר א צײַט דאָס איז געווען: דאָס ניט־אויסגעבן האָט יעדן ליט־ווין געדראָעט מיט טויט! אין די דערפער זײַ־נען געווען פארשיידענע מענטשן, ס'האָט דאָרט געשוויבלט און געגריבלט מיט פּאָליצײַען און זשאַנדאַרמען, און דאָך האָט זיך בעמעשעך פון קנאַפּע דרײַ יאָר ניט געפונען קיין איין ליטווי־נער, וואָס זאָל דעם ייִדן מאַסערן! וואָס זאָגט איר דערצו, הא?

— איך קען דעם מענטשן, — האָט זיך נאָך א געוויסן שטילשווײַגן אָפּגערופן איינער, — נאָך דער מילכאָמע האָט מען אים ארויסגערופן קיין ווילנע. דאָ זײַנען פארבליבן פונעם דײַטש הונדערטער סייפן, פארשלאָסענע אף קונציקע שיפרען. ער האָט זיי אלע געעפנט, ניט אופ־שנײַדנדיק און ניט באַשעדנדיק קיין איינעם פון זיי.

— ס'איז א פײַנע מײַסע, — האָט א בורטשע געטאָן כאַצקל, — נאָר ווו איז דאָ דער מוסער־האַסקל?

— באַ אײַך, רעב כאַצקל, — האָט מיט א געמאָרע־ניגון געזאָגט שײַע. — פיגורירט א מענטש, וואָס האָט גוט געשפּילט א ראָליע. מײַ־לע, ארטיסטישע פייִקײַטן, דאָס טרעפט אָפּט. פון דעם קאָנט איר קיין מוסער־האַסקל ניט אראָפּנעמען. באַ מיר אָבער, רעב כאַצקל, פיגו־רירט א פאָלק, א גאַנץ פאָלק!

— א מייליק־ניישער פארן ליטווישן פאָלק זיך אײַנגעפונען!.. ווער ווייסט עס ניט, אז דאָס ליטווישע פאָלק איז אן ערלעך האָרעפּאַשנע פאָלק. פאַשיסטישע און דײַטשישע אונטערלע־קער זײַנען געווען מער ניט, ווי איינצלנע אויס־וורפן. מיר האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט אין דער גרעסטער פרײַנטשאַפט מיט די ליטווינער, און איצט באַ דער סאָוועטסקער וולאַסט וועלן מיר מירצעשעם נאָך הונדערטער יאָר לעבן ווײַטער.

כאַצקל הייבט זיך אוף מיט א קרעכץ און לאָזט זיך גיין צום קיאָסק, וווהין מ'האָט אָקאָרשט געבראַכט צײַטונגען.

זײַן אָרט אף דער באַנק בלײַבט ליידיק. שײַע פּרוווט נעמען די לייצעס אין האַנט, נאָר ס'איז ניט דאָס. ער האַלט ניט פון קליינשטעטלדיקן פאָלקלאָר, ער האַלט מער פון מײַסעס מיט א „מוסער־האַסקל“, כאָטש ער ווייסט, אז מיט אָט דער סכוירע וועט ער ניט בײַקומען זײַן איי־ביקן קאָנקורענט.

כאַצקל באַווײַזט זיך שוין מיט עטלעכע צײַטונגען אין דער האַנט. ער גייט צו צו דער באַנק, זעצט זיך אף זײַן אָרט און נעמט זיך ווידער צו דער מעלאָכע. ניט נאָר ער ווייסט טויזנטער מײַסעלעך, ווערטעלעך און שפּרוכן, נײַערט ער איז אויך א גרויסער ספּעציאַליסט אף צונעמענישן.

דער שאַרפזין פונעם ליטוואַק איז טרוקן, בײַ־סיק און אומראַכמאָנעסדיק. ער אונטערשיידט זיך פון דעם הומאָר פון פּוילישן ייִדן: יענער איז מער שטיפעריש און פריילעך. הערשעלע אָסטראָפּאָליערס מײַסעס זײַנען באַריידעווודיק און פריילעך. מאָטקע כאַבאַדס וויצן זײַנען קור־צע און שטעכיקע. פאר דעם הומאָר פון ליט־וואַק זײַנען כאַראַקטעריסטיש די צונעמענישן — גיט דער ליטוואַק א צונעמעניש, איז עס גע־טראָפן אין פּינטל. ניט געווען קיין שטעטל אין ליטע, וואָס האָט ניט געהאַט זײַן צונעמעניש, און זעלטן מ'האָט א ייִדן אין שטעטל גערופן לויטן נאָמען, ווער רעדט שוין לויטן פאַמיליען־נאָמען, — יעדערער האָט געהאַט זײַן צונעמע־ניש, וואָס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן אף אים.

באַ כאַצקלען איז די יוגנט זײַנע, וועלכע

ער האָט פאַרבראַכט אין שטעטל, פאַרקריצט אין זיקאָרן, ווי אויסזיעס אַף א מירמלשטיין. עס איז שוין קימאַט א האַלבע מייע יאָרן פאַרבײַ, ווי ער איז אַוועק פון זײַן היים, נאָר ער האָט קיינמאָל ניט איבערגעריסן די פאַרבינדונג מיטן שטעטל. ער קאָן נאָך הײַנט זיך אַדורכשפּאַצירן איבער אַלע געסלעך — הויז נאָך הויז, — אָנרופן דעם באַלעבאָס און זײַן צונעמעניש. ער האָט זייער האָלט זיך אײַנצוטונקען מיט די זיכרוינעס אין די פּאַטריאַרכאַלע וואַסערן פונעם שטעטל, און פון זײַנע דערציילונגען טויכן אויף די מענטשן פון שטעטל אַלס זאַפטיקע קאָלאָריטע פיגורן, יעדערער מיט זײַן אייגנאַרט און זײַן צונעמעניש. אָט מאַכט ער איצטער אויך אַזאַ שפּאַציר און שיט מיט צונעמענישן: אָרטשע יאָקום־בעמבע (ער האָט האָלט געהאַט כאַזאָנעס און פלעגט זיך שטופּן צום אָמעד), לאָזער טאַפּואַך (געהאַט א קײַלעכדיקע צורע מיט רויטע בעקעלעך), לייזער די טאָרבע (א מעסוקן קאַרגער), שמועל־א־האָן (שמועל־אַוראַהאָם), שיקע דער יאַפּאָנטשיק (געווען אַף דער יאַפּאַנישער מילכאָמע און האָלט געהאַט וועגן דעם צו רעדן), מענדע קוואַטש (געבראָקט ליגנס), כאָנע טאַנץ, יאַנקל־בערע דער קרוטשקע־קאָפּ אאַוו. אאַדג.

שײַע קאַנגיסער פאַלט אים אָפּט אַרײַן אין די רייד — ער געדענקט אויך א סאַך טיפּן. נאָר שײַעס „ספּעציאַליטעט” זײַנען די צונעמענישן פון די שטעטלעך: ער איז געווען אַמאָל א קאָמיוואָיאַזשאָר און פלעגט א סאַך אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך פון ליטע. יעדעס שטעטל האָט געהאַט זײַן צונעמעניש אַף ניט אָפּצומעקן: מאַריאַמפּאָלער פינגער־ברענער, קאַלוואַריער קאַלאַקאָטקעס, פּלונגיאַנער גאַנאָווים, טאַווריקער זײַדענע טאָרבעס, נעמאָקשטער ווערגערס (געווען פערד־גאַנאָווים, איינער האָט געמאַסערט, האָט מען אים דערוואָרגן אין באָד), שקודווילער פּאַרפּל, ווידוקלער ציגן, קעלמער שלעפּער, אַניקשטער באַל־גײַוועס (אַן אַניקשטער קאַלופּעט נאָכן עסן די ציינער, קלוימערשט ער האָט געגעסן פליישיקס, און געגעסן האָט ער גאָר מילכיקס), פּאַלאַנגער אוינעפּניקעס (ס'קומען קוראָרטניקעס, און ס'טוט זיך דאָרטן כוישעך), מאַסיאַדער אונטערהויזן (פלעגן ביז שפּעט אין טאָג אַרומגיין אין גאַטקעס) אאַוו.

ס'ווערט שוין שפּעט. דאָ דער, דאָ יענער רײַסט זיך אָפּ פון באַנק און גייט אַהיים. די לעצטע גייען אַוועק כאַצקל און שײַע, די אייביקע „קאָנקורענטן”. כאַצקל — א נידעריקער, א גראָבלעכער, גייט אָן אײַנגעהויקערטער, זיך שווער אָנשפּאַרנדיק אַפן שטעקן. שײַע — א הויכער, א גראָדער, הייבט זײַן אײַנגעשרומפּן פויגלש פּאָנעם צום הימל, קעדיי צו כאַפּן נאָך א ביסל פריי־האַרבסטיקע זון. שײַע שפּירט, ווי דורך זײַן שטענדיקן קינע־סינע רײַסט זיך פּלוצעם בא אים אַדורך א ראַכמאָנעס־געפיל צו כאַצקלען: נאָך גאָר א יונגער מענטש, בעסאַכאַקל זיבעציק יאָר, האָט א שטענדיקן נאָז־קאַטער, גייט אָן אײַנגעהויקערטער, און זײַן שטעקן איז א גראָבער, סוקעוואַטער פלאָקן... ער, שײַע, דער געוועזענער קאָמיוואָיאַזשאָר, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט א שטעקן, איז עס געווען א פּראַנטעוואַטער שטעקן מיט א זילבערן הענטל, און הײַנט, צו אַכציק יאָר, גייט ער א גראָדער און אײַנגאַנצן אָן א שטעקן.

— וואָס זיפצט איר, כאַצקל?

כאַצקל דערשפּירט: אין שײַעס שטים קלינגט עפּעס אָן אומדערוואַרטע וואַרעמע נאָטע. און ער רופט זיך אָפּ פאַרטרוילעך:

— איר פאַרשטייט, רעב שײַע, ס'איז ניט גוט. ס'דערנעענטערן זיך די יאָמים־נוראָיִם. פריִער פלעגן מיר יעדער יאָר דינגען אַן אַוטאָבוס אַף א גאַנצן טאָג, דאָס האָט געקאָסט זעכציק רובל, און פאָרן אַף קייווער־אָוועס. סע פלעגן זיך אָנקלײַבן א צוואַנציק־דרײַסיק מאַן, האָט עס אויסגעמאַכט צוויי־דרײַ רובל אַף א מענטשן. הײַנט קאָן איך אַפילע קיין צען מענטשן ניט צוזאַמענקלײַבן. איז וואָס טוט מען?

שײַע גייט א ווײַלע שווײַגנדיק, זײַן קאָמערציִעלער מויעך אַרבעט.

— ווייסט איר וואָס? בא אונדז איז דאָך אויך די זעלבע לאַגע. און ווי ווײַט איז עס אײַער שטעטל פון מײַנעם? ס'וועט זײַן אַן איבעריקע דרײַסיק קילאָמעטער, וועט עס קאָסטן נאָך א פינפערל. לאָמיר דינגען בעשוטפעס אַן אַוטאָבוס און פאַרטיק. איך וועל אויך אָנקלײַבן א זיבן־אַכט מענטשן.

— א פּלאַן, — ווערט כאַצקל לעבעדיק, — איז, הייסט עס, בעשוטפעס, האַ?

— בעשוטפעס, אַוואַדע בעשוטפעס!

מע גייט ווײַטער און מע רעכנט אויס די נעמען פון די, וואָס וועלן זיך באַטייליקן אין „שוטפעס”.

זיי זײַנען שוין ווייניק פאַרבליבן, די, וואָס פאָרן אַף קייווער־אָוועס.

אין טרינק פון הימל=טיף

קלאָרער פאַרשטאַנד

גיב מיר נאָך יאָרן — א יונגע כ׳זאָל בלײַבן,
בלײַבן פּולבלוטיק און צאַרט,
לידער, באַפרײַטע פון פּענטעס, נאָך שרײַבן —
עפן מיר ברייטער דאָס הארץ.
זאָל עס באלײַכטן פאַרכווישעכטע וועגן,
פירן א קינד פאר דער האנט.
מוט זאָל מיר סטייען אין אלע געשלעגן,
ברייטקייט און קלאָרער פאַרשטאַנד.
זאָל עס פאַרהיט זײַן פון גלײַכגילט און
טויבקײַט, —
עפן אין צוקונפט די טיר,
זאָלן מיך לידער דערהייבן, ווי טויבן,
זינגען און וואָרקען אין מיר.

אין קרײַז פון רײַפקייט

איעדע צײַט פון יאָר האָט אירע פארבן.
איר טאם און רייַ׳ך, איר אייגענע מוזיק.
איך גיי אין פעלד ארום צווישן די גארבן,
איך טרינק פון הימל־טיף. ס׳איז אויך א גליק
אין הארבסט־טעג זאמלען בלעטער פון די קליאָנען,
וואָס פאלן צו די פיס אפן אספאלט,
גיין אין נאָיאַבער־טעג אונטער די פאָנען
און זינגען לידער, וועלכע ווערן גאָר ניט אלט.
און גליטשן זיך אום ווינטער אף די גליטשערס
פון בערגלעך קיעווער, גאָר נאָענט צו דעם דניעפּ,
באשיידנקייט זיך לערנען בא איליטשן,
א זאנגל זײַן צווישן די זאנגען אינעם סטעפּ.
א ווײַנשל זײַן אף ראָזע ווײַנשל־ביימער,
וואָס רײַפן זומער־צײַט אין גרינעם סאָד,
און וויסן: דו ביסט אף דער וועלט ניט אײנע.
דאָס לעבן אייביק איז, ס׳איז ווי א ראָד.
דאָס הארץ זאָל יונג זײַן ביזן לעצטן אָטעם,
ווײַל רײַנע לופט איז טײַערער פון ווײַן,
סע זאָל אנטרינען פון דעם טויט דער שאָטן,
ווײַל כ׳בין אין קרײַז פון רײַפקייט ערשט ארײַן.

כ׳לאָז זיך אנטקעגן

ווײַבערשע שוואכקײַטן,
פרויִשע שוואכקײַטן
שטענדיק פארצײַען אים,
טאָמיד און אלץ.
זאָל ער נאָר קומען,
געדולדיק כ׳וועל ווארטן,
ער גיט מײַן לעבן צו
פעפער און זאלץ.
אָן אים זײַנען פּיסנע
די טעג און די אָוונטן.
אָן אים די לידער
פארלירן דעם טאם.

ער איז דער נאָענטסטער
צווישן די נאָענטע,
ער איז מײַן צוקער,
און ער איז מײַן סאם.
ער רײַסט זיך ארײַן
אין די נעכט אין די דויערנדע,
הייבט אוף פון שלאָף,
ווי א דונער, א בליץ.
כ׳לאָז זיך אנטקעגן
צו אָפענע טויערן,
ס׳שפּאלט זיך דער קאָפּ,
ווי א קאָוועץ פון היץ...

אין דערפל אירפּען

כ׳האָב מיטגענומען מיט זיך א שטיקעלע אירפּען,
ער זאָל ביז ווינטער בלײַבן אף מײַן פּען
מיט אלע זײַנע ליכטיקע פארנאכטן,
ווען איך האָב אומגעבלאָנדזשעט אין מײַן ווארטן,
מיט אלע מײַנע גליקלעכע פארטאָגן,
ווען כ׳בין געלאָפן צו דעם טײַך זיך באָדן,
ווען ס׳האָט דער טאָג זיך מיט דער נאכט געשלאָגן.
זיי זײַנען איצט אין מיר, ווי טראָפּנס גאָלד, פארבליבן
און לערנען מיך ניט צווייפלען, זיך ניט גריבלען.
אז ס׳זאָל דער פריסעק מיר אף יאָרן סטײַען,
כ׳היט אָפּ אין נעשאָמע דאָס אירפּעניער פײַער.

אין גרויסער דיכטער־וועלט

פארטשעפּע זיך, ווי פאר א צווײַגל, אין געדאנק.
און ווײַטער... זאָל דיר שוין ניט טאָן מער באנק.
די ליד וועט שוין אליין באקומען איר מוזיק.
ס׳איז דאָ דען אף דער וועלט א גרעסער גליק,
ווי זײַן פארטאָן אין גרויסער דיכטער־וועלט.
אין הימל און אין זון, וואס אף די גראָזן קוועלט
און וואס צעשײַט זיך אף דײַן האלדז מיט בײַטשלעך קרעלן —
דו זאָלסט דײַן ליבן אָט אזא געפעלן.
א זינגעוודיקע, דורכגעווייקט מיט זילבן,
דו דארפסט גאָר ניט קיין גאָלד, קיין זשמעניעס זילבער,
דײַן הויט איז איצט באזוניקט, פּונקט ווי בראָנזע, —
קום אין די ריטמען בלאָנדזשען און פארבלאָנדזשען...
וועסט עפשער זיך פארטשעפּען אין א סטראָפע,
געפין מיך, דו זאָלסט קאָנען ווײַטער האָפן,
דײַן הארץ זאָל שטענדיק גלייבן, שטענדיק גלוסטן,
דאָס לעבן זאָל ניט אויסזען ווי א פּוסטקע.

אויב האָסט געגרײַזט

אך, מײַן נעשאָמע!
זי צעגיסט זיך און פארפלייצט
דעם ברעג ארום,
כאָטש בוי פאר איר, ווי פאר א טײַך,
פאראָמען.
וואָס זוכסטו אים?
וואָס זוכסטו אים, דײַן טרייסט?

אך, מײַן נעשאָמע!
סע שרײַט דאָס אײַז,
סע ברעכט דאָס אײַז זיך אין פארטאָג.
סע גייט דער פרילינג...
אויב האָסט אמאָל געגרײַזט, —
דערצייל אים ווילִיק.

ביזן טויט מיר בלײַבן קינדער

ביזן טויט מיר בלײַבן קינדער,
ווערן גאָר ניט עלטער.
ס׳איז א נעס אזא דער ווינטער
מיט די בייזע קעלטן.

רענדלעך ליגן — גאָלד און זילבער,
שניייִק צעפּאָראָשעט.
גאָט מײַנער, ווי איך בין פילבאר,
ס׳נעמט מיר אָפּ דאָס לאָשן!

ס׳איז ארום אזא מין שיינקײַט,
אז ס׳פארכאפּט דעם אָטעם,
שטוינט די וועלט אין זויבער־ריינקײַט,
פייגל — אף די דראָטן.

ס׳איז מיר גוט, עס איז מיר ווארעם,
און איך ווארט אף גראָזן.
ס׳וועט דער ווינטער מיך ניט נארן,
נײַע ווינטן בלאָזן!

בראָנק

ביראָבידזשאנער נײַס

א שול פאר יונגע מאָלער

אף דער קאָמסאָמאָלסקי־גאַס פונעם געגנטלעכן צענטער האָט פאָריקס יאָר זיך באַוויזן א נײַער לערן־אנשטאלט מיט אן אופשריפט אפן פראָנטאָן פון דער געבײַדע „קונסט־שול פאר קינדער“.

דאָ איז פאראן אלץ, וואָס אזא שול דארף האָבן: ספּעציעלע קלאסן אף צו דערלערנען די געשיכטע פון קונסט, צימערן מיט מאָלבערטן און טאָוולען, א ווארשטאט, ווו די קינדער באהערשן די יעסוידעס פון סקולפּטור. אינעם דיסקאָנט־זשורנאל שטייען שוין די ערשטע אָפּשאצונגען לויט די ספּעציעלע קעגנשטאנדן, וואָס ווערן דאָ אונטעריכט: מאָלערײַ, סקולפּטור, קאָמפּאָזיציע, גראַפיק אאַ.

אין איינעם פון די צימערן ווערן איצט עקספּאָנירט די געמעלן פון 55 יונגע מאָלער, וועלכע האָבן צום ערשטן מאָל אריבערגעטראָטן די שוועל פון דער שול.

ווער ווייסט, עפּשער טאקע דאָ, אין אָט דער נײַער שול, הייבט זיך אָן פאר פיל יונגע מאָלער דער וועג אין דער גרויסער וועלט פון קונסט.

אַלע די שפּורן פון געשעענעם

מילכאָמע=העלדן

1. ביזן לעצטן אָטעם

דערהערנדיק די קלאַנגען פונעם מיליטערישן מאַרש, פלעגט מוישע ניעפּאָמניאַשטשי, ווי אַלע בריאַנסקער כעוורע פון זײַן עלטער, אַרויסלויפן אין איין אָטעם אויף דער גאַס און פאַרגאַפט קוקן, ווי די סאָלדאַטן שפּאַנען פאַרבײַ.

אָפּטמאָל פלעגט ער מאַרשירן מיט דער מיליטערישער טייל ביזן סאַמע וואָקזאַל און זיך ניט אומקערן אהיים, ביזוואַנען די סאָלדאַטן האָבן אים ניט אײַנגעלאַדן אין וואַגאָן. מוישע איז געווען היימיש מיט די רויטאַרמייער, און יענע האָבן גערן געשמועסט מיטן נײַגעריקן יאַט וועגן דער מיליטערישער דינסט.

נאָך אויף דער שול־באַנק האָט מוישע ניעפּאָמניאַשטשי געטרוימט ווערן אַ מיליטערמאַן. געלערנט האָט ער זיך אין בריאַנסק, אין דער שול אויף לונאַטשאַרסקיס נאָמען. געווען איינער פון די באַגאַבטסטע שילער און אַקטיווסטע קאָמיוגיסטן. די כאַווײרים האָבן אים ליב געהאַט פאַר זײַן גרייטקייט קומען צוהילף אין אַ באַליביקער מינוט, די לערער — פאַר זײַנע פייִקייטן.

אין פעווראַל 1939 איז פאַרווירקלעכט געוואָרן מוישעס טרוים: ער קומט אָן אין אַ מיליטערישער שול. שוין פון די ערשטע טעג האָט ער זיך פאַרעקאָמענדירט פאַר איינעם פון די בעסטע קורסאַנטן. אַ דיסציפּלינירטער, ענערגישער און איניציאַטיווער, איז ער געווען אַ בײַשפּיל פון אַרבעטספייִקייט, מיליטערישער געשולטקײַט, געהאַלטן פונעם סוואָראָווישן קלאַל: „שווער אין דער לערע, גרינג אין שלאַכט".

איינמאָל האָט מוישע ניעפּאָמניאַשטשי זיך געפונען אין דער אויסשפּיר־גרופּע. ווען ס'איז אָנגעקומען אַ באַפעל דרינגענדיק צוזושטעלן דער קאָמאַנדשאַפט יעדיעס וועגן „סוינע". אַ שטורמישער טײַך האָט פאַרצוימט דעם וועג. מוישע האָט זיך אין אָנטאָן אַ וואָרף געטאָן אין די קאַלטע וואַסערן, איבערגעשווומען דעם טײַך און געבראַכט די נייטיקע יעדיעס צו דער צײַט.

ס'האָט אויסגעבראָכן די גרויסע פאַטערלענדישע מילכאָמע. דעם 20 אויגוסט 1941 קומט אָן דער יונגער לייטענאַנט אויפן מײַרעוו־פראָנט. שוין אין די ערשטע שלאַכטן ווײַזט ער אַרויס געוואַגטקײַט. ער ווערט פאַרוווּנדעט, נאָר פאַרלאָזט ניט דאָס שלאַכטפעלד.

אין סאָף 1943 איז מוישע ניעפּאָמניאַשטשי שוין אַ דערפאַרענער אָפיצער, אַ גוואַרדיע־קאַפּיטאַן. זײַן באַטאַליאָן איז באַרימט אין דער גאַנצער 337־טער שיסער־דיוויזיע. ער איז שוין דרײַ מאָל פאַרוווּנדעט און ווערט באַלוינט מיט אַן אָרדען פונעם רויטן שטערן.

אין די שלאַכטן פאַרן דאָרף רעמעטי (רומעניע) האָבן דעם סוינעס סאָלדאַטן, געשטיצט דורך טאַנקען, פאַרהאַלטן דעם אָנגריף פונעם 1131־טן שיסער־פּאָלק. דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק, פּאָדפּאָלקאָווניק קאָכאַנאָווסקי, האָט געגעבן ניעפּאָמניאַשטשין אַ באַפעל אַרומצוגיין דעם סוינע און אַרויסשלאָגן אים פון זײַנע פּאָזיציעס. דעם באַפעל האָט ניעפּאָמניאַשטשי אויסגעפילט. דער סוינע איז אַנטלאָפן און איבערגעלאָזט אויפן שלאַכטפעלד 300 סאָלדאַטן און אָפיצערן.

נאָך מער האָט זיך אַרויסגעוויזן די געוואַגטקײַט און העלדישקײַט פונעם גוואַרדיע־קאַפּיטאַן אין די שלאַכטן בײַ די צוגענג צו דער שטאָט אָראַדעמאַרע. דער באַטאַליאָן, אַלס אַוואַנגאַרד פונעם פּאָלק, האָט באַקומען אַ שלאַכט־אויפגאַבע אָפּצושטעלן דעם סוינע אין ראַיאָן פון סינגילעט. די דײַטשן האָבן געוואָרפן אויפן פּאָלק אַן אונגאַרישן אינפאַנטעריע־פּאָלק, אַ באַוואָפנטן מיט מינענוואַרפערס און אַרטילעריע. קעדיי צו דערמעגלעכן די הויפּט־קויכעס

פרײַ צו מאַנעווורירן, האָט ניעפּאָמניאַשטשי אַרויסגערופן אַף זײַן באַטאַליאָן דעם סוינעס אָנגריף. זעקס אַטאַקעס זײַנען אָפּגעשלאָגן געוואָרן, און דער וועג פאַרן פּאָלק איז געוואָרן פרײַ. ניעפּאָמניאַשטשיס באַטאַליאָן האָט זיך אַרײַנגעריסן אין מיזרעכדיקן טייל פון דער שטאָט אָראַדעמאַרע און זי פאַרנומען. דער פאַרבינדלער פונעם פּאָלק־קאָמאַנדיר האָט געבראַכט אַהער פאַר ניעפּאָמניאַשטשין אַ נײַעם באַפעל,

זײַן באַטאַליאָן זאָל פאַרכאַפּן די אײַזנבאַן־ און שאָסיי־וועגן מיזרעך־צו פון דער שטאָט און צודעקן דעם פּאָלק און די דיוויזיע פון מעגלעכע אָנגריפן אין דער ריכטונג פון קרופּעא.

דער סוינע האָט אָנגעהויבן אַן אַטאַקע, געשטיצט מיט 20 טאַנקען. ניעפּאָמניאַשטשיס באַטאַליאָן האָט אָפּגעשלאָגן אַכט אַטאַקעס. ניעפּאָמניאַשטשי האָט אַליין געפירט זײַן באַטאַליאָן אין קאָנטראַטאַקעס. אינגיכן איז ער געבליבן מיט אַ קליינער גרופּע שלאַכטלײַט, נאָר זיך געהאַלטן פעסט אַף די פאַרנומענע פּאָזיציעס.

זײַענדיק שוין שווער פאַרוווּנדעט, האָט ניעפּאָמניאַשטשי באַפוילן די סאָלדאַטן פּאָרצוזעצן די שלאַכט. אַ שווער פאַרוווּנדעטן, האָבן אים די זעלנער אַרויסגעטראָגן פון דער שלאַכט אַף די הענט. די דאָקטוירים פונעם מיליטערישן שפּיטאָל האָבן אַלץ געטאָן, קעדיי צו ראַטעווען דאָס לעבן פונעם העלדישן אָפיצער. נאָר די וווּנדן זײַנען געווען צו ערנסט. דעם 30 סענטיאַבער 1944, אין עלטער פון 23 יאָר, איז דער גוואַרדיע־קאַפּיטאַן ניעפּאָמניאַשטשי געשטאָרבן. די סאָוועטישע רעגירונג האָט אים צוגעטיילט דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

2. דער פּאַנצערעגער

דעם 31 דעקאַבער 1943 האָבן זיך אַפן אַעראָדראָם פאַרזאַמלט די פליִער, לופט־שיסער און טעכניקער פונעם 103־טן שטורמישן אַוויאַ־פּאָלק. אַלע זײַנען געווען אופגעלייגט און מיט אומגעדולד געוואַרט אַף די פײַערלעכע מינוטן, ווען מע וועט איבערגעבן דעם פּאָלק די שלאַכט־פאָן לויטן אוקאַז פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון פּססר. אַפן פלי־פעלד איז שטיל. אין שטרענגע געשלאָסענע רייען שטייען די, וועלכע האָבן אין די גרויזאַמע לופט־שלאַכטן מיטן סוינע באַרימט געמאַכט זייער פּאָלק. דער פאָרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון דער דיוויזיע גיט איבער דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר יערמילאָווען די פאָן. דער קאָמאַנדיר דריקט צו די ליפּן צו דעם זײַדענעם זוים. די סאָלדאַטן און קאָמאַנדירן שווערן צו דערטראָגן די פאָן ביז בערלין, ביזן פולן ניצאָכן. און אָט באַווײַזן זיך אַפן פלי־פעלד דער פּאַנצערעגער, דער פאָרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון אַן עסקאַדרילע וואָלאָדיע קאַרסונסקי מיט זײַנע צוויי באַגלייטער. זיי וועלן הײַנט דאָס ערשטע מאָל דורכטראָגן פאַרן פּאָלק די העל־רויטע פאָן, אַף וועלכער עס זײַנען אויסגעניייט לעניִנס בילד און די ווערטער: „פאַר אונדזער סאָוועטיש היימלאַנד!”. מיט ליבע קוקן די פאַרזאַמלטע אַף וואָלאָדיע קאַרסונסקין, וועמען מע האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ צוטרוי: מע האָט אין זײַנע הענט איבערגעגעבן די הייליקייט פונעם פּאָלק — זײַן רויטע שלאַכט־פאָן.

וואָלאָדיעס פּאָנעם איז באַגײַסטערט, די גרויסע בלויע אויגן שײַנען. אַף וואָלאָדיעס ברוסט — דרײַ שלאַכט־אָרדענס. קוקנדיק אַף אים, גלייבט זיך ניט, אַז אָט דער יונגער מענטש האָט גענומען אָנטייל אין די גרויזאַמע שלאַכטן מיטן סוינע אין קרים, ווײַסרוסלאַנד, פּוילן, אַף די קאַווקאַזער בערג און אינעם קובאַנער הימל.

וויפל מאָל איז אויסגעקומען וואָלאָדיע קאַרסונסקיס קאַווײרים צו פליִען מיט אים צוזאַמען, פליִען אין די שווערסטע באַדינגונגען, און שטענדיק האָבן זיי זיך געוווּנדערט: פונוואַנען קומט צום יונגן שטורמאַוויק אַזאַ שטאַרקער ווילן, אַזאַ זעלבסטבאַהערשונג און קאַלטבלוטיקײַט אין שלאַכט. וואָלאָדיע קאַרסונסקי איז אָנגעקומען אין 103־טן שטורמישן אַוויאַ־פּאָלק אין אויגוסט 1942. דעמלט האָט ער אויסגעזען נאָך גאָר יונג. זײַנע שלאַכט־קאַווײרים האָבן געטראַכט: „ער איז נאָך קימאַט אַ קינד!” און דאָך איז ער געווען שוין דאַן אַ גוטער פליִער. זײַן ענערגיע און ווילן האָבן פאַרכידעשט אַפילע דערפאַרענע לופט־אַסן.

ווער זשע איז ער, וואָלאָדיע קאַרסונסקי, פונוואַנען שטאַמט ער? וואָלף באַרוכאָוויטש קאַר־

סונסקי איז געבוירן געוואָרן דעם 16 נאָיאבער 1924 אין דער שטאָט ארטיאָמאָווסק, דאָנעצקער געגנט. געענדיקט אכט קלאסן, האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן אין א שוך־פאבריק. אין די אָוונט־שעהען באזוכט ער דעם אעראָ־קלוב און ווערט פארכאפט מיט דער פלי־קונסט. איינגיכן ווערט ער א קאָמיוגיסט, מע שיקט אים אין

דער לוגאנסקער אוויִא־שול, און ער פארענדיקט זי. אין דער פאָטערלענדישער מילכאָמע פליט ער פון די ערשטע טעג אָף באָמבארדיר־מאשינעס. פון שלאכט צו שלאכט וואקסט זײַן מײַסטערשאפט און דערפארונג. שפעטער געפינט ער זײַן בארוף אין דער פרײַנטלעכער מישפאָכע פון די פליִער־שטורמאָוויקעס. די מילכאָמע פארענדיקט ער אין דײַטשלאנד.

זײַן קאָמאנדיר, דער העלד פון סאָוועטנפארבאנד קוזמא בעלאָקאָן, וועמענס פארטרעטער ער איז געווען, דערמאָנט אים מיט ליבע און אָפשײַ. בעלאָקאָן דערציילט וועגן זײַן אויסערגעוויינלעכער דרייסטקײַט און באשיידנקײַט.

ווען ס׳האָט זיך פארענדיקט די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, איז וואָלאָדיע קאָרסונסקי געקומען צוגאסט אהיים קיין ארטיאָמאָווסק. ער איז דאן געווען א קאפיטאן, קאָמאנדיר פון א לופט־עסקאדריליע. זײַן ברוסט האָבן באצירט א לענין־אָרדען, דרײַ אָרדענס פון דער רויטער שלאכט־פאָן, אן אָרדען פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע 2־טער שטופע, אן אָרדען פונעם רויטן שטערן און פיל מעדאלן, צווישן זיי א פוילישע מעדאל „פאר פארדינסטן אפן שלאכטפעלד". און איבער די אלע אָרדענס האָט העל געשײַנט דער גאָלדענער שטערן פון א העלד פון סאָוועטנפארבאנד. אין דער מילכאָמע האָט ער דורכגעמאכט 1061 שלאכט־ארויספליִען, צווישן זיי 115 „שטורמישע". ער האָט פארניכטעט פיל שלאכט־טעכניק פונעם סוינע, א גרויסע צאָל פאשיסטישע סאָלדאטן און אָפיצערן.

לויטן אוקאז פון פרעזידיִום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר פון 18 אווגוסט 1945 יאָר איז קאָרסונסקין צוגעייגנט דער טיטל „העלד פון סאָוועטנפארבאנד".

נאָכן זיג איז ער א באשיידענער, פראָסטער מענטש, בארימט זיך ניט מיט זײַנע פארדינסטן. ווען מע פרעגט אים, פאר וואָס ער האָט באקומען דעם העלדן־טיטל, ענטפערט ער: „פאר אויספילן די אופגאבעס פון דער קאָמאנדשאפט".

ביזן 1950 זעצט פאָר קאָרסונסקי די דינסט אין דער סאָוועטישער ארמיי. דעם 17 מארט 1950, בייסן אויספילן אן אופגאבע פון דער קאָמאנדשאפט, האָט זײַן פלי־מאשין געליטן א קאטאסטראָפע, און דער געוואגטער פליִער איז אומגעקומען אין עלטער פון 27 יאָר. געבראכט געוואָרן צו קווורע איז ער אין זײַן היימשטאָט ארטיאָמאָווסק, לעבן דער שול אָף טשקאלאָווס נאָמען. די שילער פון דער שול היטן אָפ מיט ליבע זײַן קייווער.

3. א מענטש פון גרענעצלאָזער געוואגטקײַט

אין די שלאכטן פאר בערלין האָט זיך אויסגעצייכנט דער 164־טער שיסער־פאָלק פון דער 33־טער כאָלמסקער רויטפאָניקער דיוויזיע. מיט דעם פאָלק האָט קאָמאנדעוועט דער גווארדיע־פאָדפאָלקאָווניק פייסאכאָווסקי — א מענטש פון אויסערגעוויינלעכער פערזענלעכער געוואגטקײַט.

זײַן פאָלק האָט מיט דערפאָלג דורכגעריסן דעם סוינעס שוץ־ליניע באם טײַך אָדער און אים פאָרסירט. די היטלעריסטן האָבן נאָך ארויסגעוויזן א פאראקשנטן ווידערשטאנד, נאָר דער מיליטעריש־געשולטער און דערפארענער פאָלק־קאָמאנדיר האָט אָפגעזוכט די שוואכע פאָזיציעס פונעם סוינע און דערשטיקט זײַן ווידערשטאנד.

בייס די שלאכטן אין די פאָרשטעט פון בערלין האָט מען פייסאכאָווסקין אָפט געקאָנט זען אין די פאָדערשטע רייען פון די אָנגרײַפנדיקע ראָטעס. דאָס האָט באגײַסטערט די שלאכטלײַט, זיי צוגעגעבן מוט און גלויבן אינעם נאָענטן זיג. די פײַנטלעכע קאָנטער־אטאקעס זײַנען אָפגעשלאָגן געוואָרן איינע נאָך דער אנדערער.

אין בערלין זײַנען געגאנגען שווערע שלאכטן פאר יעדן קווארטאל, פאר יעדער גאס, פאר יעדן מויער. מיט א גרופע סאָלדאטן און אָפיצערן האָט פייסאכאָווסקי אטאקירט דעם סוינע אין דער בערלינער פאָרשטאָט פאנקאָוו. די אומ־

דערוואַרטע אַטאַקע האָט אַרײַנגעטראָגן א פאַרלוירנקײַט צווישן די היטלעראָווצעס.

אין אָט דער הייסער שלאַכט האָט פּייסאַכאָווסקי פּערזענלעך פאַרניכטעט עלף היטלעריסטן.

און אָט איז דער פּאָלק ארויסגעגאַנגען צו דער שפּרייע. מע זעט שוין די צעקלאַפּטע קאָלאָנעס פונעם רײַכסטאַג. די עסעסאָווצעס, וואָס באַשיצן אים, באַגיסן מאַמעש מיט פײַער די אָנגרײַפנדיקע רויטאַרמייִשע טיילן. דער פּאָלקאָווניק פּייסאַכאָווסקי גיט אָפּ א באַפעל: זיך צוגרייטן צו שטורמעווען דעם רײַכסטאַג...

לאַנג און שווער איז געווען דער וועג צום רײַכסטאַג. פּייסאַכאָווסקי דערמאָנט זיך די אַפּרעל־טעג פון 1942. דער פּאָלק, ווו ער איז געווען קאָמיסאַר, איז אַרײַנגעפאַלן אין ארומרינגלונג. פיל טעג און נעכט האָט דער פּאָלק געפירט פאַרביטערטע שלאַכטן, קעדיי דורכצורײַסן דעם סוינעס רינג, אָבער אָן דערפאָלג. עס זײַנען אויסגעגאַנגען די שפּײַז־פּראָדוקטן. דער פעלד־שפּיטאָל איז געווען פול מיט פאַרווונדעטע. נאָר אָט דערהערן די סאָלדאַטן דאָס קאָל פונעם קאָמיסאַר:

— מיר וועלן דורכרײַסן די ארומרינגלונג, פאָרויס וועלן גיין די קאָמוניסטן!

עמעצער טוט א פרעג:

— וואָס וועלן מיר טאָן מיט די שווער־פאַרווונדעטע?

— ארויסטראָגן זיי! אַלעמען ביז איינעם! יעדע צען שלאַכטלײַט וועלן טראָגן איין פאַרווונדעטן, — ענטפערט דער קאָמיסאַר.

לאַנגזאַם באַוועגן זיך די ראָטעס, טראָגנדיק אין דער מיט פון דער קאָלאָנע די פאַרווונדעטע און די שלאַכט־פאָן פונעם פּאָלק. די אויסשפּירער, וואָס זײַנען ארויסגעשיקט געוואָרן פאָרויס, טיילן מיט, אַז באַם ארויסגאַנג פונעם וואַלד געפינען זיך דעם סוינעס קוילנוואַרפער. פּייסאַכאָווסקי שטעלט זיך בעראָש פון אַן אַוואַנגאַרד־גרופּע, וואָס דאַרף אָפּווענדן אויף זיך דאָס פײַער פונעם סוינע.

דער פּאָלק האָט דורכגעריסן דעם פײַער־רינג און זיך פאַרייניקט צו אונדזער מיליטער.

פריִער פאַר אַלץ האָט פּייסאַכאָווסקי אײַנגעאָרדנט אַלע פאַרווונדעטע אין א האָספּיטאַל, אָנגעהאָדעוועט די סאָלדאַטן, איבערגעגעבן די שלאַכט־טעכניק דער נײַער קאָמאַנדשאַפט, און ערשט דעמלט, ווען אַלץ איז געווען אָפּגעטאָן, האָט ער, אינגאַנצן שוין אַן אויסגעשעפּטער, זיך איבערגעגעבן אין רעשוס פון די דאָקטוירים.

אין דרײַ וואָכן ארום איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פונעם 164־טן שיסער־פּאָלק פון דער 33־טער דיוויזיע. דער פּאָלק האָט זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן פאַר באַפרײַען ריגע, טאַרטו און וואַרשע. פאַר פאָרסירן דעם אָדער האָט נאָום פּייסאַכאָווסקי באַקומען דעם קוטוזאָוו־אָרדען פון דער דריטער מאַדרייגע.

...די קאָמאַנדירן פון די באַטאַליאָנען ראַפּאָרטירן דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר וועגן דער גרייטקײַט צו שטורמעווען דעם רײַכסטאַג.

— אין אַטאַקע! נאָך מיר! — הילכט אָפּ פּייסאַכאָווסקיס קאָל, ער טוט זיך א ריס פאָרויס מיטן פּיסטאָליעט אין דער האַנט, נאָך אים הייבן זיך אויף די איבעריקע.

דער קאָמאַנדאַרם, וואָס געפינט זיך אויפן באַאָבאַכטונגס־פּונקט און שפּירט נאָך, וויאַזוי עס גייט די שלאַכט, לאָזט אַראָפּ דעם בינאָקל און טוט א פרעג:

— ווער איז דער קאָמאַנדיר, וועלכער פירט די סאָלדאַטן אין אַטאַקע?

— דאָס איז דער קאָמאַנדיר פון דעם 164־טן שיסער־פּאָלק, גוואַרדיע־פּאָדפּאָלקאָווניק פּייסאַכאָווסקי, — ענטפערט דער קאָמאַנדיר פון דער 33־טער דיוויזיע, גענעראַל־מאַיאָר סמירנאָוו, וועלכער שטייט לעבן דעם קאָמאַנדאַרם. און ער גיט צו מיט שטאָלץ:

— א שרעקלאָזער, געוואַגטער אָפיצער, שטענדיק איז ער פאָרויס פון זײַנע שלאַכטלײַט.

— ער פאַרדינט דעם טיטל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד. שטעלט אים צו צו דער באַלוינונג, — באַפוילט דער קאָמאַנדאַרם.

בײַ די ווענט פונעם רײַכסטאַג איז פּייסאַכאָווסקי שווער פאַרווונדעט געוואָרן. א שפּליטער פון א סנאַריאַד האָט אים געטראָפן אין בויך. ער איז געווען אינגאַנצן פאַרשאָטן מיט ערד. די שלאַכטלײַט האָבן אים אָפּגעגראָבן און אויף די הענט אַוועקגעטראָגן אים אין מעדסאַנבאַט. דאָס איז געווען די זיבעטע ווּנד, וועלכע ער האָט באַקומען אויף דער מילכאָמע.

וועמ זשע איז ער, אָט דער מעסירעסנעפעש־דיקער, העלדנמוטיקער שלאַכטמאַן?

נאום גריגאָריעוויטש פּייסאַכאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין 1909, אין שטעטל אילינאַ, קאַלינינער געגנט, אין אַ האַרעפּאַשנער מישפּאָכע. צו זעכצן יאָר איז ער געוואָרן אַ שילער בא אַ שמיד. דערנאָך האָט ער געאַרבעט אויף דער שוך־פֿאַבריק „ספּאַרטאַק" אין קאַזאַן. דאָ איז ער אַרײַנגעטראָטן אין קאָמיוג, און שפּעטער אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אינגיכן ווערט ער באַשטימט אַלס פּאַרטערטער פֿונעם דירעקטאָר פֿון דער אונטערנעמונג.

אָנהייבנדיק פֿונעם 1934 דינט נאום גריגאָריעוויטש פּייסאַכאָווסקי אין דער סאָוועטישער אַרמיי, און ער גייט דורך דעם וועג פֿון אַ סאָלדאַט ביז אַ פּאָלקאָווניק, אַ העלד פֿון סאָוועטנפּאַרבאַנד. נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז ער נאָך פֿיל יאָרן געווען פֿאַרבונדן מיט דער סאָוועטישער אַרמיי, איבערגעבנדיק זײַן רײַכע שלאַכט־דערפֿאַרונג דעם יונגן דאָר.

דער העלד פֿונעם סאָוועטנפּאַרבאַנד, דער קאַוואַלער פֿון נײַנצן מעלוכע־באַלוינונגען נאום גריגאָריעוויטש פּייסאַכאָווסקי לעבט איצט און אַרבעט אין מאָסקווע. ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אינעם געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן לעבן פֿון דער הויפּטשטאָט.

יעפֿים קאָלטעניוק
בערדיטשעוו

אומשטערבלעכקײַט

ווען די פֿאַשיסטן זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין מאָלדאַוויע, האָט זיך דער דאָקטער פֿינקעלזאָן מיט זײַן פֿרוי און מיטן צוועלפֿיאָריקן זון מוסיע עוואַקויִרט אין אוסט־לאַבינסק, וואָס געפֿינט זיך אויף קובאַן. אינגיכן איז דער דאָקטער פֿינקעלזאָן באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפֿירער פֿונעם מיליטערישן שפּיטאָל. זײַן זון האָט זיך געלערנט אין פֿינפֿטן קלאַס.

מוסיע האָט זיך זייער גיך צוגעוווינט צום נײַעם אָרט, וואָס האָט אים דערמאָנט זײַן שטעטל בעלץ, ניט ווײַט פֿון דער רומענישער גרענעץ: די זעלבע קליינע הײַזקעס, וועלכע זעען זיך קוים אָן צווישן די סעדער, די זעלבע גאַסן, שטויביקע אין הייסע טעג און אָפּגעפּרישטע נאָך אַ רעגן. אויך די מענטשן אין אוסט־לאַבינסק שיידן זיך ווייניק וואָס אונטער פֿון די, וואָס האָבן געוווינט אין זײַן שטעטל, זיי זײַנען אויך גוטהאַרציקע און רויִקע. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס דאָ טראָגן די מאַנצבלען קובאַנקעס און אויף די פֿיס כראָמאָווע שטיול, און די מאָלדאַוואַנער טראָגן הויכע היטלען און טשוויאַקעס.

אַן אַרבעטזאַמער, אַ צוגעלאָזטער און אַ לעבנסלוסטיקער, האָט זיך מוסיע זייער לײַכט באַפֿרײַנדעט מיט די יינגלעך פֿון אוסט־לאַבינסק. עס האָבן אים ליב באַקומען סײַ זײַנע כאַווערים, סײַ די לערער.

נאָר מער פֿון אַלע אַנדערע האָבן אים באַקומען ליב די פֿאַרווונדעטע זעלנער און קאָמאַנדירן, וועמען ער פֿלעגט פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן מיט זײַן פֿידל. ניט איין מאָל פֿלעגט ער שפּילן אין שפּיטאָל און זיי אָפּווענדן פֿון טרויעריקע געדאַנקען, שטילן זייערע ווייטעקן.

ווי די מערהײַט פֿון זײַנע כאַווירים, איז מוסיע בא זיך אין שטוב, אין שול, אין פּיאָנערן־פּאַלאַץ געוואַקסן אין אַן אַטמאָספֿער פֿון קעגנזײַטיקער זאָרג און אַכטונג, אין אַן אַטמאָספֿער פֿון פֿרײַנטשאַפֿט.

די פּיאָנער־אָרגאַניזאַציע האָט אים געלערנט ניט נאָר מעסירעסנעפֿעשדיק ליב האָבן דאָס היימלאַנד, נאָר אויך זײַן געוואַגט, אופֿריכטיק און ברייטהאַרציק. אויף אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, האָט ער געקוקט מיט ברייט צעעפֿנטע נײַגעריקע אויגן. זײַן גאַנץ וועזן האָט זיך געצויגן צו אַלדאָס פּרעכטיקע.

צו די פֿאַרווונדעטע זעלנער, וועלכע זײַנען פֿיזיש געווען הילפֿלאָז, וועלכע האָבן אויף זיך אויסגעפּרוווט די שוידערן פֿון דער מילכאָמע און האָבן זיך אומגעקערט צעקאַליעטשעטע, — צו זיי האָט ער זיך באַצויגן באַזונדערס צאַרט, ער איז גרייט געווען זיך מאַקריוו זײַן פֿאַר זיי.

מוזיק האָט ער ליב געהאַט לײַדנשאַפֿטלעך. ער האָט געקענט שפּילן אָדער הערן מוזיק אָן אופֿהער. די האַרמאָניע פֿון קלאַנגען פֿלעגט אים

פירן אין אומבאַוווּסטע, שיינע וועלטן. שפּילן האָט ער אָנגעהויבן, ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָר. ער פלעגט זיך איינגאַנצן אָפּגעבן דעם צויבער פון די קלאַנגען.

צו די פאַרווונדעטע פלעגט מוסיע געוויינלעך קומען נאָך דעם אָוונטיקן באַזוך פון די דאָקטוירים. ער פלעגט זיך אויסקשטעלן אין דער מיט פון דער פּאַלאַטע און אָנהייבן שפּילן. עס האָבן זיך געהערט קלאַנגען, אַ שטילע און צאַרטע, אַ ברוזיקע, פּראָטעסטירנדיקע. די קלאַנגען זײַנען דערגאַנגען ביזן טיף פונעם האַרצן.

און ווען די זעלנער, אויסגעמאַטערטע פונעם שוידער און אכזאָריעס פון דער מילכאָמע, האָבן געהערט די מוזיק, האָט זי דערוועקט אין זיי האַס צום פײַנט און זיכערקײַט אין די איייגענע קויכעס.

ווען די פאַרווונדעטע פלעגן נאָכן געזונט ווערן ווידער אַוועקגיין אָפּן פראָנט, פלעגן זיי דאַנקען די דאָקטוירים, די מעדיצינישע שוועסטער און אויך מוסיען, וועלכער האָט זיי געהאָלפן באַגלײַך מיט די דערוואַקסענע.

דאָס ווײַטערדיקע איז געשען אין אַ צײַט אַרום, ווען די פאַשיסטישע האָרדע האָט זיך דערקײַקלט קיין אוסט־לאַבינסק.

ס'איז געווען אַ כמאַרנער, האַרבסטיקער טאָג. דער רעגן האָט געגאָסן אומופּהערלעך. שטראָמען מוטנע וואַסער זײַנען געפלאָסן איבער די וועגן.

מע האָט זיי געפירט צום שיסן. שרעקלעך איז געווען דאָס בילד פון די אויסגעצערטע מענטשן. די מערהײַט — פרויען, אַלטע לײַט, קינדער. עטלעכע צענדליק מאַנצבלעך. יונגע באָכערים און מיידלעך. די זויגקינדער האָט מען געטראָגן אָף די הענט.

די צאָל פון די מערדער, וועלכע האָבן זיי געטריבן, איז געווען ניט קלענער פון די פאַרורטיילטע.

טרויעריק איז געווען זייער וועג. שווער און שרעקלעך וועט זײַן זייער סאָף. דאָס וועט זײַן דער סאָף פון זייערע לעבנס, אויך דער סאָף פון זייערע ליידן. זיי זײַנען געגאַנגען שווײַגנדיק. פון צײַט צו צײַט האָט מען נאָר געקאָנט הערן דאָס געוויין פון אַ קינד, און ווידער איז געוואָרן שטיל.

קיינער האָט ניט מיטגענומען קיין זאַכן, זיי האָבן געוווּסט, וווּהין און צוליב וואָס מע טרײַבט זיי. עס האָט ניט געהאַט קיין זין באַלעסטיקן זיך מיט שווערע פּעק. זיי האָט געדריקט די שווערסטע לאַסט — דער באַוווּסטזײַן, אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג.

זיי האָבן זיך געסטאַרעט ניט קלערן וועגן זיך. זיי האָבן אַזוי געהאַסט דעם סוינע, די עקלהאַפטע ברוּים, וועלכע וועלן שיסן אין זיי, אין אומבאַהאָלפענע, ניט באַוואָפנטע מענטשן! זיי האָבן ניט מוירע געהאַט פאַרן טויט. נאָך די שוידערן, וועלכע זיי האָבן איבערגעלעבט אין געטאָ, האָט זיי דער טויט ניט געשראָקן.

פון פאָראַנט איז געגאַנגען די פאַמיליע פונעם דאָקטער פינקענזאָן. פון רעכטס איז געגאַנגען דער טאַטע, אַ שטרענגער און פאַרטראַכטער, פון לינקס די מוטער. צווישן זיי מיטן פידל אין האַנט מוסיע.

ווען מע איז צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, וווּ ס'איז באַשטימט געווען זיי צו דערשיסן, האָבן די פאַשיסטן מיט אויטאָמאַטן אַלעמען צעשטויסן אין פאַרשיידענע זײַטן לענגויס דעם ריוו. די אויטאָמאַטן און קוילנוואַרפער זײַנען אָנגעצילט געווען אָף די מענטשן.

אין אָט דעם אויגנבליק האָט מוסיע אַ טראָט געטאָן פאָרויס, ער האָט אופגעהויבן דעם פידל אין דער זײַט, ווו עס איז געשטאַנען דער פאַשיסטישער אָפיצער. רויק און ערנסט, אַזוי ווי ער פלעגט עס טאָן אַמאָל אָף די לימודים פון מוזיק, האָט ער געפרעגט:

— איך מעג שפּילן?

די הענקער האָבן זיך איבערגעקוקט. דער אָפיצער האָט מיט ביטל אַ שמייכל געטאָן.

— דער לעצטער פאַרלאַנג? — האָט ער געפרעגט. — נו, שפּיל.

מוסיע האָט אַרויסגענומען דעם פידל פונעם פוטליאַר. עס זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע מינוט.

זײַן גוטער קינדערשער זיקאָרן האָט פאַרהיט אַ סאַך לידער — יידישע, רוסישע, מאָלדאַווישע, אוקראַיִנישע. ער האָט געדענקט סײַ לירישע, סײַ פּאַטעטישע לידער. נאָר אין זײַן לעצטער שאָ, שטייענדיק איינס אָף איינס מיטן סוינע, פאַרן אַוועקגיין פונעם לעבן, האָט ער

אויסגעקליבן יענע איינציקע מעלאָדיע, וועלכע עס האָבן געזונגען די בעסטע זין פון דער מענטשהײַט. ער האָט אויסגעקליבן די ליד, וואָס האָט אין זיך געטראָגן דעם אייביקן עמעס און גערעכטיקייט.

עס זײַנען דורכגעגאַנגען געציילטע רגעס. פאַרטויבנדיק דעם גערויש פונעם כליופּענדיקן רעגן, האָט זיך באַם ריוו דערהערט די שטאַרקע, גרויזאַמע מעלאָדיע, און אַזוי ווי לויט אַ קאָמאַנדע, ווען מענטשן וואַרפן זיך אין אַטאַקע, האָט די מענגע אויסגעמאַטערטע ייִדן אונטערגעכאַפּט:

שטייט אוף, איר אלע, וועלכע ווי שקלאַפן
אין הונגער לעבן מוז און נויט...

אלץ, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמלט באַ יעדערן אין דער נעשאָמע, האָט זיך אַרויסגעריסן מיט דעם געזאַנג. דאָס זײַנען שוין ניט געווען קיין אויסגעמאַטערטע מענטשן, מע האָט זיי ניט אײַנגעבראָכן. די שײַנקײַט פונעם מענטשנס גײַסט האָט זיך געהערט אינעם געזאַנג. מוסיעס פידל האָט זיי געפירט צו די הייכן פון מענטשן־ווירדע.

— פײַער! — האָט היסטעריש אויסגעכריפּעט דער אָפיצער.

די פאַשיסטן האָבן זיך פון אומדערוואַרטקײַט ניט געקאָנט רירן פון אָרט. דאָס זינגען פון די

דער דענקמאָל מוסיע פינקענזאָנען אין אוסט־לאַבינסק

פאַרמישפּעטע צום טויט האָט זיי אַזוי ווי פאַרהיפּנאָטיזירט.

דער אָפיצער, אַ צונטער רויטער, מיט אַ צעקרימט פון קאַס מויל, האָט געשריגן:

— ווערט שטום! צום טײַוול! פײַער!

זײַן געשריי האָט ווי מיט אַ רויט געטראָפן אין די הענקער און אַרויסגעפירט זיי פון זייער צושטאַנד.

דאָס געזאַנג האָט געדויערט ווײַטער. אַ בלײַענער האָגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָף די זינגענדיקע מענטשן.

איינער פון די ערשטע איז געפאַלן מוסיע. ער איז געפאַלן, ניט אַרויסלאָזנדיק דעם פידל פון די הענט, ווי אַ סאָלדאַט אפן שלאַכטפעלד, וועלכער לאָזט ניט אַרויס זײַן אויטאָמאַט. און די לעבעדיקע אַרום אים האָבן פאַרגעזעצט זינגען אונטערן האָגל פון די קוילן. ביסלעכווײַז איז דאָס געזאַנג געוואָרן שטילער, ביז עס האָט אינגאַנצן אופגעהערט, כאָטש ס'האָט זיך נאָך אַלץ געדוכט די הענקער, אַז די טויטע זינגען זייער ליד.

דער יונגער פידלער האָט ניט געשאָסן אין די אָקופּאַנטן, ער האָט ניט געשטעלט קיין מינעס, אָף וועלכע עס האָבן זיך אונטערגעריסן דעם פײַנטס טאַנקען און זײַן מיליטער, ער איז ניט געגאַנגען אין אויסשפּיר, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, ער איז ניט אַריבערגעגאַנגען די פראָנט־ליניע, קעדיי איבערגעבן דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט וויכטיקע יעדיִעס. זײַן העלדנטאַט האָט געדויערט אינגאַנצן עטלעכע רגעס. אין אַזאַ שרעקלעכן מאָמענט האָט ער, דער פּיאָנער מוסיע פינקענזאָן, זיך ניט פאַרלאָרן, ער האָט ווי אַן עמעסער העלד פאַרייניקט די מענטשן אין אַן אייניקײַטלעכן אַטריאַד, וועלכער האָט מיט ווירדע, מיט אַ ליד אָף די ליפּן, באַגעגנט דעם טויט.

ער האָט זייער ווייניק געלעבט, ער האָט ניט באַוויזן באַגרײַפן די סוידעס פון דער נאַטור, דערלערנען די וויסנשאַפטן, וועלכע האָבן גערעגט זײַן באַגאַבטע נאַטור. די אומענטשלעכע איבערלעבונגען האָבן פרי רײַף געמאַכט זײַן פאַרשטאַנד. דאָס איזדיעקוועען זיך איבער זײַנע נאָענטע, די דערנידעריקונגען האָבן דערוועקט אין אים אַ ווילן קעגנצושטעלן זיך דעם סוינע.

ניט לײַכט איז באַגיין אַ העלדנטאַט אין געווייַנלעכע באַדינגונגען, נאָך שווערער איז זײַן אַ העלד, ווען עס שטייט לעם דעם מענטשן דער מאַלעכהאַמאָוועס. ניט יעדן גיט זיך אײַן אָוועקצוגיין פונעם לעבן מיט אַ הויך אופגעהויבענעם קאָפּ.

אָף דעם אָרט, ווו מוסיע איז אומגעקומען,

שטייט א דענקמאָל. באַם צופוסנס ליגן שטענ־
דיק בלומען. אהער קומען אָפט שילער, פּיאָ־
נערן, וועלכע גיבן אכטונג אפן דענקמאָל. אין
אוסט־לאַבינסק, אין דער שול, ווו עס האָט זיך
געלערנט מוסיע, איז אף דער וואנט אויסגע־
קריצט: „דאָ האָט זיך געלערנט דער פּיאָנער,
דער העלד מוסיע פּינקענזאָן, וועלכן די פאַ־
שיסטן האָבן דערשאָסן אין 1943 יאָר". מיט זײַן
נאָמען רופט מען אָן פּיאָנערישע דרוזשינעס.

אף די פאָנען פון די דרוזשינעס איז פאַרשריבן
זײַן נאָמען.

ניין, אין יענער שרעקלעכער רגע, ווען די
קויל האָט געטראָפן מוסיע פּינקענזאָנען, איז
ער ניט געפאַלן טויט. ער איז געבליבן לעבן
אין זיקאָרן פון די מענטשן, פאַרבליבן אומ־
שטערבלעך, — אזא איז דער לוין פאַר די, וועל־
כע קומען אום ווי העלדן.

עמאַנויל יודאַלאָוויטש

גאָרקי

גוטסקײַט פאַרגעסט מען ניט

„אַ גראַוּוע פרוי האָט געבלעטערט די זײַט־
לעך פון א העפט, זי האָט זיך אַרײַנגעטראַכט
אין די געל־געוואָרענע שורעס. אָט האָט א ליכ־
טיקער שמייכל באַשײַנט איר פּאָנעם, אָט האָבן
טרערן פאַרפולט די אויגן. מיטאַמאָל האָט זי א
פליעסקע געטאָן מיט די הענט, זי האָט זיך
צעשמייכלט און זיך צעוויינט: „דאָ איז מײַן
וואָלאָדיע..."

דאָס איז א פאַרנאָטירונג פון קאָרניי טשו־
קאָווסקין, וועלכער האָט אין די מילכאָמע־יאָרן
געלעבט אין טאַשקענט. די פרוי, וועגן וועלכער
ער האָט געשריבן, האָט געזוכט איר זון. ענד־
לעך האָט זי זיך דערקליבן ביז טאַשקענט. דאָ,
אין א קליינעם ציגלענעם מויערל, ווו עס האָבן
זיך געפונען די מיטאַרבעטער פונעם פאָלקס־
קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג פון דער רעפּובליק,
האָט זי איבערגעלייענט אין א העפט: „קאָר־
דאָנסקי וולאַדימיר, דרײַצן יאָר אלט, איבערגע־
געבן אף דערציִונג אין דער 149־טער טאַש־
קענטער שול"...

מער פון הונדערט טויזנט קינדער, וועלכע
זײַנען געבליבן אָן א היים און אָן עלטערן, האָט
אופגענומען אוזבעקיסטאַן. אין יענע יאָרן פלעגן
דורכן עוואַקאָפּונקט פונעם טאַשקענטער וואָק־
זאַל דורכגיין טעגלעך צו 150 — 200 קינדער,
אויסגעמאַטערטע פונעם שווערן און לאַנגן
וועג. דאָס זײַנען געווען קינדער, וואָס האָבן
פאַרגעסן ניט נאָר וויאַזוי מע לאַכט, נאָר אויך
וויאַזוי מע וויינט.

די העפטן, ווהין מע פלעגט פאַרשרײַבן די
נעמען פון די יעסוימים און אין וועלכע מע
פלעגט אַרײַנקלעפּן ברייוו, דערינערונגען, פאָ־
טאָגראַפיעס פון די מילכאָמע־יאָרן, זײַנען זאָרג־
פעליק פאַרהיט געוואָרן ביז אונדזער צײַט.

„ס'כאַפּט אָן א שוידער, ווען איך דערמאָן
זיך מײַן וועג פון ווײַסרוסלאַנד קיין טאַש־
קענט. ווען מע האָט אַרײַנגעזעצט א גרופּע
קליינוואַרג אין דער מאַשין, זײַנען אָנגעפלויגן
פאַשיסטישע אעראָפּלאַנען. זיי האָבן אַראָפּגע־
וואָרפן א באָמבע און עפּשער עטלעכע. ווער
עס איז לעבן געבליבן, איז אנטלאָפן פון
דעם שרעקלעכן אָרט. אין טאַשקענט, אפן וואָק־
זאַל, האָט מען אונדז צום ערשטן מאָל, נאָך א
לאַנגן איבעררײַס, אָנגעהאָדעוועט מיט א הייסן
מיטיק און וועקגעפירט קיין פערגאַנאַ. כ'וועל
קיינמאָל ניט פאַרגעסן, וויאַזוי עס האָבן אונדז
באַגעגנט די אײַנוווינער פון פערגאַנאַ. ווען
מיר זײַנען אַרויסגעגאַן פון די וואַגאָנען, האָבן
מיר דערזען אוזבעקישע פרויען. זיי האָבן אונדז
געגעבן הייסע פלעצלעך, אוריוק, ראָזשינקעס,
ניס. עפּעס צערטלעכס האָבן זיי גערעדט צו
אונדז אף אן אומבאַקאַנטער שפּראַך..."

אַזוי האָט פאַרשריבן אין העפט ווערא שאַס־
טאַקאָווא, א דערציִונג פונעם באָברויסקער
קינדערהיים, איצט אן אינזשעניער־קאָנסטרוק־
טאָר פון „אוזבעקסעלמאַש". מע רופט זי איצט
ווערא מאַקסימאָוונא גאַווורילאָווא.

צוגן זײַנען דאַן אָנגעקומען פון מאָסקווע, לענ־

ניגראַד, קיִעוו, קורסק. אין זיי זײַנען געפֿאָרן קינדער פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער. די הויפּטשטאָט פֿון אוזבעקיסטאַן האָט אופֿגענומען 120 שפּאַנישע קינדער, מע האָט געבראַכט אַהין 20 קינדערהײַזער פֿון פּוילן. די זאָרג וועגן די קינדער האָט אויף זיך גענומען די גאַנצע רעפּובליק. ס'איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציִעלע רעפּובליקאַנישע קאָמיסיע צו הילף די מינדעריאָריקע עוואַקויִרטע. טאַקע זי, די קאָמיסיע, האָט אײַנגעפֿירט דעם העפֿט אויף צו רעגיסטרירן די יעסוימים. אָט איז איינע פֿון די פֿאַרנאָטירונגען:

„כאַמיד סאַמאַטאָוו פֿון קאַטאַ־קורגאַן האָט מילכאָמע געהאַלטן מיטן סוינע אין ווײַסרוסלאַנד. אין איינער פֿון די שלאַכטן איז ער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן, געבליבן אָן אַ פֿוס און זיך צוריקגעקערט אַהיים. ס'האָט אים פֿאַרקלעמט באַם האַרצן, ווען ער האָט דערזען די פֿאַריאָסעמטע קינדער. ער האָט גענומען צו זיך נײַן כעוורע: אַ רוסישן, צוויי אַרמענער, אַ טאָטער, אַ ווײַסרוס, צוויי אוקראַיִנער, צוויי יִידן — אַלע לעבן זיי אונטער איין דאַך באַ כאַמידן...”

ווייניק ווער ווייסט עס איז באַוווּסט, אַז אין יענע שווערע יאָרן האָבן זיך אין טאַשקענט געפֿונען יע. פּ. פּעשקאָווא — מ. גאָרקיס פֿרוי, די אַלמאָנע פֿון זייער זון — נ. אַ. פּעשקאָווא, די פֿרויען פֿון די שרײַבער אַלעקסיי טאָלסטאָי, ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו, ניקאָלײַ פּאָגאָדין. לויטן פֿאָרשלאָג פֿון יע. פּ. פּעשקאָווא איז אין פּאָלקאָמבילד פֿון דער רעפּובליק געשאַפֿן געוואָרן אַן אַדרעסן־ביוראָ, וועלכע האָט זיך פֿאַרנומען מיט אופֿזוכן די עוואַקויִרטע קינדער. פּעשקאָווא איז געשטאַנען אין שפּיץ פֿון דעם אַנשטאַלט. איר האָבן געהאָלפֿן 40 אַנדערע פֿרויען. אַדאַנק זיי זײַנען טויזנטער קינדער אומגעקערט געוואָרן אין זייערע מישפּאָכעס.

ט. וו. איוואַנאָווען האָט מען גערופֿן „קאָמיסאַר פֿון דער קינדער־דערנערונג”. מיט איר אַקטיווער מיטהילף זײַנען אין טאַשקענט געעפֿנט געוואָרן גאָרקיכן און סאַנאַטאָריעס מיט בעסערער דערנערונג פֿאַר 11 טויזנט קינדער. מיטן „קולטור־פֿראָנט” האָבן אָנגעפֿירט נ. אַ. פּעשקאָווא און ל. אי. טאָלסטאַיאַ. אויף די ליטעראַרישע אָוונטן, וואָס זיי האָבן אָרגאַניזירט, האָבן געלייענט זייערע נײַע ווערק אַלעקסיי טאָלסטאָי, קאָרניי טשוקאָווסקי, יאַקוב קאָלאָס און אַנדערע אָנגעזעענע שרײַבער, וועלכע האָבן דאַן געלעבט אין דער הויפּטשטאָט פֿון אוזבעקיסטאַן. פֿאַר די אײַנוווינער פֿון טאַשקענט זײַנען אָפֿט אַרויסגעטראָטן די אַרטיסטן פֿון „מאָספֿילם”, פֿון קיִעווער און כאַרקאָווער טעאַטערן. די מיטלען, וואָס זײַנען אופֿגעזאַמלט געוואָרן פֿון די אָוונטן, קאָנצערטן, לעקציעס, זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן אינעם פֿאָנד אויף צו העלפֿן די קינדער.

...אין אַ פֿערטל יאָרהונדערט אַרום זײַנען ווידער געגאַנגען עשעלאָנען קיין טאַשקענט. איצט האָבן זיי געפֿירט הילף פֿאַר דער שטאָט, וואָס איז נאָך אַ מוירעדיקער ערדציטערניש געלעגן אין רויִנען. מע האָט געפֿירט הײַזער, וועלכע מע האָט לײַכט געקענט מאָנטירן פֿון באַזונדערע טיילן, בוי־מאַטעריאַלן, שפּײַז פֿאַר די אײַנוווינער, מעדיקאַמענטן.

— איך בין געקומען קיין טאַשקענט, קעדיי אומקערן דעם כויוו, — האָט געזאָגט דער אוקראַיִנער בוי־אינזשעניער מיכאַיִל דובראָוו, — אין צײַט פֿון מילכאָמע האָב איך פֿאַרלאָרן די ריִע. די דאָקטוירים פֿון טאַשקענט האָבן מיך אָפּערירט, און איך בין ווידער זעעוודיק געוואָרן. האָב איך דען געקאָנט בלײַבן גלײַכגילטיק צו אײַער אומגליק?

— אוזבעקיסטאַן — דאָס איז מײַן צווייט היימלאַנד. אין די סאַמע שווערסטע יאָרן האָב איך דאָ געלעבט און געאַרבעט. דער ברידערלעכער כויוו האָט מיך גערופֿן אין וועג אַרײַן, — אַזוי האָט געזאָגט דער לענינגראַדער בויער אָלעג קאָזשעמיאַקין.

דער ברידערלעכער כויוו האָט גערופֿן אין וועג אַרײַן אַ סאַך מענטשן פֿון אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן. און די צערויִנירטע פֿון דער סטיכייִע שטאָט — טאַשקענט — איז ווידער אופֿגעשטאַנען אין איר גאַנצער פּראַכט. אויפֿן אָרט פֿון די רויִנען זײַנען אופֿגעקומען נײַע הײַזער, בולוואַרן און פּראָספּעקטן.

אין צענטער פֿון דער גאַס, וועלכע רופֿט זיך „פֿרײַנטשאַפֿט פֿון פֿעלקער”, איז ניט לאַנג צוריק פֿאַרלייגט געוואָרן אַ שטיין. אינגיכן וועט זיך דאָ אופֿהייבן אַ מאָנומענט — אַ פּיראַמידע פֿון גראַניט, לעבן וועלכער ס'וועט שטיין אַ סקולפּטור־גרופּע: בויער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציִאָנאַליטעטן האַלטן אונטער די אונטערגעבראָכענע פּליטע. אויף די קאָלאָנעס — נאַציִאָנאַלע פֿאָנען און הערבן פֿון אַלע ברידערלעכע רעפּובליקן. מיט זייער הילף איז ווידער אופֿגעבויט טאַשקענט. אונטער די פֿאָנען זײַנען אויסגעקריצט די ווערטער: „גוטסקײַט וועלן מיר קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן!”

ס'דוכט זיך, אַז יעדער ציגל, יעדער שטיין פֿון דער אָפּסנײַ אופֿגעבויטער שטאָט כאַזערן איבער די ווערטער, מיט וועלכע איינע אַ יִידישע פֿרוי האָט גלײַך נאָך דער מילכאָמע זיך געווענדט צו אַן אוזבעקישער פֿרוי — דער דערציִערין פֿון אירע קינדער: „אײַער גוטסקײַט וועלן די מענטשן ניט פֿאַרגעסן”.

יו. מוקימאָוו
טאַשקענט

די קורצע געשיכטע פון א ספּאָרטסמען

זײַן קינדהײַט איז אויסגעפאַלן אַף די שווערע פערציקער יאָרן. אין יענער צײַט האָט יעדערער, ניט רעכנענדיק זיך מיטן עלטער און ספּעציאַליטעט, געטאָן אַלץ, קעדיי העלפן דעם פראָנט. און נאָום דיקערמאַן האָט דאַן אויך,

ווי אַלע זײַנע כאַווײרים יינגלעך, געהאָלפן די עלטערן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט. אין 1942 איז ער, א דרײַצניאָריק יינגל, געקומען צו פאָרן אין קאָלווירט. די קינדערשע הענט זײַנען דאַן געווען מיט גאָלד גלײַך, מע האָט געדאַרפט צונויפזאַמלען דאָס גריינס.

אין אָנגעשטרענגטער ארבעט איז גיך דורכגעלאָפן דער זומער אין קאָלווירט. ווען ער איז געקומען צו פאָרן אהיים, האָט אים די מוטער מאַמעש ניט דערקענט. זי האָט דערזען פאַר זיך א ברייטפּלייציקן יונג. ער האָט זיך אויסגעצויגן. מיט איין וואָרט, א באַלעבאָס אין שטוב. אין 1942, נאָכן פאַרענדיקן די פאַבריק־זאַוואָדישע שול, איז ער אָנגעקומען אַלס געהילף פונעם שמיד אַפן רעמאָנט־זאַוואָד.

— כ'וואָלט מינאַסטאַם פאַרבליבן אין קוזניע אַף אייביק, — דערמאָנט זיך נאָום, — ווען ניט איינער א צופאַל, וועלכער האָט „איבערגעקערט" מײַן רויִק לעבן. אין די לעצטע יאָרן פון דער מילכאָמע זײַנען אין כאַבאַראָווסקער צירק פאָרגעקומען פאַרמעסטונגען פון פראַנצויזישן גאַראַנגל. אין איינעם אַן אָוונט האָבן מיך מײַנע כאַווײרים פאַרשלעפּט אין צירק. כ'האָב שלעכט פאַרגעדענקט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דעם ערשטן אָפּטייל פון דער פּראָגראַם, נאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער פראַנצויזישער גאַראַנגל, האָט עס מיך אַזוי פאַרכאַפּט, אַז כ'האָב אין אַלץ פאַרגעסן. פאַר דער גאַנצער צײַט פון די גאַסטראָלן פונעם צירק האָב איך ניט דורכגעלאָזט קיין איין פאָרשטעלונג. טאָג און נאַכט האָב איך געקלערט נאָר וועגן דעם, ווי אַזוי זיך אויסלערנען די קונסט פון גאַראַנגל. אין 1945 איז מײַן טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן, מע האָט מיך אָנגענומען אין דער סעקציע פון פראַנצויזישן גאַראַנגל.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן נאָומס וועג אין ספּאָרט. אין א יאָר אַרום איז ער, אַן אכצניאָריק באָכערל, שוין געשטאַנען אַפן ערע־פּיעדעסטאַל אין דער פאַרמעסטונג צווישן ספּאָרטסמענער פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט. נאָכדעם איז ער ניט איין מאָל געווען דער זיגער אין די פאַרמעסטונגען: פינף מאָל געוואָרן טשעמפּיאָן פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט, צוויי מאָל פונעם ווײַטן מיזרעך און פון דער אַמורער געגנט.

אָט וואָס עס האָט געשריבן איינע פון די קאַנטישע צײַטונגען אין 1947, נאָך דעם, ווי דיקערמאַן איז געוואָרן דער טשעמפּיאָן פון פססר: „די אומדערמידלעכע טרענירונגען און זײַן טאַלאַנט האָבן געהאָלפן אים ווערן אַזא קעמפער, וואָס צו אים איז קיין גלײַכן ניטאָ אַפן טעפּיך".

ניט לײַכט איז אים אָנגעקומען דער זיג. קעדיי צו דערשלאָגן זיך אַזוינע רעזולטאַטן, האָט ער געדאַרפט אָנשטרענגען זײַן ווילן, די דרײַיסטקײַט. דערפאַר האָט אים די פּאַהאַרטעוועטקײַט, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אין ספּאָרט, ניט איין מאָל אַרויסגעראַטעוועט אין לעבן.

דאָס האָט געטראָפן אין א יול־טאָג. דער פּענסיאָנער כרעטינין, וועלכער האָט זיך געבאָדן אין אַמור, איז פאַרשוווּמען ווײַט פון ברעג. דער שטראָם האָט אים אונטערגעכאַפּט און אוועקגעטראָגן. כרעטינין האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די קויכעס און זיך גענומען טרינקען. דער אָפיצער דיקערמאַן און דער רויטאַרמייער מאַרשטופּ האָבן די ערשטע באַמערקט, אַז א מענטש טרינקט זיך. ניט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט, האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן צו אים. זיי האָבן אָפּגעראַטעוועט זײַן לעבן. דער קאַנט־אויספירקאָם האָט באַלוינט דיקערמאַנען און מאַרשטופּן מיט דער מעדאַל „פאַר ראַטעווען מענטשן, וואָס טרינקען זיך". „דאָס זײַנען די ערשטע כאַווײרים, וועלכע זײַנען בא אונדז אין קאַנט באַלוינט געוואָרן מיט די דאָזיקע מעדאַלן", — האָט געמאָלדן די צײַטונג „אַמורסקאַיאַ פּראַוודאַ".

ווי געזאָגט, איז נאָום דיקערמאַן אין יענער צײַט געווען אַן אָפיצער, ער האָט אָפּגעהיט די גרענעצן. דאָ איז אים זייער צוניץ געקומען זײַן ספּאָרטיווע צוגרייטונג. ווען מע האָט אים אין 1947 גערופן אין דער ארמיי, האָט ער אפילע אין זינען ניט געהאט צו פארבינדן זײַן לעבן מיט דער מיליטערישער דינסט. נאָר שפּעטער האָט אים אזוי פארכאפּט דער נײַער לעבנס־ריטם, אז ער האָט זיך ניט געקאָנט צעשיידן מיט דער גרענעץ.

אויך דאָ, אף דער גרענעץ, האָט אים געהאָלפן זײַן דערפינדערישקײַט, זײַן פייִקײַט אָריִענטירן זיך אין א באליביקער סיטואציע.

צום סאָף פון זײַן דינסט האָט מען אים באלוינט מיט אן ערן־מעדאל „אויסגעצייכנטער גרענעצלער".

ווען די קאָמאנדשאפט האָט פאָרגעלייגט נאָרמען בלײַבן דינען אין דער ארמיי, איז ער באלד מאסקים געווען. אין 1952 האָט ער געענדיקט א שול פאר אָפיצערן. אין א יאָר ארום איז ער שוין געווען דער שטעלפארטרעטער פונעם קאָמאנדיר פון א זאסטאווע, און אָנהייבנדיק פונעם 1957 ביזן סאָף פון זײַן דינסט — ביז דעם 1960 — איז ער געווען קאָמאנדיר פון דער זאסטאווע. שפּעטער איז ער אריבער אף פּעדאגאָגישער ארבעט אין א שול.

פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט קאָן מען טרעפן דיקערמאנען אן ארומגערינגלטן מיט קינדער: אין קלאס, אף ספּאָרטיווע פארמעסטונגען. שטענדיק איז מיט אים פריילעך, אינטערעסאנט. ער פאָרט אָפט ארויס מיט די קינדער אין פּיִאָנערישן לאגער. פאר זײַן אויסגעצייכנטער ארבעט אין פּיִאָנער־לאגער „אָרליאָנאָק" איז ער באלוינט געוואָרן מיט אן ערן־גראמאָטע פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון קאָמיוג.

עס איז צו באוווּנדערן, וויִאזוי עס קלעקט אים אף אלץ צײַט. ער האָט אפילע באוויזן היינטער־אויגיק צו פארענדיקן א פּעדאגאָגישן אינסטיטוט. נאָר מע קאָן עס לײַכט פארענטפערן— ער איז דאָך א ספּאָרטסמען, א געוועזענער גרענעצלער.

וו. טשיקונאָוו
כאבאראָווסק

זײַן בארוף

1926•מאָהילעוו־פּאָדאָלסק. א יונג באָכערל שפּאנט מיט אײַליקע טריט צום קינאָ־טעאטער „טשערוואָני פּראפּאָר". דאָס אײַלט ער זיך אפן סעאנס? יאָ, פארשטייט זיך, אָבער ניט אלס צושויער, נאָר אלס אויספּילער. אין יענע יאָרן האָט מען די קינעמאטאָגראפיע גערופן „דער גרויסער שטומער". די אדמיניסטראציע פונעם קינאָ־טעאטער „טשערוואָני פּראפּאָר" האָט באשלאָסן אָנפילן דעם „שטומען" מיט מוזיקאלע קלאנגען. אויספּילן די אופגאבע האָט מען אָנפארטרויט דעם יונגן פּיִאניסט אקיווע ברון.

דעם עמעס געזאָגט, איז דאָס געווען ווײַט ניט קיין לײַכטער אופטראָג. יעדער מוזיקאנט ווייסט, אז פּיִאניסטן קאָנען זיצן אף א קאָנצערט העכסטנס א שאָ, ניט מער. אקיווע אָבער האָט באדארפט צוויי־דרײַ סעאנסן נאָכאנאנד אקאָמפּאנירן אפן ראָיאל. און מוזיק האָט זיך דאָ, נאטירלעך, געפּאָדערט מונטערע און אזא, וואָס זאָל אנטשפּרעכן די געשעענישן, וועלכע ווערן דעמאָנסטרירט אפן עקראן.

...א מוזיק־שול, אקיווע זיצט באם ראָיאל. עס וואקסט, עס ווערט אלץ שטארקער די מעלאָדיע פונעם געניִאלן טשײַקאָווסקי. אין צימער איז נאָך קיינער ניטאָ. די שילער זײַנען נאָך ניט געקומען. אקיווע כאזערט נאָכאמאָל און ווידעראמאָל איבער זײַן באליבטע אנדאנטע פון דער פינפטער סימפאָניע. סארא טיפקײַט פונעם געדאנק, סארא שווּנג פון דער שעפערישער פאנטאזיע! דוכט זיך, געוויינלעכע סטרונעס, אָבער ווי הארציק איז דער רעטשיטאטיוו, אמאָל א פריידיקער, א זוניקער, אמאָל אן אומרויִקער, ווי עס וואָלטן געדיכטער ווערן די וואָלקנס און עס וואָלט א בלאָז געטאָן א קאלטער, שטעכיקער ווינט.

...דאָס איז געשען מיט 40 יאָר צוריק. דער קאָמיוגיסט אקיווע דינט אין דער רויטער אר־מיי, אין אוויִאַציע. ער פליט אלס באַרט־טעכ־ניקער איבערן שווארצן יאַם. זײַן אופגאבע — אויספרווון א נײַעם טיפּ באָמבאַרדירער, וועלכן עס האָט געשאַפן דער יונגער אוויִאַ־קאָנסטרוק־טאָר טופּאָלעוו.

די מאשין האָט דערגרייכט דעם אָנגעמערקטן פונקט אפן יאַם, זי האָט זיך אופגעהויבן אַף דער פּלאַנירטער הייך, נאָר... פּלוצעם האָט דער ערשטער פּילאָט דערהערט א קלאַפּ הינטער דער קאַבינע. וואָס איז געשען? א „קלייניקײַט”: דער שטראָם־גענעראַטאָר, וואָס געפינט זיך אַפן פּיוזעליאַזש, האָט זיך אויסגעקרימט, אָנגעהויבן אונטערטאַנצן און דערמיט געשטעלט אין א געפאַר דעם ברענשטאָף־רעזערוואַר, וואָס קאָן זיך אָט־אָט אופרײַסן, און ס'וועט קיין זייכער נישט בלײַבן ניט פון דער מאַנשאַפט, ניט פון דער מאַשין.

אין אזא פאל איז פאראן איין מענטש, וואָס קאָן ראַטעווען: דער באַרט־טעכניקער. אקיווע ברון ווארפט אראָפּ פון זיך דעם שווערן פּאַראַ־שוט, און דורכן שמאָלן שפּאַלט פון דער פּליִער־קאַבינע קריכט ער צום פּיוזעליאַזש.

פון דער פליִער־קאַבינע ביז דעם גענעראַטאָר איז א גאַנץ היפּשע שטרעקע, און דאָס הימל־שטעגעלע איז א זיכער בריקל צום טהאָם: פון אויבן — דער קאַלטער בלויער הימל, בא די זײַטן און אונטן — א כאַאָס פון וואָלקנס און די קוים באַמערקבארע שפּורן פונעם יאַם. די איינציקע „יאַבאַשע”, ווו מע קאָן שטעלן א פוס, איז דאָס גליטשיקע מעטאַלענע הײַטל פונעם עראָפּלאַן. אָבער פּרווו נאָר א פּויזע טאָן, גלײַך כאַפּט דיך אונטער א מעכטיקער לופט־שטראָם און שלײַדערט דיך אראָפּ אין טהאָם אַרײַן, ווי א שטויבעלע.

איז ווי זאָל מען זיך דאָ אײַנהאַלטן? ווי בײַ־קומען אָט די מעטערס וועג פון דער קאַבינע ביזן גענעראַטאָר?

פאַרזיכטיק צעשטעלט אקיווע די פיס אפן מעטאַלענעם הײַטל פונעם עראָפּלאַן, נעמט זיך אָן מיט מוט און לאָזט ארויס פון די פאַרקלאַ־מערטע פינגער די הענטלעך פון דער קאַבינע־טיר, בא וועלכע ער האָט זיך געהאַלטן. אזוי איז ער געבליבן אויג אַף אויג מיטן טיפן טהאָם, אָן האָפענונג צו באַקומען פון עמעצן א הילף. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א מיקראָסקאָ־פּיש לעבעדיקן פונקט אינעם ענדלאָזן רוים.

צי האָט ער געקאָנט אויסמײַדן אזא טויט־סאַקאָנע? ניין, ער, נאָר ער, דער דערפאַראַנענער ספּעציאַליסט, האָט געהאַט די מעגלעכקײַט לייזן די קאָמפּליצירטע אופגאבע. מע האָט דאָך באַ־דאַרפט ניט בלויז צופּויזן צום גענעראַטאָר, נאָר אויך אראָפּנעמען אים פון פּיוזעליאַזש, אַרײַנטראָגן אין עראָפּלאַן, קעדיי קלאָר מאַכן די סיבע, פאַרוואָס ער טאַנצט אונטער.

דער מעכטיקער ווינט האָט אין איין קע־הערעף־אײַען אַרײַנגעכאַפּט אקיוון אין זײַנע אָרעמס, שוין געהאַלטן באַם אַראָפּשלײַדערן אים ערגעץ אונטער דעם עראָפּלאַן־פליגל. דער באַרט־טעכניקער איז געוווען גרייט דערצו. ער האָט זיך צונויפגעדרייט אין א קנויל, צוגעזעצט זיך און ווי צונויפגעוואַקסן מיטן פּיוזעליאַזש. איצט האָט שוין דער ווינט געשניטן בלויז דעם רוקן, אָנגעבלאָזן דעם קאָמבינעזאָן, ווי א זעגל, און דערמיט גופע געשטויסן דעם באַרט־טעכני־קער צום ציל — צום גענעראַטאָר. אָנכאַפּנדיק זיך פאַר ארויסשטאַרטשענדיקע טיילן פון דער מאַשין, האָט אקיווע זיך גערוקט אַלץ נעענטער און נעענטער צום ציל.

ער האָט שוין דורכגעמאַכט די ערשטע עט־לעכע סאַנטימעטער. פּלוצעם האָט ער פאַרלאָרן א הענטשקע. דער ווינט האָט זי אונטערגע־כאַפּט, אַפּצולאָכעס געדרייט זי פאַר זײַנע אויגן, ווי א שמעטערלינג, און אַראָפּגעוואָרפן אַף דער ערד. דער פראָסט ברענט, ס'פאַרכאַפּט אזש דער אָטעם. עס פרירן די שווארצאַפּלען פון די אויגן.

הוראַ! דער גענעראַטאָר איז שוין בא אים אין די הענט. אָבער די פינגער — אוי, די פינגער! מאַמעש הילצערנע. אין די אויגן — א נעפּל, ווײַס ווי וואַטע. דער באַרט־טעכניקער טוט אָבער זײַנס. איצט דאַרף מען זיך אויסקערעווען מיטן פּאַנעם צו דער קאַבינע און קריכן אין דער פאַרקערטער ריכטונג, דעם ווינט אַנטקעגן. צי וועט ער דאָס קאָנען? צי וועט ער זיך אײַנ־האַלטן? ארויסגעשטעלט דעם גענעראַטאָר פאַ־רויס, ווי א שילד, ווי א פּאַנצער, דריקט ער זיך צו מיט אַלע קויכעס צום עראָפּלאַן־הײַטל און רוקט זיך פאָרויס, פאָרויס...

די גאַנצע אָפּעראַציע האָט געדויערט א מינוט צען, אָבער דער מאַנשאַפט האָט זיך געדוכט, אז עס רוקן זיך לאַנגע־לאַנגע שאָען. שווער צו זאָגן, ווער עס האָט דעמלט מער איבערגעלעבט — אקיווע, צי די כאַווײרים זײַנע.

...פרײַנט נעמען אים הייס ארום, קושן אים. הײַנט וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אפן עראָדראָם! — אָן עמעסער יאָמטעוו. מער פאַר אַלץ געדענקט זיך דער וואַרעמער האַנט־דרוק פון מיכאַיִל איוואַנאָוויטש קאַלינין, ווען ער האָט אים איבערגעגעבן די רעגירונגס־באַלוינונג — א לענין־אָרדען.

שוין זיבן יאָר, ווי אקיווע ברון איז לאַריסעס אָנפירער, ער לערנט זי זינגען. זי איז צו אים געקומען, ווי פיל אנדערע שילער, מיט אָן אָנגע־נעמער, נאָר דערווײַל נאָך א „היימישער” שטים.

די לאנגע אַנגעשטרענגטע לימודים האָבן זיי ביידן געבראַכט נאַכעס. די לירישע סאָפּראַנאָ פון דער ארבעטערן פון דער וויניצער פּראָפ־טעכשול נומ. 4 לאַריסע מוכינאַ איז ווי געהע־ריק אָפּגעשליפן געוואָרן בא אקיווס ראַיאַל און האָט געגומען פינקלען מיט אלע ברילִיאַנטענע פאַרבן. אָנגעהויבן פון פּאַשעטע לידער, איז לאַ־ריסע דערגאַנגען ביז קאָמפּליצירטע אָפּערע־אַריעס; אָנגעהויבן פון דער קלוב־סצענע, איז זי דערגאַנגען ביזן שלוס־קאָנצערט פונעם אלפאַר־באַנדישן פעסטיוואַל פון אמאַטאָרן־קונסט (ער איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע, אין צענטראַלן טעאַטער פון דער סאָוועטישער ארמיי, אין די טעג, ווען עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 50־טער יאָרטאָג פונעם גרויסן אָקטיאַבער). אפּן פעסטיוואַל האָט סײַ די שילערן, סײַ איר לערער באַקומען דיפּלאָמען און מעדאַלן פון לאַורעאַטן.

נאָך דער ארבעט, ווען אקיווע ברון גייט ארויס פונעם אָפּיצערן־הויז, ענדיקט זיך גראָד דער לעצטער סעאַנס אינעם קינאָ־זאַל, און זײַן געזעצטע פיגור מישט זיך צונויף מיטן רוישיקן אוילעם. בלויז אין די יאָמטעוו־טעג טוט ער אָן זײַן מיליטערישע אוניפאָרם. דעמלט זעט מען אָף דער לינקער זײַט ברוסט, אין אָנהייב פון די פיר רייען סאָוועטישע און אויסלענדישע באַ־לוינונגען, וועלכע ער האָט באַקומען אין דער צײַט פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, דעם לענין־אָרדען, וואָס ער האָט באַקומען פון קאָ־ליגינס האַנט נאָך אין 1935 יאָר. אָף דער רעכ־טער זײַט פון דער ברוסט שײַנט די מעדאַל פון א לאַורעאַט — פאַר מוזיק.

ל. שאַמיס
וויניצע

פון דער ליטעראַרישער ירושה

בא דעם יאַם

געשפּילט האָב איך זיך בא דעם יאַם
און שטיינדעלעך געזאַמלט,
רויטינקע און שוואַרצינקע,
ווי פּעדערלעך, ווי סאַמעט.

נאָר מער פון אַלץ געפעלן מיר
די מויערקעפּלעך שיינע,
זיי זעען אויס פּונקט אַזוי
ווי בייטעלעך ווי קליינע.

אָט לייג איך זיי צום אויער צו,
מיר דאַכט זיך, כ'וועל דערהערן,
ווי שטילערהייט עס אָטעמט דאָרט
א לעבעדיקער שטערן.

ס'לאַכט פון מיר דער פישער,
לאַכן מיר צוזאַמען:
פּערל דאַרף מען זוכן
אין דער טיף פון יאַמען.

די מוטער

בא איינער א מוטער
פון קינדער פון זויבערע פיר
איז געהאַנגען א קעסטל
פאַר בריוו אף דער טיר.

דרייַ מאָל א טאָג
האָט די מוטער די גראָווע
געלעכצט בא דעם קעסטל
א בריוו אף האַנאָע.

און הענגען פלעגט בלייַבן
איר האַנט, ווי א שטריק,
וואָס ברענגט ניט דעם עמער
פונעם ברונעם צוריק.

דער העלפאַנד

א קרעמער האָט באַרלעך
פּאַרקויפט אפן מאַרק.
פּונקט דאַן האָט געזשומעט
א פליג אין זייַן זאַק.

פּונקט דאַן, ווען די פליג
האָט געזשומעט אין זאַק,
דאַרף דורכגיין א יעגער
מיט זייַן הונט דורכן מאַרק.

פּונקט דאַן, ווען דער יעגער
גייט דורך דורכן מאַרק,
פאַרגלוסט זיך דעם הינטל
די פליג טאָן א פּאַק.

פּונקט דאַן, ווען דאָס הינטל
די פליג טוט א פּאַק,
צעשיט ער די באַרלעך,
צעבינדט זיך דער זאַק.

פּונקט דאַן, ווען עס פאַלן
די באַרלעך פון זאַק,
גיט דער קרעמער דעם הונט
מיט א שטעקן אין קאַרק.

פונקט דאַן, ווען דער קרעמער
גיט דעם הונט אַ קנאַק,
גיט דער יעגער דעם קרעמער
אין די פּיסקעס אַ קנאַק.

פונקט דאַן ווען דער יעגער
גיט דעם קרעמער אַ קנאַק,
גיט דער קרעמער דעם יעגער
אַ טראַסק אין דער באַק.

אַזוי איז געוואָרן
אַ מעהומע אין מאַרק,
אַ מענטש אויף אַ מענטשן,
אַ שלאַק אויף אַ שלאַק.

דער צאַד פונעם יעגער
צעשלאָגן זיך שטאַרק,

דער צאַד פונעם קרעמער
איז אויך ניט קאַבאַק,

נאָר פּלוצעם פרעגט איינער
דעם צווייטן אין מאַרק:
— וואָס האָסטו געכאַפּט צו
מיר,
ברודער, די האַק?

— וואָס זשע, דו ווייסט ניט,
ס'איז דיר נאָך קאַרג?
ווער האָט געהאַרגעט
דעם העלפאַנד אין מאַרק?

ער האָט ניט געוווּסט
ביז סאָף פון דער קריג,
אַז מע רופט בא אונדז
העלפאַנד
אַ פּאַשעטע פליג.

טויזנט מאָל שענער

די שטוב האָט פון יענער,
פון פאַר דער מילכאָמע,
זיך טויזנט מאָל שענער
און בעסער באַקומען.

אַ צימער פאַר קליינע,
אַ צימער פאַר גרויסע,
ווי זאָגן די שכיינים,
די וועלט לאָזט זיך אויסעט.

אַ גראַמע, אַ פּריַיע,
געבאָוועט גרויסאַרטיק,
אַ שטוב אַ מעכיַיע,
אינגאַנצן שוין פאַרטיק.

אַ סעדל מיט פלוימען,
אַ ריטשקעלע רינט,
אַ האָן אויפן קוימען —
עס דרייט עס דער ווינט.

געשניצטע די לאָדן
מיט דריידלעך, מיט עקן,
ווי לעקעך מיט פלאָדן,
וואָס ליגט אויף די בעקן. ....

די שטוב האָט פון יענער,
פון פאַר דער מילכאָמע,
זיך טויזנט מאָל שענער
און בעסער באַקומען.

קאַץ־און־מויז

פאַרלעכוויַיז, איינציקוויַיז,
קריַיזן מענטשן — קריַיז נאָך קריַיז.
פונדערוויַיטנס וויַיזט זיך אויס:
מענטשן שפּילן קאַץ־און־מויז.

מורמלט עפּעס שטיל און זיס,
שטעלט זיך מיַיזל אויף די פיס,
פּרוווט עס נאָר אַרויס פון קריַיז,
הייבט די שפּיל זיך אָן באַניַיס.

האָט אַ מיַיזל זיך פאַרקוקט,
ווערט עס אויפן אָרט פאַרצוקט.
ווייך דאָס פעלעכל פון פליוש,
טוט דער קאָטער עס אַ קוש.

פאַרלעכוויַיז, איינציקוויַיז,
קריַיזן מענטשן — קריַיז נאָך קריַיז.
פונדערוויַיטנס וויַיזט זיך אויס:
מענטשן שפּילן קאַץ־און־מויז.

מײַן פידל

געווען איז צעבראָכן דאָס פלעקל,
צעקריצט און צעשפאָלטן דאָס דעקל.
צעריסן אַף שטיקלעך די סטרונעס,
א קוק געטאָן געווען א ראַכמאָנעס.

האָב איך מײַן פידל גענומען
און בין צו א מײַסטער געקומען,
א קלאַפּ געטאָן כ׳האָב אין זײַן טיר:
— דערבארעם זיך, מײַסטער, אַף מיר.

געווען איז אין פידל פאַרבאָרגן
די פרייד פון מײַן שענסטן פרימאָרגן,
געזאַנג פון א קוואַל אינעם טאָל,
די זאָרג פון מײַן מאַמעניוס קאָל.

און הײַנט מיט מײַן פידל איבײנעם
מיר וויינען, ווי טויב־שטומע שכײנים.
ט׳ער אַרײַנגעקוקט מיר אין די אויגן,
גלײַך ווי ר׳וואָלט זיי געוויגן.

נאָכדעם מײַן פידל באַטראַכט,
און מיט אים זיך אין ווערקשטאַט פאַרמאַכט.
און איך בין געבליבן דאָ וואַרטן,
ווי באַם פאָרהאַנג פון א געווינערן, א
פאַרמאַכטן.

ביז אזעלכס האָט ניט געטראָפן

דער, וואָס וויל
באַנאַכט ניט שלאָפן
און ער האַלט
די אויגן אָפן,
שטערט דעם ביימל
גרין צו ווערן
און דער קווייט
די דופטן מערן.
שטערט דעם הירש באַם טײַכל
קניִען,
און דער כײַע
באַם שאַריִען.

איבערשרעקן,
וועט עס בלײַבן
ווי א שטעקן,
און די קווייט
וועט זיך פאַרשליסן
און ניט וועלן
פון אונדז וויסן.
ס׳וועט דער הירש
ניט וועלן קניִען
בא דעם טײַכל
אין שאַריִען.

דער, וואָס וויל
באַנאַכט ניט שלאָפן
און ער האַלט די אויגן אָפן,
קען דאָס ביימל

ביז אזוינס
האָט ניט געטראָפן,
לאָמיר בעסער
שטיל אײַנשלאָפן.

* * *

אוי א ווייטעק אין מײַן האַרצן
ברענט און ברענט מיר, ווי א פלאַם,
ניט צו לעשן אים מיט טײַכן,
ניט אפילו מיט קיין יאַם.

נאָר א שמייכל פון מײַן ליבסטער
ווען איך קאָן א צאַרטן זען,
ווערט מײַן ווייטעק אויסגעלאָשן,
גלײַך ווי קײנמאָל ניט געווען.

* * *

ווער מיר שניי
און וואָס מיר זליווע,
ווער מיר היץ
און וואָס מיר קעלט —
איי, ווי גוט איז,
איי, ווי גוט איז
טאקע לעבן
אָף דער וועלט.

גייט א שניי,
צי גייט א רעגן,
איז א היץ,
צי ס'איז א קעלט —
איי, ווי גוט איז,
איי, ווי גוט איז
טאקע לעבן
אָף דער וועלט.

שוועסטער און ברידער

שוועסטער און ברידער,
שלינגט ניט די טרערן,
שטייט אוף קעגן מערדער,
און לאָמיר זיך שווערן:

קיינמאָל ניט בייגן
דעם קאָפּ פאר די סאָנים —
שטענדיק קוקן
דעם טויט אינעם פּאָנעם.

און צאָלן דעם גאזלען
פאר אלץ, וואָס אונדז טייער,
מיט פייער, מיט פייער,
מיט פייער, מיט פייער!

און דער, וואָס עס האָט ניט
קיין שפּיז און קיין שווערד,
טאָ אויסרייסן זאָל ער
א דעמב פון דער ערד.

א שטיין פון די הויפנס
ווארשעווער שטיינער,
און אופוועקן זאָל ער
די טאָלן מיט ביינער.

און צאָלן די סאָנים
פאר אלץ, וואָס אונדז טייער,
מיט פייער, מיט פייער,
מיט פייער, מיט פייער.

און וואקלען די ערד
אונטער זייערע טריט,
ביזוואנען די וועלט
וועט זיך אָנטאָן אין צוויט.

כ׳ווייס ניט

מיר זיינען אין א קרייז געשטאנען
און יעדער וואָרט געשלונגען פון איר מויל.
געגאן א רייד איז וועגן טיציאנען,
וועגן קונסט, וואָס זעט דעם מענטשן הויל.

נאר איך, איך ווייס ניט, ווער איז שענער,
ווער פוןביידע איז דעם הארצן מערער מילד,
צי די, וואָס שטייט אין קרייז פון מענער,
צי די, וואָס קוקט ארויס פון בילד.

באַגעגעניש מיט אינטערעסאַנטע מענטשן

מאַקס פּאָליאַנאָווסקי

„איך זוך אַ מענטשן"

מיט אַגניאַ באַרטאָ האָט מיך „באַקאַנט" מײַן זונעלע. צווישן די ביכלעך מיט בונטע טאָוועלעך זײַנען אײניקע אים געווען באַזונדערס געפֿעלן. ער האָט מיך געצוווּנגען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל זיי לײענען, און אַפֿילו דעמאָלט, ווען ער האָט די ביכעלעך שוין געקענט אויף אויסווייניק, האָט ער נאָך אַלץ געפֿאָדערט: לײענען!

און איך האָב געלײענט, ריכטיקער — געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך לײען, ווײַל איך האָב זיי שוין אַלײן אויך געוווּסט אויף אויסווייניק. נאָך אַדהײַעם זײַנען אַגניאַ באַרטאָס לידער פֿריש אין מײַן זיקאָרן. נאָר עס איז אַדורך אַ היפּש ביסל יאָרן, ביז איך האָב זיך פּערזענלעך באַקאַנט מיט דער דיכטערן.

דאָ האָב איך ניט בעדייע אָפּצושאַצן אַגניאַ באַרטאָס שאַפֿונג. ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אירע ווערק זײַנען אָפּגעמערקט מיט דער מעלוכישער און לענינישער פּרעמיעס. איך וויל בלויז דערציילן וועגן דער דיכטערנס מענטשלעכן און מוטיקן אופֿטו.

...אין סאַמע אָנהייב פֿון דער פֿאָטערלענדישער מילכאָמע איז אויפֿן פֿראָנט אומגעקומען נינע גודיעוועס טאַטע. דאָס מיידעלע איז דעמלט אַלט געווען זעקס יאָר. עפּעס אַן אומגעלומפּערטער צופֿאַל האָט זי צעשיידט מיט איר מאַמען. די געשעענישן האָבן זי פֿאַרוואָרפֿן נאָענט צום פֿראָנט, און איר מאַמען — אין טיפֿן הינטערלאַנד. ווי נאָר סאָפֿיע אוליאַנאָוונע גודיעוואַ איז געקומען קיין קאַראַגאַנדאַ, האָט זי טײקעף אָנגעהויבן זוכן איר קינד. זי האָט געשיקט בריוו אין אַלע עקן לאַנד, זיך אָנגעפֿרעגט ווו מ'האָט נאָר געקענט, נאָר דערוווּסט האָט זי זיך בלויז, אַז איר קינד האָט אין 1942 זיך געפֿונען אין דער שטאָט זוועניגאָראָד.

ס'האָט זיך פֿאַרענדיקט די מילכאָמע. סאָפֿיע גודיעוואַ האָט מיט דער פֿאַרצווייפֿלטער אַקשאָנעס פֿון אַ מאַמע פֿאָרגעזעצט זוכן איר טאָכטער. און דאָ פּאַסירט אָט וואָס. אין 1954 האָט די ביבליאָטעקערן פֿונעם קאַראַגאַנדער אינוואַלידן־הויז, איבערקלײַבנדיק די ביכער, פֿאַרהאַלטן איר בליק אויף דער הילע פֿון אַ קליין ביכעלע: „אַגניאַ באַרטאָ. זוועניגאָראָד. פּאָעמע". די ביבליאָטעקערן איז געווען גוט באַקאַנט מיט גודיעווען און געוווּסט וועגן איר אומגליק. „זוועניגאָראָד! — האָט אַ בליץ געטאָן אין מוחע, — דאָרט איז, דאַכט זיך, אַ געוויסע צײַט געווען סאָפֿיעס מיידעלע..." אין דעם זעלבן טאָג האָט די ביבליאָטעקערן געבראַכט צו טראָגן גודיעווען דאָס ביכעלע. יענע האָט עס איבערגעלײענט און נאָך שטאַרקער דערפֿילט די לאַסט פֿון עלנטקייט. עס האָט זיך איר פֿאַרוואָלט אויסריידן דאָס ביטערע האַרץ פֿאַר דער שרײַבערן, וועלכע האָט אַזוי וואַרעם באַזונגען אין איר פּאָעמע וועגן אַ קינדערהיים דאָס לעבן פֿון די קינדער, וואָס „שפּילן זיך באַם טײַך פֿון אַכט אינדערפֿרי, און זייערע הילכיקע שטימען קלינגען איבער גאַנץ זוועניגאָראָד".

אין דעם בריוו, וואָס אַגניאַ באַרטאָ האָט באַקומען פֿון קאַראַגאַנדאַ, זײַנען ניט געווען קיין שום באַקאָשעס. נינעס מוטער האָט דען געקאָנט אַפֿילו אַ קלער טאָן, אַז גראָד אָט דער בריוו אירער וועט העלפֿן אָפּזוכן איר טאָכטער? זעט זשע, וויאַזוי עס קומט פֿאָר אין לעבן.

וויסנדיק, אַז מיר, אַלס שרײַבער־דאָקומענטאַליסט, קומט אויס ניט זעלטן זיך פֿאַרנעמען מיט פֿאַרשיידענע זוכענישן, האָט אַגניאַ באַרטאָ מיך געבעטן, איך זאָל איר מיטהעלפֿן אין דעם איניען.

מיר זײַנען זאַלבעצווייט אוועק אין מאָסקווער שטאָט־פֿאַרוואַלטונג פֿון דער מיליציע און געבעטן דעם פּאָלקאָווניק קאָניוכין און דעם מאַיאָר פּעטראָוו, זיי זאָלן טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, אויף אָפּצוזוכן נינע גודיעוועון.

דעם דאָזיקן ניט לײַכטן איניען (ס'זײַנען שוין פֿאַריבער צוועלף יאָר, זינט די מאַמע מיט דער טאָכטער זײַנען צעשיידט געוואָרן) האָט מען אָנפֿאַרטרויט דעם מיטאַרבעטער פֿונעם אָפּטייל, וואָס באַשעפֿטיקט זיך מיט זוכן פֿאַרפֿאַלן געוואָרענע קרוויוס, זיניעוויטשן. עטלעכע כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אָנגעפֿרעגט בא

מענטשן און אין אנשטאלטן, פאנאנדערגעשיקט צענדליקער בריוו, און אין סאָף 1954 האָט מיר אָנגעקלונגען בארטאָ. איך האָב דערהערט איר פריידיקע שטים:

— נינע גודיעווא האָט זיך אָפּגעזוכט. זי איז שוין אלט אכצן יאָר. לעבט אין אומאן. ארבעט אף א ניי־פאבריק... איך האָב אָקאָרשט אָפּגעשיקט א טעלעגראם קיין קאראגאנדא צו איר מאמע...

פון רעכטס אף לינקס: סערגיי מיכאלקאָוו, אגניִא בארטאָ און לעוו קאסיל.

סאָפיע אוליאנאָוונע האָט צוגעשיקט א בריוועלע: די טאָכטער האָט באשלאָסן אריבערפאָרן צו איר.

די רעדאקציע פונעם זשורנאל „אָגאָניאָק” האָט באוופטראָגט דעם קאראגאנדער פאָטאָרעפּאָרטיאָר פאָטאָגראפירן די באגעגעניש פון דער מאמען מיט דער טאָכטער און דרינגענדיק צושיקן דאָס פאָטאָ־בילד. ערעוו דעם נײַעם 1955 יאָר איז אין „אָגאָניאָק” געווען אָפּגעדרוקט מײַן קאָרעספּאָנדענץ — „די מוטער און די טאָכטער האָבן זיך באגעגנט”.

ווײַטער איז געשען אזוי, אז וועגן דער אויבנבאשריבענער געשיכטע האָט איבערגעלייענט אין „אָגאָניאָק” דער קאָמיוגיסט קאָטוויצקי, וועלכער האָט אין יענער צײַט געדינט אין דער ארמיי. עס האָט אים פארינטערעסירט נינעס גורל. ער האָט דערזען דאָס מיידל אף דער פאָטאָגראפיע אינאיינעם מיט איר מוטער און האָט פארהיט בא זיך דעם זשורנאל. פארענדיקט די דינסט אין דער ארמיי, איז יאָסיף מיט א קאָמיוגישער פוטיאָווקע געקומען קיין קאראגאנדא, געוואָרן דאָרט א שאכטיאָר. ער האָט אָפּגעזוכט נינע גודיעווען, און אינגיכן זײַנען זיי געוואָרן מאן און ווײַב.

עס זײַנען אוועק נאָך צען יאָר. צוזאמען מיט א גרופּע מאָסקווער שרײַבער איז אגניִא בארטאָ געקומען קיין קאראגאנדא. נינע גודיעווא איז צו יענער צײַט שוין געווען א מאמע פון צוויי זין. ווען די שרײַבערן איז געקומען צו איר צוגאסט, האָט יאָסיף קאָטוויצקי געעפנט א פלאש שאמפאניער ווײַן און געהאלטן א טאָסט פאר דער פּאָעמע „זוועניגאָראָד”, „וועלכע האָט אָפּגעזוכט דער מאמען איר טאָכטער און פאר מײַנעטוועגן — מײַן פרוי”...

אגניִא בארטאָ דערציילט:

— ווען איך האָב זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע, האָב איך אף מײַן שרײַבטיש געטראָפן א גרויסע צאָל בריוו. פארשיידענע מענטשן, וועמענס גורל איז געווען ענלעך צום גורל פון די גודיעווס, האָבן מיך געבעטן, איך זאָל זיי מיטהעלפן אָפּזוכן זייערע קינדער, וועלכע זײַנען פארלוירן געגאנגען בעשאס דער מילכאָמע. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? אָפּשיקן די בריוו אין דער מיליציע־פארוואלטונג? נאָר קעדיי זיך אהין ווענדן, דארף מען האָבן גענויע ידיִעס וועגן די פארפאלן געוואָרענע, און איך האָב זיי ניט געהאט. גראָד דעמלט האָט מען מיר אָנגעקלונגען פון דער ראַדיִאָ. ס'איז געווען ערעוו דעם נײַעם יאָר, האָט מען אײַנגעלאדן א ריי שרײַבער ארויסצוטרעטן פאר די ראַדיִאָ־צוהערער. אָט דעמלט איז מיר אויפגעקומען דער געדאנק: עפּשער טאקע דורך דער ראַדיִאָ מעלדן וועגן די קינדער, וואָס מע זוכט... די רעדאקציע פון „די לעצטע נײַס דורך ראַדיִאָ” האָט אונטערגעכאפּט און געשטיצט דעם דאָזיקן געדאנק.

נײַן יאָר נאָכאנאנד, אין א באשטימטער שאָ, האָט אין עפיר זיך געהערט דער דיכטערנס קאָל. זי האָט גערעדט וועגן מענטשן, וואָס זוכן זייערע נאָענטע און קרויווים, טיילמאָל — וועגן די, וואָס מ'האָט שוין אָפּגעזוכט. צו 866 מישפּאָכעס איז געקומען די גרויסע פרייד. עס האָבן זיך אָפּגעפונען קרויווים, וועלכע זײַנען שוין געווען פארעכנט צווישן די אומגעקומענע אָדער פארפאלן געוואָרענע.

איר ווונדערלעכן אופטו האָט אגניִא בארטאָ באשריבן אין דעם בוך „אָפּזוכן א מענטשן”. אין סאָף 1973 האָט זי מיך אײַנגעלאדן אף א דורכקוק פון דעם פילם „איך זוך א מענטשן”, וועלכן עס האָט לויט איר סצענארי געשאפן דער רעזשיסער מ. באָגין. איך בין זיכער, אז דער דאָזיקער פילם וועט האָבן גרויס דערפאָלג.

אין דעם פאָרוואָרט צו דער פּאָעמע „זוועניגאָראָד” זײַנען פאראן אזעלכע שורעס: „אגניִא בארטאָס לידער דערציִען בא אונדזערע קינדער די בעסטע מײַלעס פון א סאָוועטישן מענטשן — אידייִשקײַט, העלדנמוטיקײַט, ליבע צו ארבעט, דאָס געפיל פון קאָלעקטיוויזם”.

די דיכטערן גופע פארמאָגט די דאָזיקע מײַלעס. געוויס דערפאר איז זי אויסגעווײלט געוואָרן אלס פּרעזידענט פון דער אסאָציִאציע פון די טוער פון ליטעראטור און קונסט בא דעם פארבאנד פון די געזעלשאפטן פאר פרײַנטשאפט מיט די פעלקער פון אויסלאנד, זי איז א מיטגליד פון דער צווישנפעלקערלעכער זשורי אף אנדערסענס נאָמען, א מיטגליד פון דער צווישנפעלקערלעכער געזעלשאפט אף צו דערלערנען די קינדער־ליטעראטור באם אוניווערסיטעט אף געטעס נאָמען אין פראנקפורט־אפן־מײַן.

ער האָט געשאַפן די ערשטע קאַדרען פון דער קינאָ־לעניניאַנע

אין סאָף פון פאָריקן יאָר, פינקטלעכער — דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן אָקטיאַבער, איז דער באַוווּסטער קינאָ־אָפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער לעמבערג אַלט געוואָרן 75 יאָר.

נאָך גאָר אַ יונגער, האָט לעמבערג גענומען אין דער האַנט די קינאָ־קאַמערע און איז צו איר צוגעזאָטן געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן.

ס'איז געווען דער אָנהייב פונעם יאָרהונדערט. דאָס פאַררעוואָליוציאָנערע רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט געציילטע קינאָ־ספּעציאַליסטן. דאָס רוב פלעגן די פילם־פאַבריקאַנטן איינלאַדן אָפּעראַטאָרס פון אויסלאַנד, באַזונדערס פון פראַנקרייך, וווּ דער קינעמאַטאָגראַף איז, ווי באַוווּסט, דערפונדן געוואָרן.

אַלעקסאַנדער לעמבערג מיט זײַן קינאָ־קאַמערע אין די יאָרן פונעם בירגערקריג.

סאַשע לעמבערגס טאַטע, דער פּראָווינציעלער פאָטאָגראַף הירש לעמבערג, האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער איבעראַשנדיקער דערפינדונג און האָט אויסגעשריבן פונעם ווײַטן פּאַריז די קאַמערע, מיט וועלכער מע קאָן פאָטאָגראַפירן זאַכן און מענטשן, ווען זיי באַוועגן זיך. מיט זײַן אַפּאַראַט איז ער איינגיכן אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. די באַלעבאַטים פון קינאָ־פירמעס פלעגן אים אָפט איינלאַדן אויף דער אַרבעט איבער קינאָ־כראָניק אָדער שוישפּילערישע פילמען.

דער יונגער לעמבערג האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעקוקט, ווי עס באַשעפטיקט זיך מיט דער קאַמערע דער טאַטע, און ער האָט איינגיכן, אָן איבעריקע שוועריקייטן, אַליין באַהערשט די אָפּעראַטאָרישע קונסט. ניט זעלטן פלעגט ער זעלבשטענדיק אַרויספאָרן אין אַנדערע שטעט און שאַפן דאָרט דאָקומענטאַלע פילמען.

גלײַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָבן די לעמבערגס — דער טאַטע און דער זון, — לויט די פרישע שפּורן פון די היסטאָרישע געשעענישן, פּראָדוצירט עטלעכע דאָקומענטאַלע פילמען. נאַטירלעך, דעמלט האָבן זיי ניט געקאָנט וויסן, אַז מיט דער צײַט וועט יעדער קינאָ־קאַדער פון אָט דעם מין האָבן אַ גרויסע היסטאָרישע ווערט.

ווען איך האָב אין די דרײַסיקער יאָרן זיך באַקאַנט מיט ביידע לעמבערגס, האָט יעדערער פון זיי מיר דערציילט פיל פּראָטים פון די געשעענישן, וועלכע עס איז זיי אויסגעפאַלן צו פאַרפיקסירן מיט דער קינאָ־קאַמערע.

הירש לעמבערג האָט פאָטאָגראַפירט פאַר דער קינאָ־כראָניק דזערזשינסקין, סווערדלאָוון, קאַלינינען; אַלעקסאַנדער לעמבערג — קיראָוון, קרופּסקען, אָרדזשאָניקידזען, די באַקוער קאָמיסאַרן.

וועגן איינער אַ געשיכטע, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַלעקסאַנדער לעמבערגס אָפּעראַטאָרישער טעטיקייט אין 1917 יאָר, דאַרף מען דערציילן באַזונדער.

אין יענער צײַט האָט מען קיין קינאָ־טאַשמע אין רוסלאַנד נאָך ניט אויסגעאַרבעט, און קריגן זי איז געווען זייער שווער. יעדער מעטער טאַשמע איז געווען מיט גאָלד גלײַך. די פּריוואַטע קינאָ־אונטערנעמער האָבן פאַר איר געצאָלט וויפל מ'האָט נאָר אָנגעבאָטן, אַבי ניט אָפּשטעלן דעם אַרויסלאָז פון קינאָ־פילמען.

נאָך דער פעברואַל־רעוואָליוציע, אין פרילינג 1917, האָבן אָנגעהויבן צוקומען קיין פּעטראָגראַד אויסלענדישע שיפן. וויסנדיק, אַז די פרײַז אויף קינאָ־טאַשמע איז אין רוסלאַנד ביז גאָר אַ הויכע, פלעגן די אויסלענדישע יאַמלײַט ברענגען מיט זיך די דעפיציטע סכוירע, אײַנגעפּאַקעוועט אין מעטאַלענע שאַכטלעך.

איינמאָל האָט דער אייגנטימער פון דער מאָסקווער קינאָ־פירמע, וווּ עס האָט געאַרבעט דער נײַנצניאָריקער קינאָ־אָפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער לעמבערג, אים אַרויסגערופן און געגעבן אַ היפּשע סומע געלט, ער זאָל אין פּעטראָגראַד אײַנקויפן קינאָ־טאַשמע.

די שליכעס האָט דער אָפּעראַטאָר אויסגעפילט מיט דערפאָלג. ער האָט אָנגעלאָדן מיט דער טאַשמע אַ קאַסעטע מיט אַ ראָליק פון הונדערט צוואַנציק מעטער און זיך אוועקגעלאָזט מיט זײַן קאַמערע איבער די פּעטראָגראַדער

גאסן. אף דער פראָבע האָט ער געפאטערט פינף, אמערסטן צען מעטער טאשמע. פלוצעם האָט ער דערזען לעבן דעם הויז פון דער באלערינע קסעשינסקאיא א גרויסן האמוין. אין יענע טעג האָט זיך דאָ געפונען דער שטאב פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי — איר צענטראל־קאָמיטעט. פונעם באלקאָן איז מיט א רעדע צום פארזאמלטן אוילעם ארויסגעטראָטן וולאדימיר איליטש לענין.

אין יענער צײַט זײַנען לענינס פּאָרטרעטן נאָך ניט געווען ברייט באוווּסט. די פאָלקסמאסן, וואָס האָבן שוין אזויפיל געהערט וועגן לענינען, האָבן ניט געוווּסט, וויאזוי ער זעט אויס. דער אוילעם לעם קסעשינסקעס הויז האָט דאָרשטיק געשלונגען יעדעס וואָרט פונעם רעדנער און אופמערקזאם זיך אײַנגעקוקט אין זײַן געזיכט.

לעמבערג האָט זיך גענומען דורכשלאָגן נעענטער צו דעם באלקאָן. אים וואָלט זיך עס ניט אײַנגעגעבן, ווען ניט די מאטראָסן פון דער באלטיק, וועלכע האָבן דורכגעלייגט אים א וועג, געהאָלפן טראָגן דעם אפאראט. אָנגעצילט די קאמערע אפן באלקאָן, ווו לענין האָט געהאלטן די רעדע, האָט אלעקסאנדער לעמבערג גענומען דרייען דאָס הענטל...

טאקע פון די מאטראָסן האָט ער זיך דערוווּסט, אז נאָך דער דאָזיקער ארויסטרעטונג קלײַבט זיך לענין אף דעם מארסאָווע פעלד, ווו עס וועט פאָרקומען א גרויסער ערשטמײַיקער מיטינג.

— פאָר מיט אונדז, ברודערקע, מיר וועלן דיך ארײַנזעצן אין אווטאָמאָביל. — און אלעקסאנדער לעמבערג איז אין איין אווטאָמאָביל מיט וו. אי. לענינען און מיט די מאטראָסן אוועקגעפאָרן אף דעם בארימטן פלאץ.

לענינס ארויסטרעטונג האָט לעמבערג צוערשט פאָטאָגראפירט, שטייענדיק מיטן אפאראט אף דער מאשין, דערנאָך איז ער אראָפּגעשטיגן און האָט פאָרגעזעצט פון פארשיידענע ראקורסן פאָטאָגראפירן דעם פירער פון דער רעוואָליוציע, ווי אויך דעם פארזאמלטן אוילעם.

ווען דער אָפּעראטאָר האָט, אומקערנדיק זיך קיין מאָסקווע, באארבעט און אָפּגעדרוקט די טאשמע און זי דעמאָנסטרירט אין דעם קליינינקן דורכקוק־זאל, האָט דער באלעבאָס פון דער קינאָ־פירמע זיך צעבושעוועט:

— ווער האָט אײַך דערלויבט פאטערן אזויפיל טאשמע?

לעמבערג האָט ארײַנגעכאפּט דעם עמעסן פסאק, דער באלעבאָס האָט אראָפּגערעכנט בא אים די הויצאָעס פאר דער טאשמע. אָבער, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט דאָס באלעבעסל געהאט סייכל צו פארקויפן שפּעטער קיין אויסלאנד פאר א שיינער פּויטעקע די קינאָ־פילמען וועגן לענינס צוויי ארויסטרעטונגען ניט לאנג ערעוו דער גרויסער אָקטיאבער־רעוואָליוציע...

ווי נאָר ס'איז געשאפן געוואָרן די ערשטע סאָוועטישע קינאָ־אָרגאניזאציע — דער מאָסקווער קינאָ־קאָמיטעט, — ווערן פאר אלעקסאנדער לעמבערגן אוועקגעשטעלט א ריי פאראנטוואָרטלעכע אופגאבן. ער שאפט היסטאָרישע קאדרען: לענין אף דעם רויטן פלאץ בייס דער פײַערונג פונעם צווייטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, לענין אף דעם זיבעטן אלרוסלענדישן ראטן־צוזאמענפאָר.

ס'איז באוווּסט אזא עפּיזאָד: אפן דריטן טאָג פונעם צוזאמענפאָר האָט עמעצער דערציילט

א. לעמבערג (אין צענטער) מיט זײַנע קאָלעגן קינאָ־אָפּעראטאָרן אי. קאָבזעוו און אי. פראָלאָוו.

לענינען, אז די קינאָ־אָפּעראטאָרן זײַנען הונגעריק. וולאדימיר איליטש האָט אף א זײַטעלע פון זײַן בלאָקנאָט אָנגעשריבן א צעטעלע און עס דערלאנגט איינעם פון די אָפּעראטאָרן — גריגאָרי גיבערן:

„דעם פארוואלטער פון דעם ווירטשאפטלעכן אָפּטייל פונעם קרעמל, דעם כ' קאלנינען.

ארויסגעבן אף דער גאנצער צײַט פונעם צוזאמענפאָר אכט קארטלעך אף מיטיק און אָוונטברויט. וו. לענין".

און דערנאָך צוגעשריבן:

„און אף אזא אויפן זיי צווינגען קלערן וועגן דער ארבעט און ניט וועגן א ווארמעס. וול. אוליאנאָוו (לענין)".

אלעקסאנדער לעמבערג האָט שפעטער נאָך ניט איין מאָל פארייביקט אין קינאָ־קאדרען וו. אי. לענינען, נ. ק. קרופסקען, געשאפן דאָקומענטאלע קינאָ־סוזשעטן וועגן דעם בירגערקריג.

צום פערציקסטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָבן די קינאָ־טוער געגרייט א דאָקומענטאלן פילם „וועליקי פּאָוואָראָט" („דער גרויסער קער־פונקט"). שטודירנדיק דעם קינאָ־ארכיוו, האָט דער רעזשיסער ס. גוראָוו אָפּגעזוכט ניט קיין גרויסע קינאָ־טאשמע. ער האָט זי פּראָיעצירט אפן עקראן און דערזען א פעלד, פול מיט מענטשן — קאָפּ אף קאָפּ, — א טריבונע מיט א פלאקאט פון דער צײַטונג „פראווּדא", פארבײַ דער טריבונע גייען מאטראָסן, וועלכע, לויט די אופשריפטן אף די היטלען, דארפן זײַן פון קראָנשטאדט. פונווײַטן זעט מען א לאסטמאשין, וואָס האָט, זעט אויס, געדינט אלס טריבונע. עמעצער שטייט אף איר און האלט א רעדע. דאָס אָפּגעזוכטע שטיקל טאשמע האָט מען „פארלענגערט": יעדן קאדער האָט מען קאָפּירט עטלעכע מאָל און

ווידער פּראָיעצירט אפן עקראַן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַף דער לאַסטמאַשין שטייט לענין.

ווען מ׳האָט די דאָזיקע קאַדרען אפן עקראַן באַוויזן אַלעקסאַנדער גריגאָריעוויטש לעמ־בערגן, האָט ער מיט פרייד, גלײַך ער וואָלט פּלוצעם דערזען זײַנע אייגענע יונגע יאָרן, אויסגערופן:

— עס איז דאָך מײַן אַרבעט! אַ טיילעכל פון דעם, וואָס איך האָב אַראָפּגענומען דעם ערשטן מײַ 1917, נאָך פאַר דער רעוואָליוציע. אַף דעם מאַרסאָווע פעלד אין פּעטראָגראַד. פאַר די דאָ־זיקע קאַדרען האָב איך פּײַן אַרײַנגעכאַפּט פּו־נעם באַלעבאָס...

אַלעקסאַנדער לעמבערג איז נאָך אויך הײַנט שעפעריש אַקטיוו. ער איז שטעלפאַרטרעטער פונעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פון די סאָ־וועטישע קינאָ־וועטעראַנען.

די אוניקאַלע קינאָ־קאַדרען, וועלכע אַלעק־סאַנדער לעמבערג האָט געשאַפן ערעוו דער רעוואָליוציע און נאָך איר גרויסן ניצחון, זײַ־נען שוין איצט אַ שטיק געשיכטע, און זיי וועלן האָבן דעם גרעסטן אינטערעס פאַר די קינפטיקע דורות.

„די ברידער טור"

זייער ליטעראַרישער פּסעוודאָנים איז צו־זאַמענגעשטעלט פון די ערשטע אויסיעס פון זייערע פאַמיליע־נעמען. לעאָנידס פאַמיליע איז געווען טובעלסקי, פּיאָטערס — ריזשיי. באַ טו־בעלסקין האָט מען גענומען דעם „טו" און באַ ריזשייען — דעם „ר". מיט אָט דעם נאָמען טור האָבן די צוויי יונגעלײַט גליקלעך אָנגעהויבן זייער וועג אין דער ליטעראַטור. זיי האָבן גע־שריבן פאַרצייכענונגען, פעליעטאָנען, און דער לייענער האָט טייקעף באַמערקט זייער אייגנ־אַרטיקן סטיל, ליטעראַרישע מײַסטערשאַפט, שאַרפזין און ערודירטקייט.

איינע פון די ערשטע פאַרצייכענונגען, וואָס זיי האָבן אָנגעשריבן, איז געווען אַ דערשיי־טערנדיקע געשיכטע וועגן אַ ייִנגעלע און וועגן דעם, וויאַזוי די באַנדיטן, וועלכע האָבן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָליוציע געווילדע־וועט אַף דער אוקראַיִנע, האָבן אַכזאָריעסדיק דערמאָרדעט זײַנע טאַטע־מאַמע. דאָס ייִנגעלע דערציילט: „מײַן מאַמען האָט מען דערשטיקט מיט די קישנס". די פאַרצייכענונג האָט טאַקע אַזוי געהייסן, און זי האָט, נאַטירלעך, צוגעצויגן דעם לייענערס אויפמערקזאַמקייט.

אינגיכן האָט דער טאַלאַנטירטער אויטאָר טור געקראָגן אַן אײַנלאַדונג אַף אַרבעט קיין לע־נינגראַד אין דער צײַטונג „לענינגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ". די רעדאַקציע האָט זיך דעמלט גע־פונען אין דער געבײַדע, אין וועלכער עס האָט אין 1912 אָנגעהויבן דערשײַנען די צײַטונג „פּראַוודאַ".

מיר איז אויסגעקומען דאָרט אָפט זײַן. איינ־מאָל האָט עמעצער מיר אָנגעוויזן אַף דער דאָ־זיקער פּאָר:

— טו אַ קוק! אָט גייען די טורן...

איך האָב דעמלט צום ערשטן מאָל זיך דער־וווּסט, אַז די דאָזיקע פעליעטאָניסטן שטעלן מיט זיך פאָר אַ ליטעראַרישן דועט.

אין עטלעכע יאָר אַרום וועט אונדז צונויפירן דער גורל: סײַ איך, סײַ „די ברידער טור" וועלן ווערן מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג „איזוועס־טיאַ".

די יונגע פעליעטאָניסטן זײַנען געוואָרן ברייט באַוווּסט אין לאַנד. אין 1929 דערשײַנט זייער ערשטער בוך מיט מיכאַיל קאָלצאָווס פאָרעדע. טאַקע קאָלצאָוו האָט זיי געייצעט זיך כאַסמענען אַף דער הילע פונעם בוך ווי „די ברידער טור". אַף ווײַטער זײַנען מיט אָט דעם נאָמען שוין אונטערגעשריבן אַלע זייערע צײַטונגס־מאַטעריאַלן, דראַמאַטישע ווערק, קינאָ־סצענאַריעס.

אין 1952, זומער־צײַט, האָב איך „די ברידער טור" און זייערע געזינדן זיך באַגעגנט באַם רי־גער יאָם־ברעג. ווי שטענדיק בעשאַס באַגעג־נישן אַף אָפּרו, האָבן מיר גערעדט וועגן וואָס איר ווילט און דערווײַל פעסטגעשטעלט, אַז פון זינט מיר האָבן זיך באַקאַנט, זײַנען שוין דורכ־געלאָפן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי דרײַ־סיק יאָר.

כ׳האָב אָקאָרשט געזאָגט, אַז מיר זײַנען געווען אַף אָפּרו. נאָר שרײַבער רוען דען? זײַענדיק אַפן קוראָרט, האָבן „די ברידער טור" געשריבן. זיי האָבן דאָ געשאַפן אַ נײַע פּיעסע, וועלכע איז שפּעטער געגאַנגען אין די טעאַ־טערן אונטער דעם נאָמען «Побег из ночи» („די פלייטע פון דער נאַכט־פינצטערניש"). דער הויפּט־פּערסאָנאַזש איז געווען אַ רוסישער שרײַבער, וועלכער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און איז אַוועק־געפאָרן קיין אויסלאַנד. דאָרט באַגרײַפט ער, וואָס פאַר אַ פאַטאַלן פעלער ער איז באַגאַנ־גען, און באַשטימט זיך אַרויסרײַסן פונעם עמי־גראַנטישן זומפּ און זיך אומקערן אַהיים.

די ראָל פונעם שרײַבער האָט באַדאַרפט שפּילן דער באַוווּסטער אַקטיאָר לעוו סווערד־

„די ברידער טור": פּיאָטער (רעכטס) און לעאָניד.

לין, — איז ער אויך אראָפּגעקומען צום ריגער ים־ברעג.

ווי נאָר „די ברידער טור" האָבן פאַרענדיקט אן עפּיזאָד פון דער פּיעסע, פלעגט גלײַך קומען סווערדלין און נעמען „אויסשפּילן" זײַן ראָל. און עס איז באלד קלאָר געוואָרן, וואָס עס האָט זיך די דראמאטורגן אײַנגעגעבן און וואָס עס וועט, ווי דער אקטיאָר פלעגט זאָגן, „ניט דערגיין".

די געמײנזאמע פאַרלויפיקע ארבעט פון די שרײַבער מיטן אקטיאָר פלעגט ניט זעלטן זיך פאַרענדיקן מיט א הייסער דיסקוסיע. די פאָטאָגראפיע, וועלכע ווערט דאָ געבראכט, האָב איך געמאכט נאָך דעם, ווי לעאָניד און פּיאָטער האָבן זיך באגעגנט מיט סווערדלינען, אויסגעהערט זײַנע באמערקונגען, און איצט שמועסן זיי מיקויעך דעם, אז אייניקע סצענעס פון דער פּיעסע וועט טאקע אויסקומען איבערארבעטן.

פאר די יאָרן פון זייער געמײנזאמער שאפונג האָבן „די ברידער טור" אָנגעשריבן אכט און צוואנציק פּיעסעס. א סאך פון זיי זײַנען אף לאנג ארײַן אין רעפּערטואר פון די סאָוועטישע טעאטערן און זײַנען אויך געשטעלט געוואָרן אין אויסלאנד. אייניקע פּיעסעס זײַנען עקראניזירט געוואָרן.

די ליטעראַרישע פאַרברידערטקײַט פון טור־בעלסקין און ריזשייען האָט געדויערט קנאפּע פערציק יאָר. זי האָט זיך איבערגעריסן מיט לעאָנידס פריצײַטיקן טויט.

אין א צײַט ארום האָבן אין מאָסקווע און אין אנדערע שטעט זיך באוויזן אפישעס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט וועגן א נײַער פּיעסע פון די טורס «Перебежчики» („אריבערלויפער"). פאַרלאָרן זײַן מיטשעפער און פריינט, האָט פּיאָטער די נײַע פּיעסע אָנגעשריבן אינאיינעם מיט זײַן פרוי אריאַדנא טור. לויט דעם פאך איז זי אן אינזשעניער־עלעקטריק. זי האָט אויך זיך געלערנט אין א ליטעראַרישן אינסטיטוט. אין מעשעך פון א ריי יאָרן האָט זי געשריבן סצענאַריעס פאר פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכע פילמען.

אין דעם מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער גייען שוין א לענגערע צײַט צוויי פּיעסעס פון דעם נײַעם אווטאָרישן דועט — דעם פּאַרפאָלק טור. איינע הייסט „דער אײַנציקער איידעס", די צווייטע — „דער אויסעראָרדנטלעכער געזאנדטער" (געווידמעט אלעקסאנדרע קאָלאָנטײַ, וועמען לענין האָט רעקאָמענדירט אף דיפּלאָמאטישער ארבעט. לויט דער דאָזיקער פּיעסע איז געשאפן געוואָרן דער קינאָ־פילם „דער געזאנדטער פונעם סאָוועטנפאַרבאנד").

לעצטנס איז אין דער ליטעראַרישער מישפּאָכע פון די טורס צוגעקומען א פרישער קויעך — זייער זון וואלערי. פאַרענדיקט דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, האָט וואלערי אָנגעהויבן מיטארבעטן אין די צענטראַלע צײַטונגען און זשורנאלן אלס זשורנאליסט. שפּעטער האָט ער א פרווו געטאָן די קויכעס אין דער דראמאטורגיע. זײַן פּיעסע «Бой с тенью» („די שלאכט מיט דעם שאָטן") באווײַזן איצט דעם צושויער א גאנצע ריי טעאטערן אין מאָסקווע און אין אנדערע שטעט.

די נאָטיץ וועגן דער מישפּאָכע דראמאטורגן וויל איך שליסן מיט דער פאָטאָגראפיע, וואָס איך האָב געמאכט אין שרײַבער־הויז פּערעדעלקינאָ, הינטער מאָסקווע. איר זעט דאָ אריאַדנע און פּיאָטער טור מיט זייער זון וואלערי.

אן אלטער באָלשעוויק

װען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע, קעדיי ווערן א ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „הודאָק“, האָב איך זיך באקענט מיטן מיטארבעטער פון אָט דער צײַטונג איליא קרעמליאָוו.

איך האָב אים געזאָגט:

— איר ווייסט, איך קען דאָך אײַך שוין א שאָק מיט יאָרן. איר זײַט געוועזן דער רעדאקטאָר פונעם סאטירישן זשורנאל „בעגעמאָט“, וועלכער איז דערשינען אין לענינגראד.

— איך לייקן ניט, געוועזן.

— און איר האָט געשריבן פריילעכע דערציילונגען און פעליעטאָנען אין די זשורנאלן „זאנאָזא“, „סמעכאטש“, „קראָקאָדיל“. איך האָב געלייענט אײַערע הומאָריסטישע ביכעלעך...

— אלץ איז עמעס! זײַנען מיר, הייסט עס, הינטערויגיק שוין אויך פריִער געווען באקאנט. איצט לאָמיר זיך באקאנען פערזענלעך...

אָנגעטאָן אין הויזן „גאליפע“, ארומגעצויגענע מיט ברוינע לעדערנע קאמאשן, און אין א ספּאָרטיוון רעקל, וואָס האָט אויסגעטיילט זײַן ניט שטארק פולע, נאָר שטײַפע פיגור, האָט ער געכאפּט דעם אָנבליק פון אן ענגלענדער.

אָט אזוי האָבן מיר זיך באקאנט אין סאמע סאָף פון די צוואנציקער יאָרן אין דער רעדאקציע „הודאָק“, וועלכע אלע מיטארבעטער האָבן געהאלטן אלס די בעסטע צײַטונג אין דער וועלט.

קרעמליאָוון האָט מען אין רעדאקציע גערופן סווען. אזוי פלעגט ער כאסמענען זײַנע הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען, ווען ער האָט מיטגעארבעט אין די סאטירישע אויסגאבעס. זײַנע פּובליציסטישע ארטיקלען פלעגט ער כאסמענען אי. קרעמליאָוו.

איליא קרעמליאָוו־סווענס וועג צו דער ליטעראטור איז געווען פול מיט קאמף און ניסיוינעס. ער איז געבוירן געוואָרן אין גראָדנע. דער טאטע זײַנער, לעוו סאמאָילאָוויטש שעכטמאן, איז געווען א לערער אין א פאָלקס־שול. פארענדיקט די גימנאזיע אין וויטעבסק, קומט איליא אָן אפן יורידישן פאקולטעט פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט. דאָ טרעט ער ארײַן אין דער באָלשעוויסטישער פּארטיי.

קרעמליאָוו אליין האָט דערציילט וועגן זיך:

— ווען עס איז געפאלן די מאָנארכיע, אין די טעג פון דער פעווראל־רעוואָלוציע, איז מיר

איינער פון די קינאָ־קאדרען: א רעוואָליוציאָנערער סטודענטישער אָטריאד בעראָש מיט איליא קרעמליאָוון (דער דריטער פון רעכטס) באם פּאָליציי־באצירק, וועלכן זיי האָבן אנטוואָפנט.

אויסגעקומען צו אַרבעטן אין שטאַב פונעם רעוואָליוציאָנערן מיליטער פון דעם מאָסקווער מיליטער־קרייז. איך האָב קאָמאַנדעוועט מיט א סטודענטישן אָטריאַד באַם פאַרכאַפּן די פּאָ־ליציי־באַצירקן און אַנטוואָפענען די זשאַנדאַרמען. שפּעטער האָב איך זיך באַטייליקט אינעם באַוואָפנטן אָקטיאַבער־אויפשטאַנד. ווען ס'האָט זיך איינגעשטעלט די סאָוועטנמאַכט — געאַרבעט אין מיליטעריש־רעוואָליוציאָנערן קאָמיטעט. דערנאָך בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר באַם ערשטן פאָלקסקאָמיסאַר פון וועג־פאַרקער, מאַרק טימאָפייעוויטש יעליזאַראָוון — אַנע איליניטשנע אוליאַנאָוועס מאַן. טאַקע לויט זיין פאָראָרדענונג בין איך אינגיכן באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמיסאַר פון דעם באַלטישן וואָקזאַל. די לאַגע אויף די וואָקזאַלן איז דעמאָלט געווען א שווערע, מע האָט געדאַרפט דאָרט מאַכן אָרדענונג...

ווייטער איז קרעמליאָווס וועג געלעגן אויף די שלאַכטפעלדער פונעם בירגערקריג. ער קעמפט אין די רייען פונעם קאָמונאַרישן אָטריאַד, וואָס סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו האָט געשאַפן אין אַסטראַכאַן. אויסגעטאָן די רויטאַרמייִשע שינעל אין 1922, קערט ער זיך אום קיין מאָסקווע, ווו ער ווערט א מיטאַרבעטער פון דער צייטונג „ראַבאָטשאַיאַ מאָסקוואַ" און שפּעטער פון דעם „הודאָק".

עס זיינען אוועק יאָרן. איליאַ קרעמליאָוו איז געוואָרן א ליטעראַטאָר. ער האָט געשריבן וועגן דעם, וואָס אים איז אויסגעקומען איבערצולעבן און אויסווייטעקן אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע. זיין פּיעסע „די פעסטונג אויף דער וואָלגע" איז געווען געווידמעט די שלאַכטן פאַר אַסטראַכאַן, סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די שלאַכט־אָפּעראַציעס פון דער עלפטער אַרמיי.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע מיט דעם דייטשישן פאַשיזם, איז איליאַ קרעמליאָוו, פּונקט ווי אַלע אַנדערע סאָוועטישע שרייבער און זשורנאַליסטן, אוועק פאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד. ערשט נאָכן ענדגילטיקן זיג האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט אין מאָסקווע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לעצטע עטלעכע מילכאָמע־כאַדאָשים זיינען מיר ביידע געווען אויף דער אונגאַרישער ערד. אין א צייט אַרום האָט קרעמליאָוו אָנגעשריבן א בוך, אין וועלכן די האַנדלונג קומט טאַקע פאָר אין אונגאַרן.

אין 1948, ווען דאָס לאַנד האָט זיך געגרייט אָפּמערקן דעם אַכטהונדערטיאָריקן יוביליי פון מאָסקווע, איז פאָרגעקומען אַזאַ עפּיזאָד.

איך האָב געאַרבעט איבער א נאָוועלע וועגן דער אַמאָליקער מאָסקווע. צוליב דעם איז מיר אויסגעקומען איבערקוקן די קינאָ־כראָניק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן וועגן דער שטאָט ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. אויפן עקראַן האָבן דורכגעשווינדלט אָקאַטני ריאַד, מיליטערישע פּאַראַדן, צאַרישע קאַרעטעס, אַלטע שטאָט־זאַסטאַווס. ווען ס'איז דערגאַנגען צו דער כראָניק פונעם 1917, האָט די טעמאַטיק זיך געביטן: א פּילקעפּיקער האַמוין אויף א פּלאַץ, א דעמ־

אי. קרעמליאָוו (רעכטס) און דער קינאָ־אָפּעראַטאָר א. לעוויצקי באַטראַכטן די לענטע פון דער קינאָ־כראָניק פון 1917.

מאָנסטראַציע לעבן דעם האָטעל „מעטראָפּאָל"... עס פּלאַטערן רויטע פאָנען, מע רייסט אַראָפּ פון די שילדן דעם צווייקעפּיקן אָדלער. מע אַנטוואָפנט זשאַנדאַרמען. דערנאָך האָבן אויפן עקראַן דורכגעיאָגט אַזעלכע קאַדרען: אַן אָטריאַד פון אַרבעטער, סאָלדאַטן און סטודענטן פאַרכאַפּט א פּאָליציי־באַצירק אויף דער פּרעטשיסטענקע. מיטן אָטריאַד קאָמאַנדעוועט א באַבערדלטער יונגערמאַן אין א סאָלדאַטישער שינעל. מ'האָט עמעצן פאַרהאַלטן, פרעגט ער אים אויס. אַזעלכע קינאָ־קאַדרען, וועלכע האָבן פאַרפיקסירט די געשעענישן פון דער פעוורואַל־רעוואָליוציע אין מאָסקווע, זיינען געווען ניט קיין סאַך, און זיי האָבן זיך מיר גוט פאַרקריצט אין זיקאָרן.

פּונקט אין די דאָזיקע טעג האָב איך זיך באַגעגנט מיט קרעמליאָוון. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין אַרבעט איבער א נייעם ראָמאַן, אין וועלכן עס ווערן אויך געשילדערט די געשעענישן אין די ערשטע טעג פון דער פעוורואַל־רעוואָליוציע. איליאַ לוואָוויטש דערלאַנגט מיר אַן אַלטע פאָטאָגראַפיע:

— טוט א קוק, ווי אַזוי כ'האָב אויסגעזען אין יענער צייט.

אויף דער פאָטאָגראַפיע איז געשטאַנען א באַבערדלטער יונגערמאַן אין א סאָלדאַטישער שינעל.

אונדזער געשפּרעך איז פאָרגעקומען לעבן דער געביידע, ווו עס געפינט זיך איצט דער צענטראַלער לענין־מוזיי. קרעמליאָוו האָט זיך אָנגערופן:

— דאָ איז געווען דער שטאַב פונעם רעוואָליוציאָנערן מיליטער פון דעם מאָסקווער קרייז. איך האָב באַקומען א באַפעל: נעמען מיט זיך וויפל מע דאַרף מענטשן און פאַרכאַפּן דעם פּאָליציי־באַצירק אויף פּרעטשיסטענקע. ווען דער באַפעל איז שוין געווען אויסגעפילט, האָט זיך ווער ווייסט פונוואַנען גענומען א הויכוווּקסיקער פאַרשוין אין א פעלץ, ער האָט אוועקגעשטעלט זיין קינאָ־קאַמערע אויף א שטאַטיוו און אָנגעהויבן אונדז פאָטאָגראַפירן גראַד אין דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן אַרויסגעהאַנגען א רויטן פלאַג און אוועקגעשטעלט אונדזער וואַך...

די פאָטאָגראַפיע און דאָס, וואָס קרעמליאָוו

האָט איצט דערציילט, האָט מיר דערמאָנט אין דער קינאָ־כראָניק, וועלכע איך האָב ניט לאַנג צוריק געזען.

מיר זײַנען ביידע אוועק אין קינאָ־ארכיוו, און אונדז איז געלונגען אָפּזוכן אין דער פילמאָטעקע די עטלעכע קינאָ־קאַדרען.

„סאָלדאַטן פון דער רעוואָלוציע", — אַזוי האָט דער שרײַבער איליאַ קרעמליאָוו אָנגערופן זײַן ראָמאַן. צו יענער צײַט האָט ער שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן די ארבעט איבער דער טרילאָגיע „באָלשעוויקעס".

עס האָט מיר זייער געוואָלט זיך דערוויסן, ווער עס איז דער אָפּעראַטאָר פון די קינאָ־קאַדרען. קרעמליאָוו האָט בלויז פאַרגעדענקט, אַז דער הויכער פאַרשוין האָט געטראָגן אַ לאַנגן פעלץ און האָט פאַרמאָגט באַקענבאַרדן, „ווי באַ פּושקינען".

מיט קינאָ־כראָניק פון די היסטאָרישע געשעענישן האָבן זיך פאַרנומען די אָפּעראַטאָרס עדוואַרד טיסע, אַלעקסאַנדער לעוויצקי און אַלעקסאַנדער לעמבערג. איך האָב אָנגעקלונגען דעם עלטסטן פון זיי — לעוויצקין (ער איז שוין געווען אַ פּראָפעסאָר אינעם אינסטיטוט פון קינעמאַטאָגראַפיע) און געבעטן אַ דערלויבעניש קומען צו אים צוזאַמען מיט קרעמליאָוון.

דערזען די קינאָ־קאַדרען פון דעם פּאָליציי־באַצירק אָף פּרעטשיסטענקע, האָט לעוויצקי אויסגערופן:

— מײַן שטיקל ארבעט! און איך האָב דעמלט ווירקלעך געטראָגן אַ פעלץ.

אין אַזויפיל יאָרן אַרום האָבן זיי זיך ווידער באַגעגנט — דער געוועזענער אַקטיווער אָנטײלנעמער פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד און דער קינאָ־אָפּעראַטאָר. אַזוי ווי זיי זײַנען געזעסן באַנאַנד און באַטראַכט די קינאָ־קאַדרען, האָב איך זיי פאָטאָגראַפירט.

די נאָטיץ וועגן מײַן אַלטן גוטן פרײַנט (ער איז געשטאָרבן אין 1970) וויל איך פאַרענדיקן מיט די ווערטער, וואָס דער מאַרשאַל פון סאָוועטנפאַרבאַנד געאָרגי זשוקאָוו האָט אָנגעשריבן אָף אַן עקזעמפּליאַר פון זײַן בוך „זיכרוינעס און ראַיוינעס", וועלכן ער האָט צוגעשיקט אַ מאַטאָנע קרעמליאָוון:

„מײַן טײַערער איליאַ לוואָוויטש!

איך שיק דיר דאָס בוך, פאַר וועלכן דו האָסט געוויי־טעקט ניט ווייניקער פון מיר.

איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס מיר איז אויסגעפאַלן צו ארבעטן מיט דיר אין איין פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דו ביסט אַן אַלטער באָלשעוויק, אַ לענינעץ, און ס'איז דאָ וואָס צו לערנען זיך באַ דיר.

איך האָף, ליבער איליאַ, צו באַקומען פון דיר אייצעס פאַר די קינפטיקע אויפלאַגעס.

איך נעם דיך ברידערלעך אַרום.

ג. זשוקאָוו".

איך קלער, אַז דער דאָזיקער קורצער אויפשריפט איז דער שענסטער שטריך צו דעם שרײַבערס פּאָרטרעט.

פּראָזע

אוראַן גוראַלניק

נעכטן, הײַנט, מאָרגן

מילכאָמע. דער אָנהייב און דער סאָף

די גרויסע פאַטערלענדישע מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן, ווי באַוווסט, באַגינען־פרי, זונטיק, דעם 22 יון, 1941, פארענדיקט האָט זי זיך אָפיציעל דעם 9 מײַ, 1945. אין אָט דעם טאָג האָבן די פאָרשטייער פון דער ארמיי־קאָמאַנדשאַפט פון דעם באַזיגטן היטלערישן דײַטשלאַנד אונטערגעשריבן דעם אקט וועגן קאַפיטוליאַציע. אָבער בא יעדן פון אונדז, וועלכער האָט אַזוי אָדער אַנדערש אָנטיילגענומען אין דעם גראַנדיעזן קאַמף, האָט די מילכאָמע זיך אָנגעהויבן און זיך פארענדיקט פארשיידן, און ס׳פלעגט אפילע טרעפן — אין פארשיידענע צײַטן.

מײַן פרײַנט, דער בראַווער לייטענאַנט־אַרטילעריסט, דער קאַדראַווער קאָמאַנדיר פראָים סיראָטאַ איז אומגעקומען פונקט פיר כאָדאָשים נאָך דעם ערשטן שאָס אָף דער מײַרעוו־גרענעץ פון אונדזער פאָטערלאַנד. אין פריִען האַרבסט פונעם ערשטן מילכאָמע־יאָר איז ער אָף א פאָר טעג געקומען אין דער הויפטשטאָט, און מיר זײַנען מיט אים ארומגעגאַנגען איבער די פינצטערע מאָסקווער גאַסן און געסלעך. פארבײַגייער האָבן זיך פארקוקט אָף אָט דעם שלאַנקן שיינעם גיבער מיט א קינדער־שמייכל אָפן פּאָנעם. אינגיכן איז זײַן לעבן איבערגעריסן געוואָרן.

שיר ניט אָפן דריטן טאָג פון דער מילכאָמע איז צוזאַמען מיט זײַן באַטאַרייע ארײַנגעפאַלן אין פײַנטלעכער ארומרינגלונג אַראָן בראָנשטיין. ווי פראָים סיראָטאַ, האָט ער אויך א יאָר אָנדערהאַלבן ביז דער מילכאָמע פארענדיקט מיט אויסצייכענונג די טביליסער אַרטילעריע־שול. ניט גרינג איז אים געווען זיך ארויסרײַסן פונעם טויט־קרײַז, דערנאָך אונטער א פרעמדן נאָמען ארומבלאָנקען איבער דער ערד, וואָס איז אָקופירט געווען פונעם סוינע...

הונדערטער און הונדערטער קילאָמעטער האָט געשפּאַנט איבער די וועגן פון דער מילכאָמע מאָניע פערטשוק, איצט א פאָדפּאָלקאָווניק אין רעזערוו. ער איז אָפּגעטראָטן פון דער גרענעץ ביזן טײַך וואָלגע, געטריבן דערנאָך די פאַשיסטן פון דער וואָלגע ביז דעם האַרץ פונעם היטלערישן דײַטשלאַנד. ביז הײַנטיקן טאָג זעט ער אין שלאָף קאָשמאַרפולע כאַלוימעס. מאָניע האָט איבערגעטראָגן שווערע אָפעראַציעס, א סאַך מאָל געווען פארוווּנדעט. אז מע וויל גוט זיך אײַנטראַכטן, האָט די מילכאָמע ביז איצט זיך ניט פארענדיקט פאַר פיניע טרוב און פאַר אַנדערע מײַנע כאַווײרים פון דער דריטער ייִדישער וויניצער מוסטער־שול, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע קאַליקעס.

בא יעדערן פון אונדז האָבן יענע יאָרן איבערגעלאָזט אַן אומפארגעסלעכן שפּור. איבער גאַנץ אײראָפּע זײַנען צעוואָרפן ברודער־קוואָרים, אין וועלכע עס ליגן מײַנע כאַווײרים, פרײַנט, קרויווים. מײַן שוועסטערקינד באָריס גוראַלניק, דעם פעטער זעליקס עלטערער זון, האָט אוועקגעלייגט זײַן קוטשעראַווון ליכטיקן קאָפּ בא פראָג. א קאָמאַנדיר פון אַן אַוטאָאַרטילערישער מאַשין, האָט ער באַפרײַט די אַלטע טשעכישע הויפטשטאָט און איז אומגעקומען שיר ניט אין לעצטן טאָג פון דער מילכאָמע. זײַן מוטער, מײַן מומע רייזל, האָט ניט איבערגעטראָגן דעם אומקום פון איר בכאָר: זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן, זיך אַראָפּגעוואָרפן פונעם אייבערשטן שטאָק.

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9, 12, 1973.

דער אָנהייב פון דער מילכאָמע האָט מיך געטראָפן אין סטודענטישן לייען־זאַל באַם שטודירן אַן אַלטע אויסגאַבע פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאַן „די ברידער קאַראַמאַזאָווס”. די יעדיִע ווערגן ניצאָכן האָב איך דערהערט אין אַ װוּנדער־שײנעם פרילינגדיקן װאַלד, אין אַ זעמליאַנקע. איך בין דעמלט געווען אין דער צווייטער רומענישער פרײַוויליקער דיוויזיע, וווּהין מע האָט מיך קאָמאַנדירט אַלס אינסטרוקטאָר־ראַטגעבער.

דער דאָזיקער טאָג האָט זיך פאַרגעדענקט מיט די מינדסטע פּראָטים: דער פאַרשיקערנדיקער רייעך פון די פריִע בלומען, מיט וועלכע עס זײַנען פון אינדערפרי אָן פאַרשאָטן געווען די ערד־שטיבלעך פון די סאָוועטישע אָפיצערן; די טרערן פון פרייד אין די אויגן פון אונדזערע רומענישע קאָלעגן. אַפילע דער אײַנגעהאַלטענער פּאָלקאָווניק קאָנסטאַנטין ניקיטאַ האָט ניט געקאָנט פאַרבאַהאַלטן זײַן איבערלעבונג, און דער עקספּאַנסיווער מאַיאָר פּאָפּעסקו, ניט געקוקט אָף זײַן עלטער, האָט זיך נאַריש געמאַכט, ווי אַ ייִנגל. דער מעשענער געקלאַנג פון די גלעקער האָט זיך דערטראָגן צו אונדז אין וואַלד פון די אַרומיקע דערפער — אַלע קלויסטערס האָבן געקלונגען, לויבנדיק דעם ניצאָכן. געשמאַק איז געווען דער טערפּקער בעסאַראַבער וויַין. עטלעכע פעסעלעך פון אָט דעם געטלעכן געטראַנק האָבן אונדז געשענקט די פויערים, און מיר האָבן צוזאַמען מיט זיי געטרונקען לעקאָוועד שאָלעם און פרײַנטשאַפט צווישן מענטשן.

דער קאָפּ האָט זיך געדרייט פון גליק, פון דער סוידעסדיקער הייך פון אָט דעם קלאָרן, אָנענדלעך טיפן בלויען פרידלעכן הימל, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אונדז.

סאַכאַקל פיר טעג ביזן זיג בין איך אַלט געוואָרן 24 יאָר. איך האָב ניט געוווּסט, אַז אין דעם טאָג האָט אַ קויל פון אַן עסעסאָווער אָף טויט געטראָפן אונדזער באָריסן, דעם יונגן קאָמאַנדיר פון דער אויטאָ־אַרטילערישער מאַשין, וועלכע האָט געקלאַפּט איבער דעם לעצטן מיקלעט פונעם סוינע...

עס זײַנען אָנגעקומען פרידלעכע טעג. אָבער פאַר מיר האָט די מילכאָמע זיך געענדיקט ערשט אין אַ יאָר אַרום, אין אַפּרעל 1946. איבער דער מאָסקווער אויטאָסטראַדע האָט מיך געפירט אַ „ווילליס”, און באַ מײַנע פיס זײַנען געלעגן צוויי דײַטשישע סאָלדאַטישע רענצלעך מיט פאַשיסטישע מעדאַלן, ציילעמער און אַנדערע מיליטערישע רעגאַליעס. איך האָב פאַרענדיקט מײַן מיליטערישע קאַריערע אַלס באַאַמטער אין איינעם פון די לאַגערן פאַר דײַטשישע קריגסגעפאַנגענע, פּינקטלעכער — קאַפּיטוליאַנטן. ערעוו דעם קראַך פונעם היטלערישן „רײַך” זײַנען זיי, אַרײַנפאַלנדיק אין „קעסל”, געצוווּנגען געווען אָוועקלייגן דאָס געווער און זיך אונטערגעבן. די קאַפּיטוליאַנטן האָבן אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע קריגסגעפאַנגענע, מיט וועלכע מע איז באַ אונדז זיך באַגאַנגען גענוג מענטשלעך, געהאַט מער פּריווילעגיעס.

מײַנע „דערצויגלינגען”, הויפּטזאַכלעך ייִנגערע אָפיצערן, האָבן קאַפּיטולירט הינטער קעניגסבערג, אָפן ברעג פון דער באַלטיק, ווען זיי זײַנען פון אַלע זײַטן אַרומגערינגלט געוואָרן מיצאַד דעם מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקיס אָנגרײַפנדיקע טיילן. אין לאַגער האָט מען זיי דערלויבט טראָגן זייערע רעגאַליעס. און איך, זייער „דערציִער”, האָב אַ סאַך געהאָרעוועט, ביז ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן זיי צו איבערצײַגן, אַז זיי זאָלן פרײַוויליק אַראָפּנעמען די שענדלעכע אויסצייכענונגען.

פונעם 6 אווגוסט 1945 ביז מײַ 1946 האָב איך געפירט אַ טאָגבוך, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער יעסאָד פון אַ בראָשור „צווישן קריגסגעפאַנגענע. שריפטן פון אַ סאָוועטישן אָפיצער”. אין דעם ווערק האָב איך דערציילט וועגן דעם פּראָצעס פון אויסניכטערונג און גײַסטיקן איבערגעבורט פון מענטשן, אָפּגעסאַמטע מיטן סאַם פון נאַציזם. דאָס איז אַ באַזונדערע טעמע, וועלכע האָט נאָך ביז איצט ניט אָנגעוואָרן די אַקטועלקײַט. וויפל מענטשן, מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, זײַנען נאָך פאַרטשאַדעט פון ראַסיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע אידייען!

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו יענעם אינדערפרי, אין אַפּרעל 1946...

איך האָב מיט עקל איבערגעקליבן דעם כלאַם אײַזן, מיט וועלכן דער פיורער פלעגט באַלוינען זײַנע סאָלדאַטן, דערנאָך האָב איך ביידע רענצלעך מיט די אָרדענס און מעדאַלן אָפּגעגעבן אין געהעריקן אַנשטאַלט. ערשט דעמלט האָב איך דערפילט מיטן האַרצן און מיטן באַוווּסטזײַן, אַז די מילכאָמע האָט ווירקלעך זיך פאַרענדיקט.

אָפן לינקן ברעג דעסנאַ

דעם 26 יוני, אָפן פערטן טאָג פון דער מילכאָמע, זײַנען מיר מיט אונדזערע קימאַט לייידיקע סטודענטישע רוקזעק אַרויסגעפאָרן פון מאָסקווע, פונעם קיִעווער וואָקזאַל, אָף מײַרעוו. מיר — דאָס זײַנען די פרײַוויליקע אָטריאַדן פון לערן־יוגנט, וועלכע האָבן געדאַרפט אופבויען אַ שוץ־ליניע אין ראַיאָן פון דעסנאַ, אַ בײַטײַך פונעם דניעפּער. דער ראַיקאָם פון קאָמיוג האָט באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פונעם אָטריאַד דעם סטודענט פונעם פּעדאַגאָגישן פּאַ־

קולטעט גאָנטשאראָוון, און מיך אלס פּאָליטרוק. די כעוורע האָבן געשפּאסט און צווישן זיך גערופן דעם היציקן גאָנטשאראָוון — „טשאפּײַעוו“, און אזויארום איז שוין אויסגעקומען, אז איך דארף זײַן „פורמאנאָוו“.

צוויי מיט א האלבן כוידעש האָבן מיר געגראָבן קעגנטאנקען־גריבער, דורכגעלייגט וועגן אין וואלד, ניט דערעסן און ניט דערשלאָפן. מיר האָבן „אראָפּגעשניטן“ דעם לינקן הויכן פּארוואקסענעם ברעג פון דער שנעליאָגנדיקער דעסנא, אופגעשטעלט דזאָטן, לאנגדויערנדיקע הילצערנע פײַערפּונקטן פאר פּולעמיאָטן און קליינע הארמאטן. מע האָט אונדז דערנאָך דערציילט, אז ווען די עסעס־דיוויזיע „אדאָלף היטלער“ (אָדער „דער טויטער קאָפּ“) האָט געפּרווט מיט איין אָטעם פאַרסירן דעם טײַך אין אָט דעם אָרט, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אף אן אקשאָנעסדיקן ווידערשטאנד פון אונדזערע מיליטער־טיילן. הייסט עס, ניט אומזיסט האָבן די כעוורע ביז בלוט אָנגעמאָזאָליעט זייערע הענט, די ניט געווינטע צו אזא שווערער ארבעט.

מע זאָגט, דאָס וואסער אין דער דעסנא איז רויט געווען פונעם סוינעס בלוט. היטלערס כוצפּעדיקע נישטיקע היינט האָבן ניט דערוואָרט אזא קאבאָלעס־פּאָנעם.

דעם 13 סענטיאבער 1941 איז אומגעריכט באקומען געוואָרן א באפעל: דער גענעראל־פּאָלקאָווניק שטשאדענקאָ האָט לויט דער אָנווײַזונג פון דער העכסטער אויבערקאָמאנדשאפט געפאָדערט אומצוקערן אלע סטודענטן פון די עלטערע קורסן קיין מאָסקווע צו פארענדיקן דעם אינסטיטוט. מע האָט געקאָנט בלויז זיך וווּנדערן: אפילע אין אָט די שיר ניט סאמע אנטשיידענע מאָמענטן פון דער מילכאָמע, ווען עס האָט זיך געלייזט דער שיקזאל פונעם היימלאנד, האָט די רעגירונג ארויסגעוויזן אזא רירנדיקע זאָרג וועגן דער שטודירנדיקער יוגנט. איך בין דעמלט שוין אריבער אפן לעצטן, פערטן קורס.

פארן אוועקפאָרן קיין מאָסקווע איז פאָרגעקומען א סימבאָלישע באגעגעניש: מיר, די סטודענטן, וואָס האָבן אויסגעבויט די שוץ־ליניע, האָבן איבערגעגעבן אונדזערע באפעסטיקונגען דער אָנגעקומענער דיוויזיע אָפּאָלטשענצעס. אין איר באשטאנד זײַנען געווען אייניקע פּעדאגאָגן פון אונדזער אינסטיטוט. דער שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער דיוויזיע איז געווען פּראָפעסאָר גאָלאָווענטשענקאָ, אונדזער דעקאן, דער זעלבער פיאָדאָר מיכײַלאָוויטש, וועלכער האָט צוריק מיט דרײַ יאָר, אויסהערנדיק מײַנע ייִדישע לידער, מיך אריבערגעפירט פונעם היסטאָרישן פאקולטעט אפן פאקולטעט פון שפּראך און ליטעראטור. דעם פּראָפעסאָר פּורישעוו, וועלכן דער לייענער, האָף איך, געדענקט פון דעם פריִערדיקן קאפּיטל פון אונדזער דערציילונג, האָבן מיר דערזען אין דער פאָרמע פון א רויטארמייער: ער האָט געדינט אין סאנאָפּטייל. דער נעכטיקער אספּיראנט, קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן באָריס לעאָנטיעוויטש סוטשקאָוו — איצט א מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר, דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראטור, ווו איך ארבעט, — האָט געדינט אלס קאָמאנדיר פון א סאפּיאָרן־ראָטע...

אייניקע אָפּאָלטשענצעס זײַנען טאקע דעמלט העלדיש געפאלן אין ערשטן אומגלײַכן שלאכט מיטן סוינע. די מערהײַט פון זיי האָט ביז דעם אפילע ניט געהאלטן אין די הענט קיין ביקס, און דאָך האָבן זיי אָפּגעשטעלט די טאנקען־ארמאדע פונעם „גרויזאמען גודעריאן“. דער גענעראל, וועלכער האָט אומגעשטערט זיך ארומגעיאָגט איבער די וועגן פון אייראָפּע, האָט זיך דאָ אָפּגעזאָגט צו לאָזן זיך גלײַך אין אן אטאקע אף דער דיוויזיע אָפּאָלטשענצעס. ער האָט פארקערעוועט און איז פארבײַגעגאנגען די דיוויזיע. די אָפּאָלטשענצעס, וועלכע זײַנען מיט א נעס ארויס פון דער ארומרינגלונג, האָבן שפּעטער ארײַנגעשריבן ניט איין רומפול בלעטל אין דער געשיכטע פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

הארבסט־צײַט האָט מען אונדז פארן טערמין ארויסגעלאָזט פונעם אינסטיטוט מיט דיפּלאָמען פון לערער פון רוסישער שפּראך און ליטעראטור. מע האָט אונדז אוועקגעשיקט אין טיפן הינטערלאנד. איך בין אָנגעקומען אלס לערער פון די עלטערע קלאסן אין א רוסיש־טורקמעניש־אוזבעקישער מיטלשול אין א קליין שטעטל ניט ווײַט פונעם געגנטלעכן צענטער טשארדזשאָו בא דעם טײַך אמו־דאריא.

איך האָב גאנץ גוט פארשטאנען, אז מײַן וויסן, וואָס איך האָב באקומען אין אינסטיטוט, איז ביז גאָר נייטיק פאר די קורץ געשוירענע ייִנגעלעך און מיידעלעך, וואָס אייניקע פון זיי פלעגן זיך דערקלײַבן אין שול, דורכמאכנדיק פון די ווײַטע קישלאקן א צענדליק קילאָמעטער צופוס. פונדעסטוועגן האָב איך ניט געוואָלט שאָלעם מאכן מיט דער „אָטסראָטשקע“, וואָס דער ראיאָנער מיליטער־קאָמיסאריאט האָט מיר געגעבן אין העסקעם מיט די אײַנשטעלונגען פון די געהעריקע מעלוכע־אינסטיטוציעס. איך האָב געהאלטן אין איין שרײַבן מעלדונגען און ראפּאָרטן, בעטנדיק מיך שיקן אפן פראָנט. און דאָס האָט, ווײַזט אויס, דערעסן דעם ראיאָנעם מיליטער־קאָמיסאר. אין פרילינג 1942 בין איך פארעכנט געוואָרן פאר א קורסאנט פון דער אָרלאָווסקער איִנפאנטעריע־שול. אין זעקס כאדאָשים ארום, נאָך אזויפיל שווערע טעג און שלאָפלאָזע נעכט, נאָך אָנענדלעכע מארשן איבער די הייסע טורקמענישע מידבאָריעס, האָבן מיר באקומען אָפיצערישע טיטלען.

א באגעגעניש אין טשײַקאָווסקי־זאַל

אין יענע טעג האָבן די היטלעראָווצעס געשטורעמט סטאַלינגראַד. די אָפּקלאַנגען פון דער גרויסער שלאַכט בא דער וואָלגע האָבן זיך געלאָזט הערן איבערן גאַנצן לאַנד. דעם 21 דעקאַבער 1942 האָט מען מיך, צוזאַמען מיט נאָך יונגע לייטענאַנטן, פײַערלעך אָנגענומען אַלס קאַנדידאַט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. צום נײַעם יאָר האָט מען אונדז געזאָלט שיקן אויפן פראָנט.

עטלעכע טעג זײַנען מיר אַרומגעגאַנגען פרײַ, וואַרטנדיק אויפן באַפעל. די נײַע קירזעווע שטיוול האָבן אַרויסגעלאָזט, ווי אונדז האָט זיך געדאַכט, מעלאָדישע קלאַנגען, עס האָבן פײַערלעך געסקריפּעט די נײַע קאָמאַנדירישע רימענס און פּאָרטופּייעס, עס האָבן בלענדנדיק געגלאַנצט די קנעפּ אויף די גימנאַסטיאָרקעס, די שטערנדלעך אויף די היטלען, עפּעס א ווערטעלע אויסצורעדן: מיר זײַנען — לייטענאַנטן.

אונדז, א ספּעציעל אָפּגעקליבענע גרופּע אָפיצערן מיט הויכער בילדונג, וועלכע האָבן געענדיקט די שול אויף אויסגעצייכנט, האָט מען איבערגעפירט אין רעשוס פון טורקעסטאַנער מיליטערישן קרײַז. עס זײַנען דעמלט געשאַפן געוואָרן די ערשטע סנײַפּער־שולן, און מיר האָבן געדאַרפט באַהערשן די קונסט פון סופער־טרעפלעכער שיסערײַ, קעדיי גרייטן פאַרן פראָנט שיסער פון הויכער קוואַליפיקאַציע.

אַזוי בין איך געוואָרן א קאָמאַנדיר פון א וזוואָד קורסאַנטן פון דער קרײַז־שול, וועלכע גרייט שיסער פון סנײַפּערישער געשולטקײַט. מיר האָבן אָנגעהויבן פון סאַמע אָנהייב. איר מעגט מיר גלייבן, ס'איז גאָרניט אַזוי פּראָסט צו דערציִען פאַר עטלעכע כאַדאָשים א 18־יאָריק באָכערל, וועלכער האָט נאָרוואָס פאַרלאָזט די שול־באַנק און די היימישע וואַרעמקײַט בא די עלטערן, און פאַרוואַנדלען אים אין אַן עכטן איניציאַטיווופולן שלאַכטמאַן, באַזונדערס — אין א סנײַפּער. א סנײַפּער, ווי באַוווּסט, געפינט זיך אויפן סאַמע פאָדערגרונט, ער איז מערסטנטייל איינזאַם, און אַלץ, וואָס ער טוט, איז אויף זײַן אייגענער אַכרײַעס.

ווײַזט אויס, מיר האָבן מיט אָט דער אויפגאַבע זיך ספּראַוועט ניט שלעכט. אונדזערע שיסער האָבן אין דער אַרמיי געהאַט א גוטע רעפּוטאַציע. צוזאַמען מיט יעדן אַרויסלאָז איז אונדז אויסגעקומען אַרויספאָרן אויפן פראָנט, אויף אַן אַזויגערופענער סטאַזשיראָווקע. אין וועג פלעגן זיך טרעפן קאָלערליי צופאַלן. איינמאָל זײַנען אין רעזולטאַט פון א דיווערסיע, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַן אײַזנבאַן־קאַטאַסטראָפע, אומגעקומען אַכט און פערציק מײַנע קורסאַנטן. נאָך יעדער „סטאַזשיראָווקע", צוריקקוועגס צום אָרט, ווו מיר האָבן געדינט, פלעגן מיר אַזוי אָדער אַנדערש פאַרקערעווען כאָטש אויף א פּאָר טעג קיין מאָסקווע. דאָ פלעגן מיר זיך טרעפן מיט כאַווײרים און פרײַנט, וועלכע זײַנען איבער דעם געזונט־צושטאַנד ניט גערופן געוואָרן אין דער אַרמיי. אַזוי, לעמאָשל, האָט וואָלאָדיע מאַלינקאָווסקי נאָך אַלץ געוווינט אינעם קליינינקן צימערל פון דער צוזאַמענוווינונג, ווו מיר האָבן ביז דער מילכאָמע געלעבט צוויי יאָר. מע האָט מיך אײַנגעאָרדנט שלאָפן אויפן דיל, שיר ניט אונטערן שרײַבטיש, קיין אַנדער פרײַ אָרט איז ניט געווען. ביז פאַרטאָג האָבן מיר גערעדט און גערעדט — וואָלאָדיע וועגן זײַן קאַנדידאַטן־דיסערטאַציע (ער האָט דעמלט געהאַלטן באַם פאַרענדיקן די אַספּיראַנטור), און איך — וועגן מײַן דינען אין דער אַרמיי.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן צו זײַן אויף אַן אָוונט, געווידמעט איליא ערענבורגן, אין טשײַקאָווסקי־זאַל. א באַצויבערטער, ווי אין א כאָלעם (ערענבורגן האָב איך באַזונדערס ליב געהאַט, ער איז געווען מײַן „גאָט" נאָך פון זײַנע די געשעענישן אין שפּאַניע), האָב איך פאַרנומען אַן אָרט בא דער זײַט און אָנגעשטרענגט געקוקט אויף דער בינע, ווו באַם טיש איז געזעסן אַזאַ וואָכעדיקער, אין מיליטערישער קליידונג, א שטאַרק אויסגעמאַטערטער, דער באַרימטער שרײַבער, וואָס זײַנע אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען זײַנען אין יענע יאָרן געווען ביז גאָר פּאָפּולער.

איך געדענק ניט, וועגן וואָס עס האָט דעמלט גערעדט ערענבורג, וואָסערע קאַפּיטלען פון וועלכע ווערק ער האָט געלייענט. ווי שטאַרק איך בין ניט געווען פאַרכאַפּט מיטן שרײַבערס אַרויסטרעטונג, האָט דאָך עפּעס געצווונגען מיך א קערעווע טאָן זיך מיטן פּאָנעם צום פּאַרטער און זיך אײַנקוקן אין די רייען... גאָט מײַנער, עטלעכע שפּאַן פון מיר, אָנגעבויגן צו א יונג מיידל, איז געזעסן פיניע ראָזענבערג! טאַקע פון אונדזער דריטער וויניצער ייִדישער מוסטער־שול. מײַן אַלטער גוטער פרײַנט, וועגן וועלכן איך האָב גאָרניט געוווּסט, אָנהייבנדיק פון זומער 1941. דער זעלבער פיניע, מיט וועלכן מיר האָבן צוזאַמען, אין א „דועט", געלייענט אין לייענשטיבל אויף דער יערוסאַלימקע שאָלעם־אַלייכעמס ביכלעך.

ביז דער מילכאָמע איז ער געווען א סטודענט פונעם קיִעווער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. איצט איז אויף אים שטאַלטנע געלעגן די פאָרמע פון אַן אינזשעניער־קאַפּיטאַן פון די סאָוועטישע טאַנקען־טיילן.

קוים זיך דערוואַרט דעם איבערײַס, האָב איך זיך דערקליבן צו פיניען און, ווי א פּאַראַל, שטיל א זאָג געטאָן די ערשטע ווערטער פון שאָלעם־אַלייכעמס א נאָוועלע:

— זײַט איר טאַקע פון קאָלאָמייע?..

נאָכן אָוונט האָבן מיר אָפּגעפירט פּיניעס מיידל אהיים און נאָך באַוויזן דערקלײַבן זיך צו די קאַזאַרמעס, איידער ס'הייבט זיך אָן א לופט־אטאקע.

צום אונטערשייד פון שאָלעם־אליייכעמס „כאוועד פּיניע" אין „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", איז אונדזער פּיניע געווען א באר־מאַזל. מיט די סאָוועטישע טאנקען האָט ער פון די ערשטע זיך ארײַנגעריסן קיין וויניצע: די דײַטשן האָבן דאָ זיך פארטיידיקט מיט פארצווייפלונג. הינטער וויניצע איז, ווי באַוווּסט, געווען היטלערס סטאַווקע.

מיר דערמאָנען הײַנט גערן אונדזער באַגעגעניש אין טשײַקאָווסקי־זאַל. פּיאָטער סאמוילאָוויטש ראָזענבערג האָט נאָך דער מילכאָמע זיך באַזעצט אין לעמבערג. ער איז א גוטער אינזשעניער און ארבעט אלס פארטרעטער פונעם דירעקטאָר פון א גרויסן טעלעוויזיע־זאַוואָד. דאָרט איז אויך אן אינזשעניער זײַן זון אליק. פּיניעס פרוי, דאָס סימפאטישע מיידל, וואָס איז מיט אים געווען אף יענעם ערענבורג־אָוונט אין טשײַקאָווסקי־זאַל, איז איצט א דאָצענט פונעם לעמבערגער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, א קאנדידאט פון כימישע וויסנשאַפטן.

די דערציִונג פון סנײַפּערס

אונדזער סנײַפּער־שול האָט זיך דעמלט געפונען אין קושקע, אן אלטע רוסישע פעסטונג באַם סאמע דאָרעם־ראַנד פונעם ראַטנפארבאַנד. עקזאָטיק איז דאָ געווען איבערגענוג, אָבער, דעם עמעס געזאָגט, איז אונדז די עקזאָטיק ניט געקראָכן אין קאָפּ ארײַן. ניט ווײַט פון קושקע איז געווען די גרענעץ. ס'איז געשטאַנען אן אויסערגעוויינלעכע היץ — ניט איבערצוטראָגן. באַטאָג האָט געבלאָזן א שטארקער זאַמדיקער ווינט. ווען ס'האָט געבושעוועט דער „אפגאַניעץ" (אזוי האָט מען גערופן דעם דאָרעם־ווינט), פלעגט איבער דער פעסטונג, ווי דער נעפּל אין לאָנדאָן, זיך ארויפלאָזן א זאַמדיקע וואַנט. איינעם נאָכן אנדערן האָט אונדז געקאָסיעט די מאַליאַריע — מיך האָט זי אויך געפּאַקט אין קושקע; זי האָט מיך גוט אויסגעמאַטערט, און אויסגעהיילט האָב איך זיך פון איר ערשט אין א יאָר ארום, שוין אין מאָסקווע.

די לימודים מיט די קורסאַנטן האָבן מיר געפירט אין די סאָפּקעס ארום קושקע און אָפּט — אין די זאַמדן פון מידבער. גיסט א גראָב מיט א קליינער סאַפּיאָרן־לאָפּעטע, שטויסטו זיך אָן אף א מישפּאָכע סקאָרפּיאָנען, אף א קאראקורט אָדער אף א פאלאַנגע. פון שלענג איז שוין אָפּגערעדט.

ווען איך בין פרילינג 1945 געווען אין אייראָפּע און דאָרט בין איך איינמאָל א מידער אײַנגעשלאָפן אין וואַלד אף פריש גראָז לעבן דער זעמליאַנקע, האָט זיך מיר אין שלאָף אויסגעדאַכט, אז איך בין הינטער קושקע. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין נאַסן שוויס: אין קושקע וואָלטן אזעלכע שטיק ניט דורכגעגאַן אומבאַשטראָפט. זאָגט אײַך, וואָס איר ווילט, נאָר א ביס פון א קאָברע אָדער מעדיאַנקע איז פון די קליינע פארגעניגנס.

די אָפיצערן האָבן געשפּאַסט: „ווייניקער פון א וואַזוואָד גיט מען ניט, ווײַטער פון קושקע שיקט מען ניט". און בעעמעס — זײַן ווײַטער פון דער היים איז שוין טאַקע געווען אוממעגלעך.

די דיסציפּלין אין שול איז געווען אן אײַזערנע. דער פּאָלקאָווניק פּאָדשיוואַלאָוו, אונדזער קאָמאַנדיר, האָט געצויגן זײַן ייִכעס פון עטלעכע דורות מיליטערלײַט, און ער האָט געוווּסט, וויִאזוי צו אונטערהאַלטן די נייטיקע אָרדענונג. זײַן געהילף און קאָמענדאַנט פון דער שול און פון דער פעסטונג איז געווען דער קאַפּיטאַן איסאַק וואָלקאָוועץ — א פאנאַטיש איבערגעגעבענער די מיליטערישע סטאַטוטן. שטענדיק ציכטיק אויסגעגאָלט, מיט א פּינע־ווײַסן אונטערקעלנערל, אין אן אידעאַל אויסגעפּרעסטער גימנאַסטיאָרקע, פארשפּיליעט אף אלע קנעפּ, ניט געקוקט אף דער טראָפּישער היץ, — האָט דער ביבליש־שיינער איסאַק וואָלקאָוועץ ארופגעוואָרפן א פאַניק אף די אָפּגעלאָזטע קורסאַנטן און אָפיצערן (אזעלכע זײַנען, פארשטייט זיך, אויך געווען). ער האָט ניט געגוואַלדעוועט, פארקערט, ער איז מיט יעדערן געווען העפלעך. אָבער אפילו די סאמע ניט דיסציפּלינירטע כעוורעלײַט זײַנען אין זײַן אָנוועזנהײַט געווען שטיל, ווי די טײַבעלעך.

דער ברייטער פּלאַץ באַ דער שול (שוין אָפּגערעדט פון דער קאַזאַרמע) איז ענלעך געווען אף אן אויסשטעלונג־זאַל: קיין פּאַפּירעלע, קיין שטויבעלע. דעם עמעס געזאָגט, האָט איסאַק וואָלקאָוועץ אויסגעזען באַ אייניקע פון אונדז אין די אויגן ווי א פּעדאַנט. נאָר ער איז אזא ניט געווען. אָט דער הארציקער, גוטער און איידעלער מענטש האָט אָרגאַניש ניט געקאָנט פארלײַדן קיין אומאָרדענונג, קיין צעקראָכנקײַט און צעשויבערטקײַט. וואָלקאָוועץ האָט ריכטיק פארשטאַנען זײַן כויוו, ער האָט געוווּסט, וואָס ער טוט און וואָס ער וויל. ער האָט שטרענג נאָכגעשפּירט, עס זאָלן אויסגעפילט ווערן די פּאָדערונגען פון די מיליטערישע סטאַטוטן. דערפאַר האָבן די קורסאַנטן אים אופריכטיק געאַכטעט און די קאָמאַנדשאַפט האָט אים הויך געשעצט.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן, פונוואַנען האָט זיך גענומען אזא „מיליטעריש אָדערל" באַ אן אָפּשטאַמיקן פון שטעטלדיקע באַלמעלאָכעס. איסאַק וואָלקאָוועץ איז געווען

מײַנער אַ זעמליאַק פון הינטער װיניצע, דאַכט זיך. ניט געקוקט דערױף, איז ער צו מיר געװען שטרענג, האַגאַם ער האָט זאָרגעװדיק זיך באַצױגן צו מײַנע קורסאַנטן. איך בין געװען דער קאָמאַנדיר פונעם פערטן װזװאָד פון דער פערטער ראָטע, דאָס הײסט פון די סאַמע קלײנװוּקסיקע יאַטלעך.

אין אונדזער שול זײַנען די אָפיצערן און קורסאַנטן ניט געװען פון אײן נאַציאָנאַליטעט. דער קאָמאַנדיר פונעם ערשטן װזװאָד פון אונדזער ראָטע איז געװען אַן אוקראַיִנער, פונעם צװײטן — אַ קאַזאַך, פונעם דריטן — אַ רוס, פונעם פערטן, — איך. אין 1944 איז די מער־הײט קורסאַנטן געװען פון די אָרטיקע נאַציאָנאַליטעטן — אוזבעקן, קאַראַקאַלפּאַקן, קירגיזן, קאַזאַכן, אױגורן, געבױרערנע אין פאַרװאָרפענע מעקױמעס, װײַט פון אײַזנבאַן־װעגן, אין סטעפּ אָדער אין די בערג. אײניקע פון זײ האָבן דאָס ערשטע מאָל דערזען אַ לאָקאָמאָטיװ, װען זײ האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין די מיליטער־עשעלאָנען. אַלס קלאַל האָבן די נײַע קורסאַנטן שװאַך געקענט רוסיש. זײ זײַנען פון קינדװײַז אָן געװױנט געװען צו זײער אַרט לעבן, צו זײערע געװױנשאַפטן, צו זײער קלײדונג, צו נאַציאָנאַלע מײַכאָלים. פון די אָפיצערן האָט זיך געפאָדערט אַ באַזונדער מין טאַקט, פעדאַגאָגישע מײַסטערשאַפט און פּאַשעט אַ גוט האַרץ: בלױז מיט מענטשלעכקײט און ליבע האָט מען געקאָנט זיך דערשלאָגן צו זײ בײַ אַט די יאָטן, העלפן זײ זיך אַקלימאַטיזירן אין די אומגעװײנלעכע פאַר זײ באַדינגונגען, און דעריקער — פאַר אַ קורצן טערמין צוגרײטן פּולװערטיקע סאָװעטישע שלאַכטלײַט.

אין יאָרן אַרום נאָכן קריג האָב איך באַגעגנט אונדזער קאָמענדאַנט איסאַק װאָלקאָװיצן אין מאָסקװע. אַ פּאָפּציקיאַריקער, מיט אַ ליבלעכן שמײכל אױפן בלײכן פּאָנעם, האָט ער דאָן שױן אױסגעזען גאַנץ ציװיל. פונדעסטװעגן האָב איך, לױט דער אַלטער געװױנשאַפט, זיך אױסגעצױגן פאַר אים. איך האָב אומרויִק באַקוקט מײַן אַנטאָן: צי זײַנען אַלע קנעפּ אױפן אָרט? צי איז גענוג ציכטיק דאָס קעלנערל פונעם העמדל? צי זײַנען די האָר קורץ אונטערגעשױרן?..

דער טרױם פון לאַנגע יאָרן

די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט. איך האָב געװאָלט זיך גלײַך דעמאָביליזירן און אָנקו־מען אין דער אַספּיראַנטור, אָבער ניט אַזױ טוט זיך, װי ס׳רעדט זיך. די נאַטשאַלסטװע האָט אַנדערש באַשטימט: די אַרמײ דאַרף נאָך האָבן אָפיצערן, באַזונדערס אַזעלכע, װעלכע באַ־הערשן שפּראַכן. איך בין געװאָרן אַן איבערזעצער באַם שטאַב פון אַ לאַגער פאַר קריגסגע־פאַנגענע. װעגן דעם האָב איך שױן דערמאָנט אין אָנהײב פון אַט די נאָטיצן.

איצט, װען איך שרײַב אַט די שורעס, זײַנען מיר קלײגער געװאָרן אַף אַ פערטל יאָרהונ־דערט. אַ סאַך פון דעם, װאָס מיר האָבן פריִער איבערגעלעבט, װערט איצט באַטראַכט אין שײַן פון דער היסטאָרישער דערפאַרונג, װעלכע איז אָנגעזאַמלט געװאָרן אין פאַרלױף פון פיל יאָרן. אין צענטער פון אײראָפּע איז אױסגעװאַקסן די ערשטע אין דער געשיכטע דע־מאָקראַטישע סאָציאַליסטישע פרידנסליבנדיקע מעלוכע פון די דײַטשישע אַרבעטנדיקע. צװישן די שעפער און בױער פון אָט דער מעלוכע זײַנען געװען אױך ניט װײניק געװעזענע קריגס־געפאַנגענע, באַ װעמען עס האָבן זיך געעפנט די אױגן און זײ האָבן דערזען די רעאַלע װירקלעכקײט. איך האָב ניט מױרע, אַז מע װעט מיך באַשולדיקן אין ניט באַשײדנקײט, אױב איך װעל זאָגן, אַז איך שטאָלציר דערמיט, װאָס אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובּ־ליק לעבן און אַרבעטן ערלעך לעטװװעס דעם שאָלעם אױך אײניקע פון די געװעזענע קריגס־געפאַנגענע, מיט װעלכע איך האָב אין 1945 — 1946 געדולדיק געפירט לאַנגע שמועסן װעגן דער פאַרגאַנגענהײט און װעגן דער צוקונפט פון דײַטשלאַנד.

אַ שאָד, װאָס אין יוני 1967, װען איך בין געװען אין בערלין לױט דער אײַנלאַדונג פון דער װיסנשאַפט־אַקאַדעמיע און בין אַרױסגעטראָטן מיט אַ פּאָרטראַג װעגן רוסיש־דײַטשישע ליטעראַרישע פאַרבינדונגען, האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן צו באַגעגענען זיך מיט קײן אײ־נעם פון די אָנטײלנעמער פון דעם ליטעראַרישן קרײַז, װעלכן איך האָב אָרגאַניזירט צװישן די קריגסגעפאַנגענע.

מיר פלעגן זיך צונױפנעמען רעגולער אַף צו לײענען און באַהאַנדלען די דײַטשישע אַנטיפאַשיסטישע ליטעראַטור — װערק פון אַזעלכע שרײַבער, װי ברעדעל, פױכטװאַנגער, בעכער, זעגערס. אין לאַגער פלעגט רעגולער דערשײַנען אַ װאַנטצײַטונג, װעלכע איז אױס־געהאַנגען געװאָרן אָנהײב װאָך באַם אַרײַנגאַנג אין קלוב־באַראַק. באַם קלוב האָבן פונקציאָ־נירט אַ דראַמאַטישער קרײַז, אַן עסטראַדע־אָרקעסטער און אַפילע אַ ניט גרױסער סימפאָני־שער אָרקעסטער. די מיטגלידער פונעם ליטעראַרישן קרײַזל האָבן געשריבן פּאַרצײַכענונגען, נאָװעלן, לידער.

אײנער פון די לאַגער־אַקטיװיסטן — דאָקטאָר מאַאַר, אַן עקאָנאָמיסט לױט דער בילד־דונג — האָט אײנמאָל מיר געזאָגט, אַז אַף אים האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, װאָס אַ סאָװעטישער אָפיצער, אַ ייִד, האָט געהאָלפן די דײַטשישע קריגסגעפאַנגענע צו דערזען אין אַ נײַער שײַן דאָס לעבן פונעם פאָלק און פון דעם לאַנד.

אַרבעטן אין לאַגער איז געווען ניט גרינג. די אַרבעט האָט געפּאָדערט שטאַרקע נערוון און אויסגעהאַלטנקייט. מע האָט באַדאַרפט שטענדיק באַהערשן די אייגענע עמאָציעס. עס האָבן זיך נאָך ניט פאַרהיילט די ווונדן, פון זיי האָט נאָך גערונען דאָס בלוט.

מע האָט געדאַרפט זען, מיט וואָסערע אויגן עס האָבן געקוקט אויף די קאַלאַנעס קריגס־געפאַנגענע די אַלמאָנעס און די יעסוימים! און איך האָב געמוזט זאָרגן, מע זאָל „מײַנע" לאַגערניקעס צו דער צײַט אָנהאָדעווען, אין די באַראַקן זאָל זײַן ריין, עס זאָל רעגולער אַרבעטן די פּאָטשט... דערפאַר אָבער — ווי אָנגענעם איז געווען צו זען די גרויסע ענדערונגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די קריגסגעפאַנגענע, וויאַזוי מיט דער הילף פון סאָוועטישע מענטשן באַפרײַען זיי זיך פון דער פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע און הייבן אָן קוקן מיט אָפענע אויגן אויף אונדזער לעבן, אויף דער סאָוועטישער פעלקער־פרײַנטשאַפט.

מיך האָט געצויגן צו ליטעראַטור. מײַנע אַלטע לערער וו. יאַ. קירפּאָטין און נ. ל. בראָדסקי, וועלכע האָבן געאַרבעט אין אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אויף גאָרקיס נאָמען בא דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּססר, האָבן אונטערגעהאַלטן מײַן ווילן צו דעמאָביליזירן זיך און אָנקומען אין דער אַספּיראַנטור. מײַן מיליטערישער קאָמאַנדיר איוואַן ניקיטיטש טאַטאַרניקאָוו, א געוועזענער דאָנעצער שאַכטיאָר, זייער א ווילער מענטש, האָט מיך צײַטווײַליק באַפרײַט פון מײַנע אַמט־פליכטן. איך בין אַריבערגעפאָרן קיין באַבושקינאָ, א שטאָט הינטער מאָסקווע, צו מײַן אַרמיי־כאַווער לעאָניד גריגאָריעוויטש פּאָדקאָסאָוו, א כוידעש זיך געגראָבן אין די לערנביכער און נאָכדעם זיך אַראָפּגעיאָוועט צו האַלטן עקזאַמענעס אין דער אַספּיראַנטור.

האַגאַם איך בין געווען אין דער אָפיצערישער פאָרמע און אַפילע מיט געווער, איז מיר אויף די עקזאַמענעס געווען א ביסל שרעקלעך. אַלץ איז אָבער אַדורך בעשאָלעם — פילאָסאָפיע, דײַטש, רוסישע און סאָוועטישע ליטעראַטור האָב איך אויסגעהאַלטן אויף „פינפן". מײַנע שטרענגע עקזאַמענאַטאָרן זײַנען געבליבן צופרידן. און דאָך האָט מען מיך אין יענעם האַרבסט 1945 אין אַספּיראַנטור ניט אָנגענומען. עס האָט זיך באַקומען א פּאַרקישעפּטער קרײַז, צערײַסן אים איז געווען אומעגלעך: קעדיי צו ווערן אַן אַספּיראַנט, — האָט מען געזאָגט אין אינסטיטוט, — דאַרף מען זײַן דעמאָביליזירט; אין שטאַב פונעם מיליטערישן קרײַז האָט מען געטײַנעט פאַרקערט: אַז מע וועט דיך אָנעמען אין אַספּיראַנטור, וועט זײַן א סמאַך דיך צו דעמאָביליזירן.

ס'איז אַריבער נאָך א האַלב יאָר, ביז מע האָט מיך אָפּגעלאָזט פון דער אַרמיי. די ווענדונג צו די געהעריקע מיליטערישע אָרגאַנען האָט צונויפגעשטעלט דער דירעקטאָר פונעם אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור, דער איצט שוין פאַרשטאָרבענער אַקאַדעמיקער, לאַורעאַט פון דער לענין־פּרעמיע וו. פ. שישמאַריאָוו, און אונטערגעשריבן האָט די הישטאַדלעס דער דעמלטיקער פּרעזידענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע סערגיי איוואַנאָוויטש וואַווילאָוו.

דעם 15 מײַ 1946 האָב איך געעפנט די מאַסיווע טיר פון דער צווייגאָרנדיקער אַלטער געבײַדע אין סאַמע צענטער פון מאָסקווע אויף וואָראָווסקי־גאַס, ניט ווײַט פונעם אַרבאַטער פּלאַץ. דאָ געפינט זיך דער אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור אויף גאָרקיס נאָמען, צוזאַמען מיט זײַן מוזיי, מיטן אַרכיוו, מיטן אָפּטייל פון קסאַוויאַדן. איך בין אַרײַן אין וועסטיביול, וואָס בא זײַנע זײַטן שטייען, ווי וועכטער, שווערע מאַרמאָר־קאָלאָנעס. דער געלערנטער סעקרעטאַר פונעם אינסטיטוט באָריס וולאַדימיראָוויטש גאָרנונג האָט מיר פאָרגעלייגט א ביסל צוּוואַרטן, ביז עס וועט אונטערגעשריבן ווערן דער באַפעל וועגן פאַרעכענען מיך אין שטאַט פונעם אינסטיטוט אַלס ייִנגערן וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער אָן א וויסנשאַפטלעכן טיטל, אין סעקטאָר פון דער נײַער רוסישער ליטעראַטור.

אין א האַלבער שאָ אַרום בין איך אַרויס אין קליינעם סעדל בא דעם שטרענגן קלאַסישן פראָנטאָן פונעם אינסטיטוט און מיט ציטערנדיקע הענט געהאַלטן דעם דאָקומענט, וועלכן מע האָט מיר אַרויסגעגעבן אין דעם אָפּטייל פון קאַדרען.

דער טרוים פון לאַנגע יאָרן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַרום מיר האָט זיך אַזוי ווי גאָרניט געענדערט — גרויסאַרטיק און רויִק האָט געשײַנט די מײַ־זון, עס זײַנען פעסט געשטאַנען אויף זייערע ערטער די געבײַדעס פון די אויסלענדישע געזאַנדשאַפטן אויף דער וואָראָווסקי־גאַס, פאַרטראָגן האָבן פאַרבײַ מיר זיך געאײַלט מענגעס מענטשן. נאָר מײַן האַרץ האָט געקלאַפּט אַלץ שטאַרקער און פריילעכער: איך בין א מיטאַרבעטער פונעם גרעסטן ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין לאַנד! עמעס, א ייִנגערער מיטאַרבעטער. עמעס, א מיטאַרבעטער אָן א וויסנשאַפטלעכן טיטל. אָבער, ווי עס פלעגט זאָגן מײַן באָבע — זאָלן נאָר זײַן ביינער, פלייש וועט אָנוואַקסן.

איך האָב דאַן ניט געוווּסט, אַז אין די ווענט פון אָט דעם אינסטיטוט איז מיר באַשערט צו פאַרברענגען מײַן גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן. דאָ וועל איך געפינען טרײַע פרײַנט און כאַוויירים. אין דעם קאָלעקטיוו וועל איך דורכמאַכן אַלע שטאַפּלען — ביז אַן עלטערן וויסנשאַפטלעכן מיטאַרבעטער, א דאָקטאָר פון וויסנשאַפטן. מיט דער צײַט שטייט מיר פאָר צו ווערן דער געלערנטער סעקרעטאַר פונעם אינסטיטוט, דער פאַרטאָרג פונעם אָפּטייל פון דער רוסישער קלאַסישער ליטעראַטור...

אָבער לאָמיר ניט פאַרלויפן פאָרויס.

גוטע מענטשן

די מילכאָמע האָט ניט בלויז צוגענומען בא אונדז פרײַנט. מיר האָבן אַף דער מילכאָמע דעראָבערט נײַע כאַוויירים. די פרײַנטשאַפט איז אויסגעפרוווט געוואָרן אין פײַער. דעריבער, פאַרענדיקנדיק אָט דעם טייל פון מײַנע אווטאָביאָגראַפישע נאָטיצן, האַלט איך פאַר מײַן כויוו צו דערציילן וועגן אייניקע אָפיצערן, מיט וועלכע איך בין געווען נאָענט אין די שווערע מילכאָמע־יאָרן און וועלכע האָבן באַשטימט געווירקט אַף מײַן וועלט־שפירונג.

צוזאַמען מיט מיר האָט אין קושקע און יאַלאָטאַני געלעבט לעאָניד גריגאָריעוויטש פאָד־קאָסאָוו. מיר האָבן די גאַנצע צײַט געוווינט אין איין צימערל, זיך געטיילט מיט אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט סײַ פון קליידונג, סײַ פון שפּײַז־פּראָדוקטן. און דעריקער האָבן מיר זיך געטיילט מיט געדאַנקען, אײַנדרוקן, פּלענער אַף ווײַטער. גײַסטיק זײַנען מיר געווען רײַכער, איידער מאַטעריעל.

לעאָניד גריגאָריעוויטש איז געווען אַן עכטער רוסישער אינטעליגענט. א געאָלאָג לויט דער בילדונג, אין „סאָלידן עלטער" פון נײַן און צוואַנציק יאָר (איך בין דעמאָלט אַלט געווען עטוואָס מער פון צוואַנציק), איז ער געווען א מענטש מיט א פעסטן און קלאָרן כאַראַקטער; ער איז ניט געווען קיין פלעגמאַטיקער, פאַרקערט, זײַן נאַטור האָט געשפּרודלט מיט לעבן. אָבער די שטרענגע דערצ:יונג האָט גוירעם געווען, ער זאָל זײַן געצוימט און קאַלטבלוטיק אין די סאַמע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס. ער האָט, ווי איך, וויניק אַכט געלייגט אַף אויסער־לעכער פוצערײַ. אויב איך בין ניט פאַרגרעבט געוואָרן, ניט פאַרלאָרן דעם לעבעדיקן אינ־טערעס צו הויכער ליריק, צו שיינקײַט פון געדאַנק און וואָרט, האָב איך דאָס אין א באַשטימ־טער מאָס צו פאַרדאַנקען מײַן אַרמיי־פרײַנט לעאָניד פאָדקאָסאָוו.

לעאָנידן האַלט איך ביז איצט פאַר א מוסטער פון אַן עכט רוסישן כאַראַקטער. עס געפעלן מיר זײַן גוטוויליקײַט, כאַווערישקײַט און נאַטירלעכקײַט אין אַלץ. אָט דער באַשיידענער, אַפילע עטוואָס שעמעוודיקער מענטש, וועלכער האָט קיינמאָל זיך ניט אַרויסגעשטעלט פון פאָרנט, האָט אַרויסגעוויזן עמעסע העלדישקײַט באַם ראַטעווען קורסאַנטן בײַס א פײַנטלעכער דיוועױרסיע אַף דער אײַזנבאַן.

נאָך דער מילכאָמע האָט לעאָניד גריגאָריעוויטש פאָדקאָסאָוו זיך אומגעקערט קיין מאָ־סקווע, צו זײַן פרידלעכער פראָפעסיע. ער איז פאַרוואַלטער פון א לאַבאָראַטאָריע אין איינעם פון די צענטראַלע אַקאַדעמישע אינסטיטוטן פון געאָלאָגיע.

איך בין געווען פאַרליבט אין לעאָניד יענגיבאַראָוון. אָט דער יונגער אַרמענער, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין א מישפּאָכע פון באַלמעלאָכעס אין מאַרינע־ראָשטשע אין מאָסקווע, האָט געהאַט ניט בלויז אַן אָדלער־פּראָפיל — ער איז אויך געווען, ווי מע זאָגט דאָס, אַן אָד־לער־נאַטור. דער אַטלעטיש געפורעמטער קערפּער, דאָס עלאַסטיש גענגעלע, ווי גלײַך ער וואָלט געווען א באָקסיאָר אָפן רינג, דער איראָנישער שמייכל אַף די פולע ליפּן — אַלץ איז אין אים געווען האַרמאָניש, עלעגאַנט, כיינעוודיק.

אין יאַלאָטאַן האָט ער כאַסענע געהאַט מיט א יונג יידיש מיידל פון די עוואַקויִרטע, אַן אַבסאָליוט הילפלאָזע אין לעבנס־איניאָנים. די יונגע פּאָר האָט זיך אָנגעשטויסן אַף א סאַך שוועריקײַטן: ס'איז געבוירן געוואָרן א קינד, קיין שום באַקוועמלעכקײַטן, קיין שום פאַר־מעגן — זאַכן, קליידער. און דערצו נאָך איז דעם יונגן פאָטער פאַרגעשטאַנען צו גיין אַף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. פונדעסטוועגן האָב איך ניט געזען קיין מער גליקלעכע מישפּאָכע, יעדנפאַלס, די ערשטע צײַט נאָך דער כאַסענע. יענגיבאַראָוו האָט געפעסטעט זײַן ווײַבעלע. אָט דער אויסגעשפּראָכענער אָפיצער פלעגט באַנאַכט וואַשן דאָס גרעט, שאָבן דעם דיל אינעם קליינעם צימערל, ער האָט געטאָן אַלץ, קעדיי פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון זײַן שוואַכער פרוי.

די קורסאַנטן האָבן אים מאַמעש פאַרגעטערט, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען בייז און שאַרף אין זײַנע אַרויסזאָגונגען און אַן צערעמאָניעס אין זײַנע אָפּשאַצונגען. ער האָט ניט געשאָנעוועט קיין פויליאַקעס, סיבאַריטן און טעמפּאַטשן. באַזונדערס אומבעשאָלעמ־דיק איז ער געווען צו שנאָרערס פון אַלערליי קאַליברען.

צום באַדויערן, האָט אונדז די מילכאָמע אין איר לעצטן עטאַפּ צעשיידט. ווו איז איצט יענגיבאַראָוו, וואָס איז מיט אים געשען, צי לעבט ער, וווהין זײַנען אַהינגעקומען זײַן פרוי און זײַן מיידעלע, — האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן פעסטצושטעלן, וויפל איך האָב זיך ניט געפרוווט.

די סאַמע בוילעטע פיגור צווישן די קאָמאַנדירן פון דער סנײַפּער־שול איז זיכער געווען איוואַן באָרשטש — א געוועזענער דאָקער, א פאַרטיי־טוער פון אָדעס. ער איז געווען א ברייטפּלייציקער און, ווי עס פּאַסט פאַר א טרעגער, א ביסל סוטולעוואַטע, א דאַרער, מיט א גרויסן קאָפּ און מיט כיטרע, פריילעכע אויגן. גערעדט האָט ער מיט אַן אויסגעשפּראָכן דאָ־רעמדיקן אַקצענט, אַף א כאַראַקטעריסטישן אָדעסער דיאַלעקט. צו דעם אַלעמען האָט ער נאָך גראַסירט. עס איז געווען א פאַרגעניגן צו הערן זײַנע אַרויסטרעטונגען אַף מאַסן־מיטינגען, וועלכע מע פלעגט צונויפרופן אָפן פּלאַץ פון אונדזער שול.

איוואַן באַרשטש האָט, אַגעוו, ניט שלעכט גערעדט אויף ייִדיש, ער האָט געוווּסט אַ סאַך ווערטלעך און אידיאָמאַטישע אויסדרוקן און האָט מײַסטעריש מיט זיי זיך באַנוצט.

אָט דעם געזונטן און שטאַרקן מענטשן האָב איך, מיסטאָמ, געפּאַסט פֿאַר אַ ייִנגערן זון. ער האָט זיך טאַקע באַצויגן צו מיר מיט פֿאָטערלעכער צאַרטקייט, האָגאָם איך האָב קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן די „סובאָרדינאַציע" צווישן מיר, אַ פּאַשעטן קאָמוזוואַד, און אים, דעם פֿאַר־טרעטער פֿונעם שעף פֿון דער שול, דעם שעף פֿונעם פּאָליטאָפּטייל.

אין דעקאַבער 1943, ווען עס איז געקומען די צײַט מיך אַריבערפֿירן פֿון אַ קאַנדידאַט אין אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט איוואַן באַרשטש מיך אַליין אַרויסגערופֿן צו זיך אין שטאַב און שווײַגנדיק מיר געגעבן אַ רעקאָמענדאַציע.

פֿון דעמלט אָן זײַנען אַוועק שוין דרײַסיק יאָר. באַרשטשן האָב איך דאָס לעצטע מאָל געזען פֿרילינג 1945 פֿאַר מײַן אָפּפֿאָרן פֿון דער שול. ער האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און אַ קוש געטאָן אין שטערן. מער האָב איך וועגן אים ניט געהערט. איך האָב אויף שטענדיק פֿאַרגעדענקט די גוטע אויגן, אויף וועלכע עס פֿלעגט צײַטנווײַז זיך אַראָפּלאָזן אַ גראָוע שעוועליורע.

אָפּלעבן אַ לעבן איז ניט אַזוי פּראָסט, ווי אַריבערגיין אַ פֿעלד, — זאָגט אַ רוסיש ווערטל. מיר האָט, ווײַזט אויס, אָפּגעגליקט. אין די סאַמע שאַרפֿע פֿאַרדרייעניש האָט מײַן וועג זיך איבערגעקרייצט מיט די וועגן, אויף וועלכע עס זײַנען געגאַנגען גוטע מענטשן.

בראָניק

טעאַטער און עסטראַדע

פֿון אַסטראַכאַן ביז קאַזאַן

ערעוו נײַ־יאָר האָט פֿון אַ גאַסטראָל־רײַזע איבער אַ ריי שטעט אויף דער וואָלגע זיך אומ־געקערט קיין מאָסקווע דער ייִדישער דראַמאַטי־שער אַנסאַמבל. אין אַסטראַכאַן, סאַראַטאָוו, פּענזע, קויבישעוו, קאַזאַן האָט ער באַוויזן די צושויער צוועלף פֿאָרשטעלונגען. אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער טאָטערישער אויטאָנאָמער סאָוועטן־רעפּובליק קאַזאַן האָט דער אַנסאַמבל צום ערשטן מאָל באַוויזן די ספּעקטאַקלען „טע־וויע דער מילכיקער" און „דרײַ פּינטעלעך".

אַלע פֿאָרשטעלונגען זײַנען דורכגעגאַנגען באַ פֿול־געפּאַקטע זאַלן.

■ ■ ■

ליטעראטור־קריטיק
ביבליאָגראפיע
פראגן פון קונסט

ה ע ר ש ר ע מ ע נ י ק

פראָבלעמען פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראטור

4. די אנטוויקלונג פון מעטאָדן און סטילן. ראָמאנטיזם

די ייִדישע ליטעראטור אין 19־טן יאָרהונדערט איז געווען א רעאליסטישע ליטעראטור. מע קאָן ניט אָנווײַזן קיין איין באדײַטנדיק ליטערעריש־קינסטלעריש ווערק, וואָס איז געשאפן אין ראָמאנטישן גײַסט, לויטן שעפערישן מעטאָד פונעם ראָמאנטיזם, ביז דעם סאָף פונעם 19־טן יאָרהונדערט, ביז פּערעצן.

אמאָל פּרווּט מען פאָרשטעלן נאכמען בראצלא־ווערס מײַסעס אלס ראָמאנטישע שאפונג. אוודאי זײַנען אָט די מײַסעס ניט קיין רעאליסטישע. די זאך באשטייט אָבער דערין, וואָס זיי זײַנען ביכלאל ניט קיין ליטערארישע שאפונג אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט. ווער עס האָט געלייענט אָט די מײַסעס, וועט מאסקים זײַן, אז דאָס איז ניט קיין ליטעראטור, נאָר פאָלקלאָר. שוין די פאָרם גופא, דאָס „מײַסענען", דאָס מינדלעכע דערציילן און ניט דאָס שריפטלעכע שילדערן איז כאראקטעריסטיש פאר פאָלקס־שאפונג. דאָס איז כסידישער פאָלקלאָר, פונקט ווי „שבחי בעשט", וואָס איז, אגעוו, דערשינען אין איין צײַט מיט נאכמען בראצלאווערס מײַסעלעך[1].

אף וויפל „שיווכיי בעשט" און נאכמען בראצלא־ווערס מײַסעס האָבן א שײַכעס צו פאָלקלאָר, קאָנען צו זיי ניט אָנגעווענדט ווערן די זעלבע אנאליזן, אָפּשאצונגען און קריטעריען, ווי צו ליטעראטור.

דער ראָמאנטיזם אין דער נײַער ייִדישער ליטעראטור הייבט זיך אָן מיט דער שאפונג פון י.־ל. פּערעצן, מיט זײַן ערשט ווערק אין ייִדיש — „מאָניש", און ווײַטער — מיט „כסידיש" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן". מיט פּערעצעס ראָמאנטישער שאפונג איז פארענדיקט געוואָרן די אליינהערשונג פונעם רעא־ליזם אין דער ייִדישער ליטעראטור, וואָס האָט גע־דויערט קימאט א גאנצן יאָרהונדערט.

פּערעץ איז געווען אן עמעסער ראָמאנטיקער לויט דער שאפונג און לויט די עסטעטישע אָנשויונגען. די עסטעטיק פונעם ראָמאנטיזם האָט ביז גאָר פילבאר אופגענומען דעם פּולס פון דער געשיכטע. און דאָס איז גאנץ כאראקטעריסטיש פאר פּערעצן. ער האָט, ווי אלע ראָמאנטיקער, אָפּגעוואָרפן די אײַנגעשטעל־טע ליטערארישע קאנאָנען (די סטאטישע פאָרם פו־נעם קלאסיציזם, לעמאָשל, ווי אויך די אָביעקטיווע פאָרם פון דער רעאליסטישער שאפונג). אָנשטאָט דעם האָט ער, אלס קאָנסעקווענטער ראָמאנטיקער, אופגעהויבן די פאָן פון סוביעקטיווער פרײַהײַט פון אויסדרוק. ער איז געווען איבערצײַגט, אז בלויז די פרײַ־פליִענדיקע פאנטאזיע פונעם שעפער, וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן קיין שום געזעצן און קלאָלים, איז בעקויעך איבערגעבן די לעבנס־דינאמיק.

פּערעץ בויט פרײַ די קאָמפּאָזיציע און די גאנצע סטרוקטור פונעם ווערק, ער צעשטערט די נאָכאנאנ־דיקע, בעהאדראָגעדיקע אנטוויקלונג פונעם סוזשעט, ער קלײַבט אויס פרײַ און ניט־באגרענעצט דאָס אָרט און די צײַט פון דער האנדלונג, ניט רעכענענדיק זיך מיט די רעאלע אָביעקטיווע באדינגונגען. ער אנערקענט ניט קיין שום היסטאָרישע לעבנס־געזעצ־מעסיקײַטן, אויסער איין אוניווערסאלער געזעצ־מעסיקײַט — דעם סוביעקטיוון שעפערישן ווילן פונעם קינסטלער. דער אווטאָר איז אין טאָך דער

זע „סאָוועטיש היימלאנד", נום. 10, 11 פארן 1973 יאָר, נום. 1 פארן 1974 יאָר.

[1] „שיווכיי בעשט" — „לויב־רייד וועגן דעם באל־שעמטאָוו", דעם גרינדער פון כאסידיזם. דערשינען אין ייִדיש און אין העברעיִש אין 1815. אין דעם זעלבן יאָר זײַנען אויך דערשינען אף ייִדיש נאכמען בראצ־לאַווערס מײַסעלעך — „ספורי מעשיות למהר"ן".

איינציקער העלד פונעם ווערק. אַפילו די פּאַרשיי־
דענע רייד פון די פּאַרשוינען, זייער קלוימערשט
אינדיווידואַליזירט לשון איז ניט מער ווי אַן איליו־
זיע, אַ מין מאַסקע, הינטער וועלכער עס שטייט
דער אוטאָר. פּרעצעס ווערק, ווי די ווערק פון די
ראָמאַנטיקער בכלל, זיינען פּאַנאַנדערגעוואָרקלטע
מאָנאָלאָגן. און דאָס האָט אַ שייכות ניט בלויז, לאָ־
מיר זאָגן, צו פּרעצעס נאָוועלן פון „כסידיש" און
„פאָלקסטימלעכע געשיכטן", נאָר אויך צו זיינע ריעא־
ליסטישע דערציילונגען.

פּרעצעס ראָמאַנטיזם איז געווען ניי און ווירקנ־
דיק; קימאַט אַלע באַדייטנדיקע יידישע פּראָזע־שריי־
בער אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן אַזוי אָדער
אַנדערש געפילט זייער קרויוועשאַפט צו פּרעצן,
אַפילו ווען זיי זיינען געווען ניט קיין ראָמאַנטיקער,
נאָר ריאַליסטן (לעמאָשל, אַווראָם רייזען, איטשע־
מייער ווייסנבערג, דאַוויד בערגעלסאָן, און אַוודאי
אויך שאָלעם אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, הערש־דאַוויד
נאָמבערג, מוישע אַלטמאַן, וועלכע זיינען ראָמאַנטי־
קער און ריאַליסטן).

י.־ל. פּרעץ איז געווען אַ ראָמאַנטיקער ניט בלויז
אַלס שעפער, נאָר אויך אַלס טעאָרעטיקער. ער
האָט הויך אויפגעהויבן די פאָן פון ראָמאַנטיזם און
האָט אָפן באַקעמפט דעם ריאַליזם. אין סאַמע ברען
פון זיין „ראַדיקאַלן פּעריאָד", ווען ער האָט גע־
שאַפן זיינע בעסטע ריאַליסטישע דערציילונגען, האָט
פּרעץ געשריבן אינעם העברעישן זשורנאַל „החץ"
(„האכייץ" — „די פייל"), וועלכן ער האָט אַרויס־
געגעבן אין 1894: „אין דער אַלגעמיינער ליטעראַרי־
שער וועלט איז שוין פאַרגאַנגען די זון פון ריאַ־
ליזם". זאָגן אונדז אין דער עפּאָכע פון טאָלסטאָיען
און טשעכאָוון האָט געקענט בלויז אַ „פּאַרפאַלענער
ראָמאַנטיקער", ווי פּרעץ אַליין האָט זיך אָנגערופן,
און ניט בלויז אַ ראָמאַנטיקער, נאָר אַפילו אַן עכ־
טער מאָדערניסט. אַנטיריאַליזם איז געווען און איז
ביז היינט דער לאָזונג פונעם מאָדערניזם און דעקאַ־
דאַנס.

פּרעץ טרייבט לייצאָנעס אַרום ריאַליזם: „ריאַ־
ליזם דאַרף קיין הימל ניט, מע דאַרף ניט ווייט צו
קריכן, מע דאַרף גאָרניט ליב האָבן, ניט פיינט
האָבן, מע דאַרף קיין צוועק, קיין טאַכלעס! אַלעס
איז גוט, אַרום און אַרום ליגן טעמאַטן, ווי האָלץ!
ווו דו ביסט, וואָס דו זעסט, באַשרייב! וווינסטו, לע־
מאָשל, אין ווילנע, באַשרייב די בלאָטע! ליגסטו אין
בעסמעדרעש אונטערן אויוון — שטודיר די טאַראַ־
קאַנעס, אָדער די שאַמעסטע, וואָס שענקט דורכן
פענצטערל".

דאָס האָט פּרעץ געשריבן אין „ליטעראַטור און
לעבן", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין דעם זעלבן
1894 יאָר. און אין זיינע קינסטלערישע ווערק האָט
ער געוואָלט פאַרקערפּערן אָט די ראָמאַנטישע
אידייען.

ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז דאָס געטרוימטע, דאָס
געזוכטע איז העכער פון דעם ריאַלן, פון דעם גע־
פונענעם. זוכן איז מער, ווי געפינען, קעמפן איז
וויכטיקער, ווי אויסקעמפן און דערגרייכן. דאָס דער־
גרייכטע איז אומעטיק און אַנטוישנדיק, ווי דאָס
אַרומיקע און געוויינלעכע. דער הימל איז בעסער
פון דער ערד, ווייל ער איז הויך און ווייט, און מע
ווייסט ניט, וואָס דאָרטן קומט פאָר, בייס די ערד
איז נידעריק און נאָענט און אַלע ווייסן, אַז עס קו־
מען דאָ פאָר פאַרברעכנס און אומרעכט. דאָס ריאַ־
לע, דאָס ערדישע איז נישטיק און קליינלעך, בייס
דאָס הימלשע איז הויך, דערהויבן און גרויסאַרטיק.
דאָס היינטצייטיקע איז וואָכעדיק און גרוי, בייס די
פאַרגאַנגענהייט איז אויסערגעוויינלעך פאַנטאַסטיש,
לעגענדאַריש און שיין. דער מענטש דאַרף ניט אַרומ־
קריכן אַף דער ערד, ווי אַ וואָרעם, נאָר פליִען אינ־
דערלופטן, ווי אַ פויגל, ווי אַן אָדלער; דער מענטש
דאַרף האָבן פליגלען, קעדיי זיך דערהייבן איבערן
ערדישן, ער דאַרף זיך אויסטיילן פונעם אַרומיקן,
אויב אַפילו ניט אין דער ווירקלעכקייט, איז אין
טרוים, אין כאָלעם; ער דאַרף ניט זיין ענלעך אַף
אַלע אַנדערע. אַפילו אַ כאַסערדייע, אַ מעשוגענער
איז אויך בעסער פונעם „נאָרמאַלן", פונעם געוויינ־
לעכן; דער זינלאָזער איז עפּשער גאָר דער קלאָרער
און נאָרמאַלער; אין דולהויז, אין פּסיכיאַטרישן שפּי־
טאָל געפינען זיך עפּשער די עכטע דענקער, די
עמעסע טרוימער, וואָס טיילן זיך אויס פון די „נאָר־
מאַלע" מיט זייער אויסערגעוויינלעכקייט, און דער־
פאַר זיינען זיי טאַקע געפערלעך פאַר דער „געזעל־
שאַפט" פון איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשטעלטע
געזעצן און נאָרמעס: „מיר קומט טיילמאָל פאָר, אַז
די אַלע, וואָס מע האַלט זיי פאַר מעשוגאָיִם, מער
אָדער ווייניקער געפערלעכע מעשוגאָיִם, זיינען גאָר
נייגעריקע מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב אַמאָל אַראָפּ־
צוכאַפּן פון טראַקט, פון שאָסיי און זוכן אין אַ זייט
נייע וועגן... — גאַנץ אָפט האָב איך האַנאָע, וואָס
איך לעב צווישן די דרייסטע וועגזוכער... באַ זיי איז
ווייניקסטנס ניט אַזוי לאַנגווייליק..." (אין „פליגל
פאַר די מעשוגאָיִם").

דער ראָמאַנטיזם זוכט דאָס אויסערגעוויינלעכע און
פאַראַכטעט דאָס קליינלעכע:

קליינע מענטשן,
דראָבנע מענטשן —
זייער שילטן,
זייער בענטשן,
זייער לויבן,
זייער שרייען,
זייער פלאַמען,
זייער שפּייען,
זייער בעטן מיט געוויין,
זייער קריצן מיט די ציין —
אַלץ איז דרויב,
לייכטער שטויב...

פּרעצעס אויטאָריטעט, וואָס איז נאָך זיין טויט
דערגאַנגען אין יידישן אויסלאַנד ביז עמעסן קולט
פון זיין פּערזענלעכקייט, קאָן דערקלערט ווערן מיט
אַ ריי וויכטיקע סיבעס. ערשטנס, שוין דערמיט אַליין,
וואָס אין פאַרגלייך מיטן ריאַליזם איז דער ראָמאַנ־
טיזם געווען אינגאַנצן ניי און אומבאַקאַנט אין דער
יידישער ליטעראַטור. זאָל דאָס אַפילו זיין מיטלאַל־
טערלעכע לעגענדעס אָדער כסידישע מייסעס, זאָל
דאָס פּאַרקומען באַנאַכט אָפן אַלטן מאַרק אָדער אין
פּאַליש אַף דער קייט, נאָר אין דעם איז פּאָרט גע־
ווען אַ נייער טרוים — ניט בלויז וועגן אַ פּוטער־
בולקע, ניט וועגן ערדישע קליינלעכע נויטן, נאָר
וועגן דערהויבענע הימל־זאַכן, וועגן גייסטיקן אויפ־
שטייג.

צווייטנס, האָט דער ריאַליזם פון סאָף 19־טן און

אַנהייב 20־טן יאָרהונדערט איבערגעלעבט אַן אייגנ־
אַרטיקע עוואָליוציע. דער קלאַסישער רעאַליזם פֿו־
נעם 19־טן יאָרהונדערט האָט אין זײַנע פֿריִערדיקע
פֿאָרמעס און מעטאָדן שוין מער ניט געקאָנט באַ־
פֿרידיקן די פֿאָדערונגען פֿון דער נײַער עפּאָכע.
אפילו לעוו טאָלסטאָיס רעאַליזם פֿון „קריג און פֿרידן“
און „אַנאַ קאַרענינאַ“, וואָס כאַראַקטעריזירט זיך מיט
מער אָדער ווייניקער רויִקער עפּישער, היסטאָריש־
עפּאָפּייִשער שילדערונג און מיט פֿאַרטיפֿערטן פּסיכ־
כאָלאָגיזם, האָט צום סאָף פֿונעם יאָרהונדערט אָנ־
געהויבן זיך צו ענדערן און אַנטפּלעקן זיך אין נײַע
זשאַנרען און פֿאָרמעס: אין סאָציִאַל־דעמאַסקירנדיקן
ראָמאַן („וואָסקרעסעניע“), אין פֿאָלקס־מײַסעלעך, אין
דער קריטיש־היסטאָרישער דערציילונג („כאַדזשי מור־
ראַט“), אין דער מאָנאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישער שיל־
דערונג מיט פּובליציסטישע מאָמענטן („קרייצער־
סאָנאַטע“), אין דער סאַטיריש־דעמאַסקירנדיקער דער־
ציילונג („איוואַן איליטשס טויט“), פֿאָלקס־דראַמע
(„די מאַכט פֿון פֿינצטערניש“), ליריש־פּסיכאָלאָגישער
פּיעסע („דער לעבעדיקער מעס“), „בײַסנדיקער“ קאָ־
מעדיע („די פֿרוכט פֿון אויפֿקלערונג“). שוין אָפּגע־
רעדט פֿון טשעכאָוון, וואָס זײַן רעאַליזם איז געווען
אַ סאַך אַנדערש, ווי פּושקינס, גאָגאָלס, טורגענעווס,
דאָסטאָיעווסקיס, שטשעדרינס רעאַליזם און אַוודאי
שוין פֿון בונינען, קופּרינען, וועלכע האָבן געשאַפֿן
דעם קריטישן רעאַליזם פֿונעם 20־טן יאָרהונדערט
אין דער רוסישער ליטעראַטור.
דריטנס, איז פּרץ געקומען אין אַזאַ עפּאָכע,
ווען באַנאַנד מיטן רעאַליזם און ראָמאַנטיזם האָבן
אין דער אייראָפּעיִשער און רוסישער ליטעראַטור
פֿונעם 20־טן יאָרהונדערט זיך געלאָזט פֿילן קאָלירלײַ
סטילן, מעטאָדן, ריכטונגען פֿונעם דעקאַדאַנס, פֿונעם
אַזויגערופֿענעם מאָדערניזם (סימבאָליזם, פֿוטוריזם,
אַקמעיִזם און שפּעטער — נאָך פּרצן און ביז
אונדזער צײַט — אַבסטראַקציִאָניזם, עקזיסטענציִאַליזם
און אַנד.). פּרץ איז געווען ניט בלויז אַ ראָמאַנטי־
קער, נאָר אויך אַ סימבאָליסט. ער איז אין טאָך גע־
וואָרן דער אָנהייבער און דער גרונטלייגער פֿונעם
מאָדערניזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור.
אין אויסלאַנד ווערן געמאַכט אַקשאָנעסדיקע פּרוּוון
צו קאַנאָניזירן פּרצן ווי דעם „פֿאָטער פֿון דער
מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור“. דער נײַער ייִדישער
ליטעראַטור איז, אַפּאָנעם, שוין באַשערט אַ מין
מישפּאָכעדיק־פּאַטריִאַרכאַלער פּרינציפּ באַם כאַראַק־
טעריזירן אירע גרונטלייגער: מענדעלע — דער זיי־
דע, פּרץ — דער פֿאָטער, שאָלעם־אַליכעם, ווײַזט
אויס, דאָס אייניקל. ש. ניגער האָט אין זײַן אַרבעט
וועגן פּרצן שוין דערקלערט שלוימע עטינגערן
פֿאַר דעם עלטערזיידע פֿון דער ליטעראַטור (אויב
ס'איז דאָ אַ זיידע, פֿאַרוואָס זאָל ניט זײַן קיין על־
טערזיידע?); און בער גרין איז אַוועק נאָך ווײַטער
און האָט דערקלערט מאָרדכע ספּעקטאָרן פֿאַרן פֿע־
טער פֿון דער ליטעראַטור. דאָס געזינדל צעוואַקסט
זיך אַזויאַרום מיט גיכע טעמפּן. און מע קאָן פֿרעגן:
ווער זשע איז די באָבע, די עלטערבאָבע, די מאַמע,
די מומע, די טאָכטער פֿון דער נײַער ייִדישער לי־
טעראַטור? און ווו זײַנען אירע פּלעמעניקעס און די
שוועסטערקינדער און די גלידשוועסטערקינדער און
די אוריינִיקלעך?
איך מיין ניט, אַז אָט די מישפּאָכעדיקײַט זאָל
אַרײַנברענגען עפּעס וועזנטלעכס אין שטודירן די
געשיכטע פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. מענ־
דעלע, שאָלעם־אַלייכעם און פּרץ זײַנען די גרונט־
לייגער פֿון אונדזער ליטעראַטור. אויב עס גייט אַ
רייד וועגן פּרצן אַלס „פֿאָטער“, האָט דאָס אַ
שײַכעס צו דער מאָדערניסטישער, אָבער ניט צו
דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע הייבט
זיך אָן מיט אַ יאָרהונדערט ביז פּרצן.
די מישפּאָכעדיקע, אין טאָך באַלעבעסלדיקע טער־
מינאָלאָגיע טראָגט אַרײַן בלויז אַ פּלאָנטער און
פֿאַרקריפּלט די געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור. דאָס
אייניקל שאָלעם־אַלייכעם איז שוין געווען אַן אָנ־
געזעענער שרײַבער און די צענטראַלע פֿיגור פֿון
דער ליטעראַטור, ווען דער פֿאָטער פּרץ האָט
זיך ערשט אָנגעהויבן דרוקן אויף ייִדיש, טאַקע בײַ
דעם זעלבן אייניקל אין זײַן „ייִדישער פֿאָלקס־
ביבליִאָטעק“.
אָבער אין דעם אַקשאָנעסדיקן אַרויסרוקן פּרצן
אַלס דעם פֿאָטער איז פֿאַראַן אויך אַ בייזער ווילן
פֿון דער דעקאַדענטישער קריטיק אַראָפּצוזעצן,
קלענערמאַכן די באַדײַטונג פֿונעם רעאַליזם אין דער
ייִדישער ליטעראַטור, דערקלערן מענדעלעס און
שאָלעם־אַלייכעמס פֿאָלקסטימלעכע רעאַליסטישע שאַ־
פֿונג אַלס פֿאַרעלטערטע, בלויז ווי אַ מין צוגרייט־
טונג צו פּרצעס ראָמאַנטישער שאַפֿונג, קעגנשטעלן
די קלאַסיקער איינער דעם צווייטן און אַרויספֿירן
אויפֿן פֿאָדערגרונט ניט דאָס פּראָגרעסיווע אין
זייער ליטעראַרישער טעטיקייט, נאָר דאָס אַנטירעאַ־
ליסטישע, דאָס דעקאַדענטישע, דאָס באַגרענעצטע
און קאָנסערוואַטיווע. דערמיט טוט מען אַ קליינע
טויווע פּרצן. ווײַל אין דעם איז פֿאַראַן ניט בלויז
אַ ניט דערשאַצונג פֿון מענדעלעס און שאָלעם־אַלײ־
כעמס רעאַליסטישער שאַפֿונג, נאָר אויך פֿון פּרע־
צעס גרויסן אויפֿטו אַלס גרונטלייגער פֿונעם ראָמאַנ־
טיזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור.
אין ליטעראַטור־געשיכטע איז גילטיק ניט דער
מישפּאָכע־פּרינציפּ, נאָר פֿאָרשונג און וויסנשאַפֿט־
לעכער אַנאַליז.
פּרצעס ראָמאַנטיזם דאַרף ניט באַטראַכט ווערן
אויבערפֿלעכלעך, איינזײַטיק. אין אייניקע פֿאָרשע־
רישע אַרבעטן ווערט פּרצעס ראָמאַנטיזם באַטראַכט
און געמאָלט אַפּאָלאָגעטיש, שיִער ניט ווי דער רעבע
אין די מײַסעס וועגן די הייליקע צאַדיקים. פּרצעס
זון טאָר ניט האָבן אויף זיך קיין מינדסטן פֿלעק (נאָכ־
מען מײַזיל, שלוימע ביקל). אין אַנדערע אַרבעטן
(אַ. ראָזענצווײַג) ווערט פּרצעס ראָמאַנטיזם און
זײַן שאַפֿונג ניהיליסטיש אָפּגעלייקנט.
אין דערווירקלעכקײַט איז פּרצעס ראָמאַנטישע
שאַפֿונג אַ קאָמפּליצירטע דערשײַנונג, אין וועלכער
עס קרייצן זיך איבער פֿאַרשיידענע טענדענצן. עס
איז ניט שווער צו באַמערקן אין פּרצעס ווערק
בולטע שטריכן פֿון פּראָגרעסיווער סאָציִאַלער
ראָמאַנטיק און אַפֿילו פֿון רעוואָליוציִאָנערן ראָמאַנ־
טיזם, וועלכער אַנטפּלעקט זיך בײַ אים ניט בלויז
אינעם „ראַדיקאַלן פּעריִאָד“ פֿון די 90־ער יאָרן („די
יאָמטעוו־בלעטלעך“), אין די יאָרן פֿון דער ערשטער
רוסישער רעוואָליוציע, נאָר אַפֿילו אין די יאָרן פֿון
רעאַקציע נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער רעוואָליוציע.
פֿון דער צווייטער זײַט, איז פּרץ דער אָנהייבער
און גרונטלייגער פֿונעם מאָדערניזם, פֿון דער קאָנ־

סערוואַטיווער ראָמאַנטיק אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור פון 20־טן יאָרהונדערט. מיט פּערעצן הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פון דעקאַדאַנס און צעפאַלונג. דערבײַ דאַרף מען זיך ניט פאָרשטעלן די זאַך אַזוי, אַז פּערעצעס ראָמאַנטיזם קאָן מען פּינקטלעך צע־טיילן אָף צוויי טיילן: איין טייל — ריינער פּאָרגע־שריטענער און רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם; דער צווייטער — אויסגעשפּראָכענער קאָנסערוואַטיווער און רעאַקציאָנערער ראָמאַנטיזם. פאַרשיידענערליי טענדענצן, אַפילו קעגנזעצלעכע איינע צו דער צוויי־טער, זײַנען אָרגאַניש אין פּערעצעס ווערק.

הערש־דאָוויד נאָמבערג, וועלכער איז געווען נאָענט צו פּערעצן, דערציילט, אַז אין די 90־ער יאָרן, אין „ראַדיקאַלן פּעריאָד", איז פּערעץ „געווען דורכ־געזאָפּט מיטן טיפסטן פּעסימיזם". מיט וואָס דער־קלערט זיך אָט דער פּעסימיזם? „פּערעץ, — שרײַבט נאָמבערג, — איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער האַש־פּאָע פון „מאָדערניזם". אָבער איינצײַטיק האָט פּע־רעץ געפילט און פאַרשטאַנען דעם סאָציאַלן רעאַק־ציאָנערן טאָך פונעם מאָדערניזם; פּערעץ האָט גע־שטרעבט צו באַפרײַען זיך פון די מאָדערניסטישע פּענטעס, ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער מאָדער־ניסטישער ווירקונג, ווי איינער, וואָס ראַנגלט זיך מיט פינצטערע קויכעס. אין דער טיפעניש פון זײַן נעשאָמע האָט ער ניט געקאָנט סוויוול זײַן דעם הויך פון טויט און צעלייגונג, וואָס האָט זיך גע־טראָגן פון יענער ריכטונג. ער איז אינערלעך געווען פרעמד און ווײַט דערפון..."[1].

פּערעץ דער ראָמאַנטיקער האָט ניט געקאָנט פאַר־בײַגיין דעם שטאַרקן שטראָם פון דעקאַדאַנס אין דער מײַרעוו־אייראָפּעישער און רוסישער ליטעראַטור. באַנאַנד דערמיט איז באַוווּסט פּערעצעס באַגײַס־טערונג פאַר גאָרקיס רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם טאַקע אין די זעלבע יאָרן, ווען ער איז געווען באַ־הערשט פון יערידע־שטימונגען אונטער דער ווירר־קונג פונעם מאָדערניזם. ש. עפּשטיין, וועלכער האָט פּערזענלעך געקענט פּערעצן פון יענער צײַט, שרײַבט: „מאַקסים גאָרקיס רוף צום לעבן און קאַמף האָט געהאָלפן פּערעצן צו נעמען זיך אין די הענט און אומקערן זיך צום געזונטן אָפּטימיזם. גאָרקיס באַווײַזן זיך אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט פּערעץ באַגריסט ווי איינע פון די גרעסטע דער־שײַנונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער האָט זיך געפילט גליקלעך, ווען אין דער ליבעראַלער רוסי־שער פּרעסע האָט מען אים, פּערעצן, אָנגערופן „דער ייִדישער גאָרקי". פאַר די יונגע ייִדישע שרײַ־בער פלעג פּערעץ אָף זײַנע היימיש־ליטעראַרישע „פּרײַטיקס" פאַרלייענען גאָרקיס ווערק. „אָט באַ וועמען מע דאַרף זיך לערנען שרײַבן, ליב האָבן לעבן און קאַמף!" — פלעגט ער זאָגן[2].

עס איז באַוווּסט פּערעצעס באַגײַסטערט אַרטיקל וועגן דער אויפפירונג פון מ. גאָרקיס פּיעסע „אָפּן דעק" („נאַ דניע") אין וואַרשעווער ייִדישן טעאַטער אין 1906. ש. עפּשטיין דערציילט אויך, אַז אָף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג אין וואַרשע האָט פּערעץ געהאַלטן אַ פאָרטראָג אין פּויליש וועגן רעוואָלי־ציאָנערע מאָטיוון אין דער רוסישער ליטעראַטור און האָט פאַרענדיקט דעם פאָרטראָג מיט אַ פאָר־לעזונג פון גאָרקיס „שטורעם־פויגל". דער ראָמאַן „די מוטער" פון מ. גאָרקין האָט געמאַכט אָף פּע־רעצן אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

דער נײַער דאָר ייִדישע שרײַבער אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פונעם 20־טן יאָרהונדערט האָט זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון פּערעצעס ראָמאַנטיזם, פונעם ראָמאַנטיזם אין די אַנדערע לי־טעראַטורן — רוסישער, מײַרעוו־אייראָפּעישער, אַמעריקאַנישער. דאָס באַטײַט אָבער ניט, אַז דער ראָמאַנטיזם האָט אַרויסגעשטויסן דעם רעאַליזם. אַפי־לע די ראָמאַנטיקער (אַש, אָפּאַטאָשו) זײַנען אויך געווען רעאַליסטן.

פּערעץ אַליין איז דאָך אויך געווען ניט בלויז אַ ראָמאַנטיקער, נאָר אַ רעאַליסט. און דאָ דאַרף געזאָגט ווערן: עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אַז רעאַליזם איז שטענדיק פּראָגרעסיוו און ראָמאַנטיזם — קאָנסערוואַטיוו. די מאַרקסיסטישע עס־טעטיק און ליטעראַטור־וויסנשאַפט שטעלן ניט אײַן קיין „אײַזערנע געזעצן", קיין אייביקע קאַנאָנען פאַר קינסטלערישער שאַפונג. די מאַרקסיסטישע עסטעטיק זאָגט ניט דעם קינסטלער: זײַ אַ רעאַליסט און זײַ ניט קיין ראָמאַנטיקער. זי באַטראַכט די שאַפונג אָדער דאָס ווערק פונעם שרײַבער קאָנקרעט אין יעדן געגעבענעם פאַל באַזונדער, אין פאַרבינדונג מיט דער ליטעראַרישער טראַדיציע און מיט דער היסטאָרישער און ליטעראַטור־היסטאָרישער הײַנט־צײַטיקייט, אויפקלערנדיק דערבײַ די באַדײַטונג פון דער קינסטלערישער דערשײַנונג, איר פּראָגרעסיווקייט אָדער קאָנסערוואַטיווקייט, אומאָפּהענגיק דער־פון, צי איז זי געשאַפן לויטן מעטאָד פון רעאַליזם, ראָמאַנטיזם אָדער לויט אַנדערע מעטאָדן און סטילן.

פּערעץ דער ראָמאַנטיקער און פּערעץ דער רעאַ־ליסט איז איינער און דער זעלבער קינסטלער. ס'איז ניטאָ קיין צעדריבלטער, צעשפּאָלטענער פּערעץ, קיין עטלעכע פּערעצן. ס'איז ניטאָ קיין פּערעץ אַלס מער אָנגעזעענער און אַלס ווייניקער אָנגעזעענער דענ־קער. ס'איז דאָ איין פּערעץ, אַ קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור באַנאַנד מיט מענדעלען און שאָלעם־אַליכעמען.

פּערעץ האָט געווירקט און ער ווירקט אויך איצט אָף דער ליטעראַטור ניט מיט זײַנע „פּרײַטיקס" אָף ציגיליאַני, 1, נאָר מיט זײַנע ווערק, מיט זײַנע ראָ־מאַנטישע, סימבאָליסטישע און רעאַליסטישע דערציי־לונגען, לידער, פּאָעמעס, באַלאַדעס, דראַמעס און עסייען.

באַזונדערס שטאַרק איז געווען די ווירקונג פונעם ראָמאַנטיזם און פונעם מאָדערניזם אין דער ייִדישער דיכטונג. אין אַמעריקע האָט די דאָזיקע ווירקונג זיך געלאָזט שטאַרק פילן אין דער שאַפונג פון די באַדײַטנדיקסטע פּאָעטן (אין דער גרופּע „יונגע" און אין דער גרופּע „אין זיך"), אין רוסלאַנד — אין אײַנהאָרנס און סעגאַלאָוויטשעס לידער, אין דער דיכטונג פונעם ניסטער.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט דער ראָ־מאַנטיזם גאַנץ בולט זיך אַנטפּלעקט אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג אין דער שאַפונג פון

[1] גענויער וועגן דעם אין נאַכמען מײַזילס בוך „יִצכאָק־לייבוש פּערעץ און זײַן דאָר שרײַבער". ניו־יאָרק, 1951, ז. 79.

[2] ש. עפּשטיין. י.־ל. פּערעץ. „סאָוועטישע ליטעראַטור", נומ. 10, 1940.

אירע גרעסטע שעפער (אָשער שווארצמאן, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ, פערעץ מארקיש, מוישע קולבאק, עזראָ פינינבערג, שמועל האלקין, איזי כאריק, איציק פעפער, מוישע כאשטשעוואצקי, ליפע רעזניק). די זעלבע דערשײַנונג קאָן מען באמערקן אויך אין דער רוסישער סאָוועטישער דיכטונג (אלעקסאנדער בלאָק, וולאדימיר מאיאקאָווסקי, וועלימיר כלעבניקאָוו, ניקאָלײַ טיכאָנאָוו, איליא סעלווינסקי, סערגיי יעסענין, עדוארד באגריצקי, מיכאיל סוועטלאָוו, וולאדימיר לוגאָווסקאָי).

זעלבסטפארשטענדלעך, דער ראָמאנטיזם פון דער יִידישער סאָוועטישער ליטעראטור האָט געהאט אנדערע פרינציפיעלע עסטעטישע און שעפערישע יעסוידעס, ווי דער הײַנטצײַטיקער ראָמאנטיזם אין אויסלאנד און דער ראָמאנטיזם ביז דער רעוואָליוציע.

אויך די הײַנטצײַטיקע יִדישע סאָוועטישע ליטעראטור, באזונדערס די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע דיכטונג, האָט זיך ניט אָפגעזאָגט פונעם ראָמאנטיזם אלס שעפערישן מעטאָד, וועלכער שטרעבט צו אנטפלעקן ניט בלויז דאָס טאָגטעגלעכע און דאָס געוויינלעכע, דאָס איצטיקע און דאָס ארומיקע, נאָר אויך דאָס פארגאנגענע, דאָס היסטאָרישע, דאָס טרוימערישע און פאנטאסטישע. צו איליוסטרירן אָט דעם געדאנק וועל איך נעמען ארן ווערגעליסעס לידער אין „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 10 פונעם פאָריקן, 1973 יאָר. דער ראָמאנטישער ציקל „לידער וועגן דעם גוילעם" שליסט זיך אָן היסטאָריש און פילאָסאָפיש אין דער מיטלאלטערלעכער טראדיציע, אין דער געשיכטע וועגן דעם מאהאראל, ליטעראריש־קינסטלעריש און פאָעטיש — אין דער טראדיציע פון ה. לייוויק, און אײנצײַטיק דערמיט זײַנען די לידער פון דעם ציקל פילאָסאָפיש פארבונדן מיט דער סאמע אקטועלער פראָבלעמאטיק פון אונדזער הײַנטצײַטיקער ווירקלעכקײַט. פון דעם ציקל וועל איך דאָ ברענגען בלויז איין ליד: „צו אײַך איך רעד".

היי, שפעטערדיקע געוינים,
מײַסטערס פון עלעקטראָנישע ראָבאָטן!
איך, דער ליימענער גוילעם,
וועל בא מײַן צײַט זיך אָפבעטן
און דערגיין צו אײַער צײַט,
ביז צו די לאבאָראטאָריעס.
באגעגענען מיך אָן פײַערלעכקײַט
דאָרטן מע וועט, א סוואָרע.

פאר מיר פלעגן פאלן קוירים
די שלעגער אין פראָג, ווען איך פלעג
ארויסגיין — א ליימענער גוילעם —
אנטקעגן באָיאנעס אָן שרעק.
בא אײַך מע וועט רופן מיך ראָבאָט,
און דרינגען עס וועט דערין:
פון מענטשלעכס קיין סימען כ'האָב ניט,
בין פּאָשעט א מאשין,
געמאכט פון אנטענעס און טרײַבלעך,
מײַן לאָשן — די ליכט פון טאבלאָ,
מע וועט מיך צונויפקלײַבן
און אײַנשליסן אף א שאָ,
איך זאָל פאר דער צײַט דער קארגער
אויסרעכענען גיך און ריכטיק,
וואָס פון וואָס עס איז שטארקער,
וואָס פון וואָס עס איז וויכטיקער:
טויזנט פערד מיט פלייש און ביינער,
צי פון שטאָל און אײַזן איינער...
— — — — — — — — —
צו אײַך איך רעד, געוינים
פון עלעקטראָנישע צײַטן.
איך, דער ליימענער גוילעם,
וויל אף בעסערס ניט בײַטן —
ניט די איינפאכע טוירע,
וואָס מיר האָט מײַן שעפער געגעבן,
ניט מײַן ביטערן גוירל —
שווײַגן דאָס גאנצע לעבן.

מיט א יאָר פופצן צוריק האָט דער דיכטער באָריס סלוצקי אָנגעשריבן די ברייט באוווּסט־געוואָרענע ליד וועגן „פיזיקער און ליריקער". עס איז דאָרט בארעכטיקט די אויבערהאנט פון פיזיקער איבער ליריקער. און ס'קאָן זיך דאכטן, דער דיכטער איז גערעכט. אין דער עפּאָכע, ווען עס ווערט געשטורעמט די אלוועלט, ווען דער מענטש האָט שוין ניט איין מאָל געשטעלט זײַן פוס אף דער לעוואָנע און ער קלײַבט זיך שוין צו די ווײַטע פלאנעטעס, — אין א צײַט פון וויסנשאפטלעך־טעכנישער רעוואָליוציע קאָן דען זײַן א פארגלײַך צווישן פיזיקער, וועלכע ענדערן די וועלט און באהערשן זי, מיט ליריקער, וועלכע קאָנען טעכניש גאָרניט אופטון?

פונדעסטוועגן, דאכט זיך מיר, איז דער יִדישער דיכטער טיפער און ריכטיקער צוגעגאנגען צו אָט דער פראָבלעם. די פיזיקער, די געוינים, די מײַסטערס פון עלעקטראָנישע ראָבאָטן זײַנען טאקע פייִק ארײַנצודרינגען אין די סוידעס פון אלוועלט, אָבער זייערע עלעקטראָנישע ראָבאָטן, זייערע גוילעמס גיבן זיי צײַטנווײַז איבער אין די הענט פון מאניאקעס און גוילעמס, וועלכע קאָנען סאָפקאָלסאָף אומברענגען דעם ערדקײַלעך מיט די פיזיקער און ליריקער אינאיינעם. די פיזיקער זײַנען אין דער לאגע פונעם מאהאראל, ס'איז נאָר א פראגע, צי וועלן זיי געפינען דעם שעם־האמפוירעש אף אײַנצוהאמעווען די עלעקטראָנישע גוילעמס...

דער קויעך פון די ליריקער באשטייט דערין, וואָס זיי מאכן ניט קיין גוילעמס, זיי אפּעלירן צו דער מענטשלעכער נעשאָמע, צו די מענטשלעכע געפילן און מענטשלעכע הערצער, וועלכע זײַנען שטארקער פון אלע גוילעמס און ראָבאָטן פון אמאָל און פון הײַנט.

אזעלכע געדאנקען זײַנען בא מיר אופגעקומען, ווען איך האָב געלייענט די „לידער וועגן דעם גוילעם", וועלכע זײַנען עכט ראָמאנטיש, פּאָעטיש און נאָוואטאָריש־דרייסט סײַ לויטן אידייִשן אינהאלט זייערן, סײַ לויט דער פאָרם. דער קינסטלערישער מעטאָד פון ראָמאנטיזם, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר ווערגעליסעס דיכטונג ביכלאל, האָט דאָ אנטפלעקט נײַע מעגלעכקײַטן פאר ווײַטערדיקע שעפערישע דערגרייכונגען.

אן אויסגעשפּראָכענער ראָמאנטיקער אין דער הײַנטצײַטיקער דיכטונג איז געווען און געבליבן מוישע טייף. דער גרעסטער טייל פון זײַנע לידער, פּאָעמעס און באלאדעס זײַנען ווערק פון א טיפּישן

ראַמאַנטיקער. די געפילן, די קאָנקרעטע סיטואַציעס און געשעעענישן זײַנען פונעם ערשטן קוק אויסטער־לישע. זיי זײַנען אָבער פון אָנהייב ביזן סאָף פאַר־בונדן מיטן לעבן. טיפּס פּאַרמילכאָמעדיקע פּאָעמעס „ווי־אַלאַנטשעל״, „א ראַמאַנטישע נאכט״, „פּראַלע־טאַרקע, שוועסטער מײַנע״ און די סאַמע לעצטע — „דאָס געזאַנג וועגן ברידער״, „דאָס גאָלדענע עפּע־לע״ — זײַנען ניט קיין געוויינלעכע שטייגער־שיל־דערונג. דער רעאַלער סוזשעטישער פּאַקט ווערט דערהויבן און קלינגט ווי א מײַסעלע. די געשטאַלטן זײַנען אין טאָך באַדינגלעכע צייכנס, וואָס פּאַרקער־פּערן ניט בלויז אָביעקטיווע דערשײַנונגען פונעם לעבן, נאָר סוביעקטיווע שפּירונגען. אין מ. טייפס ראַמאַנטישע ווערק איז וויכטיק ניט דער עצעם סיפּער־האַמײַסע, נאָר דאָס, וואָס רעגט און וועקט דעם דיכטערס האַרץ, זײַנע איבערלעבונגען, זײַנע אידייען און דיכטערישע טרוימען. ער קומט אָן אָפּטמאָל צו דעם פּאָלקס־מײַסעלע, צו דער פּאָלקס־ליד, ווײַל זיי זײַנען קימאַט שטענדיק טרוימעריש, אָפּטמאָל אפילע פּאַנטאַסטיש.

און אַזויאַרום, דורך טראַנספּאַרמירטער פּאָלקלאָ־ריש־פּאַנטאַסטישער, אפילע ביבליש־מיפּאָלאָגישער בילדערישקײַט, קומט דער דיכטער אין זײַנע ראָ־מאַנטיש־דערהויבענע ווערק צו עכטע הומאַניסטישע רעוואָלוציאָנערע אידייען וועגן מענטשלעכן צוזאַ־מענלעבן און אויך צו טרויעריק־טראַגישער היש־טאָפּכעס־האַנעפּעש וועגן די היסטאָרישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס פון אונדזער עפּאָכע:

עס קלאַפּט אין מײַן ברוסט און עס וועקט
דער וואַרעמער אַש פון די הערצער —
פון יענע, וואָס זײַנען אוועק
אַף קיינמאָל נישט קומען אַהערצו.

דער לעצטער געשריי פאַרן שאָס...
די טרערן פון ריינע נעשאָמעס —
דער הייליקער ווײַן אין מײַן קאָס,
אין פײַנלעכן וועג מײַן נייר־טאָמיד.

אין יאַנקעוו שטערנבערגס ליריק, אין זײַנע פּאָע־מעס און באַלאַדעס, אין זײַנע „מאָנאָלאָגן״, אין זײַנע דיכטערישע שאַפונגען וועגן דער הײַנטצײַטיקײַט און וועגן דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט, און דערי־קער — אין דער פּאַרוויקלטער דיכטערישער מעטאַ־פּאַריק, אין קאָנדענסירטן וואָרט און אין סימבאָלישן בילד זײַנען בוילעט די שטריכן פון ראָמאַנטישער און מאָדערניסטישער קונסט.

דער מאָדערניזם און סימבאָליזם אַנטפּלעקן זיך מער פאַר אַלץ אין שטערנבערגס ערשטן לידער־בוך „שטאָט אין פּראָפיל״. אין די אַזויגערופענע אור־באַניסטישע לידער לאָזן זיך הערן די מאָטיוון און די שטימונגען פון דער מײַרעוו־אייראָפּעיִשער סימ־באָליסטישער און מאָדערניסטישער דיכטונג. דער סאָציאַלער פּראָטעסט אין שטערנבערגס אורבאַניסטי־שער דיכטונג קעגן אומרעכט אין דער קאַפּיטאַלי־סטישער שטאָט איז אויסגעדריקט אין אומקלאָרע אַבסטראַקטע קינסטלערישע פאָרמעס. דאָס איז באַ־זונדערס צו זען אין דער ליד „כּאָאָס״, וואָס איז א מין פּרעלודיע צו דעם גאַנצן ציקל „שטאָט אין פּראָפיל״. דאָ איז פאַרקערפּערט דאָס טראַגישע, דאָס פאַרקריפּלטע, דער אומקום פון דער מענטשלעכער נאַטור אין דער בורזשואַזער ציוויליזאַציע.

דער ציקל „שטאָט אין פּראָפיל״ איז געשריבן אינעם סטיל פון גרויל־ און קאָשמאַר־בילדער. די קאַפּיטאַליסטישע שטאָט איז דער הײַנטצײַטיקער סדאָם, און אַפגרונט פאַרן מענטשן, וועלכער איז הילפלאָז קעגן דעם אײַנגעשטעלטן דערשטיקנדיקן סיידער.

אין די העכער דרײַסיק יאָר, וואָס שטערנבערג האָט געלעבט און געשאַפן אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט ער, נאַטירלעך, זיך אָפּגעזאָגט פון די דעקאַדענטישע טענדענצן. אָבער ער איז געבליבן אין זײַן דיכטונג א פּאָלשטענדיקער ראָמאַנטיקער. דאָס איז שוין גע־ווען א ראָמאַנטיזם, באַרײַכערט מיט דער נײַער היסטאָרישער דערפאַרונג, מיט די דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און מיט די טראַגישע נאַציאָנאַלע געשעענישן אין לעבן פונעם יידישן פאָלק אין דער הײַנטצײַטיקײַט און אין דער פאַר־גאַנגענהײַט. דאָס איז גאַנץ בוילעט אויסגעדריקט אין זײַנע היסטאָרישע פּאָעמעס און באַלאַדעס וועגן שלוימע האַמעלעך, וועגן באַלשעם, אין זײַנע „מאָ־נאָלאָגן״, אין זײַן סאָציאַל־היסטאָרישער און פילאָ־סאָפישער ליריק („פון א געוויסן עלטער אָן״ און אַנד.).

ווי ווײַט דער ראָמאַנטיזם, און באַזונדערס די טראַדיציעס פון פּערעצעס ראָמאַנטיזם, זײַנען אַרײַנ־געדרונגען אין דער הײַנטצײַטיקער דיכטונג, איז צו זען דערפון, וואָס די אָנגעזעענסטע יידישע דיכטער האָבן אין פאַרשיידענע פּאַרבינדונגען אויסגעדריקט זייערע געפילן צו פּערעצן. אין אויסלאַנד האָבן וועגן פּערעצן געשריבן לידער און פּאָעמעס ב. אָליצקי, ל. אָליצקי, מ. באַריישאָ, נ. גאָטליב, י. גלאַטשטיין, י. גרינבערג, מ. דייטש, מ. האַלפּערן, מ. וואָלדמאַן, ז. ווײַנפּער, א. זאַק, ג. טשאַרנעזאָן־שאַיאַק, מ. יאָפּע, ב. לאַפּין, ה. לייוויק, מאַלקע לי, א. לעיעלעס, קאַ־דיע מאָלאָדאָווסקע, א. סוצקעווער, י. סלאָנים, כ. פוקס, ל. פײַנבערג, א. צייטלין, ראָכל קאָרן, א. רייזען, ע. רײַזמאַן, מ. שולשטיין, ש. שטערן, י. שפּיגל, מ. שקליאַר, און מיט אָט די דרײַסיק דיכטער שעפּט זיך נאָך ניט אויס דאָס צעטל, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון נ. מײַזיל[1].

ה. לייוויק איז נאָענט צו פּערעצעס ראָמאַנטיזם און סימבאָליזם מיט דער טיפקײַט פון וואָרט און בילד, מיטן לײַדנשאַפטלעכן עטיציזם און מיט דעם אינטערעס צו דער הײַנטצײַטיקער נאַציאָנאַל־היסטאָ־רישער ווירקלעכקײַט און צו דער נאַציאָנאַל־היסטאָ־רישער פאַרגאַנגענהײַט. אין לייוויקס ליריק און אין זײַנע דראַמעס לאָזן זיך דײַטלעך הערן דער אינטע־לעקטואַליזם און דער ראָמאַנטיזם פון י.־ל. פּערעצן. ס׳איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, וואָס לייוויק האָט געווידמעט פּערעצן צוויי גרויסע לידער. כ׳וועל דאָ ברענגען, געקירצט, איינע פון זיי:

---

[1] נאַכמען מײַזיל. ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ און זײַן דאָר שרײַבער. ניו־יאָרק, 1951, זז. 184 — 214.

אין דײַן זכות, י.־ל. פּערעץ

איך האָב באַם לעבן ניט געקענט דיך. כ׳מאָל דיך אויס.
איך קום צו צו אַן אָרט, וווּ ס׳איז געוועז דײַן הויז,
איך קלאַפּ אָן אין דײַן טיר, וואָס איז שוין מער ניטאָ,
און כ׳הער דײַן קאָל פון אינווייניק: כ׳בין דאָ, דאָ־דאָ.

דאָס אַלץ געשעט, כ׳וואָלט שווערן, אין אַ סטרייפּע־שאָ,
עס עפנט זיך דײַן טיר, וואָס איז שוין מער ניטאָ,
דו וואַקסט אויס אַף דער שוועל, וואָס ליגט אַף קויל פאַרברענט,
און לאָזסט זיך שפּאַנען צווישן ווײַטערדיקע פײַער־ווענט.

איך שפּאַן דיר נאָך, ווי דו אין פלאַם אַרומגעכאַפּט,
און אָט דערזע איך, ווי אויך דײַן האַנט האַסטיק קלאַפּט
מיט לעצטקײַט אין אַ טיר, וואָס איז שוין מער ניטאָ,
און ווונדער — כ׳הער דײַן קאָל נאָך זיכערער: כ׳בין דאָ.

און וואָס דערזע איך, ווען די פלאַמען פאַלן אָפּ?
אַף רויכערדיקע כורוועס אַ באַגינען קומט אַראָפּ —
ווי אַלע מאָל אַזוי ווי פון אַ באַרג אַראָפּ אין טאָל —
אַ זון, ווי גאָר אַמאָל, ווי גאָר אַמאָל־אַמאָל.

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב, יִצחק־לייבוש פּערעץ, דיך באַם לעבן נישט געקענט —
דערקען איך איצטער דיך צווישן אָפּגעברענטע ווענט
בײַ טירן און בײַ טויערן, וואָס זײַנען מער ניטאָ,
אין זכות פון דײַן געוויין־געזאַנג: כ׳בין דאָ, דאָ־דאָ.

דער ראָמאַנטיזם איז איין צײַט אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור באַטראַכט געוואָרן אין געוויסע קרײַזן, באַזונדערס אין די ראַפּישע, אַלס פּרעמדער מעטאָד. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער ראָמאַנטיזם איז פאַרשטאַנען געוואָרן איינזײַטיק, בלויז ווי אַזאַ מעטאָד, וואָס פירט אַוועק פון דעם רעאַלן לעבן אין דער וועלט פון פאַנטאַסטיק און אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט. „נידער מיט שילערן!" — האָט ענערגיש דערקלערט אַפילע אַזאַ באַדײַטנדיקער קינסטלער, ווי אַלעקסאַנדער פאַדייעוו, וועלכער איז אין טאָך געווען אין זײַנע ווערק („צעקלאַפּט", „יונגע גוואַרדיע" אאַ.) ניט בלויז אַ רעאַליסט, נאָר אויך אַ ראָמאַנטיקער. דאָס האָט באַטײַט — „נידער מיטן ראָמאַנטיזם!".

אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט דער קאַמף קעגן ראָמאַנטיזם זיך אויסגעדריקט אין אַ רײַ פאַלן אינעם קאַמף קעגן פּערעצן. א. ראָזענצווײַג, דער אויטאָר פון אַ פאָרשונג „דער ראַדיקאַלער פּעריאָד פון פּערעצעס שאַפן", וואָס איז לויטן פאַקטישן ליטעראַטור־היסטאָרישן מאַטעריאַל אַ באַשטימטער אופטו אין דער פּערעץ־פאָרשונג, האָט אָבער אַזוי וווּלגאַר־סאָציאָלאָגיש באַנומען דעם טאָך פון פּערעצעס ראָמאַנטיזם, אַז עס איז איצט ניט פאַרשטענדלעך, וויאַזוי עס האָט געקאָנט דערשײַנען אַזאַ ווערק וועגן דעם גרויסן קלאַסיקער און גרונטלייגער פונעם ראָמאַנטיזם אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור.

אויב אין אויסלאַנד האָט מען אָפּגעשאַפּן מענדעלען און שאָלעם־אַלייכעמען און אַרויסגעשטעלט אַפן פאָדערגרונט פּערעצן אַלס דעם „פאָטער", האָבן געוויסע קריטיקער און שרײַבער אין ראַטנפאַרבאַנד אַרויסגעשטעלט אַפן פאָדערגרונט שאָלעם־אַלייכעמען און שיר ניט אָפּגעשאַפּן אין די צוואַנציקער יאָרן פּערעצן.

ערשט אין די פערציקער יאָרן, אין די אַרבעטן פון דאָברושינען, אויסלענדערן, ריווקע רובין, און באַזונדערס אין די זעכציקער יאָרן, אַף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד" אינעם פּערעץ־יאָר, וואָס איז דערקלערט געוואָרן צום פופציקסטן יאָרצײַט פונעם שרײַבער, איז דערגרייכט געוואָרן אַ געוויסער סינטעז, וועלכער שאַפט אַ מעגלעכקײַט פאַר ווײַטערדיקער פּרוכטבאַרער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פונעם ראָמאַנטיזם, אָן די עקסטרעמע איבערפלייצונגען, אָן דער אַפּאָלאָגיע און אָן ניהיליזם בענוגע דעם ראָמאַנטיזם און בענוגע פּערעצן.

אין 1965 זײַנען אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" פּובליקירט געוואָרן אַרבעטן פון עלי ספּיוואַק — וועגן פּערעצעס שפּראַך, נ. אויסלענדער — וועגן פּערעצעס פּאָעמעס, יאַנקעוו שטערנבערג — וועגן דער פּערעץ־רעוויזיע, יעשוע ליובאָמירסקי — י.־ל. פּערעץ און דער ייִדישער טעאַטער, כ. נאַדעל — צו דער פּערעץ־ביבליאָגראַפיע, אַרן ראַסקין — אַ בלעטל פּערעץ־פּובליציסטיק, הערש רעמעניק — י.־ל. פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם, ווי אויך אַלגעמיין־פּראָבלעמאַטישע אַרטיקלען פון מוישע אַלטמאַן און אויזער האָלדעס. אין אָט די אַרבעטן און אין די פאָרטראָגן אַף דער וויסנשאַפטלעכער פּערעץ־סעסיע, וואָס די רעדאַקציע האָט צונויפגערופן אין דעם יאָר, זײַנען באַטראַכט געוואָרן קאַרדינאַלע פראַגן פון פּערעצעס ירושע. טרעפלעך האָט געשריבן וועגן פּערעצן מוישע אַלטמאַן: „פּערעץ איז געווען פילזײַטיק. פונדאַנען זײַן אומרו, זײַן בלאָנדזשען און זוכן. לויטן טעמפּעראַמענט — אַן אַקטיווער געזעלשאַפטמענטש, וועמען עס רעגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען שײַעך סײַ דעם קלאַל, סײַ דעם יאָכיד. לויט דער שטימונג — אַ לירישער פּאָעט. עס האָבן אין אים געקעמפט דער ראָמאַנטיקער־אינדיווידואַליסט מיטן רעאַליסט, דער פּעסימיסט מיטן אָפּטימיסט, דער נאַציאָנאַלער מאָמענט מיטן אוניווערסאַלן. ער האָט געוואָלט דאָס נאַציאָנאַלע דערהייבן ביז צום אוניווערסאַלן.

אין דעם זין איז פּערעץ אין דער ייִדישער ליטעראַטור געווען אַן ערשטער, אַ וועג־לייגער, עס האָט אים אָבער אויסגעפעלט סוויווע. און סוויווע איז פאַר

אַ קינסטלער לופט צו אָטעמען. דערפון זײַן צעשפליטערטקײַט, זײַן אומרו, און ער האָט דאַפקע געזוכט שלימעס״.[1]

דאָס איז אַ סינטעטישע כאַראַקטעריסטיק פונעם שרײַבערס שאַפן. אין דער פאָרשונג וועגן שאָלעם־אַלייכעמען און י.־ל. פערעצן איז אָפגעוואָרפן געוואָרן די לעגענדע וועגן די קלוימערשטע פערזענלעכע עגאָיִסטישע און פרינציפלאָזע רײַסערײַען צווישן די קלאַסיקער. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זייערע דיסקוסיעס און עסטעטישע שטרײַטן זײַנען געווען פרינציפיעלע, פרוכטבאַרע זוכונגען פון נײַע וועגן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט; עס איז דערוויזן געוואָרן, אַז שאָלעם־אַלייכעם און פערעץ זײַנען די זײַלן פון צוויי שעפערישע גרונט־ריכטונגען און גרונט־מעטאָדן אין דער ייִדישער ליטעראַטור — פונעם רעאַליזם און פונעם ראָמאַנטיזם.

אויב אין דער סאָוועטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט איז דער ראָמאַנטיזם אַלס שעפערישער מעטאָד, און באַזונדער פערעצעס ראָמאַנטיזם, אָפגעשאַצט געוואָרן אין די צוואַנציקער און אין דער ערשטער העלפט פון די דרײַסיקער יאָרן מער אָדער ווייניקער נעגאַטיוו, האָט ער אין אָט די יאָרן געפונען אַ ריכטיקערע אָפשאַצונג בײַ די שרײַבער. דאַוויד בערגעלסאָן האָט נאָך אין יאָר 1925 געשריבן: „עס האָבן אַ טאָעס יענע, וואָס מיינען, אַז פערעץ איז געווען אַן איבערדיכטער פון דער כסידיש־הימלשער היימישקײַט, אַז אָנעמענדיק איר אינהאַלט, איז ער אויסן געווען ניט מער ווי צו באַזינגען אירע פאָרמען...״ „פערעץ, קאָן מען זאָגן, האָט אויסגענוצט אַלע אוצרעס פון דער כסידיש־פאַנטאַסטישער וועלט, קעדיי צו פאַרוואַנדלען דורך זיי דעם מיסטישן הימל אין אַ בענקעלע בײַ דער מאַטעריאַליסטישער ערדס פיס״.[2] אין אַן אַנדער אָרט האָט בערגעלסאָן כאַראַקטעריזירט פערעצן ווי „דער רעוואָלוציאָנערער גײַסט״.[3]

אַמערסטן פילט זיך די קראַפט פון ראָמאַנטיזם און סימבאָליזם, און דעריקער טאַקע די ווירקונג און די טראַדיציע פון פערעצעס ראָמאַנטיזם און סימבאָליזם, אין דער שאַפונג פון דעם ניסטער. דאָס איז זייער בוילעט אין די ווערק פונעם שרײַבער אין אַלע פעריאָדן פון זײַן שאַפן.

דער ראָמאַנטיזם און דער סימבאָליזם אין דעם ניסטערס ווערק דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס ער שטרעבט, ווי אַלע ראָמאַנטיקער און סימבאָליסטן, שעפעריש און קינסטלעריש צו לייזן פראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער עפאָכע אין דער פאַרגאַנגענהײַט מיט דער הילף פון פאַרשפירטע בילדער און געשטאַלטן, פון יענוועלטיקע מיסטישע באַגריפן אין דער פאָרם פון מײַסעס, לעגענדעס, מיטאָלאָגישע אוראַלטע און מיטלאַלטערלעכע סוזשעטן. אָבער אַפילע ווען דער ניסטער איז אַריבער פון סימבאָליזם צו רעאַליזם, ווען ער האָט געשאַפן זײַן רעאַליסטישן ראָמאַן „מישפאָכע מאַשבער״, איז דאָס געווען אַן אייגנאַרטיקער רעאַליזם, וועלכער איז ניט געווען פרײַ פון ראָמאַנטישע טענדענצן. דאָס איז צו זען אַפילע דערפון, וואָס אין ראָמאַן „מישפאָכע מאַשבער״ פאַרנעמט אַ באַדײַטנדיק אָרט די שילדערונג פון כסידישן שטייגער און דער כסידישער באַוועגונג אין דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט.

דער ניסטער איז נאָך פערעצן דער סאַמע באַדײַטנדיקער פאָרשטייער פונעם ראָמאַנטיזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור און אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

פונעם ניסטער איז געגאַנגען די ווירקונג אַף די ערשטע סאָוועטישע פראָזאַיִקער. מ. ליטוואַקאָוו האָט מיסטאָם אין זינען געהאַט אָט די דערשײַנונג, אָנווײַזנדיק, אַז ווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור וועט זיך אָנהייבן אַ נײַע ריכטונג, „וועט זי האָבן ניסטערן אַלס איינעם פון אירע אויסגאַנג־פונקטן״.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז דער ראָמאַנטיזם האָט באַזונדערס געווירקט אַף דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג, און דאָס איז צו זען ניט בלויז אין דער שאַפונג פון די אָנגעזעענסטע דיכטער, נאָר אויך אין דער אָנערקענונג, וואָס י.־ל. פערעץ, דער גרונטלייגער פונעם ראָמאַנטיזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט באַקומען אין די לידער פון אַ גרויסער צאָל פאָעטן. וועגן פערעצן האָבן געשאַפן לידער לייב קוויטקאָ, איציק פעפער, זעליק אַקסעלראָד, שמועל ראָסין, אַוורעם גאָנטאַר, מאָטל האַרצמאַן, כאַיִם מאַלטינסקי און מיסטאָם נאָך אַנדערע.

לייב קוויטקאָ, וועלכער איז לויטן כאַראַקטער פון זײַן שאַפן געווען אַ רעאַליסט סײַ אין דיכטונג און סײַ אין פראָזע, איז אָבער אין זײַנע ערשטע ווערק, אין בוך „טריט״ און אין דער פאָעמע „רויטער שטורעם״, געווען אויך אַ ראָמאַנטיקער, פינקטלעכער גערעדט — אַ רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיקער. ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אין 1922 האָט לייב קוויטקאָ אין אַ ליד „י.־ל. פערעץ״ פאַרקערפערט דעם שרײַבערס שעפעריש געשטאַלט אין אַ סימבאָלישער פאַראַלגעמיינערונג פון שטורעם און ווינט, וואָס רודערט אוף די פוסטקײַט אין מידבער און רופט צו באַנײַונג:

קוקט דער ווינט און פײַניק אָטעמט,
לעבט דער ווינט און ציט אין בענקשאַפט,
גלעט און צערטלט מידבער־ווײַטן
און דערציילט פון שטיל און שטורעם
און פון בלוטיק־יונגן אומרו.

קוויטקאָ האָט אָפגעדרוקט זײַן ליד אין 1922, אין אַ זאַמלונג, געווידמעט י.־ל. פערעצן. דאָרט האָט אויך פאַרעפנטלעכט זײַן ליד „פערעצן״ דער יונגער זעליק אַקסעלראָד. די ליד איז אינגאַנצן אויסגעהאַלטן אין ראָמאַנטישן סטיל, אַפילע לויט דער שפראַך און בילדערישקײַט.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור האָט זיך געביטן דער שטאַנדפונקט אַפן ראָמאַנטיזם. איצט וואַרפט ניט אָפ די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קענטעניש און די סאָוועטישע ליטעראַטור דעם ראָמאַנטיזם, נאָר זי יאַרשנט דאָס פּראָגרעסיווע אין אים. אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור ווערט ניט אָפגעוואָרפן פערעצעס

[1] מוישע אַלטמאַן. מײַן געכאַלעמטער גאַניידן. „סאָוועטיש היימלאַנד״, נומ. 2, 1965, ז. 133.

[2] י.־ל. פערעץ. אין ליכט פון דער ייִדישער קריטיק. ווילנע, 1940, ז. 159.

[3] י.־ל. פערעץ. זאַמלונג צו זײַן 7־טן יאָרצײַט. מינסק, 1922.

ראָמאַנטיזם און דער ראָמאַנטיזם פון אַנדערע ייִדי־שע שרײַבער.

איציק פעפער, וועלכער איז ביכלאַל געווען אַ דיכטער אַ רעאַליסט, האָט אָבער אָרגאַניש פאַרבונדן זײַן רעאַליזם מיט ראָמאַנטישע מאָטיוון. דער רע־וואָליוציאָנער־ראָמאַנטישער סטיל איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ערשטן עטאַפּ פון פּע־פערס שאַפן, פאַר זײַנע ראָמאַנטישע פּאָעמעס וועגן בירגערקריג („יאַטן", „עליעס טויט" און אַנד.). אָבער אויך אין די באַלאַדעס פון די פּערציקער יאָרן וועגן דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע און אין דער פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" לאָזט זיך שטאַרק פילן דער גײַסט פון ראָמאַנטיזם.

עס איז דעריבער קיין ווונדער ניט, וואָס פעפער, וועלכער האָט אונטערגעשטראָכן די ענגסטע פאַר־בינדונג פון זײַן דיכטונג מיט דער שאַפונג פונעם רעאַליסט און הומאָריסט שאָלעם־אַליכעם, איז אויך ניט געווען גלײַכגילטיק צו פּערעצעס ראָמאַנטיזם. פּערעצן האָט ער געווידמעט די ליד „אַ ווענדונג צו פּערעצן", וועמען ער באַטראַכט ווי אַ גרונטליי־גער פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור צוזאַמען מיט די אַנדערע קלאַסיקער.

אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג איז פּע־רעץ און זײַן ראָמאַנטיזם געוואָרן אַ שעפערישע טעמע, קימאַט ווי שאָלעם־אַליכעם, וואָס זײַן שאַ־פונג האָט אַריבערגעשפּאַנט די נאַציאָנאַלע גרענעצן פון דער ייִדישער ליטעראַטור. פּערעץ אַלס קינסטלער איז באַגרענעצט מיט נאַציאָנאַלע ראַמען לויטן אינ־האַלט פון זײַן שאַפן. אָבער זײַן באַדײַטונג אַלס גרונטלייגער פונעם ראָמאַנטיזם איז אַרײַן אין באַ־וווסטזײַן פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע דיכטער. אווי־ראַם גאָנטאַר, לעמאָשל, פילט זײַן קרוווישאַפט צו פּערעצן. ער דערקלערט גאַנץ אָפן: „כ'זינג איצט דײַנע לידער". די דאָזיקע קרוווישאַפט פון דיכטע־רישע דורות עקזיסטירט ביז איצט:

יאָ, איך גלייב דיר, דיכטער!
האָסט מײַן האַרץ געפאַנגען,
צו מײַן שטילן שטיבל
איז דײַן וואָרט דערגאַנגען.

ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש איז אויך כאַיִם מאַל־טינסקיס ליד וועגן פּערעצן. דער דיכטער פאַרבינדט די פּערעץ־דערמאָנונג מיטן גוירל פון ייִדיש. מאַל־טינסקיס דיכטונג איז ענג פאַרבונדן מיט דער ראָ־מאַנטישער טראַדיציע פון דער ייִדישער פּאָעזיע ביז און נאָך דער רעוואָליוציע. ווי אַ רייִ אַנדערע הײַנטצײַטיקע ייִדישע דיכטער, פאַרטראַכט זיך אויך מאַלטינסקי איבער דער פּראָבלעם פונעם המשך פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און ער ווענדט זײַן בליק צו פּערעצן, איינעם פון די בעסטע שעפער פון דער פאַרגאַנגענהײַט.

מאַקסים גאָרקי האָט געשריבן, אַז רעוואָליוציאָנע־רער ראָמאַנטיזם איז דער פּסעוודאָנים פונעם סאָ־ציאַליסטישן רעאַליזם. אין דער ייִדישער סאָוועטי־שער ליטעראַטור, אין דער שאַפונג פון די עלטערע דורות פּראָזאַיקער און דיכטער און אין די ווערק פון די הײַנטצײַטיקע שרײַבער, האָבן די בעסטע אייגנשאַפטן פונעם רעאַליזם און ראָמאַנטיזם געפו־נען זייער סינטעטישע אַנטוויקלונג אינעם שעפע־רישן מעטאָד פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור — אין סאָציאַליסטישן רעאַליזם.

עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן

יעכיעל שרייבמאַן

דעם מעכאַבערס א פּאָר ווערטער ארום א פּאָלעמיק וועגן זײַן ווערק

ט׳איז קיין נײַס ניט, אז קריטיק איז פונקט אזא געהויבענער ליטעראַרישער זשאַנער, ווי פּראָזע צי אפילע דיכטונג. זי דאַרף זײַן ניט ווייניקער קינסט־לעריש, בילדעריש, אײַנפאַלעריש, געפּרעסט, קלוג, פּאַשטעסדיק. און זי דאַרף נאָך דערצו זײַן מערער פאַראַנטוואָרטלעך — פאַרזיכטיק מיטן וואָרט, מערער אָפּמעסטנדיק און אָפּוועגנדיק.

שוין אפילע דערפאַר, ווײַל פּראָזע צי אפילע דיכ־טונג, זאָגן מיר, האָט אַף זיך א היטער, א היטער א מאַמע, וואָס לאָזט ניט טאָן קיין נאַרישקײַטן, וואָס היט דיך אָפּ, זאָלסט כאָלילע ניט גיין אַף קיין טאָ־עסדיקע וועגן — די קריטיק. נאָר זי אליין, די קריי־טיק? ווו נעמט מען א היטער, וואָס זאָל היטן דעם היטער?

ווייל איך אויך ארויסזאָגן א פּאָר געדאַנקען אין שמועס צווישן די ככ׳ באָראָוויטש און גלייזער וועגן מײַן ראָמאַן „זיבעצניאָריקע".

קוידעמקאָל ווייל איך פאַראַפראַזירן הערש רעמע־ניקס טרעפלעכע באַמערקונג אין זײַן ארטיקל „מײַ־סטערשאַפט" וועגן מײַן בוך „יאָרן און רעגעס" („סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9, 1973). דער קריטי־קער זאָגט: „אַלץ, וואָס ער שרײַבט, איז אווטאָבּיאָ־גראַפיש. כ׳וואָלט אפילע געזאָגט — מעמואַריסטיש. און ווײַל ער שרײַבט אַלע זײַנע ווערק וועגן זיך, וועגן זײַנע אידייען, אידעאַלן, זײַנען אָט די ווערק שטענדיק וואָרהאַפטיק. עס פילט זיך אין יעדער שו־רע, אז יאָ, אזוי איז טאַקע געווען. און ווײַל דער אווטאָר שרײַבט וועגן זיך, איז ער בעטעווע, אלס קלאַל, אין זײַן שילדערונג ליריש". פאַראַפראַזירנדיק דעם דאָזיקן געדאַנק, ווייל איך זאָגן דאָס זעלבע, נאָר א קאַפּעלע אַנדערש, פון אונטן ארויף: „ווײַל דער אווטאָר איז בעטעווע, אלס קלאַל, אין זײַן שילדערונג ליריש, שרײַבט וועגן זיך, עס פילט זיך אין יעדער שורע, אז יאָ, אזוי טאַקע איז געווען, און ווײַל ער שרײַבט אַלע זײַנע ווערק וועגן זיך, וועגן זײַנע אידייען, אידעאַלן, און די ווערק זײַנען שטענ־דיק וואָרהאַפטיק, קאָן מען טראַכטן, אז אַלץ, וואָס ער שרײַבט, איז אווטאָבּיאָגראַפיש, כ׳וואָלט אפילע געזאָגט — מעמואַריסטיש".

אויב אזוינס קאָן געזאָגט ווערן וועגן „אַלץ, וואָס ער שרײַבט", קאָן דאָס אוודע און אוודע געזאָגט ווערן וועגן דעם ראָמאַן „זיבעצניאָריקע".

כ׳האָב אויסגעקליבן פאַרן ראָמאַן דעם דאָזיקן אווי־טאָבּיאָגראַפיש־מעמואַריסטישן טאָן, די איך־פאָרם, אפילע דאָס אָפּט־איבערגעכאַזערטע וואָרט „געדענק איך", ווי א גאַנג אזא, אזא מאַניר, א מעטאָד, טאַקע צוליב דער דאָזיקער „שטענדיקער וואָרהאַפטיקײַט". טאַקע צוליב דעם, עס זאָל זיך „פילן אין יעדער שורע, אז יאָ, אזוי איז דאָס געווען".

אזעלכע גענג זײַנען אין דער טראַדיציע פון דער פּראָזע־קונסט. ניט איין אַלטער פּראָזע־מײַסטער האָט צוגעטראָגן דעם לייענער קלוימערשט געפונענע „פּרעמדע" קסאָווים, טאָגביכער, בריוו, קעדיי די מײַסע זאָל אויסזען וואָס מערער גלייבלעכער, וואָר־האַפטיקער. צוליב גרויסער קינסטלערישער עמעסדיי־קײַט זײַנען די טעוויע־קאַפּיטלען אויך קלוימערשט ניט מער ווי טעוויעס אייגענע מאָנאָלאָגן, געהאַלטענע באַ יעדער באַגעגעניש זײַנער מיטן „פּאַני שאָלעם־אלייכעמען", און שאָלעם־אלייכעם גיט זיי אונדז איבער, קלוימערשט, וואָרט באַ וואָרט, ווי ער האָט זיי געהערט פון טעוויען אליין.

מײַן גאַנג, מיין איך, האָט אין א שפּאָרער מאָס זײַן ציל דערגרייכט, אויב „וואָרהאַפטיקײַט" זיצט אין אייניקע זאַכן מײַנע אזוי פעסט, אז די זאַכן מאַכן אזש דעם אײַנדרוק ווי אווטאָבּיאָגראַפישע, אפילע מעמואַריסטישע.

פאַרשטייט זיך, קעדיי צו פילן זיך באַ זיך אין דער היים, און קעדיי, אפּאָנעם, צו האַלטן דעם עלע־מענטאַר־באַוווּסטן קלאַל „שרײַב נאָר וועגן דעם, וואָס דו ווייסט גוט", רעגן מיך אָן, מאַניען מיך קאָ־ליזיעס, פּאַסירונגען, דערמאָנונגען — אליין דורכ־געלעבטע, ווו כ׳בין „אליין געווען דערבײַ". נאָר

דאָס איז זייער פּראָסט גערעדט. כ׳טראַכט, אַז יעדער עמעסער קינסטלער גיט שטענדיק זיך. ווי ער זאָל דאָס ניט טאָן אַנדערש, וואָס פאַרא מעטאָדן ער זאָל דערבײַ ניט באַנוצן. כ׳טראַכט, אַז ס׳איז ניטאָ אַזאַ עמעסער קינסטלער, וואָס זאָל ניט קענען אויף זײַן אופן איבערכאַזערן דעם זאָג: „מאַדאַם באָוואַרי — דאָס בין איך!..״

נאָר אויטאָביִאָגראַפיע, מעמואַרן, ווי אַ ליטעראַרישער זשאַנער — איז איין זאַך, און אויטאָביִאָגראַפישקײַט, מעוואַריסטישקײַט, ווי אַ ליטעראַרישער פּאָקוס, אַ גאַנג, איז אַן אַנדער זאַך.

מיר געפעלט די איך־פאָרם צוליב איר אומיטלבאַרקײַט, אינטים־היימישקײַט, טאַקע צוליב איר לירישקײַט, כ׳וואָלט אויך געזאָגט: צוליב איר האַלטן דיך אין די הענט און דיך ניט לאָזן נעמען קיין איין פאַלשן טאָן.

אַדאַנק דער איך־פאָרם קאָן מען בײַקומען די שוועריקײַטן, וואָס מיר, הײַנטיקע ייִדישע שרײַבער, האָבן באַם איבערגעבן דאָס סאַמע לעבעדיקסטע אין דער פּראָזע — דעם דיִאַלאָג.

בערגעלסאָן האָט אָפּטמאָל, ווי באַוווּסט, קעדיי די רייד פון אייניקע פּערסאָנאַזשן זײַנע זאָלן ניט אויסזען ווי איבערגעזעצטע אָדער געפעלשטע, איבערדערציילט די דיִאַלאָגן זייערע, געגעבן זיי אין דער דריטער פּערזאָן. אין דער איך־פאָרם ווערט דאָך דער דיִאַלאָג אויך, אייגנטלעך, איבערדערציילט, נאָר ער קאָן געגעבן ווערן נאָרמאַל — אין דער ערשטער פּערזאָן. כ׳ באָראָוויטש איז בעפּיירעש גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז די רייד פונעם פּאָליציי־קאָמיסאַר, כאָטש דער קאָמיסאַר האָט גערעדט רומעניש, און די רייד דעם ראַבינערס, כאָטש זיי זײַנען מיסטאָמע געווען העברעיִש, קלינגען נאַטירלעך, ייִדיש. דאָס האָב איך, מיין איך, געקאָנט אַרויסקריגן אַדאַנק דער איך־פאָרם. די דיִאַלאָגן און מאָנאָלאָגן האָב איך באַקומען אַ מעגלעכקײַט איבערגעבן מיט מײַן לאָשן, ווי איך רעד. און עס קלינגט ניט פאַלש. עס זעט ניט אויס געמאַכט.

אַ צווייטע שײַלע: פאַרוואָס האָב איך מײַן ראָמאַן אָנגערופן ראָמאַן?

כ׳בין זיך מוידע: כ׳האָב לאַנג זיך געשלאָגן מיט דער דייע — אַוועקשטעלן אונטער „זיבעצניאָריקע״ „ראָמאַן״ צי „דערציילונג״. „פּאָוועסט״ — גרעסערע דערציילונג — איז אין ייִדיש ניט פאַראַן. „ראָמאַן״, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, קאָן עפּשער אויסזען עפּעס ניט אַניוועסדיק, אַפילע גרויסהאַלטעריש־פּרעטענציִעז. ס׳איז דאָך, סאָפּקאָלסאָף, ניט קיין ברייטע לײַוונט, אײַנגאַנצן אַרום זעכציק זשורנאַל־זײַטן, האַלט, הייסט עס, ניט אויס דעם אָנגענומענעם, אַזוי צו זאָגן, ראָמאַן־מאַסשטאַב. ס׳איז דאָך אָבער פאָרט ניט קיין דערציילונג־נאָוועלע. ביפּראַט, האָבנדיק אין זינען מײַן דערציילונג־מאַסשטאַב, וועלכער באַשטייט אָפּט פון צוויי, דריטהאַלבן זײַטן. האַקיצער, כ׳האָב מיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דייע און, ניט מיט קיין גאָר גרינג געמיט, אַוועקגעשטעלט פונדעסטוועגן אונטער „זיבעצניאָריקע״ דאָס וואָרט „ראָמאַן״.

און אַז כ׳האָב מיך מיטן אָפּגעטאָנענעם פּאַוואָלינקע צוגעוווינט, און ווען די זאַך האָט זיך שוין אָפּגעדרוקט, און דער רעדאַקטאָר אין מיר, דער רעדאַקטאָר אין גוטן זין פונעם דאָזיקן וואָרט, וועלכער זיצט אין יעדן שרײַבער, בייס ער שרײַבט, האָט זיך שוין אָפּגעטאָן פון מיר, און כ׳האָב שוין דאָס ווערק געקענט אָנקוקן אַ ביסעלע פונדערווײַטנס, אַ ביסעלע קילער, אָן איבעריק־געקייפּלטע איבערלעבענישן, אַזוי צו זאָגן, — האָב איך געזען, אַז כ׳בין קיין כעט ניט באַגאַנגען. פאַרקערט: אַפילע שילעריש גענומען, אַפילע לויט עלעמענטאַרע קלאָלים פון שול־פּאָעטיק, האָט מען די זאַך געקענט, און עפּשער טאַקע געדאַרפט, אָנרופן „ראָמאַן״.

עמעס, ס׳איז ניט קיין ראָמאַן אין טראַדיציִאָנעלן, ברייט־פאַרשפּרייטן זין. נאָר איז אַזוינס ערגער צי בעסער? הייסט דען טראַדיציע בלויז איבערכאַזערונג פון פאָרמען און מאָסן? די „קאָמפּאָזיציִאָנעלע סטרוקטור פונעם ראָמאַן״ איז ניט „דערווײַל געגעבן אין קאָנטורן״. נאָר אַזאַ איז די קאָמפּאָזיציִאָנעלע סטרוקטור פונעם ראָמאַן — קאָנטורן. איז דאָס ערגער צי בעסער? דער סוזשעט פונעם ראָמאַן, דער סיפּער־האַמײַסע זײַנער, איז ניט דערווײַל ניט פאַרענדיקט. פּיקאַסאָ האָט אַמאָל געענטפערט אַ שילער זײַנעם, וואָס האָט אים אַ פרעג געטאָן, פאַרוואָס ער פאַרענדיקט ניט די און די לײַוונטן: „פאַרענדיקן — הייסט אַוועקהאַרגענען!..״ און מע דאַרף דאָ אַפילע ניט פּיקאַסאָן פאַר קיין איידעס. נישטאָ, דאַכט זיך, אַזאַ ווערק אין דער וועלט, אַפילע מיטן ברייטסטן פאַרנעם, וואָס זאָל זײַן „פאַרענדיקט״, ווו נאָכן מעכאַבערס וואָרט „סאָף״ זאָל ניט בלײַבן קיין העמשעכדיקס, קיין ווײַטערדיקס. ווערק זײַנען ניט דערווײַל ניט פאַרענדיקט, נאָר זײַנען ניט פאַרענדיקט, ווי יעדער שטיק לעבן, ווי לעבן ביכלאַל.

ווי עס „דאַרף זײַן״ אין אַ ראָמאַן, ציִען זיך אין „זיבעצניאָריקע״ אַוועק, צעגייען זיך, קרייצן זיך איבער, קומען זיך דאָ און דאָרט צונויף עטלעכע קאָליזיִש־סוזשעטישע ליניעס.

1. די אינטים־לירישע ליבע־ליניע (צווישן דעם ראַשקעוווער זיבעצניאָריקן שוואַרצויגיקן באָכער און דער יונגער כיינעוודיק־ראָמאַנטישער רעוואָלוציִאָנערקע מאַליע. ביידע, אייגנטלעך, די הויפּט־פּערסאָנאַזשן אין ווערק. זיי גייען ביידע דורך, דירעקט צי אומדירעקט, דורכן גאַנצן ראָמאַן. זייערע געשטאַלטן זײַנען געשילדערט רעליעף, ביז גאָר דעטאַליזירט, אויסוואַקסנדיק, מערער אַפילע, וויפל עס מעגן געמאָלט ווערן געשטאַלטן אין אַזאַ קליינעם צײַט־אָפּשניט — אײַנגאַנצן איין יאָר פון זייער לעבן).

2. די סאָציִאַלע ליניע. בעסער געזאָגט — דער סאָציִאַלער פאָן, אויף וועלכן עס טוט זיך אָפּ דאָס געשעענע (שטעטל־אויסקומעניש, דער שטאָטישער זייגערמאַכערײַ־וואַרשטאַט, דאָס רומל בא די דרײַ באַלעבאָסטעס, וועלכע האַלטן קוואַרטיראַנטן, די פּאַמיליע־טראַגעדיע בא די לערנערס, דאָס הייך־הויז, די פּאָליציי־קאַמער מיט אירע אונטערוועלט־טיפּן).

3. די סעמינאַר־ליניע (מיט אירע סעמינאַריסטן און לערער־געשטאַלטן).

4. די ליטעראַטן־ליניע (אין דער שול־פאַריין־ביבליִאָטעק, אין גאָרקיך, בא די שקאָלניקס אין דער היים, אויפן שטיינבאַרג־אָוונט).

5. און איבער אַלעמען — די יונג־רעוואָלוציִאָנערע אונטערערד־ליניע, וואָס ציט זיך אַוועק איבערן גאַנצן ראָמאַן, קימאַט פונעם ערשטן ביזן לעצטן זײַטל, מיט אירע טועכצן, מיט איר שטייגערישקײַט, מיט דער איבערגעגעבנקײַט, קאָרבאָנעס־גרייטקײַט, שטאַרקײַט און שוואַכקײַט, ריינקײַט, נאַיִוו־טמימעס־

דיקײַט, ראָמאַנטישקײַט, מיט דער גאנצער פּאָעזיע, וואָלט איך געזאָגט, פון אירע יונגע זיבעצניאָריקע העלדן־פּערסאָנאַזשן.

די צאָל פּערסאָנאַזשן אין ראָמאַן האָב איך ניט איבערגעציילט. נאָר אז כ׳ באַראָוויטש האָט עס יאָ געטאָן, גלייבן מיר אים. „העכער א האלבע מייע מענטשן" לעבן אין ראָמאַן. און ס׳איז דאָרט, מיין איך, כאָטש באַראָוויטש, קיינעם ניט ענג. וואָס פאר א געשטאלט מ׳האָט געדארפט מאָלן ברייטער, פול־בלוטיקער, „זיכטבארער", ווי איר זאָגט, און וואָס פאר א געשטאלט מ׳האָט געקענט אופלעבן מיט א פּאָר קארגע פּונקטירטע שטריכן, א פּאָר בילדעריש־קאָנטורירטע טנועס. דאָס איז אלץ אלעפבייס אין דער פּראָזע־קונסט.

קעדיי צו געשטאלטיקן די דעמלטיקע „יוירנדיקע זיבעצניאָריקײַט", האָט מען ניט געמוזט מאָלן אלע זיבעצניאָריקע ייִנגלעך און מיידלעך פון יענער צײַט. שוין אליין איין מאליע גיט גענוג דאָס געשטאלט פון דעם דעמלטיקן גוטן ראָמאַנטישן יונגוואַרג. נו, און לעבן מאליען — דער לירישער הויפּט־פּערסאָנאַזש אין ראָמאַן? און פארוואָס זאָגן וועגן די ברייט־געשילדערטע קאָמיוג־פּערסאָנאַזשן טאסיע, באָרע, בענע, העניעלע, ריווע, כאנע פּונקט דאָס קאָפּוירע?

ווי א נאָוועליסט, האָב איך יעדעס קאפּיטל אין ראָמאַן געגעבן נאָוועליסטיש פארונדיקט, אפילו די טיילן אין די קאפּיטלעך אויך אָפּט פארקײַלעכיקט מיט אַן עסייִסטיש־אויסגעדריקטן שלוס־געדאנק. אייניקע פּערסאָנאַזשן האָב איך, איבער דער דאָזיקער נאָוועלעארטיקײַט, ניט מיטגענומען די גאנצע צײַט מיט זיך, איבערגעלאָזט זיי אָפּגעשלאָסענע אין די פארונדיקטע קאפּיטלעך. פארקערט: אייניקע פּערסאָנאַזשן זײַנען אופגעקומען דערנאָך אין די ווײַטערדיקע קאפּיטלעך. דאָס האָב איך ווידער געטאָן בעקיוון, ווי א גאנג אזא. כוץ דעם: אין א ביכל מוז דאָך ניט זײַן אנדערש, ווי אין לעבן. די דאָזיקע נאָוועליסטישקײַט מאכט אָבער ניט דעם ראָמאַן פאר ניט קיין ראָמאַן.

נאָר צו וואָס וועגן דעם אזויפיל רייד? ס׳הייבט שוין אָן אויסזען, ווי איך שטיי און באטאפּ מיר דאָס פּאָנעם קעגן שפּיגל, ברענג רײַעס, אז כ׳פּאַרמאַג, כאַלילע, ניט קיין דרײַ אויערן און קיין צוויי נעז — כאָטש קיינער האָט דאָס מיר ניט פאַרגעוואָרפן און קיינער האָט עס מיר ניט א זאָג געטאָן.

און א דריטע זאַך:

וואָס בין איך מיטן ווערק אויסן?

א שרײַבער, פארשטייט זיך, דארף גיכער זאָגן „ניט דאָס איז ער אויסן", איידער זאָגן דאָס, וואָס ער איז אויסן. נאָר אז סע רעדט זיך שוין — רעדט זיך.

ריישיס, פּאָשעט: געבן א שטיק לעבן. און עפשער טאקע גאָרניט אזוי פּאָשעט. א פארגאנגען ייִדיש שטיק לעבן, א פארביק־שטייגערישס, אַן איקערדיקצענטראלס, וואָס איז ביז איצט, קימאט אין דער גאנצער ייִדישער ליטעראטור, ניט געשטאלטיקט געוואָרן, אפילו רעכט ניט פארעגיסטרירט געוואָרן.

א דאָר ייִנגלעך און מיידלעך, פון בעסעראַבער דאלעסדיק־קליינשטעטלדיקע געסלעך, מיט זייער קליינשטעטלדיקער האלבאָשע, מיט זייער כיינעוורדיק־בעסאראַבער לאָשן, מיט זייער קינדיש־ריינערערלעכקײַט, פּראָסטקײַט, היציקײַט, מעסירעסנעפעשדיקײַט, איז אוועק אין די גרויסע שטעט, ניט אזוי אליין פארדינען זיך דאָס שטיקל ברויט, ווי די דאָזיקע גרויסע קרומע וועלט א קאפּעלע אויסגלײַכן.

זיי האָבן מאקריוו געווען זייער יונגקײַט, מישפּאָכע־לעבן, טאכלעס, געטרײַע געפילן צו טאטע־מאַמע; זײַנען געפּײַניקט געוואָרן אין די טפּיסעס, געברענט און געבראָטן געוואָרן אין די פּאָליציי־קעלערס; און העכער דער ברעניש, אריבער די פּײַערצונגען פון די שײַטער־הויפנס האָט זיך אָן אופהער געהערט דער אקשאָנעסדיק־פּאָשעטער עמעס זייערער:

— פונדעסטוועגן, דרייט זי זיך!

כ׳האָב, צווייטנס, ניט נאָר געוואָלט געשטאלטיקן צי פארעגיסטרירן דאָס דאָזיקע שטיק לעבן, נאָר כ׳בין אויסן געווען, מיט מײַנע מעגלעכקײַטן, מיט מײַן אויג און דאָלעטע, אויסהאקן פאר דעם וווּנדערלעכן דאָר ייִנגלעך און מיידלעך א שטיקעלע דענקמאָל...

כ׳דריק אויס מײַן טיפן דאנק די כאווירים באָראָוויטש און גלייזער פארן אינטערעס, וואָס מײַן ווערק האָט בא זיי ארויסגערופן.

דאָס אליין, וואָס א ווערק אונדזערס רופט ארויס אזא איבערוף, איז א גוטער לעבעדיקער סימען פאר אונדזער גאנצער ליטעראַטור, פאר אונדז אלעמען.

הונדערט יאָר „אנא קאַרענינא"

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט לעוו ניקאָלײַע־וויטש טאָלסטאָי אָנגעהויבן ארבעטן איבערן ראָמאַן „אנא קארענינא". אין צוזאמענהאנג דערמיט זײַנען אין מעלוכישן ליטעראַרישן מוזיי פאָרגעקומען טראַ־דיציאָנעלע „טאָלסטאָי־פאָרלעזונגען".

די וויסנשאפטלעכע קאָנפערענץ האָט געעפנט דער דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן, פּראָפעסאָר ק. נ. לאָמונאָוו. ער האָט גערעדט וועגן דער קאָלאָ־סאלער פּאָפולערקײַט פון טאָלסטאָיס ראָמאַן אין דער גאנצער וועלט.

א גרויסן אינטערעס האָט ארויסגערופן דער פּאָר־טראָג פונעם פארדינסטפולן טוער פון קולטור רספסר, קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן ע. יע. זײַדענשנור, וועלכע האָט געגעבן אן אלזײַ־טיקן אנאליז פון דער ערשטער רעדאקציע פון „אנא קארענינא". ע. יע. זײַדענשנור האָט „אופגעשטעלט" און פארעפנטלעכט אָט די ערשטע רעדאקציע פונעם ראָמאַן. די פאָרשערן האָט גענוי אופגעקלערט און דערוויזן, אז אין אָט דער פריִער רעדאקציע זײַנען שוין געווען די יעסוידעס פון טאָלסטאָיס קאָמפּלי־צירט פּראָבלעמענפול ווערק.

דער פושקין־טראדיציע אין „אנא קארענינא" איז געווען געווידמעט די ארויסטרעטונג פונעם קאנדי־דאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן ע. ג. באבאיעוו. זײַן פאָרטראָג האָט ער אָנגערופן „טאָלסטאָיס פושקי־נישער ראָמאַן". ער האָט פּאָלעמיזירט מיט די טאָל־סטאָי־פאָרשער, וועלכע האלטן, אז טאָלסטאָי איז אין א געוויסער צײַט געווען געשטימט קריטיש צו פוש־קינען. דער פאָרטרעגער האָט פעסטגעשטעלט, אז פושקין איז שטענדיק געווען פאר טאָלסטאָיען א לערער און אן עכטער מוסטער פון א קינסטלער. „איך לערן זיך בא פושקינען, — האָט טאָלסטאָי גע־זאָגט, — ער איז מײַן פאָטער, בא אים דארף מען זיך לערנען".

וועגן דער באדײַטונג פון „אנא קארענינא" פאר דער וועלט־ליטעראטור האָט גערעדט אין איר ארויס־טרעטונג דער דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן ט. ל. מאָטיליאָווא. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערײַ־קער, אף דער באציִונג פון טאָמאס מאן צו טאָל־סטאָיס ראָמאַן. טאָמאס מאן האָט געהאלטן „אנא קאַ־רענינא" פארן סאמע וויכטיקן אידײיִש־קינסטלערישן ראָמאַן פונעם רוסישן שרײַבער.

דער ערשטער טאָג פון דער וויסנשאפטלעכער קאָנפערענץ האָט זיך פארענדיקט מיטן פאָרטראָג פונעם קאנדידאט פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן, דעם עלטערן וויסנשאפטלעכן מיטארבעטער פונעם טאָל־סטאָי־מוזיי א. אי. שיפמאַן — „אנא קארענינא" אין יאפּאָניע".

אף דער צווייטער זיצונג זײַנען אויסגעהערט גע־וואָרן פאָרטראָגן פון די קאנדידאטן פון פילאָלאָגישע וויסנשאפטן מ. מ. בורקינא „טאָלסטאָיס עסטעטישע זוכונגען אין די 70־ער יאָרן" און אי. יע. גריניאָווא „די אָפּרופן פון טאָלסטאָיס מיטצײַטלער וועגן „אנא קארענינא".

די קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן מיטן פאָרטראָג „די סאָוועטישע שרײַבער וועגן „אנא קארענינא", וועלכן ס'האָט געלייענט דער וויסנשאפטלעכער סעק־רעטאר פונעם טאָלסטאָי־מוזיי מ. ג. פּאָגאָרעלאָווא. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אף די ארויסזאָגונגען וועגן טאָלסטאָיס ראָמאַן פון די שרײַבער א. סעראפימאָ־וויטש, יו. אָליעשא, ק. פּאוסטאָווסקי, עמ. קאזאקע־וויטש, א. שטיין און א סאך אנדערע. אינטערעסאנט איז ערענבורגס אָפּרוף: „אייניקע פאָרשער מיינען, אז די צײַטונגס־יעדיִע וועגן זעלבסטמאָרד פון א יונ־גער פרוי האָט געגעבן טאָלסטאָיען די אידיי פון



„אנא קאַרענינאַ". קאָן זײַן, אַז די מיינונג האָט א גרונט, אָבער דאָס דערקלערט ניט דעם טאָך פונעם ווערק — די טיפקײַט און וואַרהאַפטיקײַט פון די העלדן. אונדז דערשיטערט אין „אנא קאַרענינאַ" די שילדערונג פון ליבע, און א סאַך לייענערס פרעגן באַ זיך, וויאַזוי האָט טאָלסטאָי אַזוי גוט געקאָנט פאַרשטיין די ליידן פון א פרויִיש האַרץ; אָבער אַז מע לייענט טאָלסטאָיס טאָגביכער, זײַנע בריוו, הייבט מען אָן צו פאַרשטיין, אַז אין אנעס געשטאַלט איז פאַרקערפּערט א סאַך פונעם שרײַבערס האַרץ־דער־פאַרונג. עפּשער טאַקע דערפאַר רעגט ביז איצט אנעס גוירל די לייענערס: די פרישקײַט, די קראַפט פון געפיל צווינגט צו פאַרגעסן די באַדינגלעכקײַט פון דער ווײַטער עפּאָכע".

ל. נ. טאָלסטאָיס „אנא קאַרענינאַ" איז איינס פון די סאַמע פּאָפּולערע ווערק בא די הײַנטצײַטיקע לייענער. פאַר די יאָרן פון דער ראַטנמאַכט איז דער ראָמאַן ארויסגעגעבן געוואָרן 136 מאָל מיט א טיראַזש פון 8 מיליאָן 225 טויזנט עקזעמפּליאַרן אָף 22 שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר. דער ראָמאַן „אנא קאַרענינא" איז צוויי מאָל דערשינען אָף ייִדיש.

מיר נוצן אויס די געלעגנהײַט, קעדיי איבערעכע־נען די אויסגאַבעס אָף ייִדיש און העברעיִש פון טאָל־סטאָיס ווערק.

אָף ייִדיש זײַנען דערשינען:

1. אנא קאַרענינא. איבערזעצונג פון אי. טריוואוש. מאָסקווע, 1918.

2. קינדער־יאָרן. איבערזעצונג פון א. רייזען. מאָ־סקווע, 1918.

3. די געשיכטע פונעם בינשטאָק מיט דער דעק פון קאָרע. איבערזעצונג פון מ. מ. מאָסקווע, 1918.

4. קאַרמאַ. דאָס ביסטו. איבערזעצונג פון מ. מ. מאָסקווע, 1918.

5. מעשאָלים פאַר קליינע קינדער. אָף ייִדיש באַ־אַרבעט פון ג. אַקציאָן. מאָסקווע, 1918. אינהאַלט: דער וואָלף און די ציג. די מורעשקע און דאָס טײַ־בעלע. דער הערש. דער וואָלף און די זקיינע. צוויי כאַווײרים. די מאַלפּע. דער פויער און די אוגער־קעס. די פייגל און די נעץ. די טשערעפּאַכע און דער אָדלער. דער לייב און דער פוקס. דער לייב און דער קאָמאַר. דער זאָקן און דער טויט.

6. אנא קאַרענינא. איבערזעצונג פון אי. טריוואוש. מאָסקווע, 1919.

7. קינדער־יאָרן. איבערזעצונג פון א. רייזען. מאָ־סקווע, 1919.

8. דער יונגער קעניג. איבערזעצונג פון מ. מ. מאָסקווע, 1919.

9. כאַדזשי מוראַט. איבערזעצונג פון דער ניסטער. קיִעוו. 1928.

10. דרײַ בערן. איבערזעצונג פון נ. שעכטמאַן. אָדעס. 1934.

11. דערציילונגען וועגן כײַעס. איבערזעצונג פון דער ניסטער. כאַרקאָוו — אָדעס, 1935. אינהאַלט: בולקאַ, בולקאַ און דער כאַזער. פאַזאַנען. מילטאָן און בולקאַ. די טשערעפּאַכע. בולקאַ און דער וואָלף. וואָס האָט געטראָפן מיט בולקען אין פּיאַטיגאָרסק. דער סאָף פון בולקען און מילטאָנען. דער האָז. די האָזן. פּײַערלעשער־הינט. דאָס קעצעלע. דער מאָלער. דער וואָראָביי און די שוועלבעלעך. דער לייב און דאָס הינטל. ווי די וועלף לערנען זייערע קינדער. דער יאַם־פיש (אקולאַ). א שפּרונג. וועלן איז ערגער ווי פאַרשקלאַפונג (Охота пуще неволи).

12. דער וואָראָביי און די שוועלבעלעך. אינעם בוך פ. זאַלצמאַן און אַנדערע. „ליטעראַרישע זאַמלונג פאַר קינדער־גערטנער". מינסק. 1936, זז. 67—68.

13. פאַר קליינינקע (פון טאָלסטאָיס „אַלעפבייס"), דאַרטן, זז. 54—56.

14. דער געפאַנגענער אין קאַווקאַז. איבערזעצונג פון וואָלקענשטיין. כאַרקאָוו, 1936.

15. וויאַזוי עס האָט א ייִנגעלע געטראָפן אין וואַלד א געוויטער. אינעם בוך: פ. זאַלצמאַן און אַנד. זז. 39—40 (זע נומ. 12).

16. דאָס קעצעלע. דאַרטן, זז. 45—46.

17. דער הונט און דער לייב. דאַרטן, ז. 53.

18. פּײַערלעשער־הינט. דאַרטן, זז. 51—52.

19. ראָזקע. דאַרטן, ז. 46.

20. דרײַ בערן. דאַרטן, זז. 63—65.

21. קינדהײַט און יונגע יאָרן. איבערזעצונג פון נ. זאַבאַרע. קיִעוו, 1938.

22. פאַר קליינע קינדער. איבערזעצונג פון פ. סי־טאַ. קיִעוו. 1938.

23. פיליפּאָק. איבערזעצונג פון ה. שוועדיק. מינסק, 1938.

24. כאַדזשי מוראַט. איבערזעצונג פון דער ני־סטער. מאָסקווע, 1938.

25. אנא קאַרענינא. ראָמאַן אין 8 טיילן. איבער־זעצונג פון ב. סלוצקי. קיִעוו, 1939, ב. I, 1—4 טייל, 660 ז.; ב. II, 5—8 טייל, 560 ז.

26. נאָכן באַל. איבערזעצונג פון ט. גען. מאָ־סקווע, 1939.

27. סעוואַסטאָפּאָלער דערציילונגען. איבערזעצונג פון ה. שוועדיק. מינסק, 1939. אינהאַלט: סעוואַסטאָ־פּאָל אין דעקאַבער. סעוואַסטאָפּאָל אין מײַ. סעוואַ־סטאָפּאָל אין אווגוסט 1855 יאָר.

אויסער דעם, זײַנען דערשינען אָף ייִדיש די פאָלגנדיקע ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי:

1. אנא קאַרענינא. איבערזעצונג פון מ. קאַץ. ניו־יאָרק.

2. דער טויט פון איוואַן איליטש. איבערזעצונג אב. קאַהאַן. ניו־יאָרק, 1918.

3. קרייצער־סאָנאַטע. איבערזעצונג פון אב. קאַ־האַן. ניו־יאָרק, 1918.

4. געקליבענע שריפטן. ערשטער באַנד. ווילנע (פאָרוואָרט ש. גאָרעליק).

אָף העברעיִש זײַנען דערשינען:

1. אנה קרינינה (אנא קאַרענינא). ספר ראשון, תרגום י. א. טריווש. מוסקבה, תרע״ח.

2. אנה קרינינה (אנא קאַרענינא), ספר שני, תרגום י. א. טריווש. מוסקבה, תרע״ט.

3. כתבי ל. נ. טאָלסטאָי, כרך ראשון, ילדות, ווילנא, (ווערק פון ל. נ. טאָלסטאָי, קינדהײַט), תרגום י. ד. ברקוביץ. ביוגרפיה — י. ח. רבניצקי. בעל מחשבות — טולסטוי האמן.

4. ילדות (קינדהײַט). מרוסית אברהם קריב. תל אביב, תרש״ד.

5. ספורים לקטנים (מײַסעלעך פאַר קליינינקע). תל אביב, תרש״ז.

6. מלחמה ושלום (קריג און פרידן). מרוסית ל. גולדברג, ישראל, 1956.

7. על מה יחיה האדם (פון וואָס לעבט דער מענטש). תרגום יהודה ליב ארנשטיין, קראָקאָ, 1893.

8. השבוי בקוקז (דער געפאַנגענער אין קאַווקאַז). תרגום א. ז. רבינוביץ, ורשה.

9. הקוזקים (קאָזאַקן). תרגום ד. שמעונוביץ. מוסקבה, תרע״ט.

10. כמה קרקע דרוש לאדם (וויפל ערד דאַרף אַ מענטש). תרגום י. ספבק. תל אביב, תרפ״ד.

11. התנים והפיל (אַ שאַקאַל און אַ העלפאַנד). אָדעס.

12. השלב הראשון (דער ערשטער שטאַפּל). תרגום נ. ב. חבקין. ירושלים, תרצ״ג.

13. חג׳י מוראט (כאַדזשי מוראַט). תרגום ד. שמעונוביץ. מוסקבה, תרע״ח.

די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע, וועלכע עס פאַרמאָגט דער טאָלסטאָי־מוזיי, איז אַוודאי ניט קיין אויסשעפּנדיקע. עס זײַנען זיכער נאָך פאַראַן אויסגאַבעס פון טאָלסטאָיס ווערק אָף ייִדיש און איווריט, דערשינענע אין פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט.

טאָלסטאָיס ווערק אָף ייִדיש און העברעיִש זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאַרהעלטניסמעסיק גרויסע טיראַזשן און אַ סאַך מאָל. דאָס דערקלערט זיך, פריִער פאַר אַלץ, דערמיט, וואָס די שאַפונג פונעם גענִיאַלן וואָרט־מײַסטער איז ביכלאַל פּאָפּולער אין דער גאַנצער וועלט, אין דער ליטעראַטור אָף אַלע שפּראַכן.

עס איז אָבער פאַראַן נאָך אַ וויכטיקע סיבע, פאַרוואָס טאָלסטאָיס נאָמען איז געוואָרן נאָענט דעם ייִדישן לייענער און דער ייִדישער ליטעראַטור אָף איווריט און אָף ייִדיש אין 19־טן און אין 20־טן יאָרהונדערט. ל. נ. טאָלסטאָי איז געוואָרן אַן אומדערמידלעכער קעמפער קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און, נאַטירלעך, אויך קעגן אַנטיסעמיטיזם אין צאַרישן רוסלאַנד.

טאָלסטאָי — דער גרויסער הומאַניסט — האָט ניט אָנערקענט קיין „אויסדערוויילטע" פעלקער און נאַציעס, קיין שאָוויניזם און ראַסיזם. ער האָט געטרוימט וועגן פעלקער־ברידערשאַפט און פעלקער־פרײַנטשאַפט. ער איז דעריבער ניט איין מאָל שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּאָליטיק פונעם צאַריזם, וואָס איז געווען גערichטעט אָף אָנרייצן איין נאַציע קעגן דער צווייטער. די צאַרישע רעגירונג האָט געררודעפט די ניט רוסישע פעלקער, די אַזוי־גערופענע „אינאָראָדצעס", האָט פאַרפּאָלגט זייער קולטור און ליטעראַטור. קעגן אָט דער פּאָליטיק זײַנען שאַרף אַרויסגעטראָטן די בעסטע פאַרשטייער פון דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור — הערצען, טורגעניעוו, טשערנישעווסקי, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, קאָראָלענקאָ, גאָרקי, אַנדרייעוו, בונין, בלאָק, און צווישן זיי ל. נ. טאָלסטאָי.

באַזונדערס שאַרף איז טאָלסטאָי אַרויסגעטראָטן קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פונעם צאַריזם, קעגן פּאָגראָמען אָף ייִדן.

אין 1890 האָט דער רוסישער פילאָסאָף וול. סאָלאָוויאָוו, צוזאַמען מיטן ענגלישן פּראָפעסאָר דילאָן, אָנגעשריבן אַ פּראָטעסט קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג. ל. נ. טאָלסטאָי האָט דער ערשטער געצייכנט דעם פּראָטעסט, וועלכער איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער לאָנדאָנער צײַטונג „טײַמס" פאַרן 10 דעקאַבער 1890. אין דעם זעלבן יאָר האָט טאָלסטאָי געשריבן: „איך באַדויער, וואָס די ייִדן ווערן אונטערדריקט, איך האַלט, אַז דאָס איז ניט בלויז אומגערעכטיק און אַכזאָריעסדיק, נאָר אויך זינלאָזיק"[1].

עס איז אויך באַוווּסט טאָלסטאָיס צאָרנדיקע אַרויסטרעטונג קעגן דער פּאָגראָם־פּאָליטיק פונעם צאַריזם אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, זײַנע בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען וועגן די פּאָגראָמען אָף ייִדן, באַזונדערס וועגן דעם פּאָגראָם אין קעשענעוו אין 1903. ל. טאָלסטאָי האָט אָנגעשריבן ספּעציעל פאַר דער זאַמלונג „הילף", וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט צוגעגרייט און אַרויסגעגעבן לטובֿת די געליטענע, דרײַ מײַסעלעך („דער קייסער פון אַשור אַסאַרהאַדאָן", „דרײַ פראַגן", „אַרבעט, טויט און קראַנקהײַט").

לעוו ניקאָלײַעוויטש טאָלסטאָי איז אַרויסגעטראָטן קעגן יעדן מין נאַציאָנאַליזם, שאָוויניזם, ראַסיזם, קעגן „דײַטשישן" אַריזם, „רוסישן" פּאַנסלאַוויזם, „ייִדישן" ציוניזם, — קעגן אַלץ, וואָס דערקלערט זיך אָפּגעזונדערט פונעם לעבן פון אַנדערע פעלקער, וואָס „האַלט העכער" דאָס אייגענע פאָלק פון אַנדערע פעלקער"; „אָט דאָס, — האָט געשריבן טאָלסטאָי, — איז געווען און איז ביז איצט דער קוואַל פון די גרעסטע אומגליקן פאַר דער מענטשהײַט".

טאָלסטאָיס ווירקונג אָף דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור איז גאָר באַדײַטנדיק. די פּראָבלעם איז נאָך אין דער ווײַטיקער מאָס ניט אויסגעפאָרשט.

ס'איז באַוווּסט שאָלעם־אַלייכעמס פילצאָליקע אַרויסזאָגונגען וועגן דעם רוסישן גאוניִשן קינסטלער. שאָלעם־אַלייכעם האָט גערופן די ייִדישע שרײַבער זיך לערנען בײַ טאָלסטאָיען און פאַרזעצן זײַנע רעאַליסטישע טראַדיציעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ס'איז קיין ספק ניט, אַז שאָלעם־אַלייכעם דער רעאַליסט האָט געפילט אַן אָרגאַנישע קרויווערשאַפט צו טאָלסטאָיס הומאַניזם, צו זײַן אינטערנאַציאָנאַליזם און באַזונדערס — צו זײַן רעאַליזם.

לעוו טאָלסטאָיס ווערק זײַנען ברייט באַוווּסט דעם ייִדישן לייענער סײַ אין רוסישן אָריגינאַל, סײַ אין דער איבערזעצונג אָף ייִדיש און איווריט. דער הונדערטיאָריקער יוביל פון „אַנאַ קאַרענינאַ" שטעלט נאָכאַמאָל פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג די וויכטיקע פּראָבלעם: טאָלסטאָי און די ייִדישע ליטעראַטור.

אסיע לאַמונאַוואַ
עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם מעלוכישן טאָלסטאָי־מוזיי אין מאָסקווע.

---

[1] Л. Н. Толстой. Юбилейное издание. Т. 65, стр. 7.

■

קינסטלער מיכאַיל גורעוויטש

(זע דאָס ארטיקל אף ז. 161).

דער דענקמאָל אין מאָסקווע אפן פושקין-פלאַץ

הארבסט

צוויי פרויען־פּאָרטרעטן



נאדיע סאָקאָלאָווא

א שמועס

דער רויטער פלאַץ

דערמאָנונג וועגן דעם אײַז־שפאלטער „קראסין״



שטריכן צו דער ביאָגראַפֿיע פֿון א קינסטלער

אין דער באַלוינונגס־ליסטע, וועלכע עס האָבן אונטערגעשריבן דער מאַרשאַל באַגראַמיאַן און דער גענעראַל־לייטענאַנט לעאָנאָוו, ווערט וועגן אים געזאָגט:

„דער קאָמאַנדיר פֿון דער קעגנטאַנקען־באַטאַריי לייטענאַנט גורעוויטש מיכאַיִל לוואָוויטש האָט דעם 13 סענטיאַבער 1943 אין די שלאַכטן פֿאַר טאַראַגנאָוואָ און שאַלאַן זיך אַרויסגעוויזן אַלס מוסטער פֿון א סאָוועטישן אָפֿיצער. ער איז געווען געוואַגט און שרעקלאָז אין קאַמף מיט די דײַטשיש־פֿאַשיסטישע פֿאַרכאַפּערס. אין דער שלאַכט האָט ער אופֿגעריסן פֿיר דזאָטן, דרײַ קוילנוואַרפֿערס, ער האָט אונטערגעצונדן צוויי סקלאַדן מיט געווער און פֿאַרניכטעט פֿערציק פֿאַשיסטן. דעם 15 סענטיאַבער, ווען דער פֿײַנט האָט קאָנטר־אַטאַקירט אונדזערע טײלן בא דעם דאָרף קאָשעליעוואָ, האָט גורעוויטש פּערזענלעך פֿאַרניכטעט פֿיר קוילנוואַרפֿער און אומגעבראַכט פֿופֿציק דײַטשישע סאָלדאַטן און אָפֿיצערן. דעם 17 סענטיאַבער, ווען די פֿאַשיסטן האָבן צונויפֿגעצויגן זייערע קויכעס און זײַנען אַוועק אין אָנגריף, האָט ער אַליין פֿון א האַרמאַט געשאָסן אין די דײַטשן. ווען בא אים זײַנען אויסגעגאַנגען די סנאַריאַדן, איז ער אַריבערגעלאָפֿן צו א צווייטן האַרמאַט. פֿאַר דער צײַט איז ער זיבן מאָל פֿאַרווונדעט געוואָרן. ווען אין דעם צווייטן האַרמאַט זײַנען אויך אויסגעגאַנגען די סנאַריאַדן, האָט ער זיך ניט פֿאַרלאָרן. פֿון זײַנע ווונדן האָט גערונען בלוט, אָבער ער האָט פֿאָרגעזעצט פֿירן די שלאַכט מיט גראַנאַטעס און מיטן פֿײַער פֿון זײַן אויטאָמאַט. פֿאַרניכטנדיק דרײַ קוילנוואַרפֿער און אכציק היטלעראָווצעס, איז ער אין דער דאָזיקער שלאַכט געפֿאַלן. ער האָט פֿאַרדינט, אַז נאָכן טויט זאָל אים צוגעייגנט ווערן דער טיטל „העלד פֿון סאָוועטנפֿאַרבאַנד”.

לויטן אוקאַז פֿון פּרעזידיום פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר פֿאַרן 4 יוני 1944 האָט מען דעם אָפֿיצער מיכאַיִל גורעוויטש באַלוינט מיטן דאָזיקן בעקאָוועדיקן טיטל.

מישע גורעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין סמאָלענסק. דאָ, ווי אויך אין טביליסי, האָט ער פֿאַרבראַכט זײַן קינדהײַט. אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע שרײַבט ער: „דער קאָלאָריט פֿון גרוזיע האָט זיך מיר פֿאַרגעדענקט אויף לאַנג, ער איז טיף אַרײַנגעדרונגען אין מיר מיט זײַן האַסטיקן ריטם, מיט זײַנע פֿאַרבן, געפֿילן און עמאָציעס. דאָ האָב איך געמאָלט אין עלטער פֿון עלף ביז פֿופֿצן יאָר מײַנע אַקוואַרעל־צייכענונגען „מילכאָמע”. מיר דוכט, אַז אין מײַנע איצטיקע אַרבעטן האָב איך ניט דערגרייכט אַזאַ שליימעס, ווי אין יענע קינדערישע אַקוואַרעלן”.

דער גרוזינישער פֿאָלקאָמבילד קאָמאַנדירט מישע גורעוויטשן זיך לערנען אינעם מאָסקווער טעכנישן וואַלד־אינסטיטוט. גורעוויטש איז אָבער אַזוי פֿאַרכאַפּט מיט דער מאָלערײַ־קונסט, אַז ער פֿאַרלאָזט צוליב איר דעם אינסטיטוט. עס קומט אים אויס זיך פֿאַרנעמען מיט שווערער פֿיזישער אַרבעט אין איינער פֿון די מאָסקווער דרוקערײַען. דערפֿאַר אָבער, אין דער פֿרײַער צײַט, האָט ער א מעגלעכקײַט זיך אָפּגעבן זײַן באַליבטער אַרבעט — ער מאָלט אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום: יונגע און אַלטע זעצער, כאַווײרים פֿון זײַן קאָמיוגישער אָרגאַניזאַציע. אינגיכן ווערט ער א סטודענט, צוערשט אפֿן קעראַמישן פֿאַקולטעט, דערנאָך אפֿן פֿאַקולטעט פֿון מאָלערײַ אין „וכוטעמאַס”. פֿאַר אים הייבט זיך אָן א נײַ, וווּנדערלעך לעבן: הייסע, פּרינציפּיעלע שטרײַטן וועגן קונסט, קינסטלערישע אויסשטעלונגען, שעפֿערישע אָוונטן.

מישע גורעוויטש האָט אַקטיוו אָנטײלגענומען אינעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿונעם אינסטיטוט. ער

מיכאַיִל גורעוויטש. סקולפּטור פון א. שוואַרץ.

האָט איליוסטרירט די וואַנט־צײַטונג, אונטער זײַן אָנפירונג זײַנען געשטעלט געוואָרן פאַרשיידענע פּיעסן, צו וועלכע ער האָט אַליין געגרייט דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, אַליין אויסגעפּילט אייניקע ראָלן.

מיט יוגנטלעכן ברען האָבן די וכוטעמאַסאָווצעס געזוכט נײַע וועגן אין דער קונסט. גורעוויטש איז געווען צווישן דער שלאָגלערישער בריגאַדע פון די סטודענטן־דיפּלאָמניקעס, וועלכע האָבן זיך פאַרפליכטעט ענדיקן דעם אינסטיטוט מיט א האַלב יאָר פאַרן טערמין — זיי האָבן געשטרעבט וואָס גיכער זיך אײַנשליסן אינעם שטורמישן לעבן פונעם לאַנד: אין יענער צײַט איז געגאַנגען א האַסטיקע אַרבעט אַף צו פאַרווירקלעכן די פּלענער פונעם ערשטן פינפיאָר.

אין 1930 יאָר האָט גורעוויטש פאַרענדיקט דעם „וכוטעיִן״ (אַזוי האָט שוין דאַן געהייסן דער אינסטיטוט). זײַן דיפּלאָם־אַרבעט „דער פאַרפאָר־זאַוואָד״ איז צווישן אַנדערע געווען עקספּאָנירט אַף דער אויסשטעלונג פון יונגע מאָלער. גורעוויטשעס בילדער האָבן אָנגעהויבן צוציִען די אויפמערקזאַמקײַט. דער פּראָפעסאָר א. רעוואָ האָט אײַנגעשאַפן זײַן פּייזאַזש „ווינטער הינטער מאָסקווע״, און אַנדער בילד — „א מאָסקווער בולוואַר״ — האָט אײַנגעשאַפן דער שפּאַנישער שרײַבער אַלוואַרעס דעל וויִאָ, וועלכער איז געקומען צו פאָרן קיין מאָסקווע אַף די טאָלסטאָי־פײַערונגען. גורעוויטשעס ווערק זײַנען געווען עקספּאָנירט אַף קינסטלערישע אויסשטעלונגען אין ניו־יאָרק, דאָרעם־אַפריקע און אין אַנדערע לענדער.

דער יונגער מאָלער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע קינסטלער — רעשעטניקאָוון, איגומנאָוון, טיאַגונאָוון — אָנטיילגענומען אין עקספּעדיציעס אַפן צאָפן־פּאָליוס. די רײַזעס אַף צאָפן האָבן באַרײַכערט זײַן פּאַליטרע. אין דער אַרקטיק האָט ער זייער פּראָדוקטיוו געאַרבעט, געמאָלט אין אייל־פאַרבן פּאָרטרעטן, עסקיזן צו פּאָרטרעטן און גרעסערע לײַוונטן.

מיט גרויס ענטוזיאַזם פלעגט גורעוויטש זיך אָוועקלאָזן אין די ווײַטסטע נעסיִעס. ער איז געווען אין קאָמאַנדירונגען אַפן קוזניעצקבוי, אין טשיאַטורי (גרוזיע), אויסגעפאָרן דעם באַרענצעווער, קאַרסקער, ווײַסן, גרענלאַנדישן יאַמען, געווען אַפן אינדזל ווײַגאַטש און אין אַנדערע ערטער.

אין 1933 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון בילדער פון די מאָלער, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין די אַרקטישע עקספּעדיציעס. די אויסשטעלונג האָט געהייסן „איבערן סאָוועטישן צאָפן״. אין דער בראָשור אונטער דעם זעלבן נאָמען, צו וועלכער אָטאָ יוליעוויטש שמידט האָט אָנגעשריבן א פאָרוואָרט, האָבן די אויטאָרן מיט ליבע און דאַנקבאַרקײַט זיך אָפּגערופן וועגן די יונגע סאָוועטישע מאָלער רעשעטניקאָוו, גורעוויטש, איגומנאָוו, וועגן זייער אָנטייל אין די עקספּעדיציעס. גורעוויטש איז אַף דער אויסשטעלונג געווען פאָרגעשטעלט מיט די בילדער „אַרכאַנגעלסק״ און „די שטאָט באַם צאָפן־פּאָליוס איגאַרקע״.

מיכאַיִל גורעוויטש האָט זיך אָפּגעגעבן דער קונסט אומדערמידלעך. פאַר די ערשטע צוויי יאָר פון זײַן זעלבשטענדיקער אַרבעט האָט ער אָנטיילגענומען אין 16 קינסטלערישע אויסשטעלונגען בײַ אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

שוין אינעם ערשטן טאָג פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז גורעוויטש אַוועק אין ראַיאָנישן מיליטער־קאָמיסאַריאַט און געבעטן, מע זאָל אים שיקן אַפן פראָנט.

אַף דער פאָדערשטער ליניע האָט ער טייקעף זיך גענומען פאַר דער אַרבעט: געמאָלט פּאָרטרעטן פון שלאַכטלײַט און קאָמאַנדירן, קאַריקאַטורן אַף די היטלעריסטן, געשריבן אַרטיקלען פאַר דער פראָנט־צײַטונג.

נאָך שווערע שלאַכטן איז אונדזער אַרמיי געצוווּנגען געווען פאַרלאָזן קרים. גורעוויטש האָט באַשטימט, אַז ער דאַרף זיך באַטייליקן אין דער מילכאָמע ניט נאָר אַלס קינסטלער. אין א ראַפּאָרט צום קאָמאַנדיר בעט ער, מע זאָל אים שיקן אין שלאַכט אַלס אַרטילעריסט. גראָד אין דעם מאָמענט האָט מען אָפּגעקליבן רויטאַרמייער פאַר דער מיליטער־שול. צווישן די אָפּגעקליבענע איז אויך געווען מישע גורעוויטש.

אַלס אַרטילעריסט, שוין נאָכן פאַרענדיקן די לער, קומט גורעוויטש אָן אַפן וואָראָניעזשער פראָנט. דאָס איז שוין געווען אין 1943, נאָך דער מאַפּאָלע פון די היטלעריסטן הינטער סטאַלינגראַד. די סאָוועטישע אַרמיי גרײַפט אָן אַף אַלע ריכטונגען, און אין באַשטאַנד פון דער 270־טער שיסער־דיוויזיע נעמט אָן אָנטייל אין די פאַרביטערטע שלאַכטן דער לייטענאַנט מישע גורעוויטש. זײַן וזוואָד איז איינער פון די ערשטע, באַגלײַך מיט די אָטריאַדן פון די ליזש־

ניקעס־אווטאָמאַטלער, ארויס צו דעם טײַך אָסקאָל, ווו דאָס מיליטער פונעם וואָראָניעזשער פראָנט האָט ארומגערינגלט א גרויסע פײַנטלעכע גרופּירונג, אָפּשנײַדנדיק איר דעם וועג אָף צוריק.

די ארטילעריסטן פון גורעוויטשעס ווזוואָד, מענטשן פון פארשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, האָבן ליב באַקומען זייער קאָמאַנדיר פאר זײַן העלדישקײַט און פריילעכן כאראקטער. אפילע אין די שווערע מילכאָמע־באַדינגונגען אָרגאַניזירט ער א זעלבסטעטיקן אנסאמבל, וואָס פלעגט אין די רעגעס פון שטילשטאנד ארויסטרעטן מיט קאָנצערטן. ער אליין איז געוועזן אן אקטיוועער אָנטיילנעמער אין זיי.

זומער 1943 האָט גורעוויטשעס טייל אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אָף קורסקער „בויגן”. פאר באַפרײַען בעלגאָראָד איז ער באַלוינט געוואָרן מיט דעם אָרדען פונעם רויטן שטערן.

אָנהייב סענטיאַבער 1943 טיילט ער מיט זײַן פרײַנט, דעם שרײַבער קאָנסטאַנטין לאַפּין: „איך שרײַב קורץ, מיט א בלײַער, אויב ניט אָף א באַראבאַן, ווי ס׳איז באַשריבן אין די ראָמאַנען וועגן דער מילכאָמע מיט נאַפּאָלעאָנען, איז אָפּן פּאָדערשטן טייל פון מײַן הארמאַט. איך האַלט איצט מילכאָמע אין די זומפּן פון מײַן סמאָלענשטשינע. מאָרגן גיי איך אין שלאַכט. א גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, נאָר באַוויזן אָפּן פערד באַקוקן אלע פּאָזיציעס”.

דאָס איז געוועזן זײַן לעצטער בריוו.

אײַנע נאָך דער אַנדערער פאַרבינדן זיך בלוטיקע שלאַכטן. מישע גורעוויטש ווערט באַלוינט מיטן אָרדען פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. ער לאָזט ניט ארויס פון דער האַנט דעם אווטאָמאַט ביז זײַן לעצטן אָטעם־צוג...

זומער 1945. נאָכן זיג איבער די פאשיסטן איז אינעם מאָסקווער קינסטלער־פאַרבאַנד אײַנגעאָרדנט געוואָרן אן אויסשטעלונג פון דעם מאָלער — העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד מיכאַיִל גורעוויטש. אָף די ווענט זײַנען געהאַנגען זײַנע בילדער, אָפּאָרטן, ליטאָגראַפיעס. אין זאַל איז געשטאַנען א בראָנזענער ביוסט פונעם קינסטלער. אָף דער פײַערלעכער פאַרזאַמלונג זײַנען געקומען גורעוויטשעס כאַווײרים־שלאַכטלײַט, ארבעטער פון דער דרוקערײַ און מאָלער, צווישן זיי — דער פאָלקס־מאָלער פון פּססר רעשעטניקאָוו. עס זײַנען געקומען דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד מ. סליעפּניאָוו, דער פאָלקס־ארטיסט פון פּססר מיכאָעלס, דער באַוווּסטער סאָוועטישער גראַפיקער שמארינאָוו און אַנדערע.

מיכאָעלס האָט אין זײַן ארויסטרעטונג געזאָגט:

— ער איז געוועזן זייער א יונגער מענטש, א יונגער לויט די יאָרן, לויטן טעמפּעראַמענט, א יונגער לויטן באַרוף צו זײַן יונג... ער האָט קיין צײַט ניט געהאַט צו שטאַרבן, ווײַל ער האָט געקעמפט און באַזיגט די פאשיסטן. אָט אַזוי שטעלט ער זיך אונדז פאָר — אין באַוועגונג, אין פאַרניכטן אַלץ, וואָס עס שטערט אונדזערע סאָוועטישע מענטשן לעבן און ליבן. העלדן שטאַרבן ניט, זיי בלײַבן אייביק לעבן אין דעם פאָלקס זיקאָרן...

א. שפּילבערג,

מיטגליד פונעם זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד פון פּססר

כראָניק

„ייִדישע לידער פון זינאָווי שולמאַנס רעפּערטואַר”

אַזוי הייסט די זאַמלונג פון ייִדישע זינגלידער, וועלכע עס האָט ארויסגעגעבן דער מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר”.

אין דער זאַמלונג איז דער באַוווּסטער זינגער זינאָווי שולמאַן פאָרגעשטעלט אויך אַלס קאָמפּאָזיטאָר און אווטאָר פון טעקסטן. אין איר זײַנען אײַנגעשלאָסן זעכצן פאָלקס־געזאַנגען און אויך זינגלידער פון ז. שולמאַנס רעפּערטואַר.

א גוטן אײַנדרוק לאָזן איבער די פאָלקסלידער „יונגע יאָרן”, „מאַמע, שלאָג מיך ניט”, „דאָס פאַסטעכל”, באַאַרבעט פון ל. פּולווער און ז. שולמאַן, ווי אויך די הײַנטצײַטיקע זינגלידער „די נײַע ייִדישע ליד” — קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, ווערטער פון אַרן ווערגעליס, און ז. שולמאַנס מעלאָדיעס צו די טעקסטן פון שיקע דריזס „מײַן זיידע האָט מיר דערציילט” און צו י. קאָטליאַרס „סימכע און זײַן ווײַב”.

די קלאַוויר־באַגלייטונג צו דער מערהײַט לידער איז געמאַכט מיט געשמאַק און אויסדריקלעכקײַט.

■ ■ ■

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

פּאַר א פולן זיג פון די שאָלעם=קויכעס

דאָס יאָר 1973 איז שוין אוועק אין דער געשיכטע, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט פאר דעם יאָר דעם ווייַטערדיקן. ווי עס קומט גאַנץ אָפט פאַר, זייַנען גראָד די לעצטע כאדאָשים, אפילע די לעצטע טעג, אָפּגעמערקט געוואָרן מיט עפּעס אזוינס, וואָס האָט צוגעגעבן דעם פארגאנגענעם יאָר א באזונדערס וויכטיקע באדייַטונג. שוין אין אָנהייב אָקטיאבער איז דער ראיאָן פונעם נאָענטן מיזרעך, די גאנצע וועלט דערשיטערט געוואָרן פון א נייַער מילכאָמע, וועלכע האָט אַף דעם טראגישסטן אויפן באשטעטיקט די אָנגענומענע מיינונג, אז מילכאָמעס אין די הייַנטיקע צייַטן זייַנען, איבער דעם אומגעהייערן וווקס פון די פארניכטונגס־מיטלען, א טויט־געפאר פאר אלע צדאָדים, וועלכע נעמען אין זיי אָנטייל. וואָס איז שייַעך דעם ייִסראָעלדיקן צאד, איז גענוג צו ברענגען דאָ איינע פון די אָפּשאצונגען פון דער צייַטונג „דאוואר", וועלכע האָט דעם 9 נאָיאבער פאָריקס יאָר געשריבן: „די יאָמקיפּער־מילכאָמע האָט צעשמעטערט א סאך איליוזיעס, אָפּגעפרעגט קאָנצעפּציעס, וואָס זייַנען אין ייִסראָעל אָנגענומען געווען זינט דעם זעקסטאָגיקן קריג, און האָט ארויסגערופן א שאָק בא דער געזעלשאפט, ווייַל אלץ איז געשען אין קאָנטראסט צו אירע דערווארטונגען. ס'זייַנען געווען פעלערן אין די פּאָליטישע אָפּשאצונגען און ס'זייַנען געמאכט געוואָרן פעלערן אין דער מיליטערישער צוגרייטונג. די דאָזיקע מילכאָמע איז ווי א מין ערדציטערניש, וואָס האלט נאָך אָן..."

יאָ, דאָס יאָר 1973 האָט געקאָנט זיך פארענדיקן מיט א קאטאסטראָפּע פאר ייִסראָעל, — די „ערדציטערניש" אין די פראָנט־געביטן האָט שוין אין אָקטיאבער כוידעש ארויסגעוויזן א טענדענץ צו פארשפּרייטן זיך אַף די אינערלעכע ראיאָנען פון דער מעדינע גופע, — און ס'איז בעפיירעש א גרויס גליק פארן ייִסראָעל־פאָלק, וואָס דעם סאָוועטנפארבאנד און די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע האָט זיך אייַנגעגעבן — אדאנק דער נייַער אטמאָספער — צו אופווירקן אַף די געשעענישן און אָפּשטעלן די בלוט־פארגיסונג. פּילצאָליקע פאקטן באווייַזן, אז ברייטע געזעלשאפטלעכע קרייַזן אין דער מעדינע הייבן אלץ מער אָן צו פארשטיין, אז די עקסטרעמע עלעמענטן קאָנען ברענגען ייִסראָעל צו א נאציאָנאלער טראגעדיע. אין דעם פּראט איז אויך גוט, וואָס די אזויגערופענע יאָמקיפּער־מילכאָמע האָט ארייַנגעגעבן, אזוי צו זאָגן, א פּאָרציע יאָמקיפּער־טראָפּנס דעם אָפּגעשוואכטן טייל פון דער ייִסראָעל־עפנטלעכקייַט, וועלכע איז אין דער לעצטער צייַט פארוויגט געוואָרן פון דער אומופהערלעכער באָמבאסטישער פּראָפּאגאנדע.

אין די סאמע לעצטע טעג פונעם 1973 יאָר איז געשען דאָס לאנג געגארטע. אין זשענעווע האָט זיך געעפנט די פרידלעכע קאָנפערענץ צווישן די אראבישע לענדער און ייִסראָעל, און, ווי ס'זאָגן איידעס די ערשטע יעדיִעס, איז די אטמאָספער אַף דער קאָנפערענץ א קאָנסטרוקטיווע און זאכלעכע. מיצאד די סאָנים פון אינטערנאציאָנאלער אנטשפּאנונג, פונעם שאָלעם און פרייַנטשאפט מיט די שכיינעסדיקע לענדער זייַנען גאנץ נאטירלעך די פארצווייפלטע באמיִונגען צו שטערן דער פרידלעכער קאָנפערענץ. ס'איז אָבער קיין סאָפעק ניט, אז איצט איז שוין ניט זייער צייַט. דאָס פאָלק פון ייִסראָעל וויל ניט קיין נייַע מילכאָמעס. סע פארשטייט גוט די לעבנסנייטיקייַט און דרינגלעכע באדערפעניש אין א סטאבילן שאָלעם.

קורץ, דאָס יאָר 1974 קאָן ווערן דער ארויסגאנג פונעם טונעל פון מילכאָמע און איזאָליאציע פאר ייִסראָעל. די זון פון פרידן און רו איז גרייט אופצוגיין פארן פּאָשעטן פאָלק, — צוליב דעם איז נייטיק, אז דאָס וואָרט אין גוירלדיקע פראגן זאָלן נעמען די אכרייַעספולע קויכעס. וועגן דער נויטווענדיקייַט פון א ראדיקאלן קער אין דער ייִסראָעל־פּאָליטיק בענוגייע דעם שאָלעם אפן נאָענטן מיזרעך רעדט מען איצט אומעטום אַף דער וועלט. אָט וואָס עס שרייַבט, לעמאָשל, דער לאָנדאָנער „טייַמס": „אויב ייִסראָעל שטרעבט צו דעם, אז די שאָלעם־אונטערהאנדלונגען זאָלן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, דארף זי באווייַזן, אז זי וויל בעעמעס אויסקלייַבן בעסער דעם שאָלעם, איידער די אָקופּאציע פון דער אראבישער טעריטאָריע. עס וואָלט געווען א פעלער פאר ייִסראָעל צו קלערן, אז א פרידלעכע לייזונג — וועלכע זי זאָל נישט זייַן — וועט זיך קאָנען באזירן אַף אָקופּאציע. אויב ייִסראָעל פארמאָגט דעם נייטיקן פּאָליטישן קויעך עס אופצוקלערן אַף אן איבערצייַגנדיקן אויפן, וועט זי, ווארשייַנלעך, האָבן איצט גרעסערע מעגלעכקייַטן, ווי ווען־ניט־איז, צו דערגרייכן א דויערהאפטן שאָלעם..."

די סאָוועטישע מענטשן שעצן ווי געהעריק די זאָרג פון אלע לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך פאר זייער סוווערעניטעט און אומאָפּהענגיקייַט, פאר דעם, אז יעדער פאָלק זאָל זייַן און פארבלייַבן דער באלעבאָס בא זיך אין

דער היים. מיר, סאָוועטישע מענטשן, ווייסן גוט, וואָס עס איז אַזוינס די שטרעבונג צו שאָלעם. מיר זײַנען דעריבער קעגן יענע „לייזונגען", וועלכע זײַנען באַזירט מער אַף קריעג, איידער אַף דער רעאַלער ווירקלעכקייט. מיר זײַנען אויך זיכער, אַז צוליב די אינטערעסן פון יִסראָעל און פון די ייִדישע מאַסן מוזן דרינגענדיק אָפּגעשטעלט ווערן די העצעס קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד.

דאָס 1974 יאָר האָט אַ בוילעט אויסגעשפּראָכענע טענדענץ צו ווערן אין דער גאַנצער וועלט דאָס יאָר פון אַנטשפּאַנונג און פרידלעכער קאָעקזיסטענץ. דער נאָענטער מיזרעך, מעדינאַס יִסראָעל זײַנען, צוגלייך מיט וויעטנאַם, — אַ „הייסער פּונקט" אַף דער פּלאַנעטע. לאָמיר האָפן, אַז די פרידנס־קויכעס וועלן גאָר אינגיכן אָפּהאַלטן אַ פולן זיג, קעדיי מע זאָל קאָנען זאָגן:

— אין 1974 יאָר איז דער נאָענטער מיזרעך אַרײַנגעטראָטן אין אַ לאַנגדויערנדיקער שאָלעם־טקופע.

אַף דער וועלט איז שוין דאָס לעצטע פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

מיר בעטן די כאַשעווע לייענער, זיי זאָלן ניט כוישעד זײַן, אַז די פאַקטן, וועלכע מיר וועלן באַלד ברענגען, זײַנען פראַגמענטן פון אַ צײַט־כראָניק פון דער טקופע פון די רעליגיִעזע מילכאָמעס, אָדער אַז זיי זײַנען אַראָפּגעשריבן פון אַ סאַטיריש ווערק, ווי בידנע, דערשלאָגענע באַשעפענישן לעבן אין אונדזערע טעג מיט די פאַרשטעלונגען פונעם מיטלאַלטער, אָדער, כאָלילע, אַז מיר גיבן עפּעס צו פון זיך צו די פאַקטן „צוליב פּראָפּאַגאַנדע".

דאָס ווײַטערדיקע איז גענומען פון דער יִסראָעלדיקער ציִעניסטישער פּרעסע. לויט די צײַטונגס־מיטיילונגען, וואָס מיר וועלן דאָ איבערדרוקן, איז ניט שווער פעסטצושטעלן, אַז עס גייט אַ רייד וועגן דער לעצטער מילכאָמע צווישן יִסראָעל און די אַראַבישע לענדער, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן, ווי באַוווּסט, אין טאָג פון יאָמקיפּער. מיר ברענגען דאָס אַלץ, ווײַל געוויינלעך טרעטן בוילעט אַרויס אין יעדער געזעלשאַפט, בײַס אַ מילכאָמע־אויספּרוּוו, אירע עמעסע אייגנשאַפטן — שטאַרקע און שוואַכע, נאָבעלע און לעכערלעכע.

מיר וועלן, פאַרשטענדלעך, דאָ אויסמײַדן צו באַרירן אַלגעמיין־פּרינציפּיעלע פראַגן בעשײַכעס דער „יאָמקיפּער־מילכאָמע". ס'איז אויך אָן און פאַר זיך קלאָר, אַז ווען עמעצער האָט זי צום ערשטן מאָל אַזוי אָנגערופן, האָט ער, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט אין זינען צו באַהויפּטן, אַז זי טראָגט אַ רעליגיִעזן כאַראַקטער, ביין — מיט יאָמקיפּער ווערט, ווי געזאָגט, בלויז באַצייכנט די צײַט, ווען די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. נאַטירלעך, אויך דאָס האָט געהאַט געוויסע קאָנסעקווענצן, אָבער וועמען וועט אײַנפאַלן, אַשטייגער, צו שילדערן די וועלט־מילכאָמע פון 1939 — 1945 לויט דעם, וויאַזוי עס האָבן זי געפירט, באַגײַסטערטע פון קסיאָנדזן, גאַלאָכים, בישאָפן, — סאָלדאַטן קאַטאָליקער, קריסטן אאַז?

אָבער אין מעדינאַס יִסראָעל, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין סאָף פון דער ערשטער העלפט פונעם הײַנטיקן יאָרהונדערט מיט דער הילף פון דער ציוויליזירטער וועלט, און דאָרט לעבט אַ ציוויליזירט פאָלק, אין אָט דער מעדינע געהער נאָך ביז הײַנט אַ גאָר גרויסער טייל פון דער מעלוכע־מאַכט צו אָבסקוראַנטישע דינער פון איינער פון די עלטסטע און אָרטאָדאָקסאַלסטע רעליגיעס.

ווײַטער ציטירן מיר אייניקע מיטיילונגען, וואָס די ציִעניסטישע צײַטונגען (די יִסראָעלדיקע „לעצטע נײַעס", דער ניו־יאָרקער „אַלגעמיינער זשורנאַל", דאָס פּאַריזשער „אונדזער וואָרט" און אַנד.) — צײַטונגען ניט קיין ספּעציפיש רעליגיעזע — האָבן געדרוקט אין די מילכאָמע־טעג פון אָקטיאַבער 1973.

„אין הויף פונעם גערער רעבן אין ירושאָלאַיִם האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, בײַס דער כאַזן אוראָם־הערש רוטאַ מיט דער קאַפּעלע האָט געזונגען דעם „אונסאַנע טויקעף". כסידים האָבן געפרעגט דעם רעבן, וויאַזוי זיך צו פירן — גיין איצט, יאָמקיפּער, אַף דער מילכאָמע, אָדער וואַרטן ביז אָוונט נאָך יאָמטעוו. דער רעבע האָט געענטפערט: „גיין? — לויפן!". האָט מען טאַקע געזען, ווי כסידישע יונגעלײַט לויפן אַהיים אין די טאַלייסים, ווײַסע קיטלען און שטעק־לאַטשן און ווי זיי כאַפּן שנעל דאָס מיליטער־זעקל און קאָנצענטרירן זיך אַף די זאַמל־פּונקטן"...

„אַ נײַער אוילע, וועלכער איז געקומען קיין יִסראָעל פון אַ קאָמוניסטישער מעדינע און איז ניט געווען געמאַלעט, איז געוואָרן פאַרוווּנדעט באַם סועץ און איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל פון בעייר־שעוואַ. ווען עס איז אים בעסער געוואָרן, האָט ער גערופן דעם דאָקטער אַבראַמאָוויטש און געבעטן, אַז מע זאָל אים איצט מאַלע זײַן, — ער וועט ניט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, אויב מע וועט אים ניט מאַלע זײַן..."

„די ניט רעליגיעזע סאָלדאַטן פּלעגן זיך ווענדן צום גערער יונגנמאַן אַריע שעפּס, ווען די איינהייט האָט געדאַרפט אײַנעמען דעם באַרג־שפּיץ אַף דער גרענעץ צווישן סיריע, ליוואַן און יִסראָעל: „אַריע, פאַרבינד זיך מיטן ריבוינעשעלוילעם און בעט הילף". און אַריע האָט בײַס די שיסערײַען גענומען זאָגן

א קאַפּיטל טילים. די סאָלדאטן האָבן באשלאָסן, אז פון איצט אָן וועלן זיי מיט זיך טראָגן „דאָס געהיימע ייִדישע געווער" — דאָס טילימל"...

„הילעל אנסדאָרפער, 21 יאָר אלט, האָט געלערנט אין גימנאזיע און אין יעשיווע. אין טאָג פון יאָמקיפּער איז ער געווען דער כאזן אין דעם בונקער באם קאנאל. בייסן דאווענען, צווישן מוסעף און מינכע, איז די איינהײַט ארומגערינגלט געוואָרן פון די עגיפּטער, און ווען ס'איז באשלאָסן געוואָרן זיך אונטערגעבן, האָט מען אָנגעהויבן דיסקוטירן, צי מע זאָל מיטנעמען די סייפערטוירע. די רעליגיִעזע האָבן געהאלטן, אז מע זאָל זי איבערלאָזן מיט די געהארגעטע כאווײרים, און גראדע די נישט־רעליגיִעזע — מע זאָל זי מיטנעמען. ווען הילעל איז ארויס מיט דער סייפערטוירע, האָט מען אים פאָטאָגראפירט. ער דערציילט דעם כאראקטעריסטישן פאקט, אז קיינמאָל האָט ער ניט געקענט די טכינעס אף אויסנווייניק, נאָר גראָד אין געפאנגענשאפט איז אים אלץ געקומען אין קאָפּ ארײַן, און ער האָט געקאָנט בעטן דעם ריבוינעשעלוילעם אָן שוועריקײַטן. ווען ער האָט זיך געניטיקט אין עפּעס א זאך און ער האָט געבעטן גאָט, איז דאָס אים מעקוייעם געוואָרן אף מאָרגן"...

„סאָלדאטן אפן גאָלאן האָבן געבויט א סוקע אפן דאך פון א טאנק! זיי האָבן פריִער געפרעגט א שײַלע, צי אזא סוקע איז קאָשער..."

„דער גענעראל אריק שאראָן איז א כאָסיד פונעם ליבאוויטשער רעבן. דער רעבע ביכווודוי־אוּוועאצמוי (פערזענלעך, מיט זײַן אייגענער פערזאָן) האָט איבערגעשיקט פון ניו־יאָרק דעם גענעראל א שטיקל לעקעך, אײַנגעפּאקט אין א זילבערן פּאפּיר, און באפוילן דעם שאָליִעך איבערגעבן עס אפן פראָנט מאמעש בא דער בריק איבערן סועץ־קאנאל, וועלכן צאהאל (דאָס ייִסראָעל־מיליטער) האָט פארלייגט, קעדיי איבערגיין אף דער מײַרעוו־זײַט. און אז דער רעבע באפעלט, איז אוימער ווע־עוויסע — געזאָגט און געטאָן. עטלעכע כסידים האָבן זיך געלאָזט אין וועג ארײַן מיט אן אווטאָ און אָנגעקומען אפן דאָרעם־פראָנט. אריק שאראָן האָט געמאכט א בראָכע און געגעסן מיט גרויס קאוואָנע. די שעליכים האָבן אויך געבראכט דעם גענעראל שאראָן א בריוו פונעם רעבן. אינעם בריוו זײַנען געווען סטראטעגישע אייצעס"...

„דער הויפּט־ראָוו פון ייִסראָעל האראוו שלוימע גאָרען איז אָנגעקומען אפן פראָנט נאָך פאר די מאָביליזירטע טאנקען. ער האָט געמאָלדן: „איך דארף ניט קיין באגלייטער. איך גיי מיט מײַן קליין סייפערטוירעלע, וועלכעס האָט מיך באגלייט אין אלע מילכאָמעס, וואָס ייִסראָעל האָט געפירט". אין מעשעך פון צוויי וואָכן האָט דער הויפּט־ראָוו ניט אויסגעטאָן זײַן גענעראל־מונדיר"...

„אין עגיפּטישן שטעטל פאיִד, אפן וועג קיין קאיִר, האָבן א פאָר הונדערט ייִסראָעלדיקע זעלנער, טאלמידים פון די יעשיוועס, ווו מע לערנט טוירע און מע דינט גלײַכצײַטיק אין מיליטער־פאָרמירונגען, באשלאָסן אויסנוצן דעם פײַער־איבערײַס און שאפן דאָרט א יעשיווע מיט אלע פּישטשעווקעס. זיי האָבן ארויסגעשיקט א שאָליִעך קיין טעל־אוויוו, קעדיי צו שאפן פאר זיך עטלעכע הונדערט געמאָרעס..."

דאָס אלץ קומט פאָר אף דער שוועל פונעם לעצטן פערטל פון דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט. אין קאָסמאָס פליִען ארום ספּוטניקעס, געשאפענע פונעם געניִאלן מענטשן־מויעך, און אין איינעם פון די אמערסטן באלעבטע ראיאָנען פונעם ערד־קוגל ווילדעווען שווארצע וואָראָנעס פונעם מיטלאלטער, באוואָפנטע מיט דעם שרעקלעכן אויסראָטונגס־געווער, וואָס די נײַע ציוויליזאציע האָט געשאפן. די דאָזיקע געשפענסטער פונעם מיטלאלטער זײַנען, צו אונדזער גרויסן ווייטעק, ייִדן; זיי האלטן זיך מיט ביידע הענט באם רודער פון דער נאָך יונגער מעדינאס ייִסראָעל; פארשטעלנדיק זיך מיט די שאָטנס פון זעקס מיליאָן ייִדן, אומגעבראכטע מיצאד מילכאָמע־פארברעכער פון דער ניט ווײַטער פארגאנגענהײַט, האָבן זיי און זייער גלײַכן אָנגעצונדן — קלוימערשט אין נאָמען פונעם ייִדישן פאָלק! — זייערע א מילכאָמע, און זיי שפּרייטן, אין זכוס פון זייערע באלעבאטים, די גענעראלן און געלט־מאגנאטן, — אומקום, פעלקער־האס, אָבסקוראנטיזם, גאזלעוואָיע.

זייער אידייִש געווער איז אין געגעבענעם פאל — רעליגיע. אָבער צוליב וואָס שיקן זיי אָן אף אָפּגענארטע און פארפירטע מענטשן אָט דעם געדיכטן טשאד? וואָס פארא קאָנקרעטע צילן שטעלן פאר זיך דער „גערער", דער „ליובאוויטשער", דער הויפּט־ראָוו אין גענעראלסקן מונדיר? אן ענטפער אף אָט דער דעליקאטער פראגע קאָנען מיר געפינען אין דער זעלבער ציִעניסטישער פרעסע.

מע האָט געדארפט צודעקן מיט גאָטס פאָלע דעם „מארש אף קאיִר". קומט אזא אופקלערונג. „צי קען צאהאל לויטן דין ארײַן אין מיצראיִם, — האָבן געפרעגט זעלנער פארן אריבערגיין דעם קאנאל, — צי מעגן זיי עס טאָן, ניט קוקנדיק אפן בעפיירעשן פּאָסעק אין דער טוירע, וועלכער פארווערט דעם פאָלק ייִסראָעל זיך צוריקקערן קיין מיצראיִם? דער שטעלפארטרעטער פונעם הויפּט־ראָוו פון צאהאל האָט, שטיצנדיק זיך אף די געהעריקע האלאָכע־מעקוירעס, אויפגעקלערט, אז אין דער צײַט פון מילכאָמע איז נישט כאל דער איסער (פארבאָט) זיך צוריקקערן קיין מיצראיִם. פארקערט, דאָס קען באטראכט ווערן אלס מיצווע"...

ס'איז נייטיק געווען צו מאָביליזירן קידעש־האשעמניקעס צוליב די אוואנטיורעס פון די ייִסראָעל־עקסטרעמיסטן. אויספילנדיק די דאָזיקע אופגאבע, האָט דער מיליטערישער ראָוו פון דער מעדינע געזאָגט אין זײַן העספעד: „עס איז ניט קיין צופאל, וואָס דאפקע הײַנט לייענען מיר די פארשע וועגן אקיידאס ייִצכאָק. נעם דײַן זון... און ער האָט געענטפערט: „הינייני" — איך בין גרייט. הינייני באדײַט: איך בין גרייט פאר

מאַלכעס, איך בין גרייט צו דערפילן יעדן באַ־
פעל, יעדע שליכעס, אויך די שרעקלעכסטע.
כ׳בין גרייט פון גוטן ווילן און אָן באַדינג״...

ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער „היליקער
מאַרש״, און צוויי מיט א האַלבן טויזנט פרישע
קוואָרים האָבן געוואַרט, אַז אומגליקלעכע טאַ־
טעס און מאַמעס זאָלן קומען באַוויינען זייערע
קינדער. איצט איז די פונקציע פון די ראַבאַ־
נים — איינהאַלטן אין ראַמען פון דיסציפּלין די
יאָמערנדיקע מענטשן, אויסגעשעפּטע פון צאַר
און ליידן. די ייִסראָעל־צײַטונגען טיילן צווישן
אַנדערס מיט: „די רעגירונג האָט געהאַלטן פאַר
נייטיק צו מעלדן די ערשטע ליסטע פון גע־
פאַלענע סאָלדאַטן אין דער וואָך פון סוקעס.
גלײַכצײַטיק איז געמאָלדן געוואָרן די פאַראָוול־
טע מישפּאָכעס, אַז ס׳איז יאָמטעוו, און דערי־
בער מוזן זיי אָפּלייגן זייער טרויער אויף נאָך־
יאָמטעוו...״

ווי מע גיט איבער פון ייִסראָעל, איז אין דער
שטאָט כײַפע אײַנגעפירט געוואָרן א נײַער סיג־
נאַל צו שאַבעס. מיט דער הילף פון לאַנגדויִ־
ערנדיקע סירענע־סיגנאַלן וועט מען צו וויסן
געבן, אַז עס איז צײַט ליכט־צינדן — ס׳איז
שוין שאַבעס. ביז איצט האָט מען דאָס געטאָן,
בלאָזנדיק אין די גאַסן אין טרומייטן.

צי איז שוין ניט צײַט צו געפינען פאַר מעדי־
נאַס ייִסראָעל אַזא מין סיגנאַל — א סירענע,
צי עפּעס אַנדערש — אויף צו מיטיילן אַלעמען,
ווער עס ווייסט עס נאָך ניט, אָדער וויל עס ניט
וויסן, אַז אויף דער וועלט איז שוין דאָס לעצטע
פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?..

„די בריק צווישן ברעגן״

אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספער פון די
זעקס יאָר נאָך די זעקס טעג האָט א זײַטיקער
מענטש געקאָנט מיינען, אַז אין דער ייִסראָעל־
ליטעראַטור האָט זיך שוין אײַנגעגעבן די מיליַ־
טאַריסטיש־געשטימטע שרײַבער צו פאַרהילכן
דאָס קאָל פון די אָנהענגער פון מיטאַרבעט און
ברידערלעכקײַט צווישן די פעלקער. די צוויי
גרינבערגס, שאַמירס און זייער כיידער האָבן
צעלאָזט הויכע קוילעס, פאָדערנדיק מיט כוצפּע
אַן עקספּאַנסיווע פּאָליטיק פאַר א גרויס ייִס־
ראָעל; פון עטלעכע לענדער האָט דאָס שרײַ־
בערישע אָפּפאַל זיך א לאָז געטאָן קיין ייִס־
ראָעל, פאַרדעקנדיק די שאַנד מיט פאַרשיידע־
נערליי דראַמאַטישע פּאַסירונגען, — זיך גע־
לאָזט לויפן קיין ייִסראָעל, ווו עס האָט געברענט
א מילכאָמע־סרייפע און עס האָבן זיך געפּאָ־
דערט אונטערטרעגער פון ברענשטאָף און פון
צינד־קלאָטשעס; דערצו נאָך — די פון טאָמיד
אָן פאַרקויפטע „בירגערלעכע״ זשורנאַליסטן...
קורץ, ס׳איז געווען א געפאַר, אַז אינעם שאָדן־
וואיִצאַקו וועט פאַר דעם ברייטן לייענער פאַר־
לאָרן גיין דאָס קאָל פון דער אכרײַעספולער
ליטעראַטור אין ייִסראָעל.

צום גליק איז דאָס ניט געשען. אויב, לע־
מאָשל, א בלעטער טאָן איצט אונדזער „סאָוועט־
טיש היימלאַנד״ פאַר אָט די יאָרן, איז ניט
שווער צו פעסטשטעלן, אַז די סאָוועטישע ייִדי־
שע שרײַבער, זייער זשורנאַל האָבן ניט אופגע־
הערט צו זוכן און געפינען דאָס בעסערע, דאָס
ערלעכע אין די ייִסראָעל־ליטעראַטורן אויף איוו־
ריט און אויף ייִדיש, מיט דער נייטיקער אופ־
מערקזאַמקײַט און מיט גרויס אָפּשײַ אָפּצו־
קלײַבן און באַווײַזן פאַרן לייענער־אוילעם די
געזונטע שפּראָצונגען פון דער ייִדיש־אַראַבי־
שער פרײַנטשאַפט אין די ליטעראַטורן פון
ביידע פעלקער.

ניט געקוקט אויף די אומופהערלעכע שמוציקע
קאַמפּאַניעס קעגן אונדזער לאַנד, וועלכע ווערן
אינספּירירט פון ייִסראָעל, ניט געקוקט אויף די
איבערגעריסענע מעלוכע־באַציִונגען צווישן די
צוויי לענדער, ווערן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״
רעגולער פאַרעפנטלעכט די ווערק פון צענדלי־
קער און צענדליקער שריפטשטעלער פון ייִס־
ראָעל און ס׳ווערט ניט איבערגעריסן די סיסטע־
מאַטישע אינפאָרמאַטיווע און פאָרשערישע אַר־
בעט אַרום דער געשיכטע און דעם הײַנטצײַטיקן
מאַצעוו פון די ליטעראַטורן אין ייִסראָעל; מיט
גרויס וואָרעמקײַט און לאָיאַלקײַט צו דער
אייגנטימלעכקײַט פון סטיל און פון ליטעראַרישן
„קסאַוו״ ווערט איבערגעזעצט, פאַרעפנטלעכט,
קאָמענטירט דאָס בעסטע און ווערטפולסטע פון
דער ליטעראַרישער פּראָדוקציע אין דער מעדי־
נע. די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, דער
זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ דריקן אויס אין
מעשעך פון אַלע יאָרן זייער סאָלידאַרישקײַט
מיט די קאָנסטרוקטיווע פעלקער־פרײַנטלעכע
און פרידנסליבנדיקע קויכעס אין דער ליטעראַ־
טור פון ייִסראָעל.

הײַנט קומען מיר ווידער אַרויסצוברענ־
גען אונדזער פרייד מיטן דערשײַנען פון זייער
א וויכטיקן קאָלעקטיוון בוך פון אונדזערע פען־
קאָלעגן אין ייִסראָעל, וועלכע שאַפן זייערע
ווערק אויף איווריט און אַראַביש. מיר האָבן דאָ
אין זינען די אָקאָרשט באַקומענע אין מאָסקווע
לידער־זאַמלונג „די בריק צווישן ברעגן״, אין
וועלכער עס זײַנען פאַרעפנטלעכט אויף איווריט
און אַראַביש, מיט קעגנזײַטיקער איבערזעצונג,
פרײַנטשאַפט־לידער פון 21 דיכטער פון ביידע
שפּראַכן. „די בריק צווישן ברעגן״ — א פּרעכ־
טיקער און פילצוזאָגנדיקער נאָמען!

וועגן דעם דאָזיקן בוך וועלן מיר נאָך האָבן
א מעגלעכקײַט צו ריידן. איצט איז אונדזער
מיין צו באַגריסן אַזעלכע געמיינזאַמע ליטעראַ־
רישע איניציאַטיוון, וועלכע לייגן דורך בריקן
צווישן פעלקער. אין דער איצטיקער אומגע־
בונג אויף נאָענטן מיזרעך איז ניטאָ קיין מער
נאָבעלע מיסיע, ווי די מיסיע פון דערנעענטערן
די פעלקער צווישן זיך.

אונדזערע מיטקעמפער

אַרן יערוסאַלימסקי

די „מײַרעווקע“ — אונדזער „קליינינקער אינטערנאַציאָנאַל“...

ז ומער 1921. נאָכן היסטאָרישן זיג אין בירגערקריג גייט די ראַטנמאַכט אַריבער צום פרידלעכן לעבן. די סאָציאַליסטישע בויונג פאָדערט נײַע קאַדרען, דערונטער נאַציאָנאַלע פּאַרטיי־טוער, און עס ווערן אָרגאַניזירט ראַטן־פּאַרטיי־שולן. צו יענער צײַט עקזיסטירן שוין דער קאָמוניסטישער אוניווערסיטעט אפן נאָמען פון יאַ. סווערדלאָוו און דער קאָמוניסטישער אוניווערסיטעט פון די אַרבעטנדיקע פון מיזרעך. אין מאָסקווע עפנט זיך אַ צענטראַלע ליטווישע ראַטן־פּאַרטיי־שול, נאָך איר — אַ ייִדישע און לעטישע. אײַנגיכן גיסן זיי זיך צונויף אין אַ „פאַראייניקטער ליטוויש־ייִדיש־לעטישער צענטראַלער ראַטן־פּאַרטיי־שול“.

די פאַראייניקטע שול האָט געאַרבעט אין דער געבײַדע פון אַן עוואַקויִרטן שפּיטאָל, ווו עס האָט זיך נאָך געפילט דער אָטעם פונעם פראָנט־לעבן. דאָס־ראָוו צוהערער זײַנען געווען דעמאָביליזירטע פון דער אַרמיי, אייניקע האָבן זיך נאָך גערעכנט פאַר מיליטער־לײַט. אין די ווינקלען פון די וווינונג־צימערן זײַנען געשטאַנען ביקסן. דער פּאַיאָק איז געווען אַ רויטאַרמייִשער — צוויי פונט ברויט אַ טאָג, אַ העלפט פון וועלכן מע האָט אָפּגעגעבן פאַר די הונגעריקע אין לאַנד. עס האָבן אויסגעפעלט בעטן, מאַטראַצן, קאָלדרעס — איז מען געשלאָפן אפן דיל און זיך צוגעדעקט מיט די שינעלן. די צוהערער פלעגן אַליין פאַרגרייטן אין די וועלדער הינטער מאָסקווע האָלץ פאַר דער שול, פאַריכטן די פאַרזשאַווערטע דעכער, שיילן אין קיך פאַרפרוירענע קאַרטאָפל, לאַטען די שטיוול, די דורכגעלעכערטע שינעלן.

דעם 28 נאָיאַבער 1921 האָט לענין אונטערגעשריבן אַ דעקרעט וועגן דער גרינדונג פונעם קאָמוניסטישן אוניווערסיטעט פון נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן פון מײַרעוו, וועמענס פליכט עס איז געווען — גרייטן טוער פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, וואָס באַוווינען דעם מײַרעוו פון רספסר. די אונטעריכט־שפּראַך אינעם אוניווערסיטעט, — האָט אויפגעקלערט דער דעקרעט, — דאַרף זײַן די מוטערשפּראַך פון די סטודענטן.

די „מײַרעווקע“ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ נײַעם טיפּ אוניווערסיטעט, אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישן לויטן גײַסט, אַן עכטע קאָמוניסטישע הויכשול פאַר די פעלקער פון די מײַרעוו־קאַנטן פון רספסר.

אַלס רעקטאָר פון דער „מײַרעווקע“ איז אין פעברואַל 1922 באַשטעטיקט געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג, דער באַוווסטער רעוואָליוציע־וועטעראַן, געלערנטער, דיפּלאָמאַט יוליאַן יוזעפאָוויטש מאַרכלעווסקי. צוגעטראָטן צו דער דאָזיקער אַרבעט איז ער זומער־צײַט, נאָך זײַן אומקערן זיך קיין מאָסקווע פון יאַפּאַניע און כינע, ווו ער האָט געפירט, לויטן אויפטראָג פון דער ראַטן־רעגירונג, וויכטיקע דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען.

מיר האָבן אים צום ערשטן מאָל דערזען אין סענטיאַבער 1922. אַ מענטש פון נידעריקן וווּקס, לאַנגע געדיכטע וואָנצן, אין וועלכע עס פאַרלירט זיך אַ שמייכעלע. אַ קליין שפּיציק בערדל. אויגן שוואַרצע און טיפע, וועלכע שטראַלן מיט וואַרעמקײַט. האַלבמיליטעריש געקליידט: אַ טונקל־גרויער פרענטש, אָפּגעפּוצטע ביז גלאַנץ שיך. די אַבמאָטקעס, וועלכע האָבן זיך בא אונדז מיעס טעלעבענדעוועט אף די פיס, האָבן אויסגעזען בא מאַרכלעווסקין אי פּראָסט, אי שיין: יעדער קרײַז אויסגעלייגט, ווי אויסגעמאָסטן, און בא דער קני פאַרצירעוועט מיט אַ שמאָל סטענגעלע. זיי האָבן אַפילע סטאַטנע געמאַכט זײַן פיגור.

יוליאַן יוזעפאָוויטש איז געווען פאַרנומען אין אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן, אין דער צענטראַל־ביוראָ פון די פּוילישע סעקציעס באַם צק פון רקפּ(ב), אינעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן, אין אינסטיטוט פון רויטער פּראָפעסור און אין אַנדערע אַנשטאַלטן. און דאָך האָט ער פיל אויפמערקזאַמקײַט געווידמעט דער „מײַרעווקע“ און געכאָוועט זי ווי אַ ליב קינד. אין אַ בריוו צו זײַן טאָכטער אין נאָיאַבער 1922 האָט מאַרכלעווסקי געשריבן, אַז עס שטייט אים פאַר אַ וויכטיקע שליכעס

קיין אויסלאנד און עס ווילט זיך אים ניט פארלאָזן דעם מײַרעוור־אוניווערסיטעט: „מיר איז זייער א שאָד מײַנע סטודענטן און קאָמונארן"[1]. און מארכלעווסקי האָט אָפּגעלייגט זײַן נעסיִע ביז די אוניווערסיטעט־קאניקולן.

פאָשעט, קימאט אומבאמערקבאר, ווי אן אלטער גוטערפרײַנט, איז יוליִאן יוזעפאָוויטש ארײַן אין אונדזער לעבן. די סטודענטן האָבן אים ליבלעך גערופן „דער אלטער". ער איז פאר אונדז געווען א מוסטער פון פאשטעס און הויכער קולטור, פון טאַלאנט און באשיידנקײַט, פון אָרגאניזירטקײַט און דיסצפּלין. זײַן ווירקונג האָבן מיר געפילט אינדערוואָכן און יאָמטעוו. אָט זאמלען זיך צונויף די סטודענטן אף א שאבעסניק — מע דארף רעמאָנטירן די צוזאמענוווינונג. אומדערוואַרט באווײַזט זיך מארכלעווסקי און שליסט זיך אײַן אין דער ארבעט. דערבײַ פארמעסט ער זיך מיט די סטודענטן אין גראָבן ערד, טאסקען ברעטער.

עס האָט זיך פארגעדענקט איינער אן אָוונט. ס׳איז געווען שאבעס. אין גרויסן אוניווערסיטעט־זאל איז א קאָנצערט. עס טרעט ארויס א באוווּסטער פוילישער פּיִאניסט. אין זאל באווײַזט זיך מארכלעווסקי. ער איז יאָמטעוודיק געקליידט. א שווארצער קאָסטיום, א ברייטער ווײַסער שניפּס, פון דער אייבערשטער קעשענע פון פידזשאַק זעט זיך ארויס דער דרײַעק פון א זײַדן טיכעלע. יוליִאן יוזעפאָוויטש פירט עלעגאנט אונטערן אָרעם זײַן פרוי. דער קאָנצערט הייבט זיך אָן. בעטהאָווען... שאָפּען... מיר וואַרפן בליקן אף מארכלעווסקין, וואָס זיצט ניט ווײַט פון אונדז. אזעלכן האָבן מיר אים נאָך ניט געזען — א געמיש פון יאָמטעוודיקײַט און ניט געוויינלעכער ערנסטקײַט... עס פארגעדענקען זיך זײַנע ווערטער: „די מענטשהײַט וועט קיינמאָל ניט אופהערן שטרעבן צו שיינקײַט. פארניכטנדיק דעם קאפּיטאליזם, וועט זי דורכלייגן א ברייטן וועג פאר איר פולער אנטוויקלונג..."

מארכלעווסקיס פארטרעטער און אָנפירער פונעם לערן־פּראָצעס איז געווען עסטער פרומקינע. אין 1925 יאָר, נאָך יוליִאן יוזעפאָוויטשעס טויט, ווערט זי דער רעקטאָר פונעם אוניווערסיטעט און פירט מיט אים אָן ביזן סאָף פון זײַן עקזיסטענץ (1936).

א הויכע פולע פרוי. טונקעלע גלאט־פארקעמטע האָר, גרויסע כיינעוודיקע אויגן. איר לעבעדיק געזיכט, די קלינגענדיקע שטים, דאָס מאָמענטנווײַז הילכיקע געלעכטער, די טעווע צו האלטן הויך פארהויבן דעם קאָפּ — אלץ האָט אויסגעגעבן איר טעמפּעראמענט, ענערגיע, שטאָלענעם ווילן. זי איז געווען פילזײַטיק געבילדעט — געענדיקט דעם בערלינער אוניווערסיטעט, גערעדט אף עטלעכע אויסלענדישע שפּראכן, טיף באהערשט די מארקסיסטיש־לעניניסטישע טעאָריע. אין אוניווערסיטעט האָט זיך גלענצנדיק ארויסגעוויזן איר טאלאנט אלס פּעדאגאָג, פאָרשער, דערציִער, אירע היפשע אָרגאניזאטאָרישע פייִקײַטן.

פרומקינע האָט אויך געארבעט אין צענטראל־ביוראָ פון די ייִדסעקציעס באם צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי, אין פאָלקאָמבילד. זי האָט אָנגעשריבן א ריי ביכער און בראָשורן וועגן לעניניזם, איבערגעזעצט אף ייִדיש פיל לענינס ווערק.

בייס דער אנטשטייונג פון דער „מײַרעווקע" איז עסטער אלט געווען 41 יאָר. אָבער די סטודענטן פונעם ייִדישן און פון אנדערע סעקטאָרן האָבן זי אָנגערופן „די מאמע". א „מאמע" איז זי געווען א קלוגע און א זאָרגזאמע. זי האָט צוגעצויגן צו דער ארבעט די בעסטע פּעדאגאָגישע קרעפטן פון מאָסקווע. זײַענדיק ענג פארבונדן מיט נ. ק. קרופּסקען, מיטן פאָלקאָמבילד, האָט זי ארײַנגעטראָגן אין לערן־פּראָצעס די דערגרייכונגען פונעם סאָוועטישן פּעדאגאָגישן געדאנק.

פרומקינע האָט פיל געזאָרגט וועגן די מאטעריעלע און קולטור־באדערפענישן פון די סטודענטן. זי פלעגט אליין אויסקלײַבן פּאסאָנען פאר די מאנטלען, וואָס מע האָט אונדז גענייט, געשריבן סצענאַריעס פאר די פאנטאָמימע־פאָרשטעלונגען און אכטונג געגעבן, אז די בולקעלעך, וועלכע מע פלעגט אונדז ארויסגעבן צום פרישטיק, זאָלן זײַן פרישע און גוט באשמירטע מיט פּוטער.

יעדערער פון די אָנפירנדע טוער פונעם אוניווערסיטעט איז געווען צוגעפּעסטיקט צו א באשטימטן סעקטאָר: מארכלעווסקי — צום פּוילישן, קאַפּסוקאַס־מיצקעוויטש — צום ליטווישן, דאוגע — צום לעטישן, פרומקינע — צום ייִדישן אא. עסטער האָט גלענצנד געקענט אפן ייִדסעקטאָר יעדן סטודענט, געוווּסט, אף וואָס ער איז פייִק, אף וועלכער ארבעט קאָן מען אים אמבעסטן אויסנוצן.

אין דער „מײַרעווקע" האָט געהערשט אן אינטערנאציִאָנאלע אטמאָספער, א ברידערלעכע אכדעס צווישן די סטודענטן פון פארשיידענע סעקטאָרן, וועלכע פלעגן שטודירן לויט אייגנהײַטלעכע לערן־פּלענער, באזוכן צוזאמען די קאבינעטן, לאבאָראַטאָריעס, ביבליִאָטעקן. דאָס האָט צוגעגעבן אן אינטערנאציִאָנאלן כאראקטער דעם מאסן־קולטור־לעבן — די אָוונטן, קאָנצערטן, עקסקורסיעס. דערבײַ האָבן אלע נאציִאָנאלע סעקטאָרן געפירט אן ענערגישן קאמף קעגן יעדן מין נאציִאָנאליזם. שוין אף דער ערשטער פארזאמלונג פונעם ייִדסעקטאָר האָט עסטער אָנגעוויזן אף דער נייטיקײַט אויסצוואָרצלען די רעשטן פון דער ציִעניסטישער און בונדיסטישער אידעאָלאָגיע.

אין אָקטיאבער 1922, ווען דער אוניווערסיטעט האָט געעפנט זײַנע טירן פאר די סטודענטן, האָט ער אויסגעזען פראכטפול־יאָמטעוודיק: די געבײַדע — אפסנײַ אָפּגערעמאָנטירט, אין די אאודיטאָריעס — נײַ מעבל; עס זײַנען אויסגעשטאט לאבאָראטאָריעס; אין דער צוזאמענוווינונג איז ווארעם, בעטן און בעטגעוואנט זײַנען דאָ פאר יעדערן, דער פּאיאָק פאר די סטודענטן איז א קורסאנטישער.

צום אלעם ערשטן האָבן זיך אויסגעבילדעט אין מאָסקווע — דער ליטווישער, לעטישער, ייִדישער, פּוילישער, ווײַסרוסישער, דײַטשישער סעקטאָרן, אין

[1] Феликс Тых, Хорсей Шумахер. Юлиан Мархлевский. «Мысль», М., 1969, стр. 351—352.

לענינגראַד — דער פֿינישער און עסטלענדישער. שפּעטער זײַנען אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אַכט סעקטאָרן.

די עפֿענונג פֿונעם ייִדסעקטאָר, ווי אויך פֿון די אַנדערע, איז געווען אַ באַשיידענע. די צײַטונג „דער עמעס" האָט דעמלט געשריבן וועגן דעם גוואַלדיקן קאָנטראַסט צווישן דעם אײַנגעהאַלטענעם סטיל אין ראַטנפֿאַרבאַנד באַם דורכפֿירן מאָסמיטלען פֿון קאָלאָסאַלן פֿאַרנעם און דעם טאַראַראַם, וואָס עס הייבן אויף די ציִעניסטן בא דער עפֿענונג אַפֿילו פֿון אַ נײַער יעשיווע.

די יעדיִע וועגן ייִדישן סעקטאָר אין דער „מײַרעווקע" האָט דערגרייכט די ווײַטסטע ייִשוווים אין אוקראַיִנע, אין ווײַסרוסלאַנד אאַ. און אַרויסגערופֿן אַ שטאַרקן אינטערעס, באַזונדערס בא די אַקטיוויסטן פֿון די ייִדישע קאָמיוגישע סעקציעס. 18 — 19־יאָריקע יאַטן און מיידלעך, קאָמיוגיסטן פֿון די ערשטע צוואַנציקער יאָרן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין מאָסקווע, אין דער „מײַרעווקע", צו פֿאַרווירקלעכן זייער טרוים — זיך לערנען.

אַדאַנק דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די אַרבעטער־יוגנט אויפֿגעוואַכט צום פּאָליטישן לעבן, אין די שלאַכטן מיטן צאַריזם האָבן די נעכטיקע טכום־מענטשן געשליפֿן זייער קלאַסן־באַוווּסטזײַן. איצט האָבן זיי געהאָלפֿן דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פּאַרפֿעסטיקן די ראַטן־אָרדענונג. אַ דריטל פֿונעם סטודענטישן באַשטאַנד אויפֿן ייִדסעקטאָר פֿון דער „מײַרעווקע" האָט ביזן אוניווערסיטעט זיך געפֿונען אין דער רויטער אַרמיי. לעניִנס רוף אויפֿן דריטן קאָמיוג־צוזאַמענפֿאָר „זיך לערנען קאָמוניזם" האָט פֿאַרכאַפּט די יוגנט. אויפֿן ייִדסעקטאָר זײַנען אין 1922 אָנגעקומען 128 סטודענטן, איבערהויפּט אַרבעטער, צווישן זיי — 52 פּראָצענט קאָמוניסטן און 38 פּראָצענט קאָמיוגיסטן. אין די ווײַטערדיקע יאָרן האָבן די אַרבעטער שוין באַטראָפֿן 90 — 95 פּראָצענט. דאָס זײַנען געווען פּאָשעטע יאַטן און מיידלעך, אָבער וויפֿל העלדישקײַט האָבן זיי שוין באַוויזן אין זייער לעבן ביזן אָנקומען זיך לערנען אין דער „מײַרעוועקע"! אָט זײַנען אייניקע פֿון זיי.

ס אָ נ י ע ט א ר א ט. סטאַראָסטע פֿון דער ערשטער לערן־גרופּע. אַ קליינוווקסיק מיידל מיט לויטערע אויגן און טונקל־העלע, הויך־פֿאַרקעמטע האָר. אַ ווײַס קאָפּטל, פֿריש פֿאַרפּרעסטע שמאָלע פֿאַלדן אויפֿן קליידל. אַן אויסגעשפּראָכענע מאַניר פֿון שטרענג האַלטן זיך און אויסדריקן שאַרף און פּינקטלעך די געדאַנקען אויף ייִדיש, רוסיש, אוקראַיִניש.

סאָניע טאַראַט איז געווען פֿון די ערשטע מיידלעך־גימנאַזיסטקעס, וועלכע זײַנען אין 1919 אַרײַנגעטראָטן אין דער זשיטאָמירער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע. דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט גיך אײַנגעזען איר איבערגעגעבנקײַט, אײַזערנעם ווילן און די פֿייִקײַטן צו אומלעגאַלער און אויספֿירארבעט, און ער האָט איר פֿאַרטרויט פֿאַראַנטוואָרטלעכע אויפֿגאַבן.

דער זיבעצניאָריקער סאָניע איז אויסגעקומען דורכמאַכן צופֿוס הונדערטער ווייאָרסט, דורכגיין געהיים דעם פּוילישן פֿראָנט, קעדיי אויספֿאָרשן דעם סוינעס קויכעס. זי איז עטלעכע מאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿונעם פֿײַנט און איז געשטאַנען פֿאַר דער געפֿאַר צעשאָסן צו ווערן. אָבער זי האָט זיך ניט פֿאַרלאָרן און מיט גרויס אײַנפֿאַלערישקײַט אינסצענירט אַ נאַיִווע מיידעלע.

נאָכן ענדיקן דעם אוניווערסיטעט האָט טאַראַט געאַרבעט אין צענטראַל־ביוראָ פֿון די ייִדישע קאָמיוג־סעקציעס באַם צק פֿון קאָמיוג, געווען אינסטרוקטאָר פֿונעם האָמליער גובפּאַרטקאָם. די שוואַכע אין געזונט, העלדישע סאָניע האָט געלעבט בלויז 27 יאָר, און צען פֿון זיי האָט זי אָפּגעגעבן דעם קאָמיוג און דער פּאַרטיי.

ש נ י י ע ר ג אָ ל ו ב י צ ק י. אין דער צײַט פֿון דעניקינשטשינע האָט דער זיבעצניאָריקער שנייער גאָלוביצקי אויפֿגעהאַלטן אין קיִעוו אויף טאַראַסאָווער גאַס, פּונקט אַנטקעגן דעם פּאָליציי־באַצירק, אַ קאָנספּיראַטיווע דירע. דאָס אײַזערנע אייוועלע אין זײַן צימערל האָט זיך אין די גרעסטע פֿרעסט ניט געהייצט — עס פֿלעגט זײַן פֿאַרפֿולט מיט אויפֿרופֿן פֿון דער קיִעווער אומלעגאַלער באָלשעוויסטישער אָרגאַניזאַציע. אין די אָוונטן פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אין דעם ניט באַלויכטענעם צימערל דעמיִעווקער באָכערים און מיידלעך און שמועסן וועגן דעם קאַמף פֿון דער רויטער אַרמיי, וועגן די נאָענטסטע אויפֿגאַבן פֿון דער אונטערערדישער אַרבעט. און פֿאַנאַנדערגיין פֿלעגט מען זיך, אָרומגעבונדענע מיט פּעקלעך אויפֿרופֿן, קעדיי דערנאָך אין דער פֿינצטערניש זיי אָנקלעפּן לעבן די פֿאַבריקן און זאַוואָדן, אויף די קיִעווער און דעמיִעווקער גאַסן. פּויערים, וועלכע זײַנען געקומען צו פֿאָרן פֿון אַרומיקע דערפֿער, פֿלעגן קאַיאָר, אַרונטערוקנדיק די פּאַפּאַכעס אויף דער פּאָטיליצע, שטיל שמועסן: „די באָלשעוויקעס האָבן שוין בלעטלעך אָפּגעדרוקט, וועלן זיי זיך דאָ גיך באַווײַזן". אויפֿן מאַרק פֿלעגט ווערן אַ בעהאָלע, מע האָט די דעניקינישע געלט־פּאַפּירלעך שוין אין די הענט ניט געוואָלט נעמען. די דעניקינישע צײַטונג „וועטשערניִע אָגני" האָט געשריבן: „דעמיִעווקע איז פֿאַרפּלייצט מיט אַגענטן פֿון טשעקאַ". אין מעשעך פֿון עטלעכע צענדליק יאָר איז גאָלוביצקי געווען אויף פּאַרטיי־ און פּעדאַגאָגישער אַרבעט און האָט זיך דעמאָביליזירט אַלס פּאָלקאָווניק פֿון מיליטערישער יאַם־אַוויִאַציע.

ש י מ ע ן ל ע ו י ן — דער פּאַרטאָרג פֿונעם ייִדסעקטאָר, מיטגליד פֿון דער אוניווערסיטעטישער פּאַרטיי־ביוראָ. זײַן „בילדונגס־צענז" ביזן אוניווערסיטעט איז פֿאָרמעל געווען עטלעכע כיידער־זמאַנים. נאָך דער באַרמיצווע האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ דרוקערײַ אין אַרזאַמאַס, וווּהין ער איז איבערגעפֿאָרן מיט די עלטערן — פּליטים פֿון קאָוונער גובערניע. אין אַרזאַמאַס און דערנאָך אין ניזשני נאָווגאָראָד האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיט רוסישע אַרבעטער און איז געוואָרן אַ ליבלינג בא די יונגע דרוקער און זעצער.

גלײַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט שימען לעווין זיך באַהעפֿט צום פּאָליטישן לעבן און איז אַרײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „דער דריטער אינטערנאַציִאָנאַל". אין פֿרילינג 1918 איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיט לײַב און לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן דער פּאַרטיי־אַרבעט צווישן די דרוקער אין ניזשני נאָווגאָראָד און שפּעטער — אין איר־

קוטסק, וווּהין די פּאַרטיי האָט אים קאָמאַנדירט. אין 1919 בײַס דער קאָלטשאַקאָווישער הערשאַפט אין אירקוטסק האָט לעווין אין מעשעך פון אַנדערהאַלבן יאָר אײַנגעשטעלט יאַווקעס, פאַרשפרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור, באַזאָרגט די פּאַרטיי־טוער מיט נייטיקע פּעסער.

אין נאָיאַבער 1919, ווען די אירקוטסקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן גרייטן אַן אויפשטאַנד קעגן דער קאָלטשאַקאָווישער מאַכט, איז לעווין באַשטימט געוואָרן אַלס מיטגליד פון באָלשעוויסטישן שטאַב פונעם שטאָטישן ראַיאָן. ער האָט פאַרגרייט געווער, אײַנגעשטעלט א פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון דער געגנט און אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם זיגרײַכן אויפשטאַנד. שפּעטער איז ער באַפולמעכטיקט געוואָרן צו דיסקאָנטירן דאָס פאַרמעגן פונעם פאַרכאַפּטן בא קאָלטשאַקן צוג און אָפּהיטן די רײַכקײַטן.

אין מאַרט 1920 באַשטימט מען לעווינען אַלס אינסטרוקטאָר פונעם גובפּאַרטקאָם פאַר אַרבעט צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. ער איז טעטיק צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן, טרעט אַרויס מיט פּאָרטראָגן, אָרגאַניזירט קלובן, שולן, אָוונט־קורסן, פאַרשפרייט סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור, ציט אַרײַן די ייִדישע אַרבעטער אין דער רויטער אַרמיי, דעמאַסקירט די אָרטיקע ציִעניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געהאָלפן די קאָלטשאַקאָווצעס אין זייער קאַמף קעגן די קאָמוניסטן.

ווען דאָס פּריצישע פּוילן איז אָנגעפאַלן אויפן ראַטנפאַרבאַנד, טרעט שימען לעווין אַרײַן אין ערשטן פרײַוויליקן אָטריאַד און פאָרט אַוועק אויפן מערעוו־פראָנט. אַלס פּאָליטרוק, אינסטרוקטאָר פונעם פּאָליט־אָפּטייל פון דער דיוויזיע, נעמט ער אָנטייל אין די שלאַכטן און ווערט פאַרוווּנדעט. נאָכן אויסהיילן זיך אין זאַפּאָראָזשיער שפּיטאָל ווערט ער באַשטימט אין 1921 אַלס סעקרעטאַר פון גובביוראָ פון ייִדישע קאָמיוג־סעקציעס. צײַטווײַליק אַרבעט ער אין צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדישע סעקציעס באַם צק פון קאָמיוג. אין 1922 קאָמאַנדירט אים דער סעקרעטאַר פון דער הויפּט־ביוראָ באַם צק פון קאָמיוג פון אוקראַיִנע סאָניע פרײַ זיך לערנען אין דער „מײַרעוווקע".

אַזאַ איז געווען דער וועג אויך פון א סך אַנדערע סטודענטן פון דער „מײַרעוווקע".

באַ דער גרינדונג פונעם ייִדסעקטאָר איז איינע פון די ערשטע פּראָבלעמען געווען דאָס צונויפזאַמלען א הויך־קוואַליפיצירטן פּעדאַגאָגישן קאָלעקטיוו. ער האָט געדאַרפט באַשטיין פון ערודירטע, געניטע פאַכלײַט — היסטאָריקער, פּאָליטעקאָנאָמיסטן, פילאָסאָפן, לינגוויסטן, מאַטעמאַטיקער, ביִאָלאָגן, — שטיין אויף א הויכער מאַדרייגע, באַהערשן די מאַרקסיסטיש־לענינישע טעאָריע. די פּעדאַגאָגן פון ייִדישן סעקטאָר האָבן געדאַרפט גוט קענען די ייִדישע שפּראַך.

אין מעשעך פון א קורצער צײַט האָט זיך אויסגעבילדעט און צעמענטירט א קאָלעקטיוו פון 30 — 35 קוואַליפיצירטע פּעדאַגאָגן. צווישן זיי זײַנען געווען אָנגעזעענע היסטאָריקער, פילאָסאָפן, ליטעראַטורקענער (עסטער, אַלטשולער, בראַכמאַן, בראָנשטיין, גאָזשאַנסקי, הייליקמאַן, בערן, טשעסקיס, קירזשניץ, קיטײַגאָראָדסקי, די שוועסטער לעסניק, נוסינאָוו, פאַלקאָוויטש, פרידליאַנד אאַ.). מיט עפּיזאָדישע לעקציעס זײַנען אַרויסגעטראָטן טשעמערינסקי, ליטוואַקאָוו, מערעזשין, אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבער, קולטור־טוער. אַרטיסטן.

פון אָנהייב אָן האָט זיך צווישן די סטודענטן און פּעדאַגאָגן אײַנגעשטעלט א כאַווערישע אַטמאָספער. אונדז האָט דערנעענטערט אי דאָס, וואָס פיל פּעדאַגאָגן זײַנען געווען ניט אויף א סך עלטער פון די סטודענטן, אי דאָס, וואָס מיר אַלע האָבן געאָטעמט מיטן פּאַטאָס פון דער רעוואָליוציע. וועגן עטלעכע פּעדאַגאָגן ווילט זיך זאָגן א פּאָר ווערטער.

י י צ כ אָ ק נ ו ס י נ אָ ו. אין „מײַרעוווקע" האָט ער געאַרבעט פון איר ערשטן טאָג. ער איז דאַן אַלט געווען 32 יאָר. א הויכער, דאַרער, מיט א לענגלעכבלאַסן געזיכט און גרויסע מילדע אויגן. צוזאַמען מיט דער טאָלסטאָווקע, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט דאָס אַלץ אונטערגעשטראָכן זײַן טיפן דעמאָקראַטיזם און הומאַניזם.

נוסינאָווס לעקציעס וועגן ייִדישער און מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור האָבן די סטודענטן געהערט מיט גרויס פאַרגעניגן. געלייענט האָט ער טעמפּעראַמענטפול, צוגענגלעך. ער האָט מײַסטעריש פאַרבונדן די ליטעראַטור מיט די אַקטועלע פראַגן פון דער הײַנטצײַטיקײַט. אין די לעקציעס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט זײַנע טיפע קענטענישן פון פילאָסאָפיע, געשיכטע, קונסט. אונדז האָט באַזונדערס פאַרכאַפּט דער קורס פון מײַרעוו־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. נוסינאָוו האָט געעפנט פאַר אונדז א נײַע וועלט, באַקאַנט מיט נײַע אויטאָרן, ווערק, געשטאַלטן. א טיפן אײַנדרוק האָבן אויף אונדז געמאַכט זײַנע באַהויפּטונגען וועגן די „אייביקע געשטאַלטן" אין דער וועלט־ליטעראַטור און זייער אָפּשפּיגלונג אין די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער.

נוסינאָווס היימישקײַט האָט געווירקט, אַז מיר, סטודענטן, זאָלן ווערן בניי־באַיִס באַ אים אויף מיאַסניצקי־גאַס אין מאָסקווע, און נאָך מער — אין סאָווירט „נאָוויִע יעלצי" באַ דער אָזערע סעליגער, וווּהין דער ייִדסעקטאָר פלעגט אַרויספאָרן אויף א גאַנצן סעמעסטער. פאַרמאַטערטע פון דער פעלד־אַרבעט, פלעגן מיר גרופּעסווײַז זיך באַזעצן באַ אים אויפן גאַנעקל, צובײַסן עפּעס, און עס פלעגט זיך פאַרציִען א האַרציקער שמועס וועגן פּאָליטיק, ליטעראַטור, געזעלשאַפטלעכע און פּערזענלעכע פראַגן.

ס אַ מ ו יִ ל ג אָ ז ש אַ נ ס ק י האָט געלייענט אויפן ייִדסעקטאָר דעם קורס פון פּאָליטעקאָנאָמיע. צווישן די לעקטאָרן איז ער געווען דער עלטסטער — צו דער עפענונג פון דער „מײַרעוווקע" איז ער אַלט געווען 55 יאָר. א קרעפטיקער מאַנצבל, מיט א לײַבישער שוועליורע פעך־שוואַרצע האָר, דורכגעצײַרעוועטע מיט גרויע פעדעם, האָט זײַן רויִק, ערנסט געזיכט ווי באַשטעטיקט זײַן פּסעוודאָנים פון די יונגע יאָרן — „דער לערער" — און זײַן קאָמיסאַרישע טעטיקײַט אין די יאָרן פונעם בירגערקריג.

דער אויטאָר פון דעם באַוווּסטן „בריוו צו די אַגיטאַטאָרן", וואָס איז דערשינען אין אָנהייב פון די

ניַינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט[1], איז ער איצט ארויסגעטראָטן אלס טאלאנטפולער לעקטאָר, פּראָפּאגאנדיסט. ער האָט ארויסגעוויזן אן אויסשליסלעכע מיַיסטערשאפט צו דערקלערן פּאָפּולער די סטודענטן דעם אינהאלט פון קארל מארקס' „קאפּיטאל" און איבערגעבן זיי די גרינטלעכע קענטעניש פון פּאָליטעקאָנאָמיע. סאמויל גאָזשאנסקי איז געווען שטארק באליבט אויך בא די סטודענטן פון דער קאָמוניסטישער אקאדעמיע פון סאָציאלער דערציִונג, ווו ער האָט געארבעט אין מעשעך פון פיל יאָרן.

צ ו י י פ ר י ד ל י א נ ד האָט אָנגעפירט אין דער ערשטער לערן־גרופּע מיטן סעמינאר פון געשיכטע פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אף מיַירעוו. זיַינע פונדאמענטאלע היסטאָרישע קענטענישן, שארפער מויעך, זעלטענער זיקאָרן, שעפערישע פייִקיַיטן האָבן אים גיך ארויסגערוקט אין די ערשטע רייען פון די טאלאנטירטע סאָוועטישע היסטאָריקער. אלס אָנפירער פונעם סעמינאר, פלעגט פרידליאנד ארויסטרעטן נאָר מיט שלוס־ווערטער נאָכן באהאנדלען יעדן פאָרטראָג. זיי זיַינען געווען קורצע, פינף־און־צוואנציקמינוטיקע, אָבער ער פלעגט פאר אָט דער גאָר קורצער ציַיט פונדאמענטאל באהאנדלען די טעמע, איבערגעבן איר לאָגיק, אנאליזירן די וויכטיקסטע פאקטן און באזירן אף זיי די מארקסיסטישע באהויפּטונגען. ער פלעגט דערביַי די פאקטן איַינפרעסן אין אונדזער זיקאָרן אזוי, אז זיי האָבן זיך פארגעדענקט אף צענדליקער יאָרן. פרידליאנד האָט אין פיל פון אונדז איַינגעפלאנצט די ליבע צו געשיכטע.

עס געדענקט זיך אזא פאל. אין יון 1923 איז פרידליאנד געקומען אפן סעמינאר אין א יאָמטעוודיקער שטימונג. פון זיַין פולגעפאקטן פּאָרטפעל האָבן געסטארטשעט די גראנקעס פון דער כרעסטאָמאטיע וועגן דער רעוואָליוציאָנערער געשיכטע פון מיַירעוו, וועלכע ער האָט צונויפגעשטעלט צוזאמען מיט סלוצקין. זי איז שפּעטער אָפּגעדרוקט געווען אויך אין יִידיש. די כרעסטאָמאטיע האָט פיל פארגרינגערט דאָס לערנען פונעם קורס, קאָנצענטרירנדיק די גרונטדאָקומענטן, אָנוויַיזנדיק דעם פלאן פון יעדער טעמע, די הילף־ליטעראטור. זי האָט מיטגעהאָלפן סיסטעמאטיזירן אונדזערע קענטענישן. די גרופּע האָט באשטימט אָפּצייכענען דאָס דערשיַינען פונעם בוך. פרידליאנד האָט פאר דער סימכע מענאדער געווען א דריַיערל אף איַיז־קרעם. בעראָש מיט אים האָבן מיר זיך אויסגעשטעלט אף פּעטראָווקעריגער געסל ארום דעם „מאָראָזשענשטשיק" און אויסגעליידיקט א גאנץ דייזשקעלע. דערביַי האָבן מיר מיט אונדזער לערער פארשריבן טנאָים: פאר יעדן וויַיטערדיקן ניַיעם בוך — א דייזשקעלע איַיז־קרעם. פרידליאנד איז געווען שעפעריש, און מיר האָבן זיך פאר א קורצער ציַיט היפּש אָנגענאשט (שפּעטער איז ארויס זיַין קורס לעקציעס און זיַינע פונדאמענטאלע ארבעטן וועגן דער גרויסער פראנצויזישער בורזשואזער רעוואָליוציע).

ט ע ו י י ע ה י י ל י ק מ א ן איז געווען באזונדערס באליבט בא די סטודענטן. זיַין גוטמוטיק געזיכט און דער שטענדיקער שמייכל האָבן אים געמאכט יִינגער פון זיַינע צוויי און פופציק יאָר. ער האָט גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין אקאדעמישן און געזעלשאפטלעכן לעבן פונעם אוניווערסיטעט. די „מיַירעווקע" האָט אים דערצויגן אלס א קאָמוניסט — ער איז אריַינגעטראָטן אין דער פּארטיי שוין בא די זעכציקער.

הייליקמאנס טיפע אלזיַיטיקע קענטענישן האָבן געטראָגן אן אוניווערסאלן כאראקטער. ער האָט געלייענט די קורסן פון פילאָסאָפיע, פּאָליטעקאָנאָמיע, און באזונדערס פיל מי און קרעפטן האָט ער אָפּגעגעבן דער מארקסיסטישער פאנאנדערארבעטונג פון דער יִידישער געשיכטע.

אין 1926 איז דערשינען דער ערשטער באנד פון זיַין „געשיכטע פון די געזעלשאפטלעכע באוועגונגען פון די יִידן אין פוילן און רוסלאנד", אין 1929 — זיַין בוך „באָרוך שפּינאָזע", אין 1932 איז אין דער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע געווען אָפּגעדרוקט זיַין ארבעט „די יִידן אין רוסלאנד", אין 1948 — „די געשיכטע פון יִידן אין פּססר". אין די לעצטע יאָרן פון זיַין לעבן האָט הייליקמאן פאָרגעזעצט אן אקטיווע פאָרשערישע ארבעט, אָנגעשריבן א ניַיע מאָנאָגראפיע, אין וועלכער ער האָט דערפירט די געשיכטע פון די יִידן אין רוסלאנד ביזן סאָף פונעם 19־טן יה.

ע ל י ע פ א ל ק אָ ו י ט ש איז געווען דער יִינגסטער צווישן די פּעדאגאָגן אפן יִידסעקטאָר. ער איז אלט געווען 23 יאָר, בייס ער איז געוואָרן אונדזער לעקטאָר פון יִידישער שפּראך און ליטעראטור. און דאָך האָט ער שוין צו יענער ציַיט פארמאָגט א היפּשע פּעדאגאָגישע און לעבנס־דערפארונג: פארענדיקט דעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, געארבעט אלס לערער פון יִידישער שפּראך אין איינער פון די האָמליער סאָוועטישע שולן, געקעמפט אין 1920 יאָר אין די רייען פון דער רויטער ארמיי.

פאלקאָוויטש איז געוואקסן צוזאמען מיטן אוניווערסיטעט. ער האָט אָנגעשריבן זיַין פּאָפּולערע גראמאטיק פון יִידיש און אנדערע ארבעטן, געוואָרן א דאָצענט פונעם מאָסקווער מעלוכישן פּעדאגאָגישן אינסטיטוט אף וו. אי. לענינס נאָמען.

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די גרויסע פּאָטערלענדישע מילכאָמע, איז עליע פאלקאָוויטש אריַינגעטראָטן אין דער פאָלקס־אָפּאָלטשעניע. אינגיכן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז, זיַיענדיק א סאניטאר, האָט ער אין מעשעך פון א פּאָר כאדאָשים ארויסגעטראָגן פון שלאכטפעלד אף זיַינע פּלייצעס 88 פארוווּנדעטע רויטארמייער און קאָמאנדירן.

אין סאָף נאָיאבער — אָנהייב דעקאבער 1941 האָט זיך הינטער מאָסקווע, אף איינעם פון די באצירקן פונעם פראָנט צווישן נאראָפאָמינסק און קובינקע, געשאפן א געפערלעכע סיטואציע. עס האָט אויסגעפעלט א קאָמאנדיר. האָט פאלקאָוויטש זיך געשטעלט בעראָש פון א גרופּע רויטארמייער און אין דער שלאכט פארכאפּט אין געפענקעניש 48 פאשיסטן. פאר זיַין געוואגטקיַיט איז ער באלוינט געוואָרן מיטן לענין־אָרדען.

דאָ ניט לאנג האָבן מיר אָפּגעצייכנט ע. פאלקאָוויטשעס 75־יאָריקן יובילעי. דער באוווּסטער לינגוויסט

---

[1] ס. גאָזשאנסקיס „א בריוו צו די אגיטאטאָרן" איז דערשינען סאָף 1893 — אָנהייב 1894 ווי א פּאָפּוליאריזירנדיקער צוגאָב צו דער בראָשור „וועגן אגיטאציע", וועלכע איז דערשינען אין ווילנע (רעד.).

זעצט אויך היינט פאָר מיט דערפאָלג זיין פּעדאַגאָגישע און וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט.

די טעאָרעטישע צוגרייטונג איז געווען דער וויכטיקסטער עלעמענט פון אונדזער לערן־פּראָצעס, אָבער ווייט ניט דער איינציקער. דער אוניווערסיטעט איז באַרופן געווען צו געבן די סטודענטן ניט נאָר די טעאָריע, נאָר אויך די פּראַקטיק פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. מיר האָבן זי באַגריפן, אָנטיילנעמענדיק אין פּאָליטישן לעבן פון מאָסקווע, אַרבעטנדיק אַלע דריי יאָר אַלס פּראָפּאַגאַנדיסטן און אָרגאַניזאַטאָרן אויף מאָסקווער אונטערנעמונגען, געפינענדיק זיך אַ האַלב יאָר קעסיידער אויף פּראַקטיק אין דאָרף, נעמענדיק אַן אַקטיוון אָנטייל אין פּאַרטיי־געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם אוניווערסיטעט גופא. אייניקע צייטיק זיינען מיר געווען ענג פאַרבונדן מיט דער צענטראַל־ביוראָ פון די ייִדישע פּאַרטיי־ און קאָמיוגסעקציעס. בייס די קאַניקולן האָבן מיר געאַרבעט צווישן די ייִדישע האָרעפּאַשנע מאַסן אויף די ערטער.

זעכצן יאָר האָט עקזיסטירט דער מיירעוו־אוניווערסיטעט. פאַר דער דאָזיקער צייט האָט דער ייִדסעקטאָר אַרויסגעלאָזט בא פיר הונדערט פּופציק סטודענטן. טריי זיין און טעכטער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן די מיירעוויניקעס געאַרבעט אין פאַרשיידענע געביטן פון דער סאָציאַליסטישער בויונג. אין אַלע אומשטענדן האָבן זיי מיט לייב און לעבן פאַרטיידיקט די פּאַרטייישע גענעראַל־ליניע. די שול פון דער „מיירעווקע", דאָס מאָסקווער פּאָליטישע לעבן, די אינטערנאַציאָנאַלע סוויווע אינעם אוניווערסיטעט האָבן זיי צוגעגרייט צו דער טעטיקייט צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן. קינדער פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, פאַרהאַרטעוועטע אין די שלאַכטן פונעם בירגערקריג, דערצויגענע אין אינטערנאַציאָנאַלן גייסט און דערהויבענע צו הויכער פּאָליטישער בילדונג, האָבן די מיירעוויניקעס מיט דערפאָלג אויסגעפילט דעם אויפטראַג פון דער פּאַרטיי — דערציִען די ייִדישע אַרבעטנדיקע אין באָלשעוויסטישן גייסט און באַהעפטן זיי צו דער בויונג פון סאָציאַליזם און קאָמוניזם אין לאַנד.

די מיירעוויניקעס פלעגן זיך פילבאַר אָפּרופן אויף די דרינגענדע נויטן פונעם נייעם סאָוועטישן לעבן. אויף דער פראַגע פון דער פּאַרטיי־אַנקעטע „וווּ וואָלט איר געוואָלט אַרבעטן?" האָט מאַרכלעווסקי געענטפערט: „דאָרטן, וווּהין די פּאַרטיי וועט מיך שיקן". און דאָס איז געוואָרן אַ טראַדיציע בא אונדז אַלעמען. דער לענין־פּריזיוו, די אויפשטעלונג פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט, אינדוסטריאַליזאַציע פון לאַנד, דער ערשטער פינפיאָריקער פּלאַן — אין אַלע וויכטיקסטע געשעענישן האָבן די מיירעוויניקעס גענומען דעם סאַמע טיכטיקן אָנטייל.

אין 1934 האָט זיך אויסגעבילדעט די ייִדישע אַווטאָנאָמע געגנט אין ביראָבידזשאַן, און דער ייִדסעקטאָר פון דער „מיירעווקע" שיקט גלייך אַהין אויף אַרבעט זיינע דערצויגלינגען. אין 1935 אַרבעטן שוין דאָרט 30 געוועזענע מיירעוויניקעס. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען פּאַרטיי־טוער: פּאַרטאָרגן אויף די אונטערנעמונגען, אין די קאָלווירטן, טוער פון ראַיקאָמען און פון געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, פּאַרטיי־פּראָפּאַגאַנדיסטן, ווי אויך פּאָרזיצערס פון ראַיויספּירקאָמען, ווירטשאַפטלעכע און קולטור־טוער. אין 1935 דערקלערט זיך דער אַרויסלאָז־קורס פונעם ייִדסעקטאָר פּולקום מאָביליזירט פאַר דער אַרבעט אויפן ווייטן מיזרעך.

דער גרעסטער טייל געוועזענע סטודענטן פון דער „מיירעווקע" האָבן מוטיק און דרייסט פאַרטיידיקט דאָס סאָוועטישע היימלאַנד אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, געקעמפט אין די רייען פון דער סאָוועטישער אַרמיי אַלס אָפיצערן און רויטאַרמייער, קאָמאַנדירן און קאָמיסאַרן, פּאַרטייִשע און פּאָליטישע טוער, פּאַרטיזאַנער און אויסשפּירער. זיי האָבן אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן הינטער מאָסקווע, אין סטאַלינגראַד, בא קורסק, באַם דניעפּער, אויף דער ווייסל, אין פּראָג, בערלין.

צווישן די אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע ווילט זיך אָנרופן, לעמאָשל, דעם געוועזענעם מיירעוויניק מ. גורעוויטש. ער האָט דורכגעמאַכט דעם שלאַכט־וועג פון מאָסקווע ביז פּראָג אַלס שעף פונעם פּאָליטאָפּטייל פון אַ דיוויזיע. פאַר אַרויסגעוויזענער העלדישקייט האָבן אים די פּויערים פונעם דאָרף ביסקין פּערוואָמייסקער ראַיאָן כאַרקאָווער געגנט צוגעייגנט דעם טיטל ערן־בירגער פונעם דאָרף. ער איז אויך אַן ערן־בירגער פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער שטאָט ליטרע. איצט אַרבעט גורעוויטש אַלס דאָצענט אין איינער פון די מאָסקווער הויכשולן.

די עסטאַפעטע פון די געוועזענע מיירעוויניקעס האָבן איבערגענומען זייערע זין און טעכטער. מע קאָן זיי באַגעגענען אין פאַרשיידענע ערטער פון אונדזער לאַנד. אַרבעטער און אינזשעניערן, לערער און וויסנשאַפטלעכע טוער, דאָקטוירים און בויער, מיליטערלייט און דיפּלאָמאַטן, זעצן זיי פאָר די הערלעכע טראַדיציעס פון זייערע טאַטעס און מאַמעס.

דער אַקאַדעמיקער פֿון מאָלערײַ־קונסט
מוישע מײַמאָן

מוישע מײַמאָן, דער אַקאַדעמיקער אין געביט פֿון פּאָרטרעטן־מאָלערײַ און פֿון קונסט־ווערק אַף היסטאָרישע טעמעס[1], איז געבוירן געוואָרן דעם 4 פֿעוורואַל 1860 (23 יאַנוואַר לויטן אַלטן סטיל) אינעם ליטווישן שטעטל וואָלקאָווישק. אין די קינדער־יאָרן האָט ער צוערשט געלערנט אין כיידער, דערנאָך אין דער אויעזד־שול. אַ געוויסע צײַט איז ער געווען אַ לערן־ייִנגל בײַ אַ זייגערמאַכער און אַ פּריקאַשטשיק אין אַ באַקאַליי־קרעמל. זײַן אינטערעס צו מאָלערײַ האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער פֿרי. קינדווײַז פֿלעגט ער שאָענווײַז זיצן איבער ביכער און מאָלן קאָפּיעס פֿון די איליוסטראַציעס.

באַמערקט דעם ייִנגלס נייגונג צו דער מאָלערײַ־קונסט, האָט אים זײַן זיידע אײַנגעאָרדנט אין דער וואַרשעווער מאָלערײַ־שול. דאָרט האָט מײַמאָן זיך געלערנט צוויי יאָר, דערנאָך עטלעכע כאַדאָשים אין דער ווילנער מאָלערײַ־שול.

צו 20 יאָר, אין 1880, איז מוישע מײַמאָן געוואָרן אַ צוהערער פֿון דער פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע, ווו ער באַקומט די טיטלען קלאַסן־קינסטלער פֿון ערשטער מאַדרייגע (1887) און אַקאַדעמיקער (1893).

אין 1890—1891 האָט מײַמאָן צום ערשטן מאָל זיך אוועקגעלאָזט אַף אַ רײַזע איבער פֿאַרשיידענע לענדער, באַזוכט שפּאַניע, פּאָרטוגאַל, האָלאַנד, ענגלאַנד, ווו ער האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן צום בילד „מאַראַנען". אין 1905 איז ער ווידער אַרויסגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד, דאָס מאָל קעדיי אויסמײַדן רעפּרעסיעס פֿאַרן בילד „ווידער אין דער היים". ער האָט דאַן עטלעכע יאָר געלעבט אין האָלאַנד און ענגלאַנד.

די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט מוישע מײַמאָן זיך פֿאַרנומען דעריקער מיט פּעדאַגאָגישער טעטיקײַט: געלייענט לעקציעס וועגן דער קונסט־געשיכטע אינעם „ייִדישן פֿאָלקס־אוניווערסיטעט", אונטעריכט די טעמעס פֿון פּערספּעקטיוו און צייכענונג אינעם אַרבפֿאַק באַם לענינגראַדער אינסטיטוט פֿון אײַזנבאַן־אינזשעניערן.

געשטאָרבן איז ער דעם 24 אַפּרעל 1924.

מוישע מײַמאָנען געהערן פֿאָלגנדע בילדער אַף היסטאָרישע טעמעס: „דער טויט פֿון איוואַן דעם גרויזאַמען", „מאַראַנען" (אַנוסים), „דער ערשטער רוסישער רעדאַקטאָר", „אַלעקסאַנדער I בײַ סעראַפֿים סאַראָווסקין אין מאָנאַכן־צעל", „אין די בערג פֿון טורענטשען".

אין דעם בילד „דער טויט פֿון איוואַן דעם גרויזאַמען" ווערט געשילדערט דער מאָמענט, ווי באַם טראָן האַוועם אַרום צוויי דײַטשישע מעדיקער: איינער טאַפּט באַם גויסעס דעם דויפּעק, דער צווייטער קוקט אַרײַן אין זײַנע שוין קימאַט טויטע, אויסגעלאָשענע אויגן. דאָ געפֿינען זיך די הויכע באַאַמטע פֿונעם צאַרישן הויף: באָגדאַן בעלסקי (מיט אַ ליכט אין האַנט), באָריס גאָדונאָוו און אַנד. אין פֿאָדערגרונט זעט מען דעם מיטראָפּאָליט מיט זײַן סוויטע. דאָס דאָזיקע בילד איז אײַנגעקויפֿט געוואָרן פֿאַרן מוזיי פֿון דער קונסט־אַקאַדעמיע, אַ קאָפּיע (געצייכנט מיט אַ פּען) איז אָפּגעדרוקט אינעם „אַלבאָם פֿון דער אַקאַדעמישער אויסשטעלונג אין 1888", אַ גראַווויר־קאָפּיע איז רעפּראָדוצירט אין זשורנאַל „ניוואַ" (נום. 18 פֿאַרן יאָר 1888).

דאָס בילד „מאַראַנען" (אַנוסים), אָדער ווי עס הייסט אויך „דער אַרעסט פֿון אַ רײַכן מאַראַן אין מאָמענט, ווען ער ריכט אָפּ דעם פּייסעכדיקן סיידער (אָן עפּיזאָד פֿון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע)", האָט מײַמאָן אָנגעשריבן לויט דער פּראָגראַם פֿון אַ קאָנקורס אַפֿן טיטל אַקאַדעמיקער פֿון מאָלערײַ־קונסט.

דער צושויער זעט אַפֿן בילד אַ רײַך באַפּוצטע זאַל, ווו אַ געזינד פֿון אַנוסים ריכט אָפּ געהיים דעם פּייסעכדיקן סיידער. מיטאַמאָל צעפּראַלן זיך די טירן, און עס רײַסן זיך אַרײַן באַוואָפֿנטע אַגענטן פֿון דער אינקוויזיציע. דער פּאַטריאַרך פֿון דער מישפּאָכע קוקט מיט אַ ווייטעקפֿולן בליק, אָנכאַפּנדיק זיך מיט טרייסלענדיקע הענט פֿאַרן פּאָטעל. אַלץ אין זאַל אָטעמט מיט פֿאַרלוירנקײַט און שרעק. איינער פֿון די מענער אײַלט זיך צו פֿאַרלעשן די ליכט, אַ צווייטער שלעפּט פֿון טיש דעם טישטעך צוזאַמען מיט די בעכערס און אַנדערע קיילים. אַ פֿרוי קוקט זיך אָנגעשטרענגט אײַן אין די פּענעמער פֿון די אינקוויזיציע־אַגענטן, וועלכע זײַנען פֿאַרדעקט מיט מאַסקעס, ווי זי וואָלט געזוכט צווישן זיי אַ באַקאַנט פּאָנעם. דער מאַנצבל לעבן איר ווערט פּלוצעם דערשיטערט, — ער האָט עמעצן דערקענט...

די פּילצאָליקע פֿיגורן אין דער קאָמפּאָזיציע, די רײַכע פֿאַרבן, דער אָפּשײַן פֿון ליכט און שאָטן, וואָס שלאָגט פֿון דער ברענענדיקער ליוסטרע, פֿון דער לעוואָנע און פֿון דער באַגינען־שײַן, דער טראַגיזם פֿונעם געשילדערטן עפּיזאָד, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושעם און אַרויסגערופֿן אַ פּראָטעסט קעגן דער רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ.

דאָס דאָזיקע בילד איז באַוויזן געוואָרן אַף דער אַקאַדעמישער אויסשטעלונג פֿון 1893. דער ראַט פֿון דער אַקאַדעמיע האָט געגעבן דעם אַווטאָר פֿונעם ווערק דעם טיטל אַקאַדעמיקער. ער האָט אויך באַשטימט אײַנקויפֿן דאָס בילד פֿאַרן מוזיי פֿון אַלעקסאַנדער III (איצט — רוסישער מעלוכע־מוזיי אין לענינגראַד), נאָר אייניקע מיטגלידער פֿון דער אַקאַדעמיע האָבן דערווידערט, טײַנענדיק, אַז דאָס בילד

[1] אַזוי האָט אין דער פּעטערבורגער קונסט־אַקאַדעמיע געהייסן דער טיטל:
академик портретной и исторической живописи.

איז „אנטיקריסטלעך". דער פּרעזידענט פון דער אקאַ־
דעמיע האָט אָפּגעשאַפן דעם באַשלוס פונעם ראַט.

שפּעטער, אין 1904, איז דאָס בילד עקספּאָנירט געוואָרן אַף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין סאַן־לוי (פּשא). ווען די אויסשטעלונג האָט זיך פאַרמאַכט, האָט מען פאַרקויפט דאָס בילד איינעם פון די אַמעריקאַנער מוזייען. דערבײַ אפילו ניט צו וויסן געגעבן דעם אווטאָר. רעפּראָדוצירט אין זשורנאַל „ניוואַ" נום. 2 פאַרן יאָר 1893.

דאָס בילד „דער ערשטער רוסישער רעדאַקטאָר" באַווײַזט, ווי פּעטער I רעדאַגירט די צײַטונג „וועדאָמאָסטי". אַ רעפּראָדוקציע פון אָט דעם בילד איז אָפּגעדרוקט אינעם „קאַטאַלאָג פון דער XI אויסשטעלונג פון דער פּעטערבורגער קינסטלער־געזעלשאַפט" (1903).

„אַלעקסאַנדער I בא סעראַפים סאַראָווסקין". אפן בילד איז באַוויזן, ווי דער אימפּעראַטאָר, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון מיסטיק, געפינט זיך אין דער מאָנאַכן־צעל פון אַ „פאָרעש". רעפּראָדוצירט אין זשורנאַל „ניוואַ" (נום. 11 פאַרן יאָר 1904).

„אין די בערג פון טורענטשען". דאָס איז אַן עפּיזאָד פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע (די שלאַכט פון 18 אַפּרעל 1904), ווען ייִדן־מוזיקאַנטן זײַנען געגאַנגען מיט דער ראַטע, וואָס האָט זיך געפּרוווט דורכרײַסן צו די הויפּט־קרעפטן פון דער אַרמיי. דאָס בילד איז איבערגעדרוקט אין „ניוואַ" (נום. 20 פאַרן יאָר 1906) און אינעם „קאַטאַלאָג פון דער XIII אויסשטעלונג פון דער פּעטערבורגער קינסטלער־געזעלשאַפט" (1905).

צו די ווערק אַף היסטאָרישע טעמעס געהערט דאָס בילד „ווידער אין דער היים". דער אינהאַלט: אַ סאָלדאַט אַ ייִד מיט אַ געאָרגי־קרייץ אַף דער ברוסט קערט זיך אום אַ קאַליקע פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מילכאָמע און טרעפט אָנשטאָט זײַן שטוב אַ כורווע, זײַן געזינד איז דערמאָרדעט. לויט דער פאַראָרדענונג פון די מאַכט־אָרגאַנען איז דאָס בילד אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער פּעטערבורגער אויסשטעלונג, אָבער די פאָטאָגראַפיע פונעם ווערק איז פאַרעפנטלעכט אינעם רעוואָליוציאָנערן זאַמלבוך „וואַלנאַסט" (העפט 2, 1906).

וועגן אַ ריי פּאָרטרעטן, געמאָלט פון מוישע מײַמאַן, האָט דער באַרימטער סקולפּטאָר איליאַ גינצבורג באַמערקט, אַז זיי זײַנען שטאַרק ענלעך צום אָריגינאַל און טעכניש פײַן און מיט געשמאַק געמאָלט. אַ באַזונדערן אינטערעס רופן אַרויס די פּאָרטרעטן: „דער סעמיטאָלאָג דאַניעל כוואָלסאָן" (געפינט זיך אין דער לענינגראַדער אָפּטיילונג פונעם אַרכיוו פון דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע), „דער נאָרוועגישער שרײַבער ביאָרנסטערנע־ביאָרנסאָן", „דער פּסיכיאַטער וולאַדימיר בעכטערעוו", „דער פילאָסאָף מוישע מענדעלסאָן".

מײַמאַנס ווערק פונעם שטייגער־זשאַנער האָבן אַ קלענערע ווערט. אַ טייל פון זיי איז דערגאַנגען צו די צושויער דורך די ניט גראַטענע רעפּראָדוקציעס אין אַלבאָמען פון די אַקאַדעמישע אויסשטעלונגען פון 1891 — 1892, אין די קאַטאַלאָגן פון די אויסשטעלונגען פון דער פּעטערבורגער קינסטלער־געזעלשאַפט פון 1901 — 1912 (די בילדער „פּאָליטיקער",



מוישע מײַמאַן (פאָטאָ. 1908)

אילוסטראַציע צו לעוואַנדאַס בוך „אַ הייסע צײַט"



אילוסטראַציע צו אויערבאַכס בוך „באַרוך שפּינאָזע"

„א טעאַטער־ווינקל״, „א געוויינלעכע געשיכטע״, „כאַלוימעס״, „נאַכט״, „אומעט״, „א מאָדעל״, „דער האָלענדישער פישער״). פון אייניקע בילדער זײַנען אינגאנצן ניט פארבליבן קיין רעפּראָדוקציעס — עס זײַנען בלויז אָנגערופן די נעמען זייערע („א זאָקן דאַוונט״, „מע רופט צו סליכעס״, „רעמאָנט״ [פון א בעגעד], „די האָרעפּאַשניקעס פון יאַם״ אאַ.).

מוישע מײַמאָן איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך גענומען צו דער פּראָפּאַגאַנדע פון קונסט־ווערק אין דער ייִדישער סוויווע. ער האָט זיך באַמיט צו ווירקן אויף די עסטעטישע גוסטן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן, ארויסגעבנדיק, צווישן אנדערע, דרײַ קינסטלערישע אלבאָמען פון אקווארעל־צייכענונגען (1898 — 1899). די אלבאָמען זײַנען פארשפרייט געוואָרן אלס ביליקע בײַלאַגעס צום זשורנאַל „וואָסכאָד״.

איינער פון די אלבאָמען האָט געהייסן „בילדער פון ייִדישן לעבן״. ער האָט אנטהאַלטן צען איליוסטראַציעס צו די באַוווּסטע אין יענער צײַט ליטערארישע ווערק: י.־ל. גאָרדאָן — „אין די טיפענישן פון יאַם״; י. זאַנגוויל — „אוריִעל אקאָסטא״; ג.־ע. לעסינג — „דער כאָכעם נאָסן״; ק.־ע. פראַנצאָז — „שיילאָק פון באַרנאָוו״; פּ. סמאָלענסקין — „דער, וואָס בלאָנדזשעט אויף די וועגן פון לעבן״; ל. לעוואַנדאַ — „א הייסע צײַט״; ב. אויערבאַך — „באַרוך שפּינאָזע״; ג. באָגראָוו — „קסאָווים פון א ייִדן״.

אין די איבעריקע צוויי אלבאָמען גייען ארײַן צו 12 געמעלן מיט א ייִדישן טיפּאַזש. אין איינעם פון זיי, וואָס הייסט „מענער פון דער ביבל״, זײַנען געמאָלט: אַווראָהאָם, ייִצכאָק, יאַנקעוו, מוישע, שימשן, שמועל, דאָוויד, שלוימע, עליִיאָהו, יעשאַיאָהו, יוינע, איִעוו, דאַניִעל. אינעם צווייטן — „ביבלישע פרויען״ — זײַנען באַוויזן: סאָרע, האָגאָר, ריווקע, ראָכל, מיריאָם, דווירע, רוס, שולאַמיס, יעהודיס, עסטער אאַ.

מײַמאָן האָט איינער פון די ערשטע (פּונקט ווי מאָרדכע־צווי מאַנע) אָנגעשריבן אין העברעיִש און רוסיש א ריי ארטיקלען וועגן קונסטקענטעניש: „ייִדן און קונסט״ (1898), „אנטיסעמיטיזם אין דער קונסט״ (1899), „דער קינסטלער מ. גאָטליב און זײַנע ווערק״ (1900), „ייִדישער נאַציאָנאַליזם אין דער קונסט״ (1902), „ביבל־סוזשעטן אין דער קונסט״ (1924) אאַ.

מע דאַרף זאָגן, אַז מוישע מײַמאָן, כאָטש ער איז ניט ארײַן אינעם הייכל פון די ערשטקלאַסיקע קינסטלער, האָט אָבער ארײַנגעטראָגן א היפּשן צושטײַער אין דער אנטוויקלונג פון קונסט בא ייִדן.

ייִסראָעל קאָוועלמאַן

„שולאמיס״



„איִעוו״

אונדזער רעפּליק

באַמערקונגען צו „ראַנדבאַמערקונגען"

אין יוני־נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1973 איז געווען פאַרעפנטלעכט א בריוו, וועלכער הייבט זיך אָן מיט די פאָלגנדע שורעס:

„טײַערע ווײַטע און נאָענטע סאָוועטישע מענטשן! איך וווין אין סידניי, אויסטראַליע. איר ווייסט גאָר נישט, וואָס פאַר א גליק דאָס איז, וואָס מיר האָבן דאָ א מעגלעכקײַט צו באַקומען און לייענען „סאָוועטיש היימלאַנד". ס'איז ווי א טרונק טאָו פון א דערפרישנדיקן קוואַל, ווען אַרום־און־אַרום סאַרפּעט א מידבער"...

דער אויטאָר פונעם בריוו, י. ווײַנער, באַשרײַבט ווײַטער די פאַרדאַרבנקײַט און אויסגעלאַסנקײַט פון די קליינקאַליבערדיקע, ווי ער דריקט זיך אויס, ציִוניסטישע צײַטונגען און זשורנאַלן אין אויסלאַנד, „וועלכע אַרבעטן באַם אַנטיסאָוועטישן באַלעבאָס, אָפּסאַמענדיק די מוי־כעס פון די ייִדישע לייענער".

דעם סאָף פונעם בריוו וועל איך ברענגען אָן קירצונגען:

„פאַרשטייט זיך, די פּרעסע־ספּעקוליאַנטן זײַנען פון אײַן שניט, אָבער ס'איז צו באַמערקן, אַז באַזונדערס קאָנסאָלידירט זײַנען זיי אַרום דעם סינע־געפיל צום זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער שטייט זיי, ווי א ביין אין האַלדז, און לאָזט זיי ניט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז קלוימערשט זיי זײַנען „לײַטישע ייִדן". איך מיין, איר דאַרפט זיך גרויסן, וואָס אײַער זשורנאַל רופט אַרויס אַזא סינע בא די ציִוניסטן. ניט לאַנג צוריק האָב איך אַליין געהערט, ווי אָף אַן אַסיפע בא אונדז אין סידניי האָט איינער א צעיושעטער אַמהאָרעץ געטײַנעט, אַז ווען ער זעט א נײַעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", הייבן אָן בא אים פון אופּרעגונג ציטערן די הענט און זיי דריקן זיך צונויף אין קולעקעס. איר זעט — טאַקע קולעקעס, אָבער זיי ציטערן... א דאַנק אײַך, ווײַטע און נאָענטע סאָוועטישע מענטשן!"

דער בריוו פונעם סידנייער לייענער האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקײַט באַם אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער ציִוניסטישער צײַטונג „אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס" ייִצחק רובינשטיין. דעם 31־טן אויגוסט פאַריקס יאָר האָט ער אין זײַן שטענדיקער רובריק „ראַנדבאַמערקונגען וועגן היימישע און נישט היימישע איניאָנים" זיך פאַרענטפערט אָף אַזא אופן: „סאָוועטיש היימלאַנד" שטייט בעפּיירעש ניט קיינעם „ווי א ביין אין האַלדז", און דאָס, וואָס א „צעיושעטער אַמהאָרעץ" אין סידניי האָט דערקלערט וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד", איז ניט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. אָסער, צי עס איז ווערט געווען געבראַכט צו ווערן. נאָר אַזא מענטש וויל דאַפקע גיין און ראַיען זיך אין מיסטקאַסטנס, עפּעס צו געפינען פאַר א נאָטיץ אין „סאָוועטיש היימלאַנד", — איז וועמען קאָן עס גאָר אָנגיין?"

ניט אַרײַנלאָזנדיק זיך אין פּילפּולים מיטן הער י. רובינשטיין, וועל איך דאָ ברענגען א צווייטן בריוו פון אויסטראַליע, אָנגעשריבן שפּעטער פון י. ווײַנערס בריוו און פון די „ראַנדבאַמערקונגען", דערבײַ איז דער אויטאָר שוין ניט קיין יאָכיד, נאָר א פאַרשטייער פון א געזעלשאַפטלעכער קערפּערשאַפט, און דאָס וווין־אָרט פונעם אַדרעסאַט איז דאָס מאָל אַן אַנדער אויסטראַליער שטאָט, ניט סידניי, נאָר מעלבורן, אַגעוו — די שטאָט, ווו עס גייט אַרויס די צײַטונג „אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס".

אָט איז דער בריוו:

ייִדישער געזעלשאַפטלעכער שטודיר־קרײַז
א. נ. פון איציק וויטענבערג. מעלבורן, 14־11־73.

טײַערע פרײַנט! מ"רס באַלבעריסקי פון מעלבורן האָט געמאָלדן איינעם פון אונדזערע באַוויירים, אַז זי וועט אָפּשטעלן דאָס באַקומען און פאַרשפּרייטן „סאָוועטיש היימלאַנד". ווי עס איז אײַך, וואַרשײַנלעך, באַקאַנט, ווערט די צײַטשריפט, וועלכע עס דערהאַלט מ"רס באַלבעריסקי, פאַרקויפט דורך אונדז. אויב מ"רס באַלבעריסקי וועט די דראָונג אויספּילן און וועט אײַך מעלדן, אַז זי וויל ניט מער די צײַטשריפט דערהאַלטן, בעטן מיר אײַך אין אַזא פאַל שיקן „סאָוועטיש היימלאַנד" לויט אונדזער אַדרעס אָף דעם זעלבן אופן, ווי איר האָט געשיקט צו מ"רס באַלבעריסקי, דה. מיט לופט־פּאָטשט.

מיר וועלן רעגולער שיקן דעם אָפּצאָל פאַר
דער צײַטשריפט און, מעגלעך, אויך פאַרגרע־
סערן די צאָל דערהאַלטענע עקזעמפּליאַרן. אין
דער זעלבער צײַט ווענדן מיר זיך צו אײַך —
אויב דאָס איז מעגלעך — צו שיקן מיט לופט־
פּאָטשט דעם זשורנאַל צו די אינדיווידועלע
אַבאָנענטן (זיי באַקומען די צײַטשריפט מיט
געוויינלעכער פּאָטשט). מיר ווינטשן אײַך דער־
פאָלג אין אײַער ווײַטערדיקער אַרבעט. פאַרן
קאָמיטעט — ש. רעכטמאַן, סעקרעטאַר״.

ס׳איז נייטיק קוידעמקאָל עפנטלעך צו באַ־
דאַנקען די מיטגלידער פונעם ייִדישן געזעל־
שאַפטלעכן שטודיר־קרײַז פון מעלבורן א. נ. פון
איציק וויטענבערג פאַר זייער האַנדלונג, וועל־
כע מיר שאַצן אָפּ ווי א וואָרענונג דער פאַר־
ביזנעוועטער און ציִוניסטיש־פאַרדאַרבערישער
אַנטיקולטור־סוויווע. אין מעשעך פון די העכער
צוועלף יאָר פון דער עקזיסטענץ פונעם זשור־
נאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״ זײַנען שוין אין די
אויסלאַנדס געווען ניט ווייניק אומווירדיקע אָנ־
פאַלן אָף אים, אײַנגעשלאָסן דאָס פּאָגראָמירן
ביכער־קראָמען, אין וועלכע ער ווערט פאַר־
קויפט. קיינער האָט אָבער קיינמאָל ניט גע־
צווייפלט, אַז די לייענער, די טרײַע ליבהאָבער
און היטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור און
קולטור, וועלן ניט דערלויבן אופהייבן די האַנט
אָף דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, און
אויב א פאַרפלאָנטערטער אין פּאָליטיק גע־
שעפטסמאַן, אָדער, אַזוי צו זאָגן, א צעיושעטער
אַמהאָרעץ וואָלט געפּרווּוט „אָפּשטעלן דאָס באַ־
קומען און פאַרשפּרייטן״ דעם באַליבטן זשור־
נאַל, וואָלטן זיכער גענומען אָף זיך אָט די
טירכע די לייענער אַליין.

וואָס איז שײַעך דעם הער י. רובינשטיין און
די קרײַזן, וועלכע ער און זײַן צײַטונג שטעלן
פאָר, וויל איך באַ אָט דער געלעגנהײַט, אַרײַנ־
טרעטנדיק אין א מין דיִאַלאָג מיט זיי, עטוואָס
פאַרברייטערן די טעמע, וואָס ווערט באַהאַנדלט.
י. רובינשטיין שרײַבט אין זײַנע „ראַנדבאַ־
מערקונגען״, אַז ער לייענט „סאָוועטיש היימ־
לאַנד״, אָנהייבנדיק פונעם ערשטן נומער. איך
לייען אויך די „אוסטראַלישע ייִדישע נײַס״,
און, אָפן גערעדט, כידעשט מיך, וואָס מע קאָן
דאָרט קימאַט ניט געפינען מאַטעריאַלן וועגן
די לעבנס־פראַגן פון אוסטראַליע און פונעם
דאָרטיקן ייִדישן יישעוו, קעסיידער — בלויז
ייִסראָעל־אידעאַליזאַציע און אַנטיסאָוועטיזם.
לויט אַזאַ לאָגיק באַקומט זיך שיר ניט, אַז דער
אוסטראַלישער קאָנטינענט ליגט ערגעץ אָף
האַלבוועג צווישן טעל־אוויוו און כײַפע. איך
וואָלט זיך אָפּגעהאַלטן פון געבן אייצעס, ווען
ס׳זאָל וועגן אָט די פראַגן ניט קומען צו רייד.
י. רובינשטיין, א געשולטער זשורנאַליסט,
דאַרף דאָך פאַרשטיין, אַז די ייִדישע לייענער
אין מעלבורן, סידניי און אַנדערע אוסטראַליער
שטעט זײַנען בירגער פון אוסטראַליע, און ניט
פון ייִסראָעל, און קוידעמקאָל דאַרף מען מיט
זיי רײדן וועגן היגע, היימישע ענייאָנים.

אין די „אוסטראַלישע ייִדישע נײַס״ האָב
איך לעצטנס זיך אָנגעשטויסן אָף א ריי רעק־

לאַמע־מיטיילונגען וועגן דעם, אַז עס איז גע־
שאַפן געוואָרן אַן אייגענער, טאַקע אַן אוס־
טראַליער „קאָמיטעט פון ייִדישער קולטור״.
ווען נאָך דער ערשטער אינפאָרמאַציע איז
דורכגעגאַן א ביסל צײַט, האָב איך געהאָפט צו
דערוויסן זיך, וואָס עס האָט שוין באַוויזן אופ־
צוטאָן דער קאָמיטעט לעטוּוועס דער ייִדישער
קולטור אין אוסטראַליע. דאָס איז זייער גע־
ווונטשן און וויכטיק, ווײַל אין דעם דינאַמישן
און פאַרהעלטנישמעסיק יונגן, אָבער שוין היפּש
פאַרוואָרצלטן ייִדישן יישעוו פון אוסטראַליע
ווערן ביז הײַנט־צו־טאָג לאַכלוטן ניט אַרויסגע־
געבן קיין ייִדישע ביכער, פונקציאָנירן ניט קיין
אָרטיקע טעאַטראַלע אַנסאַמבלען, ווערן ניט אָר־
גאַניזירט קיין אויסשטעלונגען פון ייִדישער מאָ־
לערײַ־קונסט, כאָוועץ זיך ניט קיין אוסטראַ־
ליש־ייִדישע זינגער, אַרטיסטן, שרײַבער.

פאַרשטענדלעך, איך האָב אופריכטיק זיך
דערפרייט, אָנטרעפנדיק ענדלעך אין איינעם א
לעצטן נומער פון די „אוסטראַלישע ייִדישע
נײַס״ א נאָטיץ מיטן צוזאָגנדיקן נאָמען „דער
קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור האָט אָנגענו־
מען וויכטיקע באַשלוסן וועגן ווײַטערדיקער
טעטיקײַט״.

בעעמעס אומגעלומפּערטע זאַכן האָב איך זיך
דערוווּסט פון דער דאָזיקער נאָטיץ. ערשטנס:
דער „קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין אוס־
טראַליע״ איז אָנגעשלאָסן אין „קאָמיטעט פאַר
ייִדישער קולטור אין ייִסראָעל״ (וועגן דעם
ייִסראָעלדיקן קאָמיטעט האָט ריכטיק געשריבן
דער פאַריזשער שריפטשטעלער ב. שלעווין, אַז
דאָס איז א קערפּערשאַפט אָף צו פאַרדאַרבן
די ייִדישע קולטור; געשאַפן איז דער ייִסראָעל־
דיקער קאָמיטעט מיטן אָפענעם ציל צו איבער־
נאַרן ייִדישע שרײַבער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד
קיין ייִסראָעל און דאָרט זיי שטעלן צו דינסט
דער ציִעניסטישער און אַנטיסאָוועטישער פּראָ־
פּאַגאַנדע־מאַשין). דער „קאָמיטעט פאַר ייִדי־
שער קולטור אין אוסטראַליע״ איז, הייסט עס,
גאָר א פיליִאַל פונעם ייִסראָעלדיקן „קאָמיטעט״.
צווייטנס: די פליכט פונעם קאָמיטעט פאַר ייִדי־
שער קולטור אין אוסטראַליע איז אַזאַ:
ס׳איז נויטווענדיק „דאָ (אין אוסטראַ־
ליע. — א. וו.) צו פאַרשפּרייטן די אויסגאַ־
בע „בײַ זיך״ (א העפטל, וואָס דער ייִסראָעל־
דיקער „קאָמיטעט״ האָט געשאַפן פאַר די
דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער לי־
טעראַטור. — א. וו.)... און דורכצופירן אַן אַק־
ציע אָף העלפן פינאַנסיעל דעם ייִסראָעל־
דיקן קאָמיטעט אָנצוגיין מיט זײַן טעטיקײַט.

דעם רעזומע האָט אָף דער זיצונג געמאַכט אַן
אָנפירנדיקע פערזענלעכקײַט אין אָט דעם אײ־
ניען — מאָטל ראָט: „מ. ראָט האָט פאָרגע־
לייגט שאַפן [א קערפּערשאַפט] „פרײַנט פאַר
די ייִדישע שרײַבער פון רוסלאַנד אין ייִסראָעל״
מיט א יערלעכן אָפּצאָל״.

איצט איז שוין צײַט צו שטעלן א פּאָר פראַ־
געס דעם הער י. רובינשטיין, דעם אַרויסגעבער
און רעדאַקטאָר פון די „אוסטראַלישע ייִדישע
נײַס״, אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַנע „ראַנדבאַ־

מערקונגען״, וועגן וועלכע איך האָב אויבן גערעדט. צי טראַכט מען טאַקע בעעמעס אינעם אויסטראַלישן ייִדישן ייִשעוו, אַז ס׳וועט צוקומען עפּעס דער ייִדישער קולטור אין אָט דעם לאַנד, אויב אין מעלבורן, סידניי און אין אַנדערע אויסטראַליער שטעט וועט מען שלעפּן געלט באַם אוילעם אָף אונטערצוהאַלטן אין ייִסראָעל דעזערטירן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור? צי וואָלט ניט געווען פיל יוישערדיקער צו זאַמלען געלט מיטן ציל צו אַנטוויקלען ייִדישע ליטעראַטור און קולטור אין אויסטראַליע גופא? וואָס וואָלט מען געזאָגט אין אויסטראַליע, ווען אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואָלט, לעמאָשל, געשאַפן געוואָרן אַ קאָמיטעט אָף צו אַריבערפירן קיין ייִסראָעל אויסטראַליער ראַבאָנים, אַזעלכע ווי האַראַוו י. ראַפּאָפּאָרט, האַראַוו ש. רוצקי, האַראַוו י. פײַן, האַראַוו כ. גוטניק (זיי זײַנען עס די אַקטיוויסטן פונעם אויסטראַליער קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור... לעטויוועס ייִסראָעל)?

און צולעצט. עס קאָנען אײַך, הער רובינשטיין, און אײַערע קאָלעגן יאָ געפעלן אָדער ניט געפעלן די ווערק פון די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער; איר קאָנט זײַן מאַסקים אָדער ניט מאַסקים מיט אונדזער וועלט־אָנשויונג. אָבער איין זאַך וועט איר זיכער ניט לייקענען — אַז פונעם סאָוועטישן לאַנד, און טאַקע אַדאַנק דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, קומט צום ייִדישן לייענער אַ ברייטער שעפערישער שטראָם, אָן איבערײַסן, אַ שטראָם פון בעלעטריסטיק, דיכטונג, ליטעראַטור־פאָרשונג, קריטיק, פּובליציסטיק, קונסט־ווערק. מיר אין סאָוועטן־רוסלאַנד פאַרנעמען זיך מיט דעם, וואָס מיר טראָגן אַרײַן רעגולער, כוידעש נאָך כוידעש, אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַכוץ די פּערזענלעכע ביכער פון יעדן איינעם פון אונדז, קאָלעקטיווע בענדער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, — און אין דער זעלבער צײַט פאַרנעמען זיך די פאַרשיידענערליי מעווינים, פאַרזאָרגער, טומלער אין אַנדערע לענדער (איצט גייט די רייד וועגן אויסטראַליע) מיט שטערן אונדז, בייס זיי אַליין שאַפן גאָרנישט ניט אָפּן געביט פון ליטעראַטור בא זיך אין דער היים.

דאָס, וואָס אין דער צײַטונג „אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס״ איז אויסגעזידלט געוואָרן אַ געטרײַער לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור פאַר זײַן אומרויִקן סיגנאַל וועגן געפערלעכע אָנפאַלן אין אויסטראַליע אָפּן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, און דאָס, וואָס אין דער זעלבער צײַט נעמט די זעלבע צײַטונג אָף זיך די ראָל פון אַ נעדאָווע־פּושקע אָף צו זאַמלען געלט פאַר דעם פאַרזענישל „בײַ זיך״, — וועט קיין נוצן דעם אויסטראַליער ייִדישן ייִשעוו ניט ברענגען. און דאָך בלײַבט איבער איין טרייסט. ווי מע דערציילט, האָבן פיל אויסטראַליער ייִדן געלעבט ביזן אַנטיפאַשיסטישן קריג אין פּוילן, און בייסן קריג זײַנען זיי געראַטעוועט געוואָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. ווי עס זאָל דאָרט ניט זײַן מיט מעגלעכע היימישע פאַרדראָסן — די מילכאָמע איז געווען אַ ביז גאָר שווערע, — וועלן אַזעלכע לייענער, אַרײַנקוקנדיק אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, דערשפּירן אין זיך יענעם געפיל, וואָס אָפּנעמען אים בא זיי איז ניט מעגלעך. און אויב עמעצער וועט דעם לייענער באַדערבײַ אונטערוקן אַזאַ סכוירע, ווי „בײַ זיך״, וועט ער, דער פּוילישער ייִד, מיסטאַם זיך דערמאָנען אַ ווערטל פון זײַנע אַלטע קאַנטן, און ער וועט דאָס ווערטל קאָנען ווי עס געהער צו זײַן אויפקלערן פאַר די אַנדערע אויסטראַליער ייִדן. דאָס דאָזיקע פּוילישע ייִדישע ווערטל ווייסט איר דאָך אַוודע אויך, כאָשעווער הער י. רובינשטיין, עס איז פּונקט צוגעפּאַסט צום דעזערטיר, פאַר וועמענסוועגן איר זאַמלט אין אויסטראַליע געלט. „ער פאָרט איבער מאַרישקעס גאָרטן קיין ערעץ־ייִסראָעל״ — אַזוי פּלעגט מען זאָגן וועגן אַ מענטשן, וואָס וויל קומען צו זײַן ציל ניט מיט קיין גלײַכן וועג. זײַט מויכל פאַר מײַנע אָפענע רייד. ווי זאָגט אַן אַנדער ווערטל: בעסער פריִער איין וואָרט, איידער צוויי דערנאָך.

ארן ווערגעליס

ווינקל פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

אײַערע בריוו, לייענער, אײַער זאָרג וועגן דעם זשורנאַל...

צוויי מאָל א טאָג, אין א באַשטימטער שאָ, ברענגט דער בריוו־טרעגער אַרײַן אין רעדאַקציע א פריש פּעקל בריוו. זיי קומען אָן פון פאַרשיידענע עקן לאַנד: פון גרויסע שטעט און פון אַזעלכע ייִשוּווים, וואָס זײַנען אַפילו אַף דער לאַנד־מאַפּע ניט באַצייכנט. יעדן טאָג גייען אויך אַוועק פּעקלעך בריוו פון דער רעדאַקציע צו די לייענער פונעם זשורנאַל. דער בריוו־אויסטויש איז א קעסיידערדיקער.

אַף מיר איז אויסגעפאַלן אין רעדאַקציע די בעקאָוועדיקע פליכט צו באַקאַנען זיך דער ערשטער מיט דער פּאָטשט פונעם טאָג. וויל איך דאָ זאָגן, אַז אין דעם לאַנגן, מיט אָן א שיר איניאָנים אָנגעזעצטן רעדאַקציאָנעלן טאָג זײַנען פאַר מיר די שאָען פון לייענען בריוו — די סאַמע אינטערעסאַנטע און באַלערעוודיקע. דאָס איז דאָך א באַגעגעניש מיט מענטשן, וואָס די מערהײַט פון זיי האָבן הינטער די פּלייצעס א גרויס לעבן.

איך לייען די פּאָטשט און טראַכט וועגן דעם, ווי גײַסטיק־רײַך עס איז דער הײַנטיקער לייענער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און ווי ברייט עס איז דער דיאַפּאַזאָן פון זײַנע אינטערעסן. ער רופט זיך אָפּ אַף די וויכטיקסטע געשעענישן אין דער וועלט. ער האָט זײַנע אָן אייגענע מיינונג וועגן ליטעראַטור און קונסט. ער שאַצט אָפּ מיט פאַרשטאַנד, אָפט שטרענג, אָבער קעסיידער מיט א גוט האַרץ, די ווערק, וועלכע עס דרוקט „סאָוועטיש היימלאַנד“, עס פרייט אים דאָס שיינע, דאָס נאָבעלע, דאָס דערהויבענע אינעם לעבן פון אונדזער געזעלשאַפט, און עס קימערן אים, פאַרשאַפן אים אַגמעסנפעש די שאָטנדיקע דערשײַנונגען, וועלכע טרעפן זיך נאָך, צום באַדויערן, אין דער טאָגטעגלעכקײַט.

אין אַלץ, וועגן וואָס דער לייענער שרײַבט, דערפילט איר זײַן אַקטיווע אָנגעהעריקײַט צו דער וווּנדערלעכער צײַט, אין וועלכער מיר לעבן, זײַן אַכרײַעספּולע באַציִונג צו די אינטערעסן פון זײַן סאָציאַליסטיש היימלאַנד.

פאַרשיידענע אַספּעקטן פון די לייענער־בריוו זײַנען שוין ניט איין מאָל באַלויכטן געוואָרן אַף די זײַטן פונעם זשורנאַל. דער הײַנטיקער איבערזיכט איז געווידמעט אָן איניען, וואָס אַפן ערשטן קוק קאָן זיך אויסדוכטן, אַז ער טראָגט א ספּעציפיש־לאָקאַלן כאַראַקטער, נאָר אינדערעמעסן האָט ער א וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע באַדײַטונג.

דאָ ניט לאַנג, ערעוו דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע אַף די פּעריאָדישע אויסגאַבעס אַפן 1974, האָט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ זיך געווענדט פּערסאָנעל צו יעדן לייענער מיט א בריוו, אין וועלכן עס איז געגאַנגען א רייד וועגן די ווײַטערדיקע פּלענער פונעם זשורנאַל און וועגן די באַמיִונגען, וואָס דאַרפן פאָרגענומען ווערן אין דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע. די רעדאַקציע האָט געבעטן דעם לייענער, ער זאָל אַליין באַצײַטנס אויסשרײַבן פאַר זיך דעם זשורנאַל און, ווי עס איז שוין געוואָרן א טראַדיציע, צוציִען אויך נײַע אַבאָנירטע לייענער.

האָבנדיק אין דעם פּראַט א פּיליאַריקע דערפאַרונג, האָט די רעדאַקציע ניט געצווייפלט, אַז איר בריוו וועט אַרויסרופן א ברייטן אָפּקלאַנג. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. ס׳איז דורכגעגאַנגען א שטיקל צײַט, און אין רעדאַקציע האָבן זיך א שאָט געטאָן ענטפער־בריוו פון אונדזערע געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער, פון אַקטיווע לייענער וועגן זייערע פּראַקטישע אויפטוען אין דער אַבאָניר־קאַמפּאַניע. הונדערטער געטרײַע פרײַנט פונעם זשורנאַל — אַרבעטער, אינזשעניערן, דאָקטוירים, לערער, שרײַבער, קונסט־טוער — אַלע די, וועמען דער זשורנאַל איז בעעמעס ליב און טײַער, האָבן אין די טעג פון דער אַבאָנירונג גענומען אַף זיך די שליכעס פון מויכער־ספּאָרימניקעס. זיי האָבן ניט געשוינט קיין מי אַף צו פאַרשפּרייטן „סאָוועטיש היימלאַנד“, צוציִען נײַע לייענער.

נאָר לאָמיר בעסער געבן א וואָרט די בריוו־שרײַבער גופא.

אין דאָנעצק לעבט אונדזער לאַנגיאָריקער געזעלשאַפטלעכער פאַרשפּרייטער זאַלמען מינקין. דער דאָזיקער שוין ניט־יונגער מענטש האָט ניט נאָר באַוואָרנט די סטאַבילקײַט פונעם טיראַזש פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין זײַן היימשטאָט, ער האָט לויט זײַן אייגענער איניציאַטיוו געמאַכט א נעסיִע איבער א ריי שטעט פון דער געגנט — יענאַקיִעוואָ, גאָרלאָווקע, סלאַוויאַנסק, קאָנסטאַנטינאָווקע, אַרטיאָמאָווסק און קראַמאַטאָרסק. אין אָט די אַלע שטעט האָט דער אומדערמידלעכער מויכער־ספּאָרימניק אָפּגעזוכט נײַע לייענער און זיי מיטגע־

האָלפן צו אבאָנירן זיך אפן זשור־
נאל. נאָך מער — אין יעדער
שטאָט האָט ער, אוועקפאָרנדיק,
איבערגעלאָזט א געזעלשאפטלעכן
פארשפרייטער, וועלכער וועט סי־
סטעמאטיש פאָרזעצן די ארבעט
מיט די לייענער.

עס שרייַבט אונדז פון דער
שטאָט גאָרקי יידל גרינפעסט —
איינער פון יענע ליבהאָבער פון
דער יידישער ליטעראטור, פאר
וועמען דער זשורנאל איז שוין
געוואָרן א לעבנס־באדערפעניש:
„גוט, וואָס איר האָט זיך גע־
ווענדט מיט א בריוו צו די לייע־
נער. איך בין זיכער, אז קיינער
וועט ניט בלייַבן גלייַכגילטיק.
איך גופא שרייַב אויס דעם זשור־
נאל שוין גאנצע צוועלף יאָר, און
איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן,
וויאזוי וואָלט איך איצט אויס־
געקומען אָן אים. צו אונדז אין
גאָרקי קומט גאנץ אָפט פון מאָ־
סקווע דער יידישער דראמאטישער
אנסאמבל, און ער טרעט ארויס
אין דרייַ טעאטער־געבייַדעס, אין
פארשיידענע עקן שטאָט. עס
וואָלט גוט געווען, ווען אייַערער
א פארשטייער זאָל אויך קומען צו
אונדז און דערציילן דעם עולם
וועגן דעם זשורנאל. איך זאָג עס
דערפאר, ווייַל, ווי איך האָב זיך
איבערצייַגט, זייַנען בא אונדז פא־
ראן א סאך מענטשן, ליבהאָבער
פון דער יידישער ליטעראטור,
וועלכע נייטיקן זיך אין צוגאָב־
לעכער אינפאָרמאציע וועגן דעם
זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד".
אָט האָט איר א רייע, איך אליין
האָב אבאָנירט פינף נייַע לייענער.
דאָס זייַנען דער דאָקטער גורע־
וויטש, דער בוכהאלטער קאסטרעל,
דער שנייַדער גאָר, דער פאבריק־
מאכער סעליעזניאָוו און דער פענ־
סיאָנער רויטער. איך ווינטש די
יידישע שרייַבער געזונט און
גליק".

מיט דעם דאָזיקן בריוו רופט
זיך איבער א צווייטער, פונעם
דאָקטער לייב יודאָווין פון ווי־
טעבסק. ער שרייַבט: „איך ענט־
פער אייַך מיט א געוויסער פאר־
שפעטיקונג, ווייַל איך האָב גע־
וואָלט ארייַנטראָגן א מער וואָגיקן
בייַטראָג אין אָט דעם וויכטיקן אי־
ניען. עס ווייַזט זיך ארויס, אז צו־
ציען נייַע לייענער איז ניט שטענ־
דיק קיין פאָשעטע זאך. אייניקע
וואָלטן זיך אונטערגעשריבן אפן
זשורנאל, — קענען זיי ניט גע־
נוג די שפראך. עס טרעפט, אז א
מאן וויל זיך מעיאשעוו זייַן מיט
זייַן ווייַב, א פרוי — מיט איר
מאן, און דערווייַל פארציט זיך
דער איניען. נאָר ווי עס זאָל ניט
זייַן, בין איך צופרידן אייַך מיט־
צוטיילן, אז מיר איז געלונגען צו
שאפן אפן 1974 יאָר צען נייַע
אבאָנירטע לייענער פון „סאָוועט־
טיש היימלאנד". נאָר מיינט ניט,
אז איך ווארט אף א דאנק. איך
האלט, אז מיטהעלפן צו פאר־
שפרייטן אונדזער זשורנאל „סאָוועט־
טיש היימלאנד" איז א כויוו פון
יעדן לייענער".

און קעדיי דאָס בילד פון דער
אבאָנירונג אין וויטעבסק זאָל זייַן
פולער, וועלן מיר צוגעבן, אז
אינעם דורכפירן די דאָזיקע וויכ־
טיקע ארבעט האָבן אקטיוו זיך
באטייליקט דער דיכטער הירש רע־
לעס און דער קולטור־טוער מייער
ברוקאזש. לויט די ידיעות, וואָס
די רעדאקציע פארמאגט, האָט די
צאָל אבאָנירטע לייענער אין ווי־
טעבסק, אין פארגלייַך מיטן פאָ־
ריקן יאָר, זיך פארדאָפלט.

צענדליקער נייַע לייענער פון
„סאָוועטיש היימלאנד" זייַנען אויך
צוגעקומען אין דער ווייַסרוסישער
שטאָט באריסאָוו. דאָ האָבן צוגע־
לייגט זייער געטרייַע מי די גע־
זעלשאפטלעכע פארשפרייטער מוי־
שע לעווין און זאלמען גערציקאָוו.

דער געזעלשאפטלעכער טוער
יאנקעוו וויניצקי פון ווילניוס
טיילט מיט אין זייַן בריוו: „די
רעזולטאטן פון דער אבאָנירונג אף
„סאָוועטיש היימלאנד" אין אונדזער
שטאָט זייַנען דערפרייענדיקע. איך
קאָן אייַך זאָגן, אז אין פארגלייַך
מיטן פאָריקן יאָר האָט די צאָל
אבאָנירטע לייענער זיך פארגרע־
סערט לערעך אף צוואנציק פראָ־
צענט". אייניינעם מיט יאנקעוו ווי־
ניצקין האָט די זאָרג וועגן צו־
ציען נייַע לייענער אין דער הויפט־
שטאָט פון דער ליטווישער רע־
פובליק גענומען אף זיך דער מאָ־
לער נאכעם אלפערט, וועמענס
טאלאנטפולע געמעלן זייַנען ניט
איין מאָל געווען רעפראָדוצירט
אין די קינסטלערישע בייַלאגעס
פון אונדזער זשורנאל.

פונעם ווייַסרוסישן שטעטל
זשיטקאָוויטש שרייַבט אונדז דער
לייענער יאנקל עפשטיין: „אונ־
דזער שטעטל איז ניט גרויס. עס
לעבן דאָ אינגאנצן נייַן און דרייַ־
סיק יידישע מישפאָכעס, פון וועל־
כע 14 יידיש קענען לייענען
מענטשן. ביז איצט האָט אכוץ
מיר דעם זשורנאל אויסגעשריבן
נאָך איין מענטש — דער כאווער
פייגעלמאן. איך בין א פארנומע־
נער מענטש, ארבעט אלס בוכ־
האלטער אין „לעספראָמכאָז". ווי
נאָר אָבער איך האָב באקומען
אייַער בריוו, האָב איך זיך אָפגע־
בעטן פון דער ארבעט, זיך אוועק־
געזעצט אף מייַן וועלאָסיפעד, און
זיך געלאָזט פון הויז צו הויז.
פון די פערצן מאן, וואָס לייענען
יידיש, זייַנען צוויי שוין אין טיפן
עלטער. די איבעריקע צוועלף
האָבן אויסגעשריבן דעם זשורנאל.
דאָס אופגעקליבענע געלט האָב
איך אוועקגעטראָגן אין „סאָיוז־
פעטשאט", מע האָט מיך דאָרט
זייער באדאנקט און געגעבן א
מאטאָנע — א שיין הענטלפען. די
טעג וועל איך זייַן אין לונינעץ —
א שטעטל צווישן זשיטקאָוויטש
און פינסק, — איך וועל אויך זיך
אראָפכאפן קיין טורעוו, דאָס איז
אכט און צוואנציק קילאָמעטער
פון אונדז. איך האָף, אז עס וועט
מיר דאָרט אויך געלינגען אבאָנירן
נייַע לייענער פון „סאָוועטיש
היימלאנד". אין פינסק האָב איך
א שוואָגער, וועל איך אים אָנ־
שרייַבן, אז אויב ער האָט נאָך
ביז איצט זיך ניט אבאָנירט אפן
זשורנאל, זאָל ער זיך צוייַלן".

דער לייענער פון נאָוואָסיבירסק
אווראָם אקסענפעלד קאָן שוין
ניט, צום באדויערן, זיך אוועק־
זעצן אף א וועלאָסיפעד, ווי דאָס
האָט געטאָן יאנקל עפשטיין, ער
איז א פינף־און־נייַנציקיאָריקער
זאָקן, נאָר ער פארמאגט, זעט
אויס, א גרויסן ווילן און א הייס
הארץ, און דער פאל מיט אים
איז מאמעש אן אוניקאלער. ער
האָט, לויט די קויכעס זייַנע, אָפ־
געזוכט זייַן אָרט אין דער אבאָ־
ניר־קאמפאניע. אָט וואָס ער
שרייַבט אונדז: „נעכטן האָב איך
באקומען אייַער כאָשעווון בריוו.
האָבנדיק בא זיך דאָס צעטל פון
די אבאָנענטן אין אונדזער שטאָט
אפן 1973 יאָר, האָב איך יעדן
איינעם באזונדער, מיט דער איי־
גענער האנט, אָנגעשריבן א
פאָסט־קארטל און דערמאָנט אים,
ער זאָל אליין באצייַטנס זיך אונ־
טערשרייַבן אפן זשורנאל און
העלפן דאָס טאָן אויך די נייַע
לייענער. איך באדויער, וואָס מייַן
עלטער דערלויבט מיר ניט אופ־

צוטאָן עפּעס מערער". דער כאַווער יאַנקל עפּשטיין איז, ווי געזאָגט, אַלט פֿינף און נײַנציק יאָר.

א גוטע בסורע פון לוואָוו האָט אָנגעזאָגט אין זײַן בריוו דער ייִדישער שרײַבער אלעקסאנדער ליזען: „בא אונדז האָט די צאָל אבאָנירער פון „סאָוועטיש היימלאנד" אפן 1974 אין פארגלײַך מיט פאָריקן יאָר זיך פארגרעסערט אף עטלעכע צענדליק. די אלגעמיינע צאָל אבאָנירער וועט איצט זײַן אין צוויי מאָל מערער, איידער אין 1972. א טיכטיקן אָנטייל אינעם צוציִען נײַע לייענער האָט גענומען דער קינסטלער שימען גרוזבערג".

און ווײַטער — בריוו פון נאָך צענדליקער און צענדליקער ליבהאָבער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, וואָס יעדערער פון זיי האָט אבאָנירט איינעם אָדער עטלעכע נײַע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד".

שאָלעם שאטכאן פון סוכומי: „איך קאָן אײַך געבן צו וויסן, אז איך האָב געבראכט דעם זשורנאל פיר נײַע לייענער.

דאָס זײַנען — ייִצכאָק קאָפּשטיין, אווראָם כײַטשענקאָ, ייִצכאָק באלין און מייער פראנק. אלע פיר, און איך דער פינפטער, האָבן זיך אונטערגעשריבן אף א גאנץ יאָר".

זיטע טאל פון ריגע: „הײַנט־צו־טאָג האָב איך אבאָנירט פיר נײַע לייענער פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" — דרײַ אף א קײַלעכיק יאָר און איינעם — אף א האלב יאָר. וועגן מיר איז ניט שײַעך צו ריידן, פונקט ווי יעדער יאָר (אָנגעהויבן פונעם 1961), האָב איך באצײַטנס אויסגעשריבן דעם זשורנאל".

צום שלוס ווילן מיר בלויז אָנרופן די נעמען פון נאָך א ריי אונדזערע געזעלשאפטלעכע פארשפרייטער און פון לייענער — אומדערמידלעכע פּראָפּאגאנדיסטן פונעם זשורנאל: ייִסראָעל ספּיוואק פון וויניצע, מאָרדכע גרוזבערג פון זשמערינקע, אָלגע באסינא פון דאָנעצק, כאִים זלאטקין פון קלימאָוויטש, ליזע ווינער פון זאַפּאָראָזשיע, באָריס בידנער פון זשדאנאָוו, לעוו רעזניק פון קעשענעוו, אײַזיק שפּילבערג און אראָן שקונדין פון סמאָלענסק, פּיניע אוזבערג, ביניאָמין קאָטליאר, איציק באָראָוויטש, באָריס שאטכאן און זײַן פרוי סאָניע גאלינסקאיא פון כארקאָוו, נאָכעם יאָמטעוו פון כאבאראָווסק, יאנקל ליבמאן, מישע בוביס, כאִים אָסטראָווסקי, שאָלעם באראָן און כאנע בערעזינע פון טשערנאָוויץ, ייִצכאָק באס פון לענינגראד, הערשל געליבטערמאן פון כמעלניצקי, כאִים שלאכטער פון קאָקאנד, גיסיע פרידליאנד פון באָברויסק, לייע זונער פון נאָוואָסיבירסק, נינע מאָרגען פון סקאפּלע, ייִסראָעל פוקס פון קרעמענטשוק, אווראָם ליפּשיץ פון כערסאָן, ייִצכאָק מארשאנסקי פון טערנאָפּאָל, די כאוויירים גארין פון סווערדלאָווסק, ראפּקין, ראפּאלאָוויטש און גאָלדענבערג פון ניקאָלײַעוו, קאץ פון אומאן, גאנדעלמאן פון וויניצע, פלאָם פון טערנאָפּאָל. זיי אלעמען דריקן מיר אויס אונדזער יאשער־קויעך און טיפע אנערקענונג פאר דער נאָבעלער זאך, וואָס זיי טוען.

יעכיִעל טשיטשעלניצקי

כראָניק

ייִדישע לידער אינעם מאָסקווער הויז פון קאָמפּאָזיטאָרן

דער צושויער־זאל פונעם מאָסקווער צענטראלן הויז פון קאָמפּאָזיטאָרן, ווו עס טרעטן אָפּט ארויס די אָנגעזעענסטע קינסטלערישע קאָלעקטיוון און סאָליסטן, איז אין אָט דעם אָוונט געווען פולגעפּאקט. פּילצאָליקע פארערער פון מוזיק זײַנען געקומען אף א באגעגעניש מיט די לאַורעאטן פונעם V אלרוסלענדישן קאָנקורס פון ארטיסטן פון דער עסטראדע.

אינעם קאָנצערט האָט אָנטיילגענומען דער לאַורעאט פונעם קאָנקורס, די יונגע שוישפּילערן פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל פאָלינע אײַנבינדער. איר ארויסטרעטונג האָט פארנומען קימאט די גאנצע צווייטע אָפּטיילונג פונעם גרויסן קאָנצערט.

איינער פון די מיטגלידער פון דער זשורי, דער באוווסטער קאָמפּאָזיטאָר ניקיטא באָגאָסלאָווסקי האָט אין אן אינטערוויו פאר דער מאָסקווער טעלעוויזיע אָפּגעמערקט, אז פאָלינע אײַנבינדער פארמאָגט א זעלטן שיינע שטים. ער האָט אויך גערעדט וועגן דעם מוזיקאלן געשמאק און וועגן די דראמאטישע פּייִקײַטן פון דער אקטריסע.

אפן אָוונט אין קאָמפּאָזיטאָרן־הויז האָבן די צושויער זייער ווארעם אופגענומען די באגאבטע זינגערן, וועלכע האָט אויסגעפּילט ייִדישע פאָלקס־לידער און ווערק פון סאָוועטישע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן. אלע אירע לידער זײַנען באגלייט געוואָרן מיט דויערנדיקע אפּלאָדיסמענטן.

אקאָמפּאנירט דער זינגערן האָט איר שוועסטער סוועטלאנע אײַנבינדער.

■ ■ ■

צו שפּעט געכאַפּט זיך

ווין, 24 דעקאַבער 1973. „מענטשן אָן בירגערשאַפט", „מענטשן אָן א היים" — אזוי רופט מען דאָ, אין ווין, די עטלעכע הונדערט פּליטים פון ייִסראָעל, וועלכע זײַנען געבליבן שטעקן אַף דער עסטרײַכישער טעריטאָריע, צווישן זיי העכער דרײַ הונדערט געוועזענע סאָוועטישע בירגער — ייִדן, וואָס האָבן בעשײַטע זיך געלאָזט פארפירן פון דער ציִוניסטישער פּראָפּאגאנדע און זײַנען ארויסגעפאָרן פון סאָוועטנפארבאנד, נאָר דערנאָך, ווען זיי האָבן פארזוכט דעם טאַם פונעם לעבן אין ייִסראָעל, האָבן זיי באשלאָסן אומקערן זיך צוריק אין דער אלטער היים, קיין פּססר...

אין דעקאַבער זײַנען אייניקע עסטרײַכישע צײַטונגען ארויסגעטראָטן מיט א פאָדערונג, מע זאָל די פּלייטים פון ייִסראָעל געבן וויזעס אַף אומקערן זיך קיין פּססר, מאָטיווירנדיק דאָס מיט „הומאנישע" טײַמים. אין דער זעלבער צײַט ווערן דאָ געמאכט אומפּאראנטוואָרטלעכע פּרוּוון צו ארופלייגן אפן סאָוועטנפארבאנד די שולד פאר דער טראגישער לאגע פון די דאָזיקע מענטשן, אויסנוצן זיי צוליב פארשיידענע אנטיסאָוועטישע קונצשטיק.

אין צוזאמענהאנג דערמיט שרײַבט דער קאָמענטאטאָר פון „טאסס" ס. לאָסעוו:

פּלייטים פון ייִסראָעל זײַנען איצט געבליבן שטעקן ניט בלויז אין ווין. ניט ווייניק פון זיי קאָן מען זען אויך אין רוים, בריסעל, סטאמבול. אין עסטרײַך וואקסט אָן אופהער די צאָל פון אזעלכע פּלייטים. ווי עס טיילט מיט די „ווינער צײַטונג", „האנדלט זיך אין דער מערהײַט פאלן וועגן מענטשן פון הויכער קוואליפיקאציע: דאָקטוירים, אינזשעניערן און פאָרשטייער פון אנדערע פּראָפעסיעס, וועלכע האָבן געלעבט אין ייִסראָעל פון איין וואָך ביז א האלב יאָר". איצט איז די לאגע פון אָט די מענטשן, וואָס זײַנען פארבליבן אָן א דאך איבערן קאָפּ און אָן ארבעט, טאקע ניט צו מעקאנע זײַן. נאָר ווער איז דערין שולדיק? פארשטייט זיך, אז שולדיק זײַנען די, וועלכע האָבן געשטויסן זיי צו דער אוואנטיורע.

אין אונדזער סאָציִאליסטישער מעלוכע זײַנען ניטאָ קיין עקאָנאָמישע, סאָציִאלע אָדער אנדערע באדינגונגען, וועלכע זאָלן צווינגען מענטשן צו זוכן גליקן אין דער פרעמד. דאָס רעכט אַף ארבעט, דאָס רעכט אַף בילדונג, אַף אומזיסטער מעדיציִנישער באדינונג און די אנדערע בירגער־רעכט זײַנען אין פּססר ניט בלויז גאראנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע, נאָר זיי ווערן אויך רעאל פארווירקלעכט אין לעבן. אין סאָוועטן־לאַנד איז ניטאָ קיין ארבעטסלאָזיקײַט, וואָס אין די קאפּיטאליסטישע לענדער טרײַבט זי הונדערטער טויזנטער מענטשן אין עמיגראציע אַף צו זוכן דאָס שטיקל ברויט. דערשײַנונגען פון אנטיסעמיטיזם, ווי אויך פון יעטווידער ראסעווער אומטאָלעראנץ, נאציִאָנאלער העצע, ווערן בא אונדז באשטראָפט דורכן געזעץ.

בוכשטעבלעך אלעמען, ווער עס איז ארויסגעפאָרן קיין ייִסראָעל און האָט אזויארום פארלאָרן די סאָוועטישע בירגערשאפט, האָט מען באצײַטנס געוואָרנט, אז מע קאָן דורך דעם ארײַנפאלן אין א שווערער סיטואציע, — די רעאלע ווירקלעכקײַט, וואָס אזעלכע מענטשן וועלן טרעפן אין ייִסראָעל, האָט ניט קיין שום געמיינזאמס מיט די באָבעמײַסעס פון די ציִעניסטן.

דעריבער איז נאטירלעך, וואָס בא די סאָוועטישע מענטשן רופן ארויס פארדראָס די פּרוּוון צו באשולדיקן די סאָוועטן־מעלוכע אין דעם, וואָס די יעניקע, וועלכע האָבן ארויסגעוויזן אומאכטונג צו זייער היימלאנד, זאָגט מען אָפּ אופצושטעלן די בירגערשאפט — אומצוקערן זיי צוריק דעם הויכן נאָמען בירגער פונעם סאָוועטנפארבאנד.

די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקײַט פאר דער אומגליקלעכער לאגע, אין וועלכער עס געפינען זיך אין עסטרײַך די 317 פּלייטים פון ייִסראָעל, פאלט אַף דער רעגירונג פון ייִסראָעל. גראָד טעל־אוויוו מיט זײַן ליגנערישער פּראָפּאגאנדע, מיט זײַנע האוואָכעס און צוזאָגן שטויסט אקשאָנעסדיק ייִדישע מישפּאָכעס, דערונטער אויך אזעלכע, וואָס ווינען אין פּססר, ארויסצופאָרן קיין ייִסראָעל, כאָטש די מאכט־אָרגאנען פון דער מעדינע ווייסן אויסגעצייכנט, אז זיי זײַנען ניט אימשטאנד צו באזאָרגן די אימיגראנטן מיט נאָרמאלע לעבנס־באדינגונגען. פאראנטוואָרטלעכקײַט טראָגן אויך די ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס, און, ווי עס שרײַבט ריכטיק די ווינער צײַטונג „פאָלקס־שטימע", יענע, וואָס האלטן זיי אונטער און העלפן דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע, וועלכע פירט באוווסטזיניק ארײַן מענטשן אין א טאָעס וועגן דער לאגע אין ייִסראָעל.

וואָס אָנבאלאנגט די פאָדערונגען וועגן ארײַנפאָר־וויזעס, דארף מען דערמאָנען, אז די סאָוועטן־מעלוכע האָט קיינעם ניט געצווּנגען ארויסצופאָרן פון לאנד, זי האָט אָבער אויך ניט בעדייע ארײַנצולאָזן אַף צוריק יענע, וואָס האָבן ניט געוואָלט לעבן אין פּססר.

„וועטשערניאיא מאָסקווא"

■

פּאַרשיידנס

שווייק האָט אַריבערגעשפּאַנט דעם לאַ־מאַנש

נאָך העכער פערציק יאָר שווײַגן האָט דער „בראַווער סאָלדאַט שווייק" נאָכאַמאָל א רעד געטאָן אָף ענגליש — דער לאָנדאָנער פאַרלאַג „כײַנעמאַן" האָט אַרויסגעגעבן יאַראָסלאַוו גאַשעקס באַוווּסטן ראָמאַן. דאָס ערשטע מאָל ווערט דער בוך אַרויסגעלאָזט אין ענגליש אין א פולער אויסגאַבע. דער איבערזעצער איז סעסיל פּעראָט. דעם בוך האָט איליוסטרירט יאָזעף לאַדע.

ביז אַהער זײַנען „די שפּיצלעך פונעם בראַוון סאָלדאַט שווייק" אַרויסגעגאַנגען אָף דער ענגלישער שפּראַך אין 1930 יאָר, דערבײַ איז דער בוך געקירצט געוואָרן קימאַט אָף א דריטל — די פאַרלעגער האָט אויסגעזען צו „האַזעדיק" די מיינונג פונעם בראַוון סאָלדאַט וועגן „זײַן אימפּעראַטאָרישער מאַיעסטעט פראַנץ־יאָסיף", וועגן די אָפיצערן, וועגן די פּאָליציייער און אַנדערע פאַרשטייער פון דער מאַכט.

עס לייענט די עלעקטראָניק

אינעם גאָרקער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פון פּראַקטישער מאַטעמאַטיק און קיבערנעטיק איז פאַרענדיקט די צוגרייטונגס־אַרבעט צום שאַפן א ווערטערבוך פון לערמאָנטאָווס שפּראַך. די מיטאַרבעטער פון דער סעמיִאָטיק־לאַבאָראַטאָריע האָבן אַריבערגעפירט די טעקסטן פון אַלע ווערק פונעם פּאָעט אָף פּערפאָקאַרטעס. איצט וועט מיט אָט דער ניט געוויינלעכער זאַמלונג פון ווערק אַרבעטן די עלעקטראָן־אויסרעכענונגס־מאַשין. זי האָט שוין פעסטגעשטעלט, אַז לערמאָנטאָוו האָט אויסגענוצט אין זײַן שאַפונג העכער 40 טויזנט ווערטער־פאָרמעס.

די מאַשין וועט אויך דורכפירן א קלאַסיפיקאַציע פון לערמאָנטאָווס גראַמען, וועט מאַכן א פאָנעטישן אַנאַליז פונעם טעקסט, וועט באַווײַזן, וויִאַזוי האָט דער פּאָעט אויסגענוצט די שפּראַך־מיטלען אין פאַרשיידענע זשאַנרען.

עס איז איבעריק צו זאָגן, ווי וויכטיק עס איז פאַרן דערלערנען די ווערק פון די קלאַסיקער צו וויסן דעם כאַראַקטער פון זייער שפּראַך. געוויינלעך ווערט די שפּראַך פון די שרײַבער דערלערנט אין ספּעציִאַליזירטע ליטעראַטור־וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. לעצטנס אָבער קומען דאָ צוהילף אויך אַנדערע וויסנשאַפטן.

וועגן די ביכער פון די נאָמאַדן־פעלקער

„ביכער פון די מאָנגאָלישע נאָמאַדן" — אַזוי הייסט די מאָנאָגראַפיע, וואָס עס האָט אַרויסגעלאָזט דער פאַרלאַג „וויסנשאַפט" אין דער נײַער סעריע „קולטור פון די מיזרעך־פעלקער". אווטאָר פון דער מאָנאָגראַפיע איז דער יונגער אונגאַרישער געלערנטער דיערד קאַרא.

אין העסקעם מיט דער פאַרשטענדיקונג וועגן וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעט צווישן די סאָציִאַליסטישע לענדער איז דיערד קאַרא מיט עטלעכע יאָר צוריק געקומען קיין לענינגראַד און איז פאַרעכנט געוואָרן אָף א יאָר צײַט אַלס עלטסטער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אינעם אָפּטייל פונעם מיזרעכקענטעניש־אינסטיטוט בא דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר.

לענינגראַד האָט דער געלערנטער מאָנגאָל־קענער אויסגעוויילט ניט צופעליק. דאָ געפינט זיך די גרעסטע אין איירָאָפּע קאָלעקציע פון מאָנגאָלישע מאַנוסקריפּטן און געדרוקטע ביכער, וואָס ס'האָבן צונויפגעזאַמלט די רוסישע געלערנטע און רײַזנדער. אין מעשעך פון א יאָר האָט דיערד קאַרא דערלערנט די אַלטערטימלעכע מאַנוסקריפּטן און קסילאָגראַפן (געדרוקטע אָפּצוגן פון טעקסטן, אַראָפּגעשריבענע פון הילצערנע ברעטער). אַלס רעזולטאַט פון דער אַרבעט איז געוועזן די ביז גאָר אינטערעסאַנטע מאָנאָגראַפיע „ביכער פון די מאָנגאָלישע נאָמאַדן". דער אווטאָר שילדערט דעם קאָמפּליצירטן וועג, וועלכן ס'האָט דורכגעמאַכט דאָס מאָנגאָלישע בוך פאַר זיבן יאָרהונדערטער פון זײַן עקזיסטענץ.

א בריוו פון רוים

דער אַלטער מײַסטער פון טעאַטראַלע היט מאָזיסיי גריגאָריעוויטש גאָרפינקעל[1] האָט געשיקט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי א מאַטאָנע — א קאָפּיע פון דער הוט, וואָס האָט געהערט דעם פאָלקס־העלד פון איטאַליע דזשוזעפּע גאַריבאַלדי, וועמענס 90־טער יאָרצײַט איז דאַן אָפּגעמערקט געוואָרן. די מאַטאָנע איז ניט קיין צופעליקע. פיל יאָרן האָט מאָזיסיי גריגאָריעוויטש אָפּגעגעבן דעם טעאַטער, ער איז א מיטגליד פון דער אַלרוסלענדישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט, איצט איז ער א פּענסיִאָנער. נאָר פון צײַט צו צײַט קערט ער זיך אום צו זײַן באַליבטער אַרבעט. אין זײַן קאָלעקציע זײַנען צוגעקומען היט פון אַנגעזעענע מיליטער־לײַט — דער קיווער פון א דעקאַבריסט, דאָס היטל פונעם לייטענאַנט שמידט, טוכאַטשעווסקיס העלם, קעפּיס פון די באַוווּסטע גענעראַלן פון דער פּאַריזשער קאָמונע לאַ סעסילי און יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי. א טשיקאַווע דעטאַל: אַלע עקספּאָנאַטן פון אָט דער וווּנדערלעכער קאָלעקציע געפינען זיך אין פאַרשיידענע ערטער — אין מאָסקווע, אין פּוילן, פראַנקרײַך, און איצט — אויך אין איטאַליע.

„טײַערער כאַווער גאָרפינקעל! — שרײַבט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער איטאַליענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ענריקאָ בערלינגוער. — איך בין זייער גערירט פון אײַער מאַטאָנע, וואָס איר האָט געשענקט אונדזער פּאַרטיי. די מאַטאָנע זאָגט איידעס וועגן אײַער ליבע צו גאַריבאַלדין, צו אונדזער פאָלק און וועגן אײַער גרויסער קונסט אַלס ספּעציִאַליסט היטלמאַכער.

איך בין אײַך שטאַרק דאַנקבאַר און ווינטש אײַך אַלעס בעסטע. נעמט אויף מײַנע סאַמע האַרציקע ווונטשן".

[1] זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 9, 1972.

רעפּאָרטיאָרן—וועגן זייערע „סוידעס״

דער סאַמע אומדערמידלעכער און איניציאַטיוופולער טייל פונעם זשורנאַליסטישן קאָרפּוס — די רעפּאָרטיאָרן פון די צײַטונגען, ראַדיאָ און טעלעוויזיע — באַזאָרגט אונדז אַלע טאָג מיט פרישע נײַס. אַדאַנק זיי דערוויסט זיך דאָס לאַנד באַצײַטנס וועגן די אויפטוען און העלדישע טאַטן פון די סאָוועטישע מענטשן, וועגן אַנטדעקונגען פון די געלערנטע און וועגן געשעענישן, וואָס קומען פאָר אין דער וועלט.

אָבער אין דער צײַטונג, אין די לאָקאַלישע ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־טראַנסליאַציעס פאַלט אַרײַן ווײַט ניט אַלץ פון דעם שלאַל אינטערעסאַנטע פאַקטן, וואָס די רעפּאָרטיאָרן זאַמלען צונויף, און שוין גאָר זעלטן דערוויסן זיך די לייענער און צוהערער וועגן דעם, וויאַזוי מע קריגט אַ גוטע, אַקטועלע, אינטערעסאַנטע אינפאָרמאַציע.

אָט וועגן אַזעלכע פאַקטן דערציילט דאָס ביכל, וואָס עס האָט דאָ ניט לאַנג אַרויסגעלאָזט דער „לעניזדאַט״. עס ווערן דאָ באַשריבן קורצע, נאָר אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן פון די זשורנאַליסטישע זוכונגען און אויסערגעוויינלעכע באַגעגענישן. די צונויפשטעלער פון דער זאַמלונג — די עלטסטע לענינגראַדער רעפּאָרטיאָרן אַלעקסאַנדער וויקטאָראָוו און באָריס צאַצקאָ — האָבן איר אַ נאָמען געגעבן „צו איין געשיכטע פון 50 בלאָקנאָטן״, אונטערשטרײַכנדיק דערמיט דעם ספּעציפישן כאַראַקטער פון דער אויסגאַבע. אינעם ביכל זײַנען פּובליקירט די דאָקומענטאַלע דערציילונגען פון מ. דודין, מ. גורענקאָוו, ל. מאַגראַטשאָוו, וו. סוסלאָוו, וו. נאַבוטאָוו, וו. גאַנשין, ב. אירטישסקי, וו. זאַכאַרקאָ און פון אַנדערע ליטעראַטאָרן און זשורנאַליסטן.

אַפּן אָרט פון אַפּלאָדיסמענטן

די שפּאַנישע ליבהאָבער פון מאָדנע שליאַגערן האָבן געמאָלדן אַ באָיקאָט די עסטראַדע־קומירן. זיי זאָגן זיך איצט אָפּ צו באַזוכן די מוזיקאַלישע קאָנצערטן מיטן אָנטייל פון אַזעלכע באַרימטע זינגער, ווי ראַפאַעל אָדער, לאָמיר זאָגן, מאַראַנאַ עסקאָבאַרא. אויף אַזאַ אופן דריקן אויס די צושויער זייער פּראָטעסט קעגן וווּקס פון די פּרײַזן אויף בילעטן אין די טעאַטערן, ווו ס׳טרעטן אַרויס אָט די שטערן פון דער שפּאַנישער עסטראַדע.

אינעם גרויסן אַסטוריער קאָנצערט־זאַל, וואָס פאַרמאָגט 2000 ערטער, זײַנען ראַפאַעלן איינמאָל געקומען הערן ניט מער פון 50 מענטשן, און זײַן קאָלעגע — בלויז 15. דערפאַר האָט אָבער ניט אויסגעפעלט קיין פּובליק אויף די גאַסן, מיט וועלכע עס איז אויסגעקומען דורכצופאָרן די גאַסטראָלירנדיקע „עקסטראַ־טײַערע שטערן״. די מאַשינעס זײַנען באַגלייט געוואָרן מיט אויסגעשרייען און אַ פײַפערײַ פון די אופגעבראַכטע מוזיק־ליבהאָבער, וואָס האָבן ניט קיין מעגלעכקײַטן קויפן בילעטן אין די קאָנצערט־זאַלן.

ווענעציע זינקט אין וואַסער

דער פּערל פון דער אַדריאַטיק — ווענעציע, וואָס האָט צו זיך קיין גלײַכן ניט לויט דער שיינקייט, לאָזט זיך בעהאַדראָגעדיק, אָבער אָן אויפהער אַראָפּ אין וואַסער. דער יאַם, וואָס האָט אַמאָל געבראַכט די פּרעכטיקע סערעניסימע (ווענעציע) צו אַ ניט־געהערטן אויפבלי, דראָעט איצט אומברענגען די שטאָט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין דער מיט פון V יאָרהונדערט אויף 118 אינדזלען.

אַלע יאָר לאָזט זיך די שטאָט אַראָפּ אין וואַסער אויף 6 מילימעטער. די זעלטנסטע אַרכיטעקטור־דענקמעלער — באַ 900 פּאַלאַצן און 105 טעמפּלען — ווערן צעשטערט אונטערן דרוק פון צוויי סטיכיען: דער נאַטור און דער אינדוסטריע. אונטער די קלעפּ פון די רוישיקע כוואַליעס, וואָס טראָגן מיט זיך די אָפּפאַלן פון 200 אונטערנעמונגען פון מאַרגערע און מעסטרע, צעפאַלן זיך די פונדאַמענטן פון די פּאַלאַצן. די זאַוואָדישע קוימענס לאָזן אַרויס פון זיך שטויב און גיפטיקע גאַזן, וואָס צעעסן די שטיינערנע ווענט און די בראָנזענע סקולפּטורן. „פּאָרזיכטיק! פאַלנדיקע מלאָכים״, — וואָרנט אַן אויפשריפט אויפן טעמפּל סאַנטאַ־מאַריאַ דעלאַ סאַליוטע.

„אין ערגעץ שטויסן זיך אַזוי אַכזאָריעסדיק ניט צונויף די הײַנטצײַטיקע גרויס־אינדוסטריע און די אוניקאַלע שטאָט־אַרכיטעקטור פון דער אַלטער אייראָפּע״, — שרײַבט דער זשורנאַל „שפּיגעל״. די מאָנאָפּאָליעס ווילן אומבאַדינגט אויך אויף ווײַטער פאַרגרעסערן זייערע רעוואָכים.

אין 1918 יאָר האָט דער ענערגישער ביזנעסמען דזשופּע וואָלפּי די מיזוראַטאַ אָנגעהויבן בויען אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און אַ פּאָרט אויפן ברעג פון דער לאַגונע אינעם ראַיאָן פון מאַרגערע. בייס דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אויסגעבויט געוואָרן אַ בריק, וואָס האָט פאַרייניקט די אינדזלען מיט דער „האַרטער יאַבאָשע״. אין די 50־ער יאָרן האָט ווענעציע איבערגעלעבט אַ שטורמישן כאַאָטישן וווּקס פון דער אַזויגערופענער צווייטער אינדוסטריעלער זאָנע אויף אַ שעטעך פון 1000 העקטאַר. און אין 1963 יאָר האָט דער פּאַרלאַמענט סאַנקציאָנירט דאָס שאַפן די דריטע אינדוסטריעלע זאָנע. דער פּאָרט פון מאַגערע איז געוואָרן דער צווייטער אין לאַנד לויטן סכוירע־אומזאַץ. דער אויסגעבויטער קאַנאַל, וואָס האַלט 18 קילאָמעטער די לענג און 180 מעטער די ברייט, איז פּייִק דורכלאָזן גרויסע שווערע טאַנקערס און שיפן. די אונטערנעמונגען פון אָט דעם ראַיאָן גייען אין שפּיץ פון דער איטאַליענישער נאַפט־כימישער אינדוסטריע, זיי פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט לויט דער פּראָדוקציע פון גלאָז און קאָקס.

די פּראָבלעם פון ראַטעווען ווענעציע רעגט שוין לאַנג איטאַליע. און ניט בלויז איטאַליע. די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע אויף פאַרטיידיקן די קולטור „איטאַליאַ נאָסטראַ״ און די פּרעסע באַשולדיקן די אָרטיקע מאַכט אין צעטרענצלען די געלט־מיטלען, וואָס ווערן אַסיגנירט אויף די נויטן פון דער שטאָט, וואָס גייט צו גרונט. די צײַטונגען שרײַבן, אַז אין ווענעציע בלײַבן אַלע יאָר שטעקן מיליאָנען דאָלאַרן און אַנדערע אויסלענדישע וואַליוטע, אָבער ס׳ווערט פון דעם קימאַט גאָרנישט ניט אויסגעגעבן אויף אויפשטעלן די שטאָט.

לויט ב. ווינאָגראַדאָוווס נאָטיץ אין „איזוועסטיאַ״

1. צוגאַסט בא סאַמויל מאַרשאַק, 1957

2. שיקע דריז אַרבעט איבערן סקולפּטור-פּאָרטרעט פון זײַן פרוי, 1945

3. מיט זײַנעם א שלאַכט-כאַווער

4. שיקע דריז אין 1969

5. בעשאַס דער דינסט אין דער רויטער אַרמיי, 1936

6. דעם דיכטערס מאַמע

7. ער האָט ליב געהאַט זיך אויך פאַרנעמען מיט קולינאַרישער קונסט

1

3

2

ווייניק באַוווסטע
פאָטאָגראַפיעס
פונעם דיכטער
שיקע דריז



4

5

6

7

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

אין 1879, מיט 95 יאָר צוריק, איז אין מינסק געבוירן געוואָרן דער שרײַבער לייב באַסיין.

אין 1905 האָט ל. באַסיין עמיגרירט קיין אמעריקע, ווו ער האָט פיל יאָרן געארבעט אלס פעדאגאָג. אין 1925 האָט ער דעביוטירט אין פינסקיס „ארבעטער" מיט דער סקיצע „דאָס רויטע העמדל". ל. באַסיין האָט פיל געשריבן אין די ווילנער צײַטשריפטן „אונדזער וועג", „דאָס וואָרט", אין די ניו־יאָרקער אויסגאבעס „קיביצער", „קונדעס", „קינדער־זשורנאל", „קינדער־לאנד", „צוקונפט".

אין א בוכפאָרם זײַנען ארויס: „די יידישע שפראך" (אָנגעשריבן צוזאמען מיט יויעל ענטין), ניו־יאָרק, 1914; „בארני דער מעלאמעד, זײַן טוירע און זײַן מילכאָמע מיט די קונדייסים פון קאָלומבוסעס מעדינע", ניו־יאָרק, 1914; „פון יידישן קוואל", ניו־יאָרק, 1916; „אין רויטן שײַן" (סקיצן), ניו־יאָרק, 1919; „פאר די קליינע קינדערסוועגן", ניו־יאָרק, 1921; „יינגעלע־רינגעלע" (דאָס בוך איז דערשינען נאָך זײַן טויט און איז געוואָרן זייער פאָפולער), ניו־יאָרק, 1929.

לייב באַסיין איז געשטאָרבן דעם 30 אויגוסט 1928.

מיט 85 יאָר צוריק איז אין זשלאָבין (ווײַסרוסלאנד) געבוירן געוואָרן דער יידישער דיכטער ל. גאָרעליק.

אין עלטער פון 17 יאָר האָט ל. גאָרעליק אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע און ביזן סאָף פון זײַן לעבן שווער געהאָרעוועט בא פארשיידענע מעלאָכעס. אין 1911 האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן זײַנע לידער־ציקלען אין דער „פרײַער ארבעטער־שטימע", אין „צוקונפט", אין זאמלבוך „פון מענטש צו מענטש", אין מאני לייבס אנטאָלאָגיע „ניו־יאָרק" און אנד. אויסגאבעס. אין זאמלבוך „יונג טשיקאגאָ", אין זשורנאל „אינייינעם" איז פארעפנטלעכט געוואָרן א ריי פאָעטישע ציקלען גאָרעליקס, וועלכע האָבן אים פארבונדן מיט די „אינזיכיסטן". אין די דאָזיקע לידער האָט דער דיכטער אויסגעדריקט זײַנע שטימונגען פון צאר און ייִעש אין פארבינדונג מיט דער שווערער עקאָנאָמישער און פאָליטישער לאגע פון די ייִדן אין דער „אלטער היים" און דער נאציִאָנאלער יערידע זייערער אין דער „נײַער היים". שפעטער האָט ל. גאָרעליק געדרוקט לידער אף ארבעטער־טעמעס אין דער ניו־יאָרקער פראָגרעסיווער צײַטונג „פרײַהײַט" און אין פראָגרעסיוון זשורנאל „האמער".

אין א בוכפאָרם זײַנען דערשינען: א זאמלונג „לידער", ארויסגעגעבן אין 1919 דורך דער ליטעראריש־דראמאטישער געזעלשאפט אין קליוולענד; „אויס דזשאָו, ווידער יאָשע" (דערציילונג), 1936; „ארום אונדז" (לידער), טשיקאגאָ 1941, ארויסגעגעבן דורכן „איקוף־קלוב".

ל. גאָרעליק איז געשטאָרבן אין טשיקאגאָ אין 1941.

דעם 9 פעווראל ווערט 100 יאָר, זינט אין פענזע איז געבוירן געוואָרן דער סאָוועטישער רעזשיסער און שוישפילער, פאָלקס־ארטיסט פון רספסר ווסעוואָלאָד מייערכאָלד.

א יוריסט לויט דער בילדונג, איז וו. מייערכאָלד אין 1896 אָנגעקומען אין דער מוזיקאליש־דראמאטישער שול פון דער מאָסקווער פילהארמאָנישער געזעלשאפט, ווו אָנפירער איז געווען וול. אי. נעמיראָוויטש־דאנטשענקאָ. נאָכן ענדיקן די שול האָט אים זײַן לערער, נעמיראָוויטש־דאנטשענקאָ, אײַנגעלאדן אף ארבעט אין מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער („מכאט"), ווו ער האָט אין 1898 — 1902 געשפילט א ריי הויפט־ראָלן אין קלאסישע פיעסן.

זײַן רעזשיסערישע טעטיקײַט האָט וו. מייערכאָלד אָנגעהויבן אין 1902. אין 1906 — 1907 איז ער געווען רעזשיסער אינעם דראמאטישן טעאטער פון וו. קאָמיסארזשעווסקאיא, דערנאָך אין אלעקסאנדרינער און מארײַנער טעאטערן (פעטערבורג).

באלד אין די ערשטע טעג נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט מייערכאָלד זיך ענערגיש גענומען צום בויען דעם נײַעם, סאָוועטישן

טעאַטער. אין זײַן קינסטלערישער שאַפונג האָט ער אויסגעדריקט דעם שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן דעם בורזשואַז־באַלעבעסלדיקן עפּיגאָנישן נאַטוראַליזם. אין דער זעלבער צײַט איז זײַן אידייִיש־עסטעטישע פּראָגראַם ניט געווען פרײַ פון ערנסטע ווידערשפּרוכן, וואָס זייער מאָקער איז געווען די סימבאָליש־טראַדיציאָנעלע קאָנ־צעפּציע.

פאַר מײַערכאָלדס רעזשיסערישן סטיל זײַנען געווען כאַראַקטערי־סטיש גראָטעסק, היפּערבאָליזאַציע, רעליעפקײַט פון די סצענישע מע־טאַפאָרעס, בײַסיקע סאַטירע. מײַערכאָלדן איז געווען זייער צום האַרצן מאַיאַקאָווסקיס לאָזונג: „טעאַטער איז ניט קיין שפּיגל, נאָר א לופּע (א פאַרגרעסער־גלאָז)".

שאַפן ספּעקטאַקלען, וועלכע זײַנען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער הײַנטצײַטיקײַט — עפעקטיווע, פּובליציסטיש־פאַרשאַרפטע — אזא איז געווען מײַערכאָלדס הייסער פאַרלאַנג. די שטעלונג „בראָם, כינע" האָט א. לונאַטשאַרסקי אָפּגעשאַצט אלס א „מעכטיקער אַגיטאַציע־ספּעקטאַקל". עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אז אינעם טעאַטער אָף מײַערכאָלדס נאָמען האָט צום ערשטן מאָל באַ־

קומען איר סצענישע פאַרקערפּע־רונג מאַיאַקאָווסקיס דראַמאַטורגיע („די וואַנץ", „די באָד"). דאָרט זײַנען אויך אויפגעפירט געוואָרן אַזעלכע וויכטיקע ספּעקטאַקלען, ווי בעזימענסקיס „דער שאָס",ווישנעווסקיס „דער לעצטער, אַנטשיידנדיקער", ערדמאַנס „דער מאַנדאַט", א ריי קלאַסישע פּיעסן פון גריבאָיעדאָוון, אָסטראָווסקין און אנד.

דער טעאַטער אָף מײַערכאָלדס נאָמען האָט פונקציאָנירט ביזן יאָר 1938. ווען ער האָט זיך פאַרמאַכט, איז מײַערכאָלד אײַנגעלאַדן גע־וואָרן מיצאַד ק. סטאַניסלאַווסקין אָף אַרבעט אינעם טעאַטער, וואָס האָט געטראָגן זײַן, סטאַניסלאַוו־סקיס, נאָמען. ביז 1939 האָט מײַערכאָלד געאַרבעט דאָרט אלס רעזשיסער, פון 1939 — אלס הויפּט־רעזשיסער.

וו. מײַערכאָלד איז געשטאָרבן דעם 2 פעוורואַל 1940 אין מאָסקווע.

מוישע שאַפּיראָ

דעם 26 דעקאַבער 1973 איז נאָך א שווערער לאַנג־דויערנדיקער קראַנקײַט געשטאָרבן דער לינגוויסט און אַקטיווער בויער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור מוישע שאַפּיראָ.

מ. שאַפּיראָ געהערט צו דעם עלטערן דאָר פון דער ייִדישער סאָוועטישער אינטעליגענץ. זײַנע וויסנשאַפטלעכע פאָרינטערעסירונגען זײַנען געווען ביז גאָר ערנסטע סײַ אין געביט פון מעטאָדיק און אונטערריכטונג פון דער ייִדישער שפּראַך, סײַ אין הילכעס גראַמאַטיק און לעקסיקאָגראַפיע. אין די אַלע געביטן פון דער ייִדישער סאָוועטישער שפּראַכ־וויסנשאַפט האָט מ. שאַפּיראָ, צוזאַמען מיט אַנדערע שפּראַכפאָרשער און אינדיווידועל געשאַפן א ריי ווערטפולע אַרבעטן.

באַזונדערס פרוכטבאַר האָט זיך אַנטוויקלט מ. שאַ־פּיראָס וויסנשאַפטלעכע טעטיקײַט אין די 60־ער און אָנהייב 70־ער יאָרן אָף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אין א ריי אַרבעטן האָט ער געשטעלט וויכטיקע פראַגן וועגן דעם צושטאַנד און די פּער־ספּעקטיוון פון דער ייִדישער שפּראַך אין ראַטנפאַר־באַנד און אין אויסלאַנד.

פון גרויסער באַדײַטונג זײַנען מ. שאַפּיראָס לעק־ציעס פון ייִדישער שפּראַך, וועלכע ער האָט גע־פירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן. א סאַך ענערגיע און שעפערישע מי האָט ער אָפּגעגעבן דער צוגרייטונג פון א ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך. די דאָזיקע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט איז איצט אין גרונט שוין פאַרענדיקט.

מוישע שאַפּיראָ איז געווען אַן איבערגעגעבענער פרײַנט פון די ייִדישע שרײַבער. יעדע שעפערישע אַרבעט האָט בא אים אַרויסגערופן א לעבעדיקן אינ־טערעס, און ער האָט אופריכטיק באַגריסט די דער־פאָלגן פון די בויער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדי־שער סאָוועטישער קולטור. די ייִדישע שרײַבער און קולטור־שעפער וועלן אָף שטענדיק געדענקען דעם אומדערמידלעכן האָרעפּאַשניק און וויסנשאַפטלער מוישע שאַפּיראָ.

קאָוועד זײַן אָנדענק!

רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"
פאַרלאַג „סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיִאַ"

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

אינטערנאַציאָנאַליזמען

אין ייִדיש און אין רוסיש זײַנען פֿאַראַ׳ן אַ סאַך אינטערנאַציאָנאַלע װער׳טער[1]:

1) פֿון גרי׳כיש[2]: אַקאַדעמיע, גימנאַזיע, טעאָריע, היסטאָריע, גראַמאַטיק[3], פֿיזי׳ק[4], מאַטעמאַטיק[5], ביבליאָטעק, קאַטאַלאָ׳ג, מאָנאָלאָ׳ג, טעאַטער, דראַמע, טראַגעדיע, פּאָעט, טיפּ, כאַראַקטער, טעראַפּעווט, כירורג, קריזיס, אַנאַליז, מאָנאַרכיע, אַנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע, דעמאָקראַטיע...

2) פֿון לאַטײַ׳ן[6]: אינסטיטוט, קורס, קאָנקורס, רעקטאָר, פּראָפֿעסאָר, דאָצענט, אַספּיראַנט, עקזאַמען, קאָלאָקוויום, ליטעראַטור, אָפּעראַציע, אַפּאַראַט, קליִענט, טעמפּעראַטור, אַקט, אַקטיוו, קאָמבינאַציע, אַמביציע, פֿאָרמע, ליניִע, פֿיגור, גענעראַל, מאַיאָר, קאַלענדאַר, פֿאַמיליע, ציסטערנע...

3) פֿון פֿראַנצוי׳זיש[7]: רעסטאָראַן, סערוויז, לימאָנאַד, באָקאַל, גאַרדעראָב, סעזאָן, מאָדע, טואַלעט, זשילעט, קאָמבינעזאָן, עקספּלואַטאַציע, סאַבאָטאַזש, מאַנעזש, קאָמאַנדע, קאָמונע, קאָמונאַר, פּאַרטיזאַן, זשורנאַל, ראָמאַן, ראָמאַנס, ראָיאַל, עקראַן, אַבאַזשור, אַדרעס...

4) פֿון איטאַליע׳ניש[8]: קאָנסערוואַטאָריע, אָפּערע, קאָנצערט, קוואַרטעט, באַס, טענאָר, ווירטואָז, מאַעסטראָ, קאַרנאַוואַל, פּאַיאַץ, אַרלעקין, קאָמעדיִאַנט, דילעטאַנט, קאָלאָנע, קאַרקאַס, באַלקאָן, קאַ׳רעטע, קאַרטאָן, טראַפּאַרעט, קאַריקאַטור, פּראָפּיל, קאָמפּאַס, נאָוועלע, בראַוואָ...

5) פֿון ענג׳ליש[9]: וואָקזאַל, וואַגאָן, רעלס, טראַמוײַ, טאַנק, קאָמבײַן, באַלאַסט, טונעל, טרעסט, קאָנצערן, מאָלעסקין, דזשעמפּער, קאָמיטעט, מיטינג, קלוב, סקווער, קאָמפּאָרט, קלאָון, פּאָלקלאָר, באַר, ספּאָרט, ספּאָרטסמען, פֿוטבאָל, וואָלײַבאָל, באָקס, מאַטש, פֿיניש, טשעמפּיִאָן...

און פֿון אַ סאַך אַנדערע שפּראַכן[10]. פֿון העברע׳יִש[11] זײַנען אין ייִדיש פֿאַראַן טויזנטער[12] ווערטער. אויך[13] אין רוסיש זײַנען פֿאַראַן אַ סאַך העברע׳יִז׳מען[14].

Перевод: 1) в идише и в русском (языке) имеется много интернациональных слов; 2) с греческого; 3) грамматика; 4) физика; 5) математика; 6) с латинского; 7) с французского; 8) с итальянского; 9) с английского; 10) и со многих других языков; 11) с древнееврейского (иврит); 12) тысячи; 13) также; 14) гебраизмы — ивритские слова, напр.: бегемот, геена (ад), пасха, сатана, суббота, шабаш, Талмуд, талмуд, хала, хохма, юбилей и др. В идише эти гебраизмы произносятся следующим образом:

בעהעמאָ׳ט, גע׳נעם (געהע׳נעם), פּיי׳סעך, סאָטן, שא׳בעס, טאַל׳מוד, כאַ׳לע, כאָ׳כמע, יויוול (יובֿיליי).

Служебные слова — הילפֿווערטער

В идише служебные слова употребляются чаще, чем в русском, напр.:

Сегодня концерт — הײַנט איז אַ קאָנצערט
Моя мама пианистка — מײַן מאַמע איז אַ פּיאַניסטקע

Слово איז — от глагола זײַן (быть) — показывает: 1) настоящее время; 2) 3-е лицо; 3) единственное число. Этот глагол спрягается следующим образом:

קעג׳נוואַרט[1]	פֿאַרגאַנ׳גענהײַט[8]	צו׳קונפֿט[10]
1. איך בין דאָ[2]	איך בין געווע׳ן[9]	איך וועל זײַן[11]
2. דו ביסט „[3]	דו ביסט „	דו וועסט „
3. ער, זי איז דאָ[4]	ער, זי איז „	ער, זי וועט „
4. מיר זײַ׳נען „[5]	מיר זײַנען „	מיר וועלן „
5. איר זײַט „[6]	איר זײַט „	איר וועט „
6. זיי זײַנען „[7]	זיי זײַנען „	זיי וועלן „

Перевод: 1) настоящее время; 2) я здесь; 3) ты здесь; 4) он, она здесь; 5) мы здесь; 6) вы здесь; 7) они здесь; 8) прошедшее время; 9) я был; 10) будущее время; 11) я буду.

נע׳כטן[1] בין איך געווען אין קלוב, הײַנט וועל איך זײַן אין טעאטער. אין צירק וועל איך זײַן מאָרגן[2] אָדער אי׳בערמאָרגן[3]. מײַן טא׳טע איז א פידלער[4]. מײַן ברו׳דער[5] וועט אויך[6] זײַן א מוזיקאנט.

Перевод: 1) вчера; 2) завтра; 3) или послезавтра; 4) мой отец скрипач; 5) мой брат; 6) тоже.

ארטי׳קל „א״, „אן״

Служебное слово **א** (артикль) показывает *неопределенность и* единственное число существительного. Перед гласным и дифтонгом *неопределенный артикль* имеет форму **אן** ,напр.:

א מענטש[1], א ייִד[2], א יובילײ, א יאָר[3],
א האָטע׳ל[4], א הימל[5], א האָריזאָנט.

אן אינסטיטוט, אן אימיגראנט, אן עמיגראנט,
אן אויג[6], אן אוי׳ער[7], אן אייגל[8], אן אייזל[9]

א גאסט קומט אף א ווײַל און זעט אף א מײַל[10].
בע׳סער א האָן אין האנט, איי׳דער אן אָד׳לער אין הימל[11].

Перевод: 1) человек; 2) еврей; 3) год; 4) отель, гостиница; 5) небо; 6) глаз; 7) ухо; 8) глазок; 9) осёл; 10) гость приходит на короткое время и видит далеко (на милю); 11) лучше петух в руке, чем орел в небе.

При существительном во множ. числе неопределенный артикль не употребляется, напр.:

הײַנט וועט זײַן א קאָנצערט — הײַנט וועלן זײַן קאָנצערטן.
מײַן ברודער איז א מוזיקאנט — מײַ׳נע ברי׳דער זײַנען מוזיקאנטן.

ארטיקל „דער״, „די״, „דאָס״

הײַנט קומט א גאסט. דער גאסט וועט דאָ זײַן א וואָך[1].

При *определенном* существительном употребляются следующие артикли:

1) דער: **דער טאטע, דער ברודער, דער קאָנצערט, דער פיאניסט... — מענלעכער מין[2].**
2) די: **די מאמע, די מוזיק, די פיגור, די האנט[3], די צונג[4]... — ווײַבלעכער ״[5].**
3) דאָס: **דאָס קינד[6], דאָס יאָר, דאָס אויג, דאָס מויל[7], דאָס וואסער[8]... — נייטראלער ״[9],**

а во множественном числе — артикль **די,** напр.:

די טא׳טעס, די מא׳מעס, די קי׳נדער, די יאָרן, די אויגן, די מײַ׳לער...

Перевод: 1) неделя; 2) мужской род; 3) рука; 4) язык; 5) женский род; 6) дитя, ребенок; 7) рот; 8) вода; 9) средний (нейтральный) род.

מיך רופט מען[1] זא׳למען,
דער טאטע הייסט[2] קא׳למען,
דער ברודער הייסט זאָ׳רעך,
דער זיי׳דע[3] הייסט באָ׳רעך,
די מאמע הייסט ביי׳לע,

די שווע׳סטער[4] הייסט קיי׳לע,
מײַן פערדל[5] הייסט סי׳רקע,
מײַן קעצל[6] הייסט מי׳רקע,
די באָ׳בע[7] הייסט יאָ׳כע —
די גאנ׳צע מישפּאָ׳כע![8]

Перевод: 1) меня зовут; 2) отца зовут (отец называется); 3) дед(ушка); 4) сестра; 5) лошадка; 6) кошечка; 7) бабушка; 8) вся семья.

При существительном с прилагательным артикль ставится перед прилагательным, напр.:

א פידלער — א גו׳טער פידלער; אן אינסטיטוט — א ליטערא׳רישער אינסטיטוט; דער ברו־דער — דער על׳טערער[1] ברודער; די שוועסטער — די עלטערע שוועסטער; די מישפּאָכע — די גרוי׳סע[2] מישפּאָכע; דאָס קינד — דאָס ער׳שטע[3] קינד.

בע׳סער אַן אַל׳טער טאָפּ, איי׳דער אַ נײַ׳ער שאַרבן[4].
בעסער אַ גוטער סוי׳נע, איידער אַ שלע׳כטער פרײַנט[5].
בעסער אַ גוטער שכן[6], איידער אַ שלעכטער קאָ׳רעוו[7].

Перевод: 1) старший; 2) большая; 3) первое (первая, первые); 4) лучше старый горшок, нежели новый черепок; 5) лучше хороший (добрый) враг, чем плохой (злой) друг; 6) сосед; 7) родственник.

קיינער אין דער וועלט וועט ניט זאָגן[1], אַז דער טאַטע און דער פעטער בעניע זײַנען ברי־דער. דער טאַטע — אַ הויכער, אַ דאַרער[2], דער פעטער בעניע — אַ קורצער, אַ גראָבער[3], דער טאַטע — אַ שוואַרצער[4], דער פעטער בעניע — אַ געלער[5]; דער טאַטע — אַ מאָרע־שכוירע־דיקער, אַ שווײַגער[6], דער פעטער בעניע — אַ פריילעכער, אַ רעדנער[7]. טאָג מיט נאַכט[8], זומער און ווינטער[9] — און דאָך אייגענע ברידער[10] (ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם).

Перевод: 1) никто в мире не скажет; 2) высокий, худой; 3) короткий (низкий), толстый; 4) черный, брюнет; 5) желтый, рыжий; 6) меланхолический, молчаливый; 7) весёлый (весельчак), говорун; 8) день с ночью; 9) лето и зима; 10) и всё же родные («собственные») братья.

אַרטיקל „קיין"

Артикль קיין — отрицательный — ставится при существительном вместе с частицей ניט (не), напр.:

איך האָב אַ טינ׳טער[1] — איך האָב ניט קיין טינט[2].
איך האָב טינט — איך האָב ניט קיין הענ׳טל[3].
איך האָב אַ הענטל — איך האָב ניט קיין פּען[4].
איך האָב אַ פּען — איך האָב ניט קיין פּאַפּי׳ר[5].

אָ׳רעמקייט איז נישט (ניט) קיין שאַנד, נאָר אַ מאַ׳קע[6] (פּע׳רעך).
קרעפּ׳לעך אין כאָ׳לעם זײַנען ניט קיין קרעפּלעך, נאָר אַ כאָלעם[7].
צו הערינג[8] דאַרף מען ניט קיין זאַלץ[9] און צו גריוון (גריבענעס)[10] קיין שמאַלץ[11].
איך האָב ניט קיין פיס און גיי[12], איך האָב ניט קיין מויל און צייל[13], איך האָב ניט קיין האַנט און שלאָג[14] (אַ זיי׳גער)[15].

Перевод: 1) (я имею) у меня есть чернильница; 2) чернила; 3) ручка; 4) перо (для письма); 5) бумага; 6) бедность — не стыд, а напасть (болячка); 7) пельмени во сне — не пельмени, а сон; 8) к селедке; 9) не требуется соль; 10) к шкваркам; 11) сало, смалец 12) (я не имею) у меня нет ног, а хожу; 13) а считаю; 14) у меня нет руки, а бью; 15) часы.



Присмотритесь к начертанию букв и перепишите эти фразы. Буквы  начинайте снизу, остальные — сверху.

דאָצענט ע. פאַלקאָוויטש

12—946

©Журнал «Советиш геймланд», 1974 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай, И. Чичельницкий** (зам. главного редактора).

Ответственный секретарь И. Шустер

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 223-96-07

Художеств. и техн. редакция: М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18/I 1974 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 946.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР
по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 2

1974

В НОМЕРЕ:

Х. Бейдер. Ленинградские мотивы.
А. Каган. Шолом-Алейхем (роман. Продолжение).
Рассказы Я. Ривеса, Б. Гальперина.
Стихи Г. Блоштейна, Р. Балясной, О. Дриза.

По следам событий. Очерки Е. Колтынюка, Э. Юдоловича, Ю. Мукимова, В. Чикунова, Л. Шамиса.
М. Поляновский. Встречи с интересными людьми.

Воспоминания. У. Гуральник. Вчера, сегодня, завтра.
Г. Ременик. Проблемы современной еврейской литературы. Развитие методов и стилей. Романтизм.
А. Ломунова. Сто лет «Анны Карениной».
Комментарии редакции. Наши сообщения. Листая журналы и газеты. Разное. Хроника. Заметки на календаре.
И. Фалькович. Беседы о еврейском языке.

П Ж-5-1-161